STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06176

HAYIM VAYTSMAN

Aryeh Bustan

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אריה בוסתן

★

חיים וויצמאן

מיין פאַרשניטענער משפּחה,
וואָס האָט נישט דערלעבט
דעם יידישן אויפקום.

אריה בוסתן

חיים ווייצמאן

לעבן און ווערק

פארלאג "המנורה" תל־אביב
תשכ"ג - 1963

Arieh Bustan

CHAIM WEIZMANN

His Life and Works

©

Copyright by Arieh Bustan

„Hamenora" Publishing House

24, Zangwill Str., Tel-Aviv, Israel

פאַרלאַג „המנורה"

תל אביב, רח' זנגביל 24

נדפס בישראל, תשכ"ג

Printed in Israel, 1963

דפוס „אורלי", תל־אביב, רח' יסוד המעלה 27

...נישט קיין דעקרעט שאַפט אַ מדינה, נאָר כוחות פון פאָלק אינעם גאַנג פון דורות. ווען די מלוכות פון דער וועלט וואָלטן געגעבן אונדז אַ לאַנד, וואָלט עס געווען בלויז אַ מתנה פון ווערטער. ווען אָבער דאָס יידישע פאָלק עולה זיין און בויען ארץ־ישראל, וועט די יידישע מדינה זיין אַ ווירקלעכקייט — אַ פאַקט.

ירושלים, 1921

...לאָמיר אָפּהיטן די ריינקייט פון אונדזער ווערק. דער ציל קאָן נישט כשרן קיין פסולע מיטלען. שלעכטער גייסט פאַרדאַרבט הייליק פייער. ירושלים של מטה דאַרף זיין געלייטערט און דערהויבן ווי ירושלים של מעלה.

ירושלים, 1944

חיים ווייצמאַן

1

דער גרייז־גרויער זיידע מיכאל איז געשטאַנען אין טויער פון גרויסן הויף. ער האָט געהאַלטן די האַנט, ווי אַ דעכל איבער די אויגן און געקוקט אין דער ווייט. זיין בליק האָט זיך פאַרהאַלטן אויף די שוואַרצע קראָען, וואָס האָבן געלויערט פון די פּאַרקאַנעס — אַ סימן אויף שטאַרקע קעלטן.

דער אַלטער האָט געשעפּטשעט צו זיך אַליין:

— גאַנץ מאָטעלע, די הייזער, גאַסן און פעלדער; גאַנץ פּאָלעסיע, גאַנץ רוסלאַנד, אַלץ, אַלץ איז ווייסער, ווייסער שניי.

נאָך אַ רגע האָט ער צוגעגעבן:

— דער משרת חאקים וועט שוין מסתמא היינט ווידער נישט קומען נאָך חיימקען; ער האָט זיכער זיך פאַרהאַלטן ביים איינהייצן די אויוונס.

שפּרייזנדיק צוריק צום הויז, האָט דער זיידע מיכאל זיך געישובט אויפן קול:

— איכ׳ל שוין בעסער אַליין אָוועקפירן חיימקען אין חדר אַריין. עס וואָלט געווען אַ זינד, ער זאָל פאַרשפּעטיקן די פרימאָרגן־ברכות.

דער אַלטער, אַ פאַרחלומטער, איז אַריין אין שטוב אויף די שפּיץ פינגער. דאָס האַרץ לאָזט אים נישט אויפוועקן זיין באַליבט איניקל. ער איז זיך אָבער גובר — ער גייט דאָך פירן אַ יידיש קינד צו עבודת הבורא.

אָבער אומזיסט איז געווען דאָס וואַקלען זיך. חיימקע איז שוין געשטאַנען אָן אַרומגעוואַשענער און אַנגעטוענער.

זיידע און איניקל האָבן זיך ווי אויף אַ „גוט מאָרגן״, איבערגע־שמייכלט.

אין אַ ווייס זעקעלע איז שוין געווען צוגעגרייט דאָס עסן אויף פרישטיק און מיטאָג. באַזונדער, אין אַ פּאַפּיר, זענען געווען איינגעוויקלט צוויי ליכט פאַרן אָוונט; אום ווינטער ציען זיך די לימודים אין חדר ביז נאָך מעריב.

דאָס קינד, אין אַ מאַנטל ביז איבער די קנעכל, מיט אַ היטל איבער די אויערן, אַרומגעוויקלט מיט אַ וואַרעמען שאַל, האַלט זיך אין זיידנס האַנט און שפּרייזט מיט שנעלע טריט. עס טרעפט, אַז זיינע פיס בלייבן

שטעקן אין טיפן שניי און דאָס קינד בלייבט הינטערשטעליק. דעמאָלט נעמט אים דער זיידע אויף די הענט און ער שפּאַנט פאַרויס.

עס ציען זיך לאַנגע, שמאָלע סטעזשקעס, און פון ביידע זייטן — ווענט פון שניי. עס איז פרי און שטיל.

דאָס קינד הערט זיך צו דעם זיידנס רייד:

— עס שטייט געשריבן אין די הייליקע ספרים: זיי דרייסט ווי אַ לעמפּערט, לייכט ווי אַ אָדלער, פלינק ווי אַ הירש און שטאַרק ווי אַ לייב צו טאָן דעם ווילן פון דיין פאָטער אין הימל.

אַ ייד, שטייט געשריבן, זאָל עסן ברויט מיט זאַלץ, טרינקען וואַסער מיט אַ מאָס, אָבער ער זאָל לערנען די תורה, פאַרטיפן זיך אין איר טאָג און נאַכט.

און מען טאָר נישט טראַכטן וועגן זאַכן, וואָס קענען, חס וחלילה, ברענגען צו זינד.

— וואָס איז זינד, זיידע מיכאל?

די שטים פון קינד קומט אַרויס פאַרדעמפט פונעם שווערן, וואָלענעם שאַל, און דער זיידע הערט זי קוים.

אָבער אָט איז שוין דאָס חדר.

דער זיידע העלפט דעם אייניקל אַראָפּציען דאָס שווערע אָנטאָן; זיינע אויערן זענען, בעת מעשה, אָנגעשפּיצט צום רבינס ריידביים טיש.

ביסלעכווייז קומען זיך צוזאַמען די תלמידים — ביי אַ דרייסיק קינדער, אָן אַן עין־הרע.

דער מלמד ווייזט אַרויס דרך־ארץ צו מיכאלן און איז אים מזכה מיט אַ תורה־ווערטל. אויפן אַלטנס פּנים גיסן זיך אויס הנאה און פרייד. ער גייט אַרויס פון חדר אַ צעשמייכלטער.

די קינדער זיצן ביי די צעעפנטע „בראשית"־חומשים. דער רבי דערציילט וועגן ווייטן לאַנד כנען, וואָס גאָט האָט פאַרשפּראָכן צו אברהמען; אַ טייער לאַנד, אַ לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניק. און דאָרט וועט ער, אברהם, ווערן דער פאָטער פון אַ שטאַרק פאָלק און פּילצאָליק, ווי דאָס זאַמד ביים ים.

אין חדר שיינט די וואַרעמע כנען־זון, די לופט איז פול מיט פאַר־שיכורנדיקע ריחות. די קינדער הערן נישט מער דאָס געפּילדער אַרום זיי. דעם רבינס קליינוואַרג, שטענדיק הונגעריק און צערייצט פון די עסנס, וואָס די תלמידים ברענגען מיט זיך, וואַרפן זיך אויפן פאָל, רייסן זיך אַרום צווישן זיך און טופען מיט די פיס. זייערע געוואַלדן באַגלייט די ציג מיט איר מעקען. אויך די ציג איז איצט אין שטוב, כדי זי זאָל,

חס וחלילה, אין דרויסן נישט פאַרפרוירן ווערן. די רביצין שטייט אין מיטן פון געפּילדער, ברעכט זיך די הענט און זי קען זיך קיין עצה נישט געבן.

אָבער די קינדער ביים טיש הערן עס נישט. זיי שלינגען יעדעס וואָרט פון רבינס מויל. איצט דערציילט ער זיי וועגן עקדת־יצחק. אָט, אָט — און אברהמס מעסער וועט איבערשניידן דעם האַלדז פון זיין באַליבט זונעלע יצחק. אָבער גלייך דערהערט זיך אַ שטים פון הימל: זאָלסט נישט טאָן קיין שלעכטס דעם יינגל, אברהם; איך האָב בלויז געוואָלט אויספּרוּוון דיין ליבע צו מיר.

סאַראַ אויסלייזונג פאַר די צונויפגעקלעמטע הערצעלעך פון די תלמידים! דער גוטער יצחק איז געראַטעוועט און דער גאָט־געטרייער אברהם ווערט באַלוינט מיט גרויסקייט און רייכטום.

לאַנג ציען זיך די שעהן אין חדר. איצט איז די קינדערס ריי אויף לייענען אין דיקן חומש. ביסלעכווייז פאַלט אַ מידקייט אויף אַלעמען.

דורך די פאַרהאַקטע, שמאָלע פענצטער זעט מען די פליטערלעך פון פאַלנדיקן שניי. עס ווערט שווער צו זיצן אויף די האַרטע בענק.

חיימקע איז נערוועז און נישט רואיק. זיין פּנים איז פאַרצויגן מיט אַ גרינלעכן כּעס.

— מפונק! — בייזערן זיך די קינדער ביים טיש. עס פאַדריסט זיי צוליב חיימס נייע מלבושימלעך. ער האַלט זיך גרויס, מיינען זיי, ווייל דער טאַטע זיינער — עוזר ווייצמאַן — איז דער סטאַראָסטע אין שטאָט. דאָס וואָרט פאַלט אויף אים פון אַלע זייטן:

— מפונק! מפונק!

ער ענטפערט זיי מיט ביטול:

— טפּשים! קעלבלעך!

די קינדער ווערן אויפגעלייגטער, ווען די פאַרנאַכטיקע שאָטנס שלייכן זיך אַריין אין חדר.

חיימקע ווערט אויפגעהייטערט. באַלד וועט קומען דער משרת חאַקים, און אים נעמען צום זיידן אַהיים.

כאָטש טאַטע־מאַמע זענען שוין פון לאַנג אַריבער וווינען אין אַן אייגענער דירה, איז חיימקע נאָך געבליבן ביים זיידן. מיכאל האָט געוואָלט פאַרגרינגערן די שווערע לאַסט, וואָס איז געלעגן אויף זיין טאָכטער רחל־לאה: אַזוי יונג — און שוין אַ מאַמע צו פיר קינדער.

חיימקע האָט זיך געקלאַמערט אין זיידן, וואָס האָט געקענט דערציילן

אַזעלכע שיינע מעשהלעך וועגן צדיקים און גוטע יידן. דער זיידע האָט אויך דערציילט וועגן די פּוילישע אויפשטאַנדן קעגן רוסלאַנד.

— נישט איין מאָל פלעגט טרעפן, חיימקע, און אַ פּוילישער פּאַן פלעגט זיך ראַטעווען אין אַ יידישער שטוב פון אַ קאַזאַקס אַ שווערד. יידן האָבן אויסבאַהאַלטן די אויפשטענדלער, ווייל אָט דאָס לאַנד האָט פריער געהערט צו די פּאָליאַקן. האָט זיך געטראָפן אַ מאָל, און אַ פּוילישער פּאַן, אַ פּאַרבלוטיקטער, איז אַריינגעפאַלן אין ברודער יחיאלס הויז. „ראַטעווע, גלויביקער, קאַזאַקן יאָגן". יחיאל האָט אים אַ לודקע אַריבער־געפירט דעם פּאַן איבער דער סאָזשעלקע און דערנאָך איבער טייכן, — ווייט, ווייט פון שונא. אָבער דער ברודער יחיאל האָט דערפאַר שווער באַצאָלט: אַ יאָר צייט איז ער אָפּגעזעסן אין דער ווילנער תפיסה.

— זיידע, דערצייל וועגן יידישן פרינץ מאָנטעפיאָרע.

— טאַקע, זונעלע, אַ פרינץ ממש איז ר׳ משה מאָנטעפיאָרע. ער זיצט אין אַ ווייטער, ווייטער שטאָט, — אין לאָנדאָן. ער איז אַן אַריינ־גייער אין פּאַלאַצן פון מלכים און הערשער. זיין פּנים שיינט מיט ליבשאַפט און חכמה. ווו יידן זענען אין אַ צרה, דאָרט באַוויזט ער זיך, ווי דורך אַ כישוף. ער פאָרט אין אַ קייזערלעכער קאַרעטע, איינגעשפּאַנט צו זעקס פערד. ער איז רייך אַן אַ שיעור און גיט געלט אָרעמעלייט, גאַנצע הויפנס. זיין האַרץ איז פול מיט ליבשאַפט פאַר די יידן אין ארץ־ישראל און ער העלפט זיי קעגן טערק, וואָס הערשט אין הייליקן לאַנד.

— וואָס טוען יידן אין ארץ־ישראל?

— זיי דאַווענען צו גאָט, ער זאָל ברענגען אַ גיכע גאולה פאַר זיין פאָלק.

— און ווער אַקערט דאָרט די פעלדער, זיידע מיכאל?

— יידישע יונגעלייט וועלן קומען אַהין, וועלן זיי אַקערן און זייען.

ווען עס דערנענטערן זיך די ווייַנאַכט־חגאות ווערט היימלעכער אין מאַטעלע. עס לאָזן זיך אַראָפּ גאַנצע מחנות פּויערים פון די אַרומיקע דערפער, און זיי קלאַפּן אין די יידישע טירן. צוליב די שנייען און פרעסט איז אָפּגעשטעלט די אַרבעט און דער הונגער איז שטאַרקער געוואָרן. איצט גייט ניי־יאָר און ווי זאָל אַ פּראַוואָסלאַוונער מענטש פאַרשעמען אַזאַ יום־טוב? אַז ס'איז אַפילו נישטאָ אויף אַ גלעזל בראָנפן.

די פּויערים פאַרדינגען זיך צום יידן אויף אַן אַרבעט, וואָס וועט זיך אָנהייבן ערשט ווען דער שניי וועט זיך טייען. דאַן, מיטן פרילינג,

וועלן זיי זיך לאָזן איבער די טייכן מיט די פּליטן האַלץ, ווייט, ווייט, ביזן לאַנד פון גערמאַניעץ. דערוויייל וועט דער ייד געבן אַ „פּאָרויס", אַ פּאָר רובל, כדי נישט צו פאַרשטערן דעם יום־טוב.

מען שרייבט נישט קיין קאָנטראַקטן.ביידע צדדים האָבן צו זיך צוטרוי, ווייל יאָר־איין יאָר־אויס גייט אָן דער זעלבער מסחר. די מאָטעלער יידן ווידער כאַפּן זיך אַראָפּ אין דער גרויסער שטאָט, קיין פּינסק, באָרגן זיך געלט און האַנדלען איין „זייערע גויים" פאַרן קומענדיקן זמן.

ווען עס קומט דער פרילינג, באַווייזן זיך אין מאָטעלע געגאָלטע יידן, אין קורצע קאַפּאָטעס, יידן פון דייטשלאַנד, גרויסע האָלץ־הענדלער, און זיי נעמען איבער די אָנגעדונגענע פּאָלעסיער פּויערים פון די מאָטעלער „פּאָדריאַדטשיקעס". נישט שטענדיק איז דערביי פאַראַן אַ ריווח. עס טרעפט, אין הונגעריקע יאָרן, אַז דער אָנבאָט איז אַ גרויסער, און טויזנטער פּויערים זענען גרייט זיך צו לאָזן אין די מרחקים, איבער די טייכן. דעמאָלט פאַלט דער פּרייז און די מאָטעלער יידן ווערן בדיל הדל צוליבן נישט געלונגענעם עסק.

ביים „אָנדינגען די גויים" איז טומלדיק אין שטעטל. מען שטעלט צום טיש בראָנפן מיט פאַרבייסן, — אַ סימן, אַז די צדדים זענען אַדורכ־געקומען.

עס טרעפט, אַז אַ פּויער נעמט אַרויס פון אונטערן פּעלץ אַ מויל־האַרמאָשקע און עס גיט אַ פראַל אַ פריילעכער ניגון. שווערע פיס גיבן זיך אַ לאָז אין אַ טאַנץ, אַזש עס הייבט זיך דאָס גאַנצע שטיבל.

ווייניקע און קורצע זענען די טעג פון פרייד. דער לאַנגער ווינטער האַלט דאָס שטעטל אין אַ קלעם פון דחקות און אומעט.

אָרעמע זענען די קוואַלן פון פּרנסה. די קרעמער פאַרקויפן אויף באָרג און די גויים איילן זיך נישט מיטן באַצאָלן. פון די „האָלץ־הענדלער" זעען בלויז די פּלינקע און פּיפּיקע אַ ברכה אין זייער אַרבעט. די אַנדערע „פּאָדריאַדטשיקעס" שפּילן געווייגלעך אַן אומזיכערע שפּיל. איז פון וואַנען לעבט מען?

סתם יידן ציען זייער חיונה פון די קאַרטאָפל־פעלדער*. דער אָרע־מער פּאָלעסיער פּויער מוז אָנקומען צום יידן ביים פאַרזייען דאָס וויכטיקע שפּייז. ווי אַזוי זאָל דער גוי באַמיסטיקן די מאָגערע, זאַמדיקע ערד, אַז

* „מיין שטעטעלע מאָטעלע" פון חיים טשעמערינסקי.

קיין בהמה איז ביי אים אין שטאַל נישטאָ? ביים יידן אָבער טרעפט זיך אַ ציג און אָפט מאָל אַפילו אַ קו. זאָגט דער גוי: „גיב, גלויביקער, צו באַמיסטיקן די פעלדער, גיב אַ טייל פון דער נאַשעניע, און די גערע־טעניש וועט גיין העלפט אויף העלפט״. לעבט מאָטעלע אויף קאַרטאָפל; לעבט מיט צמצום און ווייס ווי איינטיילן די טייערע גאָב אין אַ הונגעריקן טאָג, כדי עס זאָל סטייען פאַרן גאַנצן הויזגעזינד.

אין מאָטעלע זענען אויך פאַראַן יידן „פאַבריקאַנטן״. זיי האַנדלען זיך איין וועב־מאַשינען פון מלך פאָטאָצקיס צייטן — מאָדנע סטראַ־שידלעס אַזעלכע. מיט ווייב און קינדער שטייט מען ביי די מאַשינען און מען שפינט אויס די וואָל פון די רייכע פויערים. באַצאָלט באַקומען זיי מיט דער זעלבער וואָל טאַקע, וואָס גייט דערנאָך אַוועק אין דער גרויסער שטאָט. מען אַרבעט פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, אָבער צו פרנסה קומט עס נישט.

יידן מאַכן כלערליי פלענער ווי אַזוי אַריינצוברענגען דאָס שטיקל ברויט אין שטוב. די פלענער זענען גוטע, אָבער פון זיי ביזן ברויט איז זייער ווייט.

באַרעדעוודיקע זענען די מאָטעלער יידן. זיי האָבן ליב חוזק צו מאַכן פון זייער אייגענער מערכה. פאַראַן אַ געסל, פול מיט אָרעמקייט און מיט קינדער — רופן זיי עס „דאָס מצרים־געסל״, ווי אין פסוק שטייט: „וישרצו וירבו״. אין די קרומע הייזקעס האָדעווען זיך קינדער, אָרמייען גאַנצע.

די מאָטעלער יידן רופן אָן זייער אָרעמקייט מיט זיבן נעמען. זיי לאַכן אַפילו פון גאַנץ ערנסטע ענינים. זאָגן טאַקע מענטשן, אַז אַרום מאָטעלע הייבן זיך גיהנום־פלאַמען; אַ שטאָט פון אַפיקורסים, רחמנא ליצלן. אַ באַקאַנטער אַפיקורוס איז ר׳ בונים, חיימקעס פעטער. ער קומט נישט אין דער וואָכן אין בית המדרש. שבת באַווייזט ער זיך נאָכן לייענען די תורה. בכבודיקע יידן באַפאַלן אים מיט אַ „נו, נו״ און ר׳ בונים וואַרפט זיי צו: „וואָס נוקעט איר? צום אויסשפייען, צו עלינו, וועל איך נאָך אוספעיען״.

ר׳ בונים האָט אַ פייערדיקן קאָפּ, ער איז אַ גרויסער לערנער מיט אַ שנעלער תפיסה. חיימקע האָט אים ליב און האַלט זיך אָפט לעבן אים.

אָבער ווייזט אויס, אַז די אַפיקורסות אין שטעטל איז שוין גאַרנישט געווען אַזאַ גרויסע. אַז דער רב איז געשטאָרבן האָט מען דאָס טהרה־וואַסער פאַרקויפט טראָפּנווייז, פאַר אַ סגולה; מענטשן האָבן געצאָלט געלט פאַר שטיקלעך פון זיינע תכריכים.

צו יום כפור פלעגט עוזר ווייצמאַן אַראָפּברענגען אַ מטיף, וואָס האָט דריי מאָל אין לאַנגן תענית געדעדט פאַרן עולם. דאָס גאַנצע בית־מדרש האָט דעמאָלט זיך געטונקען אין טרערן. אויך פעטער בונים דער אפּיקורוס האָט געלאָזט אַ טרער און אָפּגעזיפצט טיף און לאַנג.

חיים איז ניין יאָר אַלט. דער זיידע מיכאל איז שוין נישט מער צווישן די לעבעדיקע. דאָס אייניקל איז אַריבער צו טאַטע־מאַמע אין שטוב.

חיים לערנט אין אַ חדר פון מתקדמים. זיין האַרץ קוועלט אָן מיט פאַרגעניגן ביים צעעפנטן תנ״ך. זיין דמיון פלאַטערט, צוהערנדיק וועגן די מלחמות, וואָס די נישט־אָפּגעשראָקענע נביאים פלעגן פירן מיט די שטאָלצע מלכים.

חיים האָט איצט אַ נייעם רבין: שלמה סאָקאָלאָווסקי. אין מאָטעלע איז סאָקאָלאָווסקי פאַר זיינע תלמידים ווי אַ צעעפנט פענצטער צו דער גרויסער וועלט. אָפּט מאָל שאַרט ער אַוועק אין אַ זייט די שווערע ספרים און לייגט אַוועק אויפן טיש אַ ביכל פון „חכמות חיצוניות״. ער דערקלערט דערשיינונגען אין דער נאַטור און דערביי זינגט ער אויס זיינע רייד, ווי ער וואָלט געלערנט אַ בלאַט גמרא. ער זאָגט צו זיינע תלמידים: „אַלץ איז תורה, און אַלץ דאַרף געלערנט ווערן״.

אַ האַרציקע פריינדשאַפט איבערן גאַנצן לעבן וועט פאַרבינדן דעם תלמיד חיים ווייצמאַן מיט זיין רבין ר׳ שלמה סאָקאָלאָווסקי.

דער פרילינג איז געקומען, — גרויס איז די פרייד! דאָס אייז האָט נאָכגעלאָזן. אָזיערעס און טייכן האָבן זיך צעשפּילט און צעזונגען. אַלץ איז באַפרייט פון ווינטערדיקן קלעם. וועלדער און פעלדער האָבן זיך צעלויכטן.

די קינדער קענען נישט איינזיצן אין חדר. עס גיט זיך איין און זיי שלייכן זיך אַרויס פון אים. זיי לאָזן זיך איבער די צעעפנטע וועגן. אויך חיים איז צווישן זיי.

אָט גייען זיי אַריבער די פלאַכע וואַסערן פון דער סאַזשלקע יאַסעלדאַ. אויף דער צווייטער זייט שטייט דעם פריצס פּאַלאַץ, אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסן סאָד. צווישן די לאַנגע שורות פרוכטביימער קוקט אַדורך די מילדע זון.

די חדר־ייִנגלעך לאָזן זיך איבערן שליאַך, צום דאָרף כאַלאָזינאַ. דאָרט וווינט ר׳ ישׂראל דער שמיד. מען זאָגט, אַז ער איז אַ פֿאַרבאָרגענער צדיק, אַ לאַמעד־וואָווניק. די קינדער קומען אָן אין דאָרף, שטעלן זיך אויס אויפֿן שוועל פֿון ישׂראלס קוזשניע און קוקן אָן דעם הויכן, קרעפּטיקן ייִד, וואָס טוט זיך רויק זײַן אַרבעט.

מען דערציילט, אַז מען האָט אַמאָל צוגעגנבֿעט די קאָוואַדלע פֿון ישׂראלס קוזשניע, איז ער געווען זייער פֿאַראומערט, ווײַל ווי אַזוי וועט ער טאָן זײַן מלאָכה? איז ער אַוועק צום באַוווּסטן צדיק אין דער גרויסער שטאָט פּינסק. האָט אים דער צדיק געזאָגט: פֿאָר אַהיים, ר׳ ישׂראל, די קאָוואַדלע וועט זיך מיט השי״ת הילף אָפּזוכן. אַז ס׳זענען אָבער אַריבער וואָכן און מ׳האָט די גניבֿה נישט אומגעקערט, איז ר׳ ישׂראל אַרײַנגעפֿאַלן אין עצבֿות. וואָרעם צוליב אים איז דער צדיק געשטעלט געוואָרן אין נסיון. עס קען, חס וחלילה, טרעפֿן, אַז די הבטחה זאָל נישט מקוים ווערן. הײַנט ווי גרויס איז געווען די שׂמחה, ווען דער חפֿץ האָט זיך צוריק אָפּגעפֿונען. דער פֿרומער שמיד איז באַפֿרײַט געוואָרן פֿון פֿריקרע מחשבֿות.

ר׳ ישׂראל אַרבעט פֿאַר די פּויערים פֿון דער געגנט. איין מאָל אין יאָר צאָלן זיי אים אָפּ מיטן בעסטן פֿון זייערע שייערס. דאַן זעט מען אויף פֿאַרוואָרפֿענע וועגן דעם קרעפּטיקן שמיד מיט אַ זעקל תּבֿואה אויף דער פּלייצע. ער זוכט די הונגעריקע ייִדן, כּדי צו דערפֿרייען זייערע טישן.

די קינדער קוקן אויפֿן הויכן ייִדן ביי דער אַרבעט, און עס פֿלאַטערן זייערע דמיונות.

די ייִנגלעך גייען שוין צוריק אַהיים. אַרום זיי — פֿעלדער אין קאַרטאָפֿל־בליעכץ. ווײַט, ווײַט, ביז צום האָריזאָנט, שפּיגלען זיך טײַכן און אָזיערעס.

די ייִנגלעך דערציילן זיך וועגן גוטע־ייִדן און צדיקים.
אויף דער וועלט אַרום איז ליכטיק און וואַרעם.

עס טרעפֿט, און די חדר־ייִנגלעך ווערן באַגליקט מיט אַ פֿרייען טאָג אין סאַמע אין דער וואָכן. דאָס איז דער טאָג פֿון „פּאַטענטן־קאָנטראָל״, — אַ טאָג פֿון שרעק פֿאַר די ייִדישע קרעמער, אָבער פֿון פֿרייד און געפֿילדער פֿאַר יונגע חבֿרה.

אומגעריכט גיבן זיך אַ יאָווע טשינאָווניקעס פֿון דער גרויסער שטאָט, אָנגעטאָן אין זייערע בונטע קליידער, פֿאַלן אַרײַן אין די קראָמען און

קאַנטראָלירן סחורות און פאַטענטן: צי נאַרט נישט דער ייד אַפּ די מלוכה?

נישט איין ייד כאַפּט מען טאַקע ביי אַ חטא. אַט פאַרקויפט מען בשמים אין אַ גאַלאַנטעריי־קראָם, און ווידער פאַרקערט: נאָדלען און פאָדעם אין אַ שפּייז־געוועלבל. פון דעם מבול אוקאַזן איז דעם ייד נישט קלאָר וואָס כשר און וואָס טריף. דער פאַטענט הענגט אויבנאָן, אויף דער מזרח־וואַנט, איז אָנגעפּיקעוועט מיט פאַרשריפטן, טאָ גיי און וויס! די יידן ווערן שווער באַשטראָפט: אָפט הייסט מען באַצאָלן אַ סומע געלט, וואָס אַ מאַטעלער ייד זעט זי נישט אָן דורכן גאַנצן יאָר. עס טרעפט אַפילו, אַז מען נעמט אין גאַנצן צו דעם פאַטענט. שטייען יידישע ווייבער, ברעכן די הענט, און שרייען צום הימל וועגן דער צרה, וואָס איז אויף זיי געקומען.

פון גאַס צו גאַס ציט זיך די קאָלירפולע פּראָצעסיע: מונדירטע טשינאָווניקעס, צעיאַכמעטע פּאָליציאַנטן, איבערגעשראָקענע, צערודערטע יידן, און אָרום — די קינדער פון די חדרים, פרייע אין מיטן העלן טאָג. ווער ווייס אָבער, וויפל פון זיי האָבן זיך געבויגן ביז צו דער ערד, פאַר־שטעלט די צעפּלאָמטע פּנימער, כדי נישט צו זען זייערע טאַטע־מאַמעס פאַרשעמטע און צעבראָכענע.

ר׳ עוזר פיאַלקאָוו־ווייצמאַן איז געווען פון די חשובסטע באַלעבאַטים אין שטאָט.

ווי קומט צו אים דער נאָמען פיאַלקאָוו?

איז דער ענטפער, אַז פיאַלקאָוו איז טאַקע געווען דער אמתער נאָמען. אין יענע יאָרן פון צאַרישן רוסלאַנד, יאָרן פון פּיין און דערני־דערונג פאַרן יידישן „בירגער", — וועמען האָט זיך עס געגלוסט דינען דער מלוכה? האָבן יידן געפונען אַ ישועה אין געזעץ, וואָס באַפרייט פון דער „סלוזשבע" אַ זון, אַ בן־יחיד, און קינדערלאָזע עלטערן האָבן אויסגעבאָרגט זייערע נעמען צו יידישע יונגעלייט, איידער זיי האָבן געדאַרפט זיך מעלדן צו מיליטער־דינסט. אַזוי אָרום טאַקע איז פון פיאַלקאָוו געוואָרן ווייצמאַן.

ר׳ עוזר איז געווען אַ ייד אַ קענער, ער האָט געהאַט אַ גוטן זכרון. דעם גאַנצן שלחן־ערוך האָט ער געקענט אויף אויסנווייניק. ער איז אויך געווען באַהאַוונט אין הלכות־ממנות און אין די אָפיציעלע געזעצן. ר׳ עוזר האָט זיך טאַקע מיט יושר פאַרדינט די שטעלע פון „סטאַראָסטע". קיין געהאַלט האָט ער פאַר דעם נישט באַקומען. דערפאַר אָבער האָט

ער געקענט העלפן יידן אין אַן עת־צרה. אָבער ר׳ עוזר איז אַ שטרענגער. ער ווערט לייכט אין כעס און ער האָט נישט קיין סך געדולד צו די שטענדיקע מחלוקה־זוכערס אין שטעטל. ער פאַרלאַנגט אויך דרך־ארץ און שטאַט.

ר׳ עוזר איז אַ האָלץ־הענדלער און לאַנגע חדשים זעט מען אים נישט אין שטוב. דאָך קומט אים אָן שווער די פרנסה און ער „באָדט זיך אין חובות״. אָן עין־הרע, — אַ שטוב מיט קינדער, לערנען דאַרף מען און עסן אויך. אויף לערע זשאַלעוועט נישט ר׳ עוזר: „פאַר מיינע קינדער — די בעסטע מלמדים און לערער״.

טעג פון גרויל זענען געקומען: פאָגראָמען און גירושים.

אין די פולע בתי־מדרשים שטייען די הדר־ייִנגלעך לעבן זייערע טאַטעס. מען „רייסט״ דעם ארון; הילכיקע געוויינען און תהלים־זאָגעריי פילן אָן דעם חלל.

— למה יאמרו הגויים איה נא אלוהיהם?

אַלט און יונג שטורעמט די הימלען, אַז גאָט זאָל רחמנות האָבן און באַשיצן זיין פאָלק.

נישט קיין נייעס זענען פאַר די קינדער פאָגראָמען־טעג.

די מאַמעס באַרעכענען אָפט דעם געבוירן־טאָג פון זייערע קינדער, לויט די בלוטיקע געשעענישן אין דער אָדער יענער קהילה.

נאָך אַ טאָג פון תענית און תהילים זיצט חיים און הערט זיך צו דער מאַמען: מיין מרים, זאָל לעבן, איז געבוירן געוואָרן אין די טרויעריקע טעג פון... און פייולקע, זאָל לעבן...

פאַר חיימען איז עס גרויליק און דערווידער.

די מאַמע רחל־לאה מאַכט אָפט מאָל אַ טעות ביי דעם געבוירן־טאָג פון דעם אָדער יענעם קינד, אָבער נישט לגבי חיימקען. ער איז דאָך געבוירן געוואָרן אין משיחס צייטן — דעם 27סטן נאָוועמבער 1874. די מאַמע געדענקט גאַנץ גענוי: יענעם טאָג איז אין מאָטעלע אַראָפּגעקומען אַ שליח פון אַ ווייטער שטאָט און ער האָט גערעדט פאַר די פאַרזאַמלטע פויערים וועגן די נייע, גוטע צייטן, וואָס מוזן קומען; וועגן דער פרייהייט, וואָס וועט ווידער אויפשיינען אין לאַנד, ווי אין די ערשטע זעכציקער יאָרן, ווען דער צאַר אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט באַפרייט פון שקלאַפעריי דאָס פויערים־פאָלק. טעג וועלן קומען — האָט געזאָגט דער שליח — און ברויט וועט זיין גענוג פאַר יעדן איינעם.

דער מאַמען איז אָנגענעם צו דערמאָנען זיך אין חיימקעס געבוירן־טאָג. דעמאָלט גיט זי זיך אַ זאָג: זאָל ער טאַקע ברעגגנען, אונדז און כלל ישראל, בשורות טובות, ישועות און נחמות.

חיים וואַקסט אויס אַן ערנסט ייִנגל. ער איז הויך פאַר זיין עלטער. זיינע אויגן, גיכע, לעבעדיקע, קוקן אַרום זיך מיט נייגער; זיין פּנים איז בלאַסלעך; אַרום די מויל־ווינקלען לייגט זיך אָפּט אַ שטיפעריִשער שמייכל; ער האָט אַ הויכן און לויטערן שטערן; זיין נאָז האָט דעם שטריך פון עקשנות.

אין שטוב פּלאַנעוועט מען לאַנג וועגן חיימקעס ווייטערן לערנען, און דער טאַטע באַשליסט:

— נאָך סוכות פיר איך אים אָפּ קיין פּינסק. ער וועט לערנען ייִדיש־קייט און וועלט־זאַכן.

חיים געזעגנט זיך מיטן שטעטל, מיט די רביס, מיט דער משפּחה, — אַ פאַרצווייגטער קרייז פון פעטערס, מומעס, קוזינען, ברידער און שוועסטער. צווישן זיי: דער פעטער בונים, דער אפּיקורוס, וועלכן חיים האָט ליב געהאַט; פעטער איטשע־מאיר, „דער פרומאַק", וואָס פלעגט זיך טשעפּען צו די קינדער און מיט זיינע קאַלטע הענט באַטאַפּן זייערע ציצות. פון אים פלעגט חיים אַנטלויפן און זיך אויסבאַהאַלטן. געווען איז אויך אַ פעטער יעקב מיט דער מומע שפּרינצע; „די טייבעלעך" פלעגט מען זיי רופן. זיי האָבן זיך זייער ליב געהאַט. אויף דער עלטער זענען זיי עולה געווען אין הייליקן לאַנד. און עס איז געווען די מומע ברכה, אַ יונגע אלמנה, וואָס האָט איר גאַנצע ליבשאַפט אַוועקגעגעבן רחל־לאהס קינדער. חוץ זיי, נאָך אַנדערע פעטערס און מומעס — צענד־ליקער קוזינען און קוזינקעס. פעיקע און רירעוודיקע מענטשן. זכרונות וועגן אָט דער משפּחה וועט חיים מיטנעמען מיט זיך אויף זיינע ווייטע וואָגלער־וועגן און נישט איין מאָל זיך וואַרעמען אין זייער ליכט.

2

דאָס עלף־יאָריקע ייִנגל, חיים ווייצמאַן, שטייט אַ פאַרגאַפטער פאַרן קאַלירפולן בילד, — די גרויסע שטאָט פינסק. נישט ווייט פון די צפונדיקע גאַסן גייט די באַן, — אַ זעלטן־וווּנדערלעכע זאַך. אויף דרום פון שטאָט גלעטן די כוואַליעס פון געלבלעכן טייך פינאַ די זאַמדיקע ברעגן. לאַנגע, שמאָלע בריקן ציען זיך ווייט אין וואַסער אַריין; צו זיי זענען צוגעבונדן שיפלעך און האָלץ־דראַטוועס, וואָס פליושקען זיך כסדר.

אומעטום זעט מען ייִדן — ביי דער באַן, ביים „פּאָרט", ביי די פאַבריקן; ייִדן אַזעלכע, וואָס חיים האָט נאָך ביז איצט נישט געזען: הויכע, קרעפטיקע טרעגערס, וואָס שפּרייזן צו די שיפלעך מיט שווערע משאות אויף די פּלייצעס; באַלעגאָלעס ביים וואָקזאַל, וואָס רעדן הויך צו זייערע פערד, שילטן און ביילן פויסטן; און ייִדן אַרבעטער, מיט איינ־געפאַלענע ברוסטן און בלייכע פּנימער. מיט איין וואָרט: אַ פאַרשידנ־אַרטיק פאָלק, וואָס וועקט אינטערעס און נייגער.

אויף אַ וויכטיקן שיידוועג איז פינסק געלעגן. דורך טייכן און קאַנאַלן האָט מען פון איר געקענט גרייכן ביז טיף, טיף אין רוסישן לאַנד, און דאָס זעלבע — צו מערב צו.

אַ ברייטער האַנדל איז געגאַנגען דורך דער שטאָט. פון די שטעטלעך און דערפער אַרום האָט מען אַרויפגעקוקט צו פינסק, מיט אירע דרייסיק טויזנט ייִדן.

די בלאָטיקע גאַסן זענען שטענדיק פול געווען מיט מענטשן. ערשט אַ פּאָר שעה פאַר ליכט־בענטשן איז פאַרשוווּנדן דאָס געפּילדער. די פאַרפּעלטע שעהן אַרבעט אין די פּריוואַטע האָבן די אַרבעטער אָפּגעגעבן אין די אָוונטן צוויי מאָל אַ וואָך, וואָרעם פון פּערצן שעה איז באַשטאַנען דער אַרבעטסטאָג אין די פאַבריקן.

פינסק איז געווען אַ כמעט ייִדישע שטאָט. מען דערציילט, אַז אַפילו דער כומר און דער פּאָליציי־שעף זענען געווען פון ייִדישן אָפּשטאַם. איין מאָל, אַ שמחת תורה, האָבן צום רבין געשטראָמט בגילופנדיקע ייִדן. אַ רוישיקע פרייד האָט זיך געטראָגן פון אומעטום. האָט דער פּאָליציי־שעף נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון — ער איז מיטגעריסן געוואָרן מיט די טאַנצנדיקע ייִדן. ביים רבין האָט מען אויסגעליידיקט איין קעלי־

שיקל בראָנפן נאָכן צווייטן. ווען דער רבי האָט זיין „לחיים״ באַגלייט מיטן ווונטש פון „לשנה הבאה בירושלים״, האָט דער פּאָליציי־שעף אויפגע־הויבן מיט איין האַנט זיין כוסע, און מיט דער צווייטער האָט ער אַ זעץ געטאָן אין טיש: „יידן, איך פאַרשטיי נישט — האָט ער זיך צעשריגן — איך בין אַ ייד, דער כומר איז אַ ייד, דער רב איז דאָך אוודאי און אוודאי אַ ייד, אַלע זענען מיר יידן, טאָ צו וואָס ירושלים?״...

אין פּינסק זענען געווען יידן מיט פאַרשידענע פאַכן און מיט פאַר־שידענע מנינים אין בית המדרש. עס האָט נישט אויסגעפעלט איבער וואָס זיך צו אַמפּערן. אין איין זאַך איז מען אָבער געווען אייניק: אין לערנען תורה די קינדער. אין פּנקס פון דער קהילה איז פאַרצייכנט אַ שבועה, מיט וועלכער אַ רב האָט פאַרשוואוירן די שטאָט: אין אַלע טעג פון יאָר זאָל מען שטיצן די תלמוד־תורהס.

און דאָך, ביים גאַנצן פאַרנעם און גערודער איז עפּעס אַ גרויקייט געהאַנגען איבער פּינסק. נישט לאַנג האָט געדויערט, און חיים האָט באַמערקט, אַז אויך אין דער גרויסער שטאָט איז דער הונגער אַן אָפטער גאַסט אין די שטיבער. ער זעט די פאַראומערטע יידן, וואָס טראָגן זיך איבער די קאַלוזשעס און בלאָטעס פון שטאָט, און זייערע פּנימער פרעגן שטענדיק די זעלביקע פראַגע: ווו נעמט מען אויף פּרנסה?

חיים און זיין עלטערער ברודער פייוול האָבן געוווינט ביי אַ קרוב און אויף זיי האָט אַכטונג געגעבן די מומע ברכה, די אלמנה. פון מאָטעלע האָט די מאַמע געשיקט שפּייז־פּעקלעך און וואַרעמע בריוו.

חיים גרייט זיך אַריינצוגיין אין דער „גויישער״ רעאַל־גימנאַזיע. יידיש וויסן לערנט ער ביי פּריוואַטע מלמדים. ער האָט, ווי שטענדיק, הנאה פון תנ״ך, דאַקעגן איז אים דערווידער די שיטה פון גמרא־לערנען. דער מלמד האָט ליב פּלפּול און דריידלעך; חיים, דער תלמיד, האָט ליב פּשטות און קלאָרקייט.

חיימען ציט צו דער פאַרשטאָט קאַרלין. דאָרט שטייט אַ קליין, איינ־געהויקערט שולכל און דער רב דאָרט איז אַ ייד אַ ירא־שמים, ר׳ דוד פרידמאַן. אַן אויפריכטיקע פרומקייט שוועבט אין דעם שולכל. דאָס השתפכות־הנפש ביי די דאָוונער איז טיף, האַרציק. יידן טענהן זיך דורך מיט גאָט הכנעהדיק, אָבער נישט פאַרשקלאָפּט.

צווישן מנחה און מעריב זאַמלען זיך יידן אַרום ר׳ דודל פרידמאַן; ער טיילט זיך מיט זיינע ידיעות וועגן הייליקן לאַנד. ער דערציילט

וועגן אַסיפות פון בכבודיקע יידן, אויף וועלכע מען רעדט וועגן דער־נענטערן די גאולה. ער אַליין האָט צוגעטראַכט אַ פּלאַן וועגן פאַרשפּרייטן אַקציעס, — אַלץ אויסגערעכנט אין פּינקטלעכע פּרטים; מיט רווחים פון די אַקציעס וועט מען קויפן באָדן אין יידישן לאַנד.

ר׳ דודל דערציילט אויך וועגן בריוו, וואָס ער באַקומט און שיקט אַרויס. יידן הערן זיך צו מיט אָפּשיי און נייגער. חיים שטופּט זיך צווישן די גרויסע און וויל נישט פאַרלירן קיין וואָרט.

אין דעם קליינעם שולכל קומען אָפּט פּאַקן־טרעגער מיט ספרים און קונטרסן און זיי לייגן אויס די הייליקע סחורה אויפן לאַנגן טיש. יידן קוקן אַריין אין די ספרים מיט גרויס דרך־ארץ און יינגלעך קויפן מעשה־ביכלעך וועגן פרומע יידן, וועגן נסים און נפלאות.

נישט קיין סך צייט גייט אַדורך און חיים דערוווּסט זיך, אַז גאָר גרויסע זאַכן געשעען אין פּינסק. יידן, וואָס מען רופט זיי „חובבי ציון", פאַרזאַמלען זיך אין דער גרויסער שול אין גימנאַזיע־געסל. דאָרט האַלט מען רעדעס און מען זאַמלט געלט פאַר ארץ־ישראל.

אַ גרויסער מטיף איז אַראָפּגעקומען קיין פּינסק, צבי הירש מאַסליאַנ־סקי, איז אַ תענוג אים צו הערן. ער צעוואָרעמט דאָס האַרץ ביים מענטשן, רעדט מיט שיינע משלים און פלעכט דורך די דרשות מיט קלינגענדיקע פּסוקים פון תנ״ך. בעת ער שטעלט פאַר דאָס גלות־לעבן שפּאָרן זיך טרערן אין די אויגן, און ווען ער רעדט וועגן דער גאולה וואָס וועט שוין לאַנג זיך נישט זאַמען, צעקלינגען זיך אין שול פריידיקע טענער, ווי עס וואָלטן אויפגעשיינט צענדליקער זונען אין הימל.

חיים ווערט מיטגעריסן מיט מאַסליאַנסקיס רייד. ער שעפּטשעט צו זיך: יידן דאַרפן נאָר וועלן, וועט אַלץ מקויים ווערן; זיי דאַרפן נאָר וועלן!

אין מאָטעלע איז געבליבן דער האַרציקער רבי, שלמה סאָקאָלאָווסקי. ער איז באַזאָרגט וועגן חיימען, זיין געוועזענעם תלמיד. ער איז איצט אין דער גויישער גימנאַזיע, הערט ער. וואָס זשע וועט זיין מיט יידישקייט?

דער רבי שרייבט וועגן דעם צו זיין תלמיד. חיים לייענט דעם בריוו און ער וווּנדערט זיך גאָר שטאַרק: זאָל זיין, אַז דער קלוגער סאָקאָ־לאָווסקי ווייסט נישט, וואָס עס קומט פאָר אין דער גרויסער, יידישער וועלט? און ווי קומט עס גאָר, אַז דער רבי זאָל אים חושד זיין אין פאַר־געסן יידישקייט?

דער עלף־יאָריקער חיים זעצט זיך צום טיש שרייבן אַן ענטפער צום רבין. קודם־כל באַרויקט ער אים: „איך קום אייך זאָגן, אַז אייער אַנזאָג וועל איך היטן. איך וועל זיך נישט אָפּפרעמדן פון אונדזער הייליקער שפּראַך; אויך נישט פון די הייליקע רייד פון אונדזערע חכמים, זכרונם לברכה"... „מיינט נישט, מורי ורבי, אַז דערפאַר, וואָס איך גיי אין גימ־נאַזיע, וועל איך שוין אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם יידישן לבוש. ניין און ניין! איך האָב באַשלאָסן צו היטן אין מיין האַרץ יידישקייט און איך וועל קעמפן קעגן דער שיטה פון די וואָס זאָגן: אויב דאָקטאָר, איז אויס אמונה".

און איצט האָט ער אַ גרויסע נייעס איבערצוגעבן דעם רבין: „ווי גרויס און דערהויבן איז דער געדאַנק, וואָס איז אויפגעגאַנגען אין האַרץ פון אונדזערע יידישע ברידער צו גרינדן די חברה „חובבי ציון". וואָרעם אַזוי וועלן מיר קענען ראַטעווען אונדזערע פאַרשטויסענע, דערשלאָגענע און צעזייטע איבער אַלע עקן וועלט, וואָס האָבן קיין מקום נישט אַריינ־צושטעלן אַ געצעלט־פּלעקל. אַלע ווילן אונדז שלאָגן און דער ייד איז אַ לאַסט פאַר אַלע פעלקער".

דעם יינגלס ענטוזיאַזם שטאַרק זיך. ער זעט אין דער „חובבי ציון"־באַוועגונג אַן „אתחלתא דגאולה". אָט די צוויי ווערטער שרייבט ער אַן מיט גרויסע אותיות און דריקט זיי טיף אַריין מיט דער פּען אויפן פּאַפּיר. ער רעכנט אויס די גדולים פון דער באַוועגונג. זיי זענען — שרייבט ער — גרויסע יידן, וואָרעם זיי זענען פאַרויס „דאָס שלעכטע וואָס דער־וואַרט אונדז". ער בעט, מען זאָל שטאַרקן די הענט פון די מענטשן פון טאָט — מאָנטעפיאָרע און ראָטשילד.

דאָס יינגל נעמט זיך אָן מיט מוט און ער זאָגט פאָרויס, אַז „מען וועט אונדז שלאָגן" אַפילו דאָרט, ווו עס הערשט וויסן און קולטור, און אוודאי אין די לענדער פון אַפריקע, „בפרט אין דער מאַראָקאָ־מדינה".

אָבער נישט נאָר אַן אָנזאָג פון אומקום איז פאַראַן אין יינגלס מויל. ער האָט אויך אַן עצה פאַר דער צרה, אַ וועג, אויף וועלכן מען דאַרף גיין... „לאָמיר אויפהייבן די פאָן פון ציון און לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער ערשטער מוטער, וואָס אויף איר שויס זענען מיר געבוירן גע־וואָרן". צו וואָס זאָלן מיר אויסקוקן אויף רחמנות פון די מלכים פון אייראָפּע, אַז זיי זאָלן אונדז געבן אַ מקום־מנוחה. ניין! אַלע האָבן זיי אָפּגעמאַכט, אַז דער ייד איז פאַראורטיילט צום טויט, אָבער ענגלאַנד וועט דאָך אויף אונדז רחמנות האָבן. דער עיקר, יידן, לאָמיר אויפגיין קיין ציון!"

אַ מערקווירדיקער בריוו פון אַן עלף־יאָריק ייִנגל. אָט דער ערשטער אָפּגעזוכטער בריוו פון די הונדערטער און הונדערטער, וואָס חיים ווייצמאַן וועט שרייבן אין זיין לעבן, אַנטהאַלט אין זיך זיין גאַנצע צוקונפטיקע לעבנס־פילאָזאָפיע, זיין גאַנג אין ציוניזם, זיין מיינונג וועגן דער באַציונג פון די פעלקער צו ייִדן, זיין נישט־גלייבן אין פרעמדע חסדים, זיין קלאַמערן זיך אין אייגענע מעשים, זיין רעספּעקט צו מענטשן פון טאַט, זיין געפיל, אַז דער ייִד קעמפט מיט דער צייט — אַז דאָס אומגליק רוקט זיך אָן און אַז נאָכן חורבן און אומקום וועט קומען די גאולה.

זעלטן ווען געשעט עס אין דער געשיכטע פון גרויסע מענטשן, אַז זייער וועג זאָל אָנגעצייכנט ווערן דורך זיי אַליין שוין ביים עלטער פון עלף יאָר. אין אָט דעם בריוו שפּיגלט זיך אָפּ דער גאַנצער, צוקונפטיקער ווייצמאַן, — זיין כאַראַקטעריסטישער פאַרנעם און אַרויסרוף.

און וואָס באַטייטן די ווערטער, אַז „ענגלאַנד וועט דאָך אויף אונדז רחמנות האָבן"? איז עס די שטים פון גורל, וואָס וועט אים פאַרבינדן מער פון פערציק יאָר מיטן ענגלישן פאָלק? פון וואַנען דער גלויבן אין ענגלאַנד דווקא?

זאָל זיין, אַז דער יונגער חיים קוקט אָפּט אַריין אין די זשורנאַלן, וואָס דער טאַטע ברענגט פון זיינע וויטע רייזעס, זשורנאַלן, וואָס דער־ציילן וועגן ענגלאַנד, פאַר וועמען ארץ־ישראל איז אַ וויכטיקע סטאַציע אויפן וועג צו אינדיע — די שענסטע פּערל אין איר קרוין? האָט ער אין טאַטנס שטוב געהערט וועגן באַוועגונגען אין ענגלאַנד, וואָס שטרעבן צו דער ייִדישער ווידעראויפלעבונג אין ציון?

נישט נאָר נבואה איז פאַראַן אין בריוו, נאָר אויך ליכט וואָס קוועלט פון קלאָרן טראַכטן און וויסן.

און פאַר וואָס עפּעס „בפרט אין דער מדינה פון מאַראָקאָ" וועט מען אונדז שלאָגן?

ווייזט אויס, אַז דאָס ייִנגל האָט אויפגעכאַפּט די אַלע געשיכטעס וועגן רדיפות אויף ייִדן, געשיכטעס, וואָס האָבן זיך געטראָגן איבער ייִדישע שטעט און שטעטלעך. איז געשען אַ מעשה אין מאַראָקאָ, וואָס ייִדן דערמאָנען מיט גאַליקן שפּאָס. אין דעם וויטן אַפריקאַנישן לאַנד האָבן ייִדן נישט געטאָרט טראָגן קיין שיך ווי אַלע מענטשן, אַזוי ביטער איז געווען זייער גורל. דער גוטער און וואַכזאַמער מאָנטעפיאָרע האָט זיך באַמיט פאַר די מאַראָקאַנער ייִדן און ער האָט געפּועלט גרויסע זאַכן ביים שעיך סאַלימאַן. די ייִדן זענען ענדלעך אַרויס אין גאַס אָנגעטאָן אין שיך. אָבער אַזאַ העזה האָבן די אַראַבער נישט געקענט פאַרטראָגן.

אויפגעקאָכטע האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן אין יידישן קוואַרטאַל, געררויבט און געשלאָגן. זענען יידן אַוועקגעלאָפן צום שעיק: מוחל די פּריווילעגיעס, מוחל דאָס שיך־טראָגן, אַבי שטעל אָפּ דעם פּאָגראָם! — — —

נישט קינדערישער אויסגוס איז פאַראַן אין ווייצמאַנס ערשטן אָפּ־געפונענעם בריוו; נישט סתם נבואה. פריער פון אַלץ, איז עס דאָס ליכט פון חכמה און וויסן.

חיים איז נישט נאָר אַ שייך־זאָגער, נאָר אויך אַ שייך־טוער. אָט האַלט ער אונטערן אָרעם אַ בינטל בילדער פון משה מאָנטעפיאָרע. ער גייט מיט זיי פון שטוב צו שטוב און לייגט פאָר — אַ רובל אַ שטיק. שווער און פּאַמעלעך גייט צו דער פאַרקויף, און עס ווילט זיך אים זייער צונויפזאַמלען אַ סכום געלט. מיט צוויי טעג צוריק האָט ער באַהאַלטע־נערהייט זיך צוגעהערט צו אַ שמועס אין דער גרויסער שול וועגן אָפּשיקן אין הייליקן לאַנד דעם ערשטן פינסקער חלוץ, אהרן אייזנבערג. אָבער ווו נעמט מען אויף הוצאות?

חיים קלאַפּט אין די טירן און שלאָגט פאָר דאָס שיינע בילד פון יידישן „פרינץ" משה מאָנטעפיאָרע. ער פּוילט זיך נישט צו דערציילן ווער דער חשובער מענטש איז. און אַז פלוצעם לאָזט זיך אַראָפּ אַ רעגן, באַהאַלט ער אויס די בילדער אונטערן לאַנגן מאַנטל זיינעם, אָבער דער רעגן דרינגט דורך זיינע שווערע מלבושים.

וואָס טוט מען?

חיים נעמט אַ דאַראַזשקע און פאָרט אַוועק צום גביר פון שטאָט. ער שטעלט זיך אַוועק אַ נאַסער, אַ דורכגעווייקטער אין ליכטיקן, רייכן זאַל, און ער רעדט צום גביר: קויפט די איבערגעבליבענע בילדער. אַזוי ווי מאָנטעפיאָרע, איז אויך אייער נאָמען משה, און אויך איר וועט דערלעבן ביז הונדערט יאָר, ווי דער גרויסער יידישער לאַנדאָנער גביר.

דאָס האָט געווירקט: חיים האָט זיך באַפרייט פון די איבערגעבלי־בענע, נאַסע בילדער. ער האָט זיך זיכער נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, אַז דאָס איז געווען זיין ערשטער אויפטו אין זיין צוקונפטיקער „שנאָר־קאַריערע".

דער עלטערער ברודער פייוול איז צוריקגעפאָרן אַהיים. חיים איז געבליבן אַליין. ער לערנט מיט התמדה. יאָרן לויפן. ער וויל ווערן אַ מענטש פאַר זיך און פאַרלייכטערן דעם טאַטנס עול.

און אַט ווערט ער טאַקע באַגליקט. ער ווערט אַ געהילף־לערער ביי אַ רייכער משפחה. זיין שכר: אַן ענג חדרל צו שלאָפן, עסן און אַ פּאָר רובל אויפן יאָר.

עס קומען גוטע, האָפענונגספולע טעג. חיים לייענט אַ סך. ער האָט אַ וואַך געהער פאַר יעדער זאַך.

אין אַט דעם רייכן הויז, ווו עס זאַמלען זיך די אינטעליגענטן פון שטאָט, רעדט חיים וועגן דער גרויסקייט פון סאָקראַטעס, פּלאַטאָן, דע־קאַרט און לוק. דער הויך געוויקסיקער מאָטעלער בחור איבערראַשט דעם עולם מיט פּסוקים פון האָמער און ווירגיל, דאַנטע און שעקספּיר, אַריסטאָטעלעס און גאַלילעי, ניוטאָן און לאַוואזיע.

די פּינסקער אינטעליגענטן האָבן דרך־ארץ פאַרן מאָטעלער בחור. די „חובבי־ציון", ווידער, דערמאָנען אָפט זיינע רייד אויף ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען. אויף איינער פון זיי האָט דער סעקרעטאַר פאַרצייכנט אין אַקטן־בוך: „דער מאָטעלער בחור וועט אַ וועלט איבערראַשן".

אין די צאַרישע גימנאַזיעס האָט מען געטריבן פון די קינדער יעדן פרייען, ליכטיקן געדאַנק. אין די יונגע הערצער האָט מען געפלאַנצט נייגונגען צו שפּיאָנאַזש און מסירה. ידישע קינדער האָבן זיך געריסן צו חכמה און וויסן. אין דער שטיל האָבן זיי געשלונגען ביטערע דערני־דערונגען, אַבי צו לערנען און גיין פאָרויס.

צווישן די לערער אין דער פּינסקער גימנאַזיע איז געווען אַ ווילער קריסט: דער כעמיקער קאָראָניענקאָ — אַ ליבעראַל און אַ מענטשן־פריינד. אין אַ ווינקל פון גימנאַזיע־בנין האָט קאָראָניענקאָ צוזאַמענגע־שטעלט אַ „לאַבאָראַטאָריע", אַ פּרימיטיווע, אָבער פאָרט אַ טיר צו דער גרויסער וועלט.

חיימען ציט צו דער לאַבאָראַטאָריע, צום גוטן קאָראָניענקאָ. פאַרן מאָטעלער גימנאַזיסט אַנטפּלעקן זיך די ווונדערבאַרע סודות פון דער נאַטור — סודות פון אויפקום, אַנטוויקלונג און צעפאַל.

כעמיע איז אַן אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע וויסנשאַפט און חיים פאַלט צו איר צו מיט אַן אומגעהויערער גלוסטעניש. מיט יאָרן שפּעטער וועט ער זאָגן: „כעמיע און ציוניזם, — דאָס איז אַלץ וואָס איך וויס אין מיין לעבן".

חיים האָט ווייניק נאָענטע חברים אין גימנאַזיע. עס איז שווער צו פאַרטראָגן זיין שפּאָטישן בליק. ער האָט פיינט נאַראָנים, און ער איז

זיי מבטל מיט אַ לייכטן צוק פֿון זיין אַקסל. מען שפּירט זיין איבערגע־וויכט, נישט ווילנדיק אַפילו. אין זיין קעגנוואַרט פֿילן זיך די חברים באַזיגט.

אויף יום־טובים און וואַקאַציעס פֿאָרט חיים אַהיים קיין מאָטעלע. פֿערציק קילאָמעטער בסך־הכל איז פֿון מאָטעלע ביז פּינסק, פֿון דעסטוועגן איז עס אַ לאַנגע נסיעה. די באַן דערגרייכט בלויז ביז אַ טייל וועג, דאָס איבעריקע מוז מען דערפֿאָרן אויף אַ וואָגן אין זומער, און אַ שליטן אין ווינטער.

אָבער צו וואָס אויסגעבן געלט? עס טרעפֿט זיך אַ געלעגנהייט מיט אַ באַלעגאָלע, וואָס לאָזט זיך אַוועק מיטן אָנגעלאָדענעם וואָגן סחורה קיין מאָטעלע. חיים קריכט אַרויף אויף די פֿעסער און פּעק און די רייזע, אין שאָקלעניש און טרייסלעניש, הייבט זיך אָן.

אָנגענעם איז צו פֿאָרן אין ווינטער איבערן גלאַטיקן וועג מיטן אָפּ־געזעצטן שניי. עס פֿאַלן צו שטילע, ווייסע נעכט, און דער הימל איז הויך און ליכטיק. אין די זומער־חדשים איז גוט צו מאַכן די רייזעס אויף די האָלץ־פֿליטן איבער די קאַנאַלן און טייכן. דאָס וואַסער פּליושקעט זיך אויף די קלעצער. אין די נעכט צעשפּילן זיך גוייִשע האַרמאָשקעס. גלי־פֿליגעלעך צינדן און פֿאַרלעשן זיך. דעמאָלט ציען זיך לאַנגע שמועסן צווישן די ערד־מענטשן, וואָס וויקלען אַדורך זייערע רייד מיט קלוגע ווערטלעך פֿון דערפֿאַרונג. חיים הערט זיך גוט איין און וואַרפֿט צו אַ וואָרט דאָ און דאָרט. און אַזוי גליטשן זיך די קלעצער איבערן בוג און איבער דער ווייסל. און אָט איז וואַרשע, די שיינע הויפּטשטאָט פֿון פּוילישן לאַנד. חיים לאָזט זיך צוריק אַהיים.

אין יאָר 1891 ענדיקט חיים ווייצמאַן די פּינסקער רעאַל־גימנאַזיע. די באַקומענע מאַטורע עפֿנט פֿאַר אים נייע וועגן און מעגלעכקייטן. זיינע זיבן יאָר אין פּינסק זענען געווען אַ ווייטערער און ברייטערער המשך צו די אָנונגען, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן וועבן נאָך אין מאָטעלע. די יידישע ווירקלעכקייט האָט אין פּינסק געוויזן זיך אין בולטע קאָלירן. אויך דאָ האָט ווייצמאַן געזען גרויסע יידישע אָרעמקייט; עס זענען געווען אויך יידישע פֿאַבריקלעך און פֿאַבריקן, אָבער ער האָט באַנומען, אַז דאָס יידישע רייכטום האָט אַ קורץ לעבן און ס׳איז זעלטן עס זאָל אָנהאַלטן דורות אין דער זעלבער משפּחה.

אָבער אויך אַ ליכטיקייט איז געווען אין פּינסק. דער יונגער ווייצמאַן

האָט עס געפילט צווישן די אויפריכטיק־פרומע יידן, אין זייער דורותדיקן בטחון. ער האָט עס אויך אַרויסגעפילט ביי די האָרעפּאַשנע, פּשוטע משפּ־חות, וואָס האָבן אַריבערגעקוקט איבער זייערע איינגעהויקערטע שטיבער צו די הויכע הימלען און געלעכצט נאָך התרוממות.

און געווען איז אויך, טראָץ די ענגע גרענעצן, די ליכטיקייט פון פּינסקער רעאַל־גימנאַזיע — די לימודים, וואָס האָבן געעפנט נייע קוואַלן פון מחשבה. און געווען איז קאָראַניעוקאָס לאַבאָראַטאָריע, וואָס האָט אין יונגן ווייצמאַן ווי אַרויסגערופן עפּעס אַ צוגאָב־נשמה און אויפגע־וועקט אַ צווייט לעבן.

און געשוועבט האָבן דאָרט ממש אין דער לופט די גאולה־חלומות און פרייהייט־גלוסטעניש. אין די בתי־מדרשים און אויף די זיצונגען פון די „חובבי־ציון" איז אויפגעגאַנגען ווייצמאַנס נבואה וועגן יידישן אומקום און יידישער ווידעראויפלעבונג.

3

דאָס מאָל איז ד״ מאַמע נישט בכוח געווען צו שטילן דעם אומרו פון איר זון. נישט מיט אַ ניי, זיידן העמד האָט מען אים איצט געקענט איינשטילן. היימען ציט צו דער גרויסער וועלט, ער קען זיך אין מאָטעלע נישט געפינען קיין אָרט, ער לעכצט צו דער פרייער לופט פון מערב, ער זוכט אָן עצה ווי אַזוי אָנצוקומען קיין דייטשלאַנד, אין אַ גוטער פּאָלי־טעכניק. גלייכצייטיק פילט ער, אַז ער איז נישט אין גאַנצן פריי מיט זיין פלאַנעווען: אים גייט נאָך, ווי אַ נאָענטער שאָטן, דער ציוניסטישער געדאַנק.

אין יעקאַטערינאָסלאַוו זיצט אַ רייכער, יונגער אינזשיניער, אַ פירער פון אַ ציוניסטישער יוגנט־גרופּע. ער איז עקשנותדיק און מאַקסימאַל. זיין נאָמען: מנחם אוסישקין. ווייצמאַן ווענדעט זיך צו אים מיט אַ פראַגע אויף וועלכן פאַקולטעט ער זאָל זיך פאַרשרייבן, כדי צו ברענגען נוצן פאַר יידן.

ער טראַכט בכלל נישט וועגן לערנען אין רוסלאַנד. דאָס וואָלט געהייסן פאַרקויפן די נשמה און פאַרדאַרבן די יונגע יאָרן אין ליגנס און דערנידערונגען. אַז אַ יידישער בחור פלעגט שוין יאָ אויסהאַלטן די ספּעציעלע עקזאַמענעס, איז אים אָנטקעגנגעקומען אַ צווייטע שוועריקייט: „אַ וווין־דערלויבעניש״. יידן פון „תחום־המושב״ טאָרן נישט וווינען אין די גרויסע שטעט, וווּ עס געפינען זיך די אוניווערסיטעטן. יידישע סטודענטן זוכן פאַרשידענע תחבולות, כדי אויסצומיידן רדיפות פון דער פּאָליציי. זיי בייטן כסדר דעם אַדרעס, אָדער פאַרשרייבן זיך פאַר פּאַכלייט, וועלכע עס איז דערלויבט צו וווינען אין די גרעסערע שטעט.

און דאַן קומט אַ גליקלעכער צופאַל: ערגעץ אין דייטשלאַנד, אין אַ שטעטל מיט אַ משונהדיקן נאָמען — פפונגשטאַט — זוכט אַ יידישער קינדער־אינטערנאַט אַ רוסיש־לערער פאַר די מזרח־תלמידים. בלויז אַ שעה רייזע פון דעם שטעטל געפינט זיך די דאַרמשטאַטער אוניווערסיטעט. אַט דער פאָרשלאַג דערקייקלט זיך צו ווייצמאַנען. אָן אַ פּאַס, אויף אַ האָלץ־טראַטווע איבערן בוג און איבער דער ווייסל, לאָזט זיך ווייצמאַן מיט זיין אָרעם פּעקל צום מערב.

ד״ר באַרנס, דער הויפּט פון אינטערנאַט, איז נישט שטאַרק באַ־

גייסטערט. חיים ווייצמאַן זעט אים אויס קליינשטעטלדיק, זיין דייטשיש לשון איז אָרעם און שטומפּיק.

אָבער נאָך ווייניקער באַגייסטערט איז דער פינסקער בחור. אַ טעמפּע דיסציפלין הערשט אין אינטערנאַט. מענטשן זענען קאַלט איינער צום צווייטן. עסן גיט מען ווייניק, דערפאַר אָבער קאָרמעט מען מיט אַ סך פּאַטריאָטישע דרשות. האַלב־הונגעריקע הערן די קינדער און לערער אויס ד״ר באַרנסעס לאַנגע לעקציעס וועגן ליבע צום פאָטערלאַנד. דאָס וואָרט „דייטשלאַנד" רעדט ד״ר באַרנעס אַרויס מיט אַ קלונג און מיט הנאה.

אין אַ פריקרער וועלט איז חיים ווייצמאַן אַריינגעפאַלן. די פרומקייט אין אינטערנאַט איז אַ קאַלטע, אַ צערעמאָניעלע, נישטאָ דאָ די וואַרעמע באַהעפטונג מיט גאָט, ווי אין מאָטעלע און אין פּינסק. אַ צעקרימטע יידישע נשמה באַווייזט זיך פאַר ווייצמאַנען און אין אים גייט אויף אַן עקל.

די אַרבעט אין אינטערנאַט איז איבער זיינע כוחות. דער הונגער לאָזט זיך פילן און די רייזעס קיין דאַרמשטאַט, אין אוניווערסיטעט, פאַלן אויף אים שווער. ווייצמאַן איז אויך נישט צוגעפאַסט צום לערן־קורס; די לימודים וועקן נישט קיין הנאה.

די לונגען ווערן אָנגערירט, זיין געזונט — אָפּגעשוואַכט. ווייצמאַן איילט זיך צוריק אַהיים. דורכגעפאַלן איז זיין ערשטער פּרווו איינצו־נעמען די מערב־וועלט.

ווייצמאַן לאָזט זיך אָבער נישט פאַרפירן פון אַ גורל־קאַפּריז. פּפּונג־שטאַט איז נישט די וועלט, טענהט ער. ער קלייבט אַ גראָשן צו אַ גראָשן און גרייט זיך אויף אַ נייעם שפרונג. ער אַרבעט אין פּינסק, אין אַ קליין כעמיש פאַבריקל, און ער טראַכט וועגן בערלין.

און אָט איז ער אין דער דייטשער הויפּטשטאָט. עס דריקט אויף אים דער אָנבליק פון די בערלינער דענקמאָלן און שווערע, פאַראַדנע גע־ביידעס. אין בערלין איז אָבער אויך פאַראַן אַ יידישע יוגנט־וועלט. סטודענטן פון ליטווישע און רוסישע שטעטלעך זאַמלען זיך אין די קליינע קאַפע־הייזער אויף אַלעקסאַנדער־פּלאַץ. ווייצמאַן זעט פאַר זיך שטאָלצע יידישע יונגעלייט, וואָס זענען פול מיט קאָמפּסלוסט פאַר יידי־שער און אַלגעמיינער באַפרייונג.

דאָס זענען די ווונדערלעכע יידישע בחורים: לעאָ מאָצקין, שמריהו לעווין, נחמן סירקין, און נאָך, און נאָך. זיי האָבן זיך זייער קרייז „דער

וויסנשאַפטלעכער קרײַז פון רוסישע יידן״. און זיי האָבן זיך גאָרנישט וואָס צו שעמען מיט זייער מזרחדיקייט. לעאָ מאָצקין, דער פעיקער מאַטעמאַטיקער און סאָציאָלאָג, באַצויבערט די מערב־סטודענטן מיט זיינע פיין־געבויטע לעקציעס. דער קלוגער שמריהו לעווין, אַ פּרעכטיקער רעדנער, וואָס פאַראייניקט אין זיך תורה מיט וויסן, איז דער ליבלינג פון הונדערטער. נחמן סירקין, דער פייערדיקער סאָציאַליסט, רודערט אויף מענטשן מיט זיינע געוואַגטע טעאָריעס. צענדליקער סטודענטן פון די געטאָ־שטעטלעך, באַרוישטע פון גאולה־חלומות, אַמפּערן זיך ביז שפּעט אין דער נאַכט איבער די וועגן צו דערנענטערן די אויסלייזונג פון רוסישן און יידישן מענטש.

וויצמאַן איז אַן אָפטער גאַסט אין די קליינע קאַפע־הייזער אויף אַלעקסאַנדער־פּלאַץ. ווי זיין שטייגער איז, האַלט ער אָנגעשפּיצט די אויערן און כאַפּט אויף יעדן נייעם געדאַנק. אין אָנהייב איז ער נישט דרייסט. זיינע נייע חברים רעדן שיין און בליציק, זיי זענען, ווי ער באַמערקט עס, „סטודענטן פון פילאָסאָפיע, געשיכטע, עקאָנאָמיע און רעכט, און ער, — נישט מער ווי אַ שילער אויפן כעמישן פאַקולטעט״. עס דויערט אָבער נישט לאַנג און ער לאָזט זיך הערן. אים איז שווער צו פאַרבלענדן מיט רייד בליציקע, אָבער אָרעמע אין אינהאַלט. ער האָט אַ מערקווירדיקן אופן פון מבטל זיין „פּוסטע רייד״. עס איז דאָ אַ באַזיגערישער כוח אין זיין מאַך מיט דער האַנט, אין זיין שפּאָט־געלעכטערל אין די אויגן.

וויצמאַן היט זיך נישט פאַרוואַנדלט צו ווערן אין „אַן אייביקן סטודענט״. אים שרעקט דער גורל פון יענע, וואָס האַלטן אין איין שרייבן דאָקטאָראַטן און קריכן קיין מאָל נישט אַרויס. ער האָט ליב תכלית, עס וואַרפט אויף אים אַן אימה יידישע אויסגעוואָרצלטקייט.

אים גייט נאָך די געשטאַלט פון זיינעם אַ פעיקן קוזין, וואָס איז געווען דער שטאָלץ פון שטעטל. ס׳איז נישט געווען קיין גרענעץ צו זיין וויסן. ער האָט זיך גענומען צו פאַרשידענע וויסנשאַפטן, אָבער נישט געוואָרצלט אין קיין איינער. אָט איז ער אַ פיזיקער, און אָט אַ כעמיקער. אָט לערנט ער שפּראַכן מיט גרויס הצלחה און פאַרנעם, און אָט ווערט ער גאָר אַ רב. לויפט ער ווידער פון רבנישקייט און ווערט אַ מאַטעמאַטיקער. און באַלד שרייבט ער אַ לאַנגע אַרבעט ווי אַזוי צו ראַטעווען די רוסישע פינאַנסן; זיינע אויספירן רופן אַרויס אינטערעס ביי ספּעציאַליסטן. אָבער ווו איז פּלוצעם פאַרשוווּנדן דער פעיקער עקאָנאָמיסט? לאָזט זיך אויס, אַז ער שרייבט גאָר איצט אַן אָפּערע און ער שוועבט אין דער וועלט פון מוזיק.

נישט איין מאָל באַדויערט ווייצמאַן די יידישע חריפות, וואָס גייט פאַרלאָרן אויף גאָרנישט. ווי גרויס איז די קללה פון נישט וועלן שלאָגן וואָרצלען! אַ סך מאָל וועט ער וועגן דעם רעדן און שרייבן אין די קומענדיקע טעג.

ער אַנטלויפט פון די קאָפּע־הייזער אויף אַלעקסאַנדער־פּלאַץ. ער איז איבערגעגעבן זיינע לימודים. ער פאַרשווינדט אויף גאַנצע טעג אין דער לאַבאָראַטאָריע.

שנעל לויפט אַדורך דאָס ערשטע יאָר אין בערלין. אויף די זומער־פעריען פאָרט ער אַהיים, קיין פּינסק, וווּהין עס האָט זיך דורך דער צייט אַריבערגעפירט די משפּחה.

פּינסק זעט איצט אויס גרויער און אומעטיקער — נאָך די גייסטרייכע אוונטן אין בערלין, נאָך די חדשים פון דער דאָרטיקער שעפערישקייט.

די יידן דאָ שלעפּן זיך, נעבעך, איבער די בלאָטעס און קאַלוזשעס. אַלץ אַזוי אָרעם, ענג און שטיקנדיק.

נאָך גוט, וואָס אין שטוב איז פריילעכער. עס קומען אַריין פריינד צו ברידער און שוועסטער, אומעטום ליגן אָנגעוואָרפן ביכער, מען לערנט, מען דיסקוטירט; עס פאַלן אָפט גרויסע ווערטער: „רעוואָלוציע", „גאולה", „מאָסקווע", „ירושלים".

דעם טאַטן איז איצט לייכטער געוואָרן מיט פּרנסה און ער האָט אַ ביסל פרייערע טעג. זיצט ער אין זיין באַזונדערן צימער און שרייבט פּירושים און פילאָזאָפישע עסייען.

די מאַמע, אַ גוטע און שמייכלדיקע ווי תמיד, פאַרלירט זיך נישט אין דעם גרויסן געוודער. זי דערלאַנגט צו די טישן גוטע מאכלים און דערביי וויל זי דערגיין ביי וועמען ס׳איז דער אמת אין די היציקע וויכוחים.

לאַנג ציען זיך די געצוווּנגענע פעריען: דער פּריזיוו פאַר ווייצמאַ־נען האָט זיך דערנענטערט. אים זענען דערווידער די קלוגע עצות ווי אַזוי זיך צו באַפרייען פון דינען „דעם פאָניע".

ער נעמט זיך אָן מיט מוט, פאָרט אין דער גובערניע־שטאָט, שטעלט זיך אַוועק פאַרן פּריזיוו־שעף און בעט אַ באַפרייונג. דער פּינסקער בחור רעדט וועגן ליכט און וויסן, — ווי שטאַרק רוסלאַנד נייטיקט זיך אין דעם, וועגן די מיליאָנען יונגעלייט וואָס פילן סיי ווי אָן די קאַזאַרמעס, וואָרעם עס פעלן נישט קיין מענטשן דעם ריזיקן לאַנד. דער הויכער

מיליטערמאַן לאָזט זיך איבערצייגן: אַ גוטער כעמיקער איז וויכטיקער ווי אַ שוואַכער סאָלדאַט.

ווייצמאַן איז באַפרייט פון מיליטער. די פּאָר חדשים, וואָס פעלן צום אָנהייב פון נייעם זמן אין בערלינער אוניווערסיטעט, ווידמעט ער דעם ציוניזם. ער פאָרט אַרום איבער די שטעטלעך, ווערבירט מיטגלידער פאַר דער „חובבי־ציון"־באַוועגונג. אים איז ליב און אָנגענעם דער קאָנ־טאַקט מיט די יידישע מאַסן. זיין האַרץ ווערט גערירט פון זייער טיפער אמונה, זייערע פאַראומערטע פּנימער צעלייכטן זיך ווען ער רעדט וועגן אויסלייזונג און אויפבוי. צווישן מנחה און מעריב, אין האַלב־טונקעלע בתי־מדרשים, הערן יידן זיך צו מיט נייגער צום בשורה־טרעגער פון דער גרויסער שטאָט.

איין מאָל, ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם העק, רעדט ווייצמאַן אין אַ קאַלטן שולעכל, פאַר אַ בינטל יידן. איינער אַ זקן נעמט נישט אַראָפּ פון אים די אויגן. נאָך דער דרשה פרעגט אים ווייצמאַן: „זיידעשי, איר האָט מיך פאַרשטאַנען?" — „ניין, יונגערמאַן, ענטפערט דער זקן, איך האָב אַ שווערע שמיעה, נישט פאַר אייך געדאַכט. אָבער אויב אַ יונגערמאַן ווי איר פאַרוואָגלט אַזש אַהער, זענען מסתמא אמתדיק די רייד אין זיין מויל". — אַט אַזעלכע איינדרוקן האָט ווייצמאַן פון זיינע נסיעות איבערן „תחום־המושב".

פון די פינסקער בלאָטעס האָט ווייצמאַן אָנגעהויבן זיין וועג און דערגרייכט ביז ווילנע, כאַרקאָוו און קיעוו; פון קליינע גרופּקעס יידן — ביז די גרויסע סטודענטן־אָרגאַניזאַציעס.

ווייצמאַן איז ווידער אין בערלין. אַ גרויסער שטערן באַווייזט זיך פּלוצעם איבערן הימל. עס איז אויפגעשטאַנען אַ מענטש, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ קליין ביכל — „דער יידנשטאַט" — און אויפגערודערט דערמיט אַ וועלט. אינעם יאָר 1896 טראָגט זיך פונאַנדער דער אויסרוף: אַ סוף זאָל נעמען צו יידישער היימלאָזיקייט! דאָס יידישע פּראָבלעם איז אַ וועלט־פּראָבלעם און מוז דעריבער געלייזט ווערן. אַ מדינה פאַרן יידישן פאָלק, צוגלייך מיט אַלע פעלקער אויף דער וועלט!

ווער איז ער דער מענטש? ווי רופט מען אים? יידן פון ווילנע און קיעוו האָבן פון אים קיין מאָל נישט געהערט. עפּעס אַ ווינער זשורנאַליסט, אַ שרייבער, ד"ר טעאָדאָר הערצל, אָבער דאָס איז אַ ייד מיט אַ נביאישן פּלאַם, און ער האָט דערקלערט אָפן און שאַרף: די וועלט וועט קיין רו

נישט האָבן ביז עס וועט נישט אויפשטיין די יידישע מדינה. דער יידישער חלום פון שיבת ציון, דער איינגעוואָרצלטער פון דורות, אין די אָרעמע, פאַרפינצטערטע שטעטלעך האָט זיך באַוויזן פאַר דער וועלט־עפנט־לעכקייט.

און אין אַן אַנדער אָרט האָט אויפגעשיינט אַ צווייטער שטערן, מיט אַ רויק, קלאָר ליכט — אחד־העם. פאַר אים איז נישט די מדינה דער עיקר, נאָר די אינערלעכע אויסלייזונג אין מענטשן. די יידישע גבורה איז אַנגעלאָדן אין גייסט, אין מאָראַל, אַ קולטור־צענטער אין ארץ־ישראל — יאָ, פאָליטישע אַוואַנטורעס — ניין! וואָס ווייסט ער, דער אַסימילירטער הערצל, וועגן ציון און ירושלים? — האָט זיך געבייזערט אחד העם — וואָס ווייס ער וועגן דער נביאים־ירושה, וועגן יידישער תשוקה נאָך נשמה־שלימות?

אחד העם איז אַרויף אויף דער יידישער אַרענע מיט שטילע טריט, אָן פּרעטענזיעס, ווי סתם איינער פון פאָלק. ער שרייבט זיינע עסייען מיט אַ קלאָרער, שאַרפער פען. פריער פאַר אַלץ רופט ער צו אינערלעכער צוגרייטונג. ער וויל נישט קיין פאַרשקלאַפטע פרייהייטס־מענטשן.

„דער יידישער מעדזיני” — רופט אים אָן ווייצמאַן. ער האָט ליב דעם אַראָמאַט פון יידישן גייסט, וואָס טראָגט זיך פון אחד העמס רייד.

צוויי שטערן, אויף קעגנזייטיקע פאָלוסן, לייכטן איבערן יידישן הימל — ווייצמאַן נעמט אויף דאָס ליכט פוןביידע.

דאָס זענען שטורמישע טעג. הערצל גרייט צו אַ ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס און אחד העם שרייבט רויק אָבער דורכדרינגלעך וועגן יידישע ווערטן און אמתן.

ווייצמאַן דערוויטערט זיך אויף אַ וויל פון יידישע ענינים. ער האָט אַ געלעגנהייט צו דערפרייען טאַטע־מאַמע: ביי אים איז פאַראַן אַ כעמישע דערפינדונג. דער פּראָפעסאָר גיט אים אַ רעקאָמענדאַציע צו אַ מאָסקווער פאַבריקאַנט. ווייצמאַן האָפט, אַז ער וועט דעם פּאַטענט זיינעם קענען גוט פאַרקויפן. ער באַראָט זיך מיט דער משפחה און מען באַשליסט, אַז ווייצמאַן זאָל פאָרן קיין מאָסקווע און דורכפירן די טראַנזאַקציע.

דער יונגער סטודענט יאָגט זיך אויף מזרח. ער רעכנט אויס די טעג. ער וויל זיין צוריק אין צייט, צו דער דערעפענונג פון גרויסן ציוניסטן־קאָנגרעס אין באַזעל, וואָס הערצל האָט פאַררופן. די דעלעגאַטן־לעגיטימאַציע פון די פינסקער ציוניסטן ליגט שוין ביי אים אין קעשענע.

אָט איז מאָסקווע. דער אַריינפאָר אין דער גרויסער שטאָט איז אַ פּריקרער: ווייצמאַן האָט נישט קיין וווין־רעכט, ער טאָר דאָ נישט זיין אַפילו קיין טאָג, אַפילו ווען ער קען באַרייכערן דאָס לאַנד מיט אַ וויכטיקער וויסנשאַפטלעכער ביישטייערונג. איין נאַכט שלאָפט ער איבער ביים פאַבריקאַנט, און די צווייטע — ביים געוועזענעם סעקרעטאַר פון די פינסקער „חובבי־ציון".

סאַראַ וויסטע דערנידערונג! און צו דעם אַלעם, האָט ער אויך דעם פּאַטענט נישט פאַרקויפט. מיט יאָרן שפּעטער וועט זיך אויף דעם געפינען אַ בעלן אין פּאַריז — אַ גרעסערער מבין און אַ בעסערער צאָלער.

ווייצמאַן איילט זיך צוריק אויף מערב, ער האָט שוין אָבער פאַרשפּעטיקט. אים איז נישט באַשערט געווען צו זען די גרויסע פּראַכט פון ערשטן ציוניסטן־קאָנגרעס אין באַזעל. 197 דעלעגאַטן פון דער גאַרער וועלט זענען געווען פאַרזאַמלט אין באַזעלער קאַסינאָ־בנין. אַזעלכע וועלט־צייטונגען, ווי דער „ניו־יאָרק העראַלד", „דיילי ניוס", „פראַנקפורטער צייטונג", האָבן געשיקט ספּעציעלע קאָרעספּאָנדענטן. אַפילו סקעפּטיקער זענען מיטגעריסן געוואָרן מיטן אַלגעמיינעם ענטוזיאַזם; אַלע האָבן דערפילט דעם צויבער פון טעאָדאָר הערצל. מען האָט קוים איינגעהאַלטן דעם אויסגעשריי: „זאָל לעבן דער מלך!"

די וועלט וויס איצט וואָס יידן ווילן: אַ היים, אין ארץ־ישראל, וואָס זאָל זיין אָנערקענט דורכן אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ!

דאָס אַלטע פאָלק האָט גענומען אויסגלייכן זיין רוקן. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער צוג צום צוגעזאָגטן לאַנד.

אין יאָר 1898 פאַרלאָזט ווייצמאַן בערלין. ער באַזעצט זיך אין דער שטילער שווייצאַרישער שטאָט פרייבורג, כדי דאָרט צוצוגרייטן זיין דאָקטאָראַט. ווייצמאַן האָט ליב דאָס קליינע פרייבורג, מיט די אַלטע, געשלענגלטע גאַסן, מיט די זכרונות פון ווייטע יאָרן. אין טאָל, צווישן פעלדזן, שטראָמט דער טייך סאַרין.

אין פרייבורג איז שטיל און געמיטלעך, אָבער נישט פאַר די רוסישע סטודענטן און פאַר די רעוואָלוציאָנערן, וואָס פּראַווען גלות אין דער שווייץ.

ווייצמאַן קען נישט באַגרייפן דעם יידישן רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט נישט קיין חוש פאַר די ליידן פון זיין פאָלק און איז רק פאַרנומען „מיט אויסלייזן די וועלט". עס עקלען אים די טעאָריעס וועגן „יידיש בלוט,

וואָס איז אייל אויף די רעדער פון דער רעוואָלוציע". עס איז פאַראַן אַ ציל אין יידישן קיום, טענהט ווייצמאַן, אַ ציל, וואָס וועט זיך נישט לאָזן פאַרשלינגען אין דער אַלגעמיינער רעוואָלוציע. אים איז אויך שווער צוזאַמענצוברענגען די תורה פון מאַטעריאַליזם מיטן פיבער און ברען פון דער יידישער נבואה. „אַ האַרטער נוס, דער פינסקער" — רעדן וועגן אים יידישע רעוואָלוציאָנערן.

מען פלאַנט איינצואָרדענען אַ דיסקוסיע־אָוונט, אין וועלכן עס זאָלן זיך באַטייליקן פון איין זייט — פּלעכאַנאָוו, דער רוסישער רעוואָלוציאָנער און סאָציאַליסטישער טעאָרעטיקער, און פון דער צווייטער זייט — חיים ווייצמאַן, דער נאַציאָנאַלער ייד.

ווייצמאַן אָריענטירט זיך ווייניק אין מאַרקסיזם, ער ווייסט אָבער איין זאַך: פאַראַן עפּעס אומגעוויינלעכס אין דער לאַגע פון יידישן פאָלק, וואָס מען קען נישט פאַרלייקענען. דער געדאַנק וועגן רוסלאַנדס באַ־פרייונג פון צאַרישן יאָך איז אים ליב און טייער, אָבער דער שכל זאָגט אים, אַז די רוסישע גאולה איז נישט קיין גאַראַנטיע פאַר יידישער אויס־לייזונג. אדרבא, ער איז גרייט צו דיסקוטירן איבער דער יידישער לאַגע מיטן גרויסן פּלעכאַנאָוו. און דאָס איז באמת געווען אַן אָטעם־פאַרכאַפּנ־דיקער פאַרמעסט.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער שרייבט ווייצמאַן צו לעאָ מאָצקין וועגן זיין גרויסן נצחון איבער פּלעכאַנאָוו. דער טאָן פון בריוו איז אַ האָפער־דיקער. ער קען נישט באַהערשן זיין פרייד און שטאָלץ. זאָל ער וויסן, לעאָ מאָצקין, דער יידישער יוגנט־פירער, אַז ווייצמאַן איז איצט דער ליבלינג פון דער סטודענטן־אינטעליגענץ.

די מערב־וועלט צו וועלכער ווייצמאַן האָט זיך געריסן, דורך פּפונג־שטאָט, בערלין און די שווייצאַרישע שטעט, איז פול געווען מיט צויבער און רייץ. איבער אַלץ און אַלעמען האָבן געשיינט צוויי שטערן, איינער אין מערב און דער צווייטער אין מזרח: הערצל און אחד העם.

דער מערב האָט געלאָקט, דאָס האַרץ איז אָבער פאַרבליבן אין מזרח.

4

עס קומען אָן מונטערע טעג. זומער 1899 באַקומען ווייצמאַן זיין דאָקטאָראַט. דער דיפּלאָם איז באַצירט מיט דער העכסטער אָפּשאַצונג:
MAGNA CUM LAUDE.

שנעל ווערט זיין נאָמען באַקאַנט אין דער כעמישער וויסנשאַפט. דער זעקס און צוואַנציק יאָריקער ווייצמאַן ווערט איינגעלאַדן אַלס דאָ־צענט אין דער זשענעווער אוניווערסיטעט.

די שטאָט איז שיין און צוציענדיק. זי שפּיגלט זיך אין דער בלוילעכער אָזיערע, און דער שטאָלצער, באַשנייטער מאָן־בלאַן באַהויכט אירע גאַסן און מענטשן מיט רו און גלאַנץ. אין טייך ראָן לויפן די וואַסערן מיט אַ פריילעכן געפּילדער און ס׳איז אָנגענעם צו שפּאַצירן ביי זיינע ברעגן.

ווייצמאַנען שפּילט צו דאָס מזל. אים געלונגט צו פאַרקויפן אַ פּאַטענט פון אַ דערפינדונג אויפן געביט פון דער פאַרבן־אינדוסטריע און ער ווערט פריי אויף אַ געוויסער צייט פון פּרנסה־דאגות. די משפּחה אין פּינסק איז שטאָלץ „מיט איר פּראָפעסאָר" פאַר זיינע אויפטוען.

ווייצמאַן לאָזט זיך וואַקסן אַ לאַנגע שוואַרצע באָרד, וואָס גיט צו חן זיין געלבלעכן פּנים. ער איז דער ליבלינג פון אַ סך סטודענטינס, יונגע פרויען זוכן זיין געזעלשאַפט און ער באַקומט בריוו מיט פאַרערונג און ליבע־געזאַנגען. ער איז גייסטרייך און בליציק, זיין הומאָר איז שאַרף, אָבער אָנגענעם.

דעם יונגן דאָצענט ציט צו דער שטאָלצער פריילין פון ראָסטאָוו — ווערא כאַצמאַן. זי איז אַנדערש ווי די איבעריקע, זי האָט דעם צויבער פון אַ ווייטער, פרעמדער וועלט. איר איז דערווידער דער כסדרדיקער געפּילדער פון די סטודענטן־רעוואָלוציאָנערן, ציוניסטן. זי האַלט זיך רעזערווירט, שטאָלץ; אין דעם ווייטן ראָסטאָוו אויפן דאָן האָבן יידן ווייניקער געליטן. זייער לעבן איז געווען רויקער, מער פאַרוואָרצלט אין דער רוסישער ערד.

ווערא איז שלאַנק, איר פּנים — לענגלעך און ערנסט, דער בליק אין אויג — באַפעלעריש. יעדער שטריך אין איר זאָגט עדות אויף אַ שטאַרקן כאַראַקטער און אויף אַן אייגענעם דרך.

ווערא פילט אַרויס וויצמאַנס אינערלעכן אומרו; זיינע כעס־אויפֿ־ברויזן שרעקן איר נישט. זי ווייס, אַז דאָס איז דער שוים איבער אַ קאָכיקן ים. זי וואָלט וועלן דערגרונטעווען זיך צו די נשמה־טיפֿענישן פֿון יונגן דאָצענט. זיין שפּרודלדיקייט, זיין כעס, זיין זאָרג — זיי רייצן און אינטריגירן דער שטאָלצער ראָסטאָווער סטודענטין. אַ וואָסער איז דער אידעאַל, וואָס קען אַזוי פֿאַרשלינגען אַזאַ יונגן און שאַרפֿזיניקן מאַן ווי דער דאָצענט? — פֿרעגט זיך ווערא.

ווערא און ד״ר וויצמאַן טרעפֿן זיך אָפֿט. ער איז מייסטן טייל שטי־פֿעריש, און זי — דערהויבן, ווי נישט צום דערגרייכן.

אָבער טייל מאָל קומט ער צו איר אַ פֿאַרזאָרגטער. זיין פּנים איז גרינלעך און עס פֿילט זיך זיין אינערלעכער אויפֿברויז. אָט איז איינער פֿון אַזעלכע אָוונטן:

וויצמאַן זיצט אין ווינקל אויף דער שמאָלער קאַנאַפּע אין ווערא'ס סטודענטן־צימער, זיינע אויגן זענען האַלב צוגעמאַכט און ער רעדט, דוכט זיך, ווי צו זיך אַליין:

— די ציוניסטישע קאָנגרעסן קייקלען זיך באַרג־אַראָפּ. איך האָב נישט זוכה געווען צו זיין אויפֿן ערשטן, יום־טובדיקן קאָנגרעס, אָבער פֿון צווייטן אָן האָב איך קיין איינעם נישט פֿאַרפֿעלט, און פֿאַרגעקומען זענען שוין אָן עין־הרע פֿיר. אָנגעהויבן האָב איך ווי אַ פּשוטער זעלנער: אויפֿן צווייטן קאָנגרעס האָט מען מיך מכבד געווען מיט זיין דער דיזשורנער, אָנצווייזן די דעלעגאַטן וווּ זיי האָבן צו זיצן און איך דאַרף זיך נישט קלאָגן; מיינע פּאָסטנס אין די קאָנגרעסן האַלטן אין איין שטייגן. אָבער וואָס איז זייער אינהאַלט, מישטיינסגעזאָגט? הדרת־פּנימדיקע יידן, אָדער סתם אויפֿגעקומענע מיוחסים, ווילן צוגעבן קאָליר און וואָגיקייט זייערע זומער־רייזעס, שליסן זיי איין אין זייער טור אויך דעם ציוניסטישן קאָנגרעס. דאָס זענען „זומער־ציוניסטן". זענען זיי דען דעלעגאַטן פֿון פֿאָלק? ווייסן זיי דען וואָס עס באַאומרויקט די מאַסן? אָט די שיינע יידן העלפֿן מאַכן אַ רושם אויף דער אויסערלעכער וועלט, אָבער וואָס פֿאַראַ נוץ האָט פֿון זיי דער ציוניסטישער קאָנגרעס?

אַך, דער פּוץ, דער אויסערלעכער פּוץ! פֿאַר וואָס איז אין דעם אַזוי פֿאַרליבט הערצל, דער פֿירער? ווען מ׳וואָלט געטאָן אַ טאָג־טעגלעכע ממשותדיקע אַרבעט, וואָלט דאָך נישט נויטיק געווען דאָס פֿייערווערק, וואָס מען שיסט אויס אויף די קאָנגרעסן, די באָמבאַסטישע פּראָיעקטן, וואָס פֿאַרגייען שנעל ווי אַ ווינטערדיקע זון.

אָט בין איך געפֿאָרן קיין לאָנדאָן צום פֿערטן קאָנגרעס, געפֿאָרן מיט

אַ פול האַרץ האָפענונגען. און וואָס האָב איך געזען? ווידער אויסערלעכן גלאַנץ און דער ווילן צו מאַכן אַ רושם אויף לאָנדאָן, דעם פּאָליטישן וועלט־צענטער.

איך וועל דעם קאָנגרעס לאַנג, לאַנג נישט פאַרגעסן. די דעלעגאַטן אין רחבותדיקן זאַל האָבן זיך געלאָזט פאַרוויגן פון גרויסצוגיקע פּלענער וועגן אַ יידישער מדינה, און אין דרויסן, ביי די טירן און פענצטער, האָבן געשטורעמט יידישע עמיגראַנטן פון רומעניע, וואָס זענען געבליבן שטעקן אין לאָנדאָן, אויף זייער וועג קיין אַמעריקע. פון איין זייט דער הויך־קלינגענדיקער חלום, און פון דער צווייטער — די גרויעווירקלעכקייט. ווי נישטיק האָט פאַר מיר אויסגעזען דער קאָנגרעס אין יענעם מאָמענט. די אומגליקלעכע וואַנדערער האָבן אויסגעשטרעקט די הענט, געבעטן נדבות, און מיר, די דעלעגאַטן, וואָס האָבן מיר זיי געהאַט צו זאָגן? האָבן מיר זיי געקענט אָנווייזן אויף ממשותדיקע מעשים, וואָס זאָלן זיי טרייסטן, לינדערן זייער ווייטיק? איך האָב ווידער איינגעזען ווי נאַריש און פאַר־ברעכעריש עס איז דאָס פוצן זיך אין רוישיקע דעקלאַראַציעס, אַנשטאָט צו בויען און זייען אין יידישן לאַנד.

אַך, דער קאָנרעס אין לאָנדאָן! געקומען בין איך אַהין צוזאַמען מיט מיין אַלטן פעטער בערל, וואָס האָט זיך געלאָזט קיין אַמעריקע. דאָס האָב איך, דער וועלט־מענטש, אים געדאַרפט דינען אַלס וועגווייזער, אים העלפן אין דער גרויסער שטאָט ביים זיך פאַרשיפן. דערליידיקט וואָס ס'איז געווען צו דערליידיקן, האָב איך זיך געזעגנט אין פאָרט מיטן אַלטיטשקן. ערשט אַ פאָר שעה שפּעטער — דער פעטער וואַקסט ווידער אויס לעבן מיר. לאָזט זיך אויס, אַז ער האָט פאַרלאָרן אויף דער וויקטאָריאַ־סטאַציע זיין פעקל שפּייז, און דער עיקר — זיין טלית און תפילין. האָב איך מיך אַרויסגעלאָזט מיטן פאַרדאגהטן פעטער איבער לאָנדאָן, זוכן די אבידה. איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן דעם אַלטיטשקנס פּנים, דאָס פּנים פון אַ יידישן נע־ונדניק, — קען דען זיין עפּעס אומעטיקערס פון דעם? איך פּיל אין די נעכט, ווי עס רינגלען מיך אַרום שאָטנס פון טויזנטער וואָגלער איבער ימען און יבשות.

ווערא באַנעמט ווייצמאַנס טיפן צער. זי פאַרשטייט, אַז זיינע כעס־ן־איפברויזן זענען אַ פועל־יוצא פון שווערע קאַמפן און ליידן. ער ווערט איר נענטער, ווען ער רעדט וועגן זיינע פאַרמעסטן מיט די גדולים אין דער באַוועגונג; ער ווערט איר ליבער, ווען זי הערט אַרויס די גרויסע עקשנות וואָס לעבט אין אים. זי בלאָזט פונאַנדער אָט די פונקען פון אומצופרידנקייט. זי וויל פעסטקייט, אַ האַרטנעקיקן גאַנג פאָרויס.

ווערא דערמאָנט זיך אין עפּעס און רופט אויס:

— און הערצל?

— הערצל איז אַ גועניאַלער אָרגאַניזאַטאָר. און ווער קען דען פאַר־לייקענען דעם גרויסן צויבער פונעם מעכטיקן אָדלער, וואָס איז פון די הימל־בלויקייטן אַרונטער צום פאַלק. איך האָב זיך אַרומגעטראָגן מיט זיין בילד, און איין מאָל איז עס צוגעשיקט. צוזאַמען מיט נאָך חברים האָב איך צוגעשריבן ווערטער פון ליבּ און באַוווּנדערונג. אָבער... הערצל איז ווי אַ יום־טוב, וואָס וויל נישט אַראָפּנידערן צו די וואָכעדיקע טעג. איך צווייפל צי הערצל באַנעמט די ווערטן וואָס עס האָט אין זיך די יידישע קולטור; צי באַנעמט ער, אַז אָט די ווערטן און ארץ־ישראל שאַפן איין גאַנצקייט. מיר, די יוגנט, האָבן דערווייל נישט מצליח געווען איינ־צושפּאַנען הערצלען אין דער קולטור־נאַציאָנאַלער אַרבעט. עפּעס אַ חלל איז פאַראַן צווישן אים און די רוסישע יידן. יאָ, זייערע ליידן מאַטערן אים, אָבער ער זעט בלויז די פיזישע ליידן. צי זעט ער אויך די ליידן, וועגן וועלכע עס רעדט אחד־העם? און דאָך, ווי באַצויבערנדיק דער מענטש איז, ווי ריזיק גרויס איז זיין השפּעה.

ווערא שטייט צו, זי פרעגט ווייצמאַנען וועגן זיין קאָנקרעטן וואָפן אין דעם פאַרמעסט מיט יענעם אָדלער, וואָס האָט אַראָפּגענידערט פון די בלויקייטן.

ווייצמאַן קוקט איר אָן מיט באַוווּנדערונג, ער שמייכלט: דער גורל איז צו אים גוט געווען, עס זיצט אַנטקעגן אים אַ גרויסע לעבנס־חברטע.

אין ווייצמאַנען גייט אויף אַ ווילן צו פירערשאַפט. עס איז שוין צייט, אַז ער זאָל זיך פאַרמעסטן מיט מענטשן, וואָס זעען אויס ווי נישט צום דערגרייכן. ער פילט, אַז ער דאַרף אויפהייבן זיין קול קעגן הערצלס געלאָף צווישן מלכים און הערשער, זיי זאָלן באַווּיליקן ארץ־ישראל פאַר די יידן.

עס שרעקט אים נישט איבער דער הויך־קלינגענדיקער נאָמען פון ד״ר נאָרדוי, דער באַרימטער שרייבער און דענקער, הערצלס רעכטע האַנט. ער צווייפלט אין דער אמתער תוכיקייט פון נאָרדויס גלענצנדיקע רעדעס.

ווייצמאַן טראַכט וועגן אויפשטעלן אַן אָפּאָזיציע קעגן טעאָדאָר הערצל, ער קען אָבער נישט זיין אַ פירער אָן אַ מחנה. ער ווענדעט זיך צו דער יוגנט, ער וויל זי פאַרוואַנדלען אין אַ קעמפערישן אַוואַנגאַרד.

ווייצמאַן שלאָגט פאַר לעאָ מאָצקינען צו רופן אַ יוגנט־קאָנגרעס. מאָצקין איז נישט שטאַרק צופרידן מיט ווייצמאַנס שטופּן זיך אין די ערשטע רייען. ווייס ער דען נישט, דער דאָצענט, אַז שוין זינט אַ צייט אַרבעט ער, מאָצקין, אויף אַן ענלעכן פּראָיעקט?

שאָטנס הייבן אָן זיך צו שפּרייטן צווישן די ביידע פריינד. מאָצקין דערפילט ווייצמאַנס עקשנותדיקן גאַנג צו זיין ציל.

ווייצמאַן רעכנט זיך ווייניק מיט דעם ווער עס איז דער פירער ביי דער יוגנט. ער האָט פאַר זיך אַן אויפגאַבע, וואָס ער מוז פאַרווירקלעכן, און דאָס איז דער עיקר. מעג אויף אים פאַראיבל האָבן לעאָ מאָצקין, דער אַלץ ווייסנדיקער, אָדער עמעצער אַנדערש. נישטאָ קיין צייט זיך צו שפּילן אין פאָרמאַליטעטן. ווייצמאַן זיצט אָפּ יעדן טאָג לאַנגע שעהען ביי זיין שרייבטיש און צעשיקט צענדליקער בריוו צו דער שטודירנדיקער יוגנט. ער רופט זי אויף אַ קאָנפערענץ, וואָס וועט דאַרפן צוגרייטן אַן אַלגעמיינעם קאָנגרעס פון דער יידישער אינטעליגענץ. איינס איז אים קלאָר: געוויסע עלעמענטן אין דער באַוועגונג ווילן אַריינטאָן דעם אַלטן שימל אין אַ נייער כלי, און דאָס וועט ער נישט דערלאָזן. ער פילט, אַז די קאָנגרעסן טאָפּטשען אויף איין אָרט. פילבאַרע און אויפריכטיקע מענטשן וואַרטן אויף אַ ניי וואָרט, אויף אַ טעטיקייט, וואָס זאָל קענען געבן אַן ענטפער אויף די פּראָבלעמען פון דער קעגנוואַרט. גענוג געקלאַפּט אין די גוישע הויפן, גענוג געוואַרט אויף אַ גוט וואָרט פון פרעמדע ליפּן. זאָל דאָס פאָלק, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַליין ווערן דער שמידער פון זיין גורל.

די גאַסן אין מינכען זענען נאָך פאַרשנייט, אָבער אין דער לופט פילט זיך שוין דער אָטעם פון פרילינג.

ווייצמאַן שפּרייזט אַ צעשמייכלטער, כאָטש עס שטעכן אין זיינע אויגן די גאָטישע בנינים. עפּעס פּאַסן זיי זיך נישט אַריין אין זיין פרילינג־געמיט. ער יאָגט פון זיך דאָס בילד פון קלויסטער־און טורעם־שפּיצן, ער טראַכט וועגן מזרח־זון און מזרח־פעלדער.

ביז שפּעט אין דער נאַכט איז ער נעכטן געזעסן אין אַן אַנגערויכערטער קאַפע און איינגעטענהט מיט די סטודענטן וועגן זיינע פּראָיעקטן. ער האָט זיך אַרומגעריסן מיט די מאַרקסיסטישע גאונים — ווי ער רופט זיי — און צום וויפלטן מאָל באַוויזן די ספּעציפישקייט פון דער יידישער פראַגע.

כאָטש ער איז די נאַכט וויניק געשלאָפן, איז ער פריש און מונטער. ער שפּרייזט צום קאָנפערענץ־זאַל, ווו פאַרטרעטער פון די סטודענטן־גרופּירונגען אין דייטשלאַנד און שווייץ ווי אויך וועלן דאַרפן נעמען אַ שטעלונג צו דער ציוניסטישער באַוועגונג און צוגרייטן אַ פּראָגראַם פאַר ממשותדיקער אַרבעט.

ווייצמאַן איז אויפגעלייגט און קעמפעריש. אין זיין דערעפענונגס־רעדע רייסט ער אַרונטער דעם גלאַנץ און צויבער, וואָס רינגלען אַרום די ציוניסטישע פירערשאַפט. „דערווייל האָט מען אונדז געקאָרמעט מיט פּלפּולים, דיסקוסיעס, דרשות און אויסערלעכע דעמאָנסטראַציעס. ביי אונדז פעלט די שטויסקראַפט און דאָס פרישע לעבן, וואָס מען טרעפט אין טעטיקע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען"... „אונדז באַנוגנט נישט דער שאַבלאָן, וואָס דער אָפיציעלער ציוניזם האָט פאַר זיך אָנגעצייכנט"... „זיין טרוקענער און באַגרענעצטער דאָגמאַטיזם לאָזט נישט איבער קיין פּאַסיקן פּלאַץ, אַז עס זאָלן אין אים אויפקומען די כוחות וואָס לעבן אין פאָלק".

און דאָ רעכנט זיך ווייצמאַן אָפּ מיט די מנהיגים, וואָס ווייזן נישט אַרויס קיין אויפריכטיקן ווילן צו פירן אַ קולטור־אַרבעט צווישן די ברייטע שיכטן פון פאָלק. די יוגנט מוז אויף זיך נעמען אָט דעם חוב. און דער עיקר וואָס ער וויל — גיט ווייצמאַן צו — איז נישט קיין שיינע דרשות, „נאָר צוגרייטן זיך עולה צו זיין אין אונדזער לאַנד און דאָרט אַרבעטן און בויען".

ווייצמאַן וועקט ענטוזיאַזם ביי דער יוגנט. די באַשלוסן אויף דער קאָנפערענץ זענען ווייטגייענדיקע. אַ סוף זאָל קומען — ווערט אויסגע־רופן — צו דער מאַזאָכיסטישער איינשטעלונג, וואָס פאָדערט דווקא, אַז די יידישע אינטעליגענץ זאָל זיין „די טרעגערין פון וועלט־צער". „לאָמיר לערנען דאָס לעבן און קולטור פון פאָלק, אין אַלע זיינע אַנט־פּלעקונגען, און ווערן די טרעגער פון דער דערהויבענער טראַדיציע, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דער יידישער געשיכטע, באַלויכטן מיטן ליכט פון נייע אידעאַלן".

די יוגנט איז פול מיט התלהבות. מען אַפּלאָדירט אַ רעזאָלוציע, וואָס פאָדערט אויף צו פאָרשן מיט וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן די באַדינ־גונגען אין ארץ־ישראל און פאָרשלאָגן נייע פאָרמען פון קאָלאָניזאַציע. גענוג זאָל זיין מיט אַ באַוועגונג, וואָס באַנוגנט זיך מיט זאָגן „יאָ" אויף אַלע פאָרלאַנגען און פּראָיעקטן פון דער פירערשאַפט — זאָגט אַ צווייטע רעזאָלוציע. זאָל די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע עפענען די טירן פאַר די פאַרשידענע פראַקציעס, וואָס כאָטש זיי האָבן אַנדערע מיינונגען,

און גלייבן אין אַנדערע שיטות, זענען זיי אָבער באַהויכט מיטן אידעאַל פון יידישער אויסלייזונג.

און איצט — באַגייסטערן זיך די יוגנט־דעלעגאַטן — וועט מען צו־זאַמענרופן אַן אַלגעמיינעם קאָנגרעס פון דער יידישער אינטעליגענץ און מען וועט גרינדן אַ נייע פּראַקטיע, וואָס וועט אויפהייבן די פּאַן קעגן הערצלס דיקטאַטאָרישער פּירערשאַפט.

עס דויערט נישט לאַנג, און עס קומען אויף די ערשטע ביטערע ספיקות. ווייצמאַן איז אַ שטימונגס־מענטש.

אַן אומדערהערטע זאַך קומט פאָר. אַ דעלעגאַציע מיט אחד־העמען בראש, וואָס איז ספּעציעל געקומען קיין פּאַריז כדי זיך צו זען מיטן באַראָן ראָטשילד און פועלן ביי אים, אַז זיינע דירעקטאָרן אין ארץ ישראל זאָלן אַרויסווייזן אַ מענטשלעכערע באַציונג צו די קאָלאָניסטן, איז באַ־האַנדלט געוואָרן מיט דערנידערונג און ביטול.

דער באַראָן האָט זיך אַ וואָרף געטאָן: „די קאָלאָניעס זענען מיינע און איך וועל זיי פירן ווי איך וויל".

אַ פּאַטערלעכע ליבע צום ארץ־ישראל־אויפבוי האָט געלעבט אין האַרץ פון באַראָן און נישט צום אָפּשאַצן איז זיין אויפטו. אָבער יענער טאָג אין פּאַריז איז פאַר דער דעלעגאַציע געווען גאָרנישט קיין אָנגענעמער.

ווייצמאַן איז ספּעציעל געקומען קיין פּאַריז, הגם ער איז נישט געווען קיין מיטגליד פון דעד דעלעגאַציע. שונאים זאָגן, אַז ער שטופּט זיך אומעטום. ער גיט זיך אָבער נישט אָפּ דערפון קיין חשבון. עס זעט אים אויס נאַטירלעך, אַז ער איז דאָרט, ווו עס ווערט דעצידירט וועגן וויכטיקע ענינים.

ווייצמאַן פאַלט אַריין אין אַ געדריקטער שטימונג. זיינע רייד זענען גאַליק־ביטער. ער רייסט שטיקער פון די „גביראָקראַטן" און גלייכצייטיק פון די פאָלקס־מאַסן, וואָס זענען נאָך נישט רייף צום באַפרייונגס־קאַמף. ווו נעמט מען אַ פירער — פרעגט ער — וואָס זאָל אויסגלייכן דעם רוקן פון די פאַרשקלאַפטע? ווו נעמט מען אַן אַמאָליקן נביא, וואָס וואָלט געקענט ברענגען יידישע רעהאַביליטאַציע? ווייצמאַן איז פאַרצאָרנט, ווייל ער זעט נישט פאַר זיך דעם מענטש, וועלכער וואָלט געקענט אויסהיילן די ווונדן, וואָס דער לאַנגער גלות האָט צעעפנט אין יידישן מענטשן.

פאַר אַן אינטימען חבר גיט ווייצמאַן אַ זאָג, אַז דער ציוניזם איז פאַר אים נישט מער ווי אַ פּרווו, אָבער אַ פּאָר טעג שפּעטער שמייסט ער

זיך אומברחמנותדיק, פאַר וואָס ער האָט נישט געקענט האַלטן זיין צונג. פון אָט דער מידה זיינער נישט צו קענען האַלטן די צונג, וועט ער נאָך אַ סך ליידן אין די קומענדיקע טעג און יאָרן!

וויצמאַן זוכט אַן אַנטרינונג אין זיין וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. ער שרייבט מיט ענטוזיאַזם וועגן די מעגלעכקייטן פון כעמישע צוזאַמענ־שטעלן, געבויט פון גרויסע מאָלעקולן. זיינע טעג פאַרברענגט ער אין דער לאַבאָראַטאָריע. דאָך פילט ער, אַז דער ציוניזם לאָזט זיך נישט פאַר־טרייבן. ער זיצט ביים מיקראָסקאָפּ און ער הערט די שטים פון ציון.

ער האָט גענוג סיבות אויף צו זיין אומצופרידן. ערגעץ ווו איז פאַרשוווּנדן דער ענטוזיאַזם, וואָס די יוגנט האָט אַרויסגעוויזן אויף דער קאָנפערענץ אין מינכען. די צייט גייט אַוועק מיט גאָרנישט, שטראָפט זיך וויצמאַן. ווו איז דער קאָנגרעס פון דער יידישער אינטעליגענץ, וועלכן מען האָט געפּלאַנט אין מינכען? ווו איז דער אָפּרוף פון דער יוגנט?

וויצמאַן וואַרפט זיך ווידער אַריין אין דער אַרבעט, ווידער צעשיקט ער בריוו און אַנקעטעס צו נאָענטע און ווייטע. ער פאַרנאַכלעסיקט אויף גאַנצע טעג די לאַבאָראַטאָריע.

סאַראַ וווּנדערבאַרע, שטורמישע יוגנט־טעג. יונגע מענטשן ווילן עפענען נייע וועגן, אַ שפּרונג טאָן מיט איין מאָל אויף די הויכע לייטער־שטאַפּלען. מען לעכצט אריינצוברענגען ליכט צווישן די גרויסע מאַסן, געבן זיי אַ נייעם תוכן אין לעבן.

וויצמאַן צייכנט אָן וויכטיקע אויפגאַבעס, וואָס זיינע יוגנט־פריינד וואָלטן געקענט פאַרווירקלעכן. אָט איז מאַרטין בובער, אַ קולטור־מענטש. וויצמאַן איז זיכער, אַז דער שפּרודלדיקער סטודענט וואָלט געקענט זיין דער גייסטיקער וואָרטזאָגער פון דער יוגנט. ווי שיין דער דאָזיקער בובער גיסט איבער אין די מערב־כלים אומצאָליקע, פּרעכטיקע פּערל פון יידישע אוצרות.

אַ צווייטער כוח: בערטאָלד פייוול, דער פילבאַרער דיכטער, וואָס איז גלייכצייטיק באַשאַנקען מיט אַ קלאָרן חוש פאַר פּאָזיטיווע טאָג־טעגלעכע ווערטן. און צענדליקער אַנדערע יוגנטלעכע, וואָס מ׳קען מיט זיי אַ וועלט איינעמען. און דאָך...

וויצמאַן פאַרברענגט אָפט מיטן דיכטער פייוול, טעג און נעכט ערגעץ אין אַ פּענסיאָן, אין אַ וואַלד, לעבן שניי־באַדעקטע בערג. ביידע איילן צו

דער שויס פון דער נאַטור, אַפּצופרישן די כוחות. מען שמועסט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרייַן, וועגן דער יומטובדיקייט וואָס באַהערשט דעם מענטש אונטערן ליכט פון אַן אידעאַל, און וועגן דער וואָכעדיקייט וואָס לאָזט זיך אַראָפּ, ווען עס קומען די טעג פון פאַרווירקלעכן פייערלעכע הבטחות אין רעאַלע מעשים. ווייצמאַן באַמערקט אָפּט, אַז דער מענטש איז אין אַן אייביקן געראַנגל צווישן ווילן און מעגלעכקייט, צווישן די לעכצונגען נאָך נשמה־יתירה און די אינסטינקטן פונעם אייגענעם איך.

— אָט זע, טאָלדי, — גיט זיך ווייצמאַן אַ קער צו זיין ליבן פּייזול — פאַרוואָס זענען מיר נישט מקריב מער פון אונדזער אייגענעם נפש? מאַרטין בובער וואָלט מער געקענט געבן דער באַוועגונג, און אויך דו און אויך איך. נישטאָ קיין גרעסערע געפאַר פאַרן מענטש ווי דאָס פאַר־וויגן זיך אין צוביבער פון די אייגענע שיינע רייד.

אָט האָבן מיר שוין די „דעמאָקראַטישע פראַקציע", — אונדזער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן אָנגעצייכנט וויכטיקע אויפגאַבן פאַר דעם און פאַר יענעם. איך האָב נישט איין מאָל געוואָרנט, אַז אונדזער „דעמאָק־ראַטישע פראַקציע" וועט געמשפּט ווערן לויט אירע מעשים און נישט לויט אירע רעשיקע לאָזונגען. מיר האָבן פאַרגעבראַכט פאַרן פינפטן ציו־ניסטישן קאָנגרעס דעם פּלאַן פון אַ יידישער אוניווערסיטעט אין ירושלים, ווי אויך אַנדערע פּראָיעקטן פון אַ פאַרצווייגטער קולטור־אַרבעט. ווו זענען די מעשים, טאָלדי? — פרעגט ווייצמאַן, מיט אַ ציטער אין זיין קול — גאַנצע טעג האָב איך געשריבן בריוו צו דער יוגנט, געזוכט הילף פאַר אונדזערע פּלענער, און דער רעזולטאַט איז אַ נעבעכדיקער.

טאָלדי איז אַ היילונג פאַר ווייצמאַנען. דער איידעלער פּאָעט צעעפנט פאַר אים וועלטן פון שיינקייט און ליריק. ווייצמאַן שרייבט ווערן פון זיין פאַרוואָרפענעם פענסיאָן, ערגעץ אין די בערג, רואיקע בריוו, מיט אַ סך נאַטור־באַשרייבונגען.

אין איינעם אַ פרימאָרגן גיט זיך ווייצמאַן אַ פרעג: מאָך איך נישט קיין טעות לגבי מיין פאָלק? זענען דען באַרעכטיקט מיינע ספיקות? ער פילט, אַז ער מוז ווידער אַ מאָל צוליגן זיין האַרץ צום דופק פון די יידישע מאַסן. ער שרייבט ווערן, אַז ער גרייט זיך צו אַ וויכטיקער רייזע.

און אָט איז רוסלאַנד, די ריזיקע ערד, מיט יידישע שטעט און שטעטלעך אָן אַ צאָל. ווייצמאַנען איז ליב און טייער דער צוזאַמענטרעף מיטן פאָלק. ער שטעלט פאַר פאַר ווערן די יידישע מאַסן, וואָס האָבן אין זייער שויס אַ געטלעכע קראַפט, אַ פאָלק וואָס טראָגט אין זיך די זאָמען פון דער וועלט־מאָראַל.

די רייזע איבער רוסלאַנד פּילט וויצמאַנען אָן מיט נייע כּוחות. ער וויסט איצט מיט אַ פרישער קלאָרקייט, אַז ער האָט אין וועמעס נאָמען צו קעמפן און אַז גרויס איז די מחנה הינטער אים.

וויצמאַן ווערט אימפּעראַטיוו; ער גיט אָנווייזונגען זיינע יוגנטלעכע פריינד, וואָס זיי זאָלן רעדן און שרייבן. דער עיקר איז מעשים — וואָרנט ער. ער שלאָגט ווידער פאָר צו שיקן אַ דעלעגאַציע קיין ארץ־ישראל, כּדי צו שטודירן אויפן אָרט דעם מצב און זען וואָס מ׳קען טאָן. ער שטעלט אַרויס זיין קאַנדידאַטור פאַר אַזאַ פאָרשונגס־רייזע. ער איז גרייט זיך צו באַנוגענען מיט די מינימאַלסטע באַדערפענישן, אַבי מ׳זאָל אים געבן די מעגלעכקייט פאַר אַ דירעקטן קאָנטאַקט מיט דער קאָלאָניזאַטאָרישער אַרבעט אין ארץ־ישראל.

1903. לאַנגזאַם ציען זיך די טעג. שווערע געפילן גייען אויף אין יידישן האַרץ. עפּעס אַ פּחד הענגט אין דער לופט.

הערצל אַנט, אַז עס גייען אויס זיינע טעג אויף גאָטס ערד. ער איז געוועזן דער אָנזאָגער פון דער גאולה, און זי זאַמט זיך ביז גאָר. ער זעט דעם אויפרייס־שטאָף, וואָס זאַמלט זיך אין די יסודות פון יידישן לעבן אין רוסלאַנד. ער דערפילט דעם גרויל פון געיעג מיט דער צייט, זיין גאַנצער וועזן איז פול מיט אַ טיפן אומרו.

ווי אַ דונער פון אַ בלויען הימל, ברעכט אויס דער פּאָגראָם אין קישיניעוו. געשען איז עס אין די פרילינג־טעג פון 1903. יידיש בלוט האָט געדאַרפט אָפּציען די מאַסן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און אירע לאָזונגען. ווידער אַמאָל האָט הערצל דערזען באַשיינפּערלעך, ווי הפקרדיק עס איז יידיש לעבן. און ער איז דאָך דער גאולה־אָנזאָגער, — ער מוז דאָך וויזן דעם פאָלק אַ וועג, וואָס זאָל פירן צו פרייהייט.

נאָך לאַנגע אָנטוישונגען איז געקומען אַ בעסערער טאָג. אין הערצלס פּאָרטפעל ליגט אַ זעלטענער פּראָיעקט: ענגלאַנד איז גרייט איבערצוגעבן צו יידן, אויף קאָלאָניזאַציע־צוועקן, אַ גרויס, פּרוכטבאַר לאַנד — אוגאַנדאַ. דאָס מאָל איז עס נישט סתם אַ פּראָיעקט, נאָר אַ פּלאַן וואָס טראָגט אויף זיך דעם אָפיציעלן שטעמפּל פון דער ענגלישער רעגירונג, אַ פּלאַן וואָס איז דערגרייכט געוואָרן דורך הערצלס רעכטער האַנט אין ענגלאַנד, דורכן פעיקן און וויכטיקן עסקן י. ל. גרינבערג.

הערצל איז באַגייסטערט: אַ סוף וועט נעמען צו יידישער בלוט־פאַרגיסונג אין רוסלאַנד, אָדער ערגעץ אַנדערש; יידן וועלן קענען אָנהייבן אַ פריי לעבן אין צויבער־לאַנד אוגאַנדאַ, וואָס וועט ווערן אַ סטאַציע אויפן וועג קיין ארץ־ישראל.

איצט, ווען עס איז נאָך ווארעם דאָס פאַרגאָסענע יידישע בלוט אין קישינעוו, — וועלכער ציוניסט, אפילו דער געטרייעסטער, וועט וואַגן זיך קעגנשטעלן דעם אוגאַנדאַ־פּראָיעקט?

און דאָ קומט אַ טיפע איבערראַשונג פאַר הערצלען: דער ציוניס־טישער קאָנגרעס איז נישט ענטוזיאַסטיש פאַר דעם פּלאַן. און נאָך מער, די קישינעווער דעלעגאַטן שטימען קעגן. רוסישע יידן ברעכן אויס אין אַ געוויין: מען האָט פאַרשוועכט דעם נאָמען פון ירושלים, מען וויל זי פאַרבייטן אויף אוגאַנדאַ.

ערשט דאַן, ווי ווייצמאַן האָט עס מיט יאָרן שפּעטער באַמערקט, איז הערצל געוואָרן אַן אמתער ציוניסט און באַגריפן דעם ריכטיקן זין פון יידישער גאולה־לעבצעניש.

ווייצמאַן טראָגט זיך אַרום מיט אַ שווער האַרץ אויף הערצלען. נישט אומזיסט — באַמערקט ווייצמאַן — האָט הערצל געבראַכט פאַרן קאָנגרעס דעם אוגאַנדאַ־פּראָיעקט. ווען ער וואָלט געאָטעמט מיט די חלומות און מיט די קולטור־ווערטן פון פאָלק, וואָלט ער זיכער נישט געטראַכט וועגן אַפריקאַנער גאולות.

נישט איין מאָל האָט ער געוואָרנט דעם פירער קעגן זיין גלייכגיל־טיקייט צו די יידישע נאַציאָנאַלע קולטור־ווערטן, קעגן זיין פלירט מיט די מזרחי־מענטשן, קעגן זיין אידענטיפיצירן יידישע קולטור מיט רע־ליגיעזן פאָרמאַליזם.

ווייצמאַן איז אויפגעבראַכט. צי האָט אים דען הערצל ווי געהעריק געענטפערט אויף זיינע וואָרענונגען קעגן דער ביטול־באַציונג צו דער „דעמאָקראַטישער פראַקציע", די איינציקע, וואָס קען ברענגען די רע־וואָלוציאָנערע יוגנט אין די ציוניסטישע רייען? ווייצמאַן באַקלאָגט זיך פאַר אַ חבר, אַז הערצל רעכנט זיך מער מיט די איגנאָראַנטן, וואָס רינגלען אים אַרום, איידער מיט די רייד פון דער יוגנט, וואָס גייען פון בלוט און פון האַרץ.

דער אוגאַנדאַ־פּראָיעקט האָט פול געמאַכט די מאָס. אויף דער פאַר־זאַמלונג פון די רוסישע דעלעגאַטן האָט ווייצמאַן געדונערט קעגן הערצ־לען. ער דערציילט, אַז לכתחילה איז ער נישט געווען קעגן פּראָיעקט. ער האָט געמיינט, אַז עס האַנדלט זיך נאָר וועגן איינעם פון די פאַרשידענע

עמיגראַציע־פּלענער. ווען ער האָט אָבער דערזען, אַז אוגאַנדאַ דאַרף פאַרנעמען דעם אויבנאָן איז ער געוואָרן אַ ביטערער קעגנער. ווייצמאַן קלייבט נישט איבער אין די ווערטער, ווען ער רעדט וועגן הערצלען: אַ מענטש, וואָס איז נישט נאַציאָנאַל, וואָס באַנעמט נישט די אינערלעכע קראַפט וואָס לעבט אין פאָלק, אַ מענטש, וואָס איז נישט מער ווי אַן אָנצייכענער פון פּראָיעקטן. ער וואַרפט צו מיט אַ בייסיקער איראָניע: „מיר האָבן געוווּסט, אַז מיר וועלן נישט קענען איינעמען ארץ־ישראל מיט אַ מאָל, און דערפאַר איז אונדזער גייסט נישט געפאַלן, ווען מיר האָבן נישט מצליח געווען מיט עפּעס אַ פּרווו". ארץ־ישראל האָט זיך אויף שנעל נישט געלאָזט איינעמען, איז דער פירער געלאָפן צו די אַפריקאַנער סטעפּעס.

ווייצמאַן שטורעמט די יונגע „דעמאָקראַטישע פראַקציע" און פאַר־לאַנגט אַ פאַרמעסט מיט די „אוגאַנדיסטן" און הערצל־מענטשן. אין איינעם פון די צירקולאַרן, וואָס ער פאַרשפּרייט צווישן דער אינטעלי־גענץ, וואָרנט ער, אַז הערצל און זיינע מענטשן זעען אין ציוניזם נישט מער ווי אַ מין געלט־אונטערנעמונג. „יעדער שמייכל פון עפּעס אַ רעגי־רונג איז פאַר זיי אַ היסטאָריש געשעעניש אין יידנטום".

ער וואָרנט קעגן די וואָס „פאַרוואַנדלען גלות אין אַ פרינציפּ". „די שווערע לאַגע אין רוסלאַנד" — שרייבט ער — „ביי דער גאַנצער טראַ־גישקייט אירער, טאָר אונדז נישט אַראָפּפירן פון נאַציאָנאַל־ציוניסטישן וועג. יידישער פּיין אין רוסלאַנד איז נישט מער ווי אַ טייל פון דער אַלגעמיינער יידישער לאַגע"... „לאָמיר דעריבער טראָגן אונדזער אומגליק איבער דער וועלט, ביז עס וועט אויפקומען דער באַוווסטזיין, אַז דער אייביקער ייד וועט נישט געפינען קיין רו, כל זמן ער וועט זיך נישט אומקערן צום לאַנד, פון וועלכן ער איז פאַרטריבן געוואָרן".

ווייצמאַן, פאַרוואָרצלט אין דער יידישער טראַדיציע, פאַר וועמענען די יידישע טראַגעדיע האָט זיך נישט אָנגעהויבן נעכטן, אָדער אייערנעכטן, איז נישט גרייט זיך אָפּצוזאָגן פון זיין ציוניסטישן וועג צוליבן קישינעווער פּאָגראָם. פאַר אים איז קלאָר, אַז נאָך גענוג צרות וועלן קומען אויפן יידישן פאָלק; אַ סך, אַ סך קעפּ וועלן נאָך פאַלן, ביז עס וועט קומען די גאולה. אָבער נישט אוגאַנדאַ איז דאָס מיטל צו פאַר־קירצן דעם גלות־וועג.

דאָס אוגאַנדאַ־קאַפּיטל גיט ווייצמאַנען אַ סך צום טראַכטן. ער זעט אין דעם אַ געוויסן ליכט, אָבער אין אַ גאַנץ אַנדערן זין: דער עצם פאַקט, וואָס ענגלאַנד האַנדלט אונטער מיט דער ציוניסטישער אָרגאַני־

זאַציע איז וויכטיק. היינט שלאָגט זי פאָר אוגאַנדאַ, מאָרגן קען עס זיין ארץ־ישראל. אין ווייצמאַנען גייט אויף דער גלויבן, וואָס האָט זיך אַנט־פּלעקט אין זיין ערשטן בריוו צו זיין רבין, — „אַז ענגלאַנד וועט דאָך אויף אונדז רחמנות האָבן". עס ציט אים קיין לאָנדאָן. דאָרט, אויפן אָרט, וועט אים, ערשטנס, זיין לייכטער צו באַקעמפן דעם אוגאַנדאַ־פּלאַן, און דאַן, וואָס עס איז פיל וויכטיקער, וועט ער קענען אַליין זיך איבערצייגן אין דער ענגלישער אויפריכטיקייט בנוגע יידן און ארץ־ישראל.

ווייצמאַן קלייבט זיך אין וועג אַריין און דורך הלוואות ביי חברים שאַפט ער זיך אויף רייזע־הוצאות. ווערא איז מסכים צו זיין נסיעה, זי זעט דערין אַ קלוגן שריט.

אין די לאָנדאָנער ביבליאָטעקן און אינסטיטוטן זוכט ווייצמאַן מאַ־טעריאַלן וועגן אוגאַנדאַ. ער זוכט אויך מענטשן, וואָס זאָלן אים קענען ענטפערן אויף זיינע שאלות.

ענגלאַנד איז נישט רוסלאַנד: חשובע מענטשן נעמען אים אויף מיט העפלעכקייט און מיט אינטערעס, מען הערט אים אויס מיט דרך־ארץ, מען האָט געדולד און מען באַציט זיך מיט ערנסט צו זיינע ספיקות.

אָט זיצט ער אין ביוראָ פון סער הערי דזשאָנסטאָן, אַ באַוווסטער רייזנדער און אוגאַנדאַ־ספּעציאַליסט. דער מאַן ווערט צעוואָרעמט, ווען ווייצמאַן דערמאָנט דאָס וואָרט ירושלים. „אוגאַנדאַ איז נישט פאַר אייך, זאָגט ער, עס וואָלט געווען אַ שאָד און אַ צער צו לייגן האָפענונגען אויף אַפריקע; די שאַנסן אויף יידישער קאָלאָניזאַציע דאָרטן זענען שוואַכע".

סער טשאַרלס עליאָט, הויך־קאָמיסאַר אין אוגאַנדאַ איז אין דער זעלבער מיינונג.

ווייצמאַן לערנט פיל אין ענגלאַנד. פון זיינע בריוו אין אָט די טעג קלינגט אַרויס די נבואה, אַז די ווייסע באַפעלקערונג אין אַפריקע וועט לאַנג דאָרט נישט הערשן.

ווייצמאַן איז איבערצייגט, אַז לאָנדאָן איז דער צענטער פון דער וועלט, די דערהויבנסטע פון אַלע שטעט. ער באַמערקט, ווי דרך אַגבדיק, אַז ס׳איז אַ גרויסער שאָד וואָס די לאָנדאָנער ציונים זענען נישט לויט זיין געשמאַק, וואָרעם מען וואָלט געקענט אויפשטעלן אין דער הויפּט־שטאָט פון דער גרויסער אימפּעריע אַ וויכטיקן ציוניסטישן צענטער.

עס דוכט זיך ווייצמאַנען, אַז ער האָט מיט איין מאָל דערוואָרבן אַ גרויסע דערפאַרונג אין דער דיפּלאָמאַטישער קונסט. ער איז שטאָלץ מיט

דעם, ער איז זיכער, אַז ווען הערצל וואָלט געוווסט דאָס, וואָס ער ווייסט איצט, וואָלט דער מנהיג עס זיכער פונאַנדערגעפּויקט עלעהיי ער האָט אַ וועלט איינגענומען.

אָבער באַלד קומען אָן אומעטיקע טעג. ווייצמאַנס דיפּלאָמאַטישע דערפאָלגן זענען נישט אימשטאַנד צו פאַרטרייבן זיין אומרו. מיט איין מאָל ווערט דאָס האַרץ איבערגעפּולט מיט שרעק און ער פרעגט זיך: צי וועט דער ציוניזם באַוויזן לינדערן די יידישע צרות שוין איצט, תיכף?

אין אַן אומעטיקן האַרבסט-טאָג פון יאָר 1903 דערקלערט ווייצמאַן פאַר ציוניסטישע סטודענטן אין בערן: „דערווייל איז נישט פאַראַן אין ציוניזם קיין ענטפער אויף די איצטיקע יידישע זאָרגן"... און מיט אַ ציטער אין זיין קול גיט ער צו: „דאָס יידישע פאָלק זיצט אויף אַ ווולקאַן. אָט די לאַגע וועט זיך ציען ביז עס וועט קומען דער גרויסער חורבן, און ער וועט צואיילן די איינציקע לייזונג פון יידישן פּראָבלעם, — די ציוניסטישע לייזונג: די אויפלעבונג פון ישראל אין זיין היסטאָרישן לאַנד"... „מיר וועלן ציון נישט קענען פאַרבייטן אויף קיין אַנדער מדינה, ווייל ציון איז פאַרוועבט אין אונדזער גאַנצער געשיכטע, און נאָר אין אונדזער לאַנד וועט קענען פאַרווירקלעכט ווערן די אגדת הנפילים, וואָס האָבן געשעפּט זייער כוח פון קאָנטאַקט מיט דער ערד... ווען דאָס יידישע פאָלק וועט ווידער באַרירן זיין ערד, וועט ער ווערן דער עם הנצח".

ווייצמאַן הייבט אָן צו באַציען זיך מיט ביטול צו פּאָליטיק און דיפּלאָמאַטיע. ער פאַרטרויט זיך פאַר אוסישקינען, אַז ס'וואָלט פיל גלייכער געווען ווען ער איז עולה קיין ארץ ישראל און מאַכט אַ סוף צו דעם זינלאָזן אַרומלויפן.

און אפשר גריזשעט ווייצמאַנען דער פאַרדרוס, וואָס זיין פאַרמעסט מיטן אָדלער איז דורכגעפאַלן? וואָרעם וואָס האָט ער דערווייל באַוויזן אויפצוטאָן?

צי איז ער טאַקע אין אַלץ גערעכט לגבי הערצלען? עפּעס פילט ווייצמאַן, אַז ער קען הערצלס אויפּפלי נישט דערגרייכן. הערצל איז דאָך דער מענטש וואָס האָט אַ הייב געטאָן אויף זיינע פליגל דאָס פאָלק. ער איז דאָך דער, וואָס האָט די יידישע גאולה-לעכצונגען פאַרוואַנדלט אין אַ וועלט-פּראָבלעם, צעעפנט טירן צו קעניגן און מיניסטאָרן, געוואָרנט מיט שטאָלץ און פלאַם, אַז ס'וועט קיין רו נישט זיין, כל זמן יידן וועלן זייער פרייהייט נישט דערגרייכן. הערצל איז דאָך דער מענטש וואָס האָט

געשאַפֿן, אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאסשטאַב, די כלים און מיטלען, וואָס דאַרפֿן אויספורעמען די יידישע מדינה.

די געשטאַלט פון הערצלען, דער אָדלער פון די בלויע הויכקייטן, שוועבט כסדר פאַר ווייצמאַנס אויגן.

5

ווייצמאַנען ווערט אומעטיק אין זשענעוו. עס שטיקט אים דאָ, — טענהט ער פאַר ווערען. ער זוכט תירוצים אויף צו באַרעכטיקן זיין אומרו און זיין פלוצעמדיקע אומצופרידנקייט.

פאַר וואָס זאָל ער וועלן פאַרלאָזן זשענעוו? ער איז אַ דאָצענט אין אַ בכבודיקער אוניווערסיטעט, איז געשעצט און באַוווּנדערט; די שטאָט איז אַ פרעכטיקע און זי ליגט נישט ווייט פון די גרויסע וועלט־צענטערס. פאַר וואָס זשע וויל ער עס אַלץ אויפגעבן און זיך לאָזן אין אומבאַקאַנטע ווייטענישן?

ווייצמאַן רעדט פאַר ווערען, אַז ער דאַרף אַוועקגיין אין אַ פּריווילִיקן גלות. ער האָט אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן הערצלען און איז דורכגעפאַלן; און אין זיין אייגענער וועלט יאָגט אויך אַן אומעט: ער האָט אַזוי פיל דערוואַרט פון דער „דעמאָקראַטישער פראַקציע" און זי האָט אים פּאַקטיש אַנטוישט. ער האָט געהאַט פאַררופן אַ צוזאַמענפאַר, זענען געקומען אַ פאַר דעלעגאַטן, אַן פלענער און אַן אַמביציעס. נישטאָ וואָס צו מאַכן, — חזרט ער איבער מיט יאוש.

ער פּלאַנט איבערצוקלייבן זיך קיין ענגלאַנד, — „דער צענטער פון דער וועלט". ווייזט אויס, אַז ער איז נאָך אונטערן איינדרוק פון זיין דער־פאַלג אין לאָנדאָן מיט אַ קורצער צייט צוריק. עס קען זיין, אַז ער האָפט אויך אויפצושטעלן אין ענגלאַנד אַ וויכטיקן ציוניסטישן צענטער און פון דאָרט אַרויס קעמפן קעגן די פאַלשע אוגאַנדאַ־אילוזיעס.

און דאָך פרוווט ווייצמאַן ווידער אַמאָל אויפוועקן די געמיטער אַרום זיך. ער רופט צו מעשים אין ארץ־ישראל, ער שפּאָט פון הערצלען, וואָס גרייט זיך אַרויסצושיסן אין הימל נייע פייערווערק — אַ וויזיט ביים פויפּסט. ווידער אַן אויפטו, אָבער קיין ממשותדיקע זאַך וועט דערפון נישט אַרויסקומען.

ווייצמאַן בעט זיך ביי זיינע חברים: ער איז גרייט צו פאַרנאַכלעסיקן די אוניווערסיטעט און זיך אַוועקלאָזן אויף דריי חדשים איבער רוסלאַנד, כדי צו וועקן דעם עולם צו פּראַקטישער אַרבעט. מיט סתם דעקלאַראַציעס וועט מען נישט געהאָלפן ווערן.

אָבער מען קומט אים נישט אַנטקעגן. ערגעץ ווו כישופט נאָך

אוגאַנדאַ. ווייצמאַן הייבט ווידער אָן צו רעדן וועגן גיין פּרייוויליק אין גלות און פאַרשווינדן ערגעץ אין אַ פאַרנעפּלטער, ענגלישער שטאָט.

און דאָך איז עס נישט געווען אַ סתם אַנטלויפן. ווייצמאַן האָט מסתמא פונאַנדערגעוויקלט פאַר וועראַן אַ גאַנץ צוציִענדיקן פּלאַן וועגן איבער־קלייבן זיך קיין ענגלאַנד, וואָרעם זי איז מסכים, הגם זי וועט נישט קענען אַריבערקומען צו אים פאַר צוויי יאָר — ביז זי וועט ענדיקן איר מעדיצין־שטודיום אין זשענעווו.

ווייצמאַן פאָרט זיך געזעגענען פון דער משפּחה אין פּינסק. ער פילט, אַז דער קאָנטאַקט מיט דער היים און מיט רוסלאַנד קען נאָך ברענגען אַן ענדערונג אין זיין באַשלוס.

קיין נייע וועגן האָבן זיך אָבער נישט געעפנט. פּינסק שווידערט אים אויף. ער זעט פאַר זיך מענטשן, וואָס זעען אויס, ווי זיי וואָלטן שוין פון לאַנג אויפגעהערט צו לעבן. די יידישע קראָמען מיט די ליידיקע פּאָליצעס ווייען מיט אומעט און שרעק. פון וואָס לעבן די מענטשן? ער איז זיכער, אַז אַנדערע, אין די זעלבע באַדינגונגען, וואָלטן שוין פון לאַנג פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין ווילדע חיות. אמת, נישט נאָר גרויסן דלות זעט ווייצמאַן אין פּינסק, נאָר אויך אַ גרויסן מאָראַלישן כוח. אָבער אויך דער כוח — טראַכט ער — וועט פאַרלאָרן גיין, אויב ער וועט נישט פאַר־ווענדעט ווערן אויף געהעריקע צילן. ווייצמאַן רעדט פאַר זיין מאַמען וועגן זיינע פּלענער צו פאָרן ערגעץ אַנדערש, ווייל גרויס איז דער אומעט אַרום.

מיט אַ מאָל גיט זיך מיט אים אַ שפּיל דער גורל און עס שיינט אויף אַ נייע האָפענונג: אין ארץ־ישראל זוכט מען אַ לערער פאַר נאַטור־וויסנשאַפטן. ווייצמאַן ווענדעט זיך מיט אַ פּאַטעטישער בקשה צו אַן איינפלוסרייכן פריינד, אַז ער זאָל אַלץ טאָן, כדי אים צו דער־מעגלעכן באַקומען דעם פּאָסטן. ער איז מוחל אַלע גליקן אין לאָנדאָן און מאַנ־טשעסטער, זאָל זיין אַ קליינער, אָרעמער געהאַלט, אַבי אין ארץ־ישראל. וואָכן לאַנג וואַרט ווייצמאַן אויף אַן ענטפער. ענגלאַנד ליגט אים מער נישט אין זינען, כאָטש די וואַליזעס זענען שוין געווען איינגעפּאַקט צו דער רייזע. און דאָ הערט ער, אַז אויפן פּאָסטן האָט מען צוגענומען אַ צווייטן. ווייצמאַן, אין אויפרעגונג, איז נישט מקפּיד אויף זיין האַנדלונג: ער איז גרייט צו מאַכן שטרויכלען דעם צווייטן קאַנדידאַט. דאָס האָט אָבער אויך נישט געהאָלפן.

אין מיטן פון דער דאָזיקער שווערער שטימונג איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן גרויסן אומגליק: הערצל איז נישטאָ! זיין האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אייביק. ער איז פאַרצערט געוואָרן אין די פלאַמען פון ליבשאַפט צו זיין פאָלק.

— זאָל זיין מיט אוגאַנדאַ, אָבער לאָמיר בלייבן פאַראייניקט אין אונדזער ציוניסטישן באַגער, — האָט הערצל גערופן אין זיינע לעצטע טעג. מיט דער שבועה פון „אם אשכחך ירושלים, תשכח ימיני" האָט הערצל זיך געלאָזט אויף נייע דעראָבערונגען. עס האָבן שוין אָבער מער נישט געסטייעט קיין כוחות. לאַנג איז דער וועג צו פרייהייט, און איבער דער צייט לאָזט זיך נישט אַריבערשפּרינגען. געפאַלן איז דער שטאָלצער אָדלער.

וויצמאַן איז דערשיטערט. ער בעט וועראַן אַנטאָן שוואַרצע קליידער, וויל גרויס איז דער טרויער. ער פילט די פאַריתומדיקייט, וואָס איז געפאַלן אויפן פאָלק. אַ גרויסע משא איז געבליבן צו טראָגן, אָבער שוואַך זענען די אַקסלען ביי די פאַרבליבענע נאָכפאָלגער.

אין איינעם פון די ערשטע יולי־אָוונטן אין יאָר 1904 האָט זיך וויצמאַן געזעגנט מיט זשענעוו. אויפן וואָקזאַל איז געווען פאַרזאַמלט אַ ציוניסטישער עולם. ווען די באַן האָט גענומען רירן, האָבן זיך דער־הערט אומעטיקע „התקווה"־קלאַנגען.

וויצמאַן איז געשטאַנען ביים פענצטער. די נאַכט האָט איינגעהילט די ווייטענישן אַרום. נישט דאָס קלאַפּן פון די באַן־רעדער האָט ער געהערט, נאָר דעם טריט־עכאָ פון די גייענדיקע נאָך הערצלס ארון. עס קען זיין, אַז ער האָט זיך געפרעגט, פאַר וואָס ער איז נישט געפאָרן צו דער לוויה פון שטאָלצן מנהיג און זעער. ער הערט דעם שווערן גאַנג פון די לוויה־באַגלייטער, און עס מאַטערט אים דער געדאַנק: ווער וועט אָנפירן מיט דער באַוועגונג? ווער וועט שטיין אין דער שפּיץ פון דער מחנה?

און אפשר האָט ער געהערט פון ערגעץ אַ שטים: צי וועסט דו זיין דער ממשיך, חיים בן עוזר?

איינס איז פאַר וויצמאַנען זיכער: זיין לעבן, זיין האַרץ, פונקט ווי פון אַוועקגעגאַנגענעם פירער, וועלן געהערן דעם פאָלק אויף אייביק.

און אָט איז מאַנטשעסטער.

די שטאָט ליגט צעשפּרייט אויף אַ גרויסן שטח און איז אָפן צו די האַרבסטיקע ווינטן. די הויכע פאַבריק־קוימענס זענען איינגעהילט אין שווערע וואָלקנס. אין די קאַנאַלן, וואָס גרייכן ביזן ים, פליסן טונקל־בלוילעכע וואַסערן.

דאָס איז אָבער בלויז דאָס אויסערלעכע בילד. די שטאָט האָט אויך איר רייץ. זי איז אַ צענטער פון אַ רייכן האַנדל, וואָס ציט זיך איבער דער וועלט. באַרימט איז אומעטום איר טעקסטיל־אינדוסטריע, אַ שם האָבן אירע פאַבריקן פון כעמישע שטאָפן.

די שטאָט איז אויך אַ גייסטיקער צענטער. דאָ געפינט זיך די באַרימטע וויקטאָריאַ־אוניווערסיטעט. פאַראַן אויך אַ טעאַטער פון אַ הויכן ניוואָ, אַ מוזיק־אודיטאָריום און אַ וועלט־באַרימטע צייטונג. דאָס מוניציפּאַליטעט־סיסטעם אין מאַנטשעסטער איז פון די ליבעראַלסטע אין ענגלאַנד. דאָס זענען אַלץ זאַכן, וואָס דער גאַסט באַמערקט זיי ערשט שפּעטער.

וויצמאַן קומט אָן אין שטאָט מיט פאַמעלעכע טריט. אין האַנט קנייטשט ער אַ צעטל מיטן נאָמען יוסף מזל, — דער איינציקער אַדרעס צו אַ יידן אַ ציוניסט. איבער וויצמאַנס פּנים גייט אַ שוועב אַ פריקרער שמייכל: וואָס פאַראַ מין מזל איז עס אַריינצופאַלן אין אַזאַ מין שטאָט?

יוסף מזלס אָרעמע היים איז געווען וויצמאַנס ערשטע סטאַציע אין מאַנטשעסטער. געווען איז מזל אַ דיכטער, און דיכטונג — זיין גאַנצער אוצר. אַז זיין גאַסט באַפאַלט אַן אומעט, לייענט מזל פאַר אים זיינע העברעישע איבערזעצונגען פון מילטאָנס און לאָנגפעלאָס פּאָעזיע, און עס ווערט טאַקע לייכטער אויפן האַרצן.

מיט אַ וואַרעמער רעקאָמענדאַציע אין טאַש איילט וויצמאַן צו פּראָפעסאָר פּערקין, אַ געשעצטער כעמיקער אין דער וויקטאָריאַ־אוניווערסיטעט. פּערקין נעמט אויף וויצמאַנען האַרציק און פאָטערלעך. דער פּראָפעסאָר מוטיקט דעם גאַסט און גיט אים איבער פּרטים וואָס קענען אים אינטערעסירן.

און פּלוצעם, ווי דער פּראָפעסאָר וואָלט פאַרגעסן דעם ציל פון וויצמאַנס וויזיט, רעדט ער זיך פונאַנדער וועגן די שיינע דאָלאָמיטן, וואָס ער וועט אין גיכן זען בעת זיינע וואַקאַציע־טעג.

ווייצמאַן שטייט אַ פֿאַרוווּנדערטער. ענדלעך ווערט באַשלאָסן, אַז ווייצמאַן וועט קענען נוצן איינע פֿון די לאַבאָראַטאָריעס אין אוניווער־סיטעט און דאָרט טאָן זיין אַרבעט. דרך אגב, פֿאַרן נוצן די לאַבאָראַטאָריע דאַרף מען צאָלן.

— איז זייט זשע מיר געזונט, ליבער גאַסט! — דער פּראָפֿעסאָר איילט אַוועק.

ווייצמאַן בלייבט אַליין, אַליין צווישן די מויערן פֿון דער אוניווער־סיטעט. סטודענטן און פּראָפֿעסאָרן צעפֿאָרן זיך אויף די זומער־פֿעריען.

ווייצמאַן באַקומט אַן אָרעמע קעלער־לאַבאָראַטאָריע מיט פֿאַרוואָר־לאָזטע כלים. דער קעלער, מיט שטיקלעך פֿענצטער איבער דער ערד, וועקט אין ווייצמאַנען אַ רחמנות־געפֿיל צו זיך אַליין. ער קוקט דורך זיי אַרויס צו דער דרויסיקער ליכטיקייט. גאַנץ מעגלעך, אַז עס פֿאַר־קלעמט זיך אין אים דאָס האַרץ, דערמאָנענדיק זיך אין דעם שיינעם זשענעוו, אין שטאָלצן שניי־באַדעקטן מאָן־בלאַן, אין דער ליכטיקער אָזיערע.

ער האָט געוואָלט אַ גלות, נו, האָט ער!

די ענגלישע שפּראַך איז אים פֿרעמד און שווער. ער חזרט איין מיט עקשנות יעדעס וואָרט, אָבער ווען עס קומט צום אַרויסרעדן, איז פּשוט אַ בזיון.

אָבער ווייצמאַן וואַרפֿט זיך אַריין אין דער אַרבעט. די לאַבאָראַ־טאָריע לעבט אויף אונטער זיינע פֿלינקע הענט. לאַנגע שעהן שטייט ער ביי זיינע עקספּערימענטן. ווי גוט איז, וואָס ער האָט זיך זיין וועלט, און קיינער קען זי פֿון אים נישט אַוועקנעמען. ער פֿאָרשט, ער קאָנטראָלירט, און עס ווערט ליכטיק אַרום אים.

אין זעקס וואָכן אַרום, ווען פּראָפֿעסאָר פּערקין קומט צוריק, האָט ווייצמאַן וואָס אים צו ווייזן. דער געלערנטער בייגט איין דעם קאָפּ און זיין פּנים צעשמייכלט זיך: אַבי געמיינט — סתם עפּעס אַ כעמיקער פֿון מזרח.

און דער ציוניזם טוט זיך דאָס זייניקע. נאַרישקייטן: נישט געוואָלט האָט ווייצמאַן פֿאַרשווינדן, נישט געוואָלט קיין פּריווילעגיע גלות. אָט קלייבט ער זיך צו דער ציוניסטישער יערלעכער קאָנפֿערענץ, וואָס דאַרף פֿאָרקומען אין ווין.

אַן אומעטיק בילד איז די קאָנפֿערענץ. ווייצמאַן פֿילט די אַפּאַטיע.

מען טאָפּטשעט זיך אויפֿן זעלבן אָרט. די פּייערלעך, וואָס הערצל האָט פֿאַנאַנדערגעצונדן, לעשן זיך.

וויצמאַן גייט צום קבר פֿון יידישן מדינה־אַנזאָגער. דאָ, פּנים אל פּנים מיט דער אייביקייט, פֿאַרשווינדן די וואָכעדיקע רייד, וויצמאַן פֿילט איבער זיך דעם פֿלאַטער פֿון געבענטשטן אָדלער. נאַריש און זינדיק זעען איצט אויס די ווערטער וועגן הערצלען, „וואָס איז געשטאָרבן אין צייט״.

האָט וויצמאַן געבעטן מחילה? ער איז זיך מתודה פֿאַר ווערן, אַז ער איז געווען איבעראײַליק אין זיין קריטיק קעגן דעם מאַן, וואָס איז געווען פֿון אַלעמען מיט אַ קאָפּ העכער. ער שטראָפֿט זיך אַליין, אַז ער פֿלעגט מיט ליידנשאַפֿט אָנווייזן אויף הערצלס גרייזן, אָבער נישט אויף זיין געניאַלן אָרגאַניזאַטאָרישן כוח, אויף זיין איבערמענטשלעכן פֿאַרנעם און שווונג.

וויצמאַן איז געשטאַנען פֿאַרן הערצל־שטיין באַזיגט און פֿול מיט פֿאַרערונג.

וויצמאַן פֿילט איצט די גרויסע שליחות, וואָס וואַרט אויף אים. ער איז זיכער, אַז זיין שעה וועט נאָך קומען. ער באַציט זיך מיט איראָניע לגבי די מענטשן, וואָס זיצן אין דער פֿירערשאַפֿט. איז ער, וויצמאַן, נישט אַזוי וויכטיק ווי יאַקאָבוס קאָן דער באַנקיר, ווי לעאָפּאָלד גרינבערג „דער אוגאַנדאַ־אַנטדעקער״, ווי אַלעקסאַנדער מאַרמאָרעק דער באַקטער־יאָלאָג? זיי זענען יאָ אין דער עקזעקוטיווע, און ער נישט. ערגעץ ווערן שוין רייף ביי אים פּלענער ווי אַזוי צו דערגיין צו דער געהעריקער פּאָזיציע.

דערווייל יאָגט ער פֿון זיך דעם אומרו. ער האָט דערויף אַן אויס־געפּרוווט מיטל: ער אַרבעט און איז פֿאַרטאָן „איבערן קאָפּ״ אין דער אוניווערסיטעט, ווו ער ווערט אַנגעשטעלט אַלס דאָצענט. אַז עס טרעפֿט זיך אַ פֿרייע שעה, זאַמלט ער איין זיינע סטודענטן און ער רעדט פֿאַר זיי וועגן ציוניזם. די אינטעליגענטע און וואַכזאַמע וועלשן און סקאָטן, יונגעלייט פֿון פֿאַרשידענע עקן אין דער אימפּעריע, הערן מיט נייגער וועגן וווּנדערבאַרן עפּאָס פֿון יידישער אויסלייזונג. טראָץ זיין אָרעמען ענגליש, באַווייזט שוין דער יידישער לעקטאָר אַדורכצופֿלעכטן זיינע רייד מיט הומאָר און מיט שאַרפֿזיניקע ווערטלעך. דער ייד „טשיים״ וויצמאַן ווערט דער ליבלינג פֿון אַ סך שטודירנדיקע יונגעלייט.

דאָס לעבן ווערט לייכטער. ווייצמאַן באַקומט אַ צוגאָב־אַרבעט אין דרייפוסעס אַנילין־פאַבריק און זיינע עקאָנאָמישע זאָרגן ווערן קלענער. און נאָך עפּעס, דער ייד טשאַרלעס דרייפוס איז אַ וויכטיקע פיגור אין שטאָט: פּרעזידענט פון ציוניסטישן פאַרבאַנד און אַ וויכטיקער מיטגליד אין דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי; ער איז אַ סאָציאַלער טוער און האָט ענגע פאַרבינדונגען אין די „הויכע פּאָליטישע פענצטער". ווייצמאַן לייגט אויף אים אַן אויג. ער איז זיכער, אַז דרייפוס וועט עפענען פאַר אים די טויערן פון דער ענגלישער גרויסער וועלט; זיין שעה וועט נאָך קומען פריער ווי ער מיינט.

ווייצמאַן זוכט אַ וועג, וואָס זאָל אויסמיידן די עלעמענטן, וואָס שטייען צווישן אים און די מענטשן, צו וועלכע ער וויל דערגרייכן. אָבער דאָס קומט אים נישט אָן אַזוי לייכט. עס טרעפט אויך, אַז מען קוקט אויף אים ווי אויף אַ פרעמדן, וואָס שטופּט זיך אויבן אָן.

דעם 27־טן יאַנואַר קומט אַראָפּ קיין מאַנטשעסטער דער סאַמע פּרעמיער, דזשיימס באַלפור, — דער מאַן צו וועלכן ווייצמאַן זוכט שוין פון לאַנג אַ צוטריט.

באַלפור איז געקומען האַלטן אַ לעקציע אין דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי. ווייצמאַן גייט אים הערן, אין דער באַגלייטונג פון דרייפוסן. אַ שעה שפּעטער שמועסט שוין ווייצמאַן מיטן פּרעמיער. דער שמועס גייט נישט זייער גלאַטיק, כאָטש באַלפור הערט זיך צו געדולדיק צו ווייצמאַנס געבראָכענעם ענגליש. דעם פּרעמיערס מינוטן זענען געציילטע, מען רופט אים ערגעץ אַוועק. אָבער איידער ער געזעגנט זיך, זאָגט ער צו ווייצמאַנען, אַז ער וואָלט מיט אינטערעס געלייענט זיינס אַ געשריבענעם מעמאָראַנדום. ער זאָגט אים אויך צו, אַז ער וועט אים איינלאַדן צו זיך אין לאָנדאָן.

ווייצמאַן איז צופרידן. ער מיינט, אַז מ׳וואָלט געקענט צושטעלן באַלפורן אַ מעמאָראַנדום און אַזוי אַרום קומען מיט אים אין אַ דירעקטן קאָנטאַקט.

אָבער דער מעמאָראַנדום איז נישט צוגעשטעלט געוואָרן און דערווייל זעט מען נישט באַלפורס איינלאַדונג אים צו קומען זען אין לאָנדאָן. עס גייען אַריבער וואָכן, חדשים. ווייצמאַן דער שטימונגס־מענטש ווערט

פֿאַרביטערט. ער קלאָגט פֿאַר אוסישקינען, פֿון די טיכטיקסטע ציוניס־טישע עסקנים אין רוסלאַנד, וועלכער איז ווייצמאַנען זייער ליב, אַז אויך אין ענגלאַנד ווערן אָפּגעטאָן שווידערלעכע זאַכן אונטער דער מאַסקע פֿון שיינע מאַניערן און גוטער האַלטונג. ערגעץ ווו בריט זיך ווייצמאַן אָפּ, ווייל אָט הערן מיר אים אין אַ השתפכות הנפש, אַז קיין בעסער פֿאָלק ווי יידן איז גאָרנישט פֿאַראַן אויף דער וועלט.

6

שוועך איז געוועך ווייצמאַנס איינבירגערן זיך אין ענגלאַנד. ער רעדט מיט ביטערניש וועגן דאָרטיקן יידישן ישוב, אין וועלכן ס׳איז נישטאָ די וואַרעמקייט פון רוסישן יידנטום. דאָ זעט ער פאַר זיך יידן, וואָס קניען פאַרן טרוקענעם, צעשטערנדיקן מערקאַנטיליזם. ער בענקט נאָך רוסלאַנד. זיינע ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע־רייזעס איבער דער ענגלי־שער פּראָווינץ קענען נישט שטילן זיין בענקשאַפט צום רוסישן ייד. ער קלאָגט זיך פאַר וועראַן, אַז עס איז אים שווער זיך איינצולעבן אין ענגלאַנד, ער האָט אָבער אַ ציל: דערגרייכן וואָס שנעלער אַ פּראָפעסאָרן־שטעלע און דאַן עולה זיין קיין ארץ־ישראל.

ווען עס ווערט אים שווער אין מאַנטשעסטער, ווען עס באַפאַלט אים די בענקשאַפט נאָך זיינע יידן, הילפט זיך ווייצמאַן אין אין חלומות. ער שטעלט פאַר פאַר וועראַן די ליכטיקע טעג, וואָס וואַרטן אויף זיי ביידע אין ארץ־ישראל. דערווייל וועט ער זיך באַרייכערן מיט דעם בעסטן און שענסטן פון די ענגלישע הויכשולן, אָבער עס וועט קומען דער טאָג פון עליה און אין יידישן לאַנד וועט ער אויפשטעלן אַ לערן־צענטער — „דעם חלום פון זיין לעבן״.

אין רוסלאַנד ברעכן ווידער אויס פּאָגראָמען. ווי זאָל ער איצט זיצן אין מאַנטשעסטער, הנאה האָבן פון פאָרשן און לערנען, ווען דאָרט, אין רוסלאַנד, גיסט זיך יידיש בלוט? עס פּייניקט אים זיין געוויסן און ער געפינט זיך קיין אָרט נישט. ער וויינט ווי אַ קינד, ווען ער לייענט וועגן די שוידערלעכע פּאָגראָמען, און נאָך גרעסער איז זיין צער ווען ער קוקט זיך צו ווי די ענגלישע יידן רעאַגירן אויפן אומגליק פון זייערע ברידער. אָט נעמט ער אָנטייל אין דער געלט־זאַמלונג פאַר די קרבנות און עס קומט אים אויס צו רעדן אין פאַרשידענע פלעצער. און וואָס זעט ער? יידן גיבן געלט פאַר די „אָרעמע ברידער״, בתנאי זיי זאָלן בלייבן זיצן אויף זייערע פלעצער, זיי זאָלן זיך, חס וחלילה, נישט אַ לאָז טאָן צו די ענגלישע ברעגן, וואָרעם דאָס וואָלט געמיינט פאַרשטערן די רו און דאָס גליק פון די געלט־געבערס.

ווי קען מען שלום מאַכן מיט אַזאַ לעבן? — פרעגט ער. פון איין זייט גיסט זיך אומשולדיק בלוט, און פון דער צווייטער — הערשט אַ פאַר־ברעכערישע גלייכגילטיקייט. ווער איז דאָ דער שולדיקער? צי איז עס נישט דאָס עצם גלות־לעבן, וואָס טראָגט אין זיך שרעקלעכע קאָנטראַסטן און קללות?

דערווייל רוקט זיך אָן אַ געלעגנהייט פאַר קאָנקרעטער פּאָליטישער אַרבעט. סוף 1905 דאַרפן פאָרקומען וואַלן צום ענגלישן פּאַרלאַמענט. די וואַלן קענען אויך האָבן אַ וויכטיקע באַדייטונג פאַר דער ציוניסטישער וועלט. מען מוז דעריבער אָנקניפּן באַציונגען, עפענען טירן.

די התחלה איז אַ גוטע: ווייצמאַן קריגט אַ בריוו פון טשערטשילס וואַל־אַגענט, אין וועלכן עס שרייבט זיך, אַז טשערטשיל וואָלט געוועזן זייער צופרידן, ווען ווייצמאַן וואָלט גערופן צו שטימען פאַר אים.

ווייצמאַן ווענדעט זיך צום פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, דוד וואָלפסאָן, הערצלס יורש און נאָכפאָלגער, און פרעגט אים צי ער מעג שטיצן מיט זיין השפעה די קאַנדידאַטור פון ווינסטאָן טשערטשיל, דער פּאָליטיקער, וואָס קען ברענגען אַ גרויסע הילף פאַר דער ציוניסטישער אַרבעט.

און באַלד דערנאָך קומט צו שטאַנד דער לאַנג דערוואַרטער שמועס מיט באַלפורן. באַלפור איז ווידער אין מאַנטשעסטער. זיין רעגירונג איז געפאַלן און באַלפור גייט אַריבער אין אָפּאָזיציע. ער קומט אין דער וויכטיקסטער אינדוסטריעלער שטאָט, כדי דאָרט צו קעמפן פאַר זיין קאַנ־דידאַטור. אין דער זעלבער צייט און אין דער זעלבער שטאָט קעמפט פאַר דער „יידישער שטים“ ווינסטאָן טשערטשיל, וואָס האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק איבערגעריסן מיט די קאָנסערוואַטיוון און איז אַריבער צו די ליבעראַלן.

דרייפוס, וואָס איז איצט פאָרזיצער פון באַלפורס וואַל־קאָמיטעט, האַלט, אַז איצט איז די פּאַסיקע צייט פאַר ווייצמאַנס אַ שמועס מיטן וויכטיקן שטאַטסמאַן. דער צוזאַמענטרעף קומט פאָר אין אַ מאַנטשעסטער האָטעל דעם 9טן יאַנואַר 1906.

ווייצמאַן איז באַזאָרגט: סאָראָ צוציענדיקע רויקייט אויפן לענג־לעכן פּנים פון נאָבעלן ענגלענדער. אַרום קאָכט די וואַל־קאַמפּאַניע און דאָ זיצט זיך אַ מאַן און שטרענגט זיך אָן צו פאַרשטיין דעם אויסלענדער, וואָס איז געקומען רעדן וועגן יידן און ארץ־ישראל.

באַלפור הערט ווייצמאַנס מאָנאָלאָג אין זיין נאָך גאַנץ שווערן ענגליש. באַלפור חידושט זיך און ער וויל פאַרשטיין די יידישע דבקות צו ארץ־ישראל, אַ לאַנד ווו עס הערשן די נגישות פון טערקישן הערשער. אים דוכט זיך, אַז עס וואָלט געווען פאַרנונפטיקער ווען יידן נעמען אָן דעם אוגאַנדאַ־פּראָיעקט. אָבער באַלד ווערט דער שטאַטסמאַן מיטגעריסן מיט די וואַרעמע רייד פון יונגן לעקטאָר. יאָ, ער איז גערעכט דער קלוגער ייד: פּאַריז איז אפשר שענער פון לאָנדאָן, אָבער לאָנדאָן איז ענגליש, פּונקט ווי ירושלים איז יידיש.

— איר וועט האָבן ירושלים — רופט זיך אָן באַלפור — אויב עס זענען פאַראַן אַ סך יידן וואָס טראַכטן ווי איר.

ווייצמאַן האַלט די וואַרעמע האַנט פון ענגלענדער, ווי עס וואָלט אים געווען שווער זיך צו שיידן פון אים. באַלפור שטייט פאַר אים ווי אַ שליח פון אַ ווייטן לעגענדאַרן לאַנד: שלאַנק, איידל, מיט דער ער־שטער גרויקייט אויף זיינע האָר.

ווייצמאַן האָט, בכן, קיין טעות נישט געמאַכט, ווען ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון דעם באַקוועמען זשענעוו אין די וויטקייטן אַריין. ער האָט געפילט, אַז אין ענגלאַנד קלאַפּט דאָס האַרץ פון דער וועלט, אַז דאָ וועט ער געפינען אָן אָפּן אויער פאַר דער ציוניסטישער אידעע. איצט זעט ער, אַז זיין אָנונג איז געווען אַ ריכטיקע. ער באַשליסט צו פאַרטיפן און פאַרברייטערן זיינע באַציונגען מיט ענגלישע פּערזענלעכקייטן. נאָר מיט זיי און דורך זיי וועט ארץ־ישראל באַפרייט ווערן פון דער טערקי־שער הערשאַפט.

ווייצמאַן איז זיכער, אַז זיין וועג האָט זיך אָנגעהויבן מיט הצלחה, וואָרעם אָט שרייבט באַלפור צו דרייפוסן, אַז ער וואָלט ווידער וועלן זען ווייצ־מאַנען. הייסט עס דאָך, אַז דער איינדרוק וואָס ער האָט געמאַכט אויפן ווירדיקן שטאַטסמאַן איז געווען אַ פּאָזיטיווער.

נישט קליין איז טאַקע געווען דער רושם. אַ פּאָר וואָכן שפּעטער שרייבט באַלפור וועגן דעם ווי ווייצמאַן האָט אים איבערצייגט, אַז מען טאָר גאָרנישט טראַכטן וועגן אַ צווייטער היים פאַר יידן, אויסער ארץ־ישראל. און פאַר זיין פּלעמעניצע, פריילין דאַגדיל, האָט באַלפור זיך אויסגעדריקט, אַז ער האָט אַרויסגעפילט פון ווייצמאַנס רייד, אַז די יידישע פאָרעם פון פּאַטריאָטיזם, די ליבע פון יידן צו זייער לאַנד, האָט נישט דערלאָזט מסכים צו זיין מיטן אוגאַנדאַ־פּראָיעקט.

פון אַלע זייטן שמייכלט דער גורל. אין לאַבאָראַטאָריע איז ווייצמאַן אַרויס אויפֿן דרך־המלך. זיינע פֿאָרשונגס־טעמעס ווערן פֿאַרעפֿנטלעכט אין די אָנזעעוודיקסטע זשורנאַלן. עקאָנאָמיש גייט אים אויך נישט שלעכט, כאָטש ער איז נאָך נישט אין גאַנצן פֿריי פֿון פּרנסה־זאָרגן. יעדן פֿאַלס קען מען שוין צואיילן זיין חתונה. אויך ווערא איז גרייט.

מען באַשטימט אַ טערמין: דעם 23טן אויגוסט 1906. ווייצמאַן פֿאַר־בינדט די דאַטע מיט אַ צווייטער געשעעניש, פֿון אַ געזעלשאַפֿטלעכן כאַראַקטער. אין יענע טעג דאַרף פֿאָרקומען די יערלעכע ציוניסטישע קאָנפֿערענץ אין קעלן, וואָלט גוט געווען צוזאַמענצוברענגען די משפּחה ערגעץ דערנעבן און פֿראַווען די שמחה. אפֿשר טאַקע אין צאָפּאָט: אַהין קען מען דערגרייכן אָן פּאַספּאָרט־שוועריקייטן און ס׳איז נישט ווייט פֿון טאַטע־מאַמע, נישט ווייט פֿון דער שוועסטער מרים אין וואַרשע.

אַ משונהדיקע חתונה איז עס געווען — געיאָגט און געכאַפּט. חיים, דער חתן, האַלט אין איין פּלאַנעווען וועגן די צוגן וואָס קומען און גייען. ער מוז באַווייזן צו דער קעלן־קאָנפֿערענץ. עס זעט אויס, ווי דאָס וואָלט געווען אַ חתונה אויף אַ וואָקזאַל, צווישן אָנקום פֿון איין באַן און דער צווייטער. באַלד הייבט מען טאַקע אָן צו צעשיידן זיך, יעדער פֿאָרט אַוועק אין זיין ריכטונג.

נישט קיין זיסער האָניק־חודש איז דאָס געווען פֿאַר דעם יונגן פּאָר. ווערא זיצט אָן איינזאַמע אין האָטעל־צימער ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין און וואַרט אויף איר מאַן.

ער קומט צו גיין אַ בלייכער, אַ דערשעפּטער פֿון די לאַנגע זיצונגען. זאָל ער זיך פֿאַרטיידיקן און שטאַמלען זינלאָזע ווערטער? אָדער אפֿשר זאָל ער בעסער דערציילן וועגן זיינע קאַמפֿן, בעטן אַן עצה, זיך פֿאַר־טרויען? ווערא קען דאָך אים העלפֿן, צולייגן אַ האַנט.

דער מאַן שטייט פֿאַר זיין יונג ווייב און דערציילט איר וועגן די אויסמאַטערנדיקע ויכּוחים; וועגן וואָלפֿזאָנען, אַ מענטש, וואָס האָט נישט דעם פֿאַרשטאָרבענעם פֿירערס געניאַליטעט און שווונג און דאָך האַלט ער זיך פֿאַר הערצלס שטעלפֿאַרטרעטער און יורש. מען קלאַמערט זיך אין פּאָליטישע הויך קלינגענדיקע דעקלאַראַציעס און מען האַקט אָפּ די פֿליגל ביי די יעניקע, וואָס פֿאָדערן קאָנקרעטע מעשים אין ארץ־ישראל. מען וויל נישט פֿאַרשטיין, אַז ס׳איז נישטאָ נאָך אַזאַ וויכטיקע זאַך, ווי אַ גיכער נצחון אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטישער אַרענע; און

פון דער צווייטער זייט רעדט מען מיט ביטול וועגן די וויניקע, וואָס אַקערן די זאַמדיקע און שטיינערדיקע ערד פון ארץ־ישראל און מען וויל נישט פאַרשטיין, אַז דערווידעראויפבוי פון לאַנד איז אַן אַרבעט אויף דורות, וואָס קיין שום פּאָליטישע דעקלאַראַציע קען זי נישט פאַרבייטן.

ניין, עס איז אים נישט געווען נויטיק צו פאַרטיידיקן זיך, פאַרוואָס ער לאָזט ווערן אַליין. דער גוטער גורל האָט וויצמאַנען צוגעשיקט אַ לעבנס־באַגלייטערין מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער און קלאָרן שכל. דאָך האָט אים ווי געטאָן דערפאַר, וואָס ער האָט זיין ווייבן גורם געווען אַזוי פיל איינזאַמע שעהן, שוין ביים סאַמע אָנהויב פון זייער צוזאַמענלעבן.

פון קעלן איז דאָס יונגע פּאָר געפאָרן קיין מאַנטשעסטער. אין אַ גרויען קאַלטן פרימאָרגן זענען מאַן און ווייב פאַרפאָרן אין דער נאָך דרימלענדיקער שטאָט. קיינער האָט זיי נישט אָפּגעוואַרט, קיינער האָט מיט זיי זיך נישט געפרייט. חיים האָט געגישטערט מיט דער האַנט אין קעשענע צי ס׳איז נאָך דאָרט עפּעס פאַרבליבן. ליידער, נישט קיין גרויס־געלט און נישט קיין קליינגעלט. נאָך אַ נס, וואָס גאָט האָט צוגעשיקט אויפן וואָקזאַל אַ באַקאַנטן פון דער אַנילין־פאַבריק, און ביי אים האָט מען געבאָרגט אַ קליינע סומע. מיט אַ מאָטעלער שמייכל אויפן חשבון פון „נאַרישן דלות" איז מען פאַרפאָרן אַהיים. געמיינט האָט עס אַן אָרעמען פּענסיאָן, וואָס וויצמאַן האָט באַשטעלט נאָכן אַרויספאָר צו דער חתונה. געפונען האָט זיך „די היים" אין אַ פאַרוואָרפענעם קוואַרטאַל פון דער שטאָט.

די צייט פליסט מיט איר קאַפּריזן גאַנג. עס טרעפט, און וויצמאַן ווערט אויפגעבראַכט קעגן זיך און קעגן אַלעמען. אָט זיצט ער אין זיין פּענסיאָן־צימער, קוקט אַרויס צו דער ליידיקער גאַס צו, און ער מורמלט:

וואָס אייגנטלעך טוט ער דאָ, אין דער פרעמדער שטאָט? וואָלט נישט בעסער געווען, ווען ער לאָזט זיך נאָכן רוף פון דעם לערער פון הר תבור, יוסף וויתקין? דער עניוותדיקער לערער האָט געפרעגט: „האָבן מיר דען מקריב געווען אויפן מזבח פון אונדזערע פאַרלאַנגען אַ טויזנטל פון דעם, וואָס פעלקער זענען מקריב נישט אויף צו ראַטעווען דאָס לעבן, נאָר פאַר דעראָבערן עפּעס אַן עקספּאָרט־מאַרק? האָבן מיר דען אין די

לעצטע צענדליקער יאָרן אָפּגעגעבן פאַר אונדזער לאַנד כאָטש אַ קליי־
נעם חלק פון דעם, וואָס מיר האָבן אַוועקגעגעבן פאַר פרעמדע און ווי
שקלאַפן זיי געחנפעט?"

ווייצמאַן טראַכט אָפט וועגן די מענטשן פון דער צווייטער עליה, די
מוטיקע יידן, וואָס האָבן זיך געלאָזט אין יידישן לאַנד דווקא אין די
שווערע טעג, ווען מיטן טויט פון הערצלען און מיטן אויפקום פון
אוגאַנדאַ־פּראָיעקט האָט זיך געדוכט, אַז אַלץ צעפאַלט זיך. דאָס זענען
געווען די מענטשן פון מעשים, וואָס האָבן געראַטעוועט דעם כבוד פון
פאָלק. ווען נישט זיי, וואָלט מען געבליבן מיט הערצלס שיינעם חלום,
און נישט מער. וואָרעם וואָס איז דאַן געווען אין לאַנד? אַ ביסל אַלט־
וואַרג, וואָס האָט געלעבט פון שנאָרעריי, נע־ונדניקעס, וואָס האָבן גע־
טראַכט וועגן אַמעריקע און אויסטראַליע, און אַ הייפל אידעאַליסטן וואָס
האָט געליטן רדיפות פון באַראָנס טשינאָווניקעס און פון די שמאָלקעפּיקע
טערקן. וואָס וואָלט, חס וחלילה, געשען, ווען עס קומט נישט די צווייטע
עליה און וועקט נישט אויף אַ נייעם גייסט אין לאַנד? יאָ, ער, ווייצמאַן,
פּרעדיקט מעשים און אַליין זיצט ער אין מאַנטשעסטער, — שטראָפט ער
זיך.

אין אַזעלכע טעג קלאָמערט זיך ווייצמאַן אין דער געשטאַלט פון
די ארץ־ישראל־חלוצים — די שטאָלצע בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן
פאַרלאָזן רייכע היימען און אַוועק אין יידישן לאַנד, כדי צו לעבן פון
אייגענער אַרבעט. קאָלאָניסטן זענען געשטאַנען און זיי אָנגעקוקט מיט
אָפענע מיילער: וואָס פאַראַ יונגעלייט זענען עס? זיי באַהאַלטן די דיפּלאָ־
מען און בעטן זיך, אַז מען זאָל זיי לאָזן באַווייזן זייערע כוחות און זיך
פאַרמעסטן מיטן אַראַבער, וואָס איז געווינט זינט דורות צו דער הייסער
זון און צום זאַמדיקן באָדן.

אַזעלכע מחשבות זענען זיך נוקם אין ווייצמאַנס געזונט. עס ווערט
ברייטער דער פלעק אויף זיינע לונגען.

געזען טשערטשילן, געזען באַלפורן, באַקענט זיך מיט נאָך מענטשן;
באַזוכט די שטאָט און יענע, גערעדט פאַר יידן און נישט־יידן. דערווייל
אָבער איז שטיל און איינטאָניק. לאַנגזאַם ציען זיך די טעג.

די דאָקטוירים ראָטן מנוחה, זון און ליכט. פרילינג 1907 פאָרט
ווייצמאַן קיין איטאַליע. שיין איז דאָס לאַנד, לויטער זענען זיינע הימלען,
וואַרעמע זענען דאָ די מענטשן, אָבער דער ציוניזם גייט ווייצמאַנען נאָך
ווי אַ שאָטן.

ער שפּאַצירט איבער די חורבות פון אַלטן רוים. אָט איז דאָס טיטוס־טויער. ער זעט די אין שטיין אויסגעהאַקטע יידישע געפאַנגענע, וואָס מען פירט איבער די רוימישע גאַסן; דער שלל פון בית־המקדש דריקט אויף די איינגעבויגענע רוקנס פון די באַזיגטע יידישע גיבורים. פאַר ווייצמאַנס אויגן לעבט אויף יענער ווייט פאַרלאָפענער טאָג: די מאַסן יובלען, ווייל גרויס איז דער נצחון, וואָס די לעגיאָנען האָבן אָפּגעהאַלטן איבער ירושלים. עס הילכט אַ געשריי „יודעאַ קאַפּטאַ״; אַ סוף איז געקומען צום יידישן לאַנד, צו יידישער אומאָפּהענגיקייט.

דאָס איז געווען מיט גענויע צוויי טויזנט יאָר צוריק. געפאַלן איז דאָס אַמאָליקע שטאָלצע רוים, פאַרשווונדן זענען זיינע אומבאַזיגבאַרע לעגיאָנען. דאָס אַלטע רוים איז געוואָרן אַ טוריסטן־אַטראַקציע, אַ וועלט פון זכרונות. און אין דעם באַזיגטן ירושלים הערט זיך אַ האַמער־געקלאַפּ פון חלוצים; עס בויט זיך און קומט אויף דאָס נייע ירושלים! ירושלים האָט באַזיגט רוים, וואָרעם אויף די רוימישע חורבות שפּאַצירן טוריסטן, אָבער פון צווישן די חורבות פון ירושלים הייבט אָן צו שפּראָצן אַ ניי לעבן.

ווייצמאַן רייזט איבער דעם שיינעם איטאַליע און טראַכט וועגן דער גרויסקייט, צו וועלכער דער מענטש קען זיך דערהויבן דורך פּאָזיטיווע, ווירדיקע מעשים. ער איז זיך מודה: קליין און שוואַך איז אין אים דער קינסטלערישער חוש, כדי אָפּצושאַצן דעם צויבער פון דער ירושה, וואָס איטאַליע איז מיט איר געבענטשט. ער מוז ווידער פעסטשטעלן דעם פאַקט, אַז ער איז נישט מער ווי אַ כעמיקער און אַ ציוניסט.

מיט אַ זיבן יאָר פריער האָט געלעבט און געלערנט אין רוים אַ ייד, וואָס איז געווען מיט זעקס יאָר יינגער פון ווייצמאַנען. פון נישט קיין איבעריק וואַרעמער יידישער וועלט איז דער יונגערמאַן געקומען קיין רוים. און ער האָט ליב באַקומען איטאַליע ביז גאָר: ער איז געשטאַנען מלא התלהבות פאַר לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשיס גרויסקייט, פאַר דעם שטערן־בליאַסק פון מיקעל אַנדזשעלאָ און קאַרעדזשאָ. מיט יאָרן שפּע־טער האָט דער יונגערמאַן דערציילט,* אַז מיקעל אַנדזשעלאָ איז געווען פאַר אים אַ ליכט און אַ וועגווייזער, וואָרעם דער קינסטלער האָט געזען אין מענטש אַ געטלעכע גרויסקייט. זיין געדאַנק — האָט ער דערציילט —

* זע „זאב זשאַבאָטינסקי״ פון יוסף ב. שעכטמאַן.

אַז יעדער מענטש איז אַ קעניג פאַר זיך, איז אים געקומען דורך מיקעל אַנדזשעלאָס השפעה. יאָ, דאָס איז געווען אין גאַנצן אַן אַנדערער ייד. אויך ער האָט געזען טיטוסעס נצחון־טויער, אָבער רעאַגירט האָט ער נישט ווי דער ייד פון מאָטעלע. דער גורל וועט אין גיכן צוזאַמענ־ברענגען אָט דיביידע יידן אויף דער נאַציאָנאַלער יידישער אַרענע, און זיין וועט עס אַ צוזאַמענטרעף, וואָס וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ לאַנגן דראַמאַטישן געראַנגל.

דער יונגערמאַן, פאַרליבט אין רוים, אין איטאַליענישן רענעסאַנס, אין אירע גרויסע דענקער און קינסטלער — איז געווען זאב זשאַבאָטינסקי.

דאָס יונגע פּאָרל איז באַגליקט געוואָרן מיט אַן אייגענער דירה — אַ שיין, געמיטלעך הויז אויף דער רויקער בירטשפילד־ראָוד. מען האָט איינגעהאַנדלט ניי מעבל און וויצמאַן צאָלט עס אויס אין חודשלעכע ראַטעס. עס איז צוגעקומען אַ זייטיקע הכנסה: קאָרעגירן העפטן פון סטודענטן אין כעמישע שולן.

דאָס לעבן שלאָגט וואָרצלען, עס ווערט געבוירן דאָס ערשטע קינד, אַ בן־זכר. ווי זאָל אים וויצמאַן רופן? זאָל דאָס זיין דער דערהויבענער נאָמען פון דעם, וואָס האָט אָנגעצונדן דאָס גרויסע ליכט? וויצמאַן וויל פאַרריכטן די שווערע ווערטער, וואָס ער האָט געלאָזט פאַלן קעגן דעם מנהיג. דער זון וועט הייסן בנימין, אין זכר פון בנימין זאב הערצל.

דאָס קליינס איז קוים אַלט זיבן וואָכן, נאָך נישט ווי געהעריק זיך אָנגעפרייט מיט אים, און שוין גרייט זיך וויצמאַן צו אַ נייער רייזע. ווערא וועט מוזן מוחל זיין, וואָרעם עס גרייט זיך אַ ציוניסטישער קאָנ־גרעס פון גרויס באַדייטונג. איין מאָל פאַר אַלע מאָל מוז דעצידירט ווערן אַ וואָסערע עס זאָל זיין די געשטאַלט פון דער באַוועגונג. עס איז דאָך אוממעגלעך, אַז מען זאָל ווייטער ממשיך זיין מיט דער אַלטער שתדלנות אין גוישע הויפן און פאַרנאַכלעסיקן דאָס וועזנטלעכע טאָג־טעגלעכע אין ארץ־ישראל. ער האָט פאַרטראַכט אַ נייעם פּלאַן פון אַרבעט און ער מוז אים פאָרברענגען פאַרן קאָנגרעס. ווערא האָט מוחל געווען. און דאָס קליין נפשל? מיט דער צייט וועט עס ויסן, אַז דער גורל האָט אים באַשאָנקען מיט אַ טאַטן אַ נע־ונדניק.

שטייענדיק פאַר דער העכסטער אינסטאַנץ פון דער באַוועגונג אין

אויגוסט 1907, לאָדט ווײַצמאַן אויס זיין גאַנצע אָנגעזאַמלטע פאַרביטע־רונג: זאָל מען גוט געדענקען, אַז אין גאַנץ אייראָפּע וועט מען נישט אויפהייבן אַ פינגער אונדז צו העלפן, ווי גערעכט מיר זאָלן נישט זיין. דאָס פאָלק אַליין דאַרף זיין דער שמידער פון זיין גורל. וואָרעם מ׳וועט דאָס לאַנד נישט באַקומען ביי אַ גרין־געדעקטן טיש. ניין, ווייצמאַן איז נישט מבטל די וויכטיקייט פון דיפּלאָמאַטיע, אָבער זי וועט פאַרבלייבן נישט מער ווי אַ שתדלנות פון נאַיווע מענטשן, אויב עס וועט נישט שטיין הינטער איר אַ ישוב פון בויער און שעפער אין ארץ־ישראל. די וועלט פאַרשטייט בלויז קאָנקרעטע מעשים. מיט סתם רייד וועגן צדק און יושר קען מען ווייט נישט פאַרפאָרן. די באַוועגונג וועט נאָר דאַן מצליח זיין, אויב זי וועט אויסשמידן אַ נייע שיטה — אַ סינטעז פון פאַר־שטענדלעכער דיפּלאָמאַטיע מיט טאָג־טעגלעכע מעשים אין יידישן היימ־לאַנד. רעגירונגען וועלן זיך אָפּרופן מיט סימפּאַטיע, ווען זיי וועלן זען, אַז יידישע הענט דעראָבערן דאָס לאַנד דורך אַרבעט און מי. און זאָל זיך נישט זאָרגן זיין גוטער פריינד לעאָ מאָצקין, צו ווילכן ער האָט אַ מאָל אַרויפגעקוקט, טאָמער וועט דאָס פאָלק האָבן אַ דורכפאַל אויף זיין וועג און די וועלט וועט האָבן איבער וואָס צו שפּאָטן און קריטיקירן. דורכ־פאַלן געהערן צום מענטשנס לעבן; מען קען פון זיי נישט אַנטלויפן. דער, וואָס גייט אויף די וועגן, איז אויסגעשטעלט צו פאַרשידענע מכשו־לים. אַ מענטש פאַלט, הייבט זיך אויף און גייט ווייטער, ווייל דאָס איז זיין גורל אויף גאָטס ערד.

ווייצמאַן פאַרטראַכט זיך אַ ווייל און דערנאָך, מיט אַ ביסל אַ מידער שטים, רעזומירט ער, ציילנדיק יעדעס וואָרט: „יידישע זעלבסטרעגירונג אין ארץ־ישראל וועט זיך באַקומען ווי אַ קאָנסעקווענץ פון אונדזערע אָנשטרענגונגען דאָרטן, געשריבן נישט מיט טינט אויפן פּאַפּיר, נאָר מיט בלוט און שוויס".

די וויכוחים גייען אָן. נישט אַלע האָבן באַנומען דעם זין פון ווייצ־מאַנס נייעם פּראָגראַם. אַ סך חלומען נאָך וועגן אַ בליציקן נצחון, מיט דער הילף פון עפּעס אַ קייסער אָדער הערשער. אַ נס קען געשען, דער סולטאַן וועט עפענען די טויערן פון ארץ־ישראל, לאָזן פאַלן אַ שפּרוך — און עס וועט זיך באַווייזן אַ יידישע מדינה. ווייצמאַן ווערט אומגעדולדיק. די וויכוחים ציען זיך און מען דערגרעדט זיך נישט צו תוכיקע באַשלוסן. און מיט איין מאָל גיט ער זיך אַ פרעג: וואָס טו איך דאָ אייגנטלעך? פאַר וואָס האַלט איך אויף מיין רייזע קיין ארץ־ישראל? ער האָט דאָך ענדלעך אַ מעגלעכקייט אויף דעם: דער פּראַקטישער יאָהאַן קרעמע־

ניצקי, אַ ווינער אינדוסטריעלער, וואָס איז אויך מיד פון רעדעס, האָט פאָרגעשלאָגן ווייצמאַנען צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, שטודירן אירע אינ־דוסטריעלע מעגלעכקייטן, לאָמיר זאָגן, אויפן געביט פון אוילן, פאַר־פומען, אָדער עפּעס אַנדערש. קרעמעניצקי האָט געגעבן אויף הוצאות, ווייל ער האָט געגלויבט אין ווייצמאַנס חוש פאַר קאָנקרעטע מעשים. ביידע פריינד האָבן אַ סך דערוואַרט פון אָט דער רייזע. ווייצמאַן האָט שוין זיינע רייזע־דאָקומענטן אין קעשענע. צו וואָס זשע זאָל ער זיך טרינקען אין טייכן רייד אויפן קאָנגרעס? אַ שאָד יעדער טאָג. בעסער איז, אַז ער זאָל ווייזן אַ ביישפּיל וואָס דער „סינטעטישער ציוניזם" באַדייט; נישט בלויז יאָגן זיך נאָך אינטערוויוס ביי די טשערטשילס און באַלפורס, נאָר עפּעס אויפשטעלן, שאַפן אין יידישן לאַנד, זיך באַהעפטן מיט זיין ווירקלעכקייט דורך חלוצישער אָנשטרענגונג און מי.

ער מעג פאָרן, טראַכט ער, מיט אַ לייכט האַרץ. פריער אָדער שפּעטער וועלן אַלע דערזען דעם זין פון זיין דרך אין ציוניזם.

ווייצמאַן האַלט אין איין איינחזרן זיך, אַז ער טאָר זיך נישט לאָזן פאַרבלענדן דורך געפילן און סענטימענטן. ער דאַרף זען דאָס לאַנד ווי עס איז אין דער אמתן, אַנאַליזירן אַלץ „ווי אַ כעמיקער, אַ וויסנשאַפטס־מענטש".

שיין זענען די הימלען אין קאָרסיקע און אין קרעטאַ, בלוי איז אַלץ אַרום, פון דער שיף אַרויס אַנטפּלעקן זיך וווּנדערלעכע פּייזאַזשן, אָבער ער טאָר נישט זיך לאָזן טראָגן אויף די פליגלען פון עמאָציע.

ער וויל בעסער פירן זיינע שמועסן מיט מאַניע ווילבושעוויטש — פאַר איר איז דאָס שוין די צווייטע רייזע קיין ארץ־ישראל. זי איז אַ מענטש מיט אַ ברויזנדיקן כאַראַקטער און זי שפּרודלט מיט פּלענער און געדאַנקען. אויף אירע הענט שוועבט נאָך דער ציטער פון יענעם טאָג, ווען זי האָט געטראָגן די באָמבע אויף אומצוברענגען פּאָן־פּלעווען. ווען דאָס האָט זיך איר נישט איינגעגעבן, האָט זי צוגעוואָרפן צום ביטערן צורר־היהודים: אויב דו וועסט אויפהייבן דיין האַנט אויף דער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג, וועלן אירע געטרייע קינדער דיך פּאַרטיליקן.

אָבער נישט די פאַרגאַנגענהייט איז פאַר מאַניען דער עיקר. זי וויל באַווירקן דעם וויכטיקן מיטרייזנדן מיט אירע פּלענער. זי רעדט פאַר ווייצמאַנען וועגן קאָאָפּעראַטיווער ווירטשאַפט, וועגן בשותפותדיקע פאַרמס און זייערע קאָלאָסאַלע ווירטשאַפטלעכע מעגלעכקייטן. דרך אגב, פאַר־

דריסט איר גאָר שטאַרק, וואָס דער חכם און שיין־רעדנער ד״ר נאָרדוי, פּרעזידענט פון קאָנגרעסן, האָט נישט געוואָלט איינגיין אויפן געדאַנק, אַז דער „קרן קימת לישראל״ זאָל געבן פון זיין באָדן פאַר קאָלעקטיווער קאָלאָניזאַציע.

ווייצמאַן טראַכט אַריין אין די פאַרשידענע פּראָיעקטן וואָס מאַניע ווילבושעוויטש וויקלט פאַנאַנדער.

און אָט איז אַלעקסאַנדריע. מסתמא איז פאַראַן גענוג וואָס צו זען אין דעם היסטאָרישן אַלעקסאַנדריע, צו וועמעס גרויסקייט יידן האָבן אַ מאָל פיל בייגעשטייערט. ווייצמאַן אָבער זוכט אַרום ציוניסטן. דאָך באַמערקט ער גאַנץ גוט דאָס פּנים פון שטאָט, אַ מישמאַש פון אייראָפּעי־שער ציוויליזאַציע און מזרח־באַרבאַריזם. ער טראַכט וועגן דער נעגאַ־טיווער השפּעה, וואָס קען זיך טראָגן פון דאַנען צום יידישן לאַנד. אָבער שיין איז דער מזרח, די וועלט פון נביאים און זעערס. ווען ער קוקט זיך צו צו די מזרח־הימלען, באַנעמט ער ערשט ווי אַזוי מצרים האָט אַ מאָל געקענט שאַפן איר גרויסע וווּנדער־קולטור.

אויף אַ צווייטער סטאַציע, ביים שוועל פון יידישן לאַנד, אין ביירוט, דערזעט ער אַ שרעקלעכע אָפּגעלאָזנקייט. ווו איז די גרויסע ירושה פון אַ מאָל? — פרעגט ער זיך. ער טראַכט דאַביי, אַז נאָר דער ייד, טראָץ זיין יסורים־וועג, האָט באַוויזן די גבורה פון קענען אויפהאַלטן די גאָט־גע־בענטשטע ירושה.

אָט איז יפו, דער אַלטער פּאָרט! ווייצמאַן שטעלט די ערשטע טריט אויף דער הייליקער ערד. ענגע, געדרייטע גאַסן, גרויע, בלינדע הייזער, אָרעמקייט און שמוץ, קיילעכדיקע מעטשעטן־קופּאָלן און שמאָלע, הויכע טורעמס, וואָס ווילן זיך אַ הייב טאָן אין די הימלען. אַרום כאָרכלט די אַראַבישע גאָרגל־שפּראַך. און אין משונהדיקן דזשונגל פון הייזער און סטילן זענען פאַראַן יידישע ווינקלען, ווו מען מאַכט פּלענער וועגן באָדן־אויסלייזונג, קאָלאָניעס, פּרדסים, פאַבריקן.

ווייצמאַן וויל זען דאָס לאַנד און זיין ממשותדיק געשטאַלט. יפו שטיקט אים, ער איילט צו די קאָלאָניעס אין יהודה. ער וויל איינזאַפּן אין זיך דעם ריח פון יידיש־באַאַרבעטער ערד, ער וויל זען אַ יידישן פויער אין פעלד.

מען האָט אים געגעבן אַ וווּנדערלעכן באַגלייטער: יהושע חנקין, אַ ייד וואָס האָט ליב געהאַט די ערד. שוין ביי זיין טאַטן, אויף די רוסישע פעלדער, האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך אָט די ליבע.

יהושע חנקין קויפט באָדנס, טיילט זיי איין אין חלקים און פאַר־

קויפט זיי אין די תפוצות. די שליחים זיינע זאָגט ער אָן „צו פאַרבינדן מיט גוטע קאָנטראַקטן די יידישע קויפערס, אַז זיי זאָלן נישט קענען חרטה האָבן און פאַרלאַנגען זייער געלט צוריק". ער איז דאָס געווען דער, וואָס האָט אויסגעלייזט דעם באָדן פון דאַראַן, דאָס היינטיקע רחובות. מסתמא האָט ער געוויזן דאָס אָרט דעם וויכטיקן גאַסט, אַ דאָצענט פון ענגלאַנד, אַ וויסנשאַפטסמאַן, וואָס איז געקומען פאָרשן די אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן פון לאַנד. נישט פאַרגעשטעלט האָט זיך דאַן חיים וויצמאַן, אַז אויף דער דאַראַן־ערד וועט ער מיט דריי צענדליק יאָר שפּעטער אויפשטעלן זיין היים און אַרום איר — אַ וויסנשאַפטלעכן פאָרשונגס־צענטער — „זיין לעבנס־חלום".

אויף פערד רייטנדיק, פאָרט וויצמאַן מיט זיין באַגלייטער איבערן לאַנד. עס טרעפט און חנקין גייט אַרונטער פון פערד, בייגט זיך איין איבערן באָדן, נעמט אַ הויפן זאַמד, און אָדער זיין פּנים שמייכלט, אָדער עס דערהערט זיך פון אים אַ קרעכץ. דאָס הענגט אָפּ פון דעם צי דער באָדן איז אַן אויסגעלייזטער, אָדער נישט. וויצמאַן שמייכלט און באַהאַלט אויס זיין בליק אין דער וווייטקייט.

נאָענט ביי נצרת, אויף אַ בערגל, קוקן זיי אַרונטער א טאָל, וואָס ליגט איינגעשלאָסן צווישן בערג. דער טאָל שימערירט, ווי עס וואָלט אויף אים געלעגן דער בלויער הימל.

— עמק יזרעאל, עמק יזרעאל — שעפּטשעט יהושע חנקין — געווען אַמאָל דער ברויט־שפּייכלער פון לאַנד. און היינט? אַ מדבר, אַ פאַרשאָלטענע וויסטע.

וויצמאַנען האָט אַ צי געטאָן דער עמק. וויפל שווייס און בלוט וועט אָט דער טאָל אין זיך איינזאַפּן, ביז ער וועט זיך אומקערן צום לעבן? אַ קורצע צייט שפּעטער וועט ער פרעגן די מענטשן פון דער פירערשאַפט: ווי אַזוי איז מעגלעך צו לאָזן דעם עמק יזרעאל פוסטעווען און זיין אַ נעסט פון קראַנקייטן, נאָר דערפאַר, ווייל דער פּרייז פון באָדן זעט אויס צו זיין אַ הויכער? נישט קיין באַנקירן זענען זיי, נאָר סתם חלפנים; נישט קיין פּאָליטיקער, נאָר שתדלנים, — וועט וויצמאַן זאָגן וועגן די פירער.

אין ירושלים, דווקא אין ירושלים, איז גרויס געווען זיין אַנטוישונג. די הוילע בערג אַרום האָבן אויף אים אָנגעווייעט אַן אומעט. אין די שמאָלע, געשלענגלטע געסלעך איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ גרויסע אָרעמקייט. „אַ שטאָט פון קברים און בעטלער", האָט וויצמאַן געברומט.

דער ערשטער צוזאַמענטרעף מיט ירושלים וועט לאַנג, לאַנג שטיין פאַר זיינע אויגן.

ווייצמאַן איילט ווידער אין די קאָלאָניעס, צו די יידישע פעלדער. אָט שטייט ער פאַר אַ ייד, „וואָס האָט אַ פּנים ווי אליהו הנביא״, ווי ער וועט עס שפּעטער זאָגן אויף אַ ציוניסטישער פאַרזאַמלונג אין לאָנדאָן.

דער ייד, וואָס איז ענלעך צו אליהו הנביא איז אַ נייער מין צדיק — מיט אַ רידל אין האַנט. מענטשן ציען צו זיין אָרעם געצעלט און אַ נייע תורה טראָגט זיך פון זיינע ליפּן, די תורה פון אַרבעט, וועלכע ער דער־הייבט צו אַ הייליקער ספירה, וואָרעם אָן אייגענער אַרבעט וועט זיך ברעקלען די יידישע מאָראַל; דער קיום דורך יגיעת־כפּיים, נאָענט פון דער נאַטור, איז די העכסטע פון אַלע מצוות, — האָט ער געוואָרנט.

שוין אין זיינע פערציקער יאָרן איז דער ייד געקומען קיין ארץ־ישראל און ער האָט נישט געוואָלט אָננעמען קיין לייכטע ביוראָ־אַרבעט, נאָר זיך געריסן צו שווערער פּראַצע. זיין אמונה און תורה האָט ער גע־שמידט אויף זיין אייגן לייב. אַ שוואַך געזונט האָט זיך געהאַלטן אין זיין קערפּער און אָפט פלעגט ער פאַלן ביי דער אַרבעט אָן אויסגעשעפּטער. איצט אַרבעט ער אין קליינעם ווינקעלער אין רחובות.

ווייצמאַן שטייט פאַר אים און הערט זיינע רייד. ער טראַכט: אָט דער ייד איז אַ מין העכערער גלגול פון יענעם שמיד אין כאַלאַזינאַ, וואָס פלעגט זיך טראָגן אין ווייטע העקן מיט זעק תבואה, כדי צו זוכן אַ הונגעריקן ייד; אַ העכערער גלגול, ווייל אויף דער אייגענער ערד פּראָוועט ער זיין מענטשן־ליבע.

געווען איז עס א. ד. גאָרדאָן. זיין לערע וועגן אַרבעט און מאָראַל האָט נישט ווייניק ליכט אַריינגעגאָסן אין ווייצמאַנס נשמה. נישט איין מאָל וועט אויפקלינגען אין אים גאָרדאָנס וואָרנונג: „נאַריש, נאַריש איז דער גלויבן, אַז דער זכות אויף אַ לאַנד ווערט איינגעקויפט דורך בלוט. דאָס איז איינער פון די קאָנווענציאָנעלע ליגנס. אַ לאַנד ווערט דערוואָרבן נאָר אין אַרבעט און אין יצירה״.

אין חיפה האָט ווייצמאַן אַ צוזאַמענטרעף מיט אַ גרויסן יידן פון אַ גאָר אַנדערן שטייגער: ד״ר אַרטור רופּין. אויפן ערשטן בליק איז ער דוכט זיך אַ טרוקענער, דייטש־יידישער געלערנטער, וואָס איז נישט

מסוגל אויף אַ ביסל השתפכות־הנפש. אָבער ווייצמאַן האָט געמאַכט אַ טעות. און באַלד נאָך דעם איז ער מודה, אַז ער האָט זוכה געווען צו אַ פריינדשאַפט מיט איינעם פון די גרעסטע בויערס פון יידישן לאַנד. זעלטן ווען האָט אַ מענטש פאַראייניקט אין זיך אַזוי פיל ליבשאַפט און וויזיע מיט איינפאַכער גרויער פראָזע, ווי ד״ר רופין. גראָד פון אים, פון שטרענגן וויסנשאַפטסמאַן, וויל ווייצמאַן הערן וועגן יידישער גאולה.

ד״ר רופין איז ערנסט. ער רעדט מיט ציפערן און פאַקטן. אויסלייזונג, דערקלערט ער, מיינט אויטאָנאָמיע, און דער פירוש פון אָט דער לעצטער איז: יידן און באָדן. אויסלייזונג מיינט נייע פאָרמען אין קאָלאָניזאַציע; זי מיינט אויך די צוזאַמענאַרבעט פון נאַציאָנאַלן און פריוואַטן קאַפּיטאַל. און דאָ נעמט ד״ר רופין שיטן מיט ציפערן און איינצלהייטן — גענויע, אויסגעפּאָרשטע.

ווייצמאַן הערט זיך צו מיט טיפן אינטערעס.

וווּנדערלעכע בראשית־טעג האָט דעמאָלט איבערגעלעבט דאָס לאַנד — טעג פון פרייד און שפּאַנונג. וועגן יענע טעג שרייבט אַ יונגער, ענטוזיאַסטישער חלוץ: „אין די אָוונטן, נאָך אַ טאָג פּראַצע, אָדער מאַלאַריע־פיבער, און נישט איין מאָל מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ פון הונגער, פלעגן מיר זיך פאַרזאַמלען אין דער אַרבעטער־קיך, אָדער אויף די זאַמדן־סטעזשקעס צווישן די פּרדסים, און געאָרעמט, אַקסל צו אַקסל, פלעגן מיר זינגען און טאַנצן אין אַ ראָד. די קלאַנגען פון פרייד און געזאַנג האָבן זיך געטראָגן אין וויטן אַרום״.

דער וואָס שרייבט אָט די שורות איז דעמאָלט געווען נאָך אַ יונגערמאַן, זיין נאָמען: דוד בן־גוריון.

אַ צווייטער חלוץ שרייבט וועגן אַ וויכטיקער געשעעניש פון יענע טעג: „מיר האָבן אָפּגערעדט צווישן זיך... פאַררופן אַ ספּעציעלן צוזאַמענטרעף צו באַהאַנדלען אַ וויכטיקן ציל... די זיצונג איז פאָרגעקומען אין מיין בוידעם־צימער. אויפן דיל — ראַגאָזשעס און קאַסטנס. מיין בוידעם־צימער האָט געדינגט אי אַלס דירה אי אַלץ פּלאַץ פאַר מיין געהיימער דרוקעריי... אָט דאָרט איז פאָרגעקומען די ערשטע זיצונג פון דער פאָרמירונגס־גרופּע, פון וועלכער עס איז דערנאָך אַרויסגעוואַקסן דער „השומר״... די גרופּע יוגנט, וואָס איז יענעם אָוונט זיך צוזאַמענגעקומען, האָט געוווּסט וואָס עס דערוואַרט זי... איין און דער זעלבער געדאַנק האָט אַרומגענומען די פאַרזאַמלטע: נישטאָ קיין גאולה

פאַרן פאָלק אין זיין לאַנד, אויב עס וועט נישט אַרבעטן מיט זיינע איי־גענע הענט און אַליין נישט קענען שיצן זיין כבוד און קיום״.

געשריבן האָט די שורות: יצחק בן צבי.

סאַראַ פרייד אָט די מענטשן האָבן אַרויסגערופן ביי ווייצמאַנען! ער וועט נישט איין מאָל זיך דערמאָנען אין אַזעלכע מענטשן, ווי יהושע חנקין, דער משוגע־פאַרליבטער אין דער יידישער ערד; א. ד. גאָרדאָן, וואָס האָט צוגעגעבן אַ נייע דימענסיע דער יידישער געשטאַלט; די ברויזנדיקע מאַניע ווילבושעוויטש; ד״ר אַרטור רופין; די אַנאָנימע חלוצים, וואָס זענען אַוועק אויף באַרג און אין טאָל, כדי זיי צו באַלעבן. יעדעס מאָל, ווען ווייצמאַן וועט זיך אין זיי דערמאָנען, וועט אויף ס׳ניי אויפגיין אין אים אַ וואַרעם געפיל.

מיט טעג שפּעטער, אין דער גרויער מאַנטשעסטער, וועט ער אַ פאַרבענקטער טראַכטן, אַז ער וואָלט פאַרביטן זיין גאַנצע קאַריערע אויף אַ ווינקל, צופוסנס פון די יהודה־בערג.

גרויס איז זיין בענקשאַפט און ער איז גרייט צו פאַרלאָזן ענגלאַנד און אַרבעטן אין העברעישן טעכניקום, וואָס מען גייט אויפשטעלן.

די רייזע קיין ארץ־ישראל האָט פאַרטריבן די יאוש־שטימונג, וואָס פלעגט באַהערשן ווייצמאַנען אין זיינע ערשטע מאַנטשעסטער צייטן. עס דוכט זיך אים, אַז ער האָט זיך באַרייכערט מיט דער פרייד, וואָס גייט אויף אין ארץ־ישראל.

7

שוין נישט איין מאָל האָט ווייצמאַן געוואָלט עולה זיין, אָבער דער גורל מיט זיינע וועגן און קאַפּריזן שטעלט זיך אַנטקעגן. עס קומט די טאָג־טעגלעכקייט מיט אירע גרויסע און פּראָבלעמען. זאָל ער, למשל, שלום מאַכן מיט דער הינקענדיקער פּירערשאַפט אין דער פעדעראַציע פון די ענגלישע ציוניסטן? דער שכל זאָגט אים, אַז ענגלאַנד וועט מיט דער צייט ווערן די הערשערין אין נאָענטן מזרח, איז דאָך דעריבער וויכטיק אַ ציוניסטיש־ענגלישע דערנענטערונג.

ווייצמאַן איז שוין איצט נישט אַזוי געפּענטעט, ווי אין די ערשטע טעג זיינע אין נייעם לאַנד; ער איז שוין בכוח צו פאַרמעסטן זיך מיט די שטאַרקע און גרויסע אין דער יידיש־ענגלישער וועלט.

ווייצמאַנס ציוניסטישע אַרבעט אויף דער פּראָווינץ וועקט די אויפ־מערקזאַמקייט אין לאָנדאָן. עס דויערט נישט לאַנג און מען שלאָגט אים פאָר די צייטווייליקע פּירערשאַפט אין דער פעדעראַציע. ווייצמאַן זאָגט אָפּ, וואָרעם וואָס וועט ער באַווייזן אויפצוטאָן, אויב די מיוחסים וועלן קוקן אויף זיינע הענט, זען אין אים אַ פרעמדן און אַריינדרינגער? אָבער ווייצמאַנען לאָקט די פּירערשאַפט. ער נעמט זיך אָן מיט מוט און לייגט פאָר אויפצושטעלן אַ וויכטיקן ציוניסטישן צענטער אין מאַנטשע־סטער, און פון דאָרט זאָל מען אָנפירן מיט די ענינים, אָדער עס זאָלן זיין צוויי צענטערס: אין זיין שטאָט און אויך אין לאָנדאָן. ווייצמאַן קען נישט צוימען זיין האָפערדיקייט און ער גיט זיך אַ זאָג, אַז ער וואָלט וועלן האָבן אין לאָנדאָן מענטשן פון זיין געשמאַק.

ווייצמאַן הערט דערווייל אויף צו רעדן וועגן זיין עליה־פּלאַן. ער זעט פאָרויס אַ מלחמה צווישן אים און די, וואָס שטייען אים אין וועג צו דער פּירערשאַפט, אָבער ער וועט נישט פאַרלאָזן דאָס שלאַכטפעלד. ווערן פאַרזיכערט ער, אַז ער גיט נישט אויף זיין פּלאַן פון זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל, אָבער דאָס וועט נישט קענען געשען פאַר אַ פינף, זעקס יאָר, ווייל עס וואַרט אויף אים אַ וויכטיקע אַרבעט אין ענגלאַנד.

ווען דער אומעט ווערט גרויס, פּרוּווט ווייצמאַן אים שטילן ביי זיינע עקספּערימענטן אין לאַבאָראַטאָריע. ער זעט פאַר זיך נייע האָריזאָנטן אין דער וויסנשאַפט און ער רעדט אָפט וועגן דער גרויסער ברכה, וואָס עס וועט ברענגען דער וועלט דער צוזאַמענגוס פון דער ביאָלאָגישער מיט דער כעמישער וויסנשאַפט. עס ציט אים דער באַרימטער פּאַסטער־אינסטיטוט אין פּאַריז.

ווייצמאַן האָט, ווייזט אויס, באַמערקט, אַז עפּעס מוז נאָך אין אים זיך אַנטוויקלען ביז צו זיין פאַרמעסט מיט די יידיש־ענגלישע מנהיגים. שפּרינגען איבער דער צייט האָט ער נישט ליב. ער איז טאַקע אומרויק, אָבער די וויסנשאַפט העלפט אים פאַריאָגן זיין נערוועזע שטימונג.

ווייצמאַן פאָרט קיין פּאַריז. ער באַקענט זיך מיט וויכטיקע וויסנ־שאַפטסלייט, עס לאָקט אים די וועלט פון ביאָכעמיע, אירע גרענעצלאָזע מעגלעכקייטן.

ווי שטענדיק, צווישן איין עקספּערימענט און צווייטן אין דער לאַבאָ־ראַטאָריע, באַווייזט זיך פאַר אים זיין צווייטע, אייפערזיכטיקע ליידנ־שאַפט — דער ציוניזם. ווייצמאַן בעט אַן אינטערוויו ביי ד״ר נאָרדוי, ער וויל אויפקלערן אַ געוויסן פּונקט אין דעם אָדער יענעם פּראָבלעם; און אָט רעדט ער פאַר אַ ציוניסטישן קרייז אין יידישן קוואַרטאַל; ער טרעפט זיך אויך מיט יידישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס געפינען אין פּאַריז אַן עיר־מקלט. עס בענקט זיך ווייצמאַנען נאָך יידן, און ער זוכט זיי אומעטום.

פון זיין נסיעה קיין פּאַריז ברענגט ווייצמאַן אַ סך נייעסן. די מאַנ־טשעסטער פּראָפעסאָרן שעצן זיינע דערגרייכונגען ביים פאַרוואָרפן אַ בריק צווישן דער וויקטאָריאַ־אוניווערסיטעט און דעם פּאַסטער־אינ־סטיטוט.

אָבער ווידער דערקוטשעט אים דער אומרו און ער כאַפּט זיך אָפט אַראָפּ קיין לאָנדאָן. דאָרט געפינט זיך זיין גרויסער לערער און רבי, אחד־העם, וועגן וועלכן ער זאָגט אָפטמאָל, אַז ער איז זיין נשמה־דאָקטער.

ווערא מיטן קינד זענען ביי דער משפּחה אין ראָסטאָוו און ווייצמאַנען איז אומעטיק. פאַראַן מאָמענטן, ווען אים ווילט זיך אַרויסרייסן פון מאַנטשעסטער אויף אייביק, כדי זיי זאָלן נישט דאַרפן זיין צעשיידט און איינזאַם.

ער איז אומרויק, כאָטש ער האָט זיך נישט אויף וואָס צו קלאָגן. מען אָנערקענט זיין אַרבעט, מען נאָמינירט אים פאַר וויצע־דירעקטאָר פון כעמישן אינסטיטוט אין מאַנטשעסטער. זיינע תלמידים האָבן דערפאָלג

אין זייערע עקזאַמענס; זיי שעצן אים און גיבן אים אַ מתנה — אַ שיינע פּראָפעסאָרן־טאָגע. אין דער לאַבאָראַטאָריע האָט זיך צעשפּילט זיין חוש פאַר דערפינדונגען. ער באַאַרבעט אַ שיטה ווי אַזוי אַרויסצובאַקומען וויכטיקע נייע שטאָפן.

נייך, ער האָט זיך נישט וואָס צו קלאָגן. און דאָך איז זיין שטימונג אַ געדריקטע.

אין ווייצמאַנען קאָכט עס און ער שפּרייט אַרום זיך שאַרפע רייד: מען האָט פאַרשטופּט אַ פאָלקס־באַוועגונג ערגעץ אין קעלן, אויף אַ זייטיקן וועג, ווייל דאָרט זיצט און היט אָפּ זיינע געשעפטן דער יידישער גביר, דוד וואָלפסאָן, הערצלס בידנער יורש.

ווייצמאַן שאַרפט זיינע פיילן קעגן אָט דעם ציוניסטישן וועלט־פירער. און באַלד דערנענטערט זיך דער נייער ציוניסטישער קאָנגרעס. עס איז דעצעמבער 1909.

דוד וואָלפסאָן פילט די שאַרפע אָפּאָזיציע וואָס עס פירט קעגן אים ד״ר חיים ווייצמאַן. ער קען נישט פאַרשטיין: וואָס ווילן פון אים די רוסישע ציוניסטן? וועט זיך שוין ענדערן די לאַגע, אויב מען וועט אַריבערפירן די הויפּט־ביוראָ פון קעלן קיין בערלין, אָדער ווו אַנדערש? צו וואָס? כדי סתם דורכפאָרערס און נע־ונדניקעס זאָלן אַרומרודערן און שטערן די אַרבעט? וואָס ווילן זיי, די שונאים זיינע? פאַרקירצן זיינע יאָרן, ווי זיי האָבן עס געטאָן מיט הערצלען? האָט ער דען געהאַט אַ רויקן טאָג? איז ער דען נישט געווען ווו מען האָט געדאַרפט, אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, פּעטערבורג, און ווו נישט? עס הייבט אים נישט אָן צו אַרן, וואָס מען רופט אים דער „הערשער איבער אַלע ציוניסטן", ווייל ווען ער וואָלט געהאַנדלט מיט אַ שוואַכער האַנט, וואָלט שוין פון לאַנג אַ סוף גענומען צו די גרויסע ווערטן, וואָס הערצל האָט פאַרזאָגט, אַז מען זאָל זיי פלעגן און היטן.

ווייצמאַן ענטפערט שאַרפזיניק און גאַליק. ער פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס דער פירער האָט זיך דערלויבט צו רעדן וועגן די רוסישע ציוניסטן „ווי אַ דייטשער קאַנצלער". ווי וואַגט ער אָנצורופן אַלס שנאָ־רערס און בונטאָווניקעס די חברים, וואָס האָבן אויפגעשטעלט די באַ־וועגונג? ער דערמאָנט וואָלפסאָנען די חלוצים פון חדרה, וואָס זענען געפאַלן פון מאַלאַריע און נישט געהאַלטן קיין רעדעס אויף די קאָנגרעסן.

נישט בונטאָוניקעס זענען מענטשן, וואָס ווייזן אָן אויף פּעלערן און ווילן מתקן זיין דעם מצב. היתכן, אַז איין מענטש זאָל זיצן אין קעלן און אָנפירן פון דאָרט מיט אַ גאַנצער באַוועגונג? וועט דען נישט וואָלפסאָן אַליין מודה זיין, אַז די גרויסע אַרבעט איז נישט פאַר זיינע פּלייצעס אַליין? און וואָס איז די מורא פאַר דורכפאַרערס און נע־ונדניקעס? זאָל בעסער וואָלפסאָן לערנען פון גרויסן הערצל. ביי די גרויסע און רייכע האָט הערצל קיין פאַרשטענדעניש נישט געפונען, אָבער ווען ער איז אַרויס אויף דער יידישער גאַס האָט ער זיך פאַרבונדן מיט די גרויע מאַסן און אין זיי אָנגעקניפּט זיין נשמה. ווייצמאַן וואָרנט: מען וועט נישט פאַר־שטופּן ערגעץ אין אַ העק אַן אידעאַל, וואָס ער איז ליב און טייער אַ גאַנצן פאָלק. נישט אומזיסט — שרייט ער אויס — אַנטלויפן די גוטע צווישן אונדז פון די קאָנגרעסן, ווייל אין ים פון רעדעס האָט פאַר די לעצטע פאַר יאָר נישט אויפגעבליצט קיין איין נייער געדאַנק. איין מאָל פאַר אַלע מאָל: לאָמיר פאַריאָגן דעם צויבער פון רוישיקע, יומטובדיקע דעקלאַראַציעס, וואָס מען שנאָרעט אויס ביי גוישע גדולים. פאַראַן נאָר איין וועג: געווינען פּאָזיציעס אין לאַנד, איינע נאָך דער צווייטער, מיט דער הילף פון אַרבעט — אייגענער, יידישער אַרבעט.

ווייצמאַן גיט זיך אַ קער צו וואָלפסאָנען און רופט אויס: „דו פאַר־כעסט שטענדיק מיטן בלייפעדער אין דער האַנט, ווי אַ שוחט מיטן חלף... נישט מיט קרעמערישע זיטן באַגייט מען זיך מיט אַ פאָלקס־באַוועגונג".

אָבער נישט ווייצמאַן האָט געוווּנען די שלאַכט. באַלד וועט ער זען, ווי גרינג עס איז צו באַצויבערן אַן עולם. ד"ר נאָרדוי שטעלט זיך אויף און האַלט אַ בליציק־שיינע רעדע. ער גיט אָנצוגעהערן: ווו שטייט עס געשריבן, אַז נאָר די ווייצמאַנס זענען באַזאָרגט וועגן גורל פון דער באַוועגונג? און דאָ קומט נאָרדוי אַרויס מיט אַ ניי בינטל האָפענונגען און גרויסצוגיקע פּלענער: עס קומט אויף — פאַרזיכערט ער — אַ ליבעראַלע באַוועגונג אין טערקיי, וואָס וועט ברענגען אַ נייע עפּאָכע פאַר ארץ־ישראל. און פון איין טעמע גייט נאָרדוי אַריבער צו אַ צווייטער. ער רעדט וועגן דער נאַציאָנאַלער וואָרעמקייט, וואָס לעבט אויך אין די מערב־יידן. ער רופט אויס פּאַטעטיש: וועט די נייע טערקישע באַוועגונג ווערן אונדז קויפן אויפן חשבון פון אונדזערע הייליקע נאַציאָנאַלע ווערטן, וועט זי זיך פיין אָנטוישן, ווייל „אָפּפרעמדן זיך פון יידישקייט מיינט באַגיין זעלבסטמאָרד". דער עולם איז צופרידן, באַצויבערט פון ד"ר נאָרדויס בליציקייט. די דעלעגאַטן סודען זיך: נישטאָ וואָס צו קריטי־

קירן די פירערשאַפט אין קעלן, פאַרקערט, וואָלפסאָן און נאָרדוי גרייטן זיך צו נייע דעראָבערונגען.

אין קעלן, לעבן פירער, זיצט אַ פעיקער סעקרעטאַר, אַ מלא וגדוש, אַ יונגערמאַן אַן עילוי — נחום סאָקאָלאָוו. אַ מאַן, וואָס רעדט און שרייבט אין אַ האַלב טוץ שפּראַכן. ער שווימט אין דער אייראָפּעישער ליטעראַטור, פּונקט אַזוי פלינק ווי אין תלמוד און אין יידישן וויסן.

דעם לומדישן ייד איז שווער אין קעלן. ער קלאָגט זיך פאַר אַ פריינד, אַז „דאָ, צווישן גויים, קומט אים אויס אָממיינסטן צו שרייבן פון לינקס צו רעכטס, און ווען נישט די פרייד פון אַ קאַפּיטל תנ״ך אָדער אַ בלאַט גמרא, וואָלט ער שוין פון לאַנג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן „עם הארץ גמור״.

טראַכט זיך וויצמאַן: ווען ער באַקומט אַריין אין זיינע אָפּאָזיציע־רייען אַזאַ ייד ווי סאָקאָלאָוו, וואָלט דאָס געווען אַ גרויס געווינס פאַר זיין מחנה. האָט דאָך הערצל אַליין געזאָגט אויף סאָקאָלאָוון, אַז „ער איז אַ מענטש אין געשמאַק פון דער תקופה און אַז פאַר די צוקונפטיקע דורות וועט ער פאַרבלייבן אַן אומפאַרגעסלעכע געשטאַלט״.

וויצמאַנען פרייט סאָקאָלאָווס מרידה קעגן דער „פּרייסישער דיסציפּלין״, וואָס הערשט אין קעלן. ער פאַרזיכערט דעם יידישן עילוי הילף און מיטאַרבעט, אויב ער וועט זיך שטעלן אין שפּיץ פון דער אָפּאָזיציע.

וויצמאַן פאַרברייטערט זיינע רייען. ער מאָביליזירט מענטשן, וואָס קענען אים זיין באַהילפיק. ער ציט צו צו זיך די ברידער סיימאָן — מאָריס און לעאָן — באַקאַנט מיט זייערע שריפטן וועגן יודאַאיסטיק. ער דערנענטערט צו זיך דעם פעיקן זשורנאַליסט הערי סאַקער, נאָרמאַן בענטוויטשן, דעם חשובן יוריסט, און דורך זיי גרייכט ער צו פיל אַנדערע — יונגע, פעיקע און שטאָלצע יידן.

וויצמאַן פילט זיך איצט פיל שטאַרקער. ער ווענדעט זיך צום פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, דוד וואָלפסאָן, און ער באַמערקט מיט שטאָלץ, אַז די געשיכטע וועט וויסן צו משפּטן, ווער פון זיי ביידע ס'איז געווען דער גערעכטער. ער פאַרגינט אים זיינע נצחונות מישטיינס געזאָגט; ער איז מוחל די פירערשאַפט, ער טראַכט וועגן איר בכלל נישט. איינס אָבער וועט מען פון אים קיין מאָל נישט קענען אַוועקנעמען, און דאָס איז זיין „עיר המקלט — ארץ־ישראל״.

טראָץ דעם, וואָס ער באַקומט נייע פריינד און מיטאַרבעטער, איז

נאָך אַלץ ווייצמאַנען „שווער אויפן האַרצן". ער טראַכט ווידער וועגן איבערקלייבן זיך קיין ארץ־ישראל. דערווייל פאָרט ער קיין פּאַריז, אין פּאַסטער־אינסטיטוט, וואָרעם ער וויל אַרויסגיין פון גלות, ווי אַ מאָל די יידן פון מצרים, „ברכוש גדול".

ווייצמאַנען פּאַרדריסט, וואָס די געדאַנקען וועגן באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל גייען אין אים אויף שטענדיק אין מאָמענטן פון קריזיס. עס קומט אָבער דער טאָג־טעגלעכער קאַמף און ער פאַרשטופּט די מחשבות ערגעץ אין אַ זייט. אָט שטייט ער פאַר אַ קריג, אין דאָך נישט רעכט צו אַנטלויפן. וואָלפסאָן און זיינע פריינד וועלן נאָך פון אים הערן.

זייענדיק אין פּאַריז הערט ווייצמאַן, אַז וואָלפסאָן שטורעמט זיין פעסטונג אין סאַמע מאַנטשעסטער און אין לאָנדאָן. ווייצמאַן לאָזט אַלץ שטיין און איילט צוריק קיין ענגלאַנד.

מלחמות ווערן נישט געפירט מיט פּאַפּירענע קוילן. וואָלפסאָן קומט אַרויס מיט שרעקלעכע באַשולדיקונגען. ווייצמאַן, רופט ער אויס פאַר אַ גרויסן עולם, האָט אין משך פון יאָרן געזאַמלט געלטער פאַר אַ העב־ברעישער אוניווערסיטעט. ווו איז דאָס געלט און ווו — די אוניווערסיטעט? ווייצמאַן איז געפאָרן פאַר פרעמד געלט קיין ארץ־ישראל מיט אַ פּלאַן אויפצושטעלן דאָרט אַן אינדוסטריע. ווו איז די אינדוסטריע און ווו איז דאָס געלט?

ווייצמאַנס אָרענטלעכקייט ווערט געשטעלט אונטער אַ פראַגעצייכן. ציייטונגען כאַפּן עס אונטער, שונאים לייגן צו פייער, מיאוסע קלאַנגען טראָגן זיך פון איינעם צום צווייטן.

ווייצמאַן איז אויסער זיך. דאָס איז, בכן, וואָלפסאָנס ענטפער אויף זיין קריטיק, אַז אין די לעצטע יאָרן איז נישט אויפגעגאַנגען קיין איין קלאָרער געדאַנק אין ציוניזם און אַז די פירערס זענען נישט מסוגל צו געווינען איין וויכטיקע פּערזאָן פאַר דער באַוועגונג?

ווייצמאַן פאַרעפנטלעכט אַ גענויע רשימה פון די געלטער וואָס ער האָט געזאַמלט און ער ווייזט אָן אויף וואָס יעדער גראָשן איז געוואָרן פאַרוועדנט. ער בעט גלייכצייטיק זיין פריינד יאָהאַן קרעמענעצקי, וואָס האָט אים געהאָט געשיקט אין א"י צו פאָרשן אירע אינדוסטריעלע מעג־לעכקייטן, ער זאָל אָפּלייקענען די מיאוסע באַשולדיקונגען, וואָרעם ער ווייסט דאָך יאָ אויף וואָס ער האָט גענוצט דאָס געלט. עס העלפט אָבער ווייניק, דער איינדרוק לאָזט זיך נישט אַזוי שנעל אָפּווישן. וואָלפסאָן

זעט איין, אַז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס; ער באַרויקט ווייצמאַנען און פאַרזיכערט אים, אַז ער האָט נישט געמיינט אים צו טרעפן.

ווייצמאַן פאַלט אריין אין אַ טיפן יאוש. ער גיט צו וויסן, אַז ער טרעט אַרויס פון אַקציאָנס־קאָמיטעט און ער וויל מער נישט האָבן קיין שייכות מיט די אָפיציעלע אינסטאַנצן. און דרך אגב: ער האָט נישט געזוכט די פירערשאַפט. ער וויל זי בכלל נישט. ער וועט דאַקעגן אַלץ טאָן, כדי צוצואיילן זיין עליה.

ווייצמאַן בענקט נאָך דער מאַמען. ער איילט קיין קיסינגען, ווו די עלטערן זענען איצט אויף אָפּרו. אויף דער מאַמעס פּנים ראַנגלט זיך דער שמייכל מיט שווערע שאָטנס, אָבער איר גיט זיך דאָך איין אויפצו־נעמען איר זון מיט וואַרעמע אָרעמס. דער טאַטע איז קראַנק און שוואַך, זיין אַמאָליקע שיינע שטים הערט מען קוים.

די מאַמע שטאַרקט איר זון, אירע רייד זענען קלוגע און פּשוטע. ווו נעמט מען דער מאַמעס כוחות — פרעגט זיך דער זון — איר איינ־געהאַלטנקייט און שמייכל?

ווייצמאַן פאַרשעמט זיך פאַר זיין יאוש־שטימונג. וויזט אויס, אַז ס'איז אים נאָכגעגאַנגען דער מאַמעס געשטאַלט. ער קלאַמערט זיך אין איר כוח און אויסדויער. אַ פּאָר טעג שפּעטער ווענדעט ער זיך צו דער פירערשאַפט און בעט צוניפצורופן דעם אַקציאָנס־קאָמיטעט. מען זעט אים מיט אַ נייעם שוווּנג ביי זיין אַרבעט אין דער לאַבאָראַטאָריע; ער איז מודיע דעם באַרימטן פּראָפעסאָר פאַרנבאַך וועגן נייע, ברייטצוגיקע דערגרייכונגען.

און איצט אַ נייער אַרויסרוף — ווידער אַ געראַנגל, און ווידער ווערט ער באַזיגט. דאָס מאָל געשעט עס אויף אַ צווייטן געביט, אָבער אויך אַ ליבן און נאָענטן צו זיין האַרץ.

אין ווייצמאַנען צעשפּילט זיך אַ נייע אַמביציע: אַ פּראָפעסאָר־שטעלע אין מאַנטשעסטער, ער פילט, אַז דאָס קומט אים. נישט נאָר וועט ער דערמיט דערפרייען זיינע פריינד און נאָענטע, נישט נאָר וועט ער זיך דורך דעם דערהויבן איבער די שונאים זיינע, נאָר ער וועט פּשוט באַקומען דאָס, צו וועלכן ער איז באַרופן. ווערן דען נישט גערימט זיינע לעקציעס? האָט ער דען נישט אַריינגעבראַכט אין דער וויקטאָריאַ־אוניווערסיטעט אַ סך פון די דערגרייכונגען אין פּאַסטער־אינסטיטוט? האָט ער דען

נישט פֿאַרעפֿנטלעכט פֿאַרשידענע אַרבעטן, וואָס האָבן אַרויסגערופֿן אינטערעס אין די וויסנשאַפֿטלעכע קרייזן?

וויצמאַן האָט אָנגעהויבן זיך פֿאַרצושטעלן די ענגלישע וויסנשאַפֿטס־וועלט מיט אים, אַלס באַקאַנטן פּראָפֿעסאָר. דאָס איז מיין לעצטע אַמביציע אין גלות — רופֿט ער אויס פֿאַר זיין פֿרוי; נאָר ווען אָט די אַמביציע וועט דערגרייכט ווערן, וועט ער זיך לאָזן אין יידישן לאַנד. דערווייל דאַרף ער שלאָגן וואָרצלען אין דער רייכער ענגלישער וועלט.

ער איז באַווירקט פֿון דער תּוכיקייט, וואָס דער באַגריף „אָלד אינגלענד" מיינט פֿאַר אַ סך ענגלענדער. זיין גייסט ווערט דערהויבן, ווען ער קוקט אויף די פּאָרטרעטן פֿון די גרויסע מענער, וואָס באַשיינען די זאַלן פֿון אָקספֿאָרד און קעמברידזש. אין די אַלטע, עטוואָס אָפּגעלאָזענע קאָרידאָרן פֿון די לערן־אַנשטאַלטן פֿילט מען דעם אָטעם פֿון אייביקן ענגלאַנד. וויצמאַן שעצט דעם ענגלישן יראת־הכבוד צו אַלץ וואָס טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פֿון פֿאַרלאָפֿענע דורות. ער איז זיך מודה צו נאָך איין אַמביציע זיינע: ער זאָל זיין דער קאָנסול פֿון אַ יידישן, פֿרייען לאַנד אין גרויסבריטאַניע. ער וועט דאָ זיין נאָך עטלעכע יאָר, און דערנאָך, אָנגעלאָדן מיט גייסטיקע אוצרות, וועט ער אַ זאָג טאָן „אַ גוטע נאַכט" דעם גלות.

און אָט איז פֿריי געוואָרן אַ פּראָפֿעסאָרן־שטעלע. אַלעמענס אויגן זענען געווענדעט אויף וויצמאַנען; ער איז דער לאָגישער און באַרעכטיקטער קאַנדידאַט. עס געשעט אָבער אַן אומגלויבלעכע זאַך: די שטעלע ווערט אָוועקגעגעבן אַ צווייטן. ווי אַזוי האָט פֿערקין געקענט אָפּטאָן אַזאַ זאַך? ווער נאָך ווי ער ווייסט וועגן וויצמאַנס פֿאַרדינסטן אין דער וויקטאָריאַ־אוניווערסיטעט? וואָס שטייט דאָ, אייגנטלעך צווישן אים און דער געגאַרטער שטעלע? זאָל זיין, אַז אויך אין ענגלאַנד איז יידישקייט אַ מכשול? הייסט עס, אַז אַ בלינדע וואַנט שטייט צווישן אים און אָט די אַלע גרויסע מענער, וואָס באַשיינען די אוניווערסיטעט־זאַלן?

וויצמאַן האָט קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן אין זיין יידישקייט און עס ווייזט אויס, אַז אויך געוויסע גוישע קאָלעגן האָבן דאָס נישט פֿאַרגעסן. ער באַמערקט מיט ביטערקייט, אַז מען האָט אים געוויזן זיין פּלאַץ.

וויצמאַן איז אויפֿגערעגט אויף זיך אַליין:

ווי האָט ער געקענט זיך אַזוי באַנאַרישן? אַזוי לאָזן זיך פֿאַרבלענדן? ווי האָט ער געקענט פֿאַרגעסן דאָס, וואָס ס'איז אים געווען קלאָר און פֿאַרשטענדלעך אַלס עלף־יאָריק קינד, ווען ער האָט געשריבן זיין בריוו צום רבין זיינעם? ענגלאַנד און יידישקייט — דאָס זענען צוויי שטראָמען

פון לעבן און גייסט, וואָס קענען פליסן איינער לעבן צווייטן, אָבער נישט זיך צוזאַמענגיסן.

ער באַרויקט חברים און פריינד, וואָס טרייסטן אים, וואָס פילן די אומרעכט, וואָס מען איז קעגן אים באַגאַנגען: ער איז רייכער פון פּראָפעסאָר פּערקינען טויזנט מאָל, ווייל ער האָט אַן אידעאַל פאַר זיך און גרויס איז דאָס גליק פון ווען איז דערגרייכן. ניין, מען דאַרף אים נישט טרייסטן. עס איז גאָרנישט געשען, יעדן פאַלס נישט עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אים איבעררעשן. ער באַמערקט פאַר אַ גוטער פריינדין, אַז שולדיק איז מסתמא געווען אין זיין אויפברויז און צער זיין צו פילבאַרער נערוון־סיסטעם, — די אָנגעשטרענגטע ציוניסטישע טעטיקייט וואָס האָט אין אים אַריינגעגאָסן אַ סך ביטערקייט. אדרבא, באַרויקט ווייצמאַן דער פריינדין און גלייכצייטיק זיך אַליין: ער האָט אין ענגלאַנד פיל געלערנט, פיל דערגרייכט, און איז איר דאַנקבאַר, אָבער זיין שטערן, זיין וועגווייזערין איז ארץ־ישראל. זיין באַגער איז עולה צו זיין.

וואָס שייך צוריקגיין אין דער יידישער וועלט? ער איז דאָך פון איר כלל נישט אַוועק. דאָס האָט זיך אים נאָר אויף אַ ווײַלע אויסגעדוכט, אַז ער וועט שלאָגן וואָרצלען אויף דער ערד פון ענגלאַנד, און פאַר אָט דעם דוכטן זיך האָט ער אַליין באַצאָלט. ווייצמאַן הערט נישט אויף זיך צו שטראָפן. פאַר ווערן באַמערקט ער, אַז עס וואָלט פיל בעסער געווען, ווען ער באַקענט נישט די גרויסע וועלט, וואָרעם אין געטאָ איז ער געבוירן געוואָרן און צו אים וועט ער געהערן אַלע זיינע טעג. אויסערן געטאָ וועט זיך אים דאָס לעבן אויסדוכטן קינסטלעך. ער פילט, אַז קיין זאַך קען נישט פאַרהילכן אין אים דעם פשוטן אמת, אַז די גאַנצע ציוויליזאַציע איז נישט פאַר אים, אַז ער איז געווען בגילופין אויף אַ פרעמדער סעודה.

ווייצמאַן דערמאָנט זיין זיידן מיכאל און די אַלע איבעריקע אומבאַקאַנטע גיבורים. דער זיידע מיכאל פלעגט רחמנות האָבן אויף די שררות, מישטיינס געזאָגט, וואָס זענען אַליין געזונקען אין בלאָטע און געוואָלט דערבנידעריקן דעם ייד. אָבער ווער איז געווען דער האַר און ווער דער שקלאַף? דער זיידע מיכאל האָט געקענט אויפהייבן זיין בליק איבער די איינגעהויקערטע הייזקעס פון מאָטעלע און זינגען צום הימל.

גרויס ווערט ווייצמאַנס בענקשאַפט צו טאַטע־מאַמעס טיש, צו די שבתדיקע ליכט, צו די תפילות־ניגונים און דעם תהלים־געמורמל.

ווי נאַריש איז זיין צווייפל דערפאַר, ווייל מען האָט אים געוויזן זיין פּלאַץ. האָט ער דען נישט טאַקע אין יענע טעג אַנטפלעקט די יידישע

אמתן פאַר די אײדעלע ײדישע סטודענטן אין דער שטאָט פון מהר״ל, אין פּראָג? ער האָט זײ געזאָגט, אַז ס׳איז אוממעגלעך צו אַנטלױפן פון ײדישער נאַציאָנאַלקײט, װאָרעם מען קען נישט צוזאַמענגיסן ײדישקײט מיט גער־מאַניזם, אָדער מיט יעדן אַנדערן פרעמדן גײסט. נישט קײן סינטעז װעט זיך באַקומען, נאָר אַ קינסטלעכער צוזאַמענשטעל פון עלעמענטן, װאָס מישן זיך נישט צוזאַמען. ער גלײבט נישט אין אַסימילאַציע, האָט ער דערקלערט פאַר די סטודענטן. אָט זעט: דװקא אַסימילאַנטן רײסן זיך אָפּט צום אױבנאָן אין די ײדישע קהילות, זײ װילן װערן פּרעזידענטן און פירערס, און דאָס באַװײזט דאָך, אַז זײ האָבן נישט געקענט אַריבערשפּרײזן דאָס לעצטע שטיקל װעג װאָס צװישן זײער אָפּשטאַם און דער פרעמדער װעלט, װאָס רינגלט זײ אַרום.

װײצמאַן דערמאָנט זיך יענעם טאָג אין פּראָג, װי זײן האַרץ האָט געפלאַ־טערט מיט ליבשאַפט, װען ער האָט אָנגעקוקט די ליכטיקע פּנימער פון די „מהר״ל־קינדער״. זײ האָבן אױפגעכאַפּט מיט נײגער און ציטער זײנע אמתן, אין װעלכע ער אַלײן האָט פאַרגעסן.

8

מיט מער ליבשאַפט ווי שטענדיק פאַלט איצט ווייצמאַן צו צו אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט ארץ־ישראל. ער זעט נישט קיין אַנדערע זאַך פאַר זיך, ווי נאָר דאָס יידישע לאַנד. אַלץ, וואָס ס׳איז שיין, וועקט אויף אין אים אַסאָציאַציעס מיט ציון. ער איז מסכים מיט זיין פרוי, וואָס איז אויף אַפרו אין קאַן, אַז די פראַנצויזישע ריוויערע איז אַ געטלעך ווינקל, אָבער ארץ־ישראל קען מיט דער צייט ווערן פונקט אַזוי שיין, אויב נישט שענער. ער איז מודה, אַז דער מיטללענדישער ים איז אים נאָענט, אפשר טאַקע דערפאַר, ווייל זיינע כוואַליעס גלעטן די ברעגן פון יידישן לאַנד. ער מאָלט פאַר זיין ווייב התלהבותדיקע ארץ־ישראל־בילדער: אין די אָוונטן קען מען הערן דעם געפליסטער פון דער אַלטער נבואה. עס טראָגט זיך דאָרט אַ הייליקייט אין חלל. לאָמיר אַהין עולה זיין כל זמן מיר זענען נאָך יונג, ווענדט זיך ווייצמאַן צו זיין ווייב. עס איז די העכסטע צייט אַרויסצוגיין פון דער בלאָטע. אויב שוין יאָ אַ בלאָטע, וועט זי כאָטש זיין אַן אייגענע. און אָט קומט אָן אַ גוטע ידיעה: מען גייט אויפשטעלן אין ארץ־ישראל אַ מיקראָביאָלאָגישן אינסטיטוט, און ער האָפט, אַז ער מיט זיין וועראָן וועלן אין אים אַרבעטן, וואָרעם עס איז בעסער — באַמערקט ער — צו זיין אַ לערער אין לאַנד פון די אבות, איידער אַ פּראָפעסאָר אין מאַנטשעסטער.

אָבער ווייצמאַן דערזעט אויך דאָס אַראַבישע פּראָבלעם אין זיין גאַנ־צער קאָמפּליצירטקייט, דעם אַראַבישן נאַציאָנאַליזם, וואָס צעפלאַקערט זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. וואָס שוואַכער עס ווערט דער רעזשים אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אַלץ מער צעוויגט זיך די פּעריפעריע אין מיטל־אַזיע. די אַראַבער הייבן אָן זיך צו אָרגאַניזירן. „בקרוב וועלן מיר שטיין פּנים אל פּנים מיט אַן ערנסטן שונא״, „מען דאַרף זיך צואיילן״ — באַמערקט ער אָפט. ווייצמאַן טראַכט צו קלאַפּן אין די טירן פון יידישע גבירים, וואָרעם מען טאָר נישט פאַרלירן קיין טאָג, קיין שעה. מען מוז אויסלייזן, כל זמן מען קען, וואָס מער באָדן אין ארץ־ישראל.

די גבירישע טירן עפענען זיך אָבער נישט אַזוי לייכט. ווייצמאַן האָט זיך גאָרנישט פאַרגעשטעלט, אַז יידישער געוויסן איז אַזוי געפאַלן און געפענטעט. ס׳איז נאָך נישט געקומען די צייט פאַר גרויסצוגיקע פּלענער,

לאַנג וועט נאָך דויערן, ביז עס וועט דעראָבערט ווערן דאָס יידישע האַרץ.

איז אויב נישט קיין גרויסער פּלאַן, טאָ זאָל זיין אַ קלענערער. ווייצמאַן קערט זיך צוריק צום אַלטן, באַליבטן פּראָיעקט: דער אויפבוי פון אַן אוניווערסיטעט אין ירושלים. אויך דאָ דאַרף מען זיך צואיילן, ווייל אַט הערט ער, אַז די דייטשן טראַכטן וועגן אַן ענלעכן פּלאַן, ווי אַ מיטל אַריינצושטעלן אַ פוס אין נאָענטן מזרח. ער וויל נישט „דאָס יידישע פאַרבינדן זיך מיט דייטשלאַנד", און ער וואָרנט קעגן דעם.

דאָס מאָל, באַשליסט ווייצמאַן, וועט ער צונויפפאָרן דעם גלאַנץ פון גייסט מיט זיין עקסצעלענץ — די גאָלדענע מטבע. אַזאַ מין צונויפפאָר וועט פירן צום אויפשטעלן פון דער געגאַרטער אוניווערסיטעט.

ווייצמאַן ווייסט, אַז ביים באַראָן עדמונד דע ראָטשילד איז דאָ געלט, ער ווייסט אָבער אויך, אַז דער פּאַריזער באַנקיר איז נישט קיין לייכטער מענטש. ער האָט זיך געגנוג אָנגעהערט וועגן זיינע קאַפּריזן.

דער באַראָן איז געווען דער הויפּט פון פראַנצויזישן אָפּצווייג פון דער ראָטשילד־משפחה. דער „ראָטשילד־שבט" שטאַמט פון פראַנקפורטער געטאָ. מאיר אַנשל איז אין אַכצנטן יאָרהונדערט געווען דער גרינדער פון דער משפחה. ער האָט אָנגעהויבן ווי אַן אומבאַקאַנטער סוחר פון אַלטע מטבעות, וועלכע האָבן אָנגעהויבן דערגיין צו פּרינצן און מלכים. דאָס גרעסטע רייכטום האָט אים אָבער געגעבן זיין פרומע גיטל: פינף בנים. די זין האָבן צווישן זיך „איינגעטיילט" איראָפּע און די ראָטשילדס זענען אויסגעוואַקסן צו איינער פון די באַרימטסטער משפחות אין יידישן מאָ־דערנעם גלות, נישט בלויז מיט איר פינאַנסיעלן כוח, נאָר אויך מיט איר שווונג, פילאַנטראָפּישע אויפטוען און — חוץ מיט קליינע אויסנאָמען — מיט וואַרעמער, נאַציאָנאַל־יידישער פאַרשטענדעניש.

ווייצמאַן זוכט אַ וועג צום באַראָן עדמונד. איינס איז פאַר אים זיכער: דער באַראָן איז אַ פּראַקטישער מענטש, מען מוז צו אים קומען מיט עפּעס ממשותדיקס אין האַנט. דער באַראָן, זאָגט מען אים, איז אַ גרויסער פאַרערער פון באַרימטן יידיש־דייטשן געלערנטן פּאַול ערליך. ווען ער קען קומען צום באַראָן און אים זאָגן: די בעסטע כוחות פון אונדזער פאָלק זענען אין דינסט פון ירושלימער פּראָיעקט; פּאַול ערליך איז גרייט אָנצופירן מיט דער געפּלאַנטער אוניווערסיטעט — עפּעס אַזוינס ווען ער קען זאָגן דעם באַראָן, וואָלט דער באַנקיר זיכער זיך גענומען צו דער קעשענע.

איז ווי דערגייט מען צום שפּיץ פון אָלימפּ, צום סאַמע פּאַול ערליך? ווייצמאַן, ווען ער דאַרף צו עמעצן, איז ער נישט פויל און שעמעוודיק

אַנצוקלאַפּן אויך אין אַ זייטיקער טיר. מיט דער הילף פון „אַ באַקאַנטן פון אַ באַקאַנטן" דערגייט ווייצמאַן צו ערליכן.

דער פּראָפעסאָר האָט כלל נישט באַנומען דעם ציל פון דאָצענטס וויזיט אין זיין לאַבאָראַטאָריע. ווי עס זאָל נישט זיין, ווערט דעם גאַסט זיכער נישט שאַטן זיך צו באַקענען מיט דער פאָרשונגס־אַרבעט אין דער לאַבאָראַטאָריע. פּראָפעסאָר ערליך, אַ נידעריקער, אַ דיקלעכער, איילט מיט פלינקע טריט פון איין טיש צום צווייטן און גיט דערקלערונגען וועגן דעם און יענעם עקספּערימענט. זיין פּנים שמייכלט דערביי און זיינע קלאָרע קינדער־אויגן פינקלען פון פרייד.

ווייצמאַנען נעמט אַרום אַן אָנגענעם געפיל, ווי תמיד ווען ער שטייט פּנים אל פּנים מיט אַ גרויסן גייסט־מענטש — דער אַלטער יידישער יראת־הכבוד פאַרן לערער און קענער.

ווייצמאַנען גיט זיך איין סוף־סוף צו רעדן וועגן זיין פּלאַן מיטן פּראָפעסאָר.

— ממש צום לאַכן. וואָס קען באַדייטן אַן אָרעמע אוניווערסיטעט אין ירושלים, אין פאַרגלייך מיט די באַרימטע אוניווערסיטעטן פון בערלין, פּאַריז אָדער לאָנדאָן?

ווייצמאַן איז געווען גרייט אויף אַזאַ פראַגע. די תשובה איז שוין געווען צוגעטראַכט אין אַלע אירע ניואַנסן.

דער פּראָפעסאָר פאַרטראַכט זיך, עפּעס שיינט אויף אין אים. אַרויס־נעמענדיק דעם גרויסן זייגער זיינעם רופט ער אויס:

— אין קאָרידאָר זיצן פאַרשידענע נאָטאַבלען און זיי וואַרטן געדולדיק איך זאָל זיי אויפנעמען אויף אַ פּאָר מינוט, און דאָ פאַרברענג איך שוין מיטן הער אַ שעה אַ גאַנצע.

ענטפערט אים ווייצמאַן:

— די אַריסטאָקראַטן, וואָס זיצן דאָרטן, ווילן פון אייך אַן איינשפּריי־צונג, איך אָבער בין געקומען אייך זי געבן.

ביידע האָבן זיך צעלאַכט.

דער פּראָפעסאָר פאַרבעט ווייצמאַנען צו זיך אַהיים.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט ערליך צווויסן געגעבן, אַז ער איז גרייט מיטצואַרבעטן אין קאָמיטעט פאַר אַ העברעישער אוניווערסיטעט אין ירושלים. ווייצמאַן איז פול מיט ענטוזיאַזם. ער צעטרייבט ביי מענטשן די ספיקות, אַז טאָמער ווערט זיך דער סולטאַן צעבייזערן, ווייל ירושלים דאַרף ווערן דאָס אָרט פון דער אוניווערסיטעט.

ווייצמאַן וווּנדערט זיך אויף אחד־העמען פאַר זיין סקעפּטיציזם. ווי

זאָלן מיר מוותר זיין אויף ירושלים? פרעגט ער אים. די איינציקע לאָזונג, וואָס קען היינט האָבן אָן אָפּקלאַנג ביים פאָלק, איז אַ ציון־אוניווערסיטעט אויפן הר־ציון, אונדזער בית שלישי.

ווייצמאַן איז אַזוי באַצויבערט און גליקלעך, אַז ער שרעקט זיך אַזש פאַר זיין גליק. ער האָט מורא, אַז פונקט ווי משה רבנו, וועט אויך ער נישט זוכה זיין אָנצוקוקן דאָס באַפרייטע ארץ־ישראל.

דער חזיון פון אַ העברעיִשער אוניווערסיטעט אין ירושלים טוט זיך נישט אָפּ פון ווייצמאַנען.

ער וויל נישט פאַרן צום באַראָן מיט ליידיקע הענט. ער ווייס, אַז גבירים האָבן ליב, אַז „אויך אַנדערע גיבן". ווייצמאַן ווענדט זיין בליק צו דעם ווייטן אַמעריקע. אַ קאָלאָסאַלער יידישער כוח איז דאָרט פאַראַן, באַמערקט ווייצמאַן. ער שרייבט וועגן דעם צום יונגן דענקער און עסקן ד״ר יהודה לייב מאַגנעס, — אַ חשובער אַמעריקאַנער ייד. ער שטעלט פאַר אים פאָר די פאַרשידענע פאַזן אין דער פאַרווירקלעכונג פון פּלאַן.

און אָט מאַכט זיך אַ געלעגנהייט צו רעדן פאַרן פאָלק וועגן גרויסן פּראָיעקט. ווייצמאַן רופט אויס פאַרן עלפטן ציוניסטישן קאָנגרעס, סעפּ־טעמבער 1913: לאָמיר נישט נאָכמאַכן אַנדערע פעלקער. הייליק זענען די ווערטן פון אַרבעט, אָבער בלייבן וועלן מיר אָן „עם הספר". דער יידישער קאָלאָניסט אין ארץ־ישראל וועט קיין מאָל נישט מוותר זיין אויף יצירה און גייסטיקייט. גרויס וועט אויך זיין די וויכטיקייט פון דער אוניווערסיטעט פאַר די תפוצות. אַ סוף זאָל נעמען צום „נומערוס קלאַוזוס", צו דער דערנידערונג און צום צער פון אונדזערע יונגעלייט, וואָס מען טרייבט פון די גוייִשע לערן־אַנשטאַלטן. צו וואָסער רעזיגנאַציע דאָס דערפירט — איז גאָרנישט צו באַנעמען. אין איין יאָר האָבן זיך מער פון 80 יונגעלייט אָפּגעשמדט, כדי צו ווערן אויפגענומען אין רוסישע אוניווערסיטעטן. דאָס איז נאָך ערגער ווי דער קישיניעווער פּאָגראָם, דאָרטן זענען יידן געגאַנגען אויף קידוש־השם און דאָ האָבן יונגעלייט סתם פאַרשוועכט דעם יידישן כבוד.

און זאָל מען אויפהערן זיך צו קליגלען, אַז דער פּראָיעקט איז אַ מין „אחד־העמיזם". פון ווען אָן איז גייסטיקייט געוואָרן ביליק ביי יידן? די קנאים, וואָס זעען דעם סאַמע עיקר אין פיזישער אַרבעט, איז ווייצמאַן נישט מוחל זייערע ביטול־רייד. אַרבעט און תורה איז שטענדיק געווען אַ געגאַרטער יידישער סינטעז.

נאָך אַ קאָנגרעס איז אַריבער, און ווידער זיך געטרונקען אין אַ מבול פון רייד.

ענדלעך טרעפט זיך וויצמאַן מיטן באַראָן ראָטשילד.

דער באַראָן איז נישט ענטוזיאַסטיש. לאָמיר זאָגן — פרעגט ער — אַז עס וועט שוין זיין דאָס געלט, פון וואַנען וועט מען דערמאָלט נעמען די פּראָפעסאָרן, וואָס קענען העברעיש? און פון וואַנען איז די זיכערקייט, אַז די טערקן וועלן אין דעם נישט זען אַ פּאָליטישע געפאַר? אויטאָקראַ־טישע רעגירונגען האָבן תמיד מורא פאַר שטודירנדיקער, דענקנדיקער יוגנט. פאַר וואָס זאָל מען בעסער נישט טראַכטן — פרעגט דער באַראָן — וועגן אַ פאָרשונגס־אינסטיטוט, אַזאַ ווי דער פאַסטער־אינסטיטוט אין פּאַריז, אָדער ווי דער ראָקפעלער־אינסטיטוט אין ניו־יאָרק? ביסלעכווייז וועט מען עס מיט דער צייט קענען פאַרוואַנדלען אין עפּעס גרעסערס.

וויצמאַן האַלט זיך ביי זיין פּלאַן. ער וויל נישט אויפגעבן דעם געדאַנק פון אוניווערסיטעט — אַ צענטער, וואָס זאָל צוציען יידישע יוגנט פון וויט און נאָענט.

אָבער דער באַראָן איז האַרטנעקיק. ער לאָזט זיך נישט בייגן. וויצמאַן איז שוין גרייט מוותר צו זיין אויף דעם באַראָנס פּראַנקן, אָבער דאָ מישט זיך אַריין דעם באַראָנס סעקרעטאַר, דער איידעלער און קלוגער וואָרמסער, און שעפּטשעט צו וויצמאַנען: אַ מענטש דאַרף שטענדיק פּרווון, קעמפן.

וויצמאַן שלאָגט פאָר אַ פשרה: לאָמיר אָנהייבן מיט אַן אינסטיטוט, אָבער אָנזאָגן וועלן מיר, אַז דאָס איז אַן אָנהייב פון אַן אוניווערסיטעט. דער באַראָן וויל נישט הערן. ער האָט ליב גלייכע ווערטער, קלאָרע רייד און ער לאָזט זיך נישט זאָגן קיין מוסר. ער, דער באַראָן, האָט יעדן טאָג פון די לעצטע דרייסיק יאָר אָוועקגעגעבן פאַר ארץ־ישראל. אים דאַרף מען זאָגן וואָס יאָ און וואָס נישט? ער בויט, ער שאַפט, מעשים זענען וויכטיק און נישט רייד. יעדער אויסגעלייזטער דונאַם איז אַ נייע כּוח־סטאַנציע פאַר דער צוקונפטיקער יידישער היים. אוודאי פאַרשטייט ער די וויכטיקייט פון יידישן פרייען גייסט. פאַר יידן האָט עס אַ קנאַפּן באַדייט, אַז אַ מאַן ווי פּאַול ערליך זיצט אין דייטשלאַנד. ווען זיין אַרבעט וועט געטאָן ווערן אין ארץ־ישראל וועט עס זיין אַ פרייד און אַ שטאָלץ פאַרן פאָלק. אָבער מען דאַרף נישט כאַפּן און נישט רעדן דערווייל וועגן אוני־ווערסיטעטן, דאָס זענען ווייטע חלומות.

וויצמאַן אָנערקענט דעם באַראָנס לאָגיק, און נאָך מער פון דעם, לאָזט ער זיך פאַנגען פון זיין פּערזענלעכן צויבער. דעם באַראָנס גערעכטע רייד

וועגן אויפשטעלן כוח־סטאַנציעס אין ארץ־ישראל דורך טאָג־טעגלעכע מעשים זענען איבערצייגנדיק מיט זייער פשוטן אמת.

ווייצמאַן איז מסכים. ער וועט אָנהייבן מיט וואָס עס לאָזט זיך, און דער אוניווערסיטעט וועט קומען מיט דער צייט.

אָבער נישט מסכים איז אַ צווייטער ייד — דער ברויזנדיקער זאב זשאַבאָטינסקי. ווייצמאַן האָט פאַרראַטן אַ הייליקן געדאַנק — רופט ער אויס. ווי לאַנג איז דען וועט ווייצמאַן איז געשטאַנען אויף דער בינע פון קאָנגרעס און געריסן קריעה איבער די יידישע סטודענטן, וואָס שמדן זיך אָפּ, כדי צו געניסן פון אַן איינטריט־קאַרטע אין אַ גוישער אוניווערסי־טעט? יאָרן האָט ער געאַרבעט אויפן פּראָיעקט, גערעדט, געשריבן, און מיט איין מאָל, באַנוגנט ער זיך מיט עפּעס אַ פאָרשונגס־צענטער, ווו אַ פינף אָדער צען געלערנטע וועלן זיצן און פאָרשן. און וואָס איז מיט דער יידישער יוגנט, איבער וועלכער ווייצמאַן האָט פאַרגאָסן הייסע טרערן?

ווייס דען נישט זשאַבאָטינסקי דעם אמת? — פרעגט זיך ווייצמאַן — ווייס ער דען נישט וועגן זיין געראַנגל מיטן באַראָן און מיט פיל אַנדערע? האָט זיך דען די יידישע אינטעליגענץ אָפּגערופן ווי געהעריק אויפן פּראָ־יעקט? אַחוץ רייד, האָט דען ווער בייגעטראָגן עפּעס ממשותדיקס צום גרויסן פּלאַן?

ניין, ער איז נישט מסכים מיטן גלענצנדיקן רעדנער זשאַבאָטינסקי, אַז עס גילט אין לעבן די לאָזונג פון „אַלץ אָדער גאָרנישט". דער מענטש ראַנגלט זיך אָפט צווישן גליענדיקן ווילן און קאַלטער מעגלעכקייט. מען מוז זוכן דעם גאָלדענעם מיטלוועג. זאָל זשאַבאָטינסקי הנאה האָבן פון זיין קלינגענדיקער קריטיק. אים, ווייצמאַנען, איז באַשערט די איינזאַמקייט.

עס טוט אים אָבער ווי זשאַבאָטינסקיס אָנפאַל. עס בריען אים ממש די פינגער, ער האָט חשק אַוועקצוזעצן זיך און אָנשרייבן אַ בריוו, אַז די וועלט זאָל וויסן. אין געדאַנק ביי אים שלענגלען זיך די שורות, עס וועט אַרויסקומען אַ בייסיקער בריוו ביז גאָר. ער וויל אַרונטעררייסן דאָס כאַפּן און לויפן, דאָס אויפשטעלן אויף דער שנעל עפּעס אַן אוניווערסי־טעטל, וואָס וואָלט געווען אַ מין דיפּלאָמען־פאַבריקל. ווייצמאַנען גלוסט זיך אַריינזאָגן זיינע קעגנער אין דער זיבעטער ריפּ. ער וואָלט זיי פאַר־געשלאָגן, אַז זיי זאָלן זיך אַרומטראָגן איבער דער וועלט מיט מוסטערן פון די צוקונפטיקע יידישע פּראָפעסאָרן, וואָס די ירושלימער אוניווער־סיטעט וועט אַרויסגעבן.

אָבער, גאָט צו דאַנק, ווייצמאַן וועט אַזאַ בריוו נישט אָפּשיקן. ער האָט איינגענומען דעם יצר הרע און באַזיגט זיין צונג. ווייצמאַן איז גליקלעך אָן אַ שיעור. ער פּאַרטרויט זיך פאַר זיין פריינד שמריהו לעווין און דערציילט אים וועגן זיין נצחון איבער דעם בייזן לשון. אַ שאָד נאָר — גיט ער צו פאַר זיין פריינד — וואָס אַזעלכע נצחונות זענען נישט קיין אָפטע ביי אים.

אַך, די טייערע יידישע תפילה: אלוהי, נצור לשוני...

אַ שטיקל צייט נאָכדעם צעשיקט ווייצמאַן איינלאַדונגען אויף אַ זיצונג, געווידמעט דעם שאַפן פון אַ יידישער הויכשול. ער באַשטימט אַ דאַטע פאַרן צוזאַמענטרעף: 12.8.14. זיין האַרץ איז אָבער נישט רויק. עס ווערט טונקל אַרום. וואָס וועט זיין, אַז אַ מלחמה וועט אויסברעכן?

די זיצונג איז טאַקע נישט פאָרגעקומען. די קאַנאָנען האָבן אָנגעהויבן צו דונערן.

אַ טראַגישער וואַנדערער האָט זיך באַוויזן אויף די וועגן: דער געיאָגטער יידישער פליט.

9

אַלע זיינע יאָרן שטרעבט ווייצמאַן צו האַרמאָניע, צום גאָלדענעם מיטלוועג. דאָס קלאָמערן זיך אין איין אמת, וואָס איז אָפט מאָל אויך נישט אמת, און די שנאה צו יעדן אַנדערן געדאַנק, האָדעוועט אויף בלינדע פאַנאַטיקער. יידן זענען געוויינלעך „משוגע אויף איין זאַך״, און טויב צו אַ צווייטער.

ווייצמאַן טראַכט וועגן דעם, בעת ער זיצט אויף דער טריבונע אין איינעם פון די גרויסע פּאַריזער זאַלן. יידן האָבן זיך פאַרזאַמלט, ווילן הערן וועגן דערגרייכונגען אין דער ציוניסטישער וועלט. געקומען זענען אויך יידן, וואָס גלייבן אין אַנדערע תורות, נישט דווקא אין די יידיש־נאַציאָנאַלע.

אָפט פאַרבענקט זיך ווייצמאַן צו זיינע יידן און ער איילט זיך צו זיי. אים איז גוט אין פּאַסטער־אינסטיטוט, אַנגענעם אין לאַטיינער קוואַרטאַל, ווו ער וווינט, אינטערעסאַנט צווישן די שאַרפע גייסט־שפּרודלדיקע פראַנ־צויזישע קאָלעגן זיינע. און דאָך גיט אים אָפט מאָל אַ צי צו די יידישע גאַסן. ער נעמט אָן איינלאַדונגען צו רעפערירן וועגן דער אָדער יענער פראַגע אין ציוניזם; ער פוילט זיך נישט צו וווערבירן נייע מענטשן פאַר דער באַוועגונג; ער רייסט אָפט אַוועק טייערע שעהן פון זיין אַרבעטס־צייט אין פּאַסטער־אינסטיטוט.

בערך אַן אַכט הונדערט מענטשן זיצן אין זאַל. ווייצמאַן קוקט זיי אָן, ווי ער וואָלט יעדן איינעם פון זיי באַטראַכט באַזונדער. נישט ווייט פון דער בימה זיצט אַ געזעמל מענטשן, וואָס זעט אויס ווי אַ רבי מיט זיינע חסידים. אין מיטן — אַ גוט־באַקאַנט פּנים, אַ מענטש מיט ענערגיע און שווונג, און אַרום אים זיינע פאַרערער.

דער פאָרזיצער שטעלט פאָר ווייצמאַנען. דערביי האַלט ער אַ גאַנצע דרשה. דער עולם ווערט אומגעדולדיק און הייבט אָן צו טומלען.

ווייצמאַנען איז גוט באַקאַנט אָט די נערוועזיטעט. ער פאַרמאַכט די אויגן, און פאַר אים שטייען אויף די מאָטעלער יידן, ווי זיי קריגן זיך אין בית־המדרש. אויך איצט דערגייט צו אים דער רעש פון יידישן אומגעדולד — דער סכנותדיקער אויפרייס־שטאָף.

וויצמאַן הייבט זיך אויף און רעדט שטיל, איינגעהאַלטן — אַן ענגלישער מאַניר, וואָס איז אים גראָד ליב.

ער רעדט וועגן אַ לאַנגן וועג און וועגן יידישער איילקייט און אומגעדולד. ער ברענגט אַ ביישפּיל: דאָס אַראַבישע פּראָבלעם. די אַראַבער, „די פּאַקטישע איינוואוינער אין לאַנד האָבן מורא, אַז די יידן וועלן זיי אַרויסשטופּן פון זייער באַזיץ. אַט די מורא מוזן מיר דערוווייטערן פון זיי און איבערצייגן זיי אין פאַרקערטן, דהיינו, אַז מיר האָבן דעם ווילן און די מעגלעכקייט אויסצובעסערן זייער מצב, שענער מאַכן זייער לעבן; באַווייזן זיי, אַז אונדזערע דערגרייכונגען וועלן זיין אויך זייערע, אַז מיר וועלן אַרבעטן האַנט ביי האַנט". דערצו פאָדערט זיך אַ לאַנגער וועג און געדולד ביז גאָר. אָבער די איילִיקע צווישן אונדז שפּרינגען פון דער הויט, זיי ווילן באַלד זען די רעזולטאַטן.

וואָס הייסט געדולד? — פרעגט וויצמאַן — דאָס מיינט נישט: וואַרטן יאָר, זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און גאָרנישט טאָן; דאָס מיינט אויך נישט, אַז פון זיך אַליין שאַפן זיך די געהעריקע באַדינגונגען. אַזאַ צוגאַנג איז אַ שיטה פון נאַראָנים.

מיר מוזן אַלץ באַווייזן צו בויען מיט אייגענע הענט. יידישע אַרבעט אין יידישן לאַנד — דאָס איז די גאַנצע תורה און דאָס איבעריקע איז נישט מער ווי אַ פירוש...

דער מאַן, וואָס זיצט אין מיטן פון זיינע פאַרערער, בעט דאָס וואָרט. ער איז אַ חשובער שרייבער ביי יידן. זיינע קליינע אויגן שפּריצן מיט פייערלעך, זיין גרויסע נאָז רויטלט זיך, פון זיין פּנים טראָגט זיך דער דופט פון פעטער ערד.

דאָס איז שלום אַש.

ער גייט אַרויף אויף דער טריבונע און דער שטעקן ביי אים אין האַנט זעט אויס ווי אַ קעניגס סצעפּטער. ער איז טאַקע אַ קעניג — געזאַלבט אין די הערצער פון פאָלק, וואָרעם ער באַזינגט זיינע גבורים און קדושים, פּונקט ווי זיינע גרויע און פשוטע יידן, די וואַסער־טרעגער און תהילים־זאָגער.

דער שרייבער כעסט זיך אין זיין וואַרשעווער לשון. „וועמען האָט איר, ציוניסטן, געוווּנען?" — פרעגט ער און ענטפערט תיכף: — דייטשע אַסימילאַנטן און אויסגעפּרעסטע סטודענטלעך". אַש קאָכט זיך, עס פּאַר־פלייצט אים דער צאָרן: „איר מאַכט שותפות מיט יידן אָן אַ יידישער נשמה"... „מיט דער איק"א אַרבעט איר, אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט טויזנט מאָל אַנטפּלעקט איר אַסימילאַציע־גייסט"... „אַ סך שפּראַכן" —

וואַרפט זיך אַש אויף אַ צווייטן פונקט — „הערט מען אויף אייערע פאַר־זאַמלונגען, אָבער קיין יידיש נישט. די ציוניסטן שטרעבן צו אַ נייער אַסימילאַציע, אַן ארץ־ישראלדיקער, וואָס קיינער קען נישט פאָרויסזען איר זין און סטיל. דווקא דאָרט, ווו אין ארץ־ישראל לעבט דער גלותדי־קער ייד, פּראָגרעסירט צום בעסטן די קאָלאָניזאַציע־אַרבעט. פתח־תקוה איז מצליח מער ווי רחובות״. דער שרייבער וויל נישט הערן די געשרייען „ניין, נישט אמת, אַ ליגן״. ער קלאַפּט מיט זיין שטעקן אין פּאָל, ווי ער זאָל וועלן פאַרהילכן די ניין־געשרייען, וואָס טראָגן זיך צו אים. ער הייבט זיך אויף אויף די שפּיצן־פינגער, ווי ער וואָלט וועלן אַלעמען אַרונטערצוזעצן און ער שרייט אויס: „איר וועט נישט שאַפן קיין יידישע קולטור אין ארץ־ישראל, נישט קיין חכמה און נישט קיין וויסנשאַפט, ווייל דאָס האַרץ און דער קאָפּ פון פאָלק זענען אין גלות, דאָרט לעבן און שאַפן די מיליאָנען״.

ווייצמאַן פּילט דעם שרייבערס אומרו, זיין ווייטיק און געראַנגל. ער נעמט זיך ענטפערן שלום אַשן.

„עס איז דאָ אין אייך אַן אומרו, אַ פּיין, און איר ווייסט נישט וואָס צו טאָן. איר האָט גערעדט וועגן דער טראַגעדיע; זוכט זי אָבער נישט אויף זייטיקע וועגן, וואָרעם דער גלות איז די טראַגעדיע און נישט עפּעס אַנדערש״. „ווי קען מען רעדן וועגן נאָרמאַליטעט אין גלות? אַלץ אין אים איז דאָס קאַפּויערדיקע דערפון״.

ווייצמאַן פאַרטראַכט זיך אַ ווייל. אַ טיפע שטילקייט הערשט אין זאַל. אַ ווײַלע שפּעטער פרעגט ער: „מעג איך נבואה זאָגן?״ עס פּילט זיך אַ ציטער אין חלל. ווייצמאַן הייבט אָן שטיל, טיף, ציילנדיק יעדעס וואָרט: „איך שטעל זיך אַזוי פאָר די צוקונפט: אַ טייל פון פאָלק וועט לעבן אין ארץ־ישראל, לעבן אויף זיין באָדן און אין זיין לשון, און ער וועט זיין דער גוף און די נשמה פון פאָלק. די איבעריקע וואָס וועלן בלייבן אין גלות וועלן אפשר לעבן, און אפשר וועט זיי די סביבה פאַר־שלינגען. אָבער אויב מיר וועלן האָבן פיר, זעקס מיליאָן יידן אין ארץ־ישראל, וואָס וועלן געניסן פון אַ נאָרמאַל לעבן אין זייער לאַנד, וועט אונדז קיין זאַך מער נישט שרעקן״.

ווייצמאַן איז ממשיך: ציוניזם דערנענטערט און איז מטהר. אין דעם מאָמענט ווען איך״א האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין ארץ־ישראל איז זי געוואָרן אַ טייל פון פאָלק און איר אַרבעט איז דערהויבן און הייליק.

נאָר מיט אַ מאָל איז דאָס האַרץ פון מאָטעלער ייד פול געוואָרן מיט מיטלייד צום שרייבער, דעם ייד פון קוטנע: „דיין האַרץ, דאָס יידישע

האַרץ, פּלאַטערט און ווייטיקט אין יסורים. אָבער פון ווייטיק אַליין וועט קיין זאַך נישט געבויט ווערן״.

ווי דערגרייכט מען האַרמאָניע, די רפואה צו נשמה־צעריסנקייט? ווייצמאַנען ציען צוויי וועלטן, און יעדע איינע איז אים ליב און טייער.

אין הײדלבערג וווינט אַ ליבער, געטרייער חבר, אַ קלוגער, אַ פאַר־זיכטיקער — יוליוס סיימאָן.

אין שווערע מאָמענטן פון נשמה־צעריסנקייט ווענדט זיך צו אים ווייצמאַן: — טייערער יוליוס. מיין נשמה איז צעשפּליטערט. אין יעדער האַנט מיינער — אַ קרוין. איך האָב מורא, טאָמער וועל איך זיך אויס־גליטשן און אַ קרוין וועט אַראָפּפאַלן און צעניזוקט ווערן. דו וועסט מיר זיכער גלייבן, אויב איך וועל דיר זאָגן, אַז איך קען זיך שאַפן אַ גרויסן נאָמען אין דער וויסנשאַפט. אָבער דער ציוניזם פאַרשלינגט מיך אין גאַנצן. איך וויל נישט מוותר זיין נישט אויף דעם און נישט אויף דעם. מיין נשמה שטרעבט צו האַרמאָניע, אָבער ווי דערגרייכט מען זי? יעדע רייזע מיינע רייסט מיך אַרויס פון דער אַרבעט, און יעדער צוריקקער אין דער לאַבאָראַטאָריע, איז ווי שלאָגן וואָרצלען פון דאָס ניי. אַט וואַרטן אויף מיר נייע רייזעס: אַמעריקע, רוסלאַנד, ארץ־ישראל. וואָס וועט זיין מיט מיין לאַבאָראַטאָריע?

ער עפנט אויך זיין האַרץ פאַרן אײדעלן יהודה מאַגנעס: ער וווינט אין קאַלטן מאַנטשעסטער און ער בענקט נאָך די יידישע מאַסן. ער לעבט ווייט פון אַלע זיינע טייערע און ליבע. ווי מקנא איז ער מאַגנעסן, וואָס לעבט אין ניו־יאָרק, וווּ עס געפינט זיך אַ מיליאָן יידן. ווען עס דער־קוטשעט אים שטאַרק די צעריסנקייט, פאָרט ער קיין לאָנדאָן, איילט צו דער גאַס וווּ עס וווינט אחד־העם און פאַרברענגט מיט אים אַן אָוונט אָדער צוויי. ווייצמאַנען איז שווער באַנעמען ווי אַזוי אַ מענטש קען זיין גרויס, אויב אים זענען פרעמד די קאָנקרעטע פּראָבלעמען? ווי קומט עס, למשל, וואָס אַזאַ גרויסער ייד ווי דובנאָוו, אַ מענטש וואָס האָט באַזונגען נישט נאָר דעם יידישן שבת, נאָר אויך דעם יידישן אינדער־וואָכן, זאָל קעמפן קעגן העברעיש און וועלן אויפשטעלן אַן אוניווערסי־טעט דווקא אויסער די גרענעצן פון ארץ־ישראל? ווי קומט עס, אַז אַזאַ מענטש זאָל נישט האָבן קיין אחיזה אין קאָנקרעטע יידישע פּראָבלעמען?

ניין. ווייצמאַנען וועט נישט באַשערט זיין צו טראָגן רויק די צוויי קרוינען, פון וויסנשאַפט און פון ציוניזם.

יידיש לעבן איז אין סכנה — מען מוז עס ראַטעווען, און געציילטע זענען די רעטער. זיי זענען געגליכן צו גדעונס דריי הונדערט חיילים פון די ווייטע, אַמאָליקע צייטן. יענע חיילים האָבן נישט געקניט ביים טרינקען דאָס וואַסער פון טייך. ער אָבער מוז איינגיין אויף פשרות. ער איז אָפט געצוווּנגען מוותר זיין אויף פּרינציפּן. ווען ער וואָלט זיך געפונען צווישן די גרויסע יידישע מאַסן אין רוסלאַנד, אָדער אַמעריקע, וואָלט ער נישט געדאַרפט פאַרמיאוסן זיך דאָס לעבן מיט פשרות לגבי די האַלבע און פערטל-ציוניסטן.

ווייצמאַן זוכט דעם גאָלדענעם מיטלוועג, אָבער נישט דעם, וואָס איז אַ קאָנסעקווענץ פון פּרינציפּן־פּאַראַט, נישט דעם, וואָס די פרעמדע סביבה וואַרפט אָן.

ער לעבט אין „קאַלטן מאַנטשעסטער" און בענקט נאָך זיינע וואַרעמע יידן; ער האָט מאָמענטן פון שוווּנג אין דער לאַבאָראַטאָריע און זיי באַקומען אים נישט, ווייל דער ציוניזם רופט און ציט. און שטענדיק, אין דער צעריסנקייט, בענקט זיין נשמה צו דער שטילער, גאָט־גע־בענטשטער האַרמאָניע.

10

איירְאָפּע בלוטיקט. די מלחמה ברייטערט אויס אירע גיהנומדיקע פראָנטן. אַ שרעקלעכער ספּעקטאַקל — חזרט אָפּט איבער ווייצמאַן — יידן קעמפן פאַרן קיסר פון די רוסן און פאַרן קיסר פון די פּרוסן. יידן קעמפן קעגן יידן אונטער פאַרשידענע פענער. האָט ווער געזען אַזאַ מין אַנאָמאַליע? די יידישע טראַגעדיע אַנטפּלעקט זיך אין איר גאַנצער גרויליקייט. ווייצמאַן רייסט זיך צו עפּעס אַ טעטיקייט.

ענגלאַנד פּרעדיקט, אַז די מאָראַלישע שטויסקראַפט אין צעפלאַ־קערטן קריג דאַרף זיין די רעכט פון די פעלקער אַליין צו באַשטימען זייער גורל. איז אויב זעלבסטבאַשטימונג — פרעגט ווייצמאַן — איז וואָס בנוגע דעם יידישן פאָלק?

פאַר ווייצמאַנען ווערט מיט אַ מאָל אַלץ קלאָר: אין אָט דעם ענגלאַנד, „דעם צענטער פון דער וועלט״, איז ער באַרופן צו אַ גרויסער שליחות; דאָ דאַרף אויסגעקעמפט ווערן די יידישע רעכט אויף אַ פריי לעבן אין ארץ־ישראל. אָבער ווי אַזוי זאָל ער אָנהייבן מיט אַזאַ טעטיקייט? זאָל ער שוין איצט אָנווייזן אויף ענגלאַנד, ווי אויף אַ יידישן צד? ער שטעלט זיך פאַר די פּיילן, וואָס וועלן זיך אויף אים אַ שאָט טאָן. ד״ר נאָרדוי און זיינע נאָענטע טענהן „שב ואל תעשה״ — אָפּוואַרטן און דערוויל גאָרנישט טאָן. אַנדערע ווידער, ווי די וויכטיקע רוסישע פירער אוסישקין און טשלענאָוו, האַלטן, אַז דייטשלאַנד וועט אַרויסגיין די זיגערין, וואָרעם זי איז דאָך די פאַרקערפּערונג פון הויכער טעכניק און פון מיליטערישן כוח, און טערקיי איז דאָך אַ פאַרבינדעטע פון דייטשלאַנד.

ווייצמאַן אָבער זעט די ווענדונג, וואָס דערנענטערט זיך: די אָטאָ־מאַנישע אימפּעריע וועט זיך צעפאַלן, ענגלאַנד וועט זיגן און זי וועט הערשן אין נאָענטן מזרח.

פון וואַנען נעמט זיך אָט דער גלויבן זיינער? דערוויל געפינט זיך דאָך ענגלאַנד אין אייזערנעם קלעם פון די דייטשן אונטערוואַסער־שיפן, עס מערן זיך די דייטשע נצחונות, און ער, ווייצמאַן, האַלט זיך ביי זיין אמונה אין „אָלד אינגלענד״ — דער קוואַל פון כוחות.

ווייצמאַן וויל אויפהייבן אַ יידיש־ענגלישע פאַן. ער זעט אָבער ווי שווער דאָס וועט אים אָנקומען, זוכט ער דעריבער מענטשן וואָס זאָלן

אים קענען העלפן. אפשר זאָל ער זיך ווענדן צו ישראל זאַנגוויל, דעם באַרימטן שרייבער?

וויצמאַן האָט אים נישט איבעריק ליב. זאַנגוויל איז אַרויסגעטראָטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און ער פאַרנעמט זיך מיט באַשענקען דאָס יידישע פאָלק יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק מיט אַ ניי אַנטדעקט לאַנד; פאַלעסטינע זעט אים אויס צו זיין צו קאָמפּליצירט.

און דאָך ווענדט זיך צו אים וויצמאַן. ער האָפט, אַז דער אָנגעזעענער שרייבער קען אים באַהילפיק זיין אין זיינע פּלענער. ער שרייבט אים: „קיינער צווייפלט נישט, אַז דער ייד איז פעיק אויפצושטעלן אַן אייגענע מדינה. איז פאַרוואָס נישט טראַכטן, אַז אין ארץ־ישראל?"

וויצמאַן לאָזט פריי זיין ענטוזיאַזם: „ארץ־ישראל קען ווערן דאָס בעלגיע פון אַזיע, אויב מען זאָל יידן לאָזן זי אַנטוויקלען. מיר וועלן אַריבערפירן אַהין אַ מיליאָן יידן אין משך פון אַ פופציק, זעכציק יאָר". וויצמאַן דעקט דערוויל נישט אויף זיין גאַנצן פּלאַן. ער שלאָגט נאָר פאָר „מען זאָל זיך דערוויל צוגרייטן".

לגבי דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה איז ביי אים קיין ספק נישטאָ: „די מלחמה דאַרף מען זען אַלס אַ פאַרמעסט צווישן זיגפרידן און משהן און איך בין זיכער, אַז משה איז געשטאַנען פאַר גרעסערע שוועריקייטן ווי זיבן־צאָליקע קאַנאָנען".

און דאָ גיט וויצמאַן אַ פרעג: „וואָלסטו געוואָלט נעמען די פירער־שאַפט אין דיינע הענט, אין אָט דער ערנסטער שעה?"

זאַנגוויל ענטפערט קאַלט. ער איז נישט קיין ציוניסט, זאָגט ער. אין אַ יידישער מדינה זענען יידן נאָך מסוגל אויפצושטעלן פון דאָס ניי דאָס בית־המקדש, צוריק איינפירן די באַרבאַרישקייט פון עולות און קרבנות. ניין, ער וויל נישט די פירערשאַפט.

אין אַ שטיקל צייט אַרום זיצט וויצמאַן אין שרייבערס הויז. זאַנגוויל, איינגעהילט אין אַ פעלערינע, דער שטעקן מיטן זילבער־קעפּל צווישן זיינע פיס. ער רעדט „אַקאַדעמיש" וועגן רעליגיע, בית המקדש, פאַנאַטיזם און אַנדערע הויכע טעמעס.

פאַר וויצמאַנען איז עס גענוג. דוכט זיך אַ קלוגער ייד, דער שריי־בער, און דאָך איז ער ווייט פון תוכיקייט. קיין פירער וועט שוין ביי אים זאַנגוויל נישט זיין. אָבער הערן וועט ער נאָך פון אים.

וויצמאַן פרעגט אים, פאַר וואָס אים איז אַזוי שווער צו באַנעמען, אַז דער כוח פון יצירה איז פאַראַן נאָר ביים נאַציאָנאַלן ייד? ער וועט דאָך מסתמא מסכים זיין, אַז די אַלע פירער, וואָס האָבן זיך אַליין גע־

זאַלבט, אָן שום פאַרבינדונג מיט די מאַסן, דריקן אויפן פאָלק ווי אַ שטיין, און מער ווי צו שתדלנות קענען זיי זיך נישט דערהייבן. און פאַר וואָס איז אים אַזוי דערווידער דער „אחד־העמיזם״? עס זענען פאַראַן ווערטן אין פאָלק, וואָס לאָזן זיך נישט פאַרבייטן; דערהויבענע גייסטיקייט איז וויכטיק פאַר דער יידישער באַשטימונג. דעריבער טאָקע „קען אַ העברעי־שע אוניווערסיטעט זיין וויכטיקער ווי הונדערט מלחמה־שיפן״.

— טייערער זאַנגוויל, האָט איר געהערט דעם נאָמען אַטשמיאַדזין? דאָס איז אַ פאַרוואָרפן שטעטל ערגעץ אין אַרמעניע. פאַר אינטעליגענטע מענטשן איז עס אָבער דער סימבאָל פון דער אַרמענישער נשמה־יתירה, דער קוואַל פון פאָלקס־קולטור, זיין סימבאָל, זיין גייסט.

דער ווונק איז אַ קלאָרער: זאָל דער שרייבער זיך פאַרטראַכטן וועגן יידן און ירושלים.

ביידע מענער האָבן נישט געפונען קיין בשותפותדיקע שפראַך.

ווייצמאַן שפּאַצירט ביי די קאַנאַלן פון שטאָט, קוקט אויף די טונקעלע וואַסערן און טראַכט וועגן אַ פירער, וואָס זאָל זיין איבערצייגט ווי ער, אַז עס איז געקומען די צייט צו פאַרבינדן דעם יידישן גורל מיט ענגלאַנד, די צוקונפטיקע הערשערין אין ירושלים.

ווייצמאַן טראַכט וועגן אַמעריקע, דעם גרויסן פראָנט וואָס ער וויל געווינען פאַר זיין פּלאַן. ער זעט אַ ליכטיקן שטערן אויפן אַמעריקאַנער הימל — ריכטער לואיס ד. בראַנדייס. פון ווייטן, פאַרדרימלטן קענטאַקי איז בראַנדייס דערגאַנגען צו זיין הויכער שטעלע אין וואַשינגטאָן און ער וועקט ליבשאַפט און רעספּעקט אין ברייטע קרייזן. ער איז די פאַר־קערפּערונג פון יידישע און אמעריקאַנישע דערהויבענע אייגנשאַפטן; מען רופט אים „דער יידישער לינקאָלן״.

אין יאָר 1910 איז בראַנדייס צום ערשטן מאָל געקומען אין קאָנטאַקט מיט די יידישע אַרבעטער־מאַסן, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן די פּרימיטיוו־פינצטערע באַדינגונגען, וואָס האָבן געהערשט אין די טרויעריק באַקאַנטע „שוויץ־שאַפּן״. בראַנדייס האָט דערפילט דעם שטויס־כוח פון יושר און צדק, וואָס ברויזט אין יידישן מענטשן. ער האָט אויך דערפילט זיין משיחישע בענקשאַפט.

אין וואַשינגטאָן שעצט מען דעם אימיגראַנטן־זון, וועמענס עלטערן זענען אַנטלאָפן אין יאָר 1848 פון פּאָגראָמירטן באָהעמיען צו דעם פרייען אַמעריקע. דער פּרעזידענט ווילסאָן נעמט אויף מיט רעספּעקט בראַנדייסעס ראַט און מיינונג.

ווייצמאַן בינדט אָן אַ בריוו־אויסטויש מיטן ריכטער. ער דערקלערט

פאַר אים זיין פּלאַן: היות ווי די אָטאָמאַנישע אימפּעריע וועט זיכער זיך צעפאַלן אין רעזולטאַט פון דער מלחמה, דעריבער דאַרף די ציוניס־טישע באַוועגונג פאַרבינדן איר גורל מיט ענגלאַנד, וואָס וועט מיט דער צייט פאַרנעמען אין ארץ־ישראל דעם פּלאַץ פון טערקיי.

עס איז נישט פאַרן כבוד פון יידישן פאָלק צו פּראָפּאַגאַנדירן נייטראַ־ליטעט אין דער איצטיקער מלחמה. דייטשלאַנד צעשטערט פעלקער און לענדער; טאָרן יידן נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. מען מוז אויך משפּיע זיין, אַז אַמעריקע זאָל אַריין אין קריג אויף דער זייט פון די קעמפנדיקע קעגן דייטשלאַנד. אויב יידן וועלן עס דערגרייכן, וועלן זיי האָבן אין זייער האַנט אַ שטאַרקע קאָרט אין טאָג פון נצחון.

פון אַמעריקע קומט אָן אַ גוטע ידיעה: דער ריכטער אין וואַשינגטאָן ווערט פאָרזיצער פון צייטווייליקן ציוניסטישן ראַט אין אַמעריקע. ווייצמאַן איז זיכער, אַז די באַוועגונג איז געשטאַרקט געוואָרן, אַז נייע וועגן וועלן זיך עפענען אין גרויסן לאַנד.

די מלחמה גייט אָן, די טעג ציען זיך לאַנגזאַמע, פול מיט זאָרג. ווייצמאַן וואַרט יעדן טאָג מיט אומגעדולד אויף דער פּאָסט. אין אַ פראַגע־בויגן וואָס מען האָט צעשיקט צווישן וויסנשאַפטסלייט, האָט ער פאָרגע־שלאָגן זיין דינסט — זיין נייעם פערמענטאַציע־פּראָצעס. ער איז זיכער, אַז אָט דער פּראָצעס וואָלט געקענט אַ סך נוצן ברענגען דעם קריג. עס קומט אָבער נישט אָן קיין תשובה פון מלחמה־מיניסטעריום.

ווייצמאַן איז פול מיט פאַרדראָס, פאַר וואָס אין דער מלחמה ווערט נישט אויסגענוצט דער כוח, וואָס לעבט אין יידישן פאָלק. ווען עס וואָלט נאָר מעגלעך געווען, וואָלט ער זיך אַוועקגעלאָזט קיין פראַנקרייך, איטאַליע, אַמעריקע און אומעטום וואָלט ער געטראָגן דעם געדאַנק, אַז יידן זענען אומשטאַנד צו העלפן פאַרשנעלערן דעם נצחון. אָבער ער זיצט ווי אַ פאַר־שפּאַרטער אין מאַנטשעסטער און ווערט געפּאַטשט פון די קאַלטעווינטן, וואָס טראָגן זיך פון די טונקעלע קאַנאַלן. די יידישע וועלט איז צעשניטן אויף שטיקער, אונטערן אַפּאָקאַליפּטישן גאַלאָפּ פון דער מלחמה!

פאַר וואָס שרייבט אים נישט דער קלוגער שמריהו לעווין? שוין לאַנגע חדשים ווי ער איז אין אַמעריקע. ווייצמאַן וואַרט אויף ידיעות, אָבער זיי זאַמען זיך טעג, וואָכן.

ווייצמאַן פילט, אַז ס׳איז נאָך נישט רייף די שעה, ווען ער זאָל קענען אויסרופן, אַז ער איז דער וואָרטזאָגער און פירער פון אַ יידיש־ענגלישער

אַליאַנס, וואָס וועט ברענגען אַ פרייע יידישע מדינה. דערווייל איז אין סכנה דער קליינער יידישער כוח אין ארץ־ישראל.

אָפט מאָל, ביי זיין אַרבעט אין לאַבאָראַטאָריע, באַפאַלט ווייצמאַנען אַ גרויסער פחד. ער פרעגט זיך, צי דערלויבט ער זיך נישט צופיל, בנוגע דער יידיש־ענגלישער צוזאַמענאַרבעט? צי וועט עס טערקיי פאַרשוויגן? זי קען זיך דאָך, חס וחלילה, נוקם זיין אין יידישן ישוב אין ארץ־ישראל און חרוב מאַכן דאָרט דעם יידישן קיום.

און דאָך פילט ווייצמאַן, אַז זיין פּלאַן איז אַ גערעכטער.

ער פאָרט צו אחד־העמען, זיין רבי און לערער, און ער פרעגט אים צי זאָל ער אָנהייבן פירן אַן עפנטלעכע אַרבעט פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון זיין פּלאַן.

— ניין — ענטפערט אחד־העם — די שעה איז נאָך נישט געקומען.

ווייצמאַן פאָרט צוריק אַהיים און ער טראַכט, אַז דער שטרענגער לערער זיינער לאָזט זיך אָפט מאָל פאַנגען פון זיין אייגענער שאַרפקייט און עקסטרעמקייט. דער פּלאַן מוז דערווייל וואַקסן אין ווייצמאַנען גופא.

ווערא פאַרשטייט די וויכטיקייט פון געווינען מענטשן פאַר דער יידיש־ענגלישער צוזאַמענאַרבעט.

זי איז אַ דאָקטאָרין אין די מוטער־קליניקעס אין מאַנטשעסטער. זי אָרדנט איין פאַרשידענע אונטערנעמונגען, כדי צו באַקומען הילף פאַר אירע קליניקעס. אָפט קומען מענטשן פון אַ וויכטיקן פאַרנעם צו וועראַס „טיי־פּאַרטיס", און דעמאָלט וואַרפט זי אַן אויג אויף די יעניקע, וואָס קענען אויך העלפן איר מאַן.

אָט זיצט חיים ווייצמאַן אויף איינער פון אָט די „פּאַרטיס", לעבן אַ הדרת־פּנים־דיקן מאַן. שוין לאַנג ווי ער האָט געוואָלט באַקענען אָט דעם מענטש, וואָס איז דער שטאָלץ פון מאַנטשעסטער, אַ ליבעראַל, מיט אַ וואַרעם האַרץ: דאָס איז ס. פּ. סקאָט, דער רעדאַקטאָר פון דער באַרימטער צייטונג „מאַנטשעסטער גאַרדיען".

עס הייבט זיך אָן צו אַנטוויקלען אַ שמועס צווישן זיי ביידע, און תיכף אַנטשטייט אַ קעגנזייטיקע סימפּאַטיע. סקאָט פאַרבעט ווייצמאַנען אויף אַ באַזוך אין זיין הויז.

ווייצמאַן וואַרט מיט אומגעדולד אויפן וויזיט. ער גרייט צו פראַגן און ענטפערט. אָבער עס איז נישט נייטיק געווען צוצוגרייטן קיין ראשי־פּרקים צום שמועס. ס. פּ. סקאָט האָט אַ וואַרעמען בליק, אַ טיפע ערלעכקייט שוועבט אויף זיין פּנים און מען מוז ווערן אָפנהאַרציק אין זיין קעגנוואַרט.

ווייצמאַן לאָזט פליסן זיינע רייד, מחשבות, האָפענונגען און ספיקות, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין די לאַנגע איינזאַמע חדשים. ער רעדט וועגן זיינע ווייטע קינדער־יאָרן, וועגן רוסלאַנד, וועגן דערנידערונגען; ער רעדט וועגן צווייטויזנט־יאָריקן יידישן גערַאַנגל און וועגן דער גרעסטער פון אַלע יידישע וויזיעס, די וויזיע פון מענטשן־גאולה. ער דערציילט וועגן יידישן אויפטו אין ארץ־ישראל, וועגן די חלוצים און בויער; וועגן דער קאָלאָסאַלער אַרבעט, וואָס וועט קענען געטאָן ווערן נאָכן נצחון, מיט דער מיטהילף פון ענגלאַנד.

— מיט וואָס קען איך העלפן? — רופט אויס ס. פּ. סקאָט, און גלייך גיט ער צו: — איך וועל אייך צוזאַמענפירן מיט לאָיד דזשאָרזש. אגב, האָט איר אַ ייד אין דער רעגירונג, דעם הער הערבערט סעמועל.

ווייצמאַן איז אַרויס אַן אויפגעהייטערטער פון סקאָטס הויז. ער שמייכלט: ווען דו קוקסט אויפן הויכן קלאָרן שטערן פון אָט דעם גוי, אויף זיין שיינער באָרד, אין די וואַרעמע, גוטע אויגן זיינע, ווען דו פילסט די תמימותדיקע ריינקייט, וואָס טראָגט זיך פון אים — דוכט זיך דיר, ווי עפּעס אַ פאַרבאָרגענער צדיק וואָלט דיך גענומען אונטער זיין שוץ.

האַרציקע פריינדשאַפט פאַרבינדט זיך צווישן דיביידע מענער. זיי טרעפן זיך אָפט אין מאַנטשעסטער און אין לאָנדאָן, און יעדעס מאָל פרעגט סקאָט מיט דער זעלבער וואַרעמקייט:

— מיט וואָס קען איך העלפן?

דריטער דעצעמבער, 1914. עס האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ קרעפקער ווינטער־פרימאָרגן. ווייצמאַן גרייט זיך זינט די גאָר פריע שעהן צו אַ וויכטיקן צוזאַמענטרעף. אין קליינקייט: ער וועט היינט זיצן ביי איין טיש מיט מיניסטאָרן פון ענגלישן קאַבינעט.

דער גוטער ס. פּ. סקאָט האָט עס אַלץ צוגעגרייט.

ווייצמאַן זיצט אויף דעם צוזאַמענטרעף און ער איז צעטומלט, ער קען עס גאָרנישט באַגרייפן: אין די סאַמע שווערע מלחמה־טעג זיצן מיניסטאָרן און רעדן מיט אַזאַ מין קאַלטער גלייכגילטיקייט וועגן ענינים, וואָס דער גורל פון מיליאָנען איז פון זיי אָפּהענגיק, ווי עס וואָלט גאָר צו זיי נישט דערגרייכט דער בלוטיקער מלחמה־געשריי. מער ווי צעטומלעניש, איז עס געווען באַוואונדערונג פאַר דער ענגלישער אייגנשאַפט פון קענען אויסהאַלטן, פון נישט לאָזן דעם צער אַרויפשווימען אויף דער אויבערפלאַך.

ווייצמאַן קוקט זיך צו צום ייד הערבערט סעמועל; זיין טיפע איינגע־וואָרצלטקייט אין דער ענגלישער ערד האָט דאָך נישט פאַרטושט דעם יידישן חותם אויף זיין פנים. און עס לויפט דורך אַ געדאַנק: אוודאי איז ער אַ ייִדיש־ענגלישער סופּער־פּאַטריאָט; פון אים איז זיכער נישטאָ צו דערוואַרטן עפּעס אַ הילף פאַר זיין ציון־געדאַנק.

די בליקן פון די ענגלענדער גיבן ווייצמאַנען צו מוט. זיי קוקן אויף אים מיט פריינדלעכקייט. לאָיד דזשאָרדזש הייבט אָן צו פרעגן וועגן ארץ־ישראל, וועגן יידן, וועגן יידישן נאַציאָנאַלן געדאַנק. ווייצמאַן ענטפערט לאַנגזאַם און שטיל, ער לאָזט זיך טראָגן פון זיינע מחשבות, די מענטשן אינספּירירן אים.

און פלוצעם גיט זיך סעמועל אַ רוף אָן:

— איך גרייט צו אַ מעמאָראַנדום פאַר דער רעגירונג וועגן אַ יידישער מדינה אין ארץ־ישראל.

ווייצמאַן פילט ווי אַ גרויס ליכט וואָלט אַ פלייץ געטאָן. אויף דעם האָט ער זיך גאָרנישט געריכט. ער האָט זיך געשראָקן פאַרן יידישן מיניס־טער אין ענגלישן קאַבינעט און דאָ איז ער גראָד אַ שטאָלצער ייד.

דאַן ווענדט זיך צו אים לאָיד דזשאָרדזש:

— עס איז כדאי, אַז איר זאָלט ברענגען דעם פּלאַן פאַר אַרטור באַלפור; כדאי, אַז איר זאָלט זען דעם פּרעמיער, הער אַסקוויט.

לאָיד דזשאָרדזש פליסטערט אין סעמועלס אויער:

— ווען איך און דו וועלן מיר שוין זיין פאַרגעסן, וועט נאָך שטיין אַ דענקמאָל פאַר דעם ייד אין ארץ־ישראל.

ווייצמאַנס דערפאָלג צעשיינט זיך. סקאָט שרייבט צו אים, אַז לאָיד דזשאָרדזש וויל אים ווידער זען; עס מערן זיך ווייצמאַנס פריינד. אומבאַ־מערקט גאָר ווערט ווייצמאַן די פאַרקערפּערונג פון אַ גראַנדיעזן פּלאַן, דער יידישער פירער אין די אויגן פון די ענגלענדער.

„עכטע" ענגלישע יידן שרעקן זיך פאַר ווייצמאַנס הצלחה: וואָס שטופּט ער זיך דער רוסישער ייד אין די הויכע פענצטער? ספּעציעל באַזאָרגט איז לוסיען וואָלף, דער סעקרעטאַר פון ייִדיש־ענגלישן רעפּרעזענטאַטיוון ראָט, דער אַזוי גערופענער „קאָדזשאָינט".

ווייצמאַנס דערפאָלג אין די הויכע רעגירונגס־קרייזן שטעכט וואָלפס אויגן. ער קען נישט פאַרטראָגן ווייצמאַנס יידישן נאַציאָנאַליזם. עס איז נישט צו דערלאָזן, אַז אָט דער ייד זאָל באַהערשן די יוגנט, פאַרטומלען

זי מיט אַוואַנטורע־געדאַנקען וועגן אַ יידישער מדינה. עס קען זיך נאָך חס וחלילה, דערוועקן אַ חשד וועגן ייִדיש־ענגלישן פּאַטריאָטיזם. מענטשן וועלן פרעגן: וואָס פאַראַ בירגער זענען עס די יידן, אַז אין סאַמע מיטן קריג טראַכטן זיי גאָר וועגן בויען אַ מדינה פאַר זיך? לוסיען וואָלף איז אויסער זיך. ער האָט מעכטיקע פריינד; דער ביטערער אַנטי־ציוניסט, לעאָפּאָלד ראָטשילד, שטעלט זיך אין דינסט פון לוסיען וואָלף.

דער איינפלוסרייכער לעאָפּאָלד געהערט צום זעלבן „ראָטשילד־שבט" ווי דער באַראָן אין פּאַריז, אָבער ער האָט נישט עדמונדס פאַרשטענדעניש פאַר די יידישע אַספּיראַציעס.

לוסיען וואָלף שטייט אויף דער וואַך. ער וועט נישט דערלויבן — וואָרנט ער — מען זאָל פאַרטומלען די רעגירונג מיט נאַציאָנאַל־יידישע פּלענער. לוסיען וואָלף איז אַ מענטש מיט אַ סך וויסן און אינטעליגענץ. ער האָט זיך זיינע געדאַנקען און פּלענער. אַן אוניווערסיטעט אין פּאַלע־סטינע — מילא, דאָס קען ער פאַרשטיין; קולטיווירן די העברעישע שפּראַך, שאַפן אַ קולטור־צענטער אין ארץ־ישראל — ער איז נישט דאַ־קעגן; יידן ווילן באַאַרבעטן די ערד — אדרבא. ער איז אָבער קעגן קאַמף פאַר ספּעציעלע פּאָליטישע רעכט פאַר יידן אין פּאַלעסטינע, קעגן פּאָלי־טישע אַוואַנטורעס, קעגן געפערלעכע חלומות וועגן אַ יידישער מלוכה, „וואָס וועט פאַרלאַנגען טריישאַפט פון יידן, וועלכע זענען בירגער פון אַנדערע לענדער".

דער אינטעליגענטער לוסיען וואָלף קען זיך נישט צוזאַמענרעדן מיט ווייצמאַנען, אַ וועלט אַ גאַנצע טיילט זיי פונאַנדער, ס'איז אומזיסט די אַרבעט.

ווייצמאַן ווענדעט זיך מיט אַ רוף צו דער יידישער יוגנט־אינטעליגענץ. ער שרייבט צו הערי סאַקער און לעאָן סיימאָן: „מיר און נישט די „וואָלפס" זענען די באַרעכטיקטע פאַרטרעטער פון יידישן פאָלק!" ער, ווייצמאַן, און על אחת כמה וכמה אחד־העם, איז ראוי און באַרופן זיך צו שטעלן אין שפּיץ פון דער יידישער מחנה, וואָס שטרעבט צו נאַציאָנאַלער גאולה. ער פרעגט: „איז ער דען נישט ראוי צו פירערשאַפט?" ער „דער כמעט פּראָפעסאָר", אין אַ פּראָווינציעלער אוניווערסיטעט, אַ מענטש, וואָס איז געקומען מיט ליידיקע הענט, אַ ייד פון פּינסק, האָט באַוויזן צו אָרגאַניזירן די עליטע פון דער יידישער געזעלשאַפט אַרום אַ פּלאַן, וואָס זעט אפשר אויס ווי אַ משוגעת אין די אויגן פון אַ לעאָפּאָלד ראָטשילד, אָדער לוסיען

וואָלף, אָבער וועקט די שענסטע האָפענונגען אין מיליאָנען פון פאָלק.

יידן פון דער וועלט שטייען אויף זיין זייט, שרייבט וויצמאַן, ווייל זיי וויסן וועגן זיינע אויפטוען פאַר די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר. מען שרייבט אים פון אַמעריקע, פון איטאַליע און פון ווו נישט? מען לאָדט אים איין, מען וויל זיין אַרבעט. אַפילו נישט־ציוניסטן שעצן זיין טעטיקייט. מענטשן ווי באַלפור, דזשאָרדזי, סקאָט פירן מיט אים אונטערהאַנדלונגען.

„עס אַרט אים נישט, וואָס דער בריוו זיינער איז געשריבן אין אַ „גאַסטער־טאָן" — אַ רמז אויף ד״ר גאַסטער, דער רב פון דער פּאָרטו־געזישער קהילה אין לאָנדאָן, אַ געלערנטער, אַ פעיקער, אָבער ער איז באַרימעריש און שטאָלץ. — „עס אַרט אים נישט, אַז מען וועט אויס־טייטשן זיין רוף ווי אַן אויסברוך פון גרויס־רעדעריי. ער וויל אָבער, אַז מען זאָל וויסן ווער עס זענען די טרעגער און פאַרקערפּערער פון דער נאַציאָנאַלער יידישער שטרעבונג. זאָלן זיך אָפּגעבן אַ קלאָרן חשבון דערפון די פאַרשידענע „דזשאַניס". מען וועט גיין פאָרויס ביז די גאולה וועט אויסגעקעמפט ווערן — מיט די וואָלפס אָדער אָן זיי".

לוסיען וואָלף האָלט נישט פון פאַרשווייגן. ער איז אַ מענטש אַן עקשן, און ער ווייס ווו צו עפענען אַ טיר. פאַר זיין שטעלונג קעמפט אויך דער צווייטער ייד אין דער ענגלישער רעגירונג, דער איינפלוסרייכער עדווין מאָנטאַגיו, מיניסטער פאַר די ענינים פון אינדיע. די רייד וועגן אַ יידישער מדינה גרילצן אין מאָנטאַגיוס אויערן. נישטאָ אַזאַ זאַך, ווי ענגלישע יידן, וואָס ווילן אַ באַזונדערע מדינה, אַ יידישע. מאָנטאַגיו וויל נישט קיין אומזיסטע קלאָפּאָטן; מאָרגן וועלן קומען מענטשן און זאָגן: איר, יידן, האָט זיך אייער מדינה, פאָרט זיך אַהין געזונטערהייט.

וויצמאַן נעמט ערנסט זיינע שונאים. גרויס איז זייער השפעה און כוח. אַ שאָד, וואָס דעם באַראָנס זון, דזשיימס, אַ מיטגליד אין ענגלישן פּאַרלאַ־מענט, איז איצט אין מיליטער. דעם באַראָנס זון וואָלט זיכער געווען אויף זיין צד. ער וואָלט אים געוויס געשטעלט אין קאָנטאַקט מיטן גרויסן ענגלישן ראָטשילד — נתנאל־„נאַטי", דער ערשטער ייד, וואָס האָט זוכה געווען צו באַקומען דעם טיטל לאָרד, מיט דער צושטימונג — נאָך נישט וויניק קווענקלעגישן — פון דער קעניגין וויקטאָריאַ אַליין. איינפלוסרייך זענען אויך דעם לאָרדס צוויי זין: וואָלטער און טשאַרלז. אָבער ווי אַזוי דערגייט מען צו זיי?

וויצמאַן ווייס די חכמה פון זיך פאַרנעמען אויף אַ זייטיקן וועג, וואָס

קען דערפירן צום הויפּט־שליאַך. ער בעט אַן אוידיענץ ביי לײדי דאָראָטי, דזשיימס פרוי, דעם באַראָנס שנור. עס קומט אַ שנעלער ענטפער: דאָראָטי ראָטשילד וועט זיך פרייען צו באַקענען דעם ד״ר חיים ווייצמאַן.

דאָראָטי האָט אַ וואַכזאַם אויער און כאַפּט אויף יענעמס אויפריכטיקע באַגערן. ווייצמאַן דערציילט איר וועגן דער יידישער גרויסער ירושה און וועגן גייסט פון תנ״ך, וואָס האָט באַהויכט אַזוי פיל ענגלישע נשמות. עס טראָגן זיך נאָך אין דער לופט די קלאַנגען פון דער אַמאָליקער Restoration of Jews באַוועגונג, ווען שטעט און שטעטלעך אין ענגלאַנד האָבן צוזאַמענגענומען אונטערשריפטן ביי די בירגער אויף אַ פּעטיציע, אַז די רעגירונג זאָל העלפן דעם יידיש פאָלק אויפבויען זייער מלוכה אין ציון. דער געדאַנק וועגן אַ יידישן רענעסאַנס איז אַ טייל פון דער ענגלישער גייסטיקייט. ווייצמאַן דערמאָנט אַזעלכע מענטשן ווי לאָרד פּאַלמערסטאָן און לאָרד שעפטסבורי, וואָס זענען געווען באַפליגלט פון דעם שיבת־ציון געדאַנק; און שרייבער ווי דזשאָרדזש עליאָט, דיכטער ווי לאָרד בייראָן, דער מחבר פון „יידישע מעלאָדיעס״. ווייצמאַן רעדט וועגן יידישע האָפענונגען, וועגן זיין גלויבן אין ענגלישן נצחון, וועגן יידיש־ענגלישער צוזאַמענאַרבעט. מען מוז מאָבאַליזירן פריינד, מען מוז... מען מוז...

דאָראָטי איז געריִרט. זי איז גרייט צו העלפן — שוין, באַלד.

זינט יענעם טאָג איז ווייצמאַן אַן אָפטער גאַסט אין דעם אַריסטאָקראַטישן הויז. דאָראָטי כאַפּט אויף זיין יעדן הילפס־רוף, וואַרט אויף זיינע באַפעלן. זי שרייבט אָפטע בריוו צו ווייצמאַנען. די שורות זענען פלאַטערנדיקע, געשריבן אַרויף און אַראָפּ, ווי דער געפלי פון אַ פויגל, וואָס איילט צו זיין נעסט.

זי עפנט פאַר ווייצמאַנען דאָס הויז פון לײדי קריו, וועמעס פּאָליטישער סאַלאָן האָט אַ נאָמען אין ענגלאַנד. איר מאַן איז אַ נאָענטער פריינד פון לאָיד דזשאָרדזש און פון פּרעמיער אַסקוויט. אין הויז פון לײדי קריו, אויף דער קערזאָן־גאַס, קומען זיך צוזאַמען מענטשן, וואָס שמידן דעם גורל פון פעלקער און לענדער. זיי הערן זיך צו מיט אינטערעס צו ווייצמאַנס רייד. פאַר זיי איז ער דער פאָן־טרעגער פון אַ מחנה, וואָס גרייט זיך צו אַ נייעם יציאת־מצרים.

11

ביי דעם גאַנצן דערפֿאָלג זעט וויצמאַן זיך נאָך אַלץביים אָנהייב פֿון וועג. די אַלע שיינע רייד „אין די הויכע פֿענצטער" זענען דערווייל נישט מער ווי רייד, וואָס ווערן צעשפּליטערט אין פֿאַרשידענע קרייזן. ער וואָלט געוואָלט זען אַ לעבעדיקן גוף, אָן אָנהייב פֿון אַ כוח, וואָס דאַרף שטויסן צו מעשים.

אַכט יאָר זענען שוין אַריבער זינט זיין ערשטן צוזאַמענטרעף מיט באַלפֿורן. געדענקט אים נאָך דער שטאַטסמאַן און דענקער? וויצמאַן זוכט אַ רעקאָמענדאַציע, וואָס זאָל אים העלפֿן באַנייען די פֿריינדשאַפֿט. זיין קאָלעגע אין אוניווערסיטעט, דער פֿילאָזאָף אַלעקסאַנדער, קען זיין דער פּאַסיקער מענטש, ווייל זיין השפּעה אויף באַלפֿורן איז נישט קיין קליינע.

אָבער באַלפֿור וווּנדערט זיך: איז דען נייטיק געווען אַ רעקאָמענ־דאַציע? ער געדענקט גוט דעם שמועס פֿון אַכט יאָר צוריק, און ווי אַ המשך צו אַ נאָר וואָס איבערגעריסענעם געשפּרעך, זאָגט באַלפֿור צו וויצ־מאַנען: „איך האָב געטראַכט וועגן אייערע שטרעבונגען, און איך גלייב, אַז נאָך דעם ווי דער מלחמה־שטורעם וועט זיך איינשטילן, וועט איר באַקומען אייער ירושלים".

„עס איז מיר אַדורך אַ ציטער" — באַמערקט וויצמאַן מיט יאָרן שפּעטער — „ווען איך האָב דערהערט זיינע רייד, אין אַ מין גלייכ־גילטיקן טאָן".

דער שמועס איז פֿאָרגעקומען אין באַלפֿורס הויז, אין קאַרלטאָן־גאַרדנס.* יעדעס שטיקל מעבל, יעדער חפֿץ אין דעם הויז זאָגט עדות אויף איינגעוואָרצלטקייט, אָטעמט מיט „אָלד־אינגלענד". דער שמועס פֿירט זיך אויף פֿאַרשידענע טעמעס, פּונקט ווי באַלפֿור וואָלט וועלן אַריינדרינגען אין די טיפֿענישן פֿון דער יידישער וועלט, געפֿינען אָן ענטפֿער אויף פֿראַגן, וואָס אינטערעסירן אים שוין פֿון לאַנג. וויצמאַן באַמערקט דעם לייכטן סקעפּטיציזם, וואָס טראָגט זיך פֿון באַלפֿורס רייד.

אָט דערציילט אים באַלפֿור וועגן אַ צוזאַמענטרעף וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט מיט דער אלמנה פֿון דייטשן קאָמפּאָזיטאָר, ריכאַרד וואַגנער. ער

---

* 12.12.1914

דערמאָנט דער פּרויס ווילדן אַנטיסעמיטיזם, די וויסטע שנאה אירע. זי האָט געציטירט פון שרעק, טאָמער וועלן יידן אין גאַנצן פאַרשלינגען איר לאַנד: יידן זענען פול אין דער דייטשער ליטעראַטור, קונסט, מוזיק, וויסנשאַפט, אויף דער גאַנצער דייטשער קולטור שטעלן זיי זייער מזרח־שטעמפּל. באַלפור דערציילט עס געוויי, מיט פּרטים.

אָבער וואָס קומט דאָ פאָר? באַלפור אַליין זעט דאָך אויס צו זיין איבערצייגט אין דער גערעכטיקייט פון אַ סך אַנטיסעמיטישע טענות. סאַראַ גרויל!

— אַזאַ מין גורל טאַקע איז דער יידישער — ענטפערט ווייצמאַן אָפּ — דייטשע יידן גייען אַוועק פון זייער פאָלק, פאַרלייקענען זייער אָפּשטאַם און גיבן זיך איבער מיט לייב און לעבן פאַר בויען און באַרייכערן די דייטשע קולטור. און וואָס איז דער רעזולטאַט? די דייטשן נעמען אויף דעם צושטייער פון די יידן, אָבער נישט דעם ייד גופא. איז אויפגעשטאַנען אַ טייל פון פאָלק קעגן אָט דער אַנאָמאַליע און דערקלערט: מיר קערן זיך אום צום לאַנד פון אונדזערע אבות, כדי ממשיך צו זיין אונדזער גייסטיקייט, וואָס האָט זיך אַמאָל אַזוי ווונדערבאַר אַנטפּלעקט אין יענעם לאַנד.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער גיט ווייצמאַן צוזויסן אחד־העמן וועגן שמועס, וואָס ער האָט געהאַט מיט באַלפורן. ער פאַרזיכערט אים, אַז באַלפור איז געווען גערירט ביז טרערן. ווייצמאַן קען זיך נישט באַהערשן, עס טראָגט זיך אַ צופרידענע באַרימערישקייט פון זיינע רייד. „באַלפור האָט גענומען מיין האַנט און אויסגערופן: דו האָסט מיר באַלויכטן דעם וועג, אויף וועלכן עס גייט דאָס יסורימדיקע פאָלק". ער האָט אויך באַמערקט, אַז „ס'איז פאַראַן אַ גרויסע דיפערענץ צווישן דיר און אַ ייד, ווי קלאָוד מאָנטיפיאָרע, אָדער די אַלע איבעריקע, וואָס קומען בעטן הילף פאַרן ליידנדיקן פאָלק, וואָרעם דו בעטסט נישט, דו פאַרלאַנגסט, און מען מוז הערן דיין שטים, ווייל דאָס איז די שטים פון שטאַרקן קעניגרייך פון דער מאָראַל".

ווייצמאַן איז ממשיך און שילדערט די באַגעגעניש מיט באַלפורן: „ער האָט מיך באַגלייט, געאָרעמט, ביז דער טיר. ביים געזעגענען זיך האָט ער אויסגערופן: „פאַרגעסט נישט צו קומען מיך זען. איך בין גערירט און באַגייסטערט. אייער אידעאַל איז נישט קיין חלום, נאָר אַ גרויסער ציל, און איך באַנעם אים גאַנץ גוט".

ווייצמאַן איז באַרוישט, ער קען נישט צומאַכן מיט קיין אויג אין די נעכט; ער נעמט גרויסע דאָזעס בראָם, אָבער עס העלפט נישט.

וויצמאַן טראַכט אָן אויפהער: אַ וואָסערער דאַרף זיין דער וויטערער שריט זיינער? ווי אַזוי פאַרוואַנדלט מען אין מעשים די וויכטיקע פריינד־שאַפט צו וועלכער ער האָט זוכה געווען? עס ווערט געבוירן ביי אים אַ פּלאַן צו פאָרן זיך זען מיטן באַראָן אין פּאַריז. ער האָפט, אַז דער פּראַקטישער באַנקיר וועט אים העלפן אויסאַרבעטן אַ קאָנקרעטן פּראָיעקט פון אַרבעט.

דער באַראָן האָט אַנטוישט. „דער האַריזאָנט איז נאָך דערווייל פאַר־נעפּלט" — האָט ער באַמערקט. — „מען מוז זיך אָבער גרייטן צום נצחון" — זאָגט וויצמאַן. דער באַראָן האַלט זיך ביי זיינס: „די שעה איז נאָך נישט געקומען".

ווידער איז די צוקונפט פאַרנעפּלט. וויצמאַן זוכט אַן אויסוועג פון דער פאַרגליווערטקייט. ער איילט צו ס. פּ. סקאָט, דעם רעדאַקטאָר פון „מאַנטשעסטער גאַרדיען".

— ווי זעט אויס די לאַגע? — פרעגט דער ענגלענדער.

— עס גייען אַדורך וואָכן, חדשים, און דערווייל איז פּוסט און טויט — עס פילט זיך אַ צער אין וויצמאַנס רייד, און באַלד גיט ער צו: — פאַר־שטענדעניש איז פאַראַן פאַר אונדזער זאַך, אַפילו ענטוזיאַזם, אָבער נישט קיין מעשים.

ס. פּ. סקאָט רייניקט אָפּ אַ ברעג טיש פון די ביכער און שטויסן פּאַפּירן. אויפן פריי געוואָרענעם פּלאַץ לייגט ער אַוועק אַ ריינעם בויגן פּאַפּיר און ער זאָגט וואַרעם:

— לאָמיר אָנצייכענען אַ פּלאַן פון אַרבעט.

וויצמאַן בייגט אָן זיין גוף איבערן טיש. ער רעדט שטיל און זיכער:

— דער פּלאַן איז אַ פּשוטער: די יידן באַקומען דאָס לאַנד, זיי נעמען אויף זיך דעם עול פון אַרבעט, און די ערשטע צען, פופצן יאָר זענען מיר אונטער דער אַפּוטרופּסות פון ענגלאַנד.

דער ענגלענדער, גלעטנדיק דעם פּאַפּיר־בויגן:

— אין דער יידיש־ענגלישער אַליאַנס, וואָס האַלט ביים געבוירן ווערן, דאַרף מען נישט לאָזן קיין אָרט פאַר פּאָליטיק־מאַכעריי. דאָס דאַרף זיין עפּעס נייס און דערהויבנס.

אין רעדאַקציע־צימער פון דער וועלט־באַרימטער צייטונג קרייצן זיך פאַרשידענע פעדעם, ווי אין אַ צענטראַלער טעלעגראַף־סטאַציע. וויצמאַן פילט די וויכטיקייט פון דעם קאָנטאַקט, צו וועלכן ער האָט זוכה געווען.

אַ סך ענגלענדער, און גראָד אין די קרייזן פון וועלכע ווייצמאַן דער־וואַרט אַ צוזאַמענאַרבעט, ווילן זיך האַלטן ביים צויבער פון שיבת־ציון געדאַנק און נישט פאַרשוועכן זיין רעליגיעזן כאַראַקטער דורך אַ פּאָלי־טישן טאָג־טעגלעכן קאַמף. זיי ווילן נישט אַרונטערברענגען די ציון־אידעע פון אירע הימל־הויכקייטן צו דער גרויער רעאַליטעט. די אַרבעט פון צוריקברענגען דאָס יידישע פאָלק אין יידישן לאַנד זאָל טאָן עמעצער אַנדערש; זיי ווילן בלייבן ביי דער ריין מענטשלעכער, כמעט רעליגיעזער אידעע.

די ליבעראַלן טענהן: זאָל אַמעריקע נעמען אויף זיך די פאַרווירק־לעכונג פון פּלאַן. זיי וועלן שטיצן מיט אַלע כוחות, אָבער זיי ווילן נישט דעם פּאָליטישן גערעַנגל. שונאים וועלן אויסטייטשן, אַז אונטער דער מאַסקע פון תנ״ך־ליבע איז ענגלאַנד אויסן אַ נייע אימפּעריאַליסטישע דעראָבערונג.

ווייצמאַן פירט זיין אויפקלערונג אין אַט די קרייזן: נישט אין אַ דעראָבערונג גייט עס, נאָר אין אַ מאָראַלישן אַקט. יידן און ענגלענדער דאַרפן זיין די אויספירער פון דער גרויסער אידעע. דאָס וועט זיין אַ יידיש־ענגלישע גייסטיק־מאָראַלישע אַליאַנס, וואָס וועט דערהייבן ביידע פעלקער.

ער טראַכט וועגן דער וויכטיקייט פון אַן אימפּעריאַלן סינטעז צווישן ענגלאַנד און וועלט־יידנטום. ער איז זיכער, אַז עס איז פאַראַן עפּעס געמיינזאַמס צווישן ביידע פעלקער. נישט אומזיסט האָט דער ייד אין זיינע שווערע טעג געווענדעט זיין בליק צו ענגלאַנד און דערוואַרט, אַז די ישועה זאָל קומען פון איר. ווייצמאַן זעט אין ענגלישן פאָלק „אַ מענטשלעכן מאַטעריאַל, פון סאַמע געהויבענעם אויף דער וועלט״, און אָט דער אויפ־ריכטיקער דרך־ארץ און די ליבשאַפט וועקן אין אים זאָרג לגבי די חסרונות, וואָס ער זעט אין די ענגלענדער. עס באַאומרויקן אים געוויסע נעגאַטיווע דערשיינונגען פון זייער כאַראַקטער. ער האָט מורא, אַז ענגלאַנד וועט נישט קענען קעגנשטעלן זיך דעם דייטשן פאַרשריט. דער ענגלענדער מיידט אויס אַ גרעסערע אָנשטרענגונג, ער איז אָפט צו גלייכגילטיק, צו זעלבסטזיכער, צו פיל איינגעגלויבט, אַז ער וועט זיך שוין ווי עס איז זיך אַן עצה געבן מיט די שווערע פּראָבלעמען. עס טוט אים וויי וואָס אַ סך ענגלענדער באַנוגענען זיך מיט פאַרנעמען דעם צווייטן פּלאַץ אויף דער וועלט, אָנשטאָט צו שטרעבן שטיין אין דער שפּיץ. ער האָט ספּעציעל מורא פאַר אָט דער אייגנשאַפט אין אַנבליק פון דער דייטשער אויסדויערנ־

דיקייט צו שווערער אַרבעט און פּלאַנמעסיקייט. ער איז זיכער, אַז ווען דאָס יידישע פאָלק וואָלט געוואָרן אַ טייל פון דער בריטישער אימפּעריע, ווען די דערנענטערונג וואָלט באמת געווען אַ ברידערלעכע, וואָלט עס געווירקט לטובה און עס וואָלט דערווייטערט אַ סך נעגאַטיווע ענגלישע דערשיינונגען. וויצמאַן רעכנט אויס וואָס יידן וואָלטן געקענטביישטייערן צו אַזאַ פאַרבינדונג: זייער אויסדויער אין ליידן, זייער חריפות, זייער שטעלן אויבן אָן די דערציונג פון קינדער. עס איז דערפאַר כלל נישט איבערגעטריבן די מיינונג, אַז ארץ־ישראל, באַזעצט דורך יידן, וואָלט געווען אַ פּאָזיטיווער פאַקטאָר אין לעבן פון דער אימפּעריע.

ציוניסטן אויף דער וועלט ווערן וואָס אַמאָל אַלץ אומרויקער: ווער גיט וויצמאַנען די רעכט אויף עפנטלעכע ליבע־דערקלערונגען צו ענגלאַנד? פאַרשטייט ער דען נישט, אַז ער שטעלט אין סכנה דעם ישוב אין ארץ־ישראל? צו וואָס רייצט ער אומזיסט די טערקישע מאַכט?

וויצמאַן יאָגט פון זיך אָט די שרעק־וויזיעס און נאָך יעדן גערהאַנגל קומער צו דער זעלבער מסקנה: מען מוז פאַרשנעלערן דעם נצחון, ווען אויך דער ישוב אין ארץ־ישראל באַפרייען זיך פון דער סכנה, וואָס שוועבט איבער אים.

ער גייט זיך האַלטן אַן עצה מיט אחד־העמען. דאָס מאָל איז אויך דער פאַרזיכטיקער לערער און וועגווייזער מסכים: די שעה איז געקומען — זאָגט דער נידעריקער, דאַרער מאַן מיט די שאַרפע אויגן הינטער די פענסנע.

אויף פּיקאַדילי 175, אין דער ענגלישער הויפּטשטאָט, עפנט וויצמאַן אַ ציוניסטישע ביוראָ — דערווייל מיט אַ קליינעם פאַרנעם, אָן פּרעטענזיעס. דערווייל וועט געניג זיין אויב ערנסטע מענטשן וועלן האָבן אַן אַדרעס, ווו זיך צוזאַמענקומען און זיך פאַרטראַכטן איבער די אַרבעטס־פּלענער. סיימאָן מאַרקס, וואָס פאַרמאָגט אַן אָרגאַניזאַציאָנעלן חוש, נעמט איבער די ביוראָ־אַרבעט. עס גייען אָן כסדרדיקע באַראַטונגען מיט אחד־העם, מיט די פעיקע און איבערגעגעבענע הערי סאַקער, ישראל זיוו און אַנדערע.

נחום סאָקאָלאָוו, וואָס האָט זיך באַפרייט פון געדאַנק, אַז דייטשלאַנד וועט אַרויסגיין אין קריג אַלס זיגערין, איז איצט אַ וויכטיקע פיגור אויף

פיקאַדילי 175. זיין ענציקלאָפּעדיש וויסן איז אַ רייכער קוואַל פאַר אַ סך יידן און נישט־יידן. ביסלעכוויז ווערט די ביוראָ אַ וויכטיקער צענטער. הינטער די קוליסן ציט וויצמאַן מיט אַ סך פעדים; אַלע וויסן, אַז ער, דער נישט־געקרוינטער, איז דער פירער.

עס ברייטערט זיך אויס וויצמאַנס קרייז, הגם עס איז נישט לייכט מיט אים מיטצואַרבעטן: נישט שטענדיק האָט ער געדולד צו מענטשן, ער צווייפלט צו אָפט אין יענעמס פעיקייטן, די זעלבע אַרבעט טרויט ער אָפּט מאָל אָן צוויי מענטשן מיט אַ מאָל, און עס שאַפן זיך אומזיסטע רייבונגען. וואַכזאַמע אויגן באַמערקן: וויצמאַנס גרויסקייט אַנטפּלעקט זיך אין קאָנטאַקט מיט וויכטיקע און דערהויבענע מענטשן; זיינע פליגל לייגן זיך אָבער צוזאַמען, ווען אַרום אים געפינען זיך קליינלעכע און אומפעיקע. ער קען נישט איינהאַלטן זיין כעס, זיינע אויפברויזן זענען שטורמישע.

אין אָנגעשטרענגטע טעג איז שווער צו זיין אין זיין מחיצה. אַלאַר־מירנדיקע ידיעות קומען אָן פון ארץ־ישראל: די טערקן צינדן, רויבן, פייניקן. און ווען נישט די דייטשן, וואָס צוימען זייערע טערקישע פאַר־בינדעטע, ווער ווייס ווי עס וואָלט געווען דער גורל פון ישוב!

אין אַזעלכע אימהדיקע טעג איז וויצמאַן נישט קיין לייכטער מיט־אַרבעטער. ער „קען זיין צונג נישט היטן". ווען עס שטילט זיך אָבער זיין כעס, ווי נאָר עס שטעלט זיך עפּעס אַ מער ליכטיקער טאָג, רימט וויצמאַן דעם אויסדויער פון זיינע פריינד, בעט מחילה פאַר זיין כעסן זיך, אָפט מאָל שטראָפנדיק זיך אַליין אין דער שטיל.

וויצמאַן וויצלט זיך אויפן חשבון פון גוישן גלויבן אין דער „יידישער השפעה אויף דער וועלט". אָבער אָט די גוישע איינרעדעניש — טראַכט ער — קען זיין אַ וויכטיקער גורם. די ענגלענדער זענען איבערצייגט, אַז יידן אין אַמעריקע וואָלטן געקענט ווירקן, אַמעריקע זאָל אַריין אין קריג און העלפן צעשמעטערן דעם דייטשן כוח.

— אוודאי, אוודאי — איז וויצמאַן מסכים, הערנדיק אַזעלכע טענות פון קאַבינעט־סעקרעטאַר מאַרק סייקס — יידן קענען העלפן, אָבער וואָס איז מכוח ארץ־ישראל? אַמעריקאַנער ציוניסטן וועלן גאָרנישט טאָן, כל זמן זיי וועלן נישט האָבן אַן אָפיציעלע ענגלישע פאַרזיכערונג כלפּי דער צוקונפט פון יידישן לאַנד.

ווייצמאַן רייסט זיך קיין אַמעריקע. אים דוכט זיך, אַז ער וואָלט דאָרט פיל געקענט אויפטאָן. ער שרייבט וועגן דעם צו זיין גוטן פריינד שמריהו לעווין.

דערווייל האָט זיך געשאַפן אַ בריטישער פּראָ ארץ־ישראל קאָמיטעט. הערברט סיידבאָטאַם, איינער פון די רעדאַקטאָרן פון „מאַנטשעסטער גאַר־דיען", גלענצנדיקער פּאָליטישער קאָמענטאַטאָר, איז דער פּאָרזיצער. דער קאָמיטעט טוט אַ גוטע אַרבעט, ער פאַרשפּרייט צענדליקער אַרטיקלען אין דער ענגלישער פּרעסע וועגן דער וויכטיקייט פון אַ יידיש־ענגלישער צוזאַמענאַרבעט. ווייצמאַן לאָזט זיך פילן אין קאָמיטעט, זיינע שמועסן אינספּירירן אַ סך פון די מיטגלידער. זיין חלום נעמט אָן ממשותדיקע קאָנטורן: דער שידוך מיט ענגלאַנד ווערט באַהאַנדלט מיט אינטערעס און פאַרשטענדעניש אויף די שפּאַלטן פון דער פּרעסע און אויף צוזאַ־מענטרעפן אין פאַרשידענע וויכטיקע קרייזן.

דאָראָטי ראָטשילד רוט נישט, זי אָרדנט איין וויכטיקע באַגעגענישן פאַר ווייצמאַנען. ליידי אַסטאָרס סאַלאָן איז אָפן פאַרן יידישן פירער. און אָט פּאַרברענגט דאָרט ווייצמאַן אַן אָוונט, אויף וועלכן עס קומען זיך צוזאַמען וויכטיקע פּאָליטיקער, פון נאָענט און וויט. עס זענען דאָרט פאַראַן אויך שרייבער, זשורנאַליסטן און קינסטלער. מען ווענדעט די בליקן צו ווייצמאַנען, וועגן וועמען עס טראָגן זיך שוין לעגענדעס. ער זיצט אין אַ זייט מיט באַלפורן און זיי פירן צווישן זיך אַ שמועס. באַלד זאַמלען זיך אַרום זיי זשורנאַליסטן און פּרווון אויפכאַפּן יעדעס וואָרט.

די פרויען, אין זייער קרייז, טרייבן רכילות. איינע דערציילט וועגן באַזוך פון דער קעניגלעכער פּאַר אין פּרעמיערס הויז. ליידי אַסקוויט האָט געפירט די קעניגין אין שלאָפצימער, כדי צו ווייזן איר ווי איינ־פאַך איר מאַן העברי לעבט.

עס טרעפט אויך, אַז ווייצמאַן איז אומצופרידן פון די וויזיטן אין די „הויכע פענצטער". פרויען קלעפּן זיך, לאָדן איין אין לאָרדישע הייזער צו „רעפערירן איבער ציוניזם". ער אַנטלויפט נישט פון דער שווערער פליכט. דאָס איז אַ טייל פון זיין אַרבעט, אַ טייל פון זיין קאַמף צו געווי־נען דאָס האַרץ פון ענגלאַנד פאַר דער צוקונפטיקער יידישער היים אין ארץ־ישראל.

אַ מאָל גריזשעט אין ווייצמאַנען אַ צווייפל. פאַר וואָס איז באַלפור געגויגט דווקא צו אַבסטראַקטע שמועסן? פאַר וואָס קומט נישט קיין

ענגלישע דערקלערונג לטובת דעם ציוניזם? זאָל עס זיין, אַז דער געשעצטער שטאַטסמאַן פאַרווילט זיך בלויז מיט דער ציוניסטישער אידעע, ווי מיט אַנדערע, וועלכע זענען אים נאָענט, אָבער אָן אַ קאָנקרעטער פאַרפליכטונג? פאַר וואָס האַלט זיך באַלפור ביים געדאַנק, אַז אַמעריקע זאָל איבערנעמען די אפּוטרופּסות איבער ארץ־ישראל?

ווייצמאַן טרייבט פון זיך די ספיקות. ער לייגט דאָך אויף באַלפורן אַזוי פיל האָפענונגען!

אויף ווייצמאַנס נאַכט־שענקל ווערט גרעסער דער שטויס פּאַפּירן. ער זוכט אַ פּאַסיקן נוסח פאַר אַן ענגלישער דעקלאַראַציע לטובת דער יידישער היים. ער שרייבט און מעקט. ערשט פאַר טאָג פאַלט אויף אים דער שלאָף.

רינטאַל, איינער פון די הויפּט־כעמיקער אין דער באַרימטער נאָבעל־פירמע, האָט אַ שאַרפע נאָז. ער האָט דערשמעקט, אַז דער דאָצענט אין מאַנטשעסטער, דער ייד חיים ווייצמאַן, אַרבעט אויף אַ פערמענטאַציע־פּראָצעס, וואָס קען זיין פון אַ קאָלאָסאַלער וויכטיקייט.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן באַוויזט זיך רינטאַל אין ווייצמאַנס לאַ־באָראַטאָריע. ער איז אַ שנעלער סוחר, ער לייגט ווייצמאַנען פאַר אַ בלי־ציקן קאָנטראַקט און ווייצמאַן איז מסכים. ברעכט אָבער אויס אַ שריפה אין דער נאָבעל־פאַבריק. רינטאַל בעט זיך רחמים: באַפרייט מיך פון די קאָנטראַקט־התחייבותן.

די מעשה מיטן נישט דערפילטן קאָנטראַקט דערגייט צו דער רעגי־רונג. ווייצמאַן ווערט איינגעלאַדן צו טשערטשילן, ערשטער לאָרד אין דער אַדמיראַליטעט.

דער זעלנער און שטאַטסמאַן גייט גלייך צו צום ענין.

— הער ווייצמאַן, עס פרייט אונדז אייער דערפינדונג. אונדזער רע־גירונג נייטיקט זיך אין טויזנטער פעסער אַצעטאָן. איר וועט זיי צו־גרייטן, אויב נישט וועלן פאַרשטומט ווערן די קאַנאָנען פון ענגלישן פלאָט. צו דעם מין אויפּרייס־פּולווער, וואָס מיר דאַרפן, איז וויכטיק אַצעטאָן.

ווייצמאַן איז געפּלעפט. ער האָט קוים דערגרייכט אַ פּאָר קוביק צענטימעטער פונעם שטאָף אין לאַבאָראַטאָריע, און דאָ פאַרלאַנגט מען פון אים טויזנטער טאָנען. די פּראָדוקציע פון אַצעטאָן מיינט הונדערטער טויזנטער טאָן קוקורודזע, ווי זשע ברענגט מען עס אין פאַרבלאָקירטן

ענגלאַנד ? ווייצמאַן טראַכט וועגן די אומגעהויערע שוועריקייטן, וואָס ער דאַרף נאָך בייקומען, וועגן די קאַפּריזן, מיט וועלכע זיין דערפינדונג קען אים נאָך איבערראַשן.

טשערטשיל איז קאָנקרעט אין זיין פאָרשלאָג:

— איר מעגט, הער ווייצמאַן, מאָביליזירן וועלכע כעמיקער איר ווילט, נעמען אונטער אייער קאָנטראָל יעדע לאַבאָראַטאָריע, אָבער דער אַצעטאָן דאַרף אָנהייבן צו פליסן וואָס שנעלער.

אין מאַי 1916 ווערט ווייצמאַן מאָביליזירט אין דער בריטישער אַרמיי אַלס הויפּט־אויפזעער פון די כעמישע לאַבאָראַטאָריעס אין דער אַדמיראַליטעט.

עס הייבן זיך אָן שווערע טעג. ווייצמאַן איז נאָך דערווייל פאַרנומען אויך ביי זיין אַרבעט אין דער אוניווערסיטעט. פיר טעג אין דער וואָך איז ער אין מאַנטשעסטער און די איבעריקע דריי — אין לאָנדאָן. עס איז אים אַ שאָד צו פאַרלירן די אַרבעטס־שעהען בעת די רייזעס, פאַרט ער דעריבער אין די נעכט. זיין פיזישע אָנשטרענגונג דערגייט ביז דער העכסטער מדרגה, זיין געזונט ווערט אָפּגעשוואַכט, און זיינע נערוון — אויסגעשעפּט. אויף אים פאַלט שווער דאָס שטענדיקע אונטערהאַנדלען מיט די באַלעבאַטים פון פאַרשידענע דעסטילערייען, וועמענס הילף ער מוז האָבן. עס דענערווירן אים די רייבונגען צווישן די כעמיקער, וואָס אַרבעטן אונטער אים. ווייצמאַן האַלט זיך קוים אויף די פיס.

ער גייט אַריבער וווינען קיין לאָנדאָן. ווערא מיטן קינד בלייבן אין מאַנטשעסטער. אים איז קאַלט און אומעטיק אין דער לאָנדאָנער איינזאַמער דירה. דער האַרבסט און פריער ווינטער פון 1916 זענען אומדערטרעגלעך שווער. אָפט, ווען ווייצמאַן קומט אַהיים שפּעט אין דער נאַכט, פוילט ער זיך איינצוהייצן דעם אויוון, און באַלד אין דער פרי אַנטלויפט ער פון די קאַלטע ליידיקע צימערן.

ס'איז אַ חרפּה צו דערציילן: ער איז מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן דער אַרבעט אין דער אַדמיראַליטעט, מען האַלט אים פאַר אַ כעמישן מאַגיקער, וואָס קען אַלץ באַווייזן, און אַליין האָט ער שוועריקייטן מיט פּרנסה.* וועט עס עמעצער גלייבן ? און עס פעלן אויך נישט קיין דערנידערונגען. אָט באַקומט ער אַ בריוו פון זיינע אויבערהאַרן:

---

* נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען איז באַשטימט געוואָרן ווייצמאַנס געהאַלט, באַזירט אויף זיינע פריערדיקע ציווילע פאַרדינסטן.

ער טאָר זיך נישט באַנוצן מיט קיין טעקסי צו קומען צו דער אַרבעט; ער דאַרף אויסמיידן איינלאַדן מענטשן צו מיטאָג; ער דאַרף צושטעלן די חשבונות, געניו און דייטלעך, אויף אָפיציעלע פּאַפּיר־בויגנס, נישט סתם אויף שרייב־פּאַפּיר. ווייצמאַן פילט זיך באַליידיקט, ער פאַרשווייגט אָבער.

און דאָך קומט אונטער אַ צווייטע צרה: דער באַרימטער פּראָפעסאָר פּערנבאַך טענהט, אַז ווייצמאַנס פּערמענטאַציע־פּראָצעס איז נישט מער ווי אַ קאָפּיע פון זיינער, דעם פּראָפעסאָרס, אַ דערפינדונג, און ער פאַר־לאַנגט אָנצונעמען שריט קעגן ווייצמאַנען.

ווייצמאַן איז אויסער זיך. ווי איז מעגלעך אַזאַ בלבול? זיין אַרבעט אין דער אַדמיראַליטעט איז דאָך אַ מיליטערישער סוד, ווי האָט דער פּראָפעסאָר געקענט אויסגעפינען אין וואָס עס באַשטייט זיין פּראָצעס? ווייצמאַן דערקלערט, אַז מען גראָבט אונטער אים. זאָלן וויסנשאַפטסלייט משפטן צי ער האָט קאָפּירט פּערנבאַכן אָדער נישט.

און כדי עס זאָל פול ווערן די מאָס פון די צרות, הייבט לוסיען וואָלף אָן אַ נייעם קאַמף. איצט איז ער מער ווי שטענדיק זיכער, אַז ווייצמאַן וועט ברענגען שאָדן דעם יידישן ישוב אין ענגלאַנד. לוסיען וואָלף קלייבט נישט איבער אין מיטלען, אַבי נישט צו דערלאָזן, אַז מען זאָל ברענגען פאַרן קאַבינעט אַ מעמאָראַנדום פון אַ נאַציאָנאַל־יידישן כאַראַקטער. יידן טאָרן נישט פאַרלאַנגען ספּעציעלע רעכט אין ארץ־ישראל, פאַרשרייט וואָלף דעם מעכטיקן „קאָדזשאָינט‟, — דעם רעפּרע־זענטאַטיוון ראָט פון די ענגלישע יידן.

ווייצמאַן שלעפּט זיך צו זיין היים אַ מידער, נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט. עס וואַרט אויף אים אַ בריוו פון לעאָפּאָלד ראָטשילד. דער סופּער־פּאַטריאָט זאָגט אים מוסר: רוסישע יידן דאַרפן נישט וואַרטן ביז מען וועט זיי מאָביליזירן, זיי דאַרפן אַליין זיך צושטעלן אין דער אַרמיי און זיין דאַנקבאַר ענגלאַנד, וואָס איז פאַר זיי געוואָרן אַ היים. זייער גרעסטער קרבן איז גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט דער ענגלישער ברייטהאַרציקייט.

ווייצמאַן שטוינט. וואָס וויל ער, דער קרענקלעכער פּאַטריאָט? צי מיינט ער אויך אים, דעם רוסישן ייד?

ווייצמאַן טראַכט וועגן די בריוו פון דער אַדמיראַליטעט, וואָס פאַר־לאַנגען אַ גענויען חשבון פון יעדן מיטאָג, פון אַ טעקסי; ער טראַכט וועגן זיינע פּרנסה־זאָרגן; ער טראַכט וועגן די ריזיקע קוואַנטומס אַצעטאָן, וואָס ער דאַרף צושטעלן.

און ער טראַכט, אַז מען דאַרף באַהאַלטן אַזאַ בריוו ווי דער פון לעאָפּאָלד ראָטשילד; ס'איז גוט אַ מאָל זיך אומצוקערן צו אים און זיך דערמאָנען אין די סופּער־פּאַטריאָטן, אין די קליינלעכע, נעבעכדיקע מענטשן.

דער בריוו פאַלט אַרויס פון ווייצמאַנס מידער האַנט. עס איז אים קאַלט און ביטער אויפן האַרצן.

— זיי איינגעהאַלטן, מיין טייערער ווייצמאַן, איינגעהאַלטן און גרייט אויף אַ פּשרה.

דער באַראָן שרייבט צו אים אין אַ פּאַטערלעכן טאָן. ער וויל אָבער נישט פאַרהוילן, אַז ער דערוואַרט דיסציפּלין פון זיין פריינד.

דער באַראָן איז באַזאָרגט. ער פאַרלאַנגט, ראשית, אַ צוזאַמענאַרבעט מיט רעפּרעזענטאַטיוון יידישן ראַט אין ענגלאַנד, מיטן „קאָדזשאָינט", אין וועלכן לוסיען וואָלף איז דער הויפּט־סעקרעטאַר. יעדער קרבן איז כדאי, אַבי עס זאָל הערשן שלום.

און איצט, ליבער ווייצמאַן, נישט געאיילט, נישט געשפּרונגען! זייט פאַרזיכטיק מיט פּריציייטיקע רייד וועגן אַ יידישער מדינה. געגנוג עקאָנאָמישע שוועריקייטן ליגן אויפן וועג, טאָ צו וואָס זיך נאָך באַלעסטיקן מיט פּאָליטישע ענינים?

לאָמיר זיך פאָרשטעלן, — שרייבט דער באַראָן — אַז ס'איז שוין פאַראַן די מדינה. ווי וועלן מיר קענען אויסמיידן אַ כאַאָס? הונגעריקע יידישע מאַסן וועלן זיך לאָזן אין דער נישט צוגעגרייטער אָרעמער מדינה, און זי וועט אין גאַנצן צעטראָגן ווערן. נישט איילן זיך, נישט שפּרינגען! וויכטיק איז איין זאַך: אויסלייזן וואָס מער באָדן אין ארץ־ישראל; פאַרברייטערן דאָרט דעם יידישן יש. דאָס איבעריקע איז נישט מער ווי רייד.

ווייצמאַן איז געטראָפן, אין אים ברויזט אויף אַ שרעקלעכער כעס. גיין אויף פּשרות מיט אַ ייד ווי לוסיען וואָלף? ניין, טויזנט מאָל ניין! דער באַראָן קען עס נישט פון אים פאַרלאַנגען.

אָבער נאָך עפּעס איז פאַראַן אין ווייצמאַנס כעס. ערגעץ פילט ער, אַז דער באַראָן האָט אים באַזיגט. צו וואָס דאָס סתם רעדעריי וועגן אַ מדינה, איז דען ווער דערצו צוגעגרייט? ווייצמאַנען פאַרדריסט, וואָס אים, דווקא אים, דאַרף מען אָנווייזן, אַז דער עיקר איז אויסברייטערן דעם עקזיסטירנדיקן יש אין ארץ־ישראל, אויסלייזן באָדן, טאָן טאָג־טעגלעכע אַרבעט.

האָט ער זייך נישט צופיל פאַרגאַלאָפּירט אין פּאָליטישער הויך־רעדעריי? און ווידער פרעגט זיך ווייצמאַן: וואָס האָט ער אויפגעטאָן אין די לעצטע פּאָר יאָר? דערוויל קען ער נאָר אָנווייזן אויף בערג מיט הבטחות, וואָס עס האָבן צו זיינע פיס אָנגעשאָטן די גוישע גדולים, אָבער ווו איז דאָס קאָנקרעטע?

ווייצמאַן שטראָפט זיך, אַז ער איז באַגאַנגען די גרעסטע פון אַלע זינד — די זינד פון זיין אַ נאַר. ער באַקלאָגט זיך פאַר אַ גוטן פריינד, אַז ער לעבט אין אַ גן־עדן פון נאַראָנים. דוכט זיך, געאַקערט און געזייט, אָבער קיין ברויט איז נישט אויפגעקומען.

אין דער ציוניסטישער ביוראָ, אויף פּיקאַדילי 175, איז שווער אויסצוקומען מיט ווייצמאַנען. ער האָט קיין געדולד נישט צו מענטשן און זיינע באַמערקונגען זענען פול מיט ביטערקייט.

דער שוין דערמאָנטער סער מאַרק סייקס, סעקרעטאַר פון ענגלישן מלחמה־קאַבינעט, איז אַ קאַלירפולע געשטאַלט: אַ קאַטאָליק און אַ ליבע־ראַל, פעיק און גייסטרייך; רייך און עניוותדיק; פאַרוואָרצלט אין זיין לאַנד און אַ ליידנשאַפטלעכער וועלט־רייזנדער. אין אים קלאַפּט אַן אָדערל פאַר משיחיזם און גלייכצייטיק איז אים ליב דער פּאָליטישער שפּיל.

סער מאַרק אַרבעט פאַר דער פעלקער־באַפרייונג; ער האָט פאַר זיך אַ לעבנס־אידעאַל: די אויפלעבונג פון יידן, אַרמענער און אַראַבער.

אין זיין יוגנט איז סער מאַרק געווען גענוג ווייט פון יידן־ליבע. אָבער אין ליכט פון ציון־אידעאַל האָט ער דערזען אַ נייעם טיפּ ייד, אַ ייד וואָס ראַנגלט זיך פאַר זיין מענטשלעכער דערלייזונג.

נישט אָפּצושאַצן זענען געווען סער מאַרקס באַמיונגען אין וואַטיקאַן. ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן האָט ער געקעמפט פאַרן אידעאַל פון אַ יידיש־אַראַבישן צוזאַמענלעבן. אַ טאָג פאַר זיין טויט, אין די סאַמע לעצטע שעהען זיינע, האָט ער איבערגעשיקט דורך זיין ווייב אַ מעסעדזש צו סאָקאָלאָוון, אין וועלכן עס פּילט זיך זאָרג און ליבשאַפט פאַרן ציוניס־טישן געדאַנק. דעם 16טן פעברואַר 1919 איז ער אַוועק פון דער וועלט, יונג אין יאָרן, און אין סאַמע מיטן פון זיינע באַמיונגען לטובת דעם יידישן ענין, בעת דער שלום־קאָנפערענץ.

אין אַ געוויסן טאָג שלאָגן אים פאָר די ציוניסטן, אַז ער זאָל העלפן אויסאַרבעטן אַ קאָנקרעטן פּלאַן פון אַן ענגליש־ציוניסטישער אַליאַנס.

אין עטלעכע טעג אַרום קומט פאָר די זיצונג אין הויז פון ראַבינער

ד״ר גאַסטער. ד״ר גאַסטער איז געווען דער, וואָס האָט אַנטדעקט דעם סער מאַרק און אים געבראַכט אין די ציוניסטישע רייען.

געווען זענען פאַרזאַמלט סאַמע גדולים. וואַלטער ראָטשילד רעדט מיט התלהבות וועגן דעם געדאַנק פון אַ יידישער מדינה אַלס טייל פון דער ענגלישער קרוין. אויך הערבערט סעמועל באַמיט זיך גאָרנישט צו באַהאַלטן זיין געריר טקייט. ער שילדערט ווי די יידישע אומה וועט אויס־זען אין ארץ־ישראל, — אַ פאָלק מיט צעעפנטע פליגל, נאַטירלעך און פריי, ווי אַלע פעלקער אויף דער וועלט. דעם באַראָנס זון, דזשיימס, איז נישט הינטערשטעליק אין דער באַגייסטערונג פאַרן אויפבוי פון אַ יידישער היים.

ווייצמאַנס האַרץ איז פול מיט פרייד. נישט ער אַליין פירט איצט דעם קאַמף; גרויס איז די מחנה הינטער אים; התלהבותדיק — אירע וואָרטזאָגער. ער האָט אויך וואָס צו זאָגן. ער וויל, אַז אַלץ זאָל זיין קלאָר פון סאַמע אָנהייב: יידן שטרעבן — שטרייכט ער אונטער — צו אַ היים אין ארץ־ישראל און צו לעבן אין איר ווי הונדערט־פּראָצענטיקע יידן. זיי וועלן נישט ווערן קיין ענגלענדער, נישט קיין אַראַבער און נישט קיין דרוזן, נאָר זיי וועלן פאַרטיפן און אויסברייטערן זייער יידישן באַ־וווסטזיין.

— אַלזאָ, פריינד מאַרק? — ווענדן זיך די בליקן צום ענגלענדער.

— אַ וווּנדערבאַרער, געהויבענער געדאַנק — הייבט אָן דער קאַ־בינעט־סעקרעטאַר — אָבער עס זענען פאַראַן שוועריקייטן. דער אַראַבישער נאַציאָנאַליזם פאַרשטאַרקט זיך. ווען נישט זיין וואַכזאַם אויג און זיין כסדרדיקע אינטערווענץ, וואָלט שוין פון לאַנג דער ווולקאַן אויסגעבראָכן. אָבער ער גלייבט אין אַ יידיש־אַראַבישע פאַרשטענדיקונג.

דזשיימס דע ראָטשילד ווערט צודרינגלעך:

— וואָס איז דער אמת וועגן אַ געהיימן אָפּמאַך, וואָס זאָל עקזיסטירן צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך בנוגע ארץ־ישראל?

סער מאַרק ענטפערט נישט צום פּונקט. ער ראַנגלט זיך, וואָרעם טאַקע ער, צוזאַמען מיטן פראַנצויזישן דיפּלאָמאַט מעסיע פּיקאָ, איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אָן אָפּמאַך, לויטן וועלכן ארץ־ישראל וועט צע־טיילט ווערן צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך, נאָך דעם ווי זי וועט באַפרייט ווערן פון טערקישן יאָך. סער מאַרק וויל זיך פון אָפּמאַך באַ־פרייען, אָבער דאָס קומט אים נישט אָן לייכט.

מיט אַ מאָל פרעגט אַ קלאָרע שטים:

— איז וואָס באַשליסן מיר?

עמעצער רופט אויס:

— לאָמיר רעדאַגירן אַ פּראָגראַם, וואָס דער פריינד מאַרק סייקס וועט ברענגען פאַרן קאַבינעט.

און אַזוי, אין הויז פון אַ רב, אַ רומענישן אימיגראַנט, ביי אַ טיש, אַרום וועלכן עס זענען געזעסן אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי דער סעקרע־טאַר פון ענגלישן מלחמה־קאַבינעט, וואָלטער און דזשעמס ראָטשילד, סאָקאָלאָוו, סעמועל, בענטוויטש, סאַכער, קאָוועז, איז אונטער דער ווירקנדיקער האַנט פון חיים וויצמאַן רעדאַגירט געוואָרן אַ קאָנקרעטער נוסח פאַר אַ יידיש־ענגלישער אַליאַנס.*

---

* 16.11.17

12

דאָס לעבן ביי ווייצמאַנען ווערט אָנגענעמער און די נערוועזיטעט לאָזט נאָך, אַ סוף נעמט צו די מאַטערנדיקע רייזעס צווישן מאַנטשעסטער און לאָנדאָן. מאַן, ווייב און קינד זענען צוזאַמען, אין אַ שיינער דירה אויף עדיסאָן־ראָוד 67, — אַן אַדרעס, וואָס וועט אין גיכן באַקאַנט ווערן אין ברייטע יידישע און נישט־יידישע קרייזן.

ווייצמאַנען איז איצט אַ סך בעסער: ווערא איז לעבן אים און ער קען זיך אַן עצה האַלטן מיט איר וועגן פאַרשידענע ענינים. עס איז אים ליב איר דירעקטער און פשוטער צוגאַנג, מיט וועלכן זי נעמט אויף די סאַמע קאָמפּליצירטסטע פּראָבלעמען.

אויף עדיסאָן־ראָוד איז געבוירן געוואָרן דער צווייטער זון, מיכאל, אויפן נאָמען פון חיים ווייצמאַנס זיידן,* וואָס פלעגט דערציילן די שיינע מעשהלעך וועגן יידישע פרייהייטס־קעמפער און וועגן יידן מיט גוטע הערצער, ווי משה מאָנטעפיאָרע. דער נאָמען מיכאל וועקט אָנגענעמע זכרונות און לעבט־אויף פאַרגעסענע ניגונים.

ווייצמאַן איז איצט רויקער, ער קען באַהערשן זיין כעס און ער האָט מער געדולד צו מענטשן.

ער זעט איצט אָפט אחד־העמען, ער איז אַ שטענדיקער גאַסט ביי אים אין די פרייטיק־אָוונטן,ביים שבתדיקן טיש. די שמועסן זענען אָנגענעמע. יעדע מעגלעכע איינצלהייט וועגן דער צוקונפטיקער יידיש־ענגלישער צוזאַמענאַרבעט ווערט דורך זיי געַנוי באַטראַכט.

ווייצמאַנס בריוו־אויסטויש איז זייער אַ ברייטער. ער האָט ליב צו שרייבן און באַקומען בריוו, זיי זאַמלען זיך אין די הונדערטער. ער האַלט אָן אַ כסדרדיקע קאָרעספּאָנדענץ מיט סאָקאָלאָוו, וואָס פירט אָן מיטן פּאַריזער פראָנט. סאָקאָלאָוו באַצויבערט מענטשן מיט זיין וויסן און זיין פראַנצויזיש איז שיין, לייכט. אים גיט זיך איין צו דערווייטערן אַ סך מיספאַרשטענדענישן אַרום די ציוניסטישע אַספּיראַציעס.

אַ דאַנק סאָקאָלאָוון קען ווייצמאַן באַרויקן דעם ריכטער בראַנדייס אין וואַשינגטאָן. ער שיקט קאָפּיעס פון סאָקאָלאָווס בריוו, וואָס באַווייזן, אַז פראַנקרייך וועט זיך נישט קעגנשטעלן אַן ענגלישער דעקלאַראַציע

---

* 16.11.1917

לטובת אַ יידיש ארץ־ישראל. דער חשובער ריכטער קען דעריבער דרייסט פאָרזעצן זיינע געשפּרעכן מיטן פּרעזידענט וואָודראָ ווילסאָן, פון וועמען מען דערוואַרט הילף פאַר אַ יידיש־ענגלישער צוזאַמענאַרבעט.

אַזוי גייען בריוו אין פאַרשידענע ריכטונגען.

אין ליידי קריוס סאַלאָן קומען ווייטער פאָר די אויפנאַמעס. ווייצמאַן טרעפט אָפט באַלפורן און אַנדערע וויכטיקע רעגירונגס־מענטשן.

אין איינעם פון אָט די אָוונטן שמועסן ווייצמאַן און באַלפור געמיטלעך. ווי זיין שטייגער איז, לאָזט זיך באַלפור אַוועק אויף אַבסטראַקטע טעמעס, ווייצמאַן דאַקעגן זוכט זיי צו פאַרקירעווען „אויף זיין ענין". מיט אַ מאָל עפנט זיך די טיר. עס ראַשט אַריין לאָיד דזשאָרדזש, דער פּרעמיער, און ער איילט אין ווייצמאַנס ריכטונג. ער האָט פאַר אים אַ גוטע בשורה:

— ד"ר ווייצמאַן, אַ ווונדערלעכע נייעס: דאָס ענגלישע מיליטער האָט פאַרנומען עזה.

דער פּרעמיער רעכנט אויס נעמען און פּונקטן אויף דער ארץ־ישראלדיקער מאַפּע, אין שייכות מיטן זיגרייכן מאַרש פון ענגלישן מיליטער, און ווי דרך־אגב גיט ער זיך אַ רוף אָן:

— ד"ר ווייצמאַן, קומט אַריין אין מיין אָפיס, מיר דאַרפן וועגן עפּעס שמועסן.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער באַראָט זיך דער ציוניסטישער פירער מיטן רעדאַקטאָר ס. פּ. סקאָט און זיי פאַרטראַכטן צוזאַמען אַ פּלאַן: ווייצמאַן דאַרף פאָרן קיין ארץ־ישראל און אָנהייבן אויסלייזן באָדנס אויף די שטחים, וואָס די ענגלישע אַרמיי האָט שוין באַוויזן צו באַפרייען פון טערקישן יאָך. באמת, אַ ווונדערבאַרער פּלאַן! ענדלעך וועט מען זיך נעמען צו מעשים; ביז איצט איז אַלץ געווען נישט מער ווי רייד, ביז איצט — טראַכט ווייצמאַן — האָט ער געזוכט פּאָליטישע דעקלאַראַציעס — אַ טעטיקייט, פאַר וועלכער ער האָט הערצלען אַזוי ביטער קריטיקירט.

דער סייקס־פּיקאָ אָפּמאַך, לויט וועלכן ארץ־ישראל דאַרף צעטיילט ווערן צווישן פראַנקרייך און ענגלאַנד, הענגט ווי אַ שווערד איבער ווייצמאַנס פּלענער; מען טאָר נישט דערלאָזן אָפּצורייסן שטיקער פון קליינעם לאַנד.

ווייצמאַן גייט אַוועק צו זיין נייעם פאַרערער, ראָבערט סעסיל — וויצע־מיניסטער פאַר אויסלענדישע ענינים. סער ראָבערט סעסיל קוקט

מיט אַן אָנגעשטרענגטן בליק אויף דער מאַפּע, וואָס ווייצמאַן האָט פונאַנ־דערגעוויקלט פאַר אים — די מאַפּע, וואָס באַגלייט די תנ״ך־ספרים, גוט באַקאַנט דעם ענגלענדער שוין פון זיין פריער יוגנט.

דער יידישער מנהיג באַווייזט, אַז דער סייקס־פּיקאָ אָפּמאַך איז סטראַטעגיש אַ געפאַר פאַר ענגלאַנד, און פאַרן יידישן פאָלק — אַ ריס אין לעבעדיקן גוף.

— פאַראַן בלויז איין וועג: אָפּן קעמפן קעגן אָפּמאַך; ענגלאַנד דאַרף פאַרלאַנגען זיין אַנולירונג.

— פולשטענדיק מסכים — באַמערקט דער וויצע־מיניסטער.

— זענט איר גרייט זיך אונטערשרייבן אונטער אייערע רייד?

— זיכער, זיכער.

ווייצמאַן צייכנט אָן די ראשי פּרקים פון זייער שמועס. ער דערלאַנגט עס דעם וויצע־מיניסטער צום אונטערשרייבן.

ווייצמאַן איז מער נישט געבונדן, נישטאָ מער קיין סודות, יידן וועלן קעמפן פאַר אַ גאַנץ ארץ־ישראל, נישט פאַר אַ צעטיילטס.

אויך אויפן אינערלעכן פראָנט איז פאַראַן אַן ענדערונג לטובה.

די עקשנותדיקע קעגנערשאַפט פון „קאָדזשאָינט" צו די יידישע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען רופט אַרויס וואָס אַ מאָל אַ גרעסערן ווידערווילן נישט בלויז צווישן די ברייטע מאַסן, נאָר אויך אין אַ סך מיוחסדיקע קרייזן. נישט צופרידן מיט דער האַנדלונג פון „קאָדזשאָינט" איז אויך די רעגירונג. זי איז פאַראינטערעסירט צו געווינען די סימפּאַטיע פון אַמע־ריקאַנער יידנטום, וואָס קאָן ווירקן פאַר אַן אַמעריקאַנער אינטערווענץ — לויט איר מיינונג און גלויבן — לטובת דער ענגלישער מלחמה־אָנשטרענ־גונג. זי זוכט דערפאַר אויסצומיידן אַנטי־ציוניסטישע באַוועגונגען, און דאָ קומט אַרויס דער „קאָדזשאָינט" אין לאָנדאָנער „טיימס" מיט אַן אָפענעם בריוו קעגן די פּאָליטישע אַספּיראַציעס פון די ציוניסטן.

אין „באָרד אָף דעפּיוטיס", דער וויכטיקסטער פון די צוויי „קאָ־דזשאָינט"־שותפים, ווערט אויף אַ ספּעציעלער פאַרזאַמלונג* אויסגע־דריקט אומצוטרוי דער איינפלוסרייכער אינסטיטוציע, און אומדירעקט — דעם הער לוסיען וואָלף, וואָס איז געשטאַנען הינטער דעם אָפענעם בריוו אין „טיימס". די אָפּשטימונג איז פּאַקטיש געווען דער אָנהייב פון סוף פון „קאָדזשאָינט", וועלכער איז אין אַ קורצער צייט אַרום אין גאַנצן

---

* 17.6.1917

אויפגעלעזט געוואָרן. די ציוניסטן זענען פּטור געוואָרן פון אַ קאָלאָסאַלן אינערלעכן שונא.

וואַלטער ראָטשילד איז צופרידן מיטן רעזולטאַט פון דער אָפּשטימונג. דאָס קומט צום אויסדרוק אין אַ בריוו צו ווייצמאַנען. און איצט — שרייבט ער אים — לאָמיר גיין צו באַלפורן. זאָל ער זען, דער שטאַטסמאַן, אויף וועלכן צד עס שטייט דאָס ענגלישע יידנטום.

און אין מיטן דרינען — אַן אַנגענעמע וואַקאַציע, אַ רייזע קיין גיבראַלטאַר. אַט איז ווייצמאַן שוין אין מאַדריד, אין דער שיינער שפּאַנישער הויפּטשטאָט.

וואָס עפּעס פּלוצעם פון פאַרנעפּלטן לאָנדאָן צו די מיט זון פאַרפלייצטע מאַדרידער גאַסן?

ס׳איז אַ מעשה מיט אַ ייד הענרי מאָרגענטוי, געוועזענער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואָס איז געפאָרן אין גיבראַלטאַר זיך טרעפן מיט וויכטיקע טערקן, אונטערהאַנדלען וועגן אָפּרייסן זייער לאַנד פון דייטשלאַנד. מאָרגענטוי האָט איבערצייגט די מענטשן אין וואַשינגטאָן אין דער צוועקמעסיקייט פון אַזאַ שליחות, וואָרעם ער איז אַ מאַן מיט באַציונגען אין סולטאַנס הויף.

ווייצמאַנען שמעקט עס נישט, ער האָט מורא, אַז מאָרגענטוי וועט אויספּועלן אַ פּאָר גוטע ווערטער ביי די טערקן וועגן די יידישע אַספּיראַציעס אין ארץ־ישראל, און אַזוי אַרום וועט זיך צעפאַלן זיין גאַנצער בנין, וואָס ער האָט אויפגעשטעלט אין לאָנדאָן.

ווייצמאַן רודערט אויף אַ וועלט. ענדלעך איז מען מסכים, אַז ער זאָל פאָרן אין גיבראַלטאַר און נאָכקוקן פון דער נאָענט וואָס מאָרגענטוי טוט.

אַ רייזע — ווי אַ שפּיאָנאַזש־ראָמאַן. דייטשע שפּיאָנען יאָגן זיך נאָך ווייצמאַנען; ער בייט האָטעלן און די ריכטונגען פון וועג. דאָס איז ממש אַן אַנגענעמער ספּאָרט נאָך די חדשים פון כסדרדיקער אָנשטרענגונג און נערוועזיטעט.

ווייצמאַן שפּאַצירט איבער די גאַסן פון מאַדריד, און אַט דערמאָנט ער זיך אין אַ גרויסן ייד, וואָס פּראָוועט דאָ גלות: ד״ר מאַקס נאָרדוי; ער וווינט דאָ ערגעץ מיט זיין פרוי.

נאָרדוי איז פאַרעלטערט. די איינזאַמקייט רעדט אַראָפּ פון זיין פּנים. ווייצמאַן דערציילט אים וועגן זיינע דערגרייכונגען אין לאָנדאָן. ד״ר

גאָרדוי איז צופרידן און גיט קאָמפּלימענטן זיין קעגנער און קריטיקער.

ווידער דרייען זיך שפּיאָנען אַרום אים. ווייצמאַן לאָזט זיך צום דרום צו. פאַר זיינע אויגן — די קאַליפאָרניע אַנדאַלוזיע. פאַרביי אים ציען זיך אומענדלעכע פּלאַנטאַציעס פון איילבערט־ביימער איבער אַן ערד, וואָס איז פאַרגאָסן מיט אַ בלענדנדיקער זון.

אין דרום־שפּאַניע וועקן זיך זכרונות וועגן אַ ווייטער יידישער פאַרגאַנגענהייט — אַ רייכער, אַ שעפערישער. ווייצמאַן קלאָגט זיך וואָס ער קען נישט פאָרן זען גראַנאַדע און אַלע איבעריקע פּלעצער מיט יידישע שפּורן אויף זייערע ווענט. דער דרום — באַמערקט ער — וועקט אין אים שטענדיק אומעט און בענקשאַפט.

אין גיבראַלטאַר איז נישטאָ וואָס צו טאָן. ווייצמאַן גלייבט נישט אין מאָרגענטויס פעיקייט פאַר דער שליחות. ער זעט בכלל נישט קיין אונ־טערהאַנדלונגען, וואָס זאָלן האָבן וועלכע עס איז באַדייטונג.

די רייזע איז אָבער נישט געווען קיין אומזיסטע. ווייצמאַן באַקענט זיך מיט מאָרגענטויס אַ וויכטיקן באַגלייטער, דעם ריכטער פעליקס פראַנקפורטער. ווייצמאַן דערפילט אין אים די גראַדליניקייט פון „יידישן לינקאָלן". זיי פאַרברענגען די אָוונטן אין לאַנגע שמועסן. ווייצמאַן רעדט וועגן יידישער גאולה־לעכצונג, וועגן דער צוקונפטיקער יידישער מדינה. ער דערמאָנט דעם גרויסן יידישן ישוב אין אַמעריקע און די וויכטיקע ראָל, וואָס וואַרט אים אויף דער יידישער אַרענע. ער גיט צו, אַז וואודרא ווילסאָן, דער מענטש פון שווונג און טאַט, וואָלט פיל געקענטביישטייערן צו דער פאַרווירקלעכונג פון יידישן טרוים.

פעליקס פראַנקפורטער איז אַ וואַכזאַמער צוהערער, ווייצמאַנס רייד געפינען אין אים אַן אָפּקלאַנג און עס שטעלט זיך איין צווישן ביידע מענער אַ נאָענטע פריינדשאַפט, וואָס וועט דויערן ביזן סוף פון די טעג.

און וואָס איז מכוח מאָרגענטויס שליחות? לא דובים ולא יער. ווייצמאַן שיקט אַ דין וחשבון צום הער ראָנאַלד גראַם אין אויסערן־מיניסטעריום. ער פילט, אַז זיין באַריכט האָט נישט אַנטפּלעקט קיינע נייעסן. ער באַנוגנט זיך אָבער דערמיט וואָס ער האָט אויסגעמיטן פון מאָרגענטויען צו פאַרפּלאָנטערן די ציוניסטישע וועלט אין אַ נעץ פון דעם גוססדיקן טערקיי.

ווייצמאַן איילט צוריק קיין לאָנדאָן, אים איז אַ שאָד יעדע שעה.

בעת די זומער־פעריעז פון 1917 איז ווייצמאַן ווידער אַליין אין שטוב, ווערא מיט די קינדער זענען אויף אַפּרו.

דוכט זיך, אַז גרויסע זאַכן האָבן געהאַלטן ביים פאַרווירקלעכט ווערן, און ווידער איז שטיל, פריקרע שטיל. יעדן פרימאָרגן פרעגט ער זיך אויף בריוו פון וואַשינגטאָן. פאַר וואָס שרייבט נישט פעליקס פראַנק־פורטער? ער האָט דאָך צוגעזאָגט צו זיין טעטיק תיכף נאָך זיין צוריק־קומען קיין וואַשינגטאָן; פאַר וואָס הערט מען נישט וועגן זיינע באַמיונגען ביים פּרעזידענט ווילסאָן?

קיין דערגרייכונגען זענען נישטאָ, אָבער דערפאַר פעלן נישט קיין נייע שוועריקייטן.

עדווין מאָנטאַגיו, מיניסטער פאַר אינדיע־ענינים, וואָרנט קעגן אָננעמען אַ נאַציאָנאַל־יידישע ליניע כלפּי ארץ־ישראל. לוסיען וואָלף רוט אויך נישט. ער ווייס, אַז וואָלטער ראָטשילד מיט ווייצמאַנס צושטימונג האָט אַריינגעשיקט* באַלפורן אַ נוסח פון אַן ענגלישער דעקלאַראַציע לטובת אַ יידישער היים אין ארץ־ישראל, און באַלפור האָט צוגעזאָגט זי פאַרצולייגן פאַר דער רעגירונג. לוסיען וואָלף איז מלא כעס. ער וועט עס נישט פאַרשווייגן, ער האָט צוויסן געגעבן אין נאָמען פון די ענגליש־יידישע בירגער, אַז עס איז זיי פרעמד און דערווידער די גאַנצע אַוואַנ־טורע מיט אַ יידישער מלוכה. ענגלאַנד איז זייער פאָטערלאַנד און נישט עפּעס אַנדערש.

די רעגירונג ציט זיך צוריק, ווייל גרויס איז דער דרוק, וואָס מען איבט אויס אויף איר. דער ספּעקטאַקל פון אַ יידישער צעשפּלי־טערונג ווירקט אָפּשטויסנדיק. איצט זעט אויס מאַקסימאַל אַפילו דער איינגעהאַלטענער ראָטשילד־ווייצמאַן נוסח. שוין אָפּגערעדט פון סייד־באָטאָמס פּראָגראַם, וואָס האָט פאַרלאַנגט גאַנץ ארץ־ישראל אלס יידישע מלוכה.

ווייצמאַן פילט דעם צוריקטריט. ענדלעך איז פאַראַן אַ תשובה פון וואודראָ ווילסאָן, אָבער אַ נעגאַטיווע: ער פילט, אַז די שעה איז נאָך נישט געקומען. ווייצמאַן איילט צו באַלפורן. דער שטאַטסמאַן און דענקער קען נישט באַנעמען די פּחדנותדיקע שטעלונג פון מאָנטאַגיו, אָדער פון אַ ייד ווי לוסיען וואָלף. אָט איז ער אַ סקאָט, לאָיד דזשאָרדזש — אַ וועלש, וועט דערפאַר עמעצער וואָגן חושד צו זיין אין זייער ענגלישן פּאַטריאָ־טיזם? פאַר וואָס זענען יידן אַנדערש?

---

* 18.7.1917.

באַלפור פאַרזיכערט ווייצמאַנען, אַז ער וועט נישט מוותר זיין אויפן געדאַנק וועגן אַ יידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל.

ווייצמאַן איז אומגעדולדיק. ער ווענדעט זיך צו לאָיד דזשאָרדזשן מיט דער פראַגע, פאַר וואָס די ענגלישע רעגירונג זאַמט זיך מיטן אַרויס־געבן די פראָ־יידישע דעקלאַראַציע. לאָיד דזשאָרדזש באַרויקט אים, אַז דער ענין וועט באַהאַנדלט ווערן אויף דער זיצונג פון פערטן אָקטאָבער.

דער פרעמיער האָט געהאַלטן וואָרט. מען הייבט אָן צו באַטראַכטן ביים מיניסטאָרן־טיש דעם יידישן פראָיעקט. עדווין מאָנטאַגיו איז אויף דער גרענעץ פון היסטעריע. מיט גאַל באַקעמפט ער דעם געדאַנק וועגן אַ יידישער היים אין ארץ־ישראל. פאַר זיין קעגנערשאַפט גיט ער אויך אָן פאָליטיש־סטראַטעגישע מאָטיוון וועגן אָן איינהייטלעכן אַראַבישן פראָנט אין נאָענטן מזרח, אונטער דער ענגלישער הערשאַפט, דעם פראָנט טאָר מען נישט צעשפּליטערן דורך יידישער אַריינדרינגונג; מיט דעם וועט מען רייצן די אַראַבער און שאַפן פאַר ענגלאַנד אומזיסטע שונאים. מאָנטאַגיו רעדט מיט ליידנשאַפט און ער איז אומברחמנותדיק עקסטרעם. ענגלענדער באַנעמען די איראַציאָנעלע עמאָציע אין די רייד פון יידישן מיניסטער. ווידער אַ מאָל איז די אָפּשטימונג אָפּגעלייגט גע־וואָרן. מען האָט זיך בלויז צונויפגערעדט אַריינצושיקן אַ פראַגע־בויגן צו אַכט פירנדיקע יידן, וואָס זאָלן ענטפערן פאַר אָדער קעגן די אָנגע־צייכנטע פונקטן. די פונקטן רעדוצירן זיך אין רעזולטאַט צו אַן אָפּ־געשוואַכטער פראָ־ציוניסטישער דעקלאַראַציע, וואָס מען קען זי טייטשן אַהער און אַהין.

ווייצמאַן און סאָקאָלאָוו, צוויי פון די אַכט,* וואָס האָבן דערהאַלטן דעם פראַגע־בויגן, ווילן ענדערן אין טעקסט די ווערטער „אַ יידישע היים אין ארץ־ישראל" אויף „אויפשטעלן פון דאָס ניי ארץ־ישראל אַלס יידישע היים", ווי אחד־העם האָט עס נישט איין מאָל געהאַט פאָרגעשלאָגן. עס העלפט אָבער נישט, מען גייט נישט איין אויף קיין שנויים. בלייבט איצט נישט מער ווי שטיין אויף דער וואַך און זען, אַז די איבעריקע זעקס זאָלן נישט פאַרראַטן די יידישע אַספּיראַציעס. ווייצמאַן ווענדעט זיך צו הערבערט סעמועלן און בעט אים אויסאיבן זיין דרוק, און „אויסמיידן אַ ברידער־קריג אין לעצטן מאָמענט". דריי זענען געווען די

---

* די איבעריקע זעקס וואָס האָבן באַקומען דעם פראַגע־בויגן: הערבערט און סטואַרט סעמועל, לעאָנאַרד ל. קאָוועז, קלאָד מאָנטעפיאָרע, פיליפ מאַגנוס, ד"ר הערץ — אַלע באַקאַנטע פיגורן אין ענגלישן יידנטום.

יידן, וואָס האָבן בייגעשטייערט צום נצחון: די ברידער סעמועל און דער הויפּט־ראַבינער פון ענגלאַנד, ד״ר הערץ.

ווי געזאָגט, איז אויף דער זיצונג פון פערטן אָקטאָבער נישט גע־קומען צו קיין באַשלוס און די דערוואַרטע דעקלאַראַציע איז נישט באַ־שטעטיקט געוואָרן. דעם קאַבינעטס צוריקטריט און קווענקלעניש האָבן ביי די ציוניסטן אַרויסגערופן אַ געדריקטע שטימונג. וויצמאַן קען קוים באַהערשן זיין כעס־אויפברויז. ער לאָזט פאַלן שווערע ווערטער פאַרן פּרעמיערס סעקרעטאַר, פיליפּ קער. ער רעדט אין אַ לשון פון אַן אולטי־מאַטום: אָדער די רעגירונג פאַרעפנטלעכט תיכף די דעקלאַראַציע, אָדער מען זאָל זי אין גאַנצן אַראָפּנעמען פון טאָג־אָרדענונג. דריי יאָר האָט ער געאַרבעט פאַר אַ יידיש־ענגלישער אַליאַנס — טענהט וויצמאַן — דריי יאָר האָט ער וועגן דעם פּראָפּאַגאַנדירט צווישן יידן. ענגלאַנד אָבער האָט זיך די גאַנצע צייט באַנוגנט מיט צוזאָגן, ביז דער גלויבן פון פאָלק אין וויצמאַנס פירערשאַפט האָט אָנגעהויבן פאַלן. אים בלייבט נישט מער ווי דער לעצטער וואָפן: שטעלן דאָס ענגלישע פאָלק פאַרן טריבונאַל פון געוויסן און מאָראַל; זאָל די וועלט הערן און משפטן.

פיליפּ קער וויסט, אַז דער ייד וויצמאַן איז פעיק אויף קאַמף; ער וויסט, אַז דער יידישער פירער קען ווייזן אַ שטאַרקע האַנט. מיט עטלעכע טעג פריער האָט אים דער ייד אָריינגעשיקט אַ בריוו, וואָס חוזקט אויס די קורצזיכטיקייט פון ענגלישע פּאָליטיקער און פירער. ער איז געפּלעפט — האָט ער געשריבן — צוליב דער בלינדקייט פון די מדינה־פירער, וואָס לאָזן זיך באַהערשן פון אַ הייפל אַסימילאַנטן, וועמענס גאַנצער יחוס באַשטייט אין דעם, וואָס זיי זענען אַריבערגעקומען אין ענגלאַנד מיט דריי הונדערט יאָר פריער ווי אַנדערע יידן. ווי קען מען דערלאָזן, אַז דאָס הייפל מענטשן זאָל דעצידירן וועגן גורל פון מיליאָנען?

און נישט נאָר פיליפּ קער — אויך דער פּרעמיער גופא הערט פון וויצמאַנען ענלעכע טענות.

— נישט נייטיק קיין איבעריקע רייד — ווענדעט זיך וויצמאַן צום ריכטער בראַנדייס — די לאַגע רעדט פאַר זיך אַליין. ער, בראַנדייס, מוז אויסאיבן זיין ווירקונג אויפן פּרעזידענט ווילסאָן. עס איז די העכסטע צייט. מען מוז שטאַרקן די הענט פון אונדזערע פריינד אין ענגלישן קאַ־בינעט. דער יידישער גורל איז אויפן וואָגשאָל.

— אויך ענגלאַנד — דערקלערט וויצמאַן פאַרן געהויבענעם ריכטער —

באַנעמט די היסטאָרישע וויכטיקייט פון פּראָבלעם. דער ציוניסטישער אידעאַל באַהויכט אירע בעסטע מענטשן. אדרבא, זעט אָט דעם פאַקט: אים, ווייצמאַנען, אַ פּריוואַטן מענטש, אים דעם ייד, האָט מען איינגע־לאַדן — צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון אַן ענגלישן קאַבינעט — בייצוזיין אויף אַ זיצונג פון דער רעגירונג, כדי צו באַלייכטן און אויפצו־קלערן דאָס ציוניסטישע פּראָגראַם. אָבער צוליב עפּעס אַ טעות האָט ער די איינלאַדונג באַקומען מיט אַ פאַרשפּעטיקונג און ער האָט נישט געקענט זיין אויף דער זיצונג.

ניין, פאַר בראַנדייסן זענען נישט נייטיק געווען קיין איבעריקע רייד. אין געהעריקן מאָמענט האָט ער, מיט דער הילף פון ד״ר סטיפען וויז און אַנדערע, דערפילט זיין פליכט. אין דער הסכמה פון ווייסן הויז איז געווען דער גייסט פון דעם אין תנ״ך פאַרליבטן פּרעזידענט, דער מאַן פון סקאָטישן אָפּשטאַם, וואָס האָט, ווי ד״ר וויז באַמערקט עס, געשטרעבט „מתקן זיין די גרויסע עוולה, וואָס מען איז באַגאַנגען קעגן אַלטן פאָלק״.

גרויס איז דער פאַרדינסט פון ריכטער בראַנדייס, וואָרעם ווען נישט ער, און במילא ווען נישט די הסכמה פון ווייסן הויז — ווי עס דריקט זיך אויס לעאָנאַרד שטיין, דער מחבר פון דער געשיכטע איבער דער באַלפור־דעקלאַראַציע — „איז גאַנץ מעגלעך, אַז די באַלפור־דעקלאַראַציע וואָלט קיין מאָל נישט געזען די ליכטיקע שיין.

דעם 31טן אָקטאָבער באַטראַכט ווידער די רעגירונג דעם פּלאַן וועגן אַ יידישער היים אין ארץ־ישראל.

דער ייד מאָנטאַגיו, דער ביטערער קעגנער פון ציוניסטישן געדאַנק, איז מיט צוויי וואָכן צוריק שוין געהאַט אָפּגעפאָרן קיין אינדיע, איבער־צונעמען דאָרטן זיין הויכן אַמט אין דער גרעסטער קאָלאָניע פון דער אימפּעריע. זיין אָפּוועזנהייט אויף דער קאַבינעט־זיצונג איז פאַר די ציוניסטן געווען ממש אַ גליק.

אין אַ שכנותדיקן קאָרידאָר וואַרט אָפּ ווייצמאַן דעם רעזולטאַט פון דער זיצונג. די מינוטן ציען זיך ווי אַן אייביקייט. און אפשר האָט ער געטראַכט וועגן צער און פּיין פון דעם גרויסן ייד, וועלכן ער האָט אַ מאָל קריטיקירט פאַר זיין זוכן פּאָליטישע דעקלאַראַציעס; אפשר האָט ער געטראַכט וועגן דער ענלעכער וואַרטעניש און האַרץ־קלעמעניש פון טעאָ־דאָר הערצל אין די קאָרידאָרן פון סולטאַנס פּאַלאַץ?

עס הערט זיך דער אָפּקלאַנג פון שנעלע טריט. דאָס איילט מאַרק סייקס, ער זוכט ווייצמאַנען. דאָס פּנים פון ענגלענדער איז צעשיינט.

— סער, אַ בן־זכר איז אונדז געבוירן געוואָרן!

ווייצמאַן לאָזט זיך צום טעלעפאָן. ער גיט איבער וועראַן די בשורה. עס דוכט זיך אים, אַז ער שרייט, און אפשר רעדט ער פון היץ?

מיט אַ שעה שפּעטער איז געשטאַנען אַ פריילעכער טומל אין הויז אויף עדיסאָן־ראָוד 67. די גוטע נייעס איז שנעל דורכגעלאָפן די שטאָט, מענטשן זענען געקומען זיך ווינטשן און טרינקען לחיים.

הונדערטער, הונדערטער טעלעגראַמעס האָבן אָנגעהויבן צו שטראָמען. אַ גרויס ליכט, אַ גרויסע פרייד — אַ משיחישע איבערלעבונג! עס רודערט זיך אויף עדיסאָן־ראָוד 67.

ווייצמאַן שאַרט זיך אַרויס פון הויז. ער שטעלט אָפּ אין גאַס אַ טעקסי, גיט אָן אַן אַדרעס.

אָט איז די גאַס, די גוט באַקאַנטע טיר, צו וועלכער עס פלעגט אים אַזוי ציען אין מאָמענטן פון איינזאַמקייט און יאוש.

ער קלאַפּט אָן. אַ דאַרע פיגור באַווייזט זיך אויפן שוועל. ווייצמאַן נעמט אַרויס אַ פּאַפּיר און רופט אויס:

— אָט איז עס!

דער מאַן אויפן באַלויכטענעם שוועל לייענט דעם גוט באַקאַנטן נוסח, אויף וועמעס פאָרמולירונגען ער האָט אָפּט געאַרבעט.

דאָס בלאַסע פּנים צעשמייכלט זיך און זיי נעמען זיך בײדע אַרום: ווייצמאַן און אחד־העם.

אין צוויי טעג אַרום האָט די רעגירונג איבערגעשיקט איר דעקלאַראַציע צו וואַלטער ראָטשילד. עס לייענט זיך אין איר: „די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט האָט אַ פּאָזיטיווע באַציונג צו דער גרינדונג פון אַ נאַציאָנאַלער היים פאַרן יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל און זי וועט זיך אָנשטרענגען מיט אַלע כוחות כדי צו דערלייכטערן די דערגרייכונג פון דעם ציל, מיטן קלאָרן און דייטלעכן תנאי, אַז עס וועט קיין זאַך נישט געטאָן ווערן, וואָס קען שאַטן די ציווילע און רעליגיעזע רעכט פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל, אָדער די רעכט און פּאָליטישע פּאָזיציע פון די יידן אין אַנדערע לענדער". אונטערגעשריבן איז אַרטור דזשיימס

באַלפור, אויסערן־מיניסטער פון ענגלאַנד. דער מיניסטער גיט צו „איך וועל אייך דאַנקבאַר זיין, אויב איר וועט איבערגעבן די דערקלערונג דער ציוניסטישער פעדעראַציע".

די דאַטע אויפן בריוו: צווייטער נאָוועמבער 1917.

ס׳איז נישט נייטיק געווען, אַז דער רוסיש־ציוניסטישער פירער ד״ר טשלענאָוו זאָל קילן ווייצמאַנס ענטוזיאַזם. ער ווייסט עס אַליין: אַ בן־זכר איז געבוירן געוואָרן, אָבער מיט אַ פעלער. ער באַגרייפט ווי קונציק דער נוסח פון דער דעקלאַראַציע איז צוזאַמענגעשטעלט, ווי מען קען אין איר אַריינטייטשן פאַרשידענע פירושים. עס איז אָבער לייכטער אויפן האַרצן: אַ סוף איז געקומען צו דעם געיעג נאָך אַ פּאָליטישער דעקלאַראַציע. איצט הייבט זיך אָן אַ צייט פון אַרבעט און שאַפן.

אין „פרינץ־רעסטאָראַן" פייערט מען דאָס היסטאָרישע געשעעניש. ווייצמאַן איז פאָרזיצער. וואָלטער ראָטשילד לייענט פאָר די באַלפור־דעקלאַראַציע און שטרייכט אונטער יעדעס וואָרט. עס ברעכן אויס שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן. דערנאָך רעדט ווייצמאַן, קורץ און בינדיק. וועראַ שעפּטשעט אים אין אויער: דאָס איז איינע פון דיינע בעסטע רעדעס.

סאָקאָלאָוו איז דאָס מאָל נישט מצליח. ער באַמערקט: באַלפור האָט געשיקט די דעקלאַראַציע דעם לאָרד ראָטשילד און נישט צום יידישן פאָלק. דעם לאָרדס אַדרעס איז גוט באַקאַנט, אָבער גיי זוך דעם אַדרעס פון יידישן פאָלק!

דער לאָרד איז נישט צופרידן פון דער באַמערקונג.

ד״ר טשלענאָוו רעדט אין דייטש. ער איז פול מיט לויב־געזאַנגען צו די ראָטשילדס. אַ שאָד נאָר וואָס נישט אַלע זענען פון זעלבן שניט. ער האָט אַ מאָל געהערט — דערציילט ער — פון איינעם פון די ראָטשילדס: „אויב עס וועט אויפשטיין אַ יידישע מדינה, וואָלט ער געוואָלט בלייבן אין לאָנדאָן אַלס איר אַמבאַסאַדאָר".

ווייצמאַן איז פאַרביטערט: נאָדיר אַן אַנטי־קלימאַקס — אַן עכט נאַרישער!

„נאָך קיין מאָל נישט אין אונדזער געשיכטע, זינט דעם גרויסן כורש,

איז נישט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אַ דאָקומענט מיט אַזאַ כוח פֿון אינספּי־ראַציע, מיט אַזוי פֿיל פּאָליטישע חכמה, מיט אַזאַ ווייטן קוק און מיט אַזאַ ווילן עס זאָל געטאָן ווערן צדק דעם יידישן פֿאָלק, ווי דאָס קומט צום אויסדרוק אין דער דעקלאַראַציע פֿון צווייטן נאָוועמבער", — שרייבט ווייצמאַן צו אַרטור באַלפֿורן אין זיין דאַנק־בריוו.

ער שרייבט אויך דאַנק־בריוו צו פֿיל אַנדערע.

וועגן צוויי יידן טראַכט איצט ווייצמאַן מיט אַן אויפֿריכטיקן ציטער: באַראָן ראָטשילד און ריכטער בראַנדייס.

ווייצמאַן בעט, אַז די געשיכטע זאָל נישט צושרייבן אויף זיין חשבון פֿאַרדינסטן, וואָס זענען נישט זיינע. ער איז נישט געווען דער איינציקער וואָס האָט דערפֿירט צו דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע. ער ווייס גענוי זיין חלק אין דעם היסטאָרישן אַקט: ער איז געווען דער, וואָס האָט צוזאַמענ־געשטעלט די מחנה; ער האָט געהאַט דעם גלויבן, אַז די הילף וועט קומען פֿון ענגלאַנד, ער האָט אין דעם געגלייבט שוין אין זיינע קינדער־יאָרן, ווען ער האָט געשריבן דעם ערשטן בריוו צו זיין רבין. אָבער מען זאָל נישט איבערטרייבן, צענדליקער זענען געווען די מענטשן וואָס האָבן מיטגעהאָלפֿן, מיטגעקעמפֿט און מיטגעליטן. ווי קען מען, למשל, פֿאַרגעסן סאָקאָלאָווס פֿרוכטבאַרע אַרבעט אין רוים און פּאַריז, וווּ ער האָט דערנענ־טערט שונאים און קעגנער מיט זיין וויסן, צויבער און טאַקט?

און דיר, געשעצטער לאָיד דזשאָרדזש, אַ דאַנק פֿון טיפֿן האַרצן, אָבער דו טרייבסט איבער, ווען דו זאָגסט, אַז די באַלפֿור־דעקלאַראַציע דאַרף געזען ווערן, צווישן אַנדערס, ווי אַן ענגלישער אָפּצאָל פֿאַר דעם אַצעטאָנ־פּראָצעס, וואָס האָט אויסגעמיטן, אַז עס זאָלן שטיל בלייבן די קאַנאָנען פֿון פֿלאָט פֿון זיין מאַיעסטעט.

נאָר איצט דאַרף קומען דאָס פֿאָלק און באַווייזן, אַז עס איז ראוי דעם גרויסן אַקט. עס פֿאָדערט זיך געלט, אַרבעט.

אַ פּאָר טעג נאָך דער דעקלאַראַציע ווענדעט זיך ווייצמאַן צום הער וואָרמסער, דעם באַראָנס סעקרעטאַר: דער באַראָן — דערמאָנט ער אים — האָט געהאַט צוגעזאָגט צוויי טויזנט פֿונט. זע, פֿאַרזאַם עס נישט, טייערער פֿריינד.

קלאָר איז איצט ווייצמאַנס וועג: מאָביליזירן מענטשן, מאָביליזירן געלט, „טאָנען מיט געלט". ער זעט פֿאַר וואָס עס דערוואַרט אים. ער זעט דאָס קלאַפּעניש אין די טירן. נאָך פֿריש איז דער דופּט פֿון יומטובדיקייט, מען פּראַוועט נאָך „אָונטן" לכבוד דעם גרויסן געשעעניש —

און ווייצמאַן שלעפּט שוין אויף זיך די משא און מי פון דער פאַרווירקלע־כונג.

עס קומען פירער מיט פאַרטיקע נעמען פאַר מיניסטאָרן פון דער יידישער מדינה, וואָס גייט אויפגעשטעלט ווערן. ווייצמאַן צעיאָגט זייער ענטוזיאַזם. מען גיט נישט קיין מדינות — שרייט ער — מדינות ווערן געשאַפן אין פּראַצע און מיט קרבנות פון דורות. די באַלפור־דעקלאַראַציע איז נישט מער ווי אַ ראַם. פון אונדז גופא איז אָפּהענגיק וואָס פאַראַ בילד מירן אין דער ראַם אַריינשטעלן. די ענגלישע רעגירונג וועט פאַר אונדז די אַרבעט נישט טאָן; זי וועט נישט טריקענען די זומפּן, נישט זייען און נישט פלאַנצן. מיר זענען קוים אויפן שוועל, געענוג געיומטובט. זאָל מען קומען און בויען, די טעג גייען אַוועק מיט גאָרנישט.

ווייצמאַן איז געווען שאַרף און בייסיק צו די בעלי־חלומות. באַלד וועט זיך אַרויסווייזן, אַז קליין איז די מחנה, וואָס איז גרייט עולה צו זיין אין „אַ לאַנד פון שטיינער און ביינער".

13

„גיי אין לאַנד וואָס איך וועל דיר ווייזן" — אין ווייצמאַנען הילכט אָפּ די אַלטע, גוט באַקאַנטע שטים.

אויך ער לאָזט זיך, אויף ס'ניי נאָך טויזנטער יאָרן, צום ווייטן לאַנד, כדי צו עפענען זיינע טויערן פאַרן פאָלק. באַלפור־דעקלאַראַציע, די האַר־ציקע רייד פון ס. פּ. סקאָט, דער ענטוזיאַזם פון לאָיד דזשאָרדזש, די אויפריכטיקע עצות פון סער ראָבערט סעסיל און פיל אַנדערע זענען נישט מער ווי אַ בלאַסער אָפּקלאַנג פון יענעם ווייטן, געטלעכן צוזאָג, אַז „דיר וועל איך געבן דאָס לאַנד".

ווייצמאַן האַנדלט אונטער מיט דער ענגלישער רעגירונג וועגן אַ דעלעגאַציע פון וועלט־יידנטום, וואָס זאָל פאָרן קיין ארץ־ישראל לייגן די פונדאַמענטן פאַר דער יידישער היים, וואָס די באַלפור־דעקלאַראַציע האָט באַוויליקט; עס דאַרף זיין אַ דעלעגאַציע פון אַן אָפיציעלן כאַראַקטער. מיט שוווּנג, מיט יומטובדיקייט. די רעגירונג איז מסכים און זי באַשטימט דערויף אירן אַ פאַרבינדונגס־מענטש — דער ציוניסטן־פריינד אָרמסבי גאָר.

מאַרק סייקס שיינט פון פרייד. ער האַלט, אַז דער אַרויספאָר פון דער דעלעגאַציע דאַרף באַצייכנט ווערן אויף אַ דערהויבענעם אופן. ער וויל דווקא אַז זיין מאַיעסטעט, דער קעניג פון גרויסבריטאַניע, זאָל אויפ־נעמען דעם יידישן פירער און אים ווינטשן הצלחה אין זיין שליחות.

— עס וואָלט געווען אַ גרויסער כבוד — באַמערקט ווייצמאַן — אָבער אפשר איז עס נישט נייטיק? פּייערוועדק איז אים נישט איבעריק ליב. אָבער סער מאַרק האַלט זיך ביי זיין אידעע. ער האָט שוין אַלץ צוגעגרייט. מען רעדט אָפּ זיך צו טרעפן אין אויסערן־מיניסטעריום און פון דאָרטן וועט מען פאָרן צום בוקינגהאַם־פּאַלאַץ.

אַ פּאָר טעג שפּעטער איז ווייצמאַן גרייט. ער וואַרט אין איינעם פון די קאָרידאָרן פון אויסערן־מיניסטעריום. עס שיינט פון אים מיט מלכות. זיין קליידונג, זיין געשטעל, זיין פּאַרנעם רופן אַרויס אויפמערקזאַמקייט.

עס איילט צו אים סער מאַרק, זיין פּנים איז אומעטיק:

— טייערער פריינד ווייצמאַן, לאָמיר עס אויפגעבן. איך האָב געמיינט צום גוטן, אָבער דער וויזיט ביי זיין מאַיעסטעט וועט נישט קענען פאָר־

קומען. די אַראַבער פּילן זיך געטראָפן, זיי פּראָטעסטירן קעגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע. דער וויזיט אין בוקינגהאַם־פּאַלאַץ קען צוגיסן אייל אויפן פייער.

וויצמאַן קאָכט זיך אויף: ער האָט דעם כבוד בכלל נישט געוואָלט, איצט אָבער וועט ער נישט מוותר זיין. אויב באַלד ביים אָנהייב וועלן אַראַבישע פּראָטעסטן קענען צו נישט מאַכן ענגלישע אָדער יידישע פּלע־נער, האָט דאָך קיין זין נישט די גאַנצע רייזע. אָ ניין, אַראַבישע פּראָטעסטן וועלן אים נישט פאַרשטעלן דעם וועג צו זיין מאַיעסטעט.

ביידע מענער שטייען און אַמפּערן זיך. צופעליק קומט אָן אַרטור דזשיימס באַלפור. וויצמאַן דערציילט אים וואָס דאָ איז געשען. דער מיניסטער באַנעמט וויצמאַנס רעכט און לאָגיק. אַ פּאָר טעג שפּעטער נעמט דער קעניג אויף דעם יידישן פירער.

דזשאָרדזש דער פינפטער דריקט אויס זיינע גוטע ווונטשן, זיין לשון איז דערהויבן:

— „עס שטייט געשריבן אין דער תורה, אַז די קינדער פון ישראל וועלן זיך אומקערן אין זייער לאַנד. איך בין גליקלעך, וואָס מיין מלוכה וועט דערצו באַהילפיק זיין".

די רייזע צום צוגעזאָגטן לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן. פאַר וויצמאַנען איז עס שוין די צווייטע עליה. מיט עלף יאָר צוריק איז ער צום ערשטן מאָל געפאָרן אין יידישן לאַנד. ער איז דאַן געווען אַ מאַן פון דריי און דרייסיק יאָר, אַ ציוניסט, וואָס האָט געקעמפט קעגן דער פירערשאַפט און איז באַזיגט געוואָרן. ער איז דאַן מיד געווען פון די „ימען רייד". ער האָט געזוכט אַ וועג זיך צו פאַרוואָרצלען אין לאַנד, זיין „עיר המקלט". איצט איז ער אויפן שפּיץ פון באַרג. ער פאָרט בראש פון אַן אָפיציעלער דעלעגאַציע, לייגן די יסודות פון דער יידישער היים. ער איז איצט דער אָנזאָגער פון דער גאולה.

אַ וואַן־דייק־בערדל באַצירט וויצמאַנס ערנסטע פּנים. די קנייטשן אויף זיין שטערן וועקן כבוד, און די אַשיקע געלבלעכקייט דערמאָנט אין פאַרמעט פון אַלטע ספרי־תורות. אַ טיפער ערנסט ווייעט פון זיין מלכות־דיקן געשטעל.

אָט איז די ערשטע סטאַציע אויף דער רייזע: רוים. די גרויסע שטאָט דריקט אויף זיין געמיט; דווקא איצט דערמאָנט זי אים אין יידישן חורבן אונטער דער שווערד פון די רוימישע לעגיאָנען.

אין שטוב איז געבליבן ווערא מיט די צוויי קינדער. ער טרייסט זיי; ער בעט זיי נישט זיין אומעטיק און געדענקען, אַז זיי זענען אין דינסט פון פאָלק. דאָס ביז איצטיקע לעבן — איז ער זיכער — איז נישט מער געווען ווי אַ צוגרייטונג צום קאַפּיטל וואָס הייבט זיך איצט אָן.

די רייזע פון דער דעלעגאַציע האָט געוועקט ענטוזיאַזם אין דער יידישער וועלט. ארץ־ישראל גייט איבער אין יידישע הענט — טראָגט זיך די נייעס פון מויל צו מויל. אין אַלעקסאַנדריע איז אַן אויפברויז פון פרייד: משיחס צייטן! קינדער, פרויען און מענער האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין די גאַסן, מען טראָגט זיך מיט ספרי־תורות און ווייס־בלויע פאָנען. מען זינגט, מען טאַנצט.

אַ שרעק פאַלט אויף ווייצמאַנען: יידן לאָזן זיך טראָגן פון פאַרבלענדנדיקע עמאָציעס. זיי ווייסן נעבעך נישט, אַז דער שווערער וועג הייבט זיך ערשט אָן. ער רופט אויס: הלוואי זאָל מען אונדז אויפנעמען מיט דער זעלבער פרייד, ווען מירן זיין אויפן וועג צוריק.

אין קאַיר קומט אים אַנטקעגן אַ פרעמדע, פיינטלעכע וועלט. דאָרט געפינט זיך די ענגלישע הויפט־קאָמאַנדע. דער קריג איז נאָך נישט געענדיקט, דאָ הערשן מיליטער־לייט, און זיי רעדן אַן אַנדער שפּראַך ווי די מענטשן אין לאָנדאָן. מ׳פילט דאָ אַן אַראַבישן אויפברויז, פינצטערע עלעמענטן פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז די יידישע געלטזעק זענען געקומען איבערנעמען ארץ־ישראל און פאַרטרייבן די אַראַבער פון זייער באָדן. עס זידט דאָ די שנאה קעגן „אינטערנאַציאָנאַלן יידישן קאַפּיטאַל״. ווייצמאַן דערזעט זיך מיט אַ מאָל פאַר אַן אָפּגרונט.

זאָל זיין, אַז די הויכע גענעראַלן דאָ האָבן גאָרנישט געהערט וועגן דער באַלפור־דעלאַקראַציע? האָט מען זיי פון לאָנדאָן גאָרנישט צו וויסן געגעבן?

גענעראַל קלייטאָן, דער פּאָליטישער הויפּט ביי דער מיליטער־מאַכט אין קאַיר, הערט ווייצמאַנס דערקלערונג וועגן די כוונות פון ציוניזם, און ער ענטפערט:

— אויב דאָס זענען די צילן, וועלן נישט זיין קיין שום שוועריקייטן.

ווייצמאַן לערנט אין די ציוניסטישע תורה מיט פאַרשידענע ענגלענדער, וואָס זענען דאָ די הערשער און וואָרטזאָגער. עס טרעפט, אַז מען באַנעמט זיינע רייד, און עס טרעפט אויך, אַז זיי פאַלן אויף טויבע אויערן און זיי קענען נישט ווייכער מאַכן דעם בליאַסק פון גרינלעכן כעס אין די אויגן.

נאָך נישט דערגרייכט קיין ארץ־ישראל, און שוין איז ווייצמאַן אויפ־

געציטערט פון פאַרשידענע קול־קוראס, וואָס טראָגן זיך צו אים פון לאַנד. יידן פון פתח־תקוה און פון אַנדערע קאָלאָניעס בעטן הילף. גרויס איז געווען דער חורבן און די מלחמה־יאָרן און איצט הערשט דאָרט הונגער און נויט.

פלוצעם ווייזט זיך פאַר וויצמאַנען זיין שוועסטער פרומע. זי איז אים אַנטקעגנגעפאָרן קיין קאַיר. פרומע איז, פון דער משפחה וויצמאַן, עולה געווען די ערשטע. זינט 1907 וווינט זי אין יידישן לאַנד.

זי איז געווען אָפּגעריסן, איר פנים אָפּגעצערט, ווי זי וואָלט אַנטלאָפן פון אַ גיהנום. וויצמאַן ברעכט אויס אין אַ געוויין.

— אַזוי זעען אויס די איינוווינער פון אונדזער לאַנד? — פרעגט ער, און פאַלט צו צו זיין שוועסטער און דריקט זי מיט ליבשאַפט.

וויצמאַן טראַכט וועגן די טויזנטער און טויזנטער וואָס וועלן זיך אַ לאָז טאָן אין יידישן לאַנד. וועלן די גענעראַלן דאָ פאַרשטיין זייער דראַנג נאָך פרייהייט, נאָך אַ ווידעראויפבוי פון זייער לעבן? וויצמאַן דערפילט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט, וואָס עס דערוואַרט אים.

דעם דריטן אַפּריל 1918 טרעט ווידער וויצמאַן אויף דער ארץ־ישראלדיקער ערד. ער איז געפאָרן פאָרויס, די אַנדערע פון דער דעלע־גאַציע וואַרטן אויף זיינע אינסטרוקציעס.

דער גענעראַל אַלענבי, הויפּט פון ענגלישן שטאַב דאָ, לאַדט וויצ־מאַנען איין צו זיך. וואָס פאַראַ מין איינלאַדונג איז עס אייגנטלעך? אַ קור־טואַזיע־אויסדרוק, אָדער ווייט עפּעס אַנדערש? וויצמאַן כאַפּט זיך גלייך: דער גענעראַל וויל אים פאַרהערן, אויספּרווון; ער וויל וויסן וואָס פאַראַ סאָרט ייד זיי האָבן אים אַראָפּגעשיקט פון לאָנדאָן.

מען טראַקטירט וויצמאַנען עכט דזשענטלמעניש, אָבער פאַקטיש איז דער תחום פון זיין באַוועגן זיך באַגרענעצט צו די מיליטערישע באַראַקן, צווישן וועלכע ער געפינט זיך.

דער גענעראַל פאַרבעט דעם יידישן פירער אויף אַן אָונטברויט ביי זיין טיש. עס זיצן נאָך הויכע לייט. ווידער דאָס זעלבע: וויצמאַן גיט צו דערקלערן וואָס ציוניזם מיינט.

— ניין, הער גענעראַל — ווערט העכער וויצמאַנס שטים — איר מאַכט אַ טעות. די באַלפור־דעקלאַראַציע מיינט נישט די יידן, וואָס זיצן איצט אין ארץ־ישראל, נייערט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, אין אַלע זיינע תפוצות.

— און וואָס איז וועגן רעכט פון זעלבסטבאַשטימונג פון פעלקער? — פרעגט דער גענעראַל.

— אויב מיר זאָלן אָנווענדן אָט די רעכט כלפּי ארץ־ישראל, מיט צען אַראַבער אויף יעדן ייד, וועלן מיר דאָ שאַפן אַן אַראַבישע נאַציאָנאַלע היים, אָבער נישט קיין יידישע; דאָס וואָלט געווען קעגן דער דעקלאַראַציע פון דער רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט פון צווייטן נאָוועמבער 1917.

— נו יאָ, דער ציוניסטישער געדאַנק האָט פיל חן — באַמערקט דער גענעראַל — ער איז אָבער נישט מער ווי אַ מיליטער־מאַן, ער פאַר־נעמט זיך נישט מיט פּאָליטיק. זיין ציל איז פּשוט און קלאָר: פאַרנעמען וואָס מער שטח און אויסמיידן ביי דער ציווילער באַפעלקערונג אומזיסטע ליידן.

ביים טיש זיצט דער קאָמענדאַנט באָולס. זיין בליק איז נישט פריינט־לעך, זיין פּנים — שטייף. ער רופט זיך פּלוצעם אָן:

— דריי רוסישע יידן האָבן שפּיאָנירט אין לאַנד, מען האָט זיי געכאַפּט ביי דער אַרבעט.

וויצמאַנען טוט עס אַ טרייסל, ער ענטפערט אָבער נישט.

דער אָונטבברויט ציט זיך לאַנג און שווער. עס גלוסט זיך שוין זיין אויף דער פרייער לופט.

קאָלאָנעל דידס, גענעראַל קליינטאָנס געהילף, טרייסט דעם פאַראו־מערטן ייד. ער פאַרבעט אים צו זיך אין געצעלט, דאָרט איבערצושלאָפן די נאַכט.

וויצמאַן באַמערקט דעם תנ״ך אויף דידס נאַכט־שענקל. ביידע ציען זיך אויס אויף די שמאָלע, מיליטערישע בעטלעך. פינקלענדיקע שטערן לייכטן אַריין פון דרויסן.

ביידע מענער רעדן וועגן פאַרשפּראָכענעם לאַנד. דער מיליטערמאַן זעט פאַר דאָס צוקונפטיקע, פרייע יידישע לאַנד.

אין דידס רייד הערט וויצמאַן די צענדליקער און הונדערטער ענג־לענדער, וואָס פילן פונקט ווי ער דעם עפּאָס פון יידישער גאולה.

מיט יאָרן שפּעטער וועט וויצמאַן דערציילן*: פאַרן זון־אויפגאַנג האָט אַ רעגן אַריינגעריזלט אין געצעלט. אין דער פרי, ווען זיי האָבן געעפנט די אויגן, האָט די ערד געפינקלט מיט פריש־געבוירענע בלימעלעך. דער ייד און דער ענגלענדער האָבן זיך אָנגעקוקט פאַרכישופטע.

אפשר האָט וויצמאַן געטראַכט וועגן דעם ביבלישן אַמאָל, ווען דער שטעקן פון אהרון הכהן האָט זיך, על פּי נס, צעבליט און מיט מאַנדלען

---

* זע „מסה ומעש״.

באַדעקט, — אַ צייכן, אַז אין די קריגערייען זיינע מיטן מדבר־פאָלק, אויפן וועג צום צוגעזאָגטן לאַנד — איז גאָט מיט אים.

ווייצמאַן פאַרלאָזט די מיליטערישע געצעלטן; ער גייט צו זיינע יידן, אָנזאָגן זיי בשורות טובות. מען נעמט אים אויף מיט פרייד, אָבער דיווירקלעכקייט האָט אויך אַ צווייט פּנים. הויכע אָנגעשטעלטע אין דער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע פאַרשטייען נישט וואָס דאָ קומט פאָר: אַכט הונדערט טויזנט אַראַבער פון איין זייט און אַכציק טויזנט יידן פון דער צווייטער, איז ווי קומט אַהער אַ נאַציאָנאַלע יידישע היים?

אין דער אַדמיניסטראַציע זיצן ענגלענדער געוווינט צו סודאַן און מצרים; פאַראַן אויך טערקן און אַראַבער מיט אַ פאַרדעכטיקער פאַרגאַנ־גענהייט. וואָס טוען די טערקן און אַראַבער אויף די הויכע שטעלעס, אָנשטאָט צו זיצן אין די טורמעס — זייער ריכטיקן פּלאַץ? — פרעגט זיך ווייצמאַן, אַ טיף אַנטוישטער.

קיינער וויל דאָ נישט הערן וועגן אַ באַלפור־דעקלאַראַציע, וועגן אַ יידישער היים; דאָ טרייסלט מען זיך אָפּ „פון די לאָנדאָנער חלומות".

ווייצמאַן באַמערקט די גרויסע געפאַר: אויב עס וועט נישט קומען אַ שנעלע ענדערונג — פאַרטרויט ער זיך פאַר זיינע נאָענטע מיטאַרבע־טער — וועלן יידן בקרוב דאַרפן מספּיד זיין דעם אַקט פון צווייטן נאָוועמ־בער, אָנשטאָט צו יובלען איבער אים. ווייצמאַן זעט דעם אָפּגרונט, וואָס שפּרייט זיך צווישן לאָנדאָן און ירושלים. ער קלאָגט זיך פאַר זיין פרוי, אַז דער קאָפּ איז אים שווער, אַז ער טרינקט זיך אין אַ ים פון פּראָבלעמען און זאָרגן; ער באַמערקט: ארץ־ישראל איז וווּנדערלעך שיין, אָבער עפּעס אַן אומעט הענגט דאָ אין דער לופט, און ער דריקט אַזוי שטאַרק.

אים שרעקן די הוילע בערג, דער מדבר, די דורותדיקע קברים. ער איילט אין די קאָלאָניעס, צו די יידן, וואָס פלאַנצן און זייען. דאָרט גייט אין אים אויף די פרייד. ער זעט קינדער געבוירענע אויף דער אייגענער ערד, קינדער, וואָס זינגען און שפּילן זיך אויף העברעיש. ווייצמאַן זעט דעם גייסט פון די קדמונים איבער די צניעותדיקע קאָלאָניעס. דער תלמודישער ערד־אַרבעטער איז נישט קיין לעגענדע, נאָר אַ לעבעדיקע ווירקלעכקייט. די יידישע גייסטיקייט וועבט זיך דאָ צונויף מיט אַנדערע ווערטן. מען זעט שוין די ערשטע סימנים פון שלאָגן טיפע וואָרצלען. אָבער אָט דער שינוי לטובה קען נאָך, חלילה, פאַרשווינדן צוליב דעם בלינדן, פיינטלעכן רעזשים.

ווייצמאַן איז טיף באַזאָרגט. ער שיקט אַלאַרמירנדיקע בריוו קיין אַמעריקע און לאָנדאָן. ער וואָרנט: מען וויל אַוועקשטעלן דאָס פאָלק פאַר אַ געשעענעם פאַקט, אַז די באַלפור־דעקלאַראַציע עקזיסטירט נישט און איז צו גאָרנישט מחייב.

דער ראש פון דער יידישער דעלעגאַציע איז נערוועז. געקומען איז ער איבערנעמען דאָס לאַנד און צום סוף זינקט ער אין קליינלעכקייטן. גאַנצע נעכט זיצט ער מיט גבאים און ראשי־ישיבות, מיט פאַרטרעטער פון פאַרשידענע שנאָר־אינסטיטוציעס און הערט אויס טענות, זוכט גערעכטיקייט. איינער פון ווייצמאַנס פאַרערער פרעגט: ווי פאַסט עס פאַר אים?

טעג גאַנצע גייען אַוועק אויפצובינדן דעם קנופּ שוועריקייטן און דריידלעך ביים איינקויפן אַ שטיקל באָדן. ס'איז לייכט צו זאָגן: אויסלייזן אַ לאַנד.

צי וויסן זיי דערפון — פרעגט ווייצמאַן — די גלענצנדיקע רעדנער אין וואַרשע און אין לאָנדאָן? ער מאַכט חוזק פון פאַרשידענע פּירנדיקע פיגורן, ער מאַכט נאָך זייער אַרט רעדן. זיי וועלן נאָך האָבן אַ העזה צו פרעגן: וואָס האָסטו אויפגעטאָן, ראש פון דער דעלעגאַציע?

ווייצמאַן לויפט ווידער אין די שטעטלעך, דערפער און פעלדער. דער אויטאָמאָביל מיט די אָפיציעלע אָפּצייכענונגען טראָגט זיך איבערן לאַנד. ווייצמאַן שעפּט נחת און ער גיט אויך מוט. אין נס־ציונה זאָגט ער דעם יובלדיקן עולם: „איר זענט וויכטיקער ווי די גרעסטע שטעט אין גלות, וואָרעם אין דעם קליינעם נס־ציונה איז דאָס לעבן אין גאַנצן אונדזערס, אין גאַנצן יידיש, נאַציאָנאַל".

אין ירושלים, אויפן הר הזיתים, זאַמלען זיך טויזנטער. ווייצמאַן מוטיקט און טרייסט, אים אינספּירירט ירושלים של מעלה, און ער רופט אויס: „מיר וועלן עקזיסטירן מיטן כוח פון גייסט. ווען עס וועט פאַרשווינדן דער מלחמה־גרויל, דער שגעון פון דייטשן מיליטאַריזם, וועלן מיר זיך דאָ אומקערן צום רוח, צום רוח החכמה".

ווייצמאַן קוקט אין דער בלויער ווייטקייט. ער וויל נישט זען די הוילע ירושלים־בערג, דאָס בילד פון פינצטערע, אָרעמע געסלעך. ער וויל פאַריאָגן פון זיך די שווערע זאָרג — אָבער דאָס גיט זיך אים נישט איין.

די טעמפּקייט פון מיליטערישן רעזשים אין לאַנד גייט אים נאָך ווי אַ שאָטן.

ביסלעכווייז געפינט ווייצמאַן דעם וועג צו אַלענביס האַרץ. ער איבער־צייגט אים, אַז אים איז געגעבן געוואָרן דער זכות פאַראייביקט צו ווערן אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק. מעסט מען דעם נצחון מיט פאַר־נומענע קוואַדראַט־מיילן? גרעסערע נצחונות קען די געשיכטע פון דער מיליטערישער סטראַטעגיע. אויב אָבער ער וועט אין ירושלים זען נישט סתם עפּעס אַ שטח, נייערט דאָס דערהויבענע און הייליקע וואָס דאָס יידישע פאָלק און אַ סך אַנדערע פעלקער זעען אין איר, דאַן איז נישטאָ קיין גרענעץ צו זיין זיג. עס וועט קומען אַ טאָג און די טויערן וועלן גע־עפנט ווערן, יידן וועלן עולה זיין, בויען און שאַפן — און דער נאָמען אַלענבי וועט נישט פאַרגעסן ווערן.

אַ פּאָר טעג שפּעטער פאָרט אַלענבי אַריין אין ירושלים, אין דער באַגלייטונג פון יידישן פירער. דאָס איז געווען אַ יומטובדיקער אַריינפאָר. אין קוואַרטאַל פון די בוכאַרער, ביי אַ הויז פון אַ געשעצטער משפחה, האָבן זיך פאַרזאַמלט די מאַסן. קינדער האָבן געטראָגן בלומען און ווייס־בלויע פענדלעך; פענצטער און טירן זענען געווען באַצירט.

צוויי זקנים פון ישוב נעמען אויף דעם גענעראַל און זיי רעדן מיט התלהבות. עס ווערט שטיל ווען ווייצמאַן הייבט אָן: איך ווענד זיך צו דיר אין נאָמען פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע...

ער דערלאַנגט דעם גאַסט אַ מתנה — אַ ספר תורה, און ער זאָגט: „אָט די תורה איז אונדזער הייליקסטער אוצר און אפשר אונדזער איינצי־קער באַזיץ. זי איז דער סימבאָל פון אונדזער אויסדויער און אייניקייט. אין איר איז אונדזער וועג, אונדזערע קוואַלן... אָבער זי איז נישט פאַר אונדז קיין מאָנאָפּאָל־באַזיץ. זי איז אונדזער דעקלאַראַציע וועגן פעלקער־פאַרברידערונג, פּונקט ווי זי איז דער אויסדרוק פון אונדזער וווּנדערבאַרן קיום. דורך איר קומט זיך צוזאַמען דאָס טייערע און דערהויבענע פון אונדזער פאָלק מיט די הויכע ווערטן פון אַנדערע פעלקער. און אין אָט דעם גייסט גיבן מיר דיר איבער אָט די תורה“.

דער טאָג איז אַדורך אין דערהויבנקייט. אַלענבי איז געווען גערירט ביז טרערן. מיט אַ סך וואַרעמקייט האָט ער געענטפערט אויף די רעדעס.

און דאָך קען ווייצמאַן זיך נישט באַפרייען פון געשפּענסטער־בילדער. אין זיינע שלאָפלאָזע נעכט זעט ער די אַראַבישע סכנה. די לייזונג איז נישט אַזוי פּשוט, ווי ער האָט געמיינט. ער האָט מגזם געווען — טראַכט

ער — ווען ער האָט אַ מאָל אַ זאָג געטאָן: take it or leave it דאָס הייסט: וועלן די אַראַבער זיין גרייט מיט אונדז מיטצואַרבעטן, וועלן מיר זיי אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס, און אויב נישט, וועלן מיר אַליין אונדזער שטעטל באַשטיין.

וויצמאַן איז אויפריכטיק. ער וויל די אַראַבער נישט נאַרן. אין הויז פון שטאָט־קאָמענדאַנט אין ירושלים, קאָלאָנעל סטאָרס, האָט ער געזאָגט די אַראַבישע פאָרטרעטער: „דאָ אויף דעם פּלאַץ, אין ירושלים, זענען געשטאַנען אונדזערע עלטערן מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, דאָ האָבן זיי פאָרטראַכט זייערע רעיונות, פון דאַנען האָבן זיי אַרויסגעשיקט צו דער וועלט זייער דערהויבענע בשורה". ער האָט זיי דערקלערט, אַז ער פילט זיך נישט פרעמד אין דעם לאַנד, כאָטש געבוירן איז ער אין ווייטן צפון, און קיינעם פון די צעשפּרייטע ברידער זיינע איז דאָס לאַנד נישט פרעמד. ער האָט זיי קלאָר און אָפנהאַרציק דערקלערט, אַז יידן קומען נישט אין ארץ־ישראל ווי סתם אימיגראַנטן, נאָר ווי קינדער, וואָס קערן זיך אום צו זייער היים. זיי קומען, כדי צו פאַרפלעכטן דעם פּרעכטיקן עבר מיט דער שיינער צוקונפט; זיי וועלן צוריק אויפשטעלן אַ גרויסן יידישן צענטער, וואָס וועט אפשר ווערן אַ ביישפּיל פון אַ ניי לעבן פאַר דער פאַרפייניקטער וועלט.

וויצמאַן קען נישט און וויל נישט נאַרן. ער האָט געזאָגט די פאָר־טרעטער פון די אַראַבישע מאַסן, אַז דער יידישער ישוב שרעקט זיך נישט מחמת דעם, וואָס ער איז קליין אין צאָל, וואָרעם ער ווייס, אַז די אויגן פון גאַנצן פאָלק זענען אַהער געווענדעט. עס וועלן עולה זיין יידן פון אַלע תפוצות און עס וועט ווידער ווערן אַ לאַנד פון מילך און האָניק, און פון דער יידישער פּראַצע וועלן געניסן אַלע איינוווינער.

דאָס יידיש־אַראַבישע פּראָבלעם איז טאַקע שווער און קאָמפּליצירט; וויצמאַן וויל אָבער נישט אויסבאַהאַלטן זיינע כוונות. ער רעדט אָפט מיט ענגלישע פּערזענלעכקייטן וועגן דעם. ער באַמיט זיך זיי איבער־צייגן, אַז אַראַבישער נאַציאָנאַליזם האָט קיין מאָל נישט געוואָרצלט אין ארץ־ישראל. זיינע צענטערס זענען מעקאַ, דמשק און באַגדאַד, אָבער נישט ירושלים. דאָס אַראַבישע פּראָבלעם אין ארץ־ישראל איז אַן עקאָ־נאָמישער און נישט קיין פּאָליטישער. אויב עס וועלן זיך נאָר צעעפענען די טויערן פון לאַנד פאַר יידישער איינוואַנדערונג, וועט זיך אָנהייבן אַ פּעריאָד פון אויפבלי און וווּקס און די אַראַבער וועלן אויפגעריכט ווערן.

און מיט אַ מאָל — אַ זעלטענע געלעגנהייט: גענעראַל אַלענבי שלאָגט פאָר ווייצמאַנען אַ רייזע אין רבת־עמון, אין עבר־הירדן, צום שעיך פייזל, דעם יונגן פּרינץ — פאָרטרעטער פון דער אַראַבער וועלט. פאָר — זאָגט דער גענעראַל — און דערגרייך אַ פאַרשטענדיקונג מיט די אַראַבער.

געוועז איז עס אַ ווייטע, געפערלעכע רייזע. ווייצמאַנען באַגלייט אָרמסבי־גאָר, אַלס ענגלישער פאַרבינדונגס־אָפיציר.

עס האַלט זיך נאָך אַ טייל פון טערקישן פראָנט. דער עמק־הירדן איז נאָך נישט באַפרייט. פאָרן קיין רבת־עמון מיינט אָנלייגן אַ לאַנגן, לאַנגן וועג: פריער מיט דער באַן ביזן סועץ, דערנאָך מיט אַ שיף אַרום דעם האַלב־אינדזל סיני ביז עקבה, און פון דאָרט — צוריק צום צפון, מיט געלעגנהייטלעכע מיטלען.

עס שטייען הייסע זומער־טעג. די רייזע אויף דער שיף איז אַ שרעקלעך אָפּקומעניש. אָרמסבי־גאָר ברעכט צוזאַמען, ער איז קוים דערפאָרן ביז עקבה און ווייטער פאָרט ער נישט.

סאַראַ שרעקלעכע זון! די סיני־בערג פינקלען אַנטקעגן מיט ברענענדיקע שטראַלן. די ווילדעניש צאַפּלט אין דער גליענדיקער היץ, און ווען דער טאָג פאַרגייט, ווערט אַלץ רויטלעך, ווי צעגאָסן קופּער. און ביי נאַכט ווערט קאַלט און דעם מענטשן נעמט דורך אַ פראָסטיקער ציטער.

די שווערע רייזע ציט זיך איבער אומענדלעכע זאַמד־כוואַליעס. אָבער אָט איז שוין די עבר־הירדן־פּלאַטאָ. מען זעט גרינע פעלדער, עס יאָגן קילע, דערפרישנדיקע ווינטעלעך.

ענדלעך: די הויפּטקוואַרטיר פון שעיך פייזל. עס פאַלט צו דער אָוונט. ווייצמאַן קען רוען די נאַכט, דער וויזיט ביים שעיך וועט צושטאַנדקומען אין דער פרי.

ווייצמאַן קען זיך נישט באַפרייען פון נאַכט־צויבער. ער קוקט אויפן געפינקל פון די שטערן און ער טראַכט וועגן דער גרויסער שליחות זיינער. וועלן אים סטייען כוחות?

אויף צו מאָרגנס שטייט ווייצמאַן פנים אל פנים מיטן שעיך. דער יונגער פּרינץ נעמט אים אויף פריינדלעך, מזרחדיק. דער יידישער פירער וויקלט פאַר אים פונאַנדער דעם ציוניסטישן געדאַנק. ער פאַרזיכערט אים, אַז דער יידישער באַגער איז אויפריכטיקע צוזאַמענאַרבעט מיט די אַראַבער, כדי מיט געמיינזאַמע כוחות צו בויען אַ פריי לאַנד פאַרביידע פעלקער. דער שעיך נעמט אויף ווייצמאַנס רייד, פילט, אַז זיי שטראָמען פון האַרץ אַרויס. עס באַנעמט זיי אַזוי אויך דער ביידזייענדיקער לאָרענס,

פײזלס רעכטע האַנט — דער ענגלענדער, וואָס האָט געשטרעבט צו אַ באַפרײטער, אַראַבישער װעלט.

בײדע פירער האָבן זיך געלאָזט טראָגן פון זעלבן חלום. ארץ־ישראל און עבר־הירדן זענען דאַן געווען אַ נישט צעשפּליטערטע אײנהײט. געגנוג פּלאַץ איז אין איר געווען פאַר בײדע פעלקער.

אין אַ האַלב יאָר שפּעטער האָבן זיך בײדע פירער געטראָפן אין לאָנדאָן. זײ האָבן װידער באַהאַנדלט די ייִדיש־אַראַבישע צוזאַמענאַרבעט און אין רעזולטאַט פון זײערע אונטערהאַנדלונגען איז געשלאָסן געוואָרן אַן אָפיציעלער אָפּמאַך, אין װעלכן עס רעדט זיך װעגן דער אַראַבישער צו־שטימונג פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

נאָכן צוריקקומען פון רבת־עמון איז װײצמאַן פול מיט האָפענונג און גלויבן. ער איז נאָך אונטערן צויבער פון די מדבר־נעכט. ער שפּאַצירט בײם תל־אביבער ים און חלומט. בײ זײן זײט גײט אַ שװײגנדיקע פרוי. זי הערט זיך צו צו װײצמאַנס התלהבותדיקע רײד און זי שװײגט. זי װײס אָפּט מאָל נישט, צי רעדט ער צו איר, אָדער צו זיך אַלײן:

„די הימלען אין מדבר זענען אַזוי טיף און אַזוי נאָענט. די מדבר־שטערן האָבן אַן אַנדער ליכט... עס האָט זיך מיר געדאַכט — אָט איז אברהם פאַר מײנע אויגן, אָט טראָגט זיך דער קול".

..."פײזל איז װי אַ יונגער אָדלער"...

די פרוי באַמערקט אין אירע זכרונות: „אין יענעם מאָמענט האָט װײצמאַן אויסגעזען אין מײנע אויגן טאַקע װי אַן אָדלער, כאָטש געווען איז ער דער אביונים־קעניג, וואָס איז אויפגעשטאַנען בײם ישראל־פאָלק אין גרויסן מדבר־גלות"...

די זכרונות־שרײבערין איז רחל ינאית בן צבי, די פרוי פון צװײטן מלוכה־פּרעזידענט פון ישראל.

ביסלעכווײז קערט זיך װײצמאַן אום צו דער גרויער װירקלעכקײט. די לאַגע האָט זיך נישט געענדערט, נישט בעסער געוואָרן. הויכע אָפיצערן מאַכן דעם אָנשטעל, װי זײ װאָלטן גאָרנישט געזען דאָס שוידערלעכע בוך „די פּראָטאָקאָלן פון זקני־ציון", וואָס זעלנער און געװיסע מענטשן אין דער אַדמיניסטראַציע טראָגן זיך מיט דעם אַרום.

װײצמאַן האָט געשיקט באַלפורן אַ בריוו און פאַר אים פאָרגעשטעלט די לאַגע, אַזוי װי זי איז. פאַר װאָס ענטפערט נישט באַלפור, פאַר װאָס?

וויצמאַן איז פאַרביטערט. עס דוכט זיך אים אָפט מאָל, אַז ער גייט באַוואָסערן אַ מדבר מיט אַ צעלעכערטן עמער.

שוועס, זייער שווער איז אים אויפן געמיט. אָט וועט דער זון זיינער באַלד ווערן בר־מצווה, און ער, דער טאַטע, איז שטענדיק אויף די וועגן. ער וויל טרייסטן בענדזשין, דעם בכור זיינעם. ער שרייבט אים, אַז ער האָט פאַר אים געקויפט אַ זיידענעם טלית אין ירושלים, וואָס וועט אים איינהילן, ווען מען וועט אים אויפרופן צו דער תורה. ער דאַנקט דעם זון זיינעם פאַר די אָפטע בריוו, וואָס ער שיקט דעם טאַטן. דערפאַר זאַמלט ער פאַר אים שיינע פאָסט־מאַרקעס פון דער גאַנצער וועלט, און דאָס וועט זיכער דעם זונעלע דערפרייען.

און באַלד זינקט ער ווידער אין „ים פון פּראָבלעמען". ווען ער קען צוזאַמענשטעלן עפּעס אַ רעפּרעזענטאַטיוון ראַט פון ישוב! אָן אַ סוף ציען זיך די זיצונגען. יידן זענען צעריסן צווישן זיך, אַלט און ניי קענען זיך נישט צוזאַמענרעדן. און נאָך אַ באַגער האָט וויצמאַן: אַריינברענגען אַ ביסל פרישקייט אין חינוך. טויזנטער פראַנקן ווערן מאַנאַטלעך אויסגעגעבן אויפ־צוהאַלטן ישיבות און חדרים, אין וועלכע דער פּעדאַגאָגישער ניוואָ איז אויף אַ נידעריקער מדרגה.

סאַראַ גרויסע אויפגאַבן עס שטייען פאַר אים. ווי וועט ער אַ מאָל קענען פון דאַנען אַוועקפאָרן? ער מוז זיין אין אַמעריקע, אין ענגלאַנד, וועמען וועט ער דאָ איבערלאָזן? ער פאַלט פון די כוחות. ווען נישט די געטרייע מיטאַרבעטער זיינע, ד"ר אידער און ישראל זיוו — מיטגלידער אין דער דעלעגאַציע, וואָלט ער שוין לאַנג צוזאַמענגעבראָכן.

וויצמאַן שיקט אין דער יידישער און ענגלישער וועלט ס. אָ. ס.־רופן: מען מוז עפענען די טויערן! עס פאָדערט זיך געלט און מענטשן, דער עיקר, יונגע מענטשן, וואָס זאָלן אָפּפרישן די לופט אין לאַנד.

וויצמאַן פילט, אַז ער מוז האָבן אַן אָפּרו. אָבער ווי לאָזט מען אַלץ איבער הינטער זיך? די מיטגלידער אין דער דעלעגאַציע זענען פריי, גייען און קומען, נאָר ער איז געבונדן, נאָר ער מוז שטיין אויף דער וואַך. ווען עס געלינגט אים כאָטש מיט עפּעס צו פאַרלייכטערן די לאַגע אין די קאָלאָניעס!

וויצמאַן אַנטלויפט צו זיך אין האָטעל. ער זיצט ביז שפּעט ביי נאַכט און סאָרטירט אין באַזונדערע קאָנווערטן די פאָסט־מאַרקעס, וואָס ער קלייבט פאַר בענדזשין.

און אַט אַ ביסל ליכט אויפֿן האָריזאָנט: דעם 24טן יוני 1918 לייגט ווייצמאַן אויפֿן הר־הצופֿים אין ירושלים דעם גרונטשטיין פֿאַר דער העב־רעישער אוניווערסיטעט. „דער חלום פֿון זיין לעבן" ווערט מקויים.

נישט לייכט איז עס אים אָנגעקומען. אַלענבי האָט צו ערשט נישט געוואָלט הערן דערפֿון. די מלחמה איז נאָך נישט פֿאַרענדיקט — האָט ער געטענהט — היינט קענען מיר לייגן דעם גרונטשטיין און מאָרגן קען אויסקומען פֿון דאַנען אָפּצוטרעטן. לאָמיר בעסער אָפּוואַרטן.

ווייצמאַן האָט נישט אָפּגעלאָזט. דער עצם פֿאַקט פֿון לייגן דעם גרונט־שטיין וועט שטאַרקן די האָפֿענונג אין נצחון — האָט ער אַרגומענטירט.

אַלענבי האָט נאָכגעגעבן. עס איז צוגעגרייט געוואָרן אַ קאָלירפֿולער אַקט. עס זענען געקומען דעלעגאַציעס פֿון מצרים, פֿראַנקרייך און איטאַליע. פּייזל האָט צוגעשיקט אַ באַגריסונגס־בריוו. געקומען זענען געסט פֿון גאַנצן לאַנד. מער פֿון זעקס טויזנט מענטשן האָבן זיך פֿאַרזאַמלט.

סאַראַ פּרעכטיקע פּאַנאָראַמע עס שפּרייט זיך פֿון הר־הצופֿים! דוכט זיך, אַז גאַנץ ארץ־ישראל איז אָנצונעמען מיט דער האַנט, אַזוי דורכזיכטיק און קלאָר איז די לופֿט. אָט זענען די בערג פֿון מואב, יהודה און אפֿרים. נאָר אַ שטיקל וועג — דאָס תקוע־דאָרף, פֿון וועלכן עס איז אַרויס דער פֿאַסטעך עמוס נבֿואה זאָגן אויף ישׂראל און ירושלים. אין דער שטילקייט אַרום קענסטו הערן די שטים, וואָס מאָנט גערעכטיקייט און פֿרייהייט.

ווייצמאַן איז בלאַס. אויף זיין געלבלעך פּנים טרעטן אַרויס רויטלעכע פֿלעקן, בעת ער הייבט אָן צו רעדן:

„די נשמות פֿון אונדזערע גרויסע אבֿות שוועבן איצט איבער אונדזערע קעפּ און באַהויכן אונדז מיט זייער גייסט", ...„דאָס עם קשה־עורף האָט קיין מאָל נישט געוואָלט אָנערקענען זיין מפּלה. זאָל זיך קיינער נישט וווּנדערן, אויב אין אַ לאַנד מיט אַזאַ קליינער צאָל איינוווינער, ווו מען דאַרף אַלץ אָנהייבן פֿון בראשית, גייען יידן אויפֿשטעלן אַ צענטער פֿאַר אַ גייסטיקער און קולטורעלער אַנטוויקלונג. ...„אין אונדזערע ביטערסטע תקופֿות האָבן מיר געזוכט שוץ און כוח אין די ישיבֿות און צווישן די בתּי־המדרש־ווענט; אָט די ישיבֿות און בתּי־מדרשים האָבן איינגעזאַמלט אין זיך די אוצרות פֿון יידישער ענערגיע און גייסט; זיי האָבן אויסגעהיט אונדזער נאַציאָנאַלן קיום דורך אַלע רדיפֿות און נגישות."

...„דאָ, פֿאַר די פֿאַרטרעטער פֿון די דריי גרויסע וועלט־רעליגיעס, וואָס טראָץ די פֿיל דיפֿערענצן צווישן זיי, זענען זיי אָבער אַלע געבויט אויף דער אמונה אין איין איינציקן גאָט, וואָס איז אַנטפּלעקט געוואָרן פֿאַר משה רבנו; פֿאַר אָט דער גרויסער וועלט, וואָס שטייט אויף תּורת

ישראל און וואָס האָט באַוווּנדערט די נביאים און אָנערקענט דעם גייסטיקן און קולטורעלן ווערט פון דער יידישער יצירה, דערקלערן מיר אַז דער ציל פון רער אוניווערסיטעט וועט זיין די דערמוטיקונג פון יידישן פאָלק צו פאָרשן און זוכן דעם אמת.״

וויצמאַן פאַרטראַכט זיך אַ ווייל. טיף איז די שטילקייט אַרום. און דאַן דערהערן זיך זיינע שטאָלצע רייד, אַדורכגענומענע מיט אַ טיפן גלויבן: „וועט עס הייסן אַ העזה אויב דאָ, צווישן די בערג פון אפרים און יהודה, וועל איך אויסדריקן מיין האָפענונג, אַז עס זענען נאָך נישט אין גאַנצן פאַרשוווּנדן יידישע נביאים פון דער וועלט, אַז אין אָט דער אַנטשטייענדיקער אוניווערסיטעט וועט אויפגעלעבט ווערן דער געטלעכער נבואה־גייסט, וואָס האָט אַמאָל אין אונדז געלעבט.״

באַלעבט פון אַ נייער האָפענונג, געקרעפטיקט פון אַ ירושלים־של־מעלה־געפיל זענען די מענטשן צוריקגעגאַנגען צו זייערע הייזער און פעלדער.

פון דער יידישער וועלט זענען נישט אָנגעקומען קיין באַגריסונגען. מען האָט גרינגגעשעצט דעם גאַנצן אויפטו. די מלחמה איז נאָך נישט געענדיקט, עס דונערן נאָך די קאַנאָנען, וואָס זשע וויל וויצמאַן מיט דער צערעמאָניע זיינער? — האָבן מענטשן געפרעגט. איז עס נישט אַ מין פייערווערק, אַ ווילן פון מאַכן אַ רושם?

אחד־העם, „דער יידישער מעדזיני״ איז געווען דער ערשטער צו שיקן אַ באַגריסונג־בריוו. „אונדזער געשיכטע — שרייבט ער — האָט אונדז יידן געלערנט די וויכטיקייט פון לייגן גרונטשטיינער פאַר דער אַנטוויקלונג אין דער צוקונפט. אונדזער טייל אין אויפבוי פון דער אַלגעמיינער וועלט־קולטור איז באַשטאַנען אין לייגן די יסודות, אויף וועלכע אַ סך האָבן שפּעטער געבויט דעם העכערן טייל פון בנין.״...

עס ציען זיך ווידער גרויסע, לאַנגע טעג. דער „מבשר־הגאולה״ זיצט און וואַרט מען זאָל צושיקן אַ פּאָר טויזנט פונט פון לאָנדאָן, ווייל די דעלעגאַציע איז געבליבן אָן אַ שילינג.

פיפיקע אַגענטן פון כל מיני אינסטיטוציעס פאַרביטערן וויצמאַנען דאָס לעבן. מען וואַרט אויף אים אין האָטעל מיט ביטעס וועגן באַפרייען אַ גנב פון תפיסה, אָדער וועגן סתם „אַ טובה פאַר אַ יידן״. יעדן פרימאָרגן

זאַמלען זיך מענטשן פאַר זיין טיר מיט „גאָלדענע פלענער" וועגן פאַבריקן און באַדנס „וויכטיקע פאַרן לאַנד".

פלוצעם — אַ שיינע מעשה, אַ טראַגי־קאָמישע: פאַנאַטיקער פון אַלטן ישוב זענען אַוועק צו דער רעגירונג און פאַרמסרט די דעלעגאַציע: זיי זענען געפערלעכע מענטשן — האָבן זיי געטענהעט — זיי גרייטן זיך אַרונטערצוּוואַרפן פון זיין טראָן דעם קעניג פון גרויס־בריטאַניע!

ווייצמאַן פאַלט אַריין אין פאַרביטערטקייט און מענטשן ווערן אים דערווידער. די פריינד, וועגן וועלכע ער האָט ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק גערעדט מיט ליבשאַפט, רופן איצט אין אים אַרויס ווידערווילן און כעס: מיט דעם „וועט ער מער נישט רעדן" און מיט יענעם „זענען די באַציִונגען זיינע איבערגעריסן אויף אייביק".

קיין שילינג אין קאַסע איז נישטאָ; קיין בריוו קומען נישט אָן; ענגלענדער גראָבן אונטער דער באַוועגונג; מטורפים וואַרענען דער רעגירונג, אַז מ׳גייט אַרונטערוואַרפן דעם קעניג פון ענגלאַנד — אין וואָס פאַרא וועלט לעבט ער?

ער רעדט ייאושדיק: וועלן מיר דורכפאַלן, וועט עס נישט זיין דווקא צוליב די ענגלענדער, אָדער אַראַבער, נאָר צוליב די יידן אַליין.

אָט האָט אים געזאָגט אַן ענגלענדער: „איר ווייסט, הער ווייצמאַן, עס איז בכלל נישטאָ אַזאַ זאַך ווי אַ ציוניסטישע באַוועגונג, עס איז פאַראַן בלויז די אומגליקלעכע נאַאיוויטעט אייערע". און די יידישע טוערס? זיי פאַרברענגען אין די קאַפּעען אין דער שווייץ אויפן חשבון פון דער באַוועגונג, רעדן וועגן ציוניזם און זיי זענען כלל נישט גרייט עולה צו זיין. בלויז אויף רעדן זענען זיי בעלנים. ווער נאָך קען האַלטן אַזעלכע שיינע רעדעס?

ווייצמאַן איז אָבער אַ שטימונגס־מענטש: אַ פּאָר טעג שפּעטער ווערט איינגעשטילט זיין כעס און פון זיין מויל הערט מען שבחים אויפן יידישן חשבון. שבחים פאַר די פריינד זיינע, „וואָס ווערן נישט מיד" ביים דערפילן זייערע פליכטן.

14

ווייצמאַן איז צוריק אין לאָנדאָן. אָבער נישט קיין אָפּרו־טעג וואַרטן אויף אים. ער טראָגט זיך איבער דער שטאָט מיט אַ ביטערער טענה אין מויל: מען איז נישט אויפריכטיק צו יידן; אין ארץ־ישראל זיצט אַן אַדמיניסטראַציע, וואָס טראַכט בכלל נישט וועגן אַ יידישער היים און זי רעכנט זיך נישט מיט דער הבטחה, וואָס די רעגירונג האָט געגעבן דעם פאָלק. ווייצמאַן איילט פון איין מענטש צום צווייטן, ער האָט שוין באַוויזן צו זען אַרטור דזשיימס באַלפורן, ראָבערט סעסילן, מאַרק סייקסן, אָרמסבי־גאָרן, דעם גענעראַל סמאַטס, דעם קאָלאָנעל לאָרענס און פיל אַנדערע. ער רעכנט אויס זיינע טענות פאַר יעדן איינעם, וואָרנט, פאָדערט יושר. די רעגירונג מוז גלייך שיקן פאַראָרדענונגען קיין ירושלים און אָפּרוימען פון וועג די טעמפּע און קורצזיכטיקע וואָס ווילן צו נישט מאַכן די יידישע האָפענונגען — אַ היים אין ארץ־ישראל. ער וועקט דעם ענגלישן גע־וויסן — קיין אַנדער וואָפן איז נישטאָ אין זיין האַנט.

אומגעריכט גיט עס ווייצמאַנען ווידער אַ צי צוריק קיין ירושלים, פון וועלכער ער האָט אַזוי געוואָלט אַנטלויפן ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק. זיין האַרץ איז אומרואיק. ער פילט, אַז ס׳גרייט זיך דאָרט אַ שטורעם. ער מוז צוריקפאָרן, ער מוז. אָבער נישט מיט קיין אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, נישט מיט אַ צעשראָקן האַרץ. פאַרקערט: ער פאָרט מיט זיין פרוי — פריי, שטאָלץ.

ווייצמאַן איז נישט רואיק אויף דער שיף, ער האַלט זיך אין איין פרעגן: וואָס וועט זיין מיט די טויזנטער יידן, וואָס לאָזן זיך דורך אַלע וועגן אין לאַנד אַריין? ער לייענט וועגן די מעפּילים פון קרים און קאווקאַז, פון די יונגע חלוצים פון גאַליציע און פּוילן — מענטשן, וואָס וואַרטן נישט אויף רעגירונגס־הבטחות, זיי ליידן הונגער, שוועריקייטן, אָבי־דערגרייכן די אויסגעבענקטע ברעגן.

די ערשטע איבערראַשונג: עפּעס אַ גענעראַל, אַלענביס פאַרטרעטער, הערט וועגן אַ וויכטיקן ציוניסט, וואָס האַלט ביים אָנקומען. ער פאַר־אָרדנט מ׳זאָל אים נישט אַראָפּלאָזן פון דער שיף. ווער איז ווייצמאַן און ווער איז באַלפור? דער גענעראַל וויל נישט וויסן וועגן יידיש־ענגלישע אַוואַנטורעס, ווייצמאַן וועט נישט אַראָפּגיין פון דער שיף!

אַ שיינע אויפנאַמע פאַרן יידישן פירער! קאָלאָנעל מיינאַרצאַגן, פאָליטישער הויפּט־אָפיציר, אַ פריינד פון ציוניזם, איז געפּלעפּט. ער שטעלט זיך איין, אינטערוועניִרט ווו מען דאַרף און ער איז מצליח: ווייצמאַן און זיין פרוי גייען אַראָפּ פון דער שיף. ווייצמאַן פילט די באַ־האַלטענע שווערד אונטערן שונאס מאַנטל. ער איז צוריק צווישן יידישן אומגעדולד און ענגלישער קורצזיכטיקייט.

ווייצמאַן ווייזט דאָס לאַנד פאַר ווערען. זיי פאָרן איבערן גליל, איבער שטחים, באַפרייטע דורכן מיליטער. צענדליקער טויזנטער דונאַם זענען מדברדיק וויסט, וואַרטן אַז אַ געטרייע האַנט זאָל זיי אויפלעבן. ביידע פילן אָפּ די אַראַבישע שנאה, וואָס טראָגט זיך איבער בערג און טאָלן.

דער ציל פון די אַראַבער איז קלאָר: אַנוואַרפן אַ שרעק אויף דער יידישער וועלט: זאָלן בעסער יידן נישט קומען קיין פּאַלעסטינע, נישט זייען, נישט בויען.

און ווייצמאַן פרעגט זיך: ווו אייגנטלעך דאַרף זיין דער צענטער זיינער — ירושלים, לאָנדאָן, אָדער ניו־יאָרק?

קליין און שוואַך איז דער ישוב. ווייצמאַן מוז וועקן די יידישע וועלט, אַז זי זאָל שיצן די אַנטשטייענדיקע היים; ער מוז זיין אויף דער וואַך אין לאָנדאָן; האַלטן אין ירושלים אַן אויג אויף די טעמפּע, ענגלישע טשינאָווניקעס. ווו זאָל ער פריער זיין, ווו?

אָט איז ער ווידער אין לאָנדאָן און לויפנדיק פון איין מיניסטער צום צווייטן גיט פּלוצעם אַ צאַפּל דאָס האַרץ: ווער ווייס וואָס עס גרייט זיך אין ירושלים? ווי גיט מען זיך אַן עצה, ווי?

אלענבי וואָרנט אים: „דיין אָרט איז אין מזרח". אויך דער גענעראַל פילט דעם אָנקומענדיקן שטורעם. ערשט דריי מאָנאַטן ווי ווייצמאַן איז צוריקגעקומען פון לאַנד. ער האָט נישט באַוויזן פיל אויפצוטאָן אין לאָנדאָן, און אָט מוז ער ווידער פאָרן: „זיין פּלאַץ איז אין מזרח".

דאָס מאָל נעמט ער מיט זיך בנימינען, זיין בכור — זיין בענדזשין.

שוין אין קאַיר, ביים אַראָפּגיין פון דער שיף, וואַרטן אויף אים איוב־בשורות: רציחות זענען פאָרגעקומען אין אויבער־גליל; אָנפאַלן אויף די צפון־קאָלאָניעס; געפאַלן זענען די באַשיצער פון תל־חי, געפאַלן איז יוסף טרומפּעלדאָר. די ענגלענדער — טראָגן זיך קלאַנגען — פּלאַנירן אויפצולייזן דעם יידישן לעגיאָן, וואָס זשאַבאָטינסקי האָט געשאַפן נאָך אַזוי פיל קרבנות און מי. הערבערט סעמועל, וואָס איז געקומען אין לאַנד

צוגרייטן אַ ציווילן רעזשים אויפֿן אָרט פֿון מיליטערישן, פֿילט ווי עס פֿאַלט אויף אים דער הימל.

עס איז פֿרילינג אין ארץ־ישראל, מיט זיינע שיינע פֿאַר־פּסח־טעג.

— קוק, זונעלע, קוק, ווי עס בלימלען זיך דאָ די וועגן; קוק סאַראַ בלויקייט, סאַראַ ליכטיקייט, — רעדט באַגייסטערט דער טאַטע. ער וויל פֿאַרהילכן דעם שווערן אומרו. ער טוליעט צו זיך דעם זון און רעדט וועגן די הימלען און פֿעלדער.

וויצמאַן באַזוכט דעם גענעראַל אַלענבי, זעט זיך אויך מיטן קאָמענ־דאַנט באָלס, מיליטער־גאָווערנער אין לאַנד. ער וואָרנט זיי: די אַראַבער גרייטן אַ פּאָגראָם. זיין געפֿיל פֿאַרפֿירט אים נישט, דער רוסישער ייִד ווייסט ווען עס רוקט זיך אָן אַ צרה. וויצמאַן קלערט זיי אויף: די אַראַבער ווילן איבערשרעקן די גרויסמאַכטן, זיי זאָלן אויף דער סאַן־רעמאָ קאָנ־פֿערענץ נישט מסכים זיין צום געדאַנק וועגן אַ ייִדישער היים אין ארץ־ישראל.

אַלענבי און באָלס מאַכן אַוועק מיט דער האַנט וויצמאַנס וואָרענונגען. מיט אַ מאָל איז אַלענבי זיכער אין דער לאַגע; און מיט אַ חודש צוריק האָט ער געוואָרנט דעם ייִד, אַז זיין „פּלאַץ איז אין מזרח״.

דער שטורעם האָט זיך צעוויגט. דער קאָמאַנדיר באָלס האָט גע־האַנדלט לויט דער פּאָגראָם־סטראַטעגיע פֿון צאַרישן רוסלאַנד: דאָס מיליטער איז געקומען נאָך אַלעמען; די צעווילדעוועטע אַראַבער האָט מען געגעבן אַ פֿרייע האַנט, די ייִדישע באַשיצער — פֿאַרטריבן.

וויצמאַן ביילט זיינע פֿויסטן: היתכן, אין ארץ־ישראל, אונטער ענג־לישער שוץ איז הפקר ייִדיש בלוט? האָט טאַקע געזיגט די פּאָליטיק פֿון יענע, וואָס ווילן אַרויסרייסן מיטן וואָרצל די האָפֿענונג וואָס די באַלפֿור־דעקלאַראַציע האָט אויפֿגעוועקט אין ייִדישן פֿאָלק?

דער מוטיקער זשאַבאָטינסקי און די חברים זיינע, באַשיצער פֿון ייִדישן כבוד, זענען אַריינגעוואָרפֿן געוואָרן אין טורמע־צעלן; אַ פּאָר טעג פֿאַרן פּאָגראָם־אויסברוך האָט מען אַוועקגענומען ס׳געווער פֿון די ייִדישע לעגיאָנערן, זיי צעשיקט אין ווייטע פּונקטן פֿון לאַנד.

פֿרעגט דער זון דעם טאַטן:

— ווי איז עס מעגלעך? דאָ איז דאָך ס׳ייִדישע לאַנד! פֿאַר וואָס האָבן ענגלענדער נישט געשיצט די ייִדן? פֿאַר וואָס האָט מען אַרעסטירט זשאַבאָטינסקין? פֿאַר וואָס, פֿאַר וואָס?

ווייצמאַן ציט זיך נישט צוריק. דער אַראַבישער טעראָר טאָר נישט איבערשרעקן די גרויסמאַכטן אויף דער סאַן־רעמאָ־קאָנפערענץ. פאַר־קערט: ער וועט קעמפן אין סאַן־רעמאָ, אַז די וועלט זאָל אָנערקענען די באַלפור־דעקלאַראַציע, זי זאָל אַנטיילנעמען אין דער אחריות פאַר איר פאַרווירקלעכונג. ווייצמאַן גיט נישט אויף די אמונה זיינע אין ענגלאַנד. די מיליטער־לייט אין ירושלים, די טעמפּע טשינאָווניקעס אין דער אַדמיניסטראַציע — זיי זענען נאָך נישט ענגלאַנד!

ווייצמאַן איילט קיין סאַן־רעמאָ. ער האָט דאָרט אַ גרויסן קאַמף דורכצוזעצן. דערווייל יאָגט אים נאָך אַ שוידערלעכע ידיעה: זשאַבאָ־טינסקי איז פאַראורטיילט געוואָרן אויף פופצן יאָר תפיסה מיט צוואַנג־אַרבעט. ער שרייט אויס: דאָס וועט צעברעכן דעם קאַרק פון די טיראַנען.

עס איז אים איצט דערווידער דאָס שיינע סאַן־רעמאָ אין פרילינג־בלי, עס ווילט זיך אים אַנטלויפן פון די דזשענטלמענס אַרום אים, ער האָט אָבער נישט קיין ברירה, ער מוז אויסקעמפן זיין קאַמף. ער זאָגט צו די ענגלישע פירער: ער וויל מיט זיי קיין קאָנטאַקט נישט, כל זמן זיי וועלן נישט דערקלערן פאַר דער וועלט אַזוי קלאָר ווי מעגלעך, אַז זיי וועלן מקיים זיין זייערע הבטחות; דער ערשטער באַוויז דערצו דאַרף זיין — דאָס עפענען די טויערן פון לאַנד.

באַלפור מוטיקט אים: די רעגירונג וועט זיך האַלטן ביי דער דעקלאַ־ראַציע פון צווייטן נאָוועמבער 1917: יידן וועלן באַקומען יעדע מעגלעכ־קייט אויפצובויען זייער היים אין ארץ־ישׂראל.

דעם 25טן אַפּריל 1920, אין סאַן־רעמאָ, באַשטעטיקן די אַנטאַנט־מלוכות די באַלפור־דעקלאַראַציע; זיי זעען די גערעכטיקייט פון די יידישע תביעות און גיבן איבער ענגלאַנד דעם מאַנדאַט איבערן לאַנד; עס ווערט אויף איר אַרויפגעלייגט די פליכט מיטצואַרבעטן מיטן יידישן פאָלק, אין אויפבוי פון זיין היימלאַנד. די פאַרזאַמלטע פעלקער אין סאַן־רעמאָ אָנערקענען גלייכצייטיק די היסטאָרישע רעכט פון יידישן פאָלק אויף ארץ־ישׂראל.

נאָך דער גרויסער היסטאָרישער געשעעניש פילט ווייצמאַן, אַז ער קומט עמעצן אַ דאַנק פון סאַמע טיפסטן האַרצן. ער זעצט זיך שרייבן אַ בריוו צו זיין פרוי: „...איך מוז נאָך אַמאָל איבערחזרן: ווען נישט דו, דיין הילף, דיין ליבע און איבערגעגעבנקייט, וואָלט אָט די גאַנצע אַרבעט בכלל נישט געווען מעגלעך."

וויצמאַן דערקלערט פאַר דער וועלט: „...די בלוטיקע געשעענישן אין ירושלים האָבן געדאַרפט באַווייזן, אַז יידן און אַראַבער קענען נישט לעבן צוזאַמען בשלום. נישטאָ אין דעם קיין אמת... צו די אַראַבישע עקסטרעמיסטן, וואָס האָבן געמאַכט די שחיטה אין ירושלים, זאָגן מיר דאָס זעלבע וואָס מיר האָבן געזאָגט די פּאָליאַקן, רומענער און רוסן: אייערע שיטות זענען אונדז באַקאַנט... אַ פּאָלק, וואָס וויל דעראָבערן זיין פרייהייט דורך יידיש בלוט, לעבט אין אַ טעות.

די אַראַבער ליידן נישט פון מאַנגל אין פּלאַץ. די צענטערס פון זייער קולטור זענען דמשק, באַגדאַד און מעקאַ, און איך האָף, אַז דאָרט וועט בליען אַ גרויסע אַראַבישע נאַציע. ארץ־ישראל אָבער וועט זיין אַ היים פאַר יידן. מיר דאַרפן עס אָפן דערקלערן אונדזערע פריינד און אונדזערע שונאים. מיר יידן זענען געפּרוווטע אין פּאָגראָמען, אויך אַ שחיטה אין ירושלים וועט אונדז נישט איבערשרעקן. דער גורל האָט גוזר געווען, אַז מיר זאָלן גיין קיין ארץ־ישראל, און מיר וועלן אַהין גיין, אין איר וועלן מיר לעבן.״...

פאַרן פאַרלאָזן סאַן רעמאָ געזעגנט זיך וואַרעם לאָיד דזשאָרדזש מיט וויצמאַנען. ער זאָגט אים: „מיר האָבן אייך געגעבן די מעגלעכקייט, איצט איז אַלץ אָפּהענגיק פון אייך. שאַפט און בויט, איידער דער ים וועט פאַרפרוירן!״

דער וועג צו ארץ־ישראל איז פריי. „מיר האָבן אייך געגעבן די מעג־לעכקייט״... קלינגען אויף אין וויצמאַנען די רייד פון לאָיד דזשאָרדזש. וועט טאַקע דער וועג פון איצט אָן זיין אַ לייכטערער און גלאַטיקער?

וויצמאַן וויל אָנטאַפּן דעם דופק פון דער וועלט, ער וויל זיך נישט נאַרן. אָפט טראַכט ער אריין אין די סיבות פון דער בלינדער שנאה צו יידן. ווי קומט עס, וואָס יידישע גוטע־פריינד ווערן אָפּגעקילט און אַפילו פיינטלעך, נאָך דעם ווי זיי קומען, למשל, קיין ארץ־ישראל לכאורה צו העלפן יידן? ער האָט זיך אָנגעטראָפן אויף אַ סך אַזעלכע פאַלן אין די פאַר יאָר זינט דער באַלפור־דעקלאַראַציע. פאַר וואָס איז עס אַזוי, אייגנטלעך?

ער פאַרשט און זוכט: ארץ־ישראל איז אַ קאָמפּליצירט פּראָבלעם; צו באַנעמען די גרויסקייט פון יידישן גאולה־געדאַנק איז נישט פעיק אָבי וועלכער ס׳איז באַאַמטער אין דער אַדמיניסטראַציע; קירעווען אַ וועג צו אַ יידישער היים אין אַ פיינטלעכער אַראַבישער וועלט, פאָדערט פאַר־

שטענדעניש און שוואונג. דער ענגלישער מיליטערמאַן אין ירושלים, אָדער זיין ברודער, דער ציווילער ראַטגעבער, איז נישט געוווינט זיך אָנצושטרענגען צו אַ טיפערער טראַכטעניש. אַ זעלנער האָט בכלל מורא פאַר ראַפּטאָונג ענדערונגען. עס גלוסט זיך אים רוען נאָך די לאַנגע מלחמה־יאָרן, און זאָל מען אים נישט שטערן מיט פּאָליטישע עקספּערימענטן, וואָס פאַרלאַנגען וואַכזאַמקייט, אַריינטראַכטעניש. דער ציווילער באַאַמטער, פאַרטעמפּט פון לאַנגע יאָרן אין קאָלאָניאַלער דינסט, געוווינט צו לייכטער הערשאַפט ערגעץ ווו אין אַפריקע אָדער אַזיע, פילט אַן אומבאַקוועמען אומרו, וואָס דער ייד וועקט אין אים. דער ייד איז נישט ווי דער סודאַנער, דער ייד שטעלט פראַגן, מאַכט שווער דאָס לעבן; ער צווינגט צו טראַכטן, און טראַכטן גלוסט זיך נישט אין דער היץ פון דער מזרח־זון. זיי איז שווער צו באַנעמען: ווי קען מען רעדן וועגן אַ יידישער היים, ווען עס שטייט פאַר די אויגן דער פאַקט פון אַכט הונדערט טויזנט אַראַבער קעגן אַכציק טויזנט יידן? אַפילו גוטע פריינד, אָבער אָן פעיקייט און נשמה־שוואונג, פאַרפלאָנטערן זיך אין ארץ־ישראל, גייען אַריבער פון איין עקסטרעם צום צווייטן.

און צו דעם אַלעמען, אַז מען גיט נאָך צו די דורותדיקע איינגעוואָרצלטע פאַראורטיילן, ווערט נאָך פאַרשטענדלעכער דאָס בילד.

ווייצמאַנען איז נישט איין מאָל אויסגעקומען צו הערן פון גאַנץ ערלעכע ענגלענדער וועגן די חלוצים, וואָס זענען זיכער „באָלשעוויקעס". מיט וואָסער הנאה רעדן זיי אַרויס אין איין אָטעם די צוויי ווערטער יידן און באָלשעוויקעס! און ער ענטפערט זיי: יעדעס פאָלק האָט זיך זיינע באָלשעוויקעס; אומרעכט און פיין פאַרמערן זייער צאָל. די יידישע יוגנט, וואָס זעט פאַר זיך קיין צוקונפט נישט, אַנטוישט און דערשלאָגן פון דער וועלטס גלייכגילטיקייט צו אירע ליידן, רייסט זיך צו רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, וואָס זאָגן צו פרייהייט און ברויט.

בראַנדייס דערציילט, אַז אין זיין געשפרעך מיטן ערלעכן, טיף־דענקענדיקן אַרטור דזשיימס באַלפור, האָט דער לעצטער, ווי דרך־אגב־דיק אַ פרעג געטאָן: איז לענין פון יידישן אָפּשטאַם? ער האָט געהערט, אַז די מוטער זיינע איז געווען אַ יידישע. אויך באַלפורן זעט עס אויס גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז אַ רעוואָלוציאָנער ווי לענין דאַרף זיין פון יידישן שורש.

לייכטער וועט זיין מיט די נעגל אַרויסצורייסן די שטיינער פון ארץ־ישראל־באָדן, ווי די אַנטי־יידישע פאַראורטיילן פון גויישן הארץ. ווייצמאַן פאַרשטייט עס, אָבער דער מצב ווערט דערפון נישט בעסער.

דער וועג צו אַ יידיש ארץ־ישראל וועט זיין אַ לאַנגער און אַ שווערער.

נישט נאָר גויים, אויך יידן באַנעמען נישט אָפט מאָל דעם ארץ־ישראל־דיקן ענין. אויך פאַר זיי ווערן עלעמענטאַרע אמתן מיט אַ מאָל קאָמפּלי־צירט און שווער. אַ פּרשה פאַר זיך איז די בלינדקייט פון פאָלק, די טאָטאַלע בלינדקייט. שוין דריי יאָר ווי די באַלפור־דעקלאַראַציע איז אַ פאַקט, און ווי איז געווען די רעאַציע פון פאָלק? איז ער, דער הויפּט פון דער „מלכותדיקער" דעלעגאַציע, נישט געזעסן לאַנגע חדשים אין ירושלים און אויסגעקוקט אויף אַ פּאָר טויזנט פונט? אַזוי האָט דאָס פאָלק געגנומען לייגן די יסודות פון זיין צוקונפטיקער היים?

און אויב עס טרעפט, אַז אַ ייד איז עולה — פאַרשטייט ער נישט דאָס לאַנד. כל־זמן ער זיצט ערגעץ אין אַ שטעטל אין גאַליציע אָדער פּוילן, חלומט ער וועגן אַ הייזקע און אַ גערטנדל אין יידישן לאַנד, וועגן אַ ניי לעבן, פריי פון גויים און שלעק. קומט ער אַראָפּ קיין ארץ־ישראל, בויט ער זיך אַ הויז אין פּתח־תקוה, פלאַנצט אַ פּרדס, און ער באַמערקט גאָרנישט, אַז עס שאַפט זיך אַרום אים אַ טיפּיש גלותדיק שטעטל. דער ייד אין פּתח־תקוה דינגט אַן אַראַבער אויף זיין פעלד, מאַכט חשבונות וועגן אַ מעגלעך שנעל פאַרדינסטל, און ער איז איבערצייגט, אַז ער בויט ארץ־ישראל. אָבער ער בויט עס נישט, וואָרעם כל זמן די אַרבעט ווערט געטאָן דורך אַ צווייטן, דורך די ביליקע אַראַבישע הענט, פאַר־יידישט ער נישט דאָס לאַנד. און אַז דו זאָגסט עס דעם ייד, ווערט ער פאַרביטערט און נשתומם. דעם גלותדיקן ייד איז שווער צו באַנעמען פאַר וואָס דגניה איז יאָ ארץ־ישראל און פּרדסים באַאַרבעט פון אַראַבער — איז עס נישט.

פאַר וואָס איז ווייצמאַן נוטה צו אַ קאָלאָניזאַציע אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות? — קאָכן זיך יידן. און ווייצמאַן ענטפערט זיי: אַ ייד איז נישט ווי דער פראַנצויזישער קאָלאָניסט וואָס קען אויפשטעלן זיין הויז ערגעץ אין אַ העק אין דער גרויסער קאַנאַדע, אָדער ווי דער ענגלענדער, וואָס קען זיצן אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל ביי די ברעגן פון אַן אַפריקאַנישן דזשונגל. אַ ייד קאָן לעבן נאָר צווישן יידן. קומט ער אויף אַן אָרט, פרעגט ער קודם כל: איז דאָ פאַראַן אַ חדר פאַר קינדער? איז פאַראַן אַ מנין צום דאַווענען? יידן איז וואָרעם נאָר בצוותא. זיי האָבן ליב דעם שבת אחים גם יחד. איז אַז יידן לעבן צוזאַמען, אַרבעטן מיט די אייגענע הענט, זינגען העברעישע לידער און זייערע קינדער שפּילן זיך אויף העברעיש, טאַקע ווי אין דגניה, און נישט אין עפּעס אַ גלותדיק ווינקל, איז זיי גוט אויפן האַרצן, קענען זיי ביישטיין אַ קריזיס, אַנטלויפן נישט

פון די פעלדער, ווען די תבואה איז נישט אויפגעגאַנגען, אָדער ווען אַ קראַנקייט צעבושעוועט זיך.

עס זענען פאַראַן דערשיינונגען, וואָס זענען פאַר ווייצמאַנען אַליין נישט פאַרשטענדלעך. אָט, למשל, דער חינוך אין לאַנד. ער איז כלל פון אים נישט צופרידן. מען האָט געמאַכט אַ שפרונג איבער דורות, אָן אַ פאַרבינדונג מיט זיי. די לערע אין די שולן זעט ווייצמאַנען אויס צו מאָדערן; זי רייסט זיך אָפּ פון די וואָרצלען, פון טראַדיציע, פון יידישער גבורה, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין טויזנטער פאָרמען אין לאַנגן גלות. דער לערער, וואָס קומט אין לאַנד, וויל פאַרגעסן דעם גוי, די שיקאַנעס און דערנידערונגען. אָבער פונקט ווי יענע נישט געפּרוווטע יונגע מאַמע, וואָס גיסט אויס ס׳וואַסער צוזאַמען מיטן אויסגעוואַשענעם קינד, וואַרפט אַרויס דער לערער דורכן פענצטער דעם גלות צוזאַמען מיט די קאָלאָסאַלע ווערטן וואָס דורות דערהויבענע יידן האָבן געשאַפן, טראָץ די ענויים און קרבנות. אונדזער אוניווערסיטעט, זאָגט ווייצמאַן, דאַרף זיך פאַרוועבן מיטן גייסט, וואָס האָט געהערשט אין נהרדעא און פומפדיתא, מיט דער ליכטיקייט, וואָס האָט געשוועבט אין די תורה־צענטערס פון שפּאַניע און פראַנקרייך, פוילן און ליטע.

ווייצמאַן טענהט: קומט יידן און קוקט זיך צו: וואָס פאַראַ דיפערענץ איז פאַראַן צווישן די אוניווערסיטעטן פון אָקספאָרד און בערלין? אין דער דייטשער שטאָט איז פאַראַן אַ גלענצענדיקע אוניווערסיטעט. איר אויס־שטאַטונג איז אַן ערשטראַנגיקע, די זאַלן זענען ריין און ציכטיק, דער אַלגעמיינער גאַנג — אויסגערעכנט און פּינקטלעך. אין אָקספאָרד דאַקעגן הערשט אַ מין צעשטרייטקייט, אַ מין אָפּגעלאָזנקייט. אין די זאַלן שוועבט אָבער דער גייסט פון דורות, דאָס געפיל פון אַ גאָלדענער קייט, וואָס ציט זיך פון טאַטעס צו קינדער, יאָר־איין יאָר־אויס. די פּאָרטרעטן אין די זאַלן — וועלט־אַנטדעקער, טרוימער און דענקער — באַהויכן די נשמה מיט אַ פלאַטער, וואָס איר נאָמען איז „אָלד אינגלענד״, — אַ שפּרודלדיקער קוואַל וואָס גיט כוחות, גלויבן און מוט.

פאַר וואָס זאָל דאָס אַלטע יידישע פאָלק, און דווקא אין זיין אויפלעבנ־דיקן לאַנד, אַרויסרייסן פון זיך שטיקער לעבן, מבטל זיין דורות פון קדושה און גבורה?

ווייצמאַן דער פאָרשער, דער כעמיקער, איז אויך אַ טרוימער. אַז עס ווערט אים שווער אויפן געמיט, אַנטלויפט ער אין דער וועלט פון חלומות. ער שטעלט זיך פאָר דאָס יידישע לאַנד וואָס וועט אויפקומען, וואָרעם יידן

זענען דאָך נישט קיין נאַראָנים — פריער אָדער שפּעטער וועלן זיי געפינען דעם וועג צו זיך אַליין.

ארץ־ישראל איז כּלל נישט אַזוי קליין — טראַכט ער — ד״ר רופּין „דער פּראָזאַיקער״ באַגליקט אים מיט וווּנדערלעכע ציפערן. אָט איז דער ירדן־פלאַך — אַ טייערע, פּרוכטבאַרע ערד, און גאַנץ נישט באַזעצט. אין לבנון זיצן 160־170 מענטשן אויף אַ קוואַדראַט קילאָמעטער און אין ארץ־ישראל — 25. אויב מען זאָל נעמען לבנון אַלס ביישפּיל, קען מען דאָך אין לאַנד באַזעצן מער פון פיר מיליאָן יידן. און ווער שמועסט נאָך, אַז מען וועט אָנווענדן נייע קאָלאָניזאַציע־שיטות, אין ענגער צוזאַמענאַרבעט מיט דער ווויסנשאַפט.

איז דען אַ פאַנטאַזיע צו טראַכטן, אַז חיפה וועט ווערן דאָס אַנטווערפּן פון אַזיע? אָדער אַז ס׳וועלן אויפקומען נייע פּאַכן, נייע באַשעפטיקונגען, פּונקט ווי עס וועלן אויפגעלעבט ווערן די נייגונגען און פעיקייטן אין פאַרשי־דענע שבטים פון פאָלק? די תימנער, למשל, האָבן געבענטשטע הענט צו פאַרשידענער פיליגראַן־אַרבעט. זייגערמאַכעריי איז שטענדיק געווען אַ יידיש פאַך. און דיאַמאַנטן־שלייפעריי? „שפּינאָזע האָט געשליפן גלעזער, און די וועלט האָט דורך זיי געקוקט״. און עס וועלן אַוודאי אויפשטיין „די תלמודישע פּויערים — יידישע דערפער פון תורה און אַרבעט.

ווייצמאַן פאַרוויגט זיך אין זיינע טרוימען, ער וויל אַ ווייל פאַרגעסן „דאָס קאָמפּליצירטע ארץ־ישראל״ און דעם פאַקט, וואָס דריי יאָר זינט דעם גאולה־אויסרוף האָבן יידן דערווייל אַזוי ווייניק באַוויזן.

אַ בריוו קומט אָן פון וואַרשע, פון עלטערן ברודער פייוול, מיט אַ גוטער בשורה. ער און די מאַמע האָבן זיך געראַטעוועט פון רוסלאַנד, געוואַנדערט, געליטן, און איצט, דאַנקען גאָט, זיינען זיי אויפן וועג קיין ארץ־ישראל.

דריי יאָר האָבן זיי גאָרנישט געהערט פון חיימען — שרייבט דער ברודער — און די מאַמע האָט אַזוי געוואָרט אויף אַ טרייסט־וואָרט, אויף אַ גרוס. עס איז איר, נעבעך, אַזוי שווער געווען דאָס צעשיידן זיך פון די קינדער, וואָס זענען פאַרבליבן אין רוסלאַנד. אין וואַרשע דערפאַר איז דערפרייט געוואָרן דער מאַמעס האַרץ. מען האָט איינגעאָרדנט אַ גרויסע פייערונג לכבוד דעם סאַן־רעמאָ־באַשלוס. דאָס יידישע וואַרשע איז געווען פאַרזאַמלט און די מאַמע איז געזעסן אויבן אָן אויף דער בימה, מען האָט אָפּגעגעבן כבוד דער מאַמען פון יידישן מנהיג. זי וויל וואָס פריער פאָרן קיין ארץ־ישראל און זיין לעבן איר חיימען. ווייצמאַנען פאַרכאַפּט דער

אָטעם: דריי יאָר האָט די מאַמע פון אים קיין וואָרט נישט געהערט. איז עס מעגלעך? אפשר די מלחמה, די אומרואיקע צייטן, די צענזור?

שוין דריי וואָכן זיצט די מאַמע אין וואַרשע. וואָלט ער דען נישט געדאַרפט פאָרן צו איר, זי זען, אַרומנעמען? אָבער די ציוניסטישע אַרבעט זיינע... זיי מוחל, מאַמע, זיי מוחל!

דער מאַמעס אָנקום האָט אין ווייצמאַנען אויפגעוועקט אַ באַנייטע גבורה. ער פילט, אַז ער וועט זיך נייטיקן אין אַ סך כוחות צו זיינע נייע פאַרמעסטן.

אין יולי 1920 פאַרזאַמלען זיך אין לאָנדאָן פאָרשטייער פון ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. ווייצמאַן גיט אָפּ אַ דין וחשבון. ער האָט זיך נישט מיט וואָס צו שעמען, ער דאַרף גאָרנישט אויסבאַהאַלטן. אין סאַן־רעמאָ איז דער ציוניזם אָנערקענט געוואָרן דורך דער גרויסער וועלט; אין ארץ־ישראל איז שוין פאַראַן אַ ציווילער רעזשים, און אַ ייד, אַ ציוניסט — הערבערט סעמועל — איז דער ענגלישער הויך־קאָמיסאַר אין לאַנד. איצט וועט זיך אַלץ ווענדן אין יידישן פאָלק. און מיט אַ מאָל, ווי ער וואָלט הנאה געהאַט אָפּצוקילן די התלהבות פון אַ סך דעלעגאַטן, רופט ער אויס: נישטאָ נאָך דערווייל קיין יידישע מדינה, דאָס פאָלק האַלט נאָך דערווייל ביים בראשית. ער דערציילט וועגן די שוועריקייטן און אַנטוישונגען וואָס מען איז אויסגעשטאַנען אין ארץ־ישראל, און צרות וועלן אויך ווייטער נישט אויספעלן.

דער עולם איז נישט צופרידן פון ווייצמאַנס רייד. ווייצמאַן זעט דאָס ברוגז־פּנים פון אַלטן ד״ר נאָרדוי, אויך בראַנדייסעס בליק איז נישט פריינדלעך. זשאַבאָטינסקיס מענטשן זענען אויפגעבראַכט, ווייצמאַן פירט זיי אַרויס פון די כלים. מען באַוואַרפט אים מיט טענות און פראַגן. ווייצמאַן דערפילט דעם אומגעדולד אין זאַל און ער ענטפערט אויף רעכטס און אויף לינקס:

— יאָ, פריינד בן־גוריון, יאָ, די טערקן האָבן געקוקט מיט אַ בעסער אויג אויף די יידן ווי אויף די אַראַבער, ווייל מיר זענען פאַר זיי געווען די טרעגער פון אַ העכערער קולטור. די ענגלישע אַדמיניסטראַציע־מענטשן דאַקעגן מאַכן נישט קיין דיפערענצן. איז זאָלן מיר דעריבער וועלן צוריק די טערקן אין ארץ־ישראל, צוריק צום רויטן צעטל, צוריק צו דער פּאַלקע?

— פריינד גראָסמאַן, מאַכט נישט פון זשאַבאָטינסקין קיין נאַציאָנאַלן גבור. ס׳איז נישט נייטיק דער הורא. עכטע גבורים האָבן ליב דעם שטילן, צניעותדיקן וועג. זשאַבאָטינסקי נייטיקט זיך נישט אין קיין אַדוואָקאַטן. —

ווייצמאַנס שטים צעקלינגט זיך מיט פּראָטעסט און צער: עס איז אַ פאַרברעכן צו זאָגן, אַז מיר האָבן נישט געטאָן גענוג.

ווייצמאַן קומט קוים צו זיך. ער הייבט אָן צו דערציילן וועגן די אומענדלעכע אָנשטרענגונגען אין די רעגירונגס־ביוראָען אין לאָנדאָן און אין ירושלים. ער גיט איבער וואָס ס'איז אַלץ געטאָן געוואָרן כדי צו באַפרייען זשאַבאָטינסקין. פּלוצעם בלייבט ער שטיל, עס קלינגט אויף אין אים זיין אויסרוף, ווען ער האָט אין סאַן־רעמאָ דערהערט וועגן שוידערלעכן גזר־דין אויף זשאַבאָטינסקין: אָט די אומרעכט וועט צעברעכן דעם קאַרק פון די טיראַנען.

אַ ווײַלע שפּעטער זעצט ער פאָר:

יאָ, מיין טייערער ד״ר נאָרדוי, ווען מיר האָבן אין ארץ־ישראל 200.000 יידן און נישט קיין 80.000, וואָלטן מיר אַנדערש גערעדט מיט דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע.

— און פאַר וואָס האָבן מיר נישט 200.000 יידן אין ארץ־ישראל? — פרעגט ד״ר נאָרדוי.

— ווייל מיר האָבן נישט די מעגלעכקייט צו ברענגען מיט איין מאָל הונדערטער טויזנטער יידן. היינט נישט, מאָרגן אפשר יאָ. ווען יידן זאָלן טאָן די אַרבעט אין ארץ־ישראל, וואָס זיי ווילן, אַז די ענגלענדער זאָלן פאַר זיי אויספירן, וואָלטן מיר געקענט רעדן וועגן אַ האַלבן מיליאָן יידן אין לאַנד און נישט נאָר וועגן 200.000. אָבער יידן, אַנשטאָט צו טאָן, פאַרשפּילן זיי זיך אין זיצונגען, שיינע רעדעס און פאָנען־פאַכעריי. מען האָט דאָ גערעדט וועגן יידישן לעגיאָן. וואָס מיינט איר, אַז מיט רייד בויט מען אַ לעגיאָן, צי מיט פונטן שטערלינג? ווייסט איר דען וועלכן פּרייז מיר האָבן געצאָלט פאַרן ביסל וואָס מיר האָבן יאָ דערגרייכט?

— וואָס ווילן די אַמעריקאַנער, ליבער גאָט?

צוויי וואָכן איז דער „יידישער לינקאָלן״ געווען אין ארץ־ישראל און ער האָט אויסגעפונען, אַז די גאַנצע אַרבעט טויג צו גאָרנישט. די שיטות פון אויפבוי טויגן נישט, דער חינוך טויג נישט — אַלץ איז שטומפּיק, ענג.

ווייצמאַן טראַכט וועגן די שווערע חדשים אין 1918, ביים עפענען די טויערן פון ארץ־ישראל. ער דערמאָנט זיך אין די „זקני־ציון־פּראָטאָקאָלן״, אין די אַדמיניסטראַציע־מענטשן, אין די ימען שנאה, דורך וועלכע ער האָט געפּרוווט דורכשלאָגן עפּעס אַ וועג; אין די אומענדלעכע זיצונגען ביים

אויסלייזן יעדעס שטיקל באָדן; ער דערמאָנט זיך, ווי ער האָט געקלאַפּט אין די טישן ביי די גענערעלער ווען בלוט האָט זיך געגאָסן אין יידישן לאַנד. און די רייזעס אַהין און צוריק צווישן לאָנדאָן און ירושלים... און ערגעץ ווו רופט זיך אָפּ דעם ברודערס בריוו פון וואַרשע: דריי יאָר האָט די מאַמע נישט געהערט פון איר ליבן חיימען... און אָט דער לאָיד דזשאָרדזש האָט געזאָגט, אַז אַלץ וועט זיך איצט אין אונדז...

— ווו איז די יידישע הילף? — רופט אויס ווייצמאַן — די מיליאָנען פונטן? ווו זענען די מעשים? ענגלענדער באַנעמען נישט דעם ארץ־ישראל־געדאַנק? און יידן באַנעמען אים יאָ?

15

אַ לאַשטשענדיקע רויקייט הערשט אין שימאָניז, אַ שטעטל אין די בערג, דרום־מזרח פון פראַנקרייך. שטאָלץ הייבט זיך דאָרט צום הימל דער שניי־באַדעקטער מאָנבלאַן, און אַנטקעגן אים — די בריוואַן־בערג. אין אַ שמאָלן טאָל ציען זיך פּריילעך די וואַסערן פון טייך האַרב. ביי זיין ברעג זעט מען אָפט אַ הויכגעוויקסיקן ברייטפּלייציקן מאַן. ער קוקט אויף זיין פּנים, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין וואַסער, פונקט ווי ער וואָלט וועלן אין אים אַנטפּלעקן דעם זין פון אַ סך פראַגן און געפינען אַן ענטפער אויף זיי.

ווי אַ זלידנע פליג זשומעט אין אים כסדר די פאַרגעקומענע לאָנדאָנער קאָנפערענץ. פאַר וואָס האָט מען אים פאַרביטערט דאָס לעבן, פאַר וואָס? ער קלאָגט זיך פאַר לואי ליפּסקין „דער אויפגייענדיקער שטערן" אין אַמעריקע: שווער צו זאָגן וואָס האָט אין אים איבערגעלאָזן אַ גרעסערע ווונד — דער פּאָגראָם אין ירושלים, אָדער די לאָנדאָנער קאָנפערענץ.

עס העלפט גאָרנישט די שיינע שימאָניז. ווייצמאַנען גייט נאָך ווי אַ שאָטן דער געראַנגל זיינער אין לאָנדאָן. ער האַלט זיך אין איין פרעגן: וואָס וויל אייגנטלעך דער ריכטער בראַנדייס? ער טראַכט, אַז בראַנדייס האָט זיך נישט פאַרטיפט ווי געהעריק אין די אמתע סיבות, וואָס שטויסן יידן קיין ארץ־ישראל. בראַנדייס איז פשוט אַ קאָלאָניזאַטאָר; דאָס וואָס ארץ־ישראל איז דאָס אָרט פון דער קאָלאָניזאַציע, איז פאַר בראַנדייסן נישט מער ווי אַ צופאַל. דער יידישער ריכטער אין וואַשינגטאָן איז טאַקע אַ מאַן פון דערהויבענע אידעאַלן, אָבער די צרה איז, וואָס ער וויל נישט אַראָפּנידערן פון זיינע הימל־הויכקייטן צו דער טאָג־טעגלעכערווירקלעכקייט.

ווייצמאַן שפּאַצירט ביים ברעג פון טייך האַרב און באַטראַכט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין די יולי־טעג אין לאָנדאָן. ער זאַמלט אין זיין געדאַנק מאַטעריאַל פאַר אַן ענטפער אויף די פאַרשידענע פראַגן, וואָס באַאומרויקן בראַנדייסן אָדער אַנדערע.

אין אָוונט זעצט זיך ווייצמאַן אַוועק אין זיין האָטעל־צימער ביים צעעפנטן פענצטער און ער שרייבט אַ לאַנגן בריוו צו זיין פריינד טיולין, אין ניו־יאָרק; נישט אַ בריוו קומט אַרויס, נאָר אַ גאַנצער עסיי:

בראַנדייסן זענען נישט געפעלן געוואָרן די לערער אין ארץ־ישראל,

ער האָט זיי קריטיקירט. האָט ער אָבער זיך פאַרטראַכט וועגן די סיבות דערפון, און בכלל וועגן וועזן פון רוסישן ייד?

„דער רוסישער ייד שטרעבט צו ווערן אַ פּראָפעסאָר אין אוניווערסיטעט, ווייל די קאַריערע פון קוימענקערער איז פאַר אים פאַרמאַכט". אַ וועלט אַ גאַנצע ליגט צווישן דעם יידן און דער אַרומיקערווירקלעכקייט. ביים ייד שאַפט זיך אַן אינערלעכע וועלט, וואָס האָט מיט דער דרויסנדיקער רעאַליטעט ווייניק וואָס צו טאָן. דער ייד וועט זיך דערפון באַפרייען אין זיין היים, אָבער צו דעם פאָדערט זיך אַן איבערגאַנגס־פעריאָד. איז דען מעגלעך, אַז בראַנדייס זאָל עס נישט באַנעמען?

בראַנדייס, איז ווייצמאַן ממשיך אין זיין בריוו, קוקט אויפן לאַנד ווי אויף אַ געשעפט, וואָס קען לוינען, אָדער נישט. גאַנץ מעגלעך, אַז ציוניסטן האָבן צו טייער באַצאָלט פאַר געוויסע באָדנס, גאַנץ מעגלעך, אַז חולדה, בן שמן, דגניה זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אויף אַ צו הויכן פרייז; צי וואָלטן אָבער געקומען געשעפטס־מענטשן טריקענען זומפּן, פלאַסטערן וועגן, פונקט ווי די חלוצים האָבן עס געטאָן? צי וואָלטן עס די געלט־מענטשן געטאָן? זיכער זענען פאַראַן בעסערע „ביזנעס" אין ניו־יאָרק און אין דעטראָיט, אָבער פון ווען אַן איז ציוניזם געוואָרן אַ מסחר־פּראָפּאָזיציע פאַרן יידישן פאָלק?

בראַנדייס שלאָגט פאָר, אַז גרויסע קאָאָפּעראַציע־געזעלשאַפטן זאָלן בויען דאָס לאַנד. וועלן זיי דען קומען, ווען קיין רווחים זענען דערווייל נישטאָ, אָבער קברים מערן זיך יאָ? און וואָס איז מכוח דער נאַציאָנאַלער התלהבות? אויב אַראַבישע הענט וועלן זיין דער בויענדיקער כוח, וואָס האָט דאָרט דער חלוץ צו טאָן?

ווייצמאַן קוקט אויפן שטויס בייגעלעך פּאַפּיר, וואָס וואַקסט אַלץ אָן, און ער גיט זיך פלוצעם אַ פרעג: איז דען טאַקע בראַנדייס דאָס יידישע אַמעריקע? טראַכטן אַזוי אויך די גרויסע מאַסן, די יידן פון די פוילישע און ליטווישע שטעטלעך, וואָס זענען ערשט נעכטן געקומען אין קאָלאָמבוסעס מדינה? און ווייצמאַן באַשליסט: ער וועט פאָרן קיין אַמעריקע, אויפשטעלן דאָרט אַ מחנה, פונאַנדערוויקלען די אַרבעט פון קרן־היסוד — דער נאַציאָנאַל־פאָנד, וואָס זאַמלט געלט פאַר די גרויסע בוי־פּראָיעקטן, פון וועלכע עס וועט געניסן דאָס גאַנצע פאָלק, פונקט ווי דאָס געלט איז פון גאַנצן פאָלק. ווייצמאַן צערטלט די צוויי ווערטער „קרן־היסוד" — דער איינציקער גוטער אויפטו, ווי ער האָט זיך עס אויסגעדריקט, פון דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ.

ווייצמאַן בעט, אַז מען זאָל צוגרייטן זיין וויזיט אין אַמעריקע. ער איז

מבטל דעם פחד פון יוליוס סימאָן — זיין גוטער־פריינד, וואָס וווינט איצט אין ניו־יאָרק. סימאָן איז זיכער, אַז די מאַסן זענען נישט גרייט, אַז קיין גרויסע געלטער וועט ווייצמאַן נישט זאַמלען.

— איך וועל זיי ווייזן, די סימאָנס און אַלע איבעריקע, צי איך וועל יאָ אָדער נישט טרעפן דעם וועג צום יידישן האַרץ אין אַמעריקע.

אָבער איידער ער פאָרט אַוועק מוז ער זיין אין יידישן לאַנד, זיך באַהויכן מיטן גייסט פון די חלוצים, זען זייער אַרבעט, און זען אַלץ איצט, ווען אַ ייד אַ ציוניסט איז דער ענגלישער הויך־קאָמיסאַר.

דאָס איז ווייצמאַנס פינפטע רייזע קיין ארץ־ישראל. ער מאַכט פאַרשי־דענע סטאַנציעס אויפן וועג. אומעטום פּאָפּולאַריזירט ער די אידעע פון קרן היסוד — נאַציאָנאַל קאַפּיטאַל פאַרן פאָלק־אויפבוי. ניין, ער איז נישט קיין סתם געלט־זאַמלער ביי זיין פאָלק, נישט קיין שנאָרער. מען נעמט אים אויף ווי אַ שליח פון פאָלק. גרויס כבוד גיט מען אים אָפּ אין האָלאַנד. יידן מיליאָנערן גאַרן זיין נאָענטקייט. עס שטראָמען צו אים די אויסגע־בענקטע מאַסן.

יעקאָבוס קאָהן, דער באַנקיר, איז אַ ביסל צעשראָקן. מער ווי פופציק טויזנט גולדן קען דער קרן־היסוד דאָ נישט שאַפן, וואָרנט ער ווייצמאַנען. און אָט איז די גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונג. ווייצמאַן רעדט וועגן דעם וווּנדערבאַרן חלוצים־עפּאָס, וועגן זייער ליבשאַפט און זייערע קרבנות, דאָס וואָרט געלט דערמאָנט ער בכלל נישט, אָבער גלייך אויפן אָרט ווערט געזאַמלט אַ פערטל מיליאָן גולדן. איינער אַ מיליאָנער איז גרייט צו געבן יעדן סכום, אויב ווייצמאַן וועט זיין זיין גאַסט. דער זעלבער מיליאָנער האָט צוגעגרייט פאַר אים אַ ספּעציעלע קופּע אין באַן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ קעניג.

די רייזע גייט אָן, עס ווערט אַלץ נענטער צום מזרח, און ווייצמאַנען פאַרקלעמט אָפּט דאָס האַרץ: צי האָט ער רעכט אַזוי אָפט צו פאַרלאָזן זיינע טייערע און ליבע? וואָלט ער דען נישט געדאַרפט זיין לעבן די קינדער און אַכטונג געבן אויף זייער חינוך? מעג ער שטענדיק זיין אין דער ווייט? די משפחה שרייבט צו אים אָפט און בעט אַ בריוו נישט פון „פּראָפעסאָר חיים ווייצמאַן דעם פירער, נאָר פון היימקען דעם ברודער", ווי עס דריקט זיך אויס די עלטערע שוועסטער מרים. אָבער בקרוב וועט ער זען די מאַמע אין ארץ־ישראל. אַ שמייכל באַווייזט זיך אויף ווייצמאַנס פּנים. ער דערמאָנט זיך: נאָך יעדן וויכוח מיטן ברודער שמואל, דעם רעוואָלוציאָנער, פלעגט די

מאַמע זאָגן: איך בין אַ גליקלעכע מאַמע, וואָרעם ווען שמואל געווינען, וועל איך לעבן אין כבוד און אין גליק אין רוסלאַנד, ווען חיימקע געווינען, וועל איך לעבן אין רו און אין פרייד אין לאַנד פון די אבות.

דאָס מאָל איז ווייצמאַנען אָנגענעם די רייזע. מיט אים פאָרט דער ענגלישער ייד אַלפרעד מאָנד, אַ בעל־מאה און בעל־דעה אין ענגלאַנד. בריינדעס האָט זיך געבייזערט, אַז די ציוניסטן האָבן נישט קיין פאַרשטענ־דעניש פאַר ספּעציאַליסטן, אַז זיי טוען אַלץ אַמאַטאָריש, פאָרט איצט דער געשעפטס־מענטש אַלפרעד מאָנד, פאַרטרעטער פון אַ ספּעציאַליסטן־קאָמי־טעט, וואָס ווייצמאַן האָט צוזאַמענגעשטעלט, כדי צו זען און פאָרשן די מעגלעכקייטן אין ארץ־ישראל.

וואָס נענטער צום מזרח אַלץ באַרעדעוודיקער ווערט מאָנד. ער לאָזט זיך טראָגן פון גרויסע פּלענער, ווערט עמאָציאָנעל — גאָרנישט געשעפטס־מעסיק.

הערבערט סעמועל פאַרבעט ווייצמאַנען צו זיך אין רעגירונגס־הויז אויפן הר־הזיתים. ווייצמאַן טראַכט וועגן פאָלק און געפינט אַ פּשרה: די זונטיקס וועט ער פאַרברענגען מיט סעמועלן, אָבער די איבעריקע טעג פון דער וואָך וועלן געהערן זיינע יידן.

ווייצמאַן ווייזט דאָס לאַנד דעם פינאַנסיסט אַלפרעד מאָנד. דער טרוקענער געלט־מענטש איז באַגייסטערט ביז טרערן. ער שטוינט פאַר דער גבורה און ליבשאַפט פון יידישע בחורים און מיידלעך, וואָס פלאַסטערן וועגן אונטער דער הייסער ארץ־ישראל־זון.

— איז עס מעגלעך, איז עס מעגלעך? — שעפּטשעט ער.

ווייצמאַן שרייבט אַהיים ענטוזיאַסטישע בריוו וועגן דער נייער עליה, וועגן וווּנדערבאַרן מענטשן־מאַטעריאַל. ער באַהאַלט אָבער נישט אויס די שוועריקייטן: די מענטשן אין דער אַדמיניסטראַציע האָבן זיך נישט געביטן. די שנאה איז די זעלבע, אָבער דיסקרעט. די אַראַבער סטראַשען סעמועלן, און ער האָט מורא פאַר זיי.

ווידער אומענדלעכע זיצונגען, ווידער רייבונגען און קליינלעכקייטן. ווייצמאַן רעדט צום ישוב. ער טרייסט און מוטיקט אויף זיין אופן — זאָגט אָן, אַז „מ׳וועט נאָך דאַרפן געניג ליידן". אין יפו, פאַרן ראַט פון די לערער

רופט ער אויס: ציוניזם אָן יידישער קולטור וועט פאַרוואַנדלען ארץ־ישׂראל אין אַ נייער אוגאַנדע.

די מאַמע וואָלט וועלן, אַז איר חיימקע זאָל לעבן איר בלייבן וואָס לענגער. ביי יעדער געלעגנהייט איז דער זון מיט דער מאַמען, זי האָט זיך נאָך נישט אָנגעפרייט גענוג. חיים טיילט זיינע שעהען צווישן ארץ־ישׂראל און דער מאַמען. עס גייט אויף אין אים אַ וואַרעמקייט, ווען ער דערמאָנט זיך, ווי זיי זענען איינער צום צווייטן צוגעפאַלן. זי האָט אויף אים געוואַרט אין שטוב, אין חיפה, געוואָלט זיי זאָלן זיין אַליין ביים צונויפטרעף, אַליין ביים האַלדזן זיך, אַליין ביי די ערשטע רייד.

אין שטאָט איז פאָרגעקומען אַ גרויסער קבלת־פּנים. ווייצמאַן האָט גערעדט וועגן תורה און חלוצים, וועגן חינוך און עליה. דער מאַמעס האַרץ האָט אָנגעקוואָלן. נאָכן קבלת פּנים, לעבן דער מאַמעס שטוב, האָבן זיך געזאַמלט הונדערטער חלוצים. זיי האָבן געזונגען, געיובלט. די מאַמע מיטן זון האָבן זיך באַוויזן אויפן באַלקאָן, דער ענטוזיאַזם ביים עולם איז געווען אין לשער.

אין ירושלים, דעם 30טן יאַנואַר, 1921, רעכנט זיך ווייצמאַן אָפּ מיט זיינע שונאים און קעגנער. די צייט האָט נאָך אַלץ נישט באַוויזן אויס־וואָרצלען ביי זיי די אילוזיע, אַז די יידישע מדינה וועט אויפשטיין אויב מ׳וועט זי פאַרלאַנגען, מיט געוואַלט, מיט כוח. מענטשן, פאַרפירט פון אומגעדולד, טענהן, אַז ווייצמאַן איז צו לאַנגזאַם, צו פאָרזיכטיק. זיי קענען נישט באַנעמען, פאַר וואָס ער פאָדערט נישט די מדינה, פאַר וואָס ער באַנוגנט זיך מיט אַזוי ווייניק?

ענטפערט זיי ווייצמאַן: לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז גוויים האָבן געזאָגט — „אָט האָט איר אַ שטאָט״, וואָלט עס דען עפּעס געמיינט? דאָס וואָלט סתם געווען אַ פאָרמולע, נשטאָ מער ווי אַ פאָרמולע.

ווייצמאַן דערמאָנט אויך די קריטיק, וואָס בלאָזט פון „הויכע וואַשינג־טאָנער פענצטער״, פון די פירער, וואָס דענקען, אַז מען דאַרף אויפלייזן יעדע מעגלעכע יידיש־פּאָליטישע אָנשטרענגונג, וואָרעם די באַלפור־דעקלאַראַציע האָט שוין אַלץ אָפּגעטאָן, איצט דאַרפן נאָר קומען גרויסע קאָרפּאָראַציעס און קאָלאָניזירן. „ווען ער דערמאָנט זיך אין אָט די מענטשן — רופט ווייצמאַן אויס — שטייגט אויף אין אים אַ ווילן אויפצושטיין און צעברעכן די לוחות״.

נאָך דעם ווי ער שטילט איין זיין כעס זאָגט ווייצמאַן, טיף און לאַנגזאַם, באַטאָנענדיק יעדעס וואָרט:

„אַ מדינה ווערט נישט געשאַפן דורך אַ פאַראָרדענונג. אַ מדינה ווערט געבויט דורך דורותדיקער אַרבעט פון פאָלק. ווען עס וואָלטן אַפילו אויפגעשטאַנען אַלע מלכים פון מזרח און מערב און אונדז געגעבן אַ מדינה, וואָלט עס נישט מער געווען ווי רייד. אויב אָבער דאָס יידישע פאָלק וועט אויפשטיין, עולה זיין און בויען ארץ־ישראל, וועט די יידישע מדינה זיין אַ לעבעדיקער פאַקט".

בויען הייסט נישט בלויז מענטשן, נאָר אויך געלט, און געלט קען קומען נאָר פון אַמעריקע. ווייצמאַן גיט נישט אויף זיין פּלאַן, ער וועט זיך שטעלן פנים אל פנים דעם יידישן אַמעריקע און ער איז זיכער, אַז ער וועט געפינען אַ בשותפותדיקע שפּראַך מיט איר. „זיינע יידן" וועלן אים פאַרשטיין, — באַמערקט ווייצמאַן אָפט. ווען ער טראַכט וועגן אַמעריקע, ברענגט ער דעם פסוק פון חז"ל: „אַ גרויסע טובה האָט געטאָן דער קדוש ברוך הוא, וואָס ער האָט פאַרשפּרייט ישראל צווישן די פעלקער". דאָס האַרץ זאָגט אים, אַז פון אַמעריקע דאַרף קומען די ישועה.

די אַמעריקאַנער עסקנים ווייסן גענוי, וואָס ווייצמאַן ברענגט מיט זיך און זיי זענען כלל נישט צופרידן. ווייצמאַן האָט אויפגעקלערט זיין פּלאַן פאַר פּראָפעסאָר בערנאַרד פלעקסנער, דעם געהויבענעם אַמעריקאַנער עסקן, מיט וועמען ער האָט זיך באַקענט אין פּאַריז אויף דער שלום־קאָנפערענץ: דער ציוניזם באַזירט זיך אויף אַ קאַרדינאַלן פּרינציפּ, אַן איין און איינציקן, און דאָס איז דער יידישער נאַציאָנאַליזם. זיין וויכטיקסטער ציל איז דאָס אומקערן זיך קיין ציון און שאַפן דאָרט אַ הונדערט־פּראָצענטיק יידיש לעבן.

דער אַמעריקאַנער ייד איז נשתומם געוואָרן, ווען ער האָט זיך דערוווּסט וועגן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון ציוניזם, וועגן אַ וועלט־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אינטערנאַציאָנאַל, פּונקט ווי אירע פינאַנסן, פּראָפּאַגאַנדע־מיטלען און דאָס איבעריקע. ער האָט געשטוינט, וואָרעם אַזאַ פּלאַן איז אַ געפערלעך געווער אין די הענט פון די יידישע שונאים, ער וועקט אַ חשד וועגן „יידישן אינטערנאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל". דער ריכטער לואי בראַנדייס און זיינע פריינד ווילן דערפון נישט הערן. יעדעס לאַנד וועט זיך האָבן זיין ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, זיין אופן פון אַרבעט. אַמעריקאַנער יידן האָבן נישט געקענט באַשטיין, אַז זיי זאָלן זיך געפינען אויף דער זעלבער שיף, צוזאַמען

מיט יידן פון פוילן און גאַליציע. עס שרעקט זיי דאָס וואָרט אינטערנאַציאָנאַל, מיט וועלכן ווייצמאַן באַנוצט זיך.

ווייצמאַן שרייבט צום געערטן פּראָפעסאָר פלעקסנער, אַז געוויסע יידן אין אַמעריקע און זייערע מנהיגים וואָלטן וועלן שטיין מן הצד. זיי זענען נישט אַנגאַזשירט אין די ענינים ווי מיר, דעריבער קענען זיי גיין לאַנגזאַם, און קוקן מיט קאַלטקייט אויף די ענטוזיאַסטן. זיי זענען מענטשן פּראַקטישע און פאָרזיכטיקע, זיי ווילן נישט שטעלן אין געפאַר זייערע פּאָזיציעס, אין קעגנזאַץ צו יענע, וואָס האָבן נישט וואָס צו פאַרלירן; דעריבער טאַקע ווילן זיי רעדוצירן דעם ציוניזם צו אַ מין צדקה־געזעלשאַפט, נאָר נישט קיין גרויסע באַוועגונג, וואָס זאָל אויפציטערן דעם גלות און צעשפּליטערן אויף ברעקלעך די אייביקע שקלאַפעריי. בראַנדייס וואָלט געקענט זיין אַ נביא אין ישראל און ער, פלעקסנער, האָט די פעאיקייטן פון אַ מענטש ווי לאַסאַל. פלעקסנער באַנוגנט זיך אָבער מיט זיין אַ פּראָפעסאָר אין האַרוואַרד, און בראַנדייס — מיט זיין פּאָזיציע אין הויכן געריכט.

עס שרעקן זיך געוויסע עסקנים: אויב דאָס איז די תורה, וואָס ווייצמאַן ברענגט קיין אַמעריקע, דאַרף מען שטאַרקן די וואַכזאַמקייט און זיין גרייט אויף אַ קאַמף. די מענטשן אין וואַשינגטאָן האָט נישט געשמעקט די תורה פון פינסק.

די רייזע קיין אַמעריקע ווערט כסדר אָפּגעשלעפּט. יעדעס מאָל וואַקסט אויס אַ נייע שוועריקייט.

די פעלקער־ליגע דאַרף באַשטעטיקן דעם ענגלישן מאַנדאַט אויף ארץ־ישראל, וואָס די אַנטאַנט־מלוכות האָבן באַוויליקט אין סאַן־רעמאָ. ווייצמאַן שרעקט זיך פאַר די גרענעצן פון ארץ־ישראל, וואָס ענגלאַנד קען פאַרשלאָגן. ער האָט מורא, אַז מען זאָל נישט אָפּרייסן עבר־הירדן פון ארץ־ישראל. ער האָט אַ חשד, אַז מען וויל דאָס לאַנד פאַרשמעלערן, סיי אין מזרח און סיי אין דרום.

ווייצמאַן וואָרנט טשערטשילן קעגן אַ מעגלעכן ריס אין דער ארץ־ישראל־טעריטאָריע: זאָל מען נישט פאַרגעסן, אַז עבר־הירדן איז שטענדיק געווען אַ טייל פון יידישן לאַנד. אין אים האָבן געפּאַשעט זייערע סטאַדעס די שבטים ראובן, גד און מנשה. און כאָטש דער מזרח־טייל פון לאַנד האָט נישט פאַר יידן דעם זעלבן היסטאָרישן און רעליגיעזן זין ווי דער מערב־טייל, קען ער אָבער דעצידירן, פון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט, די צוקונפט פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים. ווייצמאַן שרייבט באַגייסטערט וועגן

עבר־הירדן, וואָס איז איצט פאַרוואַרלאָזט, קוים באַזעצט דורך וואַנדערנדיקע בעדואינער־שבטים; ער איז פול מיט התלהבות איבערן דערפרישנדיקן קלימאַט אין דער הויכער פּלאַטאָ, דער פּרוכטבאַרקייט פון דער ערד, די באַוועלדערטע בערג. יידישע קאָלאָניזאַציע אין עבר־הירדן וואָלט נישט אַרויסגערופן קיין רייבונג מיט קיינעם. עס וואָלט לאַנג נישט געדויערט, און דער שטח וואָלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ברויט־שפּייכלער פון גאַנצן לאַנד. אָן עבר־הירדן איז שווער צו באַנעמען, אַז דאָס לאַנד זאָל ווערן אַ געזונטע, אומאָפּהענגיקע עקאָנאָמישע איינהייט. אָפּרייסן פון ארץ־ישראל אַ פּאָר טויזנט קוואַדראַט־מייל וועט דעם אַראַבישן נאַציאָנאַליזם נישט איינשטילן; דאַקעגן וועט אַזאַ אַקט שעדיקן די בריטישע פּאָליטיק לגבי דער נאַציאָנאַלער יידישער היים. ווייצמאַן באַרירט אויך די פראַגע וועגן דער דרום־גרענעץ פון יידישן לאַנד. מען טאָר נישט טראַכטן וועגן אָפּשליסן דעם צוגאַנג צום רויטן ים. די עקבה־בוכטע איז אַ לעבעדיקע נויטווענדיקייט פאַרן לאַנד. עס וואָלט געווען נישט לאָגיש און נישט יושרדיק, ווען עקבה וואָלט אַריבער אין די הענט פון עמעצן אַנדערש.

ווייצמאַן איילט פון איין מענטש צום צווייטן, כדי אויפצוקלערן די פראַגע פון די ארץ־ישראל־גרענעצן, וואָס די פעלקער־ליגע דאַרף באַשטימען. ער שרייבט וועגן דעם אַ סך, און דאָ הערן נישט אויף די הילפס־געשרייען פון ישוב, וואָס ראַנגלט זיך מיט עקאָנאָמישע שוועריקייטן.

די רייזע קיין אַמעריקע טאָר מער נישט אָפּגעלייגט ווערן.

מיט אַ שווער האַרץ דערווייטערט זיך ווייצמאַן פון די צוויי הויפּט־פראָנטן: לאָנדאָן און ירושלים. אים דוכט זיך, אַז אַ ליאַדע מינוט קען אים אויפטרייסלען אַ ביטערע איבערראַשונג. ווער ווייסט, וואָס מען גרייט צו דאָרטן, אין די אַדמיניסטראַציע־קרייזן אין ירושלים? און ווער ווייסט צו וואָס די אַראַבישע פּראָפּאַגאַנדע אין לאָנדאָן קען דערפירן? נישט איין מאָל איז ווייצמאַן דערשטוינט פון די שנאהדיקע אַרטיקלען, וואָס באַווייזן זיך אין דער ענגלישער פּרעסע. דער געדאַנק פון שיבת־ציון ווערט אין זיי דערנידערט; דער יידישער אויפּטו אין ארץ־ישראל — געפּעלשט און פאַרביליקט.

אָבער ער מוז איילן קיין אַמעריקע. פון וואַנען זאָל ער ברענגען די מיליאָנען, וואָס די אויפבוי־אַרבעט אין לאַנד פאָדערט? די ישובים אין איראָפּע זענען חרוב געוואָרן אין די מלחמה־יאָרן. ווי זאָלן זיי העלפן, אַז

זיי אַליין קוקן אויס אויף אַמעריקאַנער „פעקלעד" און דאָלאַרן? און דאָס רוסישע יידנטום — ווער ווייסט ווי זיין מאָרגן וועט אויסזען?

אַמעריקע מוז העלפן, זי מוז איבערנעמען די פירערשאַפט!

דעם צווייטן אַפּריל 1921 האָבן די יידן פון ברוקלין און בראָנקס זיך געפעדערט אויפצושטיין. אַ יומטובדיקע ידיעה איז דורכגעלאָפן די שטאָט: ווייצמאַן קומט אָן, און מיט אים אַלבערט איינשטיין, מנחם אוסישקין און נאָך גדולים בישראל.

יידן ציען צום פּאָרט. די טאָג־טעגלעכע גרויקייט, וואָס גייט נאָך ווי אַ שאָטן, די שווערע ניו־יאָרקער פּראַצע, איז פאַרשוואונדן. באַלד וועט אַמעריקע זען, אַז זיי, די האָרעפּאַשניקעס, די היטל־מאַכער און שניידער, די שאַפּ־שוויצער פון כל המינים זענען נישט קיין פאַרגעסענע און פאַריתומטע. אָט קומט דער שטאָלצער גאולה־מבשר, זייער חיים ווייצמאַן, אַ מענטש פון ערגעץ אַ שטעטל ווי זייערס, וואָס רעדט זייער לשון, טרוימט זייערע טרוימען, און איז באַלעבט מיט די זעלבע בילדער פון חומש און דער אגדה.

דאָס פאָלק האָט זיך געזאַמלט אין פּאָרט. גרויסע, גרויסע מאַסן קוקן אַרויף צו דער שיף. זיי פלאַטערן פון פרייד.

און אין זיין קאַיוטע זיצט ווייצמאַן און לייענט, שוין צום דריטן מאָל מסתם, דעם אולטימאַטום, וואָס די פירער פון גרויסן, רייכן ישוב האָבן צו אים אַרויפגעשיקט. זיי וועלן מיטאַרבעטן — וואָרענען זיי — אויב ווייצמאַן וועט זיך האַלטן ביי זייערע באַדינגונגען. ווייצמאַן באַשליסט: מסכים זיין, וואָלט געהייסן פאַרראַטן די פּרינציפּן, וואָס זיינען אים הייליק. ער וועט נישט מוותר זיין אויפן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון ציוניזם, נישט אויפגעבן דעם פּאָליטישן אַפּאַראַט. ער איז נישט געקומען אין שליחות פון עפּעס אַ צדקה־געזעלשאַפט; ער איז דער אָנזאָגער פון אַ גרויסער פאָלקס־באַוועגונג, וואָס נעמט אַרום רייך און אָרעם צוגלייך.

דער בריוו פאַלט אַרויס פון ווייצמאַנס האַנט. ער קוקט אויף די מאַסן, וואָס וואַרטן אויף אים אונטן: די זעלבע יידן, נאָר פרייער איז זייער בליק, גלייכער — זייער געשטעל. ער ווייסט, אַז זיי וועלן באַנעמען זיינע רייד, זיי וועלן אויפלייכטן אין זיין בשורה.

ווייצמאַן זאָגט צו זיי מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער: „איך פיל, אַז מיר זענען דאָס רייכסטע פאָלק אויף דער וועלט, ווייל ווען מיר זענען פאַראייניקט און עס לעבט אין אונדז די זעלבע אמונה, קענען מיר אַלץ, אַלץ דער־

גרייכן״ — און ער פֿאַרענדיקט פּראָזאַיִש — „דאָס גאַנצע געלט וואָס איז אונדז נייטיק״.

ער פֿרעגט: וואָס האָבן מיר דערגרייכט און וואָס איז אונדזער באַזיץ? און ער ענטפֿערט: אַ וועלט־דעקלאַראַציע, וואָס אָנערקענט דעם זכות פֿון די יידן אויפֿן לאַנד פֿון זייערע אבות און די הבטחה מיטצוהעלפֿן אויפֿשטעלן די יידישע היים. מיר האָבן אַן אַדמיניסטראַציע אין ארץ־ישראל פֿון אַ ייד און אַ ציוניסט — הערבערט סעמועל. און דער עיקר, דאָס וויכטיקסטע פֿון אַלץ, מיר האָבן חלוצים, די אויפֿלעבער פֿון מדבר. זיי האָבן געשאַפֿן דעם גרויסן נס. זיי זענען נישט קיין ביזנעס־מענטשן, נאָר מענטשן גרייט צו קרבנות. זייערע הענט דאַרפֿן מיר שטאַרקן, און איר, אַמעריקאַנער יידן, וועט עס טאָן און באַווייזן.

ער פֿאַרדעקט נישט די שוועריקייטן און ער זאָגט זיי: „עס זענען פֿאַראַן ענגלענדער וואָס ווילן אונדז מכשיל זיין, אַראַבער, וואָס ווילן אונדז אומברענגען און יידן, וואָס טענהן, אַז דאָס איצטיקע יציאת מצרים מיינט נישט זיי, נאָר די אומגליקלעכע ברידער אויפֿן צווייטן זייט אָקעאַן״.

ווייצמאַן לאָזט זיך איבער דער גרויסער אַמעריקע. ער געפֿינט זיינע יידן אין מיטשיגען און אין קענזאַס; אין אילינאָיס און אין קאַליפֿאָרניע; אין ניו־דזשוירסי און אין טעקסאַס, — אין די שטעט און שטעטלעך אָן אַ צאָל.

אָפֿט מאָל פֿאַרטראַכט זיך ווייצמאַן: סאַראַ וווּנדערלעך פֿאָלק! אָט הערן זיך איין צו זיינע רייד יידן פֿון צווייטן, דריטן דור אין אַמעריקע. ערגעץ אין אַ פֿאַרוואָרפֿן שטעטל, ווייט פֿון די גרויסע ישובים. דוכט זיך, פֿרעמדע, ווייטע מענטשן, וואָס האָבן גאָרנישט קיין שייכות מיט די ליידן און פֿריידן פֿון די חלוצים, און דאָך — ווי עס לייכטן אויף זייערע אויגן ווען ער דערציילט זיי וועגן גרויסן עפּאָס פֿון אַרבעט און ליבע. זיי גיבן געלט פֿאַר אַ לאַנד, וואָס זיי וועלן אפֿשר גאָר קיין מאָל נישט זען, און דאָך, אַ לאַנד, וואָס איז זיי — אַמעריקאַנער קינדער — אַזוי נאָענט און ליב.

אָנגענעם, הייליק, אָבער אויך ביטער שווער, איז ווייצמאַנס שליחות. עס טרעפֿט, אַז מען פֿאַרבעט אים אין אַ רייך יידיש הויז ערגעץ אויף אַ ווייטן אַמעריקאַנער וועג. עס פֿאַרזאַמלען זיך אין אַן אָוונט די פּעטערס און די מומעס, יעדער איינער מיט זיין יחוס און זיינע פֿאַרדינסטן. מען פֿרעגט אים פֿראַגן אָן אַ סוף. אַ שרעקלעכע לאַנגווייליקייט דערקוטשעט אים ביז גאָר. אָבער ער הערט, ער מוז זיין העפֿלעך — ער האָפֿט אויף אַ „פֿעטן טשעק״ פֿאַרן קרן־היסוד.

און אַזוי פֿון שטעטל צו שטעטל. אָפֿט שאַרט די באַן זיך אַריין פֿאַר־

טאָג, ערגעץ אין אַ העק. ווייצמאַן בענקט נאָך אַ וואַרעם בעט, נאָך אַ פּאָר שעה שלאָף. אָבער עס וואַרטן שוין אויף אים יידן פון „ריסעפּשן קאָמיטי". זיי ווייזן אים דעם צוגעגרייטן פּראָגראַם, די רעדעס, די צוזאַ־מענטרעפעניש מיט צענדליקער וויכטיקע מענטשן. עס שטעלט זיך אַ נייער טאָג, אַ ציוניסטישער, ערגעץ אין אַן אַמעריקאַנער שטאָט.

פּראָווינציאָנעלע זשורנאַליסטן באַלאַגערן אים. זיי טוען אים אָן לע־גענדאַרע קרוינען, שרייבן אים צו נישט געשטויגענע פאַרדינסטן און אויפטואונגען. ווייצמאַן בעט זיך ביי זיי: איך בין נישט קיין יידישער קעניג, קיינער האָט מיך אין ירושלים נישט געזאַלבט; איך האָב נישט דערפונדן דעם שטאָף און נישט יענעם.

ווייצמאַן ציט זיך צום האָטעל, אָבער אָט לויפט אים אַנטקעגן אַ ייד מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט: שלום עליכם חיים, שלום עליכם, איך בין אַ פּינסקער, מיין טאַטע איז געווען דעם גבאיס אַן איידעם, גוט געקענט אייער טאַטן רב עוזר... ווייצמאַן שמייכלט און דערלאַנגט אַ מידע האַנט.

אָבער דאָלאַרן האָבן אָנגעהויבן צו פליסן פון אַמעריקע קיין ארץ־ישראל; און יעדער דאָלאַר איז געווען איינגעטונקען אין ווייצמאַנס שוויים און בלוט.

די פירער ווילן פאַרשטעלן פאַר אים דעם וועג. זיי פאַרעפנטלעכן אין דער פּרעסע אַ וואָרענונג קעגן אים. ווייצמאַן שלעפּט אַראָפּ די פירער פון די הויכע פענצטער צו דער נידער. „גיט אויף אייער קאַמף" — רופט ער אויס. — מיט אונדז איז דער כוח און דער נצחון, ווייל מיר זענען דאָס פאָלק. מיר זענען דער אַדרעס פון פאָלק, זיין פּנים און געשטאַלט. נעמט אַ ביישפּיל: אין פאַרגלייך מיטן „דזשאָינט" זענען מיר גרויסע אָרעמעלייט. מיר האָבן נישט זיינע מיליאָנען. און דאָך איז דער „דזשאָינט" נישט מער ווי אַ פּאַראָקיאַלע אינסטיטוציע, וואָס פאַרנעמט זיך מיט צדקה, אָבער די ציוניסטן, אַפילו אָן געלט, ווערן אויפגענומען אַלס די פאַרטרעטער פון וועלט־יידנטום. דער מאַנדאַט איז באַשטעטיקט געוואָרן אַ דאַנק דעם גרויסן מאָראַלישן כוח, וואָס לעבט אין ציוניזם... גאַנץ מעגלעך, אַז גע־וויסע יידן איז נישט אָנגענעם צו רעדן וועגן אַן אינטערנאַציאָנאַלער יידי־שער אָרגאַניזאַציע, אָבער אָן דעם וועלט־מאַסשטאַב וואָלט אַלץ צעפאַלן, אַלץ וואָס מיר האָבן באַוויזן אויפשטעלן ביז איצט. וואָרעם וואָס מיינט אָט די אינטערנאַציאָנאַלישקייט? דאָס איז דער אַלטער כוח און אמת, אויף וועלכן עס האָט זיך שטענדיק באַזירט דער יידישער קיום — אַן אמת, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין גוט באַקאַנטן פּסוק „כל ישראל אחים

והם ערבים זה בזה". גאַנץ מעגלעך — דערקלערט ווייצמאַן — אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון ציוניזם קען צערייצן נישט איין אַנטיסעמיט און אונדז אַפילו ברענגען שאָדן, אָבער ס'איז נישטאָ קיין אַנדער וועג. די זעלבע דילעמע איז אויך געשטאַנען פאַר הערצלען, ווען ער האָט געהאַלטן ביים צוזאַמענרופן דעם ערשטן ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס. מעגלעך, אַז אַנטיסעמיטן וועלן בילן דאָ אָדער דאָרט, אָבער, צוליב דעם טאָר מען נישט צעברעקלען די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַני־זאַציע, אַז יעדעס לאַנד זאָל זיין אַ וועלט פאַר זיך.

און זאָלן נישט וואַגן די געלטזעק קומען מיט דער טענה, אַז די דעה קומט זיי, ווייל זיי גיבן די גרעסערע סומעס; זאָלן זיי נישט פאַרלאַנגען קאָנטראָל און הערשאַפט. דאָס געלט געזאַמלט אין דער יידישער אַמעריקע וועט געהערן דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, מיט זיין הילף וועלן אויפגעשטעלט ווערן פּראָיעקטן, וואָס וועלן אַריבערגיין אין באַזיץ פון זיין עקסצעלענץ — דעם יידישן פאָלק!

ווייצמאַן האָט געפילט, אַז מען וויל אין אַמעריקע אַרויסנעמען די פירערשאַפט פון זיינע הענט און פאַרוואַנדלען דעם ציוניזם אין אַ מין צדקה־אינסטיטוציע. ער האָט אָבער צוריקגעשלאָגן די אַטאַקע פון געוונען.

ווייצמאַן דערשרעקט זיך נישט פאַר דער טענה, אַז די פירער אין ארץ־ישראל זענען נישט קיין פינאַנס־עקספּערטן. ער וועט שוין די פאַסיקע ספּעציאַליסטן געפינען. דעם יונגן, ענערגישן פירער ד"ר סטעפאַן וויז זאָגט ווייצמאַן: „איך וועל האַנדלען ווי פרידריך דער גרויסער. פריער דערקלערן קריג, און דערנאָך פאַרבעטן אַ פּראָפעסאָר וואָס זאָל פאַר־טייטשן דעם פאַרוואָס".

שווער איז ווייצמאַנען געווען זיך צונויפצורעדן מיט די פירער, וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט פאַרשיפן אין איין שיפל מיט די געפלאָגטע פון יענער זייט ים, נישט געוואָלט האָבן זיי אַ פירער, וואָס פרעדיקט אינ־טערנאַציאָנאַליזם אין יידישע ענינים; נישט געוואָלט האָבן זיי זיך אונ־טערוואַרפן אַ מנהיג, וואָס האָט זיין אייגענעם וועג און לשון. עס איז שווער געווען דאָס צוזאַמענרעדן זיך, און ווייצמאַן רופט אויס: „נישטאָ קיין בריק צווישן וואַשינגטאָן און פינסק".

16

שטענדיק טליעט אין אים עפּעס אַ שרעק. ווען ער שטייט און רעדט פֿאַר אַן עולם, דוכט זיך אים כּסדר, אַז אָט וועט מען צו אים אַרויפֿשיקן אַ בייזע נייעס. אין די שלאָפֿלאָזע נעכט טראַכט ער, אַז ער איז אַ קאַפּיטאַן פֿון אַ צעלעכערטער שיף און אַז ביי יעדן מאָמענט קען זיך צעוויגן אַ שרעקלעכער שטורעם. אין די פֿרימאָרגנס, האַלב פֿאַרשלאָפֿן, זוכט ער די ציַיטונגען אַרום זיך. דער בליק גליטשט זיך איבער די נייעס־קעפּלעך. גאָט צו דאַנק: אַדורך אַ טאָג אין שלום און אין רו. אַ טאָג פֿון זייען און שניידן אין יהודה און שרון.

וויצמאַן איז נישט רויק. ער זעט די הונדערטער טויזנטער אַראַבער וואָס ווערן פֿאַרסמט מיט וויסטער פּראָפּאַגאַנדע. יידן זענען אין דער מינדערהייט, אין זייער קליינער צאָל ליגט זייער שוואַכקייט. עס מוז פֿאַרדאָפּלט און פֿאַרדרייפֿאַכיקט ווערן דער ישוב. און דאָס מיינט געלט, געלט. לאָזט זיך וויצמאַן ווידער איבער אַמעריקאַנער שטעט און שטעטלעך.

און איין פֿרימאָרגן — ווידער אַ קייבל פֿון ארץ־ישראל. עס זענען שוין וויצמאַנען מיאוס די כּסדרדיקע הילפֿסרופֿן. דער קייבל איז זיכער נישט אַנדערש פֿון אַלע איבעריקע. דאָך עפֿנט ער לאַנגזאַם דעם קאָנווערט.

ווידער אַ שטורעם אין ארץ־ישראל! וויצמאַנס בליק עקבערט זיך אין די אַנגעפּיקעוועטע שורות: יידיש בלוט גיסט זיך ווידער, אַ פּאָגראָם אין יפֿו, אָנפֿאַלן אויף קאָלאָניעס, פּייער און מאָרד.

יעדער פֿרילינג — און זיין בלוט־גערעטעניש. וויצמאַן זיצט מיט געביילטע פּויסטן אין האָטעל־צימער. אַ קישיניעווער פֿרילינג אין יידישן לאַנד, און נישט אונטער פּאַן פּלעוועס פֿאָן, נאָר אונטער דער ענגלישער. און, גאָט מיינער, מיט אַ יידישן הויך־קאָמיסאַר אין ירושלים!

וויצמאַן שפּאַצירט אויפֿן דעק פֿון דער שיף, וואָס פֿירט אים צוריק קיין לאָנדאָן און ער דערמאָנט זיך אין יענעם מאַי־פֿרימאָרגן אין ניו־יאָרק, ווען ער האָט דערהאַלטן די שווידערלעכע ידיעה. עס קלינגט אויף אין די אויערן זיינע רייד פֿאַר די אַמעריקאַנער יידן, צעטומלטע און דערשלאָגענע פֿון די בלוטיקע געשעענישן: הייב אויף דיין געשריי, יידישע אַמעריקע, און שווער, אַז אויף יעדן געפֿאַלענעם חלוץ וועסטו צוגרייטן

דעם באַדן פאַר נייע הונדערטער, וואָס וועלן אויפשטיין און עולה זיין אין יידישן לאַנד. מיר וועלן נישט צוריקטרעטן, קיין מאָל נישט!

עס הילכט אין אים דער אויסרוף זיינער. ער קוקט אויפן ווייט זיך שפּרייטנדיקן ים און ער באַשליסט פּייערדיק, אַז דאָס זעלבע וועט ער אויסרופן פאַר די ענגלישע פירער: די יידן וועלן נישט צוריקטרעטן:

אין לאָנדאָן וואַרט אויף אים דער גוט באַקאַנטער פּיינלעכער וועג: פון איין מיניסטער צום צווייטן. ער וועקט ס׳געוויסן, ער וואָרנט, ער דראָט.

ער נעמט אויך נישט אַוועק דעם בליק פונעם אַמעריקאַנער פּראָנט. ער שרייבט צו זיין ליבן שמריהו לעווין, אַז ער זאָל שטיין אויף דער וואַך. ער דערציילט אים, ווי דרך־אגב, אַז טשערטשיל האָט אים איינגעלאַדן צו זיך, אָבער ער איז נישט געגאַנגען. ווי לאַנג נאָך וועט מען זיך מיט אים שפּילן? ער וועט נישט גיין צו מענטשן, וואָס האַלטן נישט זייער וואָרט; ער וועט נישט גיין, ביז טשערטשיל וועט נישט דערקלערן קיין ווייטגייענדיקע שנויים. דער עיקר איז אונדזער אייגענער כוח. מען דאַרף זאַמלען געלט, יעדער גראָשן איז וויכטיק, לאָמיר זיך באַפעסטיקן אין ארץ־ישראל!

מיט עטלעכע טעג שפּעטער נעמט וויצמאַן אָן טשערטשילס צווייטע איינלאַדונג. דער מיניסטער רעדט ווי ער וואָלט זיך פאַרטיידיקט. ער זוכט אַ פאַרוואָס פאַר די בלוטיקע אומרוען אין ארץ־ישראל.

מיט אַמאָל גיט טשערטשיל אַ זאָג:

— אויפהאַלטן ארץ־ישראל מיינט פאַרן דורכשניטלעכן ענגלענדער אַן אומזיסטע, שווערע משא; דאָס מיינט העכערע שטייערן, כדי צו דעקן די הוצאות דאָרט.

— הער מיניסטער — רייסט איבער וויצמאַן — שטעלט אונדז נישט אין קיין פאַרכישופטן קרייז. דער אויפבוי פון אַ יידישער היים, זאָגט איר, איז אַ באַלעסטיקונג פאַרן ענגלישן שטייער־צאָלער; אָבער ווען מיר קומען מיט בוי־פּראָיעקטן, וואָס קענען באַרייכערן דאָס לאַנד און פריי מאַכן פון עקאָנאָמישער אָפּהענגיקייט, שטויסט איר אונדז אַוועק מיטן תירוץ, אַז די אַראַבער זענען קעגן.

טשערטשיל הערט זיך איין, אויפמערקזאַם, קאָנצענטרירט, און ער לאָזט זיך אַריין אין אַ פלינקן וויכוח מיטן יידישן מנהיג.

וויצמאַן טרעט נישט אָפּ. ער פאַרלאַנגט אַ צוזאַמענטרעף פון וויכ־טיקע פערזענלעכקייטן. עס מוז איין מאָל פאַר אַלע מאָל דערקלערט ווערן אַן ענדערונג, אַ נייע פּאָליטיק פאַר ארץ־ישראל.

דאָס בלוט קאָכט אויף אין ווייצמאַנען, ווען ער דערמאָנט זיך אין דער „אומגליקלעכער רעדע", וואָס סעמועל האָט לעצטנס געהאַלטן. ער, דער יידישער הויך־קאָמיסאַר, איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך דערשראָקן פאַר די כנופיות פון אַראַבישע רוצחים. ער האָט זיי געפּרווּוט איינשטילן אויפן יידישן חשבון, ער איז אויפגעשטאַנען, „דער ערשטער אין יהודה", און געשלאָסן די טויערן פאַר יידישער אימיגראַציע, און די רוצחים באַלוינט מיט נייע פּאָזיציעס.

ווייצמאַן בײַלט די פויסטן און זיין שפּראַך שוימט פון כעס.

אַרטור דזשיימס באַלפור וויל העלפן. ער זעט די אויפגעהויבענע שווערד איבער די יידישע האָפענונגען.

אין איינעם אַ יולי־אָוונט פאַרזאַמלען זיך אין זיין הויז, אין קאַרלטאָן־גאַרדנס, מענטשן, וואָס האַלטן דעם גורל פון יידישן לאַנד אין זייערע הענט.

באַלפור ווענדט זיך צו ווייצמאַנען: דערציילט וואָס עס קומט פאָר. און ווייצמאַן דערציילט: מען מאַכט חרוב אונדזער ווערק! בעת איך האָב גערעדט אין אַמעריקע וועגן יידיש־ענגלישער צוזאַמענאַרבעט, האָט מען אין ארץ־ישראל געגרייט אַ בלוט־באָד. פול געמאַכט די מאָס צרות האָט הערבערט סעמועל, וואָס האָט אין זיין רעדע צו נישט געמאַכט די באַלפור־דעקלאַראַציע.

טשערטשיל: פאַר וואָס זאָלסטו אַזוינס זאָגן?

ווייצמאַן: ביטע, מיינע הערן — ער ווייזט אָן אַ בינטל בלעטלעך, סעמועלס רעדע — לאָמיר איצט זען, וואָס ער זאָגט און וואָס די באַלפור־דעקלאַראַציע זאָגט. די לעצטע דערקלערט דייטלעך, אַז זי מיינט צוגרייטן די באַדינגונגען פאַר אַ יידישער מערהייט אין ארץ־ישראל. סעמועלס רעדע אָבער זאָגט אָן דאָס פאַרקערטע.

טשערטשילס פּנים ברוגזט זיך. ער איז נישט מסכים מיט ווייצמאַנס אויספיר.

אין דעם פּונקט באַמערקן לאָיד דזשאָרדזש און אַרטור דזשיימס באַל־פור: מיט דער באַלפור־דעקלאַראַציע האָבן מיר געמיינט אַ יידישע מדינה, וואָס וועט אויפגעשטעלט ווערן אין ארץ־ישראל.

ווייצמאַן: פאַר וואָס, אויב אַזוי, איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די יידישע אימיגראַציע? פאַר וואָס האָט מען פאַרהאַלטן די קאָנצעסיעס, וואָס זענען

נייטיק פאַר דער אַנטוויקלונג פון לאַנד? פאַר וואָס האָט מען נישט געגוי־
מען אין שוץ די יידן אין די קאָלאָניעס בעת די אַראַבישע אָנפאַלן?

נאָך אַ קורצן איבעררייס, רופט אויס ווייצמאַן:

— איך וועל נישט מסכים זיין צו אַ פּאָליטיק, וואָס באַשטייט אין פּאַכען און דראָען מיטן רעוואָלווער!

— אַוודאי נישט, אַוודאי נישט! — הערן זיך שטימען.

טשערטשיל רעדט ווידער וועגן די גרויסע שוועריקייטן. ער באַטאָנט, אַז ניין צענטל פון דער אַדמיניסטראַציע אין ארץ־ישראל זענען קעגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע. און בכלל זענען פאַראַן פיל ענגלישע בירגער וואָס ווילן דעם גאַנצן קלאַפּאַט נישט האָבן.

דער וויכוח גייט אַריבער צום ענין פון לעגיסלאַטיוון ראַט אין ארץ־ישראל, וואָס דאַרף אויסגעוויילט ווערן אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן.

לאָיד דזשאָרדזש גיט זיך אַ האַסטיקן באַוועג און רופט אויס:

— אַזאַ זאַך קען נישט אָנגעווענדט ווערן כלפּי ארץ־ישראל.

אַלע באַגרייפן די סכנה: דאָס וואָלט דאָך געמיינט אַ יידישע מינדער־הייט אין אַ ראַט, וואָס וואָלט אָנגענומען אַנטי־יידישע געזעצן.

אַלעמענס בליקן זענען געווענדט צו ווייצמאַנען.

— די אַראַבער האָבן אַיין טאַקטיק — זאָגט ער — סטראַשען ביז מען גיט זיי נאָך. איך וועל מיט זיי נישט אָנהייבן אונטערהאַנדלען כל זמן איך וועל נישט וויסן אַ וואָסערע ס'איז די שטעלונג פון דער ענגלישער רעגירונג.

עמעצער גיט אַן עצה, אַז מען דאַרף צוציען די אַראַבער מיט געלט. אָבער ווייצמאַן וואַרפט דאָס אָפּ. נישט דאָס איז מאָראַליש און נישט דאָס איז לאָגיש. עס וועט געווען זיין, אַז די ענגלענדער וועלן זיך נישט אַריינ־שטופן ווי אַ דריטער צד אין די יידיש־אַראַבישע אונטערהאַנדלונגען.

טשערטשיל ווערט ערנסט, אַ טאָן פון אויפרעגונג קלינגט אין זיינע רייד:

— איך פאַרשטיי נישט די שפּראַך וואָס איר האָט גענוצט אין אַמע־ריקע, — רופט ער אויס צו ווייצמאַנען — איך האָף, אַז מיט די אַראַבער וועט איר אַזוי נישט רעדן.

ווייצמאַן ענטפערט אויפן אָרט:

— איך ווייס נישט צי איר וואָלט געקענט ביישטיין די רייד, וואָס איך האָב זיי צו זאָגן.

ענדלעך איז טשערטשיל מסכים אויף געוויסע שינויים. די אימיגראַציע

וועט באַנייט ווערן, אָבער מיט אַ באַגרענעצונג; די קאָנצעסיעס וועלן באַוויליקט ווערן; די קאָלאָניעס וועט געגעבן ווערן שוץ.

די זיצונג פאַרענדיקט זיך, די מענטשן צעגייען זיך. ווען ווייצמאַן הייבט זיך אויף, גייט צו אים צו באַלפור און לייגט אים אַרויף אַ האַנט אויף זיין אַקסל:

— די זיצונג איז געווען זייער אַ נוצלעכע. איר דאַרפט איצט צושטעלן אַ מעמאָראַנדום מיט די ציוניסטישע תביעות. — און שפּעטער גיט ער צו: — עס פאָדערט זיך אַ גרויסע אויפקלערונגס־אַרבעט. איר וואָלט געדאַרפט ריידן אויף אַ גרויסער מאַסן־פאַרזאַמלונג.

ווייצמאַן שווייגט. באַלפור באַגלייט אים צו דער טיר. ער רעדט צו אים וואַרעם, האַרציק: — דער פּרעמיער שעצט אייך זייער. ער פאַרשטייט אייער שווערע לאַגע.

אין דרויסן איז די נאַכט אַ וואַרעמע. ווייצמאַן גרייט זיך צו אַ לאַנגן שפּאַציר — אַן אויסגעפּרוווט מיטל זיך צו אַנטשפּאַנען. אפשר וועט זיך אים איינגעבן פאַר טאָג כאָטש צו כאַפּן אַ דרימל.

די זומער־פעריען האָבן זיך אָנגעהויבן. ווייצמאַן איז אַליין אין דער גרויסער דירה. ווען דער שלאָף ווערט אַנטרונען פון זיינע אויגן, נעמט ער זיך צו די פּעק בריוו. זיין בליק פאַלט אויף אַ צירקולאַר, וואָס דער וואַטיקאַן האָט פונאַנדערגעשיקט צווישן זיינע גלויביקע. ווייצמאַן לייענט ווי דאָס וואָלט געווען צום ערשטן מאָל: „סעקטעס, נישט קיין קאַטוילישע, מיט אַ סך געלט צו זייער דיספּאָזיציע, ברייטערן אויס זייער טעטיקייט... ווען קריסטלעכע זעלנער האָבן איינגענומען דאָס לאַנד, זענען מיר געווען שותפים צו דער אַלגעמיינער פרייד... אָבער ווער וואָלט געקענט גלייבן, אַז די יידן וועלן דערגיין צו אַזאַ פּריווילעגירטער פּאָזיציע אין פּאַלעס־טינע... זיי האַלטן ביים פאַרשוועכן די הייליקע מקומות, זיי פאַרוואַנדלען אין פונקטן פון פאַרוויילונג און שפּיל"....

די נאַכט־שעהען ציען זיך לאַנגזאַם, לאַנגזאַם.

ער גיט זיך ראַפּטעם אַ הייב פון אָרט. אוסישקין און רופּין האָבן זיך מתחייב געווען צו שאַפן גרויסע סכומים געלט פאַרן אויסלייזן דעם עמק, און דער טערמין פון אָפּצאָל דערנעענטערט זיך. אויפן קומענדיקן ציוניס־טישן קאָנגרעס וועט מען אים זיכער שאַרף קריטיקירן צוליב די הויכע פּרייזן, וואָס מען האָט געצאָלט פאַרן באָדן, און אַ גרויסער רעש וועט זיך צעוויגן. מילא, קריטיק איז קריטיק, אָבער ווו נעמט מען דאָס געלט?

ווייצמאַן אײַלט מיט שנעלע טריט צו זײַן שרײַבטיש. ווידער אַ בריוו צו שמריהון: זאָל ער מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען, דער טערמין רוקט זיך אָן. זאָל ער שיקן געלט, וואָס מערער, וואָס מערער!

אויפֿן מזרח גייט אויף אַ נײַער טאָג.

דער זומער פֿון 1921 איז אַ שווערער. אַן אַראַבישע דעלעגאַציע זיצט אין לאָנדאָן און מען טאַנצט אַרום איר. וויכטיקע צײַטונגען טרעטן אַרויס קעגן די ציוניסטן וואָס „פּאַריאָגן" די אַראַבער פֿון זייערע באָדנס. די אַראַבישע דעלעגאַציע איז האָפֿערדיק. אויפֿן וועג קיין לאָנדאָן האָט דער פּויפּסט זי אויפֿגענומען און צוגעזאָגט הילף.

טשערטשיל האָט אײַנגעלאַדן צו זיך די אַראַבישע געסט, און נאָך דעם — ווייצמאַנען.

ווייצמאַן וואַרפֿט אָפּ דעם פֿאָרשלאָג אונטערצוהאַנדלען מיט דער דעלע־גאַציע. וועלכע אַראַבער שטעלט זי מיט זיך פֿאָר? מיט וועמען וואָלט איך געהאַט דעם כּבֿוד צו רעדן? ווער זענען אײַגנטלעך די מענטשן?

טשערטשיל גיט אַ ווונק אויף דער נויטווענדיקייט פֿון גיין אויף אַ קאָמפּראָמיס. ווייצמאַנען איז דאָס שווער צו באַנעמען. אַ קאָמפּראָמיס? מיט וואָס? מיטן חורבן פֿון אונדזער ווערק?

דאָס איז געווען אַן אומאָנגענעמער וויזיט, אַ קורצער און אַן אײַנ־געהאַלטענער. ווייצמאַן זעט קלאָר, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווי־דאַציע פֿון די פּראָ־יידישע הבטחות.

דאָך, טשערטשיל האָט זיך נישט געלאָזט מיטרײַסן מיטן אַנטיציוניס־טישן שטראָם, וואָס האָט געבֿרויזט אין לאָנדאָן, זומער 1921. ער האָט אָפֿן דערקלערט די אַראַבער, אַז די באַלפֿור־דעקלאַראַציע איז אַן עקזיס־טירנדיקער פֿאַקט און ער האָט בכלל נישט בדעה צו רעזיגנירן פֿון איר.

אָבער נישט אַזוי פֿעסט איז געווען סעמועלס שטעלונג אין ארץ־ישׂראל. ער מיינט, אַז ער האָט געפֿונען די ריכטיקע רפֿואה. ער וועט נאָכגעבן די אַראַבער, אַרויסווײַזן זײַ פֿאַרשטענדעניש, און דווקא ער, דער ייד. אַזאַ פּאָליטיק וועט מוזן ברענגען צו אַ יידיש־אַראַבישן שלום. דאָס העלפֿט אָבער נישט. די אַראַבער זענען צערייצט, נישטאָ קיין גרענעץ צו זייערע פֿאַרלאַנגען.

ווען ער, ווייצמאַן, איז געזעסן אין אַמעריקע, געזאַמלט געלט מיט זײַן שווייס און בלוט, איז אין ארץ־ישׂראל אָנגעגאַנגען אַ ליקווידאַציע־

פּאָליטיק. עס זענען אויפגעקומען אַנטי־יידישע געזעצן, אינספּירירט פון שרעק און היסטעריע.

אויפן הר־הזיתים איז געזעסן „דער ערשטער אין יהודה" און אַריינ־געטראַכט אין די טענות פון יידישן פירער. מעגלעך, אַז דער יידישער הויך־קאָמיסאַר האָט זיך דערמאָנט יענעם דעצעמבער־פרימאָרגן אין לאָנ־דאָן, בעתן ערשטן צוזאַמענטרעף מיט וויצמאַנען. ער האָט זיך דאַן אַ ווענד געטאָן צו באַלפורן און לאָיד דזשאָרדזשן: איך גרייט צו אַ מעמאָראַנדום וועגן אַ יידישער מדינה אין ארץ־ישראל און איך וועל אים צושטעלן דער רעגירונג. און אָט איז ער דער ענגלישער הויך־קאָמיסאַר אין ארץ־ישראל. אין זיינע הענט האָט די געשיכטע איבערגעגעבן דעם זכות פון פאַרווירק־לעכן, ווען אפילו טיילוויז, דעם צוויטטויזנט־יאָריקן יידישן חלום. ער זיצט אויפן הר־הזיתים אַרומגערינגלט פון אַגענטן און ראַטגעבער, וואָס מיינען כלל נישט די טובה פון די יידן.

וואָס האָט ער געקענט טאָן אין מיטן פון די אויפגעברויזטע שנאה־כוואַליעס אַרום אים? ער האָט געזוכט גערעכטיקייט פאַר אַלע, געמיינט, אַז אַראַבער וועלן באַנעמען זיין דראַנג צו געפינען אַ מיטלוועג, און אַז ביידע פעלקער וועלן אויפגעריכט ווערן. אָבער ער האָט אַ טעות געהאַט.

און אפשר טראַכט ער איצט, דער יידישער הויך־קאָמיסאַר, וועגן יענעם וויטן שבת אין ירושלים, ווען די שטאָט האָט זיך צעיובלט, זעענ־דיק דעם „ערשטן אין יהודה" גיין אין שול אַריין, גיין צו זיין פאָלק, צו זיין גאָט, געזאַלבט צו ווערן. ער האָט דאַן אויסגערופן אויף דער בימה דעם קלינגענדיקן פסוק: „על כסאו לא ישב זר!". סאַראַ ליכט האָט דעמאָלט געפלייצט איבערן גאַנצן לאַנד.

און איצט וואָרנט אים דער ציוניסטישער פירער, אַז ער וועט מער נישט קענען טראָגן די משא, אויב די אַדמיניסטראַציע איז נישט גרייט ערוב צו זיין דעם יידישן פאָלק, אַז ס'איז אָפן דער וועג קיין ארץ־ישראל. איצט סטראַשעט וויצמאַן, אַז ער וועט מער נישט קענען אָנהאַלטן זיין פּאָזיציע ביי די יידישע מאַסן, וואָס האָבן ביז איצט געהאַט צוטרוי צו אים.

אין לאָנדאָן שטייגט די פאַרביטערונג פון יידישן מנהיג. אים ווילט זיך אַנטלויפן פון מיאוסן רעש, וואָס די אַראַבישע דעלעגאַציע האָט אויפ־געהויבן. און גראָד אין יענע שווערע טעג זענען אויף ס'ניי אויפגעשטאַנען קעגן אים זיינע יידישע קעגנער. ד"ר ס. מאַרמאָרעק קומט אַרויס אין „דזשואיש קראָניקל" מיט פּאַטעטישע רייד קעגן וויצמאַנען: אין אַלץ

איז שולדיק דער יידישער פירער, דער אפּאָרטוניסט, וואָס האָט אויפגע־הויבן אַ האַנט אויפן ציוניסטישן אידעאַל.

ווייצמאַן רעדט זיך אַראָפּ פון האַרץ פאַר זיין פרוי. אַממייסטן טוט אים וויי, וואָס זיינע קריטיקער שווימען שטענדיק אַרויף, ווען די באַוועגונג איז אַרומגערינגלט פון דרויסנדיקע שונאים. ער קלאָגט זיך אויף דער דעמאָראַליזאַציע אין דער באַוועגונג. ער איז דעצידירט אָפּצוואַשן די הענט און פאַרשווינדן.

אין זיין פאַרביטערטקייט וויל ער נישט זען קיין מענטשן. ער האָט בדעה צו רעזיגנירן אויפן קומענדיקן קאָנגרעס און אַוועקגיין. זאָלן אָנפירן מיט די ענינים מאַרמאָרעק און זיינע שותפים. ער האָט נישט אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן. ער כאַפּט אַריין אַלע קלעפּ, ער טוט די גאַנצע אַרבעט, און זיינע שונאים מאַכן נאָך אויף אים בלבולים. ער ווייס בכלל נישט פאַר וואָס ער זאָל דאַרפן ליידן. ער האָט שוין זיינע זיבן יאָר געפּראַצע־וועט, זאָלן איצט אויך אַנדערע עפּעס טאָן. און בכלל — וואָס פאַראַ מין לעבן איז עס? שטענדיק ווייט פון די קינדער, ווייט פון דער פרוי, ווייט פון אַלץ, וואָס איז אים ליב און טייער. ער דערמאָנט זיך אין בנימינען, דעם בכור, זיין בענדזשין. וואָלט ער אים דען נישט געדאַרפט מער צוהעלפן ביי די לימודים, זיין נענטער צו אים?

אָבער פון גורל קען מען נישט אַנטלויפן. אַ טאָג שפּעטער פאָרט ווייצמאַן זיך געזעגענען מיט די קינדער, ער איילט צום ציוניסטישן קאָנגרעס.

צעשטערן טאַקע די יידן זיין לעבן?

ער איז דאָך דער שיינענדיקער שטערן אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס אין קאַרלסבאַד* יידן באַנעמען די גרויסקייט פון זייער פירער. ער האָט אַרויסגעוויזן גבורה און געדולד אין שווערע טעג. אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז אין ענגלאַנד איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו מבטל צו מאַכן די באַלפור־דעקלאַראַציע, זיך באַפרייען פון די יידן און איבער־נעמען דאָס לאַנד פאַר זיך, פּטור ווערן פון פּראָבלעמען און רייבונגען. אין ענגלאַנד האָבן זיך געשטאַרקט די פיינטלעכע עלעמענטן וואָס האָבן נישט געוואָלט דעם שידוך מיט די יידן. צו וואָס — האָבן זיי געטענהט — זאָלן מיר רייצן די אַראַבישע וועלט? צו וואָס נעמען אויף זיך אומזיסט שוועריקייטן און זאָרגן? אַן די יידן, אַן זייער רעש און געפילדער, אַן

---

* 1—14.9.1921

זייערע מדינה־שטרעבונגען, אַן זייערע קיבוצים — „נעסטן פון באָלשע־וויזם" — וואָלט די ענגלישע הערשאַפט אין נאָענטן מזרח אַ סך גלאַטי־קער זיך געקענט אַנטוויקלען. געוואַקסן איז די מחנה פון יידישע שונאים אין לאָנדאָן, און אין ירושלים האָט זיך אַלץ מער צעפלאַקערט דאָס פייער פון אַראַבישן נאַציאָנאַליזם. ווייצמאַן איז געשטאַנען אויף דער וואַך, געוועקט ס׳געוויסן פון ענגלאַנד, געשטאַרקט דאָס געמיט ביים יידישן פאָלק. די ערשטע הונדערט טויזנט דאָלאַר פאַר די קיבוצים אין עמק האָט האָט ער צוזאַמענגענומען, עסנדיק זיך דאָס האַרץ ביי דער טיר פון נישט אײן אַמעריקאַנער גביר. ווען ווייצמאַן וואָלט אויפגעגעבן זיין אמונה אין אָט די שווערע טעג, און איבערגעלאָזן די שיף אויף גאָטס באַראָט, וואָלטן זי דאָך פאַרשלונגען די כוואַליעס פון דער ענגליש־אַראַבישער שנאה. עס וואָלטן דאָן אויך אַראָפּגעפאַלן די הענט ביי די באַלפורס און די לאָיד דזשאָרדזשס און אַלץ וואָלט אַ מבול פאַרפלייצט. דער קאָנגרעס אין קאַרלסבאַד האָט דאָס אַלץ פאַרשטאַנען און יידן האָבן צו ווייצמאַנען אויפגעהויבן זייערע אויגן מיט פאַרשטענדעניש און ליבשאַפט.

אָבער אים אַליין איז ענג אויפן קאָנגרעס. ער וואָלט וועלן אַנטלויפן, אָטעמען איצט די לופט פון עמק. אַ גרויסער יום־טוב קומט דאָרט פאָר. די חלוצים האָבן לחלוטין נישט געוואַרט ביז דער קאָנגרעס וועט באַ־שטעטיקן אָפיציעל די קניה פון די צוויי וויכטיקע שטחים אין עמק און זיי זענען אַרויף אויפן באָדן צוויי טעג פאַר דער קאָנגרעס־באַשטעטיקונג. דאָס זענען געווען די צוואַנציק יונגעלייט וואָס האָבן געגרינדעט נהלל. ווייצמאַן הערט יאָ און הערט נישט די רעדעס אויפן קאָנגרעס, ער שוועבט איבערן עמק, ער איז אין געדאַנק צוזאַמען מיט די צוואַנציק אַנאָנימע דעראָבערער פון דער פאַרוואָרלאָזטער ערד. אָך, ווען ער קען צוזאַמענ־נעמען די מענטשן וואָס צווייפלען, די שונאים פון „מאָרנינג פּאָסט", אַזעל־כע לאָרדן ווי סידענהעם און זייער גלייכן, זיי אַלע ברענגען אַהין, צום עמק, ווייזן זיי וואָס עס מיינט ליבשאַפט און אידעאַליזם, ווייזן זיי די באַהעפ־טונג מיט אַ קראַנקער ערד, וועגן וועלכער די אַראַבער זאָגן, אַז ווער עס טרינקט אירע וואַסערן, קריגט אַ געשוואָלענעם בויך און שטאַרבט אויפן דריטן טאָג.

ווייצמאַן לייענט ווי אַזוי ס׳איז פאַרגעקומען די באַהעפטונג מיט דער ערד. דאָס איז נישט קיין פּשוטע מעשה, נייערט אַן עפּאָפּעע פון יצירה, אַרבעט און ליבשאַפט: „פאַר טאָג זענען מיר אַרויסגעפאָרן אויף אונדזערע וועגענער צו דער נייער ערד. אין אונדז האָט געפלאַטערט די פרייד, אַ געפיל, אַז מיר דערנענטערן זיך צו אַ לעבנס־וויכטיקן ציל. מיר

זענען געווען צופרידן און זיך געוויצלט דעם גאַנצן וועג. די וועגענער האָבן זיך אַרויפגעשלעפּט אויף אַ בערגל, וואָס די חברים האָבן איך פאַרויס געהאַט באַשטימט אַלס פּלאַץ פאַר די בנינים, נאָענט פון אַ גרויסער בלאָטע. מיר האָבן זיך אויסגעזעצט הינטער אַ צוואַקסענעם מאַנדלבוים. אַ שווערע ערנסטקייט האָט זיך געשפּרייט אויף אַלעמענס פּנימער.

מיר האָבן געוואָרט צו הערן וואָס דער דאָקטער, וואָס איז מיט אונדז מיטגעפאָרן, האָט צו זאָגן, געוואָרט ווי אויף אַ פּסק־דין. זיין קול איז געווען רויק, אָבער פעסט. זיין אורטייל — נישט צו אַפּעלירן: דאָס אָרט איז נישט פּאַסיק, איז שלעכט, און וועט קיין מאָל צו גאָרנישט נישט טויגן. אַלנפאַלס, מען טאָר זיך אויף אים נישט באַזעצן, סיידן אַז מ׳זאָל דעם באָדן פריער געזונט מאַכן.

אין אַ שווערער שטילקייט, פאַראומערט, האָבן מיר זיך געשלעפּט מיט די וועגענער צוריק צום שאָסיי. מען איז געזעסן דערשלאָגן, קיינער האָט נישט געוואָגט זיך אָפּצורופן מיט אַ וואָרט... און מיט אַ מאָל האָט עמעצער זיך אַ ריס געטאָן: מיר וועלן נישט פרעגן קיין דאָקטוירים! ארץ־ישראל איז אונדזערס, אויך אירע וויסטעס און זומפּן. מיר מוזן זי באַזעצן, באַלעבן, געזונט מאַכן. נישט צווייפלען, נישט קלייבן, ווער האָט אונדז דען געגעבן ס׳רעכט פון קלייבן? וועמען וועלן מיר איבערלאָזן די זומפּן?".

און נהלל איז אויפגעקומען. דער נס איז געשען.

און אָט לייענט ווייצמאַן וועגן דעם געבורט פון עין־חרוד — נאָך אַ דעראָבערונג אין עמק:

...„נישט קיין וועג און נישט קיין סטעזשקע אין די זומפּן. די היץ האָט געפלאַקערט, שרעקלעך דערקוטשעט. שווער, שווער האָבן מיר זיך דערנענטערט, אויף אַ שמאָלן וועג, צום צופוסנס פון גלבוע־באַרג. דאָרט האָט געפליסטערט דער עין־חרוד, דער וואַסער־קוואַל אין דער סביבה, וואָס מיר האָבן פריער געדאַרפט איינגעמען און דאָרט אויפשטעלן די מחנה, כאָטש אַ גרויסער זומפּ האָט זיך געצויגן איבערן גאַנצן שטח. עס האָט זיך אונדז געדוכט, אַז דאָרט איז דער שליסל פון גאַנצן עמק און מיר גייען אים נעמען אין אונדזערע הענט. מיר האָבן זיך געשלעפּט צווישן שטייענדיקע אָזיערעס, זומפּן און בלאָטעס ביז מיר זענען דערקראָכן צום גלבוע, לעבן אַ הייל, פון וועלכן עס שפּאַרט אַרויס דער קוואַל. און אַזוי ווי אונדזערע עלטערן, וואָס האָבן געלעקט פון קוואַל, ווען זיי זענען געגאַנגען אין טראָט פון גדעונען כדי צו העלפן ישראל, אַזוי

האָבן מיר זיך אויסגעצויגן ביים וואַסער און עס געלעקט, אין גרויס פרייד... מיר האָבן אויסגעזען ווי אַ מיליטערישע איינהייט, וואָס גייט אין אַ שלאַכט — באַוואָפנטע מיט אונדזערע אַרבעטס־כלים. עס איז אויפ־געשטעלט געוואָרן דער גענעראַל־שטאַב, ווו די חברטעס האָבן זיך גע־פּאָרעט ביי גרויסע טעפּ און געגרייט ס'ערשטע עסן. מיטן זון־אונטער־גאַנג האָבן מיר פאַרענדיקט אונדזער ערשטן טאָג פּראַצע אין עין־חרוד, עפּעס געגעסן, און דאַן מקדש געווען דעם עמק מיט אַ חלוצישער „האָראַ". דאָס געזאַנג האָט זיך געשפּרייט ווייט ווייט אַרום",

אין טעג וואָס וועלן קומען, וועט נהלל, און מיט איר דאָס גאַנצע חלוצישע ווערק, זיין דער קוואַל פון מוט און טרייסט פאַר וויצמאַנען, דעם נע־ונדניק אויף וויטע וועגן, דעם קעמפער אויף פאַרשיידענע פראָנטן.

זיין „פּאָליטיק" זעט אים אויס קלאָרער און פּשוטער ווי שטענדיק. ער פילט, אַז ער האָט געשלאָסן זיין וויכטיקסטן פּאַקט אין לעבן, דעם פּאַקט מיט די אויסלייזער פון עמק, מיט די בויער אין טאָל און אין בערג. ער דאַרף שטאַרקן זייערע הענט, אַז זיי זאָלן קענען איינגעמען אַ פּאָזיציע נאָך אַ פּאָזיציע. ער וועט דערווייל שטיין אויף דער וואַך, שלינגען אין דער שטיל קלעפּ און זיך קריגן מיט ענגלאַנד, וועקן איר געוויסן. און דאָרט — אין יהודה און אין שרון — וועט דערווייל שטאַרק ווערן דער ישוב. אויב ס'וועט קומען אַ טאָג פון פאַרמעסט, זאָל דער יידישער קעמפער האָבן אַ פעסטן באָדן אונטער זיינע פיס.

וויצמאַן לאָזט זיך ווידער אין דער יידישער וועלט זאַמלען געלט. ער באַזוכט ווין און בערלין. ער גיט צו וויסן די פריינד זיינע, אַז טראָץ דעם געפּאַלענעם ווערט פון דער מטבע דאָרט, קען נאָך אַ סך דערגרייכט ווערן. דרך אגב: „איך האָב געהערט, אַז אין פּוילן האָט מען געזאַמלט צירונג און גאָלדענע מטבעות אין אַ ווערט פון צוואַנציק טויזנט פונט שטערלינג. מירן זיך דאַרפן פאַרשטענדיקן מיט די פּאָליאַקן וועגן דעם".

געלט! געלט! — פאַרן עמק, פאַר די בויער, פאַר די אויסלייזער.

זאָל זיך זשאַבאָטינסקי גיין זיין וועג. וויצמאַן דערמאָנט זיך אין דעם בריוו, וואָס זיין פריינד האָט אריינגעשיקט צו דער הנהלה אין לאָנדאָן*. בעסער וואָלט געווען — האָט זשאַבאָטינסקי געשריבן — יידן זאָלן אין גאַנצן נישט עולה זיין, דערקלערן עפנטלעך, אַז זיי האָבן קיין צוטרוי נישט

---

* 21.3.1922

צו אַ רעגירונג, וואָס איז נישט מסוגל צו שיצן זייער לעבן. דאָס וועט הייבן דעם יידישן פּרעסטיזש. דאָס פאָלק וועט גיכער זיך שטעלן ביי דער זייט פון אַ פּירערשאַפט, וואָס האָט געקעמפט און איז באַזיגט געוואָרן, איידער ביי דער זייט פון מענטשן, וואָס האָבן קיין חוט השדרה נישט.

וואָס פּאַרא רייד, זשאַבאָטינסקי? נישט עולה זיין?! ווערט אַ לאַנד געבויט מיט ריטערישע זשעסטן? אַז יידן וועלן אויפגעבן זייער אַרבעט, וועלן זיך די ענגלענדער פרייען און די אַראַבער וועלן פייערן אַ זיג. צו אַלדי רוחות מיט די טעאַטראַלע זשעסטן!

ווייצמאַן איז ממשיך מיט זיין תורה: נאָך אַ ציג און נאָך אַ ציג; נאָך אַ שטאַל און נאָך אַ שטאַל. בויען און זייען. ס'פאָלק וועט אויסגע־לייזט ווערן אויפן לאַנגן, שווערן וועג, וואָרעם קיין אַנדערער איז גאָרנישט פאַראַן.

נישט דאָס לאָרדן־הויז און נישט דער פּאַרלאַמענט האָבן דערווייל אָפיציעל באַשטעטיקט דעם מאַנדאַט. ארץ־ישראל איז טאָקע וויכטיק פאַר דער קרוין, זי איז אַ ווונדערלעכע סטאַציעביים סועץ־קאַנאַל, אויפן וועג קיין אינדיע. אָבער ווער דאַרף האָבן די יידן אַלס שותפים? דאָס לאָרדן־הויז וויל נישט דעם מאַנדאַט. אַרטור דזשיימס באַלפור האָט געהאַלטן אַ פּרעכטיקע רעדע, עס האָט אָבער נישט געהאָלפן.

צרות גייען שטענדיק צוזאַמען. אין ארץ־ישראל האַלט ביים רעזיג־נירן דער אַדמיניסטראַציע־סעקרעטאַר, דער גוטער דידס, — דער זעל־נער, וואָס האָט מיט אַ פיר יאָר צוריק, צוזאַמען מיט ווייצמאַנען אין אַ מיליטערישן געצעלט, געחלומט וועגן אַ יידישער מדינה. אַ טייערער מענטש דער דידס, אַ מיליטערמאַן און אַ טרוימער, אַן ענגלענדער, וואָס טראָגט זיך שטענדיק אַרום מיטן תנ"ך. ער וויל רעזיגנירן, אים איז נישט צום האַרצן וואָס ס'קומט פאָר אַרום אים. ווייצמאַן בעט זיך ביי אים: בלייב כאָטש ביז ס'וועט באַוויליקט ווערן דער מאַנדאַט, עס זענען שווערע טעג, דער וואַטיקאַן האָט אָנגעהויבן אַ קריג. די אייביקע מלחמה צווישן פּאַגאַניזם און יידנטום האָט זיך ווידער צעפלאַקערט...

ווייצמאַן איז אומרויק. ער פילט, אַז די רעגירונג גרייט צו אַ נייעם קורס, אַז מען גייט אַריינגיסן נאָך וואַסער אין אונדזער וויין.

דאָס פּאָרגעפיל האָט אים נישט גענאַרט. טשערטשיל האָט געמוזט נאָכגעבן די קרייזן, וואָס האָבן נישט געוואָלט דעם יידישן קלאַפּאַט. ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ „ווייס בוך" — אַ נייעם אויסטייטש צו דער באַלפור־

דעקלאַראַציע. עבר הירדן — ווערט דאָרט געזאָגט — געהערט נישט צו ארץ־ישראל, האָט מיט דער יידישער היים גאָרנישט צו טאָן. די יידישע אימיגראַציע וועט פון איצט אָן רעגולירט ווערן לויט דער עקאָנאָמישער אויפנעם־פעיקייט פון לאַנד. די טויערן, וואָס דער הויך־קאָמיסאַר סעמועל האָט צוגעשלאָסן, עפענען זיך ווידער אויף, אָבער מיט אַ תנאי, וואָס מ׳קען אים אויסטייטשן אַהער און אַהין.

טשערטשיל האָט מיט איין האַנט געפּאַטשט און מיט דער צווייטער — געגלעט. ער דערקלערט אין זיין „ווייסן בוך״, אַז יידן קערן זיך צוריק קיין ארץ־ישראל בזכות און נישט בחסד, און אַז די רעגירונג האָט בכלל נישט בדעה אויפצוגעבן איר אינטערעס פאַר אַן אויפבוי פון אַ יידישער היים.

טשערטשיל רופט צו זיך וויצמאַנען און זאָגט אים: דאָס „ווייסע בוך״ איז אונדזער באַדינג, אַז מיר זאָלן אויך ווייטער קענען גיין צוזאַמען. זענט איר מסכים איז גוט, אויב נישט — זוכט אַ צווייטן פאַרן מאַנדאַט.

געגנוג עלעמענטן האָבן געוואָרט, אַז וויצמאַן זאָל זאָגן „ניין״. ענגלאַנד וואָלט במילא נישט אַרויס פון ארץ־ישראל און פון די יידן וואָלט מען זיך באַפרייט. וויצמאַן בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ און איז מסכים. ער זעט נישט קיין ברירה. אויך זשאַבאָטינסקי איז מסכים, אויך ער זעט נישט קיין אַנדערן וועג.

דער פּראָיעקט פון מאַנדאַט ווערט געבראַכט פאַרן פּאַרלאַמענט. אַ סך מיטגלידער זיינען צווייפלען אין דער לאָגישקייט פון איינרייסן מיט דער אַראַבישער וועלט צוליב אַ יידישער היים אין ארץ־ישראל.

וויצמאַן איז באַזאָרגט. די שטימונג אין פּאַרלאַמענט איז נישט קיין גינסטיקע פאַר יידן. ער האָט אויך מורא פאַרן דרוק פון דער קאַטוילישער וועלט.

אָבער וויצמאַן ווייסט, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג וועט זיך נישט צוריקציען. אויב ענגלאַנד וועט נישט האַלטן איר צוזאָג, וועט עס זיין אַ לערע, „אַז מען טאָר זיך אויף קיינעם נישט פאַרלאָזן, נאָר אויף זיך אַליין״.

ערב דער אָפּשטימונג אין פּאַרלאַמענט, רופט אויס וויצמאַן: זאָל די וועלט וויסן, אַז דאָס „ווייסע בוך״ איז די לעצטע גרענעץ פון אונדזערע ויתורים. ווייטער פון דעם וועלן מיר נישט גיין! אויב מען וועט אויף אונדז אַרויפצווינגען נייע נגישות און באַגרענעצונגען „וועלן מיר זיי זאָגן, אַז זיי זאָלן טאָן מיטן מאַנדאַט וואָס זיי ווילן, אונדז וועט דער ענין מער נישט אינטערעסירן״.

טשערטשיל האַלט אין פּאַרלאַמענט איינע פון זיינע גלענצנדיקסטע, איינדרוקפולסטע רעדעס. ער באַלייכט די ענגליש־יידישע צוזאַמענאַרבעט, ער דריקט אויס זיין באַוואונדערונג און טיפן דרך־ארץ פאַרן געדאַנק פון אַ יידישער היים אין ארץ־ישראל. זיינע רייד האָבן אויפגערודערט דאָס געוויסן פון פּאַרלאַמענט. מיט אַ מערהייט שטימען איז באַשטעטיקט געוואָרן דער מאַנדאַט.

איין אָפּשטימונג נאָך דער צווייטער, און יעדעס מאָל צאַפּלט דאָס האַרץ. איצט דאַרף די פעלקער־ליגע איינשטימיק באַשטעטיקן דעם מאַנ־דאַט און אים איבערגעבן ענגלאַנד. ווי מאַכט מען, אַז שפּאַניע זאָל שטימען פאַר, און דאָס זעלבע — בראַזיל, פּונקט ווי די איבעריקע מיטגלידער?

שפּאַניע. — ווייצמאַן דערמאָנט זיך אין אַ נאָמען פון אַ פּראָפעסאָר, וואָס האָט צוגעשיקט אַ וואַרעמע באַגריסונג צום לייגן דעם גרונטשטיין פון דער העברעישער אוניווערסיטעט. צו אים ווענדט ער זיך און וועקט אַ פאַרבאָרגענעם סענטימענט. ווער איז געווען דער מאַן, און ווער די אַלע, וואָס ער האָט באַווירקט? שפּאַניע האָט געשטימט פאַרן מאַנדאַט. דעס־גלייכן בראַזיל און אַזוי אויך אַלע איבעריקע מיטגלידער.

ערב דער אָפּשטימונג אין דער פעלקער־ליגע, שרייבט ווייצמאַן צו זיין שוועסטער מרים: ...„ביים שרייבן דיר די שורות זיצן די גרויסע הערן און באַטראַכטן וועלכן אורטייל אַרויסצוטראָגן, פאַר אָדער קעגן... דאָס וואָס דו שרייבסט וועגן מיין לאַגע, מיין אַרבעט — ביסטו אפשר גערעכט, אָבער אַז מען הייבט אָן מיט אַ מצווה־זאַך לאָזט מען זי נישט איבער ביז מען דערברענגט זי צום ציל. דער מאַנדאַט — איז טאַקע ווי דו באַמערקסט עס — געשריבן געוואָרן, אין זיין גרעסטן טייל, מיט מיין בלוט. און ווער ווייס, אפשר צוליב אים טאַקע האָב איך געוואַנדערט מיין גאַנץ לעבן, פון מאָטעלע אַזש ביז לאָנדאָן; אפשר איז עס געווען פאַר אָט דער הייליקער אַרבעט?... נאָר די יחידי סגולה, די, וואָס האָבן געשעפּט זייער מאָראַלישן כוח פון יידישן קוואַל, דעם אמתדיקן, נאָר זיי זענען מסוגל און פעיק צו טראָגן אויף זייער פּלייצע די אַרבעט פאַרן כלל און נאָר זיי וועט זיך איינגעבן אויפצולעבן די טרוקענעביינער. לאָמיר זיך נישט קלאָגן אויפן גורל. ער איז שווער, אָבער אויך שיין!״.

נאָך דער אָפּשטימונג אין דער פעלקער־ליגע האָבן געשטראָמט פון אַלע עקן וועלט לויב־בריוו און טעלעגראַמעס צו ווייצמאַנען. געפרייט האָט ער זיך אַממייסטן מיט דער מאַמעס טעלעגראַמע. ער דאַנקט איר פאַר אירע וואַרעמע רייד. ווי אַ דערשעפּט קינד, נאָך אַ גרויסן אויפטו, טוליעט זיך ווייצמאַן צו זיין מאַמען, און ער דערציילט

וועגן די לעצטע חדשים זיינע, וועגן די ליידן, שווערע טעג און שלאָפּלאָזע נעכט, וועגן זיין כסדרדיקן וואָגלען פון לאַנד צו לאַנד, שטאָט צו שטאָט. און טראָץ די שמוץ און שקר, האָט ער אָבער זיין האָפענונג נישט פאַרלוירן און אומאויפהערלעך געגלייבט, אַז זיגן וועלן אמת און גערעכטיקייט.

די וועלט האָט באַשטעטיקט, אַז יידן האָבן היסטאָרישע רעכט אויף ארץ־ישראל. איר העכסטע אינסטאַנץ איז אומדירעקט געוואָרן באַטייליקט אין דער אחריות, אַז די יידישע היים וועט געשיצט ווערן, וואָרעם זי איז די האָפענונג און דער אויסוועג פאַרן געפּלאָגטן פאָלק. אָבער אָפּגעריסן האָט מען דעם עבר־הירדן, דעם טייל, וועלכן ווייצמאַן האָט געהאַלטן פאַר אַ לעבעדיקער נויטווענדיקייט אין דער עקאָנאָמישער צוקונפט פון דער יידישער היים. די נשמה פון גאַנצן אויפבוי־ווערק — די יידישע עליה — איז אַרויסגענומען געוואָרן פון אונטער דער יידישער קאָנטראָל. ענגלאַנד וועט דאַרפן באַשטימען איר פאַרנעם, לויט דער אויפנעם־פעיקייט פון לאַנד — אַ באַדינג זייער אַ גליטשיקער, וואָס מ׳קען אים אויסטייטשן אויף צענדליקער אופנים.

יידן האָבן זיך אָבער געמוזט פרייען מיטן מאַנדאַט, אַזוי ווי ער זעט אויס. האָט דען עמעצער אַנדערש, אַחוץ ענגלאַנד, אויסגעשטרעקט אַ האַנט? אַמעריקע איז נאָך דערווייל נישט געווען קיין פּראָ־ציוניסטישער כוח. זי האָט גערוט אין איר איזאָלאַציע, נישט געוואָלט קיין אומזיסטע דאגות. די פּאָליטיקער פון ווילסאָנס שולע זענען זיכער געווען, אַז אַ נייע עפּאָכע הייבט זיך אָן פאַר יידן, און זיי וועלן ווערן אומעטום גלייכבאַרעכטיקט: אין רוסלאַנד האָבן זיך געענדיקט די צייטן פון פּאָגראָמען; יידן געניסן די זעלבע רעכט ווי די איבעריקע סאָוויעטישע בירגער, און זיי עסן דאָס זעלבע ברויט. עס זענען נישט געווען אַזעלכע רעגירונגען, וואָס זאָלן זיין איבערצייגט, אַז עס לוינט איינלייגן וועלטן צוליב אַ יידישער היים אין ארץ־ישראל.

ווייצמאַן חזרט אָפט איבער זיין פראַגע: וואָלט אונדז ענגלאַנד אַזוי באַהאַנדלט, ווען מיר וואָלטן געווען אַ כוח אין ארץ־ישראל, ווען עס וואָלטן געלעבט אין לאַנד אַ מיליאָן יידן? בלייבט דערפון צו לערנען נאָר איינס: מען מוז שלאָגן וואָרצלען, גרויס מאַכן די יידישע באַפעלקערונג. ביי אַלע באַגרענעצונגען, אפילו אין דעם ארץ־ישראל מיט די אָפּגעהאַקטע צווייגן איז נאָך פאַראַן פּלאַץ פאַר מיליאָנען פון פאָלק.

ווען זיי קומען? וועלן זיי בויען?

17

לאָנדאָן, ניו־יאָרק, ירושלים — דאָס זענען ווייצמאַנס פּראָנטן, איבער וועלכע עס וויקלט זיך פונאַנדער די ביטערסטע פון אַלע מלחמות, — די מלחמה מיט דער צייט.

טשערטשילס „ווייס־בוך" האָט דערשלאָגן, פאַרביטערט. ווי וועלן מיר בויען אַ יידישע היים, דערגיין צו אַ מערהייט — פרעגן יידן אין ארץ־ישראל — אויב די קאָנטראָל איבער דער עליה געפינט זיך נישט אין אונ־דזערע הענט ?

ענטפערט זיי ווייצמאַן : דאָס „ווייס־בוך" איז אַ צייכן פון דער צייט. נייע ווינטן בלאָזן אויף דער וועלט. דאָס זענען די ווינטן, וואָס האָבן געצוווּנגען די ענגלישע רעגירונג צו אַ פשרותדיקער ליניע אין אירלאַנד, פּונקט ווי אין מצרים. דער מרחק צווישן דער באַלפור־דעקלאַראַציע און טשערטשילס „ווייס־בוך" איז ווי דער, וואָס צווישן די הבטחות וואָס לאָיד דזשאָרדזש האָט געגעבן די זעלנער וועגן אַ גן־עדן־לעבן, וואָס וואַרט אויף זיי נאָכן קריג און דער גרויער ווירקלעכקייט, וואָס הערשט איצט אין ענגלאַנד, אַ ווירקלעכקייט פון מיליאָנען אַרבעטסלאָזע.

דאָס „ווייס־בוך" איז טאַקע אַ גרויסע מכה. און דאָך איז פאַראַן אַ סך צו טאָן, אַפילו אין די ענגע גרענעצן, וואָס זענען אונדז אָנגעצייכנט געוואָרן. זענען מיר דען גרייט — פרעגט ווייצמאַן — דורכצופירן גרויסצוגיקע פּראָיעקטן, און דאָס „ווייס־בוך" שטערט אונדז, אָדער פאַרשטעלט אונדז דעם וועג ?

ווייצמאַן מוטיקט דעם ישוב : „ווען איך טראַכט פון אייך און פון די תפוצות, דערמאָנט זיך מיר אַ קאַריקאַטור אין אַ פּאַריזער צייטונג בעת די מלחמה־יאָרן. ביי אַן אָקאָפּע זיצן צוויי זעלנער. רופט זיך אָן איינער צום צווייטן : הלוואי זאָלן די מענטשן קענען אויסהאַלטן דעם עול פון דער מלחמה. וועמען מיינסטו ? — פרעגט דער צווייטער. — די בירגער אין פּאַריז, — איז געווען דער ענטפער". ווייצמאַנס ווּנק איז קלאָר : הלוואי זאָלן די יידן אין ניו־יאָרק קענען זיין אַזוי מוטיק, ווי איר דאָ.

ווייצמאַן איז זיך מודה : מען האָט נאָך דערוויל דעם אַמעריקאַנער פּראָנט נישט איינגענומען. די יידן דאָרטן, די נייע בירגער, געקומענע

ערשט נישט לאַנג פון די אוקראַינישע און פּוילישע שטעטלעך, זענען אומרואיק וועגן גורל פון זייערע ברידער וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזן, שיקן זיי אָרעמע דאָלאַרן אין די פאַרהונגערטע שטעט און שטעטלעך.

איז וואָס בלייבט צו טאָן, אויב נישט ממשיך זיין מיט דער אַרבעט און זיין געדולדיק ביז גאָר? „נאַריש וואָלט געווען, ווען די פאַראיבערגייענדיקע קריזיס־טעג, וואָס זענען נישט מער ווי אַן עמוד־הענן, וואָלטן פאַרשטעלט דעם עמוד האש"...

אַ מענטש דאַרף טאָן זיין אַרבעט, אויספילן זיין חוב און נישט צו פיל פלאָנטערן זיך מיט די פראַגעס און ענטפערס, איינגעהילטע אין דער צוקונפט. ווייצמאַן דערמאָנט אַ זאַץ פון אַנאַטאָל פראַנס: „די צוקונפט איז פאַרהוילן און אויסבאַהאַלטן פון יעדן איינעם, אַפילו פון די, וואָס פאַרשטייען זי, בויען זי און גלייבן אין איר".

ווייצמאַן מוטיקט די ארץ־ישראל־יידן, און גלייכצייטיק נעמט ער נישט אַראָפּ זיין אויג פון לאָנדאָן. ער שרייבט אַהין וואָרענונגס־בריוו: די אַדמיניסטראַציע אין ארץ־ישראל האָט איר פּרצוף נישט געענדערט. מיט וואָסער פּראָיעקטן מען זאָל צו איר נישט קומען, איז דער ענטפער שטענדיק דער זעלבער: „וואָס וועלן אויף דעם זאָגן די אַראַבער?". די הויכע אָנגע־שטעלטע פּאַכען מיט אַ שווערד, וואָס עקזיסטירט בכלל נישט. אינטערע־סאַנט — שרייבט ווייצמאַן קיין לאָנדאָן — אַז ווען די אַראַבישע פירער זענען נישטאָ, איז שטיל אין לאַנד, — מען אַרבעט, מען פּראָגרעסירט. די אַראַבישע גדולים זיצן איצט אין טערקיי — זיי זוכן דאָרט אַ געמיינזאַמען פראָנט — זיי זיצן אויך אין ענגלאַנד, וווּ זיי דראָען און סטראַשען. איז אָן זיי טאַקע שטיל און רויק. די אַדמיניסטראַציע וואָלט געדאַרפט עפּעס דערפון לערנען!

ווייצמאַן שרייבט צו דער עקזעקוטיווע אין לאָנדאָן וועגן דער בלינדער שנאה אין די „הויכע פענצטער" אין ירושלים צום יידישן אויפבוי־ווערק. אָט איז איינער פון הונדערטער ביישפּילן: מען זוכט אַ פעלד פאַר אַ פלי־פלאַץ ביי ירושלים. עס קומען אין באַטראַכט דריי מעגלעכקייטן, — צוויי געגנטן אין אַראַבישן באַזיץ, און איינער — אין יידישן. קלייבט מען אויס דעם יידישן, — קאַלאַנדיא, אַ יונגע קאָלאָניע, וואָס פאַרנעמט זיך מיט צושטעלן גרינסן קיין ירושלים. זאָל זיין קאַלאַנדיא, הגם אפשר נישט דאָס פּאַסיקסטע אָרט דערפאַר, אַבי חרוב מאַכן אַ יידישע פּאָזיציע. דאָס דער־מאָנט — באַמערקט ווייצמאַן — די מעשה מיטן ווייגאָרטן פון נבות היזרעאלי.

איז דען, אויב אַזוי, שווער צו פאַרשטיין, פאַר וואָס יידישע באַאַמטע

אין דער אַדמיניסטראַציע צעלויפן זיך? קען מען צוזען אַזוי פיל אומרעכט און דאָס האַרץ זאָל נישט פּלאַצן?

נאָך אַ ביישפּיל: די רעגירונג באַשליסט צו צעטיילן רעגירונגס־באָדן, באַקומען אַראַבישע משפחות צו 150 דונאַם און יידן נעמט מען בכלל נישט אין חשבון, כאָטש זיי וואָלטן זיך באַנוגנט מיט אַ צענטל, — צו פופצן דונאַם אַ משפחה.

און פאַר וואָס — פרעגט ווייטער ווייצמאַן — קווענקלט זיך סעמועלס אַדמיניסטראַציע צו געבן אַן אָפיציעלן סטאַטוס דעם „ועד הלאומי", דער פאַרטרעטערשאַפט פון ישוב?

וואָס זאָל ער פריער טאָן — פרעגט ווייצמאַן — פאָרן קיין לאָנדאָן וועקן און פּראָטעסטירן, צי פאָרן קיין ניו־יאָרק, כדי צו מאָביליזירן מיטלען פאַר דער ווייטערער באַפעסטיקונג פון ישוב?

אָט איז ער ווידער אין לאָנדאָן, לויפט פון איין מיניסטעריום צום צווייטן, באַגעגנט זיך מיט פריינד. און באַלד איילט ער זיך קיין אַמעריקע, ווו מען דאַרף שאַפן גרויסע סומעס געלט פאַרן ישוב.

איידער ער פאָרט אָפּ קיין ניו־יאָרק, וועגדעט זיך ווייצמאַן צום הויך־קאָמיסאַר, הערבערט סעמועל. ער בעט פון אים אַ מוטיק וואָרט, פאַרן גרויסן אַמעריקאַנער יידישן ישוב. נישטאָ וואָס מורא צו האָבן — שטאַרקט אים ווייצמאַן — עס זעט זיך נישט פאַר אין לאָנדאָן קיין אַנטיציוניסטישער אויסברוך. אָרמסבי־גאָר שאַצט אָפּ דעם מצב אָפּטימיסטיש. גיט עפּעס מיט אין וועג אַריין, פריינד סעמועל, באַפולמעכטיקט מיך, צו דערקלערן, אַז די רעגירונג וועט פונאַנדערטיילן אירע פרייע באָדנס צווישן יידישע קאָלאָניסטן.

אין ארץ־ישראל לאָזט ער איבער אויף דער וואַך אַן ענערגישן, טיכטיקן מענטש, דעם קאָלאָנעל פרעדריק הערמאַן קיש — אַ סינטעז פון אַ בריטישן בירגער און אַ ייד אַ ציוניסט. ער איז מיליטערמאַן און דיפּלאָמאַט, מיט אויסצייכענונגען אויף ביידע געביטן. ווייצמאַן איז געווען גליקלעך אים צו אַנגאַזשירן אין יידישן קאַמפּס־פראָנט. אַ האַרציקע פריינדשאַפט וועט זיך צווישן ביידע פאַרבינדן אויף אייביק.

קיש האָט גענומען אויף זיך אַ שווערע אַרבעט. ווי „הערשט" מען, ביי אַזעלכע באַדינגונגען? די ענגלענדער גראָבן אונטער זיינע פיס, און די יידישע קאַסע איז ליידיק. פון דער ווייטנס הייבט ווייצמאַן די שטימונג ביי זיין נייעם מיטאַרבעטער: ער פאַרזיכערט אים, אַז אין אַמעריקע וועט מען קענען מאָביליזירן די נייטיקע פאָנדן.

וואָס זאָל ער זיי דאָס מאָל זאָגן, די יידן אין אַמעריקע?

— „איר זיצט דאָ אין זיכערקייט, אונטער די פליגל פון אַ מעכטיקער רעגירונג, אין שויס פון אַ פרייער רעפּובליק, די טויערן פון רייכטום און מאַכט זענען פאַר אייך אָפן. זאָל מיר אַזוי גאָט העלפן, זאָל מיר אַזוי גאָט העלפן, ווי איך פאַרגין אייך, יידן. אַ גוטע זאַך האָט דער קדוש ברוך הוא געטאָן, וואָס ער האָט ישראל צעשפּרייט צווישן די אומות; ווען איין טייל פון פאָלק נידערט אַראָפּ, הייבט זיך די צווייטע אַרויף. איצט ליגט אויף אייך אַ דאָפּלטע פליכט — צו העלפן די וואָס זענען אין דער נידער".

וויצמאַן שילדערט פאַר די אַמעריקאַנער יידן די חלוצישע גבורה. ער דערציילט זיי ווידער אַ מאָל וועגן די אויסדערוויילטע, וואָס זענען אויפגע־שטאַנען קעגן פונאַנדערפאַלן פון יידישן לעבן. זיין ענטוזיאַזם צעברויזט זיך ווען ער רעדט וועגן די חלוצים. „זיי קומען פון אומעטום. צו פוס זענען זיי אַדורך די אייז־באַדעקטע סטעפּעס פון אוקראַינע, צו פוס זענען זיי געגאַנגען איבער די טונדרעס פון אַזיע. הערט זיך גוט איין, און איר וועט דערהערן דעם אָפּקלאַנג פון זייערע טריט. בלייבט שטיל אַ וויל, און איר וועט אויפ־כאַפּן דעם שאָרך פון זייערע פיס איבער די מדבריות, דאָס קלעטערן איבער די בערג. זיי זענען באָרוועס, נאַקעט, הינטער זיי — אומקום און קברים פון קדושים אין דער וויט, פאַר זיי — דער פאָרט אין רומעניע, שיפן וואָס גייען אַרויס קיין יפו. אָט זענען זיי אין ארץ־ישראל, זיי זיצן אין געצעלטן און לעבן אויף ברויט און טאָמאַטן. זיי פיבערן אין מאַלאַריע, באַוועלדערן בערג, האַקן שטיינער, פלאַסטערן וועגן, פלאַנצןביימער, שיקן זייערע קינדער אין די שולן. זיי זינגען אין העברעיש, וויינען אין העברעיש, בויען דאָס לאַנד פון די אבות — ארץ־ישראל.

דאָס איז זייער גייסט, יידן פון ניו־יאָרק. זיי זענען פונקט אַזוי ציטעריק ביי זייערע טאַטעס, ווי מיר, און ס'זענען דאָ צווישן זיי אַזעלכע, וואָס שטייגן אונדז איבער אין יחוס. זיי ווייסן, וואָס עס הייסט בויען אַ לאַנד, און בפרט אַ שווער לאַנד, ווי ארץ־ישראל. זיי בויען אין ליכט פון טאָג, פאַר די אויגן פון אַ וועלט, וואָס היט זייערע טריט, האַלט זיי אין איין פאָרשן און באַ־טראַכטן, טרייבט איבער זייער שוואַכקייט און פאַרביליקט זייערע דער־גרייכונגען"...

עס רעדט צו זיי וויצמאַן וועגן דעם חילוק צווישן ארץ־ישראל און אַנדערע לענדער:

„מיר זענען געקומען אין פאַרשידענע לענדער, גוטע אָדער שלעכטע, און מיר האָבן זיך צוגעפּאַסט צו זייער אָרדענונג. ווו מיר זענען געקומען, האָבן מיר געפונען אַ פאַרטיקן רעזשים, פאַרטיקע געזעצן — אַ לשון, אַ

קולטור, און אַפּילו אַ צוגעגרייטן באָדן. אונדז איז מער נישט געבליבן, ווי זיך צופּאַסן, גוט זיך צופּאַסן. נישט אַזוי אָבער איז ארץ־ישראל. דאָרט איז קיין זאַך נישט צוגעגרייט פון פאָרויס. דאָרט מוזן מיר אָנהייבן פון בראשית, און דאָס טוען מיר טאַקע — מיר בויען אַ לאַנד, אַ מדינה, פון אלף ביז תו. אויף די נייע יסודות וועט אויפבליען אַ ניי לעבן... דעריבער איז אַזוי שטאַרק דער אָפּקלאַנג אין אייער האַרץ, יידן פון אַמעריקע, פון יעדער נייעס אין ארץ־ישראל וועגן עפּעס אַ הייזקע, אַ קו, אָדער אַ בוך וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן״.

...„איר קענט זיין שותפים אין דעם רומפולן אויפבוי־ווערק, ווייל הינטער די חלוצים, וואָס האָבן עולה געווען און לעבן אין לאַנד, שטייען אין ר״יי טויזנטער אַנדערע, וואָס רייסן זיך צו קומען אַהין. זיי קלאַפּן אין די טויערן פון ארץ־ישראל, אָבער דער שליסל איז נישט אין הערבערט סעמועלס קעשענע, נאָר אין אייערע קעשענעס, ליבע יידן״.

און זאָל זיך קיינער נישט איינרעדן, אַז ער, ווייצמאַן, האָט דאָס זייניקע דערגרייכט מיטן כוח פון דער דיפּלאָמאַטישער קונסט.

„האָט איר שוין געזען אַ דיפּלאָמאַט, וואָס הינטער אים שטייט נישט קיין מיליטער, קיין קאַפּיטאַל, קיין כוח, קיין פּלאַט? ניין, נישט צו אַ דיפּלאָמאַט האָבן די גויים זיך צוגעהערט. איך בין געקומען אַליין, הינטער מיר איז גאָרנישט געווען. פון מיין מויל האָט גערעדט דער כוח פון אַכציק דורות, דער כוח פון טויזנטער יאָרן.

...„שטייט אויף, יידן פון אַמעריקע, אויך אין אייך לעבט אָט דער כוח! ווילט נאָר, יידן, און איר וועט אָנשרייבן אַ פּרעכטיקן בלאַט אין דער געשיכטע פון אַלטן פאָלק. „עס וועט קומען אַ טאָג און דער שרייבער פון אונדזערע „דברי הימים״, אַז ער וועט פונאַנדערוויקלען די פרשה פון יידישער אויפלעבונג אין ארץ־ישראל און צוקומען צום פּרק „אַמעריקאַנער יידנטום״, וועט ער קענען זאָגן: אָט איז אַ דור וואָס האָט דערפילט זיין חוב״.

די רעזולטאַטן פון ווייצמאַנס שליחות זענען וווּנדערלעכע. די געלט־זאַמלונגען פאַרן „קרן־היסוד״ שטייגן איבער אַלע דערוואַרטונגען. נישט נאָר מ׳וועט קענען מקיים זיין אַלע פאַרפּליכטונגען ביז סוף יאָר, נאָר מ׳וועט אויך דעקן דעם דעפיציט.

צו ווייצמאַנען קומט אַ דעלעגאַציע פון מילוואָקי און פאַרבעט אים אין זייער שטאָט.

— וויפל וועל איך באַקומען פאַרן „קרן־היסוד״? — פרעגט ווייצמאַן.

— 25 טויזנט במזומנים און אַ התחייבות אויף נאָך 75 טויזנט, וואָס מיר׳ן זאַמלען אין פאַרלויף פון יאָר.

— ניין, כ׳וועל נישט פאָרן, אויב איר וועט נישט געבן 75 טויזנט און 150 טויזנט אין פאַרלויף פון יאָר.

די יידן זענען מסכים.

— איך האָב זיך געדונגען מיט דער דעלעגאַציע, ווי אַ פיש־פּאַר־קויפערין אין מאַרק — וויצלט זיך וויצמאַן פאַר זיין פרוי.

אַלע זענען מודה אין זיין דערפאָלג, אַפילו די בראַנדייס־גרופּע. גבירים ווערן מיטגעריסן פון וויצמאַנס רייד. זיי רופן אויס געריר׳ט „מיר האָבן געהערט גענוג. טעלעפאָניר אונדז און זאָג וויפל מיר דאַרפן געבן״.

וויצמאַן פּאַקט איין און פּאַקט צוריק אויס זיינע וואַליזעס. ער איז כסדר אויף די וועגן. עפּעס אויסערגעוויינלעכס איז געשען, ממש אַן איבערקע־רעניש — נייע מענטשן האָבן זיך באַוויזן, און זיי וואַרפן זיך אין דער אַרבעט מיט ברען און מיט פייער. האָב איך טאַקע אָט די גאַנצע משא אויפגעהויבן מיט מיינע הענט ? — פרעגט זיך וויצמאַן.

„דער קאָלאָסאַלער שנאָרער״ — רופט ער זיך אַליין אָן. אין דעם טיטל איז פאַראַן אַ מין גרויסן זיך, געמישט מיט ביטערקייט. געווען איז עס אַן אַרבעט וואָס האָט פאַרשלונגען זיין לעבן.

די כסדרדיקע דערוויטערונג פון שטוב ווירקט שווער אויף וויצמאַנס געמיט און עס באַפאַלט אים אַ שטאַרקע בענקשאַפט. ווען מענטשן און פּראָבלעמען לאָזן אים צו רו אויף אַ וויילע, גייט תיכף אויף אין אים די היים, די משפחה, און עס פאַרקלעמט אים ס׳האַרץ.

מיכאל, דער ייִנגערער זון, איז פלינק און חנעוודיק. ער שרייבט דעם טאַטן ליכטיקע בריוו. איין בריוול זיינס באַצירט ער מיט אַ שיינער צייכענונג — אַ ליכט־טורעם און אַ מלחמה־שיף. וויצמאַן צעשיידט זיך נישט מיטן טייערן קאָנווערט, ער טראָגט אים כסדר מיט זיך און לייגט אים איבער פון איין בגד אין צווייטן. און אָט איז די שול־צייגעניש זיינע. דער טאַטע לייענט און קוועלט אָן. ווי ליב איז אים דאָס איידעלע, פעיקע ייִנגל.

עס רוקט שוין אָן דער פסח, און וויצמאַן איז ווייט פון דער היים. דעם ערשטן סדר ריכט ער אָפּ אין ניו־יאָרק, ביי דער אַלטער מומען ביילע־איטע. ער געדענקט זי פון די אַמאָליקע טעג אין מאָטעלע. סאַראַ איבערלע־בונג איז אויפצובערענגען אין זכרון די ווייטע היים, מאָטעלע מיט אירע יידן — זיי האָווען, שמאַיען אַרום און אַמפּערן זיך מיטן שווערן יאָך. די גאַנצע וואָך שלעפּן זיי זיך ערגעץ איבער בלאָטעס און זומפּן, קלאַפּן אין די טירן, זוכן אַ גמילות־חסד, אַז ס׳קומט אָבער דער שבת, פאַרשווינדט די גרויקייט ; מאָטעלע לייכט אויף, יעדער ייד ווערט אַ פּרינץ.

די אַלטע מומע ביילע־איטע דערציילט וועגן די לאַנגע יאָרן פון וואַר־

טעניש פֿאַרן פֿאַרן קיין אַמעריקע. יעדעס יאָר פֿלעגט אַ קינד זיך אַוועקלאָזן אין קאָלאָמבוסעס מדינה; זיי האָבן זיך געריסן פֿון דער קלעמעניש און נויט. דער מאַמעס האַרץ האָבן זיי דערפֿרייט מיט אַ פּאָר דאָלאַר אויף יעדן ראש־חודש און יום־טוב.

די וועלט פֿון מאָטעלע — טראַכט ווייצמאַן — און פֿון טויזנטער שטעטלעך אַזעלכע גייט איין, ווי די מומעביילע־איטע, אין קלעם פֿון שווערן עלטער.

דעם צווייטן סדר פֿאַרברענגט ווייצמאַן איינער אַליין אין זיין האָטעל־צימער. ער קוקט אַרויס צו דעם גרויסן ניו־יאָרק און טראַכט וועגן יידישן גורל, וועגן נס, וואָס האָט אַהערגעבראַכט די יידן פֿון די אָרעמע שטעט און שטעטלעך און דאָ זענען זיי אויסגעוואַקסן אין אַ גראַנדיעזן כוח, אין אַ וווּנדערלעכער סטאַציע אויפֿן וועג צו דער יידישער היים.

ער האָט ליב דאָס אימיגראַנטן־פֿאָלק, וואָס האָט אויסגעגלייכט די פּלייצעס ביי די ברעגן פֿון האָדסאָן און מיסיסיפּי. דאָס גוטע לעבן האָט זיי נישט פֿאַרדאָרבן. זעלטן ווען ער דאַרף „לאַנג קראַצן” דאָס האַרץ פֿון אַ פֿעטן גביר; דאָס יידישע אָדערל צאַפּלט אויף געשווינד.

אדרבא, זיי פֿאַרען זיך אַרום אים, די גבירים. די שבתים און זונטיקס, ווען ער איז אין דער געגנט פֿון שיקאַגאָ, פֿאַרברענגט ער אין פּאַלאַץ פֿון דזשיימס בייקער, אין דער שיינער פֿאַרשטאָט ביי דער מיטשיגען־אָזיערע, און מען גיט אים אָפּ אַ קעניגלעכן כבוד.

אָבער אויך אַהער גרייכן די אומעטיקע בריוו. דער עלטערער ברודער שרייבט אים: „חיימקע, מיר זענען אויך אַ טייל פֿון יידישן פֿאָלק, פֿאַר וועלכן דו לייגסט אַוועק דיין לעבן”. ער דערמאָנט אים, אַז איצט איז געקו־מען די צייט, אַז ער, חיים, זאָל באַווייזן זיין הילף.

ער אַנטלויפֿט פֿון שיינעם פּאַלאַץ און ווידער איז ער אויף די אַמערי־קאַנער וועגן, ביז צו אַ שטעטל אין נעבראַסקאַ, אין עק וועלט. דאָרט קומט פֿאָר אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון דער גאַנצער געגנט און יידן גיבן געלט. און דאָס איז דער עיקר. מאָרגן וועט ער קענען דערפֿרייען דעם טיכטיקן פֿרידריק קיש, אַריינשיקן אים אַ טשעק, כדי ער זאָל קענען אויסהאַלטן נאָך אַ חודש און נאָך אַ חודש.

ווייצמאַנען יאָגן נאָך די צרות ביז קיין אַמעריקע. סטאָרס, דער קאָמענ־דאַנט פֿון ירושלים, איז געקומען אַהער שיטן אים זאַלץ אויף די ווונדן. ער חברט זיך מיט העברי פֿאַרדן אין דעטראָיט און ער סטאַרעט זיך אָפּצוקילן

דעם יידישן ענטוזיאַזם, דערמאָנען, אַז נישט די ציוניסטן אַליין זענען די־ בעלי־בתּים אין ארץ־ישראל.

און נאָך אַ צרה: ישראל זאַנגוויל און זיינע רעדעס. זאַנגוויל, דער שרייבער, גיסט קאַלט וואַסער אויף וויצמאַנס פייער. אויב ענגלאַנד מיינט אונדז צו העלפן, איז פאַר וואָס — פרעגט ער — טיילט זי נישט איין צווישן יידן די פרייע רעגירונגס־באַדנס אין ארץ־ישראל, פונקט ווי זי טוט עס לגבי די אַראַבער? יידן אין ארץ־ישראל — זאָגט ער — לעבן אין חסד פון די ענגלישע באַאַמטן.

און דאָ פלוצעם — אַ פרישע „גאולה" פאַר יידן: קרים. עס האָבן זיך אַראָפּגעיאָגעט אַגענטן וואָס דערציילן גליקן וועגן אַ יידישער קאָלאָניזאַציע אויף דער גוטער, סאָוויעטישער ערד, אונטער די באַשיצנדיקע פליגל פון אַ וועלט־מאַכט. וויצמאַן ווייס, אַז די קרים־פאַנטאַזיע וועט לאַנג נישט אָנהאַלטן, אָבער דערווייל פאַרסמט זי אים די טעג. ער הערט, אַז דער ברודער זיינער שמואל, גרייט זיך צו קומען פון מאָסקווע, אין שליחות פון דער פריש־געבאַקענער גאולה. ער וויל אים דאָ נישט טרעפן — פאַרטרויט זיך וויצמאַן פאַר דער משפּחה זיינער.

און איז דאָס אַלץ נאָך ווייניק, האָט פּראָפעסאָר פערנבאַך קעגן אים פאַרפירט אַ משפּט. ער האַלט זיך ביי זיינס, אַז וויצמאַנס פערמענטאַציע־פּראָצעס איז נאָכגעקאָפּירט פון זיינער אַ דערפינדונג. עס האָבן נישט געהאָלפן די באַווייזן פון געלערנטע, וואָס שטעלן פעסט, אַז ס'איז נישטאָ קיין ענלעכקייט צווישן ביידע פּראָצעסן. דער פּראָפעסאָר אָבער גיט נישט נאָך. דערווייל האָבן פיינטלעכע ציטונגען צעטראָגן איבער דער וועלט די נייעס וועגן וויצמאַנען „דעם פּלאַגיאַטאָר", וואָס אייגנט זיך צו פרעמדע דערפינדונגען. דער מאָסקווער „עמעס" איז מבזה און מבטל דעם „כלומרשטן וויסנשאַפטסמאַן", חיים וויצמאַן. אַנדערע שונאים דערציילן מעשיות וועגן וויצמאַנס געלטגיריקייט.

ער ביילט די פויסטן און גליט פון כעס: ווען ער זאָל וועלן, ווען ער וואָלט צייט געהאַט דערצו, וואָלט ער געקענט מאַכן מיליאָנען. אַט שלאָגט מען אים פאַר אַ שותפות אין דער פּראָדוקציע פון טיטאַניום, צו וועלכער עס קאָנען ווערן אויסגענוצט זיינע דערפינדונגען. וואָלטן אים נאָר צו רו געלאָזן די מענטשן אין ירושלים און נישט באַהאַגלט מיט הילפסרופן. יאָ, אויף להכעיס די שונאים זיינע וועט ער מאָרגן פאָרן אין דער פאַבריק לעבן באַלטימאָר, וואָס לייגט אים פאַר אַ גינסטיקן קאָנטראַקט. אָבער ניין, נישט מאָרגן, מאָרגן מוז ער זיין אויף אַ פאַרזאַמלונג ביים באַנקיר וואַרבורג; ער דערוואַרט פון דאָרט אַ הונדערט טויזנט דאָלאַר פאַרן „קרן־היסוד".

יאָ, ריכטיק, אין דער פֿאַבריק אין טער־האָט פּראָדוצירט מען טויזנטער קילאָ בוטילישן אַלקאָהאָל און ער באַקומט פֿיינע פּראָצענטן פֿאַר זיין פּאַטענט. וואָלט ער אָבער צייט געהאַט, וואָלט ער דאָרט אַ גאַנצע אימפּעריע געקענט אויפשטעלן. אָבער די ציוניסטישע אַרבעט זיינע, דאָס כסדרדיקע אַרומפֿאָרן!

אויף יענער זייט ים ווידער, האָבן ציוניסטישע טוער אויפגעהויבן אַ שטורעם קעגן ווייצמאַנען מיט דער באַשולדיקונג, אַז ער טאַנצט אַרום די גבירים. ער גיט זיי אַוועק פֿאַר זייערע טשעקן די ציוניסטישע מזרח־וואַנט, ער חברט זיך מיט פּלוטאָקראַטן און סתם אַנטי־ציוניסטן — אַלץ צוליבן געלט.

ווייצמאַן ברויזט: ער האָט זיי געראַטעוועט פֿון באַנקראָט און געשאַפֿן אַ לאַגע אין ציוניזם, וואָס האָט נישט געהאַט איר גלייכן אַלע יאָרן. עס איז אים נמאס מלחמה צו האַלטן מיט אָט די משונהדיקע מענטשן.

ווייצמאַן וויל אַנטלויפֿן פֿון די אַלע זינלאָזע אָנפֿאַלן. ער טראַכט וועגן דער שווייץ, ווו ער וועט אין גיכן פֿאַרברענגען מיט זיין פֿרוי. דאָס מאָל — באַשליסט ער — וועט ער זיך אויסבאַהאַלטן אויף לאַנגע חדשים ערגעץ אין אַ שיינעם ווינקל.

ער ציילט די טעג, וואָס זענען נאָך געבליבן ביז צום פֿאָרן אַהיים. און אָט פּאַקט ער שוין דעם גרויסן קופֿער זיינעם, אין אַן אַכט טעג אַרום וועט ער זיך נעמען צו די קלענערע וואַליזעס. יולי איז שוין נישט ווייט. — די שיף „מאַוריטאַניע" וועט אָנקומען אין סאַוטהאַמפּטן דעם 26טן יוני און דעם 3טן יולי וועט ער זיך לאָזן קיין פּאַריז און פֿון דאָרטן קיין שווייץ. דערנאָך וועלן קומען די קינדער. סאַראַ וווּנדערלעכע וואָכן עס וואַרטן אויף אים!

ענדלעך — אָט איז די שטוב!

באַלד וועט זיך אָנהייבן דער געגאַרטער אָפּרו.

— וואַרט, וועראַ, וואַרט אַ ווייל. מיר פֿאָרן גלייך. איך מאַך נאָר פֿאַרטיק דעם מעמאָראַנדום צום פּירשט דעוואָנשייר, דעם קאָלאָניאַל־מיניסטער. ווערינקאַ, זיי גרייטן שוין ווידער נייע באַגרענעצונגען פֿאַר דער יידישער עליה...

און אפשר וואָלט מען זיך געדאַרפֿט פֿאַרהאַלטן אויף נאָך אַ פּאָר טעג אין לאָנדאָן. די אַראַבער גרייטן זיך אויפצושטעלן דאָ אַן אַגענטור. מ'וואָלט געדאַרפֿט זען וואָס זיי זענען אויסן.

ער וועט נאָך באַזוכן דעם און דעם, ער מוז אויפקלערן, אויספאָרשן.
אָבער ווייצמאַן פאַלט פון די כוחות, ער האַלט ביים צוזאַמענברעכן.

מאַן און ווייב איילן אין דער שווייץ. באַלד וועט זיך פאַרזאַמלען דער ציוניסטישער קאָנגרעס, ווייצמאַן מוז אָפּפרישן די כוחות, קומען אַ ביסל צו זיך.

ווייצמאַן שפּאַצירט אַרום אין פּרעכטיקן טאַראַספּ־טאַל, ווו עס שלענגלען זיך די קליינע טייכלעך. זיין בליק שוועבט איבער די קלאָרע, בלויע וואַסערן, אָבער ער הערט די שטימען פון זשאַבאָטינסקין און פון גרינבוימען. אים דוכט זיך, ווי ער וואָלט געזעסן אויף דער קאָנגרעס־טריבונע און אויף אים פאַלן בייזע און שווערע רייד. „אַדרבא, אַדרבא, איך האָב זיי וואָס צו זאָגן״ — רופט אויס ווייצמאַן אויפן קול.

ער האָט נישט באַוויזן אָנצופרייען זיך ווי געהעריק אין שיינעם טאָל, און עס זאַמלען זיך שוין די ציוניסטישע דעלעגאַטן אין קאַרלסבאַד.*

מיט דער פרוי און די צוויי זין פאָרט ווייצמאַן צום קאָנגרעס. „גענוג גערוט״ — וויצלט ער זיך.

— וואָס איז דער זין פון דער בייזער מלחמה, וואָס איר האָט דערקלערט דעם געדאַנק פון אַ יידישער אַגענץ? — פרעגט ווייצמאַן דעם קאָנגרעס — וואָס מיינט אייגנטלעך די יידישע אַגענץ, אויב נישט אַ פאָרטרעטערשאַפט פון גאַנצן יידישן פאָלק, וואָס זאָל שטיין ביי דער זייט פון דער ענגלישער רעגירונג, ווי דער מאַנדאַט זעט עס פאָר, אין אַלע ענינים, וואָס האָבן צו טאָן מיטן אויפבוי פון דער יידישער היים? „אונדזער הויפּטגעדאַנק איז שטענדיק געווען, אַז ציוניזם איז דער אויסדרוק פון גאַנצן פאָלק. מיר האָבן זיך קיין מאָל נישט געהאַלטן אַלס די וואָרטזאָגער בלויז פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, נאָר פון גאַנצן פאָלק, אין ברייטן זין פון וואָרט; און וואָס מער — מיר האָבן תמיד געשטרעבט צו זיין זיינע אַפּוטרופּסים. „יידישע אַגענץ״ מיינט די מאָביליזאַציע פון אַלע יידן וואָס זענען גרייט צו העלפן דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל; מיינט פאַרוואַנדלען ציוניזם אין אַ קנין פון גאַנצן יידנטום״.

ווייצמאַן טרעט אַרויס קעגן די יעניקע, וואָס האַלטן, אַז ס׳איז בעסער גאָרנישט צו טאָן, איידער זיך חברן מיט יידן נישט־ציוניסטן.

„...דער הער גרינבוים קען וואָרטן; איך האָב געזען אויך אַנדערע יידן

---

* 6—18.8.1923

וואָס קענען וואַרטן, אָבער מ י ר קענען נישט וואַרטן. יעדן טאָג וואָס מיר גייען נישט פאָרויס, גייען מיר אויף צוריק, ווייל מיר דערלאָזן, אַז אַנדערע זאָלן אַוואַנסירן.

„פון וואַנען שטאַמט דער גוייִשער יושר, אַז דאָס געלט פון אַ נישט־ציוניסט איז כשר, אָבער ער אַליין איז טריף?

„ס׳זענען פאַראַן קרייזן אין אַמעריקע, וואָס מ׳קען זיי איצט דערנענטערן צו אונדז. איך וואָרן אײַך, אַז איר זאָלט זיי נישט פאַרשטויסן צוליב גאווה וועגן. איך קען אַזאַ מין גאווה נישט פאַרשטיין. פון איין זייט ווילט איר אַן אומבאַגרענעצטע עליה, אַרבעט פאַר יעדן איינעם אין לאַנד, און פון דער צווייטער זייט רופט איר אַן אַלס פּאַשיסטן און דיקטאַטאָרן די יעניקע וואָס קומען און זאָגן אײַך, אַז עס זענען פאַראַן מענטשן וואָס אין די און אין די באַדינגונגען זענען זיי גרייט מיטצואַרבעטן מיט אונדז און זיי זענען מסוגל צו פאַרגרעסערן די הכנסות פון „קרן־היסוד“, אויף צוויי אָדער דריי מאָל אַזוי פיל“.

די, וואָס זענען אַרויסגעטראָטן קעגן דער ייִדישער אַגענץ, האָבן מורא געהאַט, אַז ציוניזם קען ווערן אַ מין הפקר־פעלד, יעדער איינער וועט דאָרט הערשן אויב ער וועט נאָר געבן געלט. זיי, די אייפערזיכטיקע, האָבן מורא געהאַט, אַז די גבירים, מענטשן פון דער פרעמד, וועלן פאַרוואַסערן דעם ציוניסטישן געדאַנק, אַוועקנעמען פון אים זיין נאַציאָנאַלע וואַרעמקייט, בלאָס מאַכן זיין פילאַנטראָפּישקייט. ווי אַזוי זאָלן מיר זיך זעצן ביי איין טיש — האָבן זיי געפרעגט — מיט מענטשן, וואָס ציטערן אויף ווען זיי דערהערן די ווערטער „ייִדישע מדינה“? און זיי וועלן זיין די בעלי־דעה, וואָרעם זיי זענען דאָך די בעלי־מאה.

ווייצמאַן — האָבן זיי געטענהט — גרייט צו די הערשאַפט פון גבירא־קראַטן, און די מערהייט וועט דאַרפן אַראָפּבייגן דעם קאָפּ פאַר זיין עקס־צעלענץ דעם דאָלאַר. דאָס וואָרט „פאַשיסט“ האָט אַרומגעשוועבט אין זאַל פון קאָנגרעס. ווייצמאַן — האָט מען געטייטלט — האָט זיך „געפונען חברים אויף וויליאַם־סטריט אין ניו־יאָרק“; געמיינט האָט מען די באַנקירן־גאַס, ווו ס׳איז אויך געווען די ביורא פון פעליקס וואַרבורג.

ווייצמאַן ענטפערט אויף די אַלע טענות: צי זענען דען אַזעלכע מענטשן ווי לואי מאַרשאַל און פעליקס וואַרבורג, אָדער ווי רידינג און אַלפרעד מאָנד, שלעכטע ייִדן? זיי קויפן טאַקע נישט אויס קיין שקל צום ציוניסטישן קאָנגרעס, זיי אַנערקענען אָבער די וויכטיקייט פון דער ייִדישער אויסלייזונג אין ארץ־ישראל. האָט דען עמעצער אַ מאָנאָפּאָל אויף דער ייִדישער אויפלעבונג?

האָט ער דען נישט געזען טרערן אין אַלפרעד מאָנדס אויגן, ווען יענער האָט געטראָפן יידישע בחורים און מיידלעך ביים האַקן די שטיינער אויף די וועגן, אונטער דער פלאַמיקער ארץ־ישראל־זון? אָט דער מאָנד האָט זיך אַ שטעל געטאָן ערגעץ ביי אַ שיינער לאַנדשאַפט אין לאַנד און אויסגערופן מיט התלהבות: דאָ וועל איך בויען פאַר מיר אַ הויז, דאָ וועל איך פלאַנצן אַ פרדס. און וואַרבורג? ווען ער איז געשטאַנען אויפן הר־הצופים, האָט ער געזאָגט מיט באַגייסטערונג: איינער פון די שענסטע אוניווערסיטעט־בנינים וועט זיין מיינער, דאָ, אויף דעם צויבער־באַרג וועל איך אים בויען.

ווי דערווייטערט מען אַזעלכע יידן? — פרעגט ווייצמאַן — צי קען מען זיך דערלויבן אַריינצולייגן דעם גאולה־געדאנק אין אַ סדום־בעטל? פאַר־וואַנדלען אים אין עפּעס אַ שמאָלקעפּיקער, אייפערזיכטיקע פּאַרטיי?

שווער איז במילא די אַרבעט וואָס וואַרט אויפן פאָלק, ערנסט איז דאָס געיעג מיט דער צייט, און דערפאַר איז וויכטיק די מיטהילף פון יעדן איינעם. ווער קען, אויב אַזוי, זיך נעמען די רעכט עמעצן צו דערווייטערן?

ווייצמאַן גיט צו דערקלערן די מענטשן אויפן קאָנגרעס, ווי גרויס עס איז דער כוח, וואָס לעבט אין די יידישע מאַסן. אין שיקאַגאָ, למשל, האָט ער אין צוויי וואָכן דערגרייכט אַ ריזן־סומע — אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר, געווען איז עס אַ דערפאָלג, וואָס מענטשן האָבן זיך נישט געקענט פון אים אָפּלויבן. אָבער אין איין טאָג האָט די קהילה פון שיקאַגאָ געזאַמלט אַ מיליאָן דאָלאַר אויף אַ שפּיטאָל. פאַר וואָס זאָלן מיר נישט איינגעמען די קהילות, נישט גרייכן צו די נישט־ציוניסטן?

און וויסן זאָלט איר, יידן, אַז אַפילו ווען די יידישע אַגענץ וועט שוין זיין אַ פאַקט, וועט עס נישט מיינען, אַז די גאולה ליגט שוין אַ גרייטע אויף דער טאַץ. נישטאָ קיין זיגן פון איין טאָג אויפן צווייטן.

די דעלעגאַטן אויפן קאָנגרעס ווילן אַן אָפּעסיזשע, זיי זענען מיד פון ווייצמאַנס שטילע און לאַנגזאַמע טריט. זאָגט זיי ווייצמאַן: איך האָב פיינט פוסטע אָפּעסיזשעס. „די פּאָליטישע נצחונות, וועגן וועלכע איר חלומט, וועט איר מוזן דערגרייכן אין שווייס און אין בלוט, אין עמק־יזרעאל, צווישן שטיינער און זומפּן, און נישט אין די ביוראָס פון דאַונינג־סטריט. זאָלן נאָר זיין מענטשן און געלט, וועלן נישט נויטיק זיין אָפּעסיזשעס. די מעשים וועלן רעדן פאַר זיך אַליין.

די מערהייט אויפן קאָנגרעס איז געווען אונטערן שטאַרקן רושם פון ווייצמאַנס פשוטע און קלוגע רייד. דער קאָנגרעס האָט זיך פון אים געזעגנט און אים באַגלייט מיט ברכות.

אָט באַלד פאָרט וויצמאַן צוריק אין אַמעריקע. ערשט מיט פינף חדשים צוריק האָט ער זיך געקלאָגט פאַר ווערא̇ן, אַז זיי זענען שטענדיק צעשיידט; ערשט נישט לאַנג ווי ער האָט געהאַט געציילט די טעג, וואָס זענען גע־בליבן צום פאָרן אַהיים, זיך געפרייט ביים פאַקן די וואַליזעס, און אָט איז ער שוין ווידער אויף די וועגן.

איידער ער פאָרט אָפּ, ווענדעט ער זיך צום יידישן הויך־קאָמיסאַר הערבערט סעמועל. ווייצמאַן מוז זיך באַגוגענען מיטן שרייבן, ווייל סעמועל האָט אינסטרואירט דעם קאָלאָניאַל־מיניסטעריום, אַז ווייצמאַנס וויזיט אין ארץ־ישראל איז ביים איצטיקן מאָמענט נישט געוווּנטשן. בלייבט ווייצמאַנען נישט מער ווי זיך צו ווענדן צום הויך־קאָמיסאַר מיט אַ בריוו. ער בעט אים, אַז ער זאָל נישט צולייגן אַ האַנט צו אַ נייעם פּלאַן וועגן אַן אַראַבישער פעדעראַציע — אונטער דער פירערשאַפט פון קעניג הוסיין — וואָס זאָל, לויט די קלאַנגען, אין לאָנדאָן, אויך איינשליסן ארץ־ישראל.

איידער ער פאָרט אָפּ מוז ווייצמאַן אויך אָראָפּרעדן זיך פון האַרצן פאַרן טיכטיקן, געטרייען פרעדריק קיש. ער דערציילט אים וועגן א שמועס צווישן קאָלאָנעל מיינערצאַגן און לאָרד אַלענבי, דער הויפּט פון שטאַב אין מצרים. אַלענבי איז זיכער, אַז ענגלאַנד וועט בקרוב דאַרפן אַרויסציען איר מיליטער פון עגיפּטן. אָבער — האָט ער געזאָגט — עס איז נישט געפערלעך, „מיר האָבן דאָך ארץ־ישראל". דאָ האָט אים אַ פרעג געטאָן מיינאַרצאַגן: „גלייבט איר דען נישט, הער קאָמענדאַנט, אַז ס'וואָלט געווען אַ גרויסע ברכה פאַר ענגלאַנד, ווען פּאַלעסטינע איז באַזעצט פון אַ געטרייען און קולטורעלן ישוב?" „זיכער — האָט אַלענבי געענטפערט — עס איז אים אָבער שווער מסכים זיין מיטן ציוניזם, ווייל דאָס איז דאָך נישט קיין קריסט־לעכע באַוועגונג".

ווייצמאַן זעט קלאָר די לאַגע: די אַדמיניסטראַציע אין ארץ־ישראל און אויך אין מצרים איז דורכגעדרונגען פון אַ פרעכן אַנטיסעמיטיזם, וואָס מען פּרובירט אים אַפילו נישט פאַרדעקן. עס וואָלט גוט געווען — באַשליסט ער — אַז דער הויך־קאָמיסאַר זאָל עס וויסן.

אַ סך זאַכן זענען נאָך פאַראַן צו דערליידיקן אין לאָנדאָן, אָבער ער מוז פאָרן. ער מוז אָנהייבן אַ נייע געלט־זאַמלונג. די קאַסעס אין ירושלים זענען ליידיק.

ווידער פאַקן און אויספאַקן וואַליזעס. און ער געדענקט שוין נישט — ווען אַריין און ווען אַרויס. אין זיין זכרון מישן זיך דאַטעס, שטעט און לענדער.

18

— זאָלן זיי רעדן, זאָלן זיי קריטיקירן, דעם אמת ווייס איך: נישטאָ קיין צווייטער וועג — טענהט ווייצמאַן צו זיין פרוי. — איך וויל נישט קיין מלחמות, איך וויל אויסדויער און געדולד. מיין וועג איז אַ פּשוטער: ראַנגלען זיך מיט ענגלאַנד, אָבער אויף אַ בכבודיקן אופן, און דערווייל זאָל זיך שטאַרקן דער ישוב אין לאַנד. די גאַנצע ציוניסטישע תורה דאַרף באַשטיין אין אויפשטעלן „כוח־פּאָזיציעס" אין ארץ־ישראל.

— דעריבער טאַקע — גיט זיך ווייצמאַן אַ קער צו זיין פרוי — האָב איך גענומען אויף זיך די ביטערע אַרבעט פון „קלאַפּן אין די טירן", שנאָרען און שלינגען בזיונות, אַבי נאָך אַ דאָלאַר און נאָך אַ דאָלאַר פאַר ארץ־ישראל.

ווערא ווייס, אַז דאָס וויל זיך איר מאַן פאַרטיידיקן און בעטן מחילה פאַר זיין שטענדיקן וואָגלען, פאַר אירע לאַנגע חדשים אין איינזאַמקייט אין בענקשאַפט. ווערא אָבער קומט איר מאַן אַנטקעגן. זי גיט אים צו מוט און וועקט אין אים קריגערישקייט.

איצט איילט ווייצמאַן צו זיין שרייבטיש. ער גרייט אַ בריוו צום שרייבער און ציוניסטישן עסקן אין דייטשלאַנד, ראָבערט וועלטש:

ווייצמאַן האָט טענות צו די אייראָפּעישע ציוניסטן. זיי ווילן ניסים, אָנשטאָט אַרבעט. אים זענען שוין ליבער די אַמעריקאַנער יידן. זיינע שונאים זענען פול מיט קאָמפּליקאַציעס און סאָפיסטיציזם. זיי זענען אָפּטמאָל מענטשן פון אַ פערווערזן אינטעלעקטואַליזם, אומפעיקע צו קאָנקרעטער אַרבעט. זיי וואַרטן אויף ניסים, און אַז ניסים געשעען נישט, באַשולדיקן זיי סעמועלן, די ענגלישע רעגירונג, די ציוניסטישע פירער — אַלע, אַבי נישט זיך אַליין. יאָ, עס וועט קומען אַ טאָג און ער וועט עס עפנטלעך זאָגן — אַזוי קלאָר ווי מעגלעך, און דאָס וועט זיין דער לעצטער טאָג זיינער אַלס פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

ווייצמאַן האָט אַ ביטערן חשבון מיט די ציוניסטן אין אייראָפּע. ס'איז דאָך ממש אַ טראַגי־קאָמעדיע; פאַר וואָס — פרעגט ער — שווייגן די יידן אין פּוילן? פאַר וואָס איז אַזוי קליין זייערביישטייער פאַרן „קרן־היסוד"? רוסישע יידן, אַ סך פון זיי מיליאָנערן, זעען ווי מיר טרינקען זיך אין

בלוט, און זיי זיצן זיך אין די האָטעלן פון בערלין און מאָנטע־קאַרלאָ און רירן נישט מיט קיין פינגער.

ער זעט פאַר זיך נאָר איין ציל, און ער וויל פון קיין אַנדערן נישט וויסן. ער האָט — שרייבט ווייצמאַן — פאַרשטאָפּט מיט וואַטע די אויערן, נישט צו הערן וועגן זאַכן, וואָס האָבן נישט צו טאָן מיט קאָנסטרוקטיווער הילף פאַר ארץ־ישראל. בויען דאָס לאַנד — דאָס איז אַלץ וואָס אינטערעסירט אים.

ער יאָגט פון זיך מענטשן, וואָס קומען צו אים מיט גרויסצוגיקע פּאָלי־טישע פּלענער. ער האָט זיי נאָר איינס וואָס צו זאָגן: פאַראַן געלט אין אויסטראַליע — פאַר וואָס זאַמלט מען עס נישט? פאַראַן געלט אין פראַנק־רייך, בעלגיע — פאַר וואָס פאָרן זיי נישט, די עצה־געבער, זאַמלען עס פאַרן „קרן־היסוד״? פאַר וואָס אַ ביסעלע נישט וואַנדערן אויף די וועגן, פּונקט ווי ער? — פרעגט ווייצמאַן אין זיין בריוו.

אין זומער 1924 זענען פאָרגעקומען וויכטיקע ציוניסטישע זיצונגען אין לאָנדאָן. ווייצמאַן ווערט אָפּט מאָל פאַרפאַלן.

— ווו פאַרשווינדט ווייצמאַן? — פרעגן מענטשן.

ער באַהאַלט זיך אויס אין שטוב און פאַרברענגט לאַנגע שעהען מיט זיינע זין.

ער פירט לאַנגע שמועסן מיט בענדזשין און אויף פאַרשיידענע טעמעס: יידישע קולטור, גאָט־עקזיסטענץ, קעגנזייטיקע ווירקונג צווישן גריכנטום און יידנטום, א. א. וו.

די שמועסן זענען אַ מין קאָמפּאָט נאָך די לאַנגע לעקציעס פון פיזיק, מאַטעמאַטיק, אָדער כעמיע.

בענדזשי׳ פּראָגרעסירט, דער טאַטע איז גליקלעך.

און דער קליינער מיכאל? אַ פריילעכע בשורה האָט ווייצמאַן מיט־צוטיילן דער פרוי זיינער: מיקי האָט באַקומען 86 פּונקטן אין לאַטיין.

צוויי זין האָט אים דער ליבער גאָט געגעבן: אַ גליק און אחריות נישט אָפּצושאַצן.

— קינדערלעך, מיר׳ן אויך היינט אין אָוונט לערנען און שמועסן.

דערווייל „פאַרגיסט מען ווידער זיין בלוט״. ביליק און געמיין איז דער מעמאָראַנדום, וואָס די אַדמיניסטראַציע אין ירושלים האָט צוגעשיקט צו דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע אין זשענעוו. קיין איין גוט וואָרט פאַרן יידישן

ישוב איז דאָרט נישטאָ. קאַפּויער, זיי קלאָגן זיך גאָר, די דזשענטעלמענס: „די ציוניסטן האָבן באַזעצט דאָס לאַנד מיט נעגאַטיווע עלעמענטן", מיט מענטשן, וואָס פאַרשטייען גאָרנישט אין אַגריקולטור.

— וואָס האָבן זיי געוואָלט, די שיינע לייט, אַז מיר זאָלן באַזעצן דאָס לאַנד מיט דענער אַנשטאָט מיט יידן? פון וועלכן פּלאַנעט זאָל מען ברענגען יידישע פּויערים? פאַרשטייען זיי נישט, אַז אונדזער גאַנצע אַקציע איז נישט מער ווי אַן אויפשטאַנד קעגן דעם אומנאָרמאַלן מצב, אין וועלכן יידן לעבן אויף דער וועלט?

וויצמאַן רעדט זיך אָראָפּ פון האַרצן פּאַר סעמועלן: די יידישע אָנ־שטרענגונגען — באַווייזט ער — זענען געווען געוואונדעט, און טאַקע מיט הצלחה, צו פאַרוואַנדלען אינטעלעקטואלן און האַלב־אינטעלעקטואַלן אין מענטשן פון אַרבעט. נישטאָ קיין פאָלק, אויסער די יידן אין ארץ־ישראל, וואָס עפּעס אַזוינס זאָל זיך אים איינגעבן... אַראַבער האָבן אַ טויזנטיאָריקע טראַדיציע פון ערד־אַרבעט, האָט עס זיי פאַרהיט פון פאַרוואַרלאָזן דעם באָדן? ווער האָט אויסגעטריקנט זומפּן, ווער האָט אַריינגעבראַכט נייע סיסטעמען פון קאָלאָניזאַציע, ווער האָט געבויט טויזנטער הייזער, געפלאַס־טערט מיילן און מיילן פון שאָסייען, געפלאַנצט הונדערטער טויזנטער ביימער, ווער, מיט איין וואָרט, האָט פאַרוואַנדלט דעם מדבר אין אַ בליענ־דיקן גאָרטן? און וואָס איז בנוגע די ערשטע פון נהלל און עין־חרוד? האָבן די פּאַלעסטינער עפּענדיס אַרויסגעוויזן כאָטש אַ קליין חלקל פון דער ליבע צום לאַנד, וואָס לעבט אין אָרעמסטן חלוץ פון פּוילן, אָדער אוקראַינע? ווי האָט מען געקענט אַריבערגיין מיט אַזאַ מין שטילשווייגן איבער דעם גראַנ־דיעזן חלוצישן עפּאָס? — פרעגט וויצמאַן — אינטערעסאַנט, וואָס וואָלט אַן ענגלענדער געזאָגט, ווען מ'וואָלט זיך באַצויגן אויפן זעלבן אופן צו זיינע פּיאָנערן? ער רופט אויס: זיי דערלויבן זיך עס, ווייל מיר זענען יידן.

רייזעס, רייזעס אָן אַ סוף. אומעטום כאַפּט וויצמאַן אויף דעם דופק פון דער צייט און זאָגט פאָרויס דעם גאַנג פון די צוקונפטיקע טעג.

אין ענגלאַנד זעט ער, אַז דער אַנטיסעמיטיזם הייבט אויף דעם קאָפּ, אַז די שנאה־כוואַליע קעגן פרעמדע איז אַ צייכן אויף נייע צייטן, וואָס רוקן זיך אָן.

פון רוים, דער מקום פון וואַטיקאַן, שיקט וויצמאַן אַ וואָרענונג, אַז ס'שטאַרקט זיך דאָרט די אָנשטרענגונג צו פאַרניכטן דאָס יידישע ווערק אין ארץ־ישראל.

און פון דייטשלאַנד: דייטשלאַנד ווערט צוריק אַ גרויסע קראַפט. פאַר אונדז ווערט דאָ דאָס לעבן אומדערטרעגלעך. קענסט עס באַמערקן אין דער הכנעהדיקייט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די יידן דאָ.

די רייזעס שעפּן אויס. וויצמאַן ליגט אַ קראַנקער אין וויסבאַדען. ער פאַלט אַריין אין אַן עלעגישער שטימונג. ער פילט זיך זינדיק פאַר זיין ווייב און קינדער. ער שטראָפט זיך.

אין צוואַנציק טעג אַרום וועט ווערן פינף און צוואַנציק יאָר זינט ער האָט זיך באַקאַנט מיט וועראַן, און כמעט צוואַנציק יאָר — זינט זייער חתונה. ניטש שטענדיק איז אים געלונגען צו באַגליקן זייער לעבן. די רייזעס זיינע, דאָס אומגליקלעכע וואַנדערן! זיינע צענדליקער, הונדערטער בריוו, קענען עדות זאָגן אויף זיין בענקשאַפט נאָך אַ רויק לעבן אין שויס פון דער משפחה.

ער וועט אָבער אויסבעסערן זיין וועג — זאָגט וויצמאַן צו מיט איבער־ציוגונג. ער וועט אויסבעסערן זיין וועג, און זיין הויז — דאַנקען גאָט — איז נאָך דערוויל נישט אַזאַ, ווי אין טשעכאָווס „דער קאַרשן־גאָרטן".

ער וועט זיך נאָך אַ ביסל שטאַרקן, ווערן געזונטער — און אַ נייַ קאַפּיטל וועט זיך אָנהייבן אין זיין לעבן.

ווי גוט עס איז נישט שטענדיק צו זיין דער גבור. וויצמאַן גיט זיך איבער, ווי אַ קינד, אין די הענט פון זיינע דאָקטוירים. ער איז מסכים אויף אַ שווערער אָפּעראַציע אויף דער נאָז. די ספּעציאַליסטן זענען גערעכט געווען. ער האָט זיך באַפרייט פון די קאָפּ־ווייטיקן, וואָס האָבן אים אַזוי פאַרביטערט דאָס לעבן.

וויצמאַן איז צופרידן, וואָס ער האָט אויף דער לעצטער זיצונג פון אַקציאָנס־קאָמיטעט געבעטן אַ באַפרייונג אויף אַ יאָר צייט. אַ גאַנץ יאָר וועט ער קענען זיך אָפּגעבן מיט פרוי און קינדער, און אויך מיט דער לאַבאָראַטאָריע — לערנען און פאָרשן!

זאָל נאָר אַדורכגיין דער נאָענטער ציוניסטישער קאָנגרעס, דער פערצנטער. דאָס מאָל וועט ער זיך באַמיען צו היטן זיין געזונט, איינ־האַלטן כעס און רוגזה, שאַנעווען די נערוון, און דאַן — די פרייהייט!

וויצמאַנען ווערט בעסער. ער שפּאַצירט אַרום איבער די גאַסן פון וויסבאַדען אַ צעשמייכלטער. ער טראַכט וועגן די צוועלף מאָנאַטן אָן זיצונגען, אָן רעדעס — אָן ציוניזם.

אין איינעם אַ פרימאָרגן הייבט זיך וויצמאַן אויף גאַנץ פרי. ער

לאָזט זיך אין שטאָט זוכן אַ ספּעקטראָסקאָפּ פֿאַר זיין מיכאלן — אַ לעבן אויף אים. דער טאַטע איז גליקלעך. מיכאל לייענט אַ סך וועגן אַסטראָנאָמיע. קויפֿט אים דער טאַטע אַן אינסטרומענט, אַז ער זאָל קענען קוקן אין הימל און זיך חברן מיט די שטערן.

ווין, אויגוסט 1925. די אַנטיסעמיטן רודערן: אין זייער שטאָט — אַ שטאָט פֿון קאַטאָליציזם און רומפּולער געשיכטע, וועט נישט פֿאַרקומען קיין ציוניסטישער קאָנגרעס! עס דוכט זיך, ווי דער קלאַנג פֿון די כוליגאַנישע אויסרופֿן וואָלט אַריינגעדרונגען אין קאָנגרעס־זאַל.

אויף ווייצמאַנס קאָפּ פֿאַלן טענות און באַשולדיקונגען אָן אַ סוף.

עס באַמערקט דוד בן־גוריון: דער פּרעזידיום האָט מודה געווען אין זיין דערעפֿענונגס־רעדע, אַז ווייניק און בלאָס זענען געווען די מעשים.

יצחק גרינבוים: די פּאָליטיק פֿון פּרעזידיום איז געבויט אויף שפּרינג־וויזיטן קיין לאָנדאָן, „אויף אימפּרעסיאָניזם, נישט באַזירט אויף דער ווירקלעכקייט. זיין וועג איז געפּלאַסטערט מיט סוראָגאַטן״.

זאב זשאַבאָטינסקי: די ענגלישע רעגירונג בויט זיך אין ארץ־ישראל אַ סטראַטעגישע פּאָזיציע און מיר, די עקספּלאָאַטירטע, באַקומען נישט דערפֿאַר עפּעס וואָס זאָל זיין אין דער זעלבער ווערט.

און אַזוי — אַ דעלעגאַט אַרויף און אַ דעלעגאַט אַראָפּ. יעדער איינער מיט זיינע טענות.

זיצט ווייצמאַן און זיין קאָפּ — אַן אויפֿגעהויבענער. אַנטוישט האָבן זיך די, וואָס האָבן דערוואַרט צו טרעפֿן אַן אויסגעמוטשעטן, נערוועזן ווייצמאַן. וויסבאַדען האָט אין אים אַריינגעגאָסן נייע כוחות. ער איז אָפּגעברענט פֿון דער זון און ער זעט אויס קרעפֿטיק. אויף דער ברייט פֿון זיין וועסט הענגט אַ גאָלדענע זייגער־קייט; אויף זיין האַלדז — אַ קראַוואַט אין פּריילעכע קאָלירן. מיט ברייטע זשעסטן, מעשה פּרינץ, צינדט ער אָן זיינע טייערע ציגאַרעטן. ער זעט אויס ווייט, נישט צום דערגרייכן.

ער שטעלט זיך אויף ענטפֿערן די קריטיקער זיינע. ער ציט אַרויס די ווינטן פֿון די זעגלען אין די קריגערישע שיפֿן: „אונדזער גאַנצע אַרבעט באַשטייט פֿון אַ צוזאַמענשטעל פֿון קליינע מעשים, און איך האָב נישט פֿאַר אייך קיין סענסאַציעס״... „אַ ייד קען אַ סך באַווייזן, אָבער דעם צוים פֿון צייט און אָרט וועט ער נישט איבערייסן.״

„ווען עס וואָלט מיר געגעבן געוואָרן די געלעגנהייט״ — ווענדט זיך ווייצמאַן צו גרינבוימען — „צו טאָן אַ נישט איבערגעריסענע אַרבעט

אין לאָנדאָן, וואָלט אין 24 שעה פאַרשווונדן דער רושם פון אימפּרעסיאָ־ניזם, אַ פּאָליטיק, וואָס באַזירט זיך אויף דורכגייענדיקע איינדרוקן".

— פאַראַט פון ציוניזם?! ווייצמאַנס שטים איז פול מיט אויפריכ־טיקייט, וואָס רירט יעדנס האַרץ. עפּעס אַ מיסטעריעזער כוח קלינגט אין זיינע רייד:

„איך בין נישט אַרונטערגעפאַלן פון הימל. אויף דער יידישער גאַס בין איך געבוירן געוואָרן. איך בין אַ טייל פון בלוט און פלייש פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. איר צעשטערונג וואָלט פאַר מיר געווען דאָס זעלבע ווי אומברענגען זיך אַליין".

ווייצמאַן דערקלערט ווידער אַ מאָל זיין גאַנג: צוויי וועגן זענען פאַראַן אויף איינצופלאַנצן אַ כבוד־געפיל צום יידן אין האַרץ פון נישט־ייד; איינער — דאָס שפּילן די ראָל פון אַ שטאַטסמאַן, באַזירן זיך אויף מיסטעריעזע כוחות, וואָס עקזיסטירן בכלל נישט אין דער ווירקלעכקייט, שאַפן פאַלשע פאַנטאַזיעס און אילוזיעס. אויף אַזאַ מין וועג זענען מיר נישט געגאַנגען, טאָקע בכיוון נישט געגאַנגען, ווייל מיר האָבן נישט געוואָלט זיין קיין שאַרלאַטאַנעס, נישט געוואָלט, אַז מען זאָל פון אונדז לאַכן. דער צווייטער וועג איז באַזירט אויפן געפיל פון גערעכטיקייט, וואָס וועקט דאָס זעלבע אויך ביי יענעם. מיר האָבן געווייכט פון שווערד־פאָכעריי, פון פּאָליטישע שיטות, אויסגעבאָרגטע ביי אַנדערע פעלקער.

— יאָ, גערעכט, חבר בן־גוריון: אַ סך זאַכן האָבן מיר געקענט טאָן און נישט געטאָן, און נישט ווייל מען האָט אונדז נישט געלאָזט, נאָר צוליב דער אייגענער שולד. אַט זענען שוין אַדורך פיר יאָר זינט מיר האָבן באַקומען די רוטענבערג־קאָנצעסיע. פאַר וואָס האָבן מיר גאָרנישט געטאָן די גאַנצע צייט, כדי זי צו פאַרווירקלעכן? מיר זענען ספּעציאַליסטן אויף לאָזונגען, אָבער ווען מ׳גיט אונדז אַ מעגלעכקייט עפּעס צו טאָן, בלייבט עס שוועבן אין דער לופטן.

— אַ גלענצנדיקע רעדע האָט נעכטן געהאַלטן זשאַבאָטינסקי, — אַ וווּנדערבאַרע רושטאָוואַניע אַרום אַ הינקענדיקער פאָרמולע, אַז פיר מיט פיר איז פינף. האָט עס אַ זין צו פאַרגלייכן ארץ־ישראל מיט ראָדעזיע — אַ לאַנד אָן פּראָבלעמען, אָן אַראַבער?

און איצט לגבי דער טענה, אַז ענגלאַנד נוצט אונדז אויס אויף שאַפן פאַר זיך אַ סטראַטעגישע פּאָזיציע, אָן אַ פּאַסיקער באַלוינונג פאַר אונדז. איז וואָס זאָל איך טאָן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ שולע אין ענגלאַנד, וואָס טענהט פּונקט דאָס פאַרקערטע? וואָס זאָל איך העלפן, אַז ס׳זענען פאַראַן ענגלענדער וואָס האַלטן, אַז ארץ־ישראל איז טאַקע וויכטיק, אָבער אָן

יידן, אָן אַ מאַנדאַט. אָט דער צוגאַנג איז געקומען צום אויסדרוק אין אַ דעקלאַראַציע צו דער רעגירונג, אונטערגעשריבן פון 125 פּאַרלאַמענט־מיטגלידער. פעלן דען ענגלענדער וואָס טראַכטן, אַז גיבראַלטאַר אָדער מאַלטאַ זענען וויכטיקער פאַר דער קרוין ווי ארץ־ישראל?

און דאָ איבערראַשט ווייצמאַן נישט איין דעלעגאַט אויפן קאָנגרעס. ער רעדט וועגן זיין גלויבן אין ענגלאַנד, דאָס ענגלאַנד פון צדק און יושר, „וואָס האָט באמת געוואָלט ביישטייערן צו דער לייזונג פון יידישן פּראָבלעם און באַפרייען דעם געוויסן פון דער וועלט פון אַ דורותדיקער חרפּה".

ווייצמאַן, דער גלויביקער אין מענטשן, דער ליבעראַל אין אַלע זיינע אברים, קען נישט פאַרראַטן און פאַרשווייגן דאָס, וואָס ס'איז אים ליב און טייער. ער וויל נישט קיין נצחונות מיט דער הילף פון לעגיאָנען. ער דערקלערט, אַז „נאָר מיט אמתער פריינדשאַפט און מיטאַרבעט מיט די אַראַבער וועלן מיר דאַרפן עפענען דעם נאָענטן מזרח פאַר דער יידישער איניציאַטיוו. ארץ־ישראל וועט דאַרפן געבויט ווערן אָן אָנצורירן אַ האָר פון די אַראַבישע גערעכטע אינטערעסן. ארץ־ישראל איז נישט ראָדעזיע. אין ארץ־ישראל געפינען זיך 600.000 אַראַבער, וואָס האָבן די זעלבע רעכט אויף צו זיין דאָרט, פונקט ווי מיר — אויף אויפצושטעלן אונדזער נאַציאָנאַלע היים... דאָס איז אַ שווערער וועג וואָס די גוטע צווישן אונדז גייען אויף אים, אין גרויס מי. מיר מוזן נעמען ארץ־ישראל אַזוי ווי זי איז — מיט אירע זאַמדן און שטיינער, מיט אירע אַראַבער און יידן".

ווייצמאַן רייסט איבער אַ ווייל. ער קוקט זיך אַרום. זיין פּנים ווערט געלבלעך־אַשיק. ער רופט אויס:

— נישטאָ קיין דרך המלך צו ארץ־ישראל!

און ביים אָפּקלאַנג פון זיין אויסרוף וואָס שוועבט נאָך אין זאַל, איז ווייצמאַן ממשיך:

„שוין עלף יאָר ווי איך באַמי זיך, צוזאַמען מיט מיינע חברים, צו שאַפן שיטות פון יידישער פּאָליטיק. אַ מאָל איז יידישע פּאָליטיק באַשטאַנען אין שתדלנות. אַ שתדלן איז אַ מענטש וואָס פאַרלאַנגט זאַכן, צו וועלכער ער קען כלל נישט דערגרייכן און וואָס האָט אויך נישט די מיטלען צו קענען פאַר זיי אָפּצאָלן".

זיין אַמביציע איז געווען — דערקלערט ווייצמאַן — צו איבערצייגן די שטאַטסמענער פון דער וועלט, אַז דאָס יידישע געפיל פאַר יושר איז די טרייבקראַפט פון פאָלק — זיין שטאָלץ און קוואַל פון אמונה. עס זענען

פאַראַן צייטן, וואָס פעלקער באַנעמען און פאַרשטייען אַט דאָס געפיל; מען טאָר זיך אָבער נישט מייאש זיין, ווען עס פאַלט פלוצעם צו די נאַכט און עס צעבושעוועט זיך די רעאַקציע. ער גלייבט — שטרייכט אונטער ווייצמאַן — אַז דער ענדגילטיקער זיג וועט געהערן דער גערעכטיקייט.

אַריבער איז שוין, ברוך השם, דער קאָנגרעס. וואָס זשע איז מכוח ווייצמאַנס צוזאָג זיין ווייב און קינדער און זיך אַליין וועגן אַ יאָר אָפּרו? די הבטחה איז נישט מקויים געוואָרן. דאָס לעבן איז אַוועק אויפן אַלט־באַקאַנטן וועג: רייזעס, זיצונגען, וואַרטעניש אויף בריוו פון דער משפחה, כסדרדיקער קאַמף אויף פאַרשידענע פראָנטן מיט אַ מאָל.

אָבער אָפּט רייסט זיך ווייצמאַן אָפּ פון אַלץ און אַלעמען און ער פאַרברענגט זיינע טעג מיט בענדזשין, זיין בכור. דער זון איז שוין אַ סטודענט אין קעמברידזש. דער טאַטע פאָרט צו אים, קוקט זיך צו פון דער נאָענט זיין לערנען. דער זון האָט זיך אָנגעשלאָסן אין ציוניסטישן שטאָט־פאַרבאַנד. די קרן־קיימת־פושקע באַשיינט זיין סטודענטן־צימער. ווייצמאַן רעדט אָפּט פאַר די בחורים און מיידלעך וועגן ציוניזם און ארץ־ישראל.

— וואָס איז אָנגעקומען מיט דער פאָסט?

צוויי בריוו פון האַנס הערצל, דער זון פון מדינה־זעער. אין איינעם בעט ער ווייצמאַנען, אַז ער זאָל אים העלפן מבטל זיין זיין בריטישע בירגערשאַפט, וואָרעם פון היינט אָן און ווייטער געהערט ער צום פויפסט, און ער איז אַ בירגער פון וואַטיקאַן. אין צווייטן בריוו בעט האַנס הערצל מחילה פאַרן אינהאַלט פונעם ערשטן.

— אוי, טאַטע אין הימל! בנים גדלתי ורוממתי...

— בענדזשי, בענדזשי, ווו ביסטו? ברענג אַריין די ביכער, בענדזשי. זון מיינער, עס איז פאַראַן ביי יידן אַ ספר — „חובות הלבבות״...

— ווו ביסטו, בענדזשי?

ווייצמאַנס שטים טראָגט זיך איבער די ליידיקע צימערן, אין דער איינזאַמקייט אַרום אים.

19

שרעקלעך שווער איז דאָס געפיל פון געיעג מיט דער צייט. ווייצמאַן באַנעמט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט, אַז די אויפבוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל מוז צוגעאײלט ווערן. נישט איין מאָל פרעגט ער זיך: „וויפל צייט איז אונדז נאָך פאַרבליבן?" אין אים עגבערט כסדר די פראַגע: ווי אַזוי פאַראייניקט מען די גיכע רעטונג מיט דעם לאַנגזאַמען בויען? איז דען מעגלעך אויסצוטרינקען מיט איין מאָל די ימים שנאה, פריי מאַכן דעם וועג פון אַלע מכשולים — איידער עס פאַלט צו די נאַכט? וועט טאַקע די גאולה איבעריאָגן די שנעלקייט פון באַרג־אַראָפּ צום אומקום צו?

נישט פאַר קיין מענטשלעכע כוחות איז דאָס געראַנגל. עס טרעפט, אַז ווייצמאַן כאַפּט זיך אויף ביי נאַכט און אין האַלדז שטיקט אים אַ געוויין. אים דוכט זיך, אַז ער ווערט דערדריקט אונטער דער שווערער אויפגאַבע, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען. ער פילט ווי עס גיסט זיך אַריין אַ ביטערקייט אין זיין לעבן.

אויך ער וואָלט וועלן אַ קפיצת־הדרך צו דער יידישער אויסלייזונג, פונקט ווי אַלע איבעריקע, אָבער ער האָט נישט קיין כשוף־שטעקן דערצו. ער ווייסט דעם אמת, דעם איין און אייציקן און ביטערן אמת: נישטאָ קיין אַנדער וועג ווי דער לאַנגזאַמער — ווייל די יידן זענען נישט די איינציקע באַלעבאַטים איבער זייער גורל, ווייל אַ ירושה פון אַ צוויי־טויזנט־יאָריקער אַנאָמאַליע קען מיט אַ מאָל נישט פאַרשווינדן.

מוז מען דערווייל טאָן די טעג־טעגלעכע אַרבעט, אויסנוצן יעדעס שפּאַרונעלע אויף זיך אַריינצובאַקומען אין ארץ־ישראל, אויסלייזן יעדעס שטיקל באָדן, קעמפן אויף אַלע פראָנטן, זיין געדולדיק אָן אַ סוף — קעמפן און באַנעמען די חכמה פון לייגן אַ ציגל צו אַ ציגל.

נישט לייכט איז עס ווייצמאַנען אָנגעקומען. אָפט מאָל איז ער שטאָלץ ביי זיך מיט זיין גאַנג; ער גלייבט קוים צי עמעצער אויף דער וועלט וואָלט געקענט טאָן אָט די אַרבעט. ער באַנעמט עס גאַנץ גוט, הגם ער איז להוט צו דערקלערן, אַז ער איז ווייט פון גרויסהאַלטעריי. ער פילט די אויסגעשפּראָכנקייט פון זיין פּאָזיציע; ער ווייס, אַז דער גורל האָט אַרויפגעלייגט אויף אים אַ שווערע, באַזונדערע אויפגאַבע.

ווייצמאַנס „לאַנגזאַמער" וועג רופט אַרויס פאַרביטערטקייט. פאַראַן

יידן, וואָס פאַרלאַנגען פּאָליטישע אָפּענסיוועס, און ער האַלט זיך ביי דאָס זייניקע: דער פּלאַץ פאַר אַ פּאַרמעסט פון כוחות איז דער מדבר פון ארץ־ישראל, און דאָס מיינט קרבנות אָן אַ סוף.

דריי צענדליק יאָר זענען אַריבער, זינט הערצל האָט גערופן דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס. יידן, געפּייניקטע פון אומגעדולד, ווילן אַ דין־וחשבון. אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, אין 1927, פרעגן דעלעגאַטן: ווי לאַנג נאָך וועט מען אַזוי טאַפּטשען אויף איין אָרט?

זשאַבאָטינסקי טענהט: „וויצמאַנס לאַנגזאַמקייט איז ממש אַ פּסיכאָז".

און וויצמאַן ענטפערט: „זשאַבאָטינסקי איז זיכער גערעכט. די רעגירונג שלעפּט אָפּ און פאַרלאַנגזאַמט איר טעטיקייט. אוודאי איז עס אַ גערעכטע טענה. אָבער איך בין זיכער, אַז ווען מירן דערגיין צו אַ יידישער מדינה וועלן מיר אויך האָבן טענות קעגן דער ביוראָקראַטיע און דעם פּירעקץ, און מיר וועלן שרייען, אַז די מאַשין אַרבעט לאַנגזאַם און שווער"... איך בין מודה, אַז די פּאָליטישע באַדינגונגען זענען נישט גינסטיק פאַר דער ציוניסטישער אַרבעט. אָבער קענען מיר ענדערן אָט די באַדינגונגען? זשאַבאָטינסקי זאָגט, אַז יאָ, און איך מיין, אַז דערווייל נאָך נישט. אין דעם איז דער גרויסער אונטערשיד צווישן אונדז ביידע"... „עס זענען פאַראַן באַדינגונגען, וואָס זענען שטאַרקער ווי דער כוח פונעם מענטשן, וואָס וויל זיי ענדערן. ווען זשאַבאָטינסקי האָט געדאַרפט אונטערשרייבן טשערטשילס ווייסן בוך האָט ער נישט גערעדט אַזוי שיין ווי ער רעדט דאָ, נאָר ער האָט אונטערגעשריבן".

וויצמאַן, ווי ער וואָלט געטראַכט אויפן קול, איז ממשיך: „וואָס הייסט אַ גרויסע פּאָליטישע טעטיקייט? גרויסע מעשים טרעפן זיך איין מאָל אין צוואַנציק יאָר, פופציק יאָר, אָדער זעלטענער. די פּאָליטישע טעטיקייט איז אָפּהענגיק פון די באַדינגונגען פון צייט און לעבן, און אַז עס שאַפט זיך אַ פּאַסיקע קאָניונקטור קען זי אויסנוצן דער פירער, וואָס שטייט אין שפּיץ פון אַ באַוועגונג, און דערגרייכן אַ גרויסן, פּאָליטישן אויפטו".

ווען אַ דעלעגאַט אין קאָנגרעס ווייזט אָן, ווי אויף אַ מוסטער פון דינאַמישער טעטיקייט און גוטן ווילן, די יידישע קאָלאָניזאַציע אין קרים — ענטפערט וויצמאַן: „פון איין זייט פלאַנצט איין די סאָוויע־טישע רעגירונג די יידן אויף דער ערד, און פון דער אַנדערער זייט האַלט זי זיי אונטער דער ערד — אין די טורמעס פון סיביר".

ווייצמאַן רעדט אויספירלעך וועגן גורל, אומשטענדן, כוח און ווילן. „אומגעדולד, קריזיסן, שווערקייטן זענען אַן ענין פון חיי־שעה. ארץ־ישראל איז אָבער אַ ענין פון חיי־עולם"... דער קריזיס אין ארץ־ישראל וועט אַדורכגיין; עס וועט זיין אַן אויפשטייג און אפשר אויך אַ ירידה. ארץ־ישראל וועט זיך נישט בויען אַזוי איינפאַך און גלאַטיק... צרות וועלן אונדז קיינמאָל נישט אויספעלן, און די וואָס האָבן מורא פאַר צרות און מיינען, אַז מען קען בויען ארץ־ישראל פונקט ווי מען בויט אַ הויז אין בערלין, אָדער וואַרשע, די וועלן בלייבן אויסער דער מחנה".

קאָנגרעסן קומען זיך צוזאַמען און פאָרן זיך פונאַנדער. ווייצמאַן גייט זיך מיט זיין וועג, זיין געדולד איז גרויס. ער פאָרט אַרום איבער די־ארץ־ישראלדיקע ישובים, וויל וויסן פון זייערע נויטן און שטרעבונגען.

ביי אים אין קעשענע איז פאַראַן אַ קליין, שוואַרץ נאָטיץ־ביכעלע. ער פאַרצייכנט דאָרטן ציפערן, פּרטים, פּראָבלעמען. זיין האַרץ ווערט אָנגעזאַפּט מיט זאָרג, ליבשאפט און קרבנות־גרייטקייט. אָט איז ער אין חיפהער פּאָליטעכניקום, און באַלד קומט מען אים אַנטקעגן מיט ביטערע טענות: מען איז שולדיק די לערער 2,300 פונט שטערלינג.

ביים כותל־המערבי זעט ער, ווי אַראַבער שפּאָטן אָפּ פון יידישן געוויין ביי די אַלטע שטיינער. ווייצמאַן טראַכט דאָ וועגן אויסלייזן די הייליקע וואַנט און ער פאַרבינדט דעם געדאַנק מיט אַ פּראָגראַם פון אַ ספּעציעלן פאָנד, וועמענס ערשטע געלטער זאָלן געזאַמלט ווערן אין דרום־אַפריקע.

און אָט די סכנה פון די מיסיאָנערישע שולן, וואָס לויערן אויף טויזנטער יידישע קינדער. ער זוכט אַן עצה, ער פאַרצייכנט זיך עס אין זיין געדענק־ביכעלע. אויף אַ קעגנאיבערדיק זייטל שרייבט ער אָן ווי עפּעס אַ טיטל פון אַן עסיי: „צווישן וואַנט און שווערד"...

אים באַאומרויקט די לאַגע פון די בעלי־מלאכות. זיי מאַכן אויס — שאַצט ער — אַ פינפטל פון דער באַפעלקערונג, און זייער לאַגע איז אַ געדריקטע.

פאָרט ווייצמאַן אַרום איבערן לאַנד און פאַרצייכנט דאָס אין זיין שוואַרץ ביכעלע.

שוין לאַנג נישט געהאַט קיין צרות מיט ענגלאַנד.

אין דער קאַסע פון דער אַדמיניסטראַציע אין ארץ־ישראל איז פאַראַן אַן איבערפלוס פון געלט. די הוצאות דעקן זיך און עס בלייבן נאָך איבער שיינע סומעס. אַ סך פון דעם געלט שטאַמט פון יידישע קעשענעס איבער גאַר דער וועלט. און אַז דער יידישער ישוב לעבט איבער אַ שווערן קריזיס, און מען דאַרף הילף, בעט וויצמאַן ביי דער רעגירונג אַן הלוואה. יידן וועלן אָפּצאָלן, טענהט ער, סוף כל סוף שטאַמט דאָך דער עודף אין קאַסע, אין זיין גרעסטן טייל, פון יידישע קוואַלן. דאָס קומט אָבער נישט אַן אַזוי לייכט.

אין אַ שווערן מאָמענט באַקומט ער אַ געטרייען אַרויסהעלפער. דאָס איז בלאַנש דאַגדייל, באַלפורס פלימעניצע. זי געהערט צו די בריטישע מענטשן, אין וועלכע עס קלאַפּט אַן אָדערל פון משיחיזם; די יידישע שטרע־בונג צו אויפלעבונג און פרייהייט וועקט אין איר אַ רעליגיעזישע התרו־ממות. אין אירע אויגן איז וויצמאַן די פאַרקערפּערונג פון דער יידישער דראַמע. זיינע ליידן וויל זי מילדערן מיט איר טריישאַפט און מיט אירע גוטע מעשים.

בלאַנש דאַגדייל איז אויך דאָס מאָל ביי וויצמאַנס זייט. זי אָרדנט איין אַ צוזאַמענטרעף אין איר פּאַטערס הויז, ביי באַלפורן. עס קומט ווינסטאָן טשערטשיל — איצט פינאַנס־מיניסטער; און עס קומט עמערי, דער קאָלאָניאַל־מיניסטער.

וויצמאַן שטעלט פאַר די לאַגע.

טשערטשיל רוקט אַרויס דעם חשש, אַז אויב די איניציאַטיוו אין פאַרלאַמענט וועט קומען מצד דער רעגירונג, וועלן די אַנטי־ציוניסטן זי שאַרף באַקעמפן.

וויצמאַן: און אויב די איניציאַטיוו וועט קומען פון אַן אַנדער אינסטאַנץ?

טשערטשיל: וועל איך זי זיכער שטיצן אין קאַבינעט.

וויצמאַן: דאָס וואָלט געווען אַ גוטער שריט. עס וואָלט אָפּגעשטעלט די קריטיק אין אַמעריקע, וווּ מענטשן קענען נישט פאַרשטיין ווי אַזוי די ענגלישע אַדמיניסטראַציע קען זיין גלייכגילטיק צום איצטיקן קריזיס אין ארץ־ישראל, און נישט וועלן העלפן דעם ישוב, בעת אין קאַסע איז פאַראַן איבעריק געלט.

וויצמאַן באַוויזט צו שאַפן אַ דערהויבענע שטימונג. טשערטשיל און עמערי רעדן מיט באַגייסטערונג וועגן דער צוקונפט פון ארץ־ישראל.

באַלפור הייבט מיט זיינע רייד דעם אַלגעמיינעם ענטוזיאַזם און בלאַנש דאַגדייל איז איבערגליקלעך.

אָבער ווידער איז שטאַרקער געוועזן די שנאה: די הלוואה איז נישט באַוויליקט געוואָרן, ענגלאַנד האָט איר גוטן ווילן נישט אַנטפּלעקט.

אויב נישט ענגלאַנד — מוז דאָס יידישע פאָלק אויסשטרעקן די האַנט פון הילף. ווייצמאַן ווייס, אַז דאָס מאָל וועט אים אַמעריקע נישט אויפנעמען מיט פּאַראַד. ער נעמט זיך אָבער אָן מיט מוט און פאָרט אַהין, וואָרעם דער קריזיס אין ארץ־ישראל איז גרויס. ענגלאַנד האָט נישט געוואָלט העלפן, איז זאָל ער איר דערקלערן מלחמה? דאָס וועט דעם ישוב נישט ראַטעווען.

די אַמעריקאַנער ציוניסטן נעמען אויף ווייצמאַנען מיט תרעומות: ווי לאַנג נאָך וועט ווייצמאַן פאַרטיידיקן ענגלאַנד? ווי לאַנג נאָך וועט ער זיך לאָזן דערנידעריקן? אין ארץ־ישראל איז פאַראַן פרייער רעגירונגסבאָדן, פריי פאַר אַלעמען, אָבער נישט פאַר יידן; פאַראַן דאָרט אַן איבערפלוס פון געלט, פון יידיש געלט, אָבער נישט פאַר יידן. ווי לאַנג נאָך וועט ווייצמאַן שווייגן?

ערב ווייצמאַנס אָנקום קיין אַמעריקע רעזיגנירט פון זיין אַמט ד״ר סטיפען וויז, אַלס אויסדרוק פון פּראָטעסט, און זיין ביישפּיל טוען נאָך אויך אַנדערע.

קיינער פון זיינע קעגנער איז ווייצמאַנען נישט געקומען זען. ווייצמאַן וואַרפט זיי פאָר, אַז זיי זענען פּחדנים, וואָס באַהאַלטן זיך אויס אין די ווינקלען, און ער קלאָגט זיך פאַר זיינע פריינד אין ניו־יאָרק, אַז די לופט אַרום אים איז פאַרסמט, מען צאַפּט אים דאָס בלוט. עס וועט דאַרפן אַדורכגיין אַ שטיק צייט, ביז ער וועט קענען קומען צו די כוחות.

ווייצמאַנס קעגנער הייבן אויף די פאָן פון הערצל־ציוניזם; זיי ווילן אַ ברייטצוגיקע באַוועגונג. זייער לאָזונג: „אַ סוף זאָל נעמען צו ווייצמאַנס נאָכגעבערישקייט".

ווייצמאַן זאָגט וועגן זיי, אַז זייער גאַנצע אָפּאָזיציע דרייט זיך אויף איין אַקס: ווי אַזוי בויט מען ארץ־ישראל אָן געלט? די מענטשן וואָס אַנטלויפן פון טאָג־טעגלעכע פליכטן האָבן אַ טבע זיך אויסצובאַהאַלטן אין רעשיקע לאָזונגען. פון אָט די קרייזן איז נאָך דערוויילע נישט געקומען קיין איין חלוץ אין ארץ־ישראל.

ווייצמאַן קירעוועט זיך קונציק צווישן די שנאה־כוואַליעס אַרום

אים — צו דער פּאַרווירקלעכונג פון זיין פּלאַן: שאַפן אַ יידישע אַגענץ, אין וועלכער אויך נישט־ציוניסטן זאָלן זיין פאַרטראַטן. מען מוז שטאַרקן די רייען, ווייל ס'איז היינטערשטעליק אין געיעג מיט דער צייט.

אונטער ווייצמאַנס דרוק — און מער ווי דרוק איז עס געווען איבער־צייגונג — באַשליסן נישט־ציוניסטן אין אַמעריקע זיך איינצושפּאַנען אין דער אַרבעט פון בויען ארץ־ישראל. ווייצמאַן זעט דערין אַ היסטאָרישן אַקט.

ער דערמאָנט פאַר די נייע שותפים — די נישט־ציוניסטן — די רייד פון לאָרד מעלטשעט, מיטקעמפער פאַרן געדאַנק פון אַ יידישער אַגענץ, אַז, „נאָך פינף יאָר איז אונדז פאַרבליבן, נאָך פינף יאָר", אָבער ער טרייסט זיי גלייכצייטיק: „פאַר אונדז יידן, קינדער פון אַ צוויי־טויזנט־יאָריקן גלות, זענען פינף יאָר נישט מער ווי אַ מאָמענט אין אונדזער קיום. מיר זענען געוווינט צו ציילן די יאָרן אין הונדערטער. מיר וויסן אָבער אויך, אַז די וועלט האָט אונדז נישט ליב. מיר מוזן דעריבער אַליין טאָן אונדזער אַרבעט און נישט מוותר זיין אויף דעם, וואָס איז נאָך מעגלעך צו טאָן אין ארץ־ישראל".

ער דערציילט זיי, די נישט־ציוניסטן, וועגן די הונדערטער און טויזנ־טער יונגעלייט וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אויף זיינע רייזעס. דאָס איז אַ וווּנדערבאַרער עלעמענט, דער גרעסטער אוצר וואָס יידן פאַרמאָגן. „זיי זענען שטאָלץ, קלוג, שטאַרק. זיי האָבן געהאָט איין פראַגע מיר צו שטעלן: ווען וועלן מיר קענען עולה זיין"?

און ווייצמאַן רופט אויס: „לאָמיר צוויילן אונדזער אַרבעט אין ארץ־ישראל, ראַטעווען כאָטש אַ טייל פון פאָלק!"

מען באַנעמט נישט ווייצמאַנס געראַנגל. מען וואַרפט אים ווידער פאַר דעם שותפות, וואָס ער האָט געשלאָסן מיט די „גבירטאָקראַטן". דאָס מאָל זענען די פּיילן־וואַרפער די אַרבעטער פון ארץ־ישראל. ווייצמאַן איז אויפגעציטערט, וואָס די קריטיק קומט איצט פון די קרייזן, פאַר וועלכע ער קעמפט אוןליידט. ער זאָגט זיי: „אויף אַ סך פּשרות בין איך געגאַנ־גען אין מיין לעבן, נאָר כדי איר זאָלט קענען אָפּהיטן די ריינקייט פון אייער געוויסן". ער ווונדערט זיך אויף די אַזוי גערופענע מאַסן־פאַר־טרעטער: „די וואָס דענקען, אַז זיי פילן דעם פּולס פון די מאַסן, זאָלן בעסער וויסן, אַז אויב די ראַם פון אונדזער אַרבעט וועט נישט אויסגעברייטערט ווערן, אויב די אויפבוי־טעטיקייט וועט נישט צוגיין ראַשיקער, וועלן זיי פאַרמשפּטן אויף אומקום די מאַסן, אין וועמעס נאָמען זיי רעדן".

ווייצמאַן זעט איצט פאַר זיך איין און איינציק ציל: אויסברייטערן די ראַם, איינעמען דאָס פאָלק, פאַרשנעלערן די אַרבעט. ער זאָגט צו די

דעלעגאַטן פון אַקציאָנס־קאָמיטעט, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין בערלין, אין דעצעמבער 1928: פאַר מיר עקזיסטירט נישט מער ווי איין ציל און איך מאַך צו די אויגן נישט צו זען עפּעס אַנדערש אויסער אים". ער גלייבט נישט אין אָנשטרענגונגען, וואָס ווערן געמאַכט לטובת די יידישע רעכט אין די גלות־לענדער. ער באַמערקט פאַר יצחק גרינבוימען, אַז די דעקלאַראַציעס וועגן יידישע רעכט אין גלות זענען נישט ווערט דאָס פּאַפּיר, אויף וועלכן זיי ווערן געשריבן. יידישע רעכט אין דייטשלאַנד, אין פּוילן? ער גלייבט נישט אין זיי. ער זעט נאָר איין ציל — ארץ־ישראל. און ארץ־ישראל מיינט משתּף זיין אַלע יידן אין איר אויפבוי. אָט דער געדאַנק טראָגט אים פון איין לאַנד אין צווייטן.

וויצמאַן געווינט אָנהענגער פאַר דער יידישער אַגענץ, זיינע נצחונות קומען אים אָבער אָן זייער שווער. זיין געזונט ווערט צעשטערט. אין פּאַריז איז ער צוגעשמידט צום בעט לאַנגע וואָכן. מען לעכערט זיין לייב מיט פאַרשידענע איינשפּריצונגען. עס קומען אים מבקר־חולה זיין באַראָן ראָטשילד, לעאָן בלום און פיל אַנדערע.

ווען ער שטאַרקט זיך אַ מאָמענט, וויל ער פּרוּוון זיינע כּוחות. ער טראַכט וועגן כעמישע פאָרמולעס, מאַכט פּשוטע מאַטעמאַטישע איבונגען. דאָס גיט זיך אים אָבער נישט איין. ער איז איבערגעשראָקן און געפאַלן ביי זיך.

די דאָקטוירים פאַראָרדענען אַ לאַנגע אָפּרו־תּקופה. וויצמאַן פאָרט אין דער שווייץ — אין זיין באַליבטער וועגנגען. די בערג לאָקן אים. אַ שאָד נאָר וואָס די פיס זענען ביי אים אָנגעגאָסן ווי מיט בליי. דאָס מאָל וועט ער נישט קענען קלעטערן אויף די פעלדזן, הנאה האָבן פון זיין ספּאָרט.

וויצמאַן האָט חשק צו פאַרבלייבן דאָרט מאָנאַטן, יאָרן, אייביק. אָבער ווידער הייבט זיך אָן אַן עסק מיט אַ קאָנגרעס, ווידער גרייט זיך אַ צוזאַמענ־קום אין ציריך. ווו וועט ער נעמען כּוחות? נישט לייכט זענען די קייטן פון פירערשאַפט — טראַכט וויצמאַן — כאָטש זיי זעען אויס, ווי געקאָוועט אין גאָלד.

אין יולי 1929, אין ציריך, האָט געפּלאַצט דאָס געדולד ביי אַ סך. שוין 25 יאָר זינט ס'איז אַוועק פון פאָלק דער נביא פון דער יידישער מדינה, און נישט נאָר וואָס די מדינה איז נישט פאַראַן, נאָר אַפילו איר בלאַסער אויסטייטש — אַ נאַציאָנאַלע היים — איז נאָך אויך דערווייל נישט מער ווי אַ ווונטש. ווי לאַנג זאָל מען אַזוי גיין אין וויצמאַנס וועגן?

זאָגט זיי ווייצמאַן: „מיר האָבן געגלייבט אין אונדזער ווילן און איבער־געטריבן אונדזער מעגלעכקייט. מיר האָבן נישט מצליח געווען צו געפינען אַ גלייכגעוויכט צווישן פאַרלאַנג און ווירקלעכקייט".

און צו דער איבערראַשונג פון אַ סך דעלעגאַטן אויפן קאָנגרעס, איז נישט נאָר קריטיק פאַראַן אויף ווייצמאַנס ליפּן, נאָר אויך פאַרטיידיקונג און אַפילו לויב־רייד כלפּי ענגלאַנד. ער ווייזט אָן אויף פאַרלייכטערונגען: וואָס די אַדמיניסטראַציע האָט אָנגעווענדעט בנוגע יידישער קאָלאָניזאַציע אויף רעגירונגס־באָדנס, אין דער געגנט פון בית־שאַן; ער לויבט אייניקע ליבעראַלע געזעצן אויפן געביט פון שטייערן; ער דערמאָנט, אַז יידישע אַרבעטער ווערן באַשעפטיקט אין עפנטלעכע רעגירונגס־פּראָיעקטן. ער דערמאָנט אויך די ים־המלח־קאָנצעסיע. „אַוודאי" — רופט אויס ווייצמאַן — „איז עס נישט גענוג. מיר זענען נאָך ווייט פון דעם, וואָס עס קומט אונדז". ווייצמאַן באַמיט זיך גאָר שטאַרק אַרויסברענגען די ליכטיקע פונקטן — קלייניקע אינדזעלעך אין גרויסן ים פון בייזוויליקייט און שטרויכלונגען.

די אָפּאָזיציע קען עס נישט הערן. וואָס וויל ווייצמאַן? פאַרשלעפערן דעם עולם מיט קינסטלעכע מיטלען?

ווייצמאַן טאַדלט זיינע קעגנערס: אויך ער — רופט ער אויס — וואָלט געקענט זיך קוויקן מיט ביליקע נצחונות, זיך אַוועקשטעלן פאַרן עולם, שיטן פייער אויף די אָדער יענע אין דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע און אַרויסרופן אָוואַציעס ביים קאָנגרעס. ער זעט אָבער פאַר זיך די האַרטע ווירקלעכקייט. ער פאַרבייסט די ליפּן און גייט צוריק צו דער שווערער, טעגלעכער אַרבעט, אין דער האָפענונג, אַז די וואָס וועלן קומען נאָך אים וועלן האָבן אַ לייכטערן וועג.

דעלעגאַטן זענען אויסער זיך, ווען ווייצמאַן דערקלערט פאַרן קאָנגרעס: „די וועלט וועט משפטן ענגלאַנד לכף זכות, און נישט קאַפּויער. די רעגי־רונג האָט טאַקע געזינדיקט דאָ און דאָרט, אָבער בדרך־כלל האָט זי געמוזט האַנדלען ווי זי האָט געהאַנדלט".

אָנשטאָט מלחמה מיט ענגלאַנד, פאַרלאַנגט ווייצמאַן אַרבעט און שווייס, שאַפן וואָס שנעלער אַ יידישן כוח אין ארץ־ישראל — „נאָך אַ פּאָזיציע, נאָך אַ קאָלאָניע, נאָך אַ שולע — פאַרגרעסערן אונדזער יכולת".

ענדלעך, נאָך זיבן יאָר ביטערן קאַמף, איז באַשטעטיקט געוואָרן ווייצמאַנס געדאַנק וועגן דער יידישער אַגענץ, דער געדאַנק אַז אויך נישט־ציוניסטן מעגן זיין די בויער פון ארץ־ישראל.

באַלד נאָכן שלוס פון קאָנגרעס האָט זיך פאַרזאַמלט דער גרינדונגס־

קאָמיטעט פון דער אַגענץ. געשען איז עס דעם 11טן אויגוסט 1929, — אַ היסטאָרישער טאָג, וואָס וועט לייכט נישט פאַרשווינדן אין יידישן זכרון. געווען זענען פאַרזאַמלט יידן פון רעכטס און פון לינקס, רייך און אָרעם, אַסימילירטע און נאַציאָנאַלע, יידן באַנקירן און יידן אַרבעטער־פאַרטרעטער, שרייבער און קינסטלער, פּאָליטיקער און דענקער. זעלטן ווען קומט זיך אַזוי צוזאַמען אַ פאָלק. געווען איז לעאָן בלום, דער פירער פון פראַנצויזישן סאָציאַליזם; און געווען איז אביגדור גאָלדשמידט, וואָרט־זאָגער פון די יידיש־ענגלישע מיוחסים און אַריסטאָקראַטן; און מענטשן ווי שלום אַש און הערמאַן שטרוק; דער אַמעריקאַנער פירער לואי מאַרשאַל, און מענטשן ווי לאָרד מעלטשעט, פעליקס וואַרבורג, אָסקאַר וואַסערמאַן, הערבערט סעמועל, און אַלבערט איינשטיין, או נאָך און נאָך. יידן ציוניסטן און יידן וואָס זענען ווייט פון נאַציאָנאַלן געדאַנק גיבן זיך די הענט. מען שרייבט אונטער אַ דאָקומענט וואָס באַצייכנט דאָך דעם שותפות פון יידישן גורל. אויך נישט־ציוניסטן ווערן די מיטבויער פון יידישן לאַנד, אויך זיי דערפילן ערגעץ ווו, אַז דאָס פאָלק איז אין טראַגישן גײַעג מיט דער צייט. ווייצמאַן איז געווען דער העלד פון טאָג. איינשטיין פאַרצייכנט זיך אויף אַ בלעטל פּאַפּיר דעם גרויסן איינדרוק פון דער היסטאָרישער געשעעניש.

איצט האָט, ענדלעך, געדאַרפט קומען די מנוחה, די לאַנג דערוואַרטע און שווער פאַרדינטע מנוחה. די יידישע מחנה איז געאייניקט, עס זענען צוגעקומען נייע כוחות. איצט מעג ער — טראַכט ווייצמאַן — זיך אומקערן צו זיין לעבן, צו זיין היים, צו זיין לאַבאָראַטאָריע. ער פאַרטרויט זיך פאַר דער מאַמען, אַז ער האָט פאַרטראַכט אַ געשעפט און ער האָפט אויף אַ רויקער פרנסה ביי זיין פאַך. פריער אָבער מוז ער קומען צו די כוחות.

צוועלף יאָר איז ער געווען אין קאַמף, צוועלף יאָר איז ער געשטאַנען צווישן ענגלאַנד און יידישן פאָלק, צוועלף יאָר איז ער געווען די בריק איבערן אָפּגרונט, צוועלף יאָר — געוואַגלט, געליטן, געהאַט אויסצושטיין צרות פון אַלעמען. איצט וועט ער רוען.

ווייצמאַן פאָרט אין דער שווייץ, אין דער שיינער וועגנגען.

ער באַקומט דעם זעלבן צימער זיינעם אין האָטעל, מיט דער ברייט צעעפנטער טעראַסע, און אָט איז ער ווידער אַנטקעגן די בערג, צווישן גרינס און בלומען.

ער קוקט זיך צו ווי מען פּאַקט אויס זיינע וואַליזעס. טיף אין קופער

לאָזט ער איבער די איינגעבונדענע פעקלעך דאָקומענטן און שריפטן. ער וועט זיי איצט נישט דאַרפן; זיי מעגן בלייבן ליגן אונטן, אויפן דעק.

ווייצמאַן זאָגט אָן, אַז מען זאָל אים נישט באַלעסטיקן מיט וויזיטן, אַז מען זאָל אים נישט שטערן מיט איבעריקער קאָרעספּאָנדענץ.

און אָט קלאַפּט מען שוין אין טיר. ער האָט נאָך נישט באַוויזן אויס־צוגלייכן די ביינער אויפן בעט — און עס הייבט זיך שוין אָן: אַ טעלע־גראַמע פאַר ד״ר ווייצמאַן.

ווייצמאַן קוקט אויפן דיקן קאָנווערט און עס ווערט אים שווער דאָס אָטעמען. ער עפנט די טעלעגראַמע. נאָך אַ מאָל דאָס זעלבע: מען זאָגט אים אָן, אַז שווערע אומרוען זענען אויסגעבראָכן אין ארץ־ישראל, אַז ס׳גיסט זיך אויף ס׳ניי יידיש בלוט.

ווייצמאַן קוקט אין דער ווייט און רעדט צו זיך אַליין: צוריק איינפּאַקן. נישט פרעגן, נישט רעדן, נאָר אין וועג אַריין!

ווייצמאַן איילט צוריק קיין לאָנדאָן. ער איז ממש אַליין. די וויכטיקסטע מיטגלידער פון דער יידישער אַגענץ זענען זיך צופאָרן אויף די זומער־פעריען. מענטשן זענען געווען מיד, אויסגעשעפּט פון די לאַנגע זיצונגען. און צרות קומען דאָך שטענדיק צוזאַמען. געשטאָרבן איז לואי מאַרשאַל, דער וווּנדערלעכער יידישער עסקן פון אַמעריקע, דער מיטקעמפער פאַר דער גרינדונג פון דער יידישער אַגענץ. נישט איין מאָל איז ער ווייצמאַ־נען געקומען צו הילף אין גאָר שווערע מאָמענטן. כאָטש נישט קיין ציוניסט, איז לואי מאַרשאַל געווען דורכגענומען מיט אַ טיפער פאַרשטענדעניש פאַר די יידישע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס.

ווו גייט מען, וואָס טוט מען? ווייצמאַן באַמערקט צום הונדערטסטן מאָל די שוואַכקייט פון אַ יידישן פירער אין גלות. לאָיד פּאַספילד, דער מיניסטער פאַר קאָלאָניעס, וויל אים נישט אויפנעמען. לאָרד מעלטשעט, וויצע־פּאָרזיצער פון דער יידישער אַגענץ האָט געזען דעם פּרעמיער, ראַמ־זיי מאַקדאָנאַלד, אָבער דערוויל איז נישטאָ קיין רעאַקציע אין די רעגירונגס־קרייזן. ווייצמאַן קלאַפּט אין צענדליקער טירן און מען באַהאַלט זיך אויס פון אים.

ער זעצט זיך שרייבן צו פּאַספילדן, שרייבן צו אַ מענטשן, וואָס וויל אים נישט זען.

ווייצמאַנען איז שווער אויפן האַרצן. איז שוין טאַקע נישט פאַראַן קיין אַנדער מיטל, ווי דאָס שיקן בריוו?

די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן האָבן זיך דערשראָקן פאַר דער יידישער פּאַראייניקונג, וואָס איז צושטאַנדגעקומען אין ציריך. זיי האָבן מורא געקריגן, אַז די יידן וועלן געווינען אין געיעג מיט דער צייט. און זיי קומען אַרויס מיט דער לאָזונג: „איצט אָדער קיין מאָל נישט מער"! איצט, כל זמן די מאַשין פון דער ניי געשאַפענער יידישער אַגענץ איז נאָך נישט אין פולן גאַנג, מוז מען איבעררײַסן די יידן. די אַראַבער האָבן אַרויסגענומען די באַהאַלטענע מעסערס און זיך געלאָזט אויף די יידישע ישובים.

דער הויך־קאָמיסאַר לאָרד פּלומער, וואָס האָט געוווסט ווי צו האַלטן אָרדענונג, אויב ער האָט עס נאָר געוואָלט, איז שוין נישט געווען אין לאַנד. אויף זיין אָרט איז געקומען סיר דזשאָן טשענסעלאָר און די אַראַבער האָבן תיכף דערפילט זיין שוואַכקייט. געוויסע קרייזן אין דער אַדמיניסטראַציע, די וואָס האָבן קיין מאָל נישט געוואָלט הערן וועגן אַ יידישער היים, זענען אויפגעבראַכט קעגן דער יידישער אחדות. אַראַבער און ענגלענדער דער־לאַנגען זיך די הענט.

ווייצמאַן בעט ביי דעם מיניסטער פּאַספּילדס פרוי זי זאָל פּועלן ביי איר מאַן אים אויפצונעמען. און צום מיניסטערס פרוי דערגרייכט ער מיט דער הילף פון אַ פריינדין זיינער. סאַראַ לאַנגער וועג אָפּטמאָל פאַר אַ יידישן פירער צו גרייכן אַ גוישן מיניסטער! בעת עס האַנדלט זיך אין ראַטעווען די מענטשן, די הייזער, דיביימער פון ישראל, איז דאָך נאַריש מקפיד צו זיין אויפן אייגענעם כבוד. זאָל זיין דורך דער הינטערשטער טיר, זאָל זיין דורך דער הילף פון „אַ באַקאַנטער פון אַ באַקאַנטער", אַבי ראַטעווען!

ווייצמאַן קומט שנעל צו זיך און ער רוקט ווידער אַרויס זיין געווער: וועקן און שטראָפן אין נאָמען פון צדק און יושר. ווייצמאַן וועקט דאָס געוויסן אין די ענגלישע קרייזן. אין וועלכע ער גלייבט נאָך. ס'איז אַ ליגן — זאָגט ער — אַז די באַלפור־דעקלאַראַציע איז געווען בלויז אַ צייטווייליק מלחמה־מיטל אויף צו געווינען יידישע סימפּאַטיע און הילף, אַז דער גרויסער דאָקומענט איז נישט מער געווען ווי אַ ביליקער פּאָלי־טישער מאַנעווער. „אַ פאָלק, וואָס לייענט דורות און דורות דעם תנ"ך, איז אוממעגלעך עס זאָל נישט איינזאַפּן אין זיך זיין גייסטיקייט. די ענגלישע נאַציע וואָס האָט זיך באַרייכערט מיט געשטאַלטן, בילדער און נבואות פון ספר־הספרים, האָט פאַרשטאַנען און באַנומען די אינטימע שטרעבונגען פון יידישן האַרץ... די מענטשן, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל מתקן צו זיין די עוולה לגבי דעם יידישן פאָלק, האָבן זיך

מתעסק געווען אין ווערטן פון אייביקייט, אין ווערטן נישט פאַרביגייענ־דיקע". ניין, ניין, די באַלפור־דעקלאַראַציע איז נישט געווען קיין ענין פון חיי־שעה, והראיה: פינף יאָר נאָך דער מלחמה, ווען ענגלאַנד האָט זיך שוין נישט גענייטיקט אין קיינעמס הילף אָדער צושטימונג, האָט זי דאָך אַרויסגעוויזן גרייטקייט אָנצונעמען דעם מאַנדאַט, מיט אַלע זיינע פליכטן.

אַ טעות מאַכן די ענגלענדער — דערקלערט ווייצמאַן — וואָס דענקען אין טערמינען פון אַ פאַלשער ראָמאַנטיק, וואָס ווילן נישט, מישטיינס געזאָגט, שטערן די אַראַבישע שלווה, זייער שטייגער לעבן, זייער טראַדי־ציע. די יידן, טענהן אָט די ענגלענדער, מיט זייער אייראָפּעישער דינאַמיק און מאָדערניזם, צערודערן דאָס אַראַבישע געמיט. די אַלטע איינוווינער פון לאַנד ווילן בעסער דאָס קעמל ווי דעם טראַקטאָר. זיי זענען מוחל דעם פּראָגרעס, וואָס יידן ברענגען אַריין; עס אַרט זיי נישט די מאַלאַריע, עס אַרן זיי נישט די זומפּן, אַבי מ׳זאָל זיי לאָזן לעבן ווי זייערע עלטערן, זייערע זיידעס און עלטער־זיידעס האָבן געלעבט. די ענגלענדער, וואָס פּרעדיקן אַזעלכע געדאַנקען, שטאַרקן די כוחות פון פינצטערניש אין זייער קאַמף קעגן ליכט, פרייד און לעבן.

ניין — רופט אויס ווייצמאַן — זאָלן די אַראַבער זיך נישט איינרעדן, אַז זיי וועלן די יידן אַריינשטופּן אין ים. „דאָס וועט קיין מאָל נישט געשען. מיר זענען אין לאַנד און אין לאַנד וועלן מיר פאַרבלייבן".

„...זאָל ענגלאַנד וויסן, אַז עס איז פאַראַן אין לעבן אַ פּרוכטבאַרער און דינאַמישער כוח, נישט דווקא דער כוח פון שווערד, נאָר דער, וואָס קומט אויף פון לייד און ווערט געשטויסן פון גערעכטיקייט־געפיל. אָט דער כוח קען וועלטן צעשמעטערן. און דאָס איז דער כוח, וואָס שטויסט יידן קיין ארץ־ישראל".

לאָרד פּאַספילד, דער קאָלאָניאַל־מיניסטער, איז אַלט און שוואַך. ער באַהאַלט זיך הינטער די שטומע מויערן פון זיין מיניסטעריום און וויל נאָך אַלץ דעם יידישן פירער נישט זען. ער וויל שפּילן די ראָל פון אַ הייליקן פּאַטראָן, וואָס נעמט אונטער זיין שוץ די אָרעמע אַראַבער „וואָס האָבן נישט קיין שאַנס" צו געווינען זייער קאַמף קעגן די מעכטיקע יידן.

ענדלעך איז דער לאָרד מסכים זיך צו טרעפן מיט ווייצמאַנען. און וועלכער איז דעם מיניסטערס איינדרוק? וועגן דעם קען מען זיך דער־וויסן פון זיינע רייד צו גענעראַל סמאַטס, וואָס איז געקומען בעטן גע־רעכטיקייט פאַר יידן. פּאַספילד האָט זיך פאַר אים פאַרטרויט, אַז זיין

שיצן די אַראַבער איז ממש אַ הייליקער חוב, „ווייל די יידן האָבן זייערע ווייצמאַנס. ווייצמאַן איז אומדערשראָקן און גרויס, און די אַראַבער זענען נישט פאַרטראָטן". דער לאָרד האָט נישט געוואָלט הערן דעם גענעראַל סמאַטס' פּאַטעטישע רייד און געזאָגט צום דינאַמישן דרום־אַפריקאַנער: „די בריטישע באַאַמטע אין ארץ־ישראל ווילן נישט האָבן די יידן, און ער פאַרשטייט זיי גאַנץ גוט; די יידן זענען צו קעמפעריש און האַלטן צו פיל פון זייער מיינונג".

ווייצמאַן קען נישט אַנווּאַרעמען פּאַספּילדס קאַלט האַרץ. ער זוכט אַ וועג צום פּרעמיער. און ווידער דאָס זעלבע: עס מאַכט אים נישט אויס, וואָס ער מוז אַריינקומען דורך דער הינטערשטער טיר.

ראַמזיי מאַקדאָנאַלד איז אַזוי גערירט פון ווייצמאַנס רייד, אַז נאָך אַ פּאָר טעג דערקלערט ער: „איך וואָלט וועלן אין ארץ־ישראל אַ הויך־קאָמיסאַר, וואָס זאָל טראַכטן מיטן קאָפּ, און נישט מיט די פיס".

פּאַספּילד קען נישט מוחל זיין דעם יידישן פירער, וואָס לייגט איין וועלטן. וואָס איז עס פאַר אַ העזה זיך צו ווענדן, איבער זיין קאָפּ, צום הויך־קאָמיסאַר אין ארץ־ישראל? „עס וועט מיך פרייען, אַז איר וועט עס נאָך אַ מאָל נישט טאָן" — טאַדלט ער ווייצמאַנען.

עפּעס האָט זיך איבערגעבראָכן ביי ווייצמאַנען אין זיין פּאָליטיק כלפּי די אַראַבער. עס ווערט אָפּגעשוואַכט זיין גלויבן אין אַ מעגלעכער מיט־אַרבעט מיט זיי. דער יידיש־אַראַבישער שלום איז זיין טייערסטע שטרע־בונג, אָבער ער זעט מיט גרויס צער, ווי אָט דער שלום ווערט פאַררוקט אין דער ווייטער צוקונפט.

ווייצמאַן האָט מורא פאַר די שלום־אונטערהאַנדלונגען, וואָס ד"ר יהודה לייב מאַגנעס פירט מיט די אַראַבער אויף זיין אייגענער האַנט. צי באַנעמט ד"ר מאַגנעס — פרעגט זיך ווייצמאַן — אַז די אַראַבער זענען פיפיקע סוחרים זינט דורות און דורות? עס וואָלט גוט געווען ווען ד־שלום־זוכערס זאָלן איין מאָל פאַר אלע מאָל פאַרשטיין, אַז די אַראַבער וועלן אויף די יידן קיין אימה נישט אָנוואַרפן.

פאַר ווייצמאַנען איז עס אַ ביטערע אַנטוישונג. ער האָט געחלומט

וועגן אַ נייער יידיש־אַראַבישער גאָלדענער תקופה, און אויסגעלאָזט האָט זיך עס מיט שנאה־אויפברויזן און בלוט־פאַרגיסונג.

ווייצמאַן יאָגט פון זיך אילוזיעס און חלומות. ער צווינגט זיך ממש נישט צו פיל צו גלייבן דער מענטשלעכער נאַטור און ער טראַכט וועגן דער נויטווענדיקייט פון צושטעלן וואָפן די יידישע ישובים אין לאַנד. ער דערקלערט עס אָפן דעם הער שאַקבערג, אַ הויכן באַאַמטן אין קאָלאָניאַל־מיניסטעריום.

שווערע טעג זענען דאָס פאַר ווייצמאַנען. און ער צעעפנט אָפט זיין האַרץ פאַר דער מוטער בעת ער רעדט וועגן זיינע ליידן און אַנטוישונגען.

ווייצמאַן, אַ קראַנקער, זוכט אָפּרו און טרייסט אין זיין טייער קינד מיכאל. אָט דאָ נישט לאַנג האָט ער אים געשיקט א סידור און געבעטן אים, אַז ער זאָל דאַווענען יעדן טאָג.

ווייצמאַן ליגט אין בעט און טראַכט וועגן ביכער פאַר זיין מיכאלן. ער צייכנט אָן אַ לאַנגע רשימה און שיקט זי צו צו מיכאלס דערציער אין זיין שולע, אין בולטאָן־גריינדזש. ער בעט דעם דערציער, אַז ער זאָל אַכטונג געבן אויף זיין קינד: אפשר לייענט ער זאַכן, נישט פּאַסיקע פאַר אים.

ווען עס ווערט אים אומעטיק אין זיין קראַנקן־צימער נעמט זיך ווייצמאַן צו די פּעק בריוו. ער לייענט אויף ס׳ניי געטרייע, ליבע בריוו פון מענטשן, נאָענטע און ווייטע.

אָט איז אַ בריוו פון דער האַרציקער בלאַנש דאַגדייל, באַלפורס פּלימעניצע. זי שרייבט אים וועגן אירע שמועסן מיט איר אָנקל. אין איינעם פון זיי האָט ער איר געזאָגט, אַז „דאָס גוטע און שיינע אין דער אַראַבישער פילאָזאָפיע שטאַמט פון יידישע קוואַלן. עס זענען פאַראַן גרויסע ווערטן אין דער שיטה פון זאַראַטוסטראַ, אָבער העכער איבער אַלעמען טורעמט זיך דער יידישער גייסט״. און וועגן ציוניזם האָט באַמערקט איר אָנקל, אַז „די באַוועגונג וועט ברענגען אירע פּרוכט, אויף איר נאַטירלעכן אופן, דער עיקר מען זאָל זי נאָר נישט באַצווינגען״. „איך האָב אים געזאָגט״ — שרייבט בלאַנש — „אַז ער, פּונקט ווי איר, און אַזוי אויך ווינסטאָן (טשערטשיל) און די אַלע איבעריקע, וואָס זאָרגן וועגן אַ יידישער היים אין ארץ־ישראל, זענען פּאַקטיש נאָר אַ טייל פון אַ פּלאַן וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו וועבן שוין מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק און וועמעס ענדגילטיקע פאַרווירקלעכונג וועט אויף זיכער קומען״.

און אָט איז אַ בריוו פול מיט התלהבות. עס שרייבט אים אַ שפּאַניער, — מאַנועל ל. אָרטעגאַ: „איך — אַ קריסט, אַ ציוניסט און אַ

שפּאַניער צו דער זעלבער צייט, נעם אויף מיט ענטוזיאַזם דעם ציוניסטישן געדאַנק, מיט וועלכן איך אידענטיפיציר זיך, און איך שטיי צו דיין דיספּאָזיציע, מיין הער, כדי אים צו פאַרווירקלעכן מיט דערפאָלג אין שפּאַניע, מאַראָקאָ און אַמעריקע".

„די שפּאַנישע ראַסע, צו וועלכער עס געהערן די ספרדישע יידן, האָט געגרינדעט צוואַנציק פעלקער אין אייראָפּע און אין אַמעריקע, וואָס נעמען אַרום מער פון הונדערט מיליאָן מענטשן, און צווישן זיי דריי מיליאָן ספרדישע יידן".

דער ענטוזיאַסטישער שפּאַניער גיט אָפּ כבוד ביי דער געלעגנהייט זיינעם אַ נאָבעלן בירגער, סענאַטאָר אַנכעל פולידאָ, „דער אַפּאָסטאָל פון די ספרדישע יידן".

און אַזוי לייענט וויצמאַן איין בריוו נאָכן צווייטן, אַנגעשפּאַרט אין זיין בעט.

ניין, מען טאָר נישט פאַרלירן דעם גלויבן אין מענטשן. ער איז כלל נישט אַליין אין זיין קאַמף, כלל נישט איינזאַם.

אָבער דער געיעג מיט דער צייט, צי וועט ער אים געווינען? צי וועט זיך ראַטעווען דאָס יידישע פאָלק?

די אַלע גוטע און ליבע — זענען זיי נישט באַהויכט פון אַ צו טיפער אמונה אין מענטשן, פונקט ווי ער?

20

ווייצמאַן טראַכט איצט אָפּט וועגן יידישן גלויבן אין מענטשן און וועגן יידישן בטחון. דער יידישער בטחון האָט אַ לאַנגע געשיכטע; אין אים האָבן זיך דורות געקלאָמערט. און דאָך, ווו נעמט מען איצט אַ שוצמויער קעגן די שנאה־כוואַליעס, וואָס טראָגן זיך אויפן יידישן פאָלק?

ווייצמאַן יאָגט פון זיך די ביטערע ספיקות. ער מוז גלייבן, ער מוז. נצח ישראל לא ישקר. ער זאָגט צו זיינע ענגלישע קעגנער: „מיך שרעקט נישט, טאָמער איר וועט פאַרראַטן דעם מאַנדאַט. פאַר אונדז וועט עס נישט זיין ערגער ווי דער גירוש פון שפּאַניע, ווי די קרייץ־צוגן, ווי די אינקוויזיציע, ווי די פּאָגראָמען אין אוקראַינע. מיר זענען ספּעציאַליסטן אויף יסורים. עס וועלן קומען אַנדערע צייטן און מיר וועלן אונדזער ציל דערגרייכן".

אָבער ווייצמאַן פאַרגעסט נישט דעם עיקר: אָרגאַניזירן די אייגענע כוחות. ער הערט זיך צו צו דעם, וואָס עס האָט צו זאָגן,ביים סוף פון זיינע טעג, דער אַלטער יידיש־דייטשער סאָציאַליסט, עדוואַרד בערנשטיין, אין זיינער אַ רעדע פאַר די דייטשע פּועלי־ציון: „פאַרלאָזט זיך נישט אויף יענעמס סאָציאַליזם. נישט פון אים וועט פאַר אייך קומען די גאולה. איילט זיך מיטן אויפבוי פון דער יידישער היים אין ארץ־ישראל. איר זאָלט זיך שטיצן נאָר אויף אייערע אייגענע כוחות".

יידן גלייבן אָבער פאַרט אין יענעמס חסדים. אָט, למשל, די שלום־גלייביקע. זייער פראָנט ציט זיך פון בערלין, ווו זייער וואָרטזאָגער איז ראָבערט וועלטש, דער טיכטיקער זשורנאַליסט און ציוניסטישער עסקן, ביז ירושלים, ווו זייער הויפּט־פּריידיקער איז ד"ר יהודה לייב מאַגנעס.

פון וואַנען נעמט זיך מאַגנעסעס גלויבן אין די אַראַבער? ווער נאָך ווי ער, ווייצמאַן אַליין, האָט אַזוי געשטרעבט צו אַ יידיש־אַראַבישן שלום? אָבער מען האָט געלאָזט הענגען אַ פאַרשעמטע זיין אויסגעשטרעקטע האַנט, געענטפערט מיט שנאה און מאָרד. ער האָט געטרוימט וועגן אַ צוזאַמענאַרבעט, וועגן אַ קעמפערישער שותפות צווישן די קרעפטיקע און טיכטיקע בחורים פון פוילן און אוקראַינע, רומעניע און דייטשלאַנד, מיט די אַראַבער — די קינדער פון מזרח. סאַראַ שיין פאָטערלאַנד מען וואָלט געקענט אויפשטעלן פאַר ביידע פעלקער, מיט געמיינזאַמע כוחות!

און מיט וואָס האָט זיך עס געענדיקט? האָט דען אין אַראַבער אויסגע־דריקט זיין צער איבער די אומשולדיקע ישיבה־בחורים, וואָס זענען דער־מאָרדעט געוואָרן אין חברון און צפת?

אויפן יערלעכן צוזאַמענפאָר פון די דייטשע ציוניסטן אין יענאַ האָט וויצמאַן אַרייגעבלאָזן אַ קאַלט ווינטל אין די צעהיצטע געמיטער פון די רודף־שלומניקעס. אויך דער שכל־הישר האָט עפּעס וואָס צו זאָגן:

קען זיך דאָס יידישע פאָלק פאַרוויגן — פרעגט וויצמאַן — מיט פאַרנעפּלטע שלום־לאָזונגען, ווען הונדערטער טויזנטער יידן שטייען אין געפאַר פון אומקום? איז דען איצט די ריכטיקע צייט צו קומען צום פאָלק מיט אַזעלכע פּסוקים, ווי „מיין הויז וועט זיין אַ תפילה־הויז פאַר אַלע פעלקער"? אָדער „ארץ־ישראל געהערט צו אַלע פעלקער און נישט צו עמעצן ספּעציפיש"? וואָס פאַראַ מין רייד איז עס, דאַן ווען ארץ־ישראל איז די איינציקע האָפענונג פון אַ פאָלק, וואָס טרינקט זיך אין צרות און אין פּיין? יידן ווילן לעבן, זייען און פלאַנצן, און נישט זיך פּוצן אין שיינע פּסוקים. און אַז מען וועט שוין פאַרוואַנדלען גאַנץ ארץ־ישראל אין אַ מין איין גרויסער חברון־ישיבה, וועט דער אַראַבער נישט הייבן זיין מעסער? און ווען דאָס גאַנצע לאַנד ווערט אין ראָמאַנטיש־מיסטישע צפת, וועט דער אַראַבער זיך פרייען מיט די יידן?

„נישט דאָס איז דער וועג צו שלום. שלום, פּונקט ווי דאָס אויפלעבן פון מדבר, פאַרלאַנגט אַרבעט און קרבנות. דער שלום וועט נישט קומען דורך ציטירן שיינע פּסוקים. ער וועט דעראָבערט ווערן, פּונקט ווי די מדבר־ערד, אין שווערער און דורותדיקער פּראַצע. מען קען זיך פאַר־שליסן אין אַ בית־מדרש און מתפלל זיין, בעטן אויף שלום, זיך באַזעצן אין הויכע טורעמס און רעדן וועגן אים. וועט ער אָבער קומען?"

..."די אַראַבער זענען נאָך נישט אין אונדז זייערע קרובים. באַווירקט פון פרעמדע כוחות, וואָס זוכן נישט די טובה, נישט אונדזערע און נישט זייערע, האָבן די אַראַבער פאַרגעסן די קרובהשאַפט וואָס צווישן אונדז. לאָמיר האָפן, אַז זיי וועלן זיך אין איר ווידער דערמאָנען".

..."און זאָל קיינער נישט צווייפלען אין אונדזער ווערק, טאָמער ווערט עס נישט דערגרייכט בדרכי שלום. אונדזער לערע, אונדזער יסוד און אונדזער חינוך שטייען אויפן שלום. מיר, די געדרודפטע, וועלן נישט פאַרפלעקן מיט אומרעכט אונדזער וועג אין ארץ־ישראל. מיר זענען קיין מאָל נישט איבערגעגאַנגען די גרענעצן פון אונדזער רעכט. מיר האָבן קיין האָר נישט אָנגערירט ביי די אַראַבער, קיין האָר! און דאָס איז אַ גרויסער כבוד פאַר אונדז".

אָבער מען דאַרף זיך נישט פּאַרוויגן, — האָט ווייצמאַן געזאָגט אין יענאַ — מיט סתם זיסלעכע לאָזונגען, מיט אַן איבערגעטריבענעם גלויבן אין מענטשן, וואָרעם דאָס קען יידן קאָסטן צו טייער.

אין יענאַ, די שטאָט פון צייס־מיקראָסקאָפּן און פאַרגרעסער־גלעזער, האָט מען דעמאָלט געזאָגט: „ווייצמאַן האָט דאָ אַרויסגעפירט דאָס פאָלק מחושך לאור".

אויב אַזוי זשע, אויב מען דאַרף זיך אויסהיטן פון איבערגעטריבענער אמונה אין מענטשנס האַרץ און זיינע חסדים, איז וואָס מכוח מיין גלויבן אין ענגלאַנד? — פרעגט זיך ווייצמאַן. ער טראַכט אַריין אין אָט דער אמונה זיינער נישט איין מאָל. ווייצמאַן אַנאַליזירט זי, אין פאַרשידענע ריכטונגען. ער איז טיף איבערצייגט, אַז דאָס פאָלק וואָס איז אַמווייניקסטן אַנטיסעמיטיש איז דאָס ענגלישע. ער פרעגט זיך, ווי וואָלטן אויסגעקוקט ביי ענלעכע אומשטענדן פון אַן אינטערעסן־שטרייט, די וויכוחים אין אַ דייטשן פּאַרלאַמענט, אָדער ערגעץ אין אַ צווייט לאַנד? ווי וואָלט געקלערט וועגן יידן אַ דייטשער גענעראַל אָנשטאָט אַן ענגלישער אַנטי־ציוניסט? ווי עס זאָל נישט אויסזען די ענגלישע קעגנערשאַפט צו דער יידישער היים, איז נישט אַנטיסעמיטיזם איר אורשפּרינגלעכע סיבה... ער איז גרייט מסכים צו זיין, אַז עס זענען פאַראַן אַנטי־יידישע געפילן אין אונטערבאַוווסטזיין פון דעם אָדער יענעם ענגלענדער, אָבער זיי זענען נישט פאַרוואָרצלט אין פאָלק, אין זיין איבערוועגנדיקער מערהייט. עס איז פאַראַן אַ מטושטשדיקע באַציונג, וואָס גייט אָפט איבער אין האַס און שנאה כלפּי יעדן פרעמדן. לגבי יידן — קען זיין — איז אָט די באַציונג באַגלייט פון אַ געפיל פון אומצוטרוי.

ווייצמאַן גלייבט אין ענגלאַנד און ער זוכט אַ באַגרינדונג פאַר זיין גלויבן. ניין, עס איז נישט קיין בלינדע עמאָציע. אדרבא, זאָל דער שכל זאָגן דאָס זייניקע: ארץ־ישראל איז אַ פּאָליטישער ענין. פּאָליטיק קען אָננעמען אַ גרויזאַמע פאָרעם. פאַראַן אין ענגלאַנד אַ טעאָריע, אַז דער גאַנצער נאָענטער מזרח, באַוווינט נאָך דורך אַראַבער, פאַראייניקט אין איין פעדעראַציע, וואָלט זיך געלאָזט לייכטער פירן און וואָלט געטריי געווען דער קרוין. עס וואָלט נישט עקזיסטירט קיין קאָנקורענץ־גרופּע, די אַראַבער וואָלטן זיך געפילט זיכער און אויך דאַנקבאַר, וואָרעם נישט קליין וואָלט געווען דער פּראָגרעס, וואָס ענגלאַנד וואָלט אַהין אַריינגע־בראַכט. אַזאַ פּאָליטיק וואָלט זיכער אויסגענומען ביי די מוסולמענער אין

אינדיע — וואָס איז פאַר זיך שוין אַ גרויס געווינס. אָט די טעאָריע האָט מיט אַנטיסעמיטיזם גאָרנישט צו טאָן. אָט איז אַ ביישפּיל מיט דער אשורישער מינדערהייט אין איראַק — אַ קליינע קריסטלעכע סעקטע. דאָ איז דאָך שוין נישטאָ קיין פראַגע פון יידן און אַנטיסעמיטיזם. און די ענגלענדער האָבן אומדירעקט געהאָלפן אונטערדריקן אָט די מינ־דערהייט, כדי צו שאַפן די געגאַרטע אַראַבישע איינהייט, פריי פון קאָנ־קורענץ־גרופן. אַזעלכע מענטשן ווי לאָרד קערזאָן, לאָרד לאָיד, קאָלאָנעל לאָרענס זענען די וואָרטזאָגער פון אָט דער טעאָריע. עס איז מער ווי מעגלעך, אַז אין מאַנטאַגיוס קעגנערשאַפט צום אויפבוי פון אַ יידישער היים אין ארץ־ישראל איז געלעגן דער אויבן דערמאָנטער געדאַנק און בכלל נישט קיין יידישער זעלבסטהאַס, אָדער אַ ביליק אַסימילאַציע־געפיל. אַ זיכערער וועג קיין אינדיע האָט אים אינטערעסירט פריער פון אַלץ.

ווייצמאַן קען פאַרשטיין די ענגלענדער, וואָס שרעקן זיך פאַר די יידן, וואָס קומען קיין ארץ־ישראל. פאַר די ענגלענדער זענען אָט די יידן נישט קיין מערב־מענטשן און נישט קיין איינגעבוירענע. די חלוצים פון פּוילן און רוסלאַנד וועקן באַאומרויקנדיקע אַסאָציאַציעס אין ענג־לישן באַאַמטן. די טיכטיקע און ענערגישע יידן, געטריבן פון אַן אינער־לעכן כוח, זענען פאַר דעם דורכשניטלעכן ענגלענדער אַן אומפאַרשטענד־לעכע דערשיינונג.

פון דער צווייטער זייט איז אָבער פאַראַן אַ צווייט ענגלאַנד — אַ פאָלק, וואָס האָט איינגעזאַפּט אין זיך דעם גייסט פון תנ״ך און וואָס וויל אויפריכטיק די יידישע אויסלייזונג. איז דען נישט געווען דער לאָזונג פון לאָרד סעסיל „Judea for the Jews"? האָט אים דען לאָיד דזשאָרדזש נישט געזאָגט בעת דער מלחמה, אַז דער מאַרש פון ענגלישן מיליטער אין הייליקן לאַנד אינטערעסירט אים, צווישן אַנדערס, צוליב די תנכישע נעמען וואָס ער וועקט אויף אין זיין זכרון? אוודאי, די ראָ־מאַנטיק האָט אויך אַ פּראַקטישן ציל: ארץ־ישראל זאָל זיין באַזעצט מיט אַזאַ געטרייער באַפעלקערונג ווי די יידישע, וואָרעם צו וויכטיק און פילבאַר איז אָט דער סטראַטעגישער פּונקט. אָבער דער ערשטער אימפּולס ביי אָט דעם צווייטן ענגלאַנד איז געווען אַ הומאַניטאַרער, אַן אויסדרוק פון נשמה־איידלקייט.

ווייצמאַן וויל באַנעמען און פאַרשטיין דעם גלויבן אין מענטשן, דעם גלויבן אין ענגלאַנד. ער האָט מורא פאַר סתם בטחון. ערגעץ פילט ער, אַז דער שטן האָט אַ חלק אין דער יידישער פאַרגלויבטקייט אין מענטשנס

האַרץ. ווייצמאַן וויל זיכער זיין מיט זיך, זיכער זיין מיט זיין וועג און גאַנג. ער אַנאַליזירט די פרומע שלום־זוכערס, ער אַנאַליזירט זיך און זיינע באַקענטע, גויים און יידן.

אים דוכט זיך כסדר, אַז עפּעס גלייבן יידן צו פיל, צו פיל.

21

די גוט באַקאַנטע סטראַטעגיע איז ווידער אין גאַנג: צו ערשט — די אומרוען, דערנאָך — די אויספאָרשונג. ווידער זיצט אַן ענגלישע קאָמיסיע אין ארץ־ישראל, דאָס מאָל איז עס די שאָו־קאָמיסיע און זי פאָרשט ווער עס איז שולדיק וואָס יידיש בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן און יידיש האָב און גוטס — חרוב געוואָרן.

וויצמאַן וייס שוין פון פאָרויס די מסקנות: די יידן האָבן נישט געמאָרדעט, נישט גערויבט; די אַראַבער האָבן אָנגעהויבן, אָבער די יידן... זענען שולדיק. זייער עצם זיין אין לאַנד איז שוין אַ גענוגנדיקע סיבה פאַר אומרוען. די אַראַבער — וועט אוודאי טענהן די שאָו־קאָמיסיע — פילן, אַז מען וואַרצלט זיי אויס פון לאַנד, אַז יידן פאַרנעמען זייערע פּאָזיציעס... וויצמאַן ווייס אַלץ אין פאָרויס.

וויצמאַן איז רויק און איינגעהאַלטן. מען זעט אים אָפּט אויף פאַרשידענע פאַרוויילונגען. ער איז להוט נאָך אַ ביסעלע פרייד און ער וויל עס אַריינכאַפּן, איידער ער גייט זען דעם לאָרד פּאַספילד.

לאָרד פּאַספילד וואָלט צופרידענער געווען, ווען ער זעט נישט דעם ייד מיטן אַשיק־געלבלעכן פּנים. ער קען זיך אָבער פון אים נישט אַרויס־דרייען.

דער מיניסטער איז דאָס מאָל העפלעך. ער פרעגט:

— פאַרברענגט לעצטנס דער הער אַ סך אין נסיעות?

— איך מיין, אַז דער פּראָנט איז איצט אין לאָנדאָן; מיר איז שווער אַוועקצופאָרן איצט פון דאַנען. איך וואָלט אָבער זייער וועלן זיין איצט אין ארץ־ישראל, מיטן ישוב.

— דאָרטן איז דאָך געפערלעך.

דער לאָרד קוקט זיך אַ וויילע אַרום איבערן צימער, און דערנאָך גיט ער צו אין אַ הייטערן טאָן:

— איך וועל רעקאָמענדירן, אַז מען זאָל זאָרגן וועגן אייער זיכערקייט.

עס לאָזט זיך אַראָפּ אַ שווערע שטילקייט. אין אַ ווײַלע שפּעטער רופט זיך אָן דער לאָרד:

— אויב עס וועט אַזוי אָנגיין מיט דער באַדן־ווערבירונג אין פּאַלעסטינע, וועט זיך זיכער שאַפן אַ קלאַס פון אויסגעוואָרצלטע מענטשן,

אַן אַראַבישער פּראָלעטאַריאַט, אַן באַדן, אַן מיטלען, און דאָס וועט באַדראָען די סטאַבילקייט אין לאַנד.

ווייצמאַן קלערט אויף דעם מיניסטער:

— מיר זענען זייער אָפּגעהיט אין דעם זין. די צאָל אַראַבער וואָס מ׳וואָלט געקענט קלאַסיפיצירן אַלס באַדנלאָזע דערגייט קוים צו 800, 90 פּראָצענט פון זיי זענען אָבער איינגעאָרדנט געוואָרן אין בעסערע באַדינגונ־גען, ווי די, אין וועלכע זיי האָבן געלעבט פאַרן באַדן־פאַרקויף. די איבע־ריקע זענען אַריבער אין שטאָט, ווו זיי פאַרתכלעווען זייער געלט.

ווייצמאַנס טאָן ווערט מוטיקער און פעסטער:

— יידן שאַפן נייע פעלעצער פון אַרבעט און באַשעפטיקונג. זיי באַפרוכ־פּערן דעם באַדן מיט זייער שוויס און פאַרוואַנדלען מדבר־זאַמדן אין גרינע פעלדער. איצט רעדן מיר נישט בלויז אין נאָמען פון אונדזער היסטאָרישער רעכט, נאָר אויך אין זכות פון דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט און אירע קרבנות.

— אַוודאי, איך בין מסכים מיט אייך, דער עיקר איז אָבער סטאַביל־קייט. אונדזער אָנשטרענגונג צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַראַבער וועט, יעדן פאַלס, נישט גיין אויפן חשבון פון מאַנדאַט.

דער מיניסטער ווערט ערנסט, באַזאָרגט. ער פאַרטראַכט זיך, ווי ער וואָלט געזוכט אַן אויסוועג פון אַ שווערער קאָמפּליצירטער לאַגע. ער הייבט אָן שטיל און אומזיכער:

— אפשר וואָלט דער עבר־הירדן געקענט זיין אַן אויסוועג?

ווייצמאַן כאַפּט אונטער, אַ דערפרייטער:

— עס וואָלט געווען מער ווי רעכט ווען עס ווערט געעפנט פאַר יידן דער טייל פון לאַנד, וואָס איז פון אים אָפּגעריסן געוואָרן. מיר וואָלטן געקענט גרינדן אַ געזעלשאַפט פאַר דער אַנטוויקלונג פון עבר־הירדן און איינקויפן אַ מיליאָן דונאַם, וואָס זאָל דינען אַלס רעזערוו פאַר דער צוקונפט.

אויפן מיניסטערס פנים באַווייזט זיך אַ גרימאַסע. ער זעצט זיך טיפער אַריין אין שטול, ווי ער וואָלט וועלן זיך דערווייטערן פון ווייצמאַנען, און מיט אַ מאָל גייט ער איבער אויף אַן אַנדער טעמע. ער רעדט פרום און גליטשיק:

— מיט פערציק יאָר צוריק האָב איך שטאַרק געהאַלטן פון זעלבסט־פאַרוואַלטונג פון פעלקער, פון איינפירן לעגיסלאַטיווע אינסטאַנצן. אָבער היינט זעט עס מיר אויס שווער און ווייט.

ווייצמאַן פילט ווי דער מיניסטער שפרייט אַ נעץ אונטער זיינע פיס. ער טראַכט אַז ער דאַרף אויסמיידן אַ דיפּלאָמאַטיש לשון און בעסער רעדן

אָפֿן, דירעקט:

— אַ לעגיסלאַטיוועראַט אין לאַנד, איצט, מיט אַן איבערוועגנדיקער אַראַבישער מערהייט, וואָלט געווען ווי אַ מעסער אין האַרץ פֿון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים; מיר וועלן דערפֿאַר קיין מאָל צו דעם נישט מסכים זיין.

— יאָ, אַ געוויסע סכנה איז טאַקע פֿאַראַן. און דאָך, אפֿשר וועט זיך פֿאָרט לאָזן געפֿינען אַ וועג צו זעלבסטפֿאַרוואַלטונג? מען דאַרף גיין אין דער ריכטונג פּאָרזיכטיק און לאַנגזאַם. פֿאַרשטייט זיך, אַז די יידישע פּאַרטרעטער וועלן האָבן וואָס צו זאָגן, מיר וועלן זיך מיט זיי שואל עצה זיין. איך האָף אָבער, אַז יידן וועלן נישט אַרויסווייזן קיין עקשנות און ווידערשטאַנד.

וויצמאַן ווערט אומגעדולדיק. ער וויל, אַז דער מיניסטער זאָל הערן אָפֿן און קלאָר, וואָס ער טראַכט וועגן דעם:

— די יידן האָבן נאָר איין ציל, דאָס איז: צואײַלן דעם אויפֿבוי פֿון דער נאַציאָנאַלער היים, און דעריבער...

פּאַספֿילד רייסט איבער אַ צערייצטער:

— אפֿשר וואָלט בעסער געווען צו רעדן וועגן דעם נאָך אייער אומקערן זיך פֿון לאַנד?

אַ ווײַלע הערשט ווידער אַ פּריקרע שטילקייט. דער מיניסטער רייסט זי איבער קאַלט און שטרענג:

— אַן אַראַבישע דעלעגאַציע האַלט ביים אָנקומען. יידן וועלן דאַרפֿן רעדן מיט איר, הערן אירע פֿאַרלאַנגען.

פֿאַר ווייצמאַנען ווערט אומדערטרעגלעך דער וויטערדיקער שמועס. ער געזעגנט זיך מיטן מיניסטער און ער שפּרייזט — אַ גלייכער, אַ שטאָלצער — צו דער טיר.

ווייצמאַן אָטעמט אָפּ אין דרויסן אינעם קאַלטלעכן טומאַן. ער טראַכט, אַז דער מאַן אין קאָלאָניאַל-מיניסטעריום איז פֿעיק אויף אַלץ. ער וועט זיך דאַרפֿן היטן, פּאָרזיכטיק גיין אויף זיין וועג, פּונקט ווי אָט די שיף דאָרט אויף דער טונקעלער טעמזע, וואָס שפּרייט אַרום זיך אַ וואָרענונגס-פֿייף.

די שאָו-קאָמיסיע האָט געפּאָרשט די סיבות פֿון די אומרוען אין ארץ-ישראל, געפּאָרשט, און, טאַקע ווי ס'איז געווען פֿאָרויסצוזען, געפֿונען: די יידן האָבן נישט אויפֿגעהויבן קיין האַנט, נאָר זייער עצם זיין אין לאַנד רייצט די אַראַבער. ועל כן, רעקאָמענדירט די קאָמיסיע אַ נייע פּאָליטישע ליניע לגבי ארץ-ישראל.

ווייצמאַן איז נישט איבערראַשט. ער האָט זיך אויף דעם געריכט. וואָס בלייבט אָבער צו טאָן?

די געטרייע דאַגדייל נעמט נישט אַראָפּ פון אים איר בליק. זי זוכט ווערטער ווי צו מוטיקן איר חשובן פריינד.

— איך האָב היינט ווידער געלייענט דעם בריוו וואָס לאָרד באַלפור, לאָיד דזשאָרדזש און גענעראַל סמאַטס האָבן פאַרעפנטלעכט. דער געדאַנק אין אים איז מוטיק און קלאָר. צווייפלט דען עמעצער — פרעגט זי מיט איר קלינגענדיקער שטימע, ווי זי וואָלט גערעדט פאַר עפּעס אַ הויכער אינסטאַנץ — אין דער עצם פאַרווירקלעכונג פון מאַנדאַט? ניין, די פראַגע איז נאָר ווי אַזוי דאָס צו דערגרייכן.

מיט אַ מאָל באַפאַלט איר אַן אומעט און זי זאָגט, ווי צו זיך אַליין:

— לאָרד באַלפור — זיין לעבן דערנענטערט זיך צום סוף...

נישטאָ מער די וואַרעמע האַנט, וואָס פלעגט אים אַרומנעמען אין שווערע מאָמענטן. פאַרשטומט איז אויף אייביק די שטילע, רויקע שטים פון חכמה און נייגער. אַוועק איז זיין גרויסער פריינד. אַוועק איז לאָרד באַלפור.

ווייצמאַן שטייט אַנטקעגן זיין ביכער־שאַנק און קוקט אויף אַ בינטל אויסגעטריקנטע בלומען אויף איינער פון די פּאַליצעס. זיי זענען אים טייער ווי זיי וואָלטן איינגעהאַלטן אין זיך אַן אומגעווייגלעכן אַראָמאַט.

ווייצמאַן דערמאָנט זיך: געווען איז עס דעם פופצנטן מערץ 1930, ער איז געגאַנגען זען באַלפורן. דער טויט האָט שוין געשוועבט אין צימער. באַלפור האָט זיך געראַנגלט, קיין כוח נישט געהאַט צו רעדן מיט זיין יידישן פריינד. די ליפּן האָבן זיך קוים באַוועגט. ער האָט אָנגעוויזן ווייצמאַנען אויף אַ בינטל בלומען אין אַ וואַזע ביי זיין בעט און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט וועלן זאָגן: נעם עס, אַ מתנה צו אונדזער געזעגענונג.

ווייצמאַן גלעט די אויסגעטריקנטע בלומען און עס דוכט זיך אים ווי ער הערט באַלפורס שטים: „די קריסטלעכע קולטור איז שולדיק אַ חוב די יידן, נישט זי קען אים באַצאָלן און נישט זי האָט גאָר פּרובירט דאָס צו טאָן. איר האָט אַ סך געגעבן אונדזער וויסנשאַפט, קונסט און פילאָזאָפיע, כאָטש איר זייט צעשפּרייט און פונאַנדערגעטיילט. אַ גרויסער ביישטייער איז עס געווען!"

..."איך קען נישט פאַרשטיין פאַר וואָס זענען געוויסע יידן קעגן ציוניזם? פאַר וואָס קען איך זיין אַ ציוניסט, און זיי — נישט?"

ווייצמאַן זעט באַלפורס באַזאָרגט פנים, ווען עס זענען אָנגעקומען די ידיעות וועגן די אומרוען אין ארץ־ישראל. ווידער קלינגט די גוט באַקאַנטע שטים: "איך האָב מורא, אַז ס'וועט נאָך לאַנג דויערן ביז דער דורכשניט־לעכער ענגלישער באַאַמטער אין ארץ־ישראל וועט פאַרשטיין דעם זין און פאַרנעם פון יידישן אויפטו דאָרטן"...

ווייצמאַן דערמאַנט זיך די ליכטיקע טעג אין יאָר 1925, ווען באַלפור איז געקומען צו דער עפענונג פון דער העברעישער אוניווערסיטעט אין ירושלים. סאַראַ הנאה ער האָט געהאַט פון יעדן בוים, הויז און פעלד. ווי יידן האָבן עס אים אַרומגערינגלט מיט ליבשאַפט און פאַרערונג. ער האָט זיך געוויצלט: "עס דוכט זיך מיר ווי איך וואָלט אַנטייל גענומען אין אַ וואַל־קאַמפּאַניע, אין וועלכער אַלע ווילער זענען אויף מיין צד".

ווייצמאַן קלאַמערט זיך אין דער באַלפור־געשטאַלט, אין דעם "צווייטן ענגלאַנד". באַלד וועט ער שטיין פנים לפנים מיטן פרעמיער ראַמזיי מאַקדאָנאַלד. ער וואָלט וועלן אָנפילן די סביבה אַרום מיט דער דערהויבנ־קייט פון זיין פאַרשטאָרבענעם גרויסן פריינד.

אין איינעם פון די קאָרידאָרן אין פאַרלאַמענט שפּרייזן פיר יידן. זייער ציל — דער צימער מיט דעם אות A אויף דער טיר.

עס גייען אַריין לאָרד רידינג, לאָרד מעלטשעט, פעליקס וואַרבורג און חיים ווייצמאַן.

דער קאָלאָניאַל־מיניסטער האָט שוין אויף זיי געוואַרט. ער איז העפלעך, דזשענטעלמעניש.

מיט דריי מינוט שפּעטער קומט אַריין דער פרעמיער, ראַמזיי מאַק־דאָנאַלד. ער באַגריסט זיך, זעצט זיך ביים טיש און הייבט תיכף אָן:

— דער באַריכט פון דער שאָו־קאָמיסיע איז נישט צופרידנשטעלנדיק. ער איז פשוט שלעכט. ער וועט אַרויסרופן אַ פּאַניק צווישן די יידן און אַ פרייד ביי די אַראַבער. אין דעם באַריכט זענען פאַראַן אויספירן, וואָס זענען נישט באַוויזן געוואָרן. די עפנטלעכע מיינונג וועט זיך אָפּרופן נעגאַטיוו.

אין פרעמיערס רייד קלינגט אַן אויפריכטיקער טאָן. ער רייסט איבער, קוקט זיך אַרום און גיט אַ פרעג:

— וואָס בלייבט צו טאָן?

לאָרד רידינג, אַ וואַרעמער ייד און אַ שטאָלצער ענגלענדער, פאַר־

נומען הויכע פּאָסטנס — הויפּט־פּראָקוראָר אין לאַנד, אַמבאַסאַדאָר אין אַמעריקע, וויצע־קעניג פון אינדיע, ערשטער ייד מיטן טיטל מאַרקיז — נעמט דאָס ערשטע וואָרט:

— ווי האָט די קאָמיסיע געקענט באַריכטן, אַז דער מאַנדאַט איז נישט רעאַליזיר־פּעאיק? וואָס קומט דאָ אייגנטלעך פאָר? וואָס פאַראַ יידישע נאַציאָנאַלע היים וועט עס זיין, אויב מען וועט שליסן די אימיגראַציע און אַרויפליייגן אַן עמבאַרגאָ אויף די באָדן־קניות?

לאָרד מעלטשעט, — וויצע־פּאָרזיצער פון דער יידישער אַגענץ — רופט זיך אָן, שטאָלץ און דרייסט:

— מען האָט קיין מאָל נישט באַצויגן זיך ערנסט צום מאַנדאַט, קיין מאָל נישט געגעבן קיין מעגלעכקייט אים אויסצופירן. ער שטייט איין אין די הענט פון מענטשן, וואָס זייער איינציקע זאָרג איז צו באַווייזן, אַז ער איז נישט דורכצופירן. מיר, פון אונדזער זייט, וועלן נישט צוריקטרעטן. עס איז די פליכט פונעם הער פּרעמיער צו פאַרזיכערן די רויקייט אין לאַנד, כדי מיר זאָלן קענען פאָרויסגיין מיט אונדזער אַרבעט.

דער פּרעמיער וואָרט מילד, ווי ער וואָלט געפּרוווט זיך פאַרטיידיקן:

— ס'איז שווער צו געפינען פּאַסיקע באַאַמטע פאַר ארץ־ישראל, אַ לאַנד, וואָס נויטיקט זיך אין פעיקע מענטשן. דער דורכשניטלעכער באַאַמטער איז באַגרענעצט. איך מיין, אַז מ'וואָלט געדאַרפט טראַכטן וועגן שיקן אַהין אַ מענטש מיט פאַרנעם, ער זאָל קענען אַריינקוקן אין דער סיטואַציע. וואָרעם דער באַריכט פון דער שאָו־קאָמיסיע געפעלט מיר אַבסאָלוט נישט.

די יידן שלאָגן פאָר אַ נאָמען — גענעראַל סמאטס. וויצמאַן פרעגט, צי דער פּרעמיער איז גרייט באַווירקן דעם גענעראַל, אַז ער זאָל אָננעמען די שליחות?

מאַקדאָנאַלד זאָגט צו דאָס צו טאָן, און ער גיט צו מיט באַזאָרגטקייט:

— און ווער וואָלט געקענט זיין דער הויך־קאָמיסאַר אין ארץ־ישראל? און ווער — זיין סעקרעטאַר?

— אפשר אַסטאָר? מיינערצהאַגן? אָדער עליאָט?

עס הערשט אַן אָנגעשטרענגטע שטילקייט. אַלע זענען טיף פאַרטראַכט, ערנסט, ווי געבויגן אונטער אַ שווערע משא. פּלוצעם רופט זיך אָן וויצמאַן:

— איך קום פון אַ לאַנד פון פּאָגראָמען. די סטראַטעגיע פון מאָרד איז מיר גוט באַקאַנט. מען הרגעט, מען פּלינדערט לויט אַ פאָרויס צוגע־גרייטן פּלאַן. דערנאָך קומט אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע. זי רייניקט די

הענט פון די מערדער און וואַרפט די שולד אויף די קרבנות. דער רעזול־טאַט — נייע באַגרענעצונגען, נייע נגישות.

ווייצמאַנס פיגור ווערט ווי גרעסער, העכער. זיין שטים צעהילכט זיך קריגעריש:

— מען האָט ריינגעוואַשן די אַדמיניסטראַציע. מיר וועלן דערצו נישט מסכים זיין.

— וואָס מיינט איר מיט דעם?

— איך בין געווען אַן איינגעהאַלטענער מענטש, איך האָב פאַרטיידיקט די אַדמיניסטראַציע, און צייטנווייז, קעגן מיין ווילן, האָב איך געשיצט די רעגירונג, געבעטן צוטרוי צו איר. אָבער איך וועל עס מער נישט קענען טאָן. איך מיין, אַז איך וועל מוזן רעזיגנירן. זאָל די רעגירונג באַשליסן, וואָס זי האָט צו טאָן מיטן מאַנדאַט.

— איך האָף, אַז איר וועט עס נישט טאָן — זאָגט מאַקדאָנאַלד.

— איך האָב מורא, אַז מען וועט מיך דערצו צווינגען. עס איז אַ ליגן, אַז מיר זענען אַריבער די גרענעץ פון דער אויפנאַם־פעיקייט אין לאַנד. עס איז אַ ליגן, אַז ס'איז מער נישטאָ קיין באָדן אין ארץ־ישראל. מיר שטייען פאַר אַ מלחמה צווישן אַ יידן און אַ ציג. אויב איר ווילט פאַשען סטאַדעס ציגן אויף גרויסע שטחים, ווו מען קען פאַרפלאַנצן פּרדסים, וועט טאַקע אויסקומען, אַז ס'איז נישט פאַראַן מער קיין באָדן אין לאַנד. אויב אָבער אייך איז נאָענט פּראָגרעס און אַנטוויקלונג, דאַרף מען נישט קיין אויספאָרשונגס־קאָמיסיעס, נאָר אַ ביסל גוטן ווילן. און איך מוז ווידער זאָגן: אַז מען וויל נישט קיין פּאָגראָם, קומט ער טאַקע נישט פאָר. דער אמת אָבער איז אַ פּשוטער און אַ ביטערער: די אַדמיניסטראַציע וויל נישט דעם אויפבוי פון דער יידישער היים.

מאַקדאָנאַלד פרעגט ווייצמאַנען:

— וואָס וועט איר זאָגן, אַז ס'וועט פאַרעפנטלעכט ווערן דער באַריכט פון דער שאָו־קאָמיסיע?

— איך וועל זאָגן — ענטפערט ווייצמאַן — אַז דער הויפּט־געדאַנק אין באַריכט איז פאַרדרייט און פאַלש. איך וועל אָנהייבן אַן אַטאַקע אויף דער אַדמיניסטראַציע, און פון די יידן וועל איך פאַרלאַנגען, אַז זיי זאָלן נישט איבערטרעטן די גרענעץ פון געזעץ.

ווייצמאַן אָטעמט שווער. דער עכאָ פון זיינע רייד שוועבט לאַנג איבערן צימער. מאַקדאָנאַלד איז אונטער זייער רושם:

— דיינע רייד זענען גוטע און גערעכטע. — אָבער שפּעטער, ווי שוין באַפּרייט פון אַן עמאָציע רופט ער זיך אָן:

— אין אַ פּאָר שעה אַרום דאַרף אָנקומען די אַראַבישע דעלעגאַציע. איך וועל זיך באַמיען צוזאַמענצופירן די יידן מיט די אַראַבער.

פון אַ ווינקל, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען איינגעהילט אין שטילקייט, דערהערט זיך פּלוצעם פּאַספילדס שטים:

— אַ שאָד, וואָס די אַראַבער זענען נישט קיין מערב־מענטשן, אַ שאָד, וואָס זיי זענען נישט אַנדערש. אין ארץ־ישראל איז פאַראַן אָרט פאַר קאָלאָניזאַציע, אָבער די אַראַבער זענען זייער האַרט, און דאָס איז אַ גרויסער שאָד.

דער פּרעמיער ווערט אומגעדולדיק, ער רופט זיך אָן מיט אַ שווער איינגעהאַלטענעם אומווילן:

— מיר האָבן אויך אַנדערע ענינים. מיר זענען זייער פאַרנומען.

— מיר פאַרשטייען עס גאַנץ גוט — זאָגט ווייצמאַן — די רעגירונג איז פאַרנומען מיט דער אימפּעריאַלער ים־קאָנפערענץ. אָבער, הער פּרעמיער, דאָ האַנדלט זיך אין אַ פאַלק פון צוועלף מיליאָן מענטשן, אַ פאַלק וואָס שמאַכט נאָך חסד און צדק.

ווייצמאַנס פּנים פאַרציט זיך מיט אַ שרעקנדיקער געלבלעכקייט:

— מען איז גלייכגילטיק לגבי אַן אייביקייט־פּראָבלעם. עס איז נישט מעגלעך, אַז מען זאָל ווייטער אַזוי האַנדלען און נישט אָפּגעבן דערפאַר קיין דין וחשבון. אונדזער פּראָבלעם איז נישט ווייניקער וויכטיק, ווי די אימפּעריאַלע ים־קאָנפערענץ!

— מעגלעך, אַז איר זענט גערעכט — זאָגט מאַקדאָנאַלד.

— איך זאָג עס נישט ווייל איך בין אַ ציוניסט, נאָר ווייל איך בין אַ ייד. דעם דאָנערשטיק, אויף דער פאַרלאַמענט־זיצונג, וועט איר דאַרפן, הער פּרעמיער, דערקלערן קלאָר און דייטלעך, אַז עס וועט זיך בויען און שאַפן אַ יידיש ארץ־ישראל. איר וועט עס אויסרופן הויך און מוטיק, אַז מען זאָל אייערע רייד דערהערן אין די ווייטסטע און פאַרוואָרפנסטע געטאָ־ווינקלען.

— יאָ, מירן דאַרפן טראַכטן ווי אַזוי אויפצושטעלן די אַדמיניסטראַציע אין ארץ־ישראל, און גלייכצייטיק — וואָס צו טאָן מיט די אַראַבישע שליחים דאָ.

ווייצמאַן האָט מורא פאַר אַ פּלוצעמדיקן איבעררייס פון דער זיצונג:

— ווי האָט די אויספאָרשונגס־קאָמיסיע געקענט אַזוי באַליידיקן די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער? איר קענט דאָך די מענטשן, הער פּרעמיער:

רמז, קאַפּלאַנסקי... אונדזערע חלוצים זענען אַ ווונדערבאַרער מענטשן־מאַטעריאַל.

— איך בין מיט איך אַבסאָלוט מסכים.

קיין נס איז נישט געשען. דער באַריכט פון דער שאָו־קאָמיסיע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן. דער פּרעמיער מאַקדאָנאַלד האָט מסתמא פאַרגעסן ווייצמאַנס פּאַטעטישן רוף וועגן אָפּגעבן אַ פייערלעכע דערקלערונג אין פּאַרלאַמענט בנוגע דער ענגלישער גרייטקייט מיטצוהעלפן דעם אויפבוי פון דער יידישער היים. דער פּרעמיער האָט זיך באַנוגנט מיט קריטיקירן געוויסע פּונקטן אין באַריכט, ער האָט אָבער נישט אָפּגעוואָרפן זיין עצם אינהאַלט.

ווייצמאַן רעאַגירט שאַרף אויף די שפּאַלטן פון דער באַוווסטער צייטונג „מאַנטשעסטער גאַרדיען״.

נישט געהאָלפן האָט ווייצמאַנס אַרטיקל, נישט געהאָלפן האָבן זיינע אַנדערע אָנשטרענגונגען. די רעגירונג האָט נישט געהערט, „זי איז געווען פאַרנומען״.

די אָפּאָזיציע קעגן ווייצמאַנען וואַקסט. ווידער זעען מיר אים אין געראַנגל צווישן ענגלאַנד און זיין פאָלק. זיין האַרץ איז שווער. ער זעט נישט קיין מעגלעכקייט פון אַן אָפענעם קריג מיט ענגלאַנד, כאָטש ער פילט, אַז די פּעטליע פאַרציט זיך וואָס אַ מאָל מער.

ווידער אַ דערנידערונג: נישט פּאַספילד און נישט מאַקדאָנאַלד האָבן געהאַלטן וואָרט. נישט גענעראַל סמאַטס איז באַשטעטיקט געוואָרן צו פאָרן שטודירן די מעגלעכקייט פון יידישער עליה און באָדן איינקויף אין לאַנד, נאָר האָפּ־סימפּסאָן. סמאַטס׳ פּראָ־ציוניסטישע שטעלונג האָט אים געפּסלט פאַר דער שליחות.

לאָרד פּאַספילד מאַכט אַ נאָבעלן אָנשטעל: ער זאָגט צו, אַז האָפּ־סימפּסאָן וועט זיך מיט ווייצמאַנען באַראָטן, איידער ער וועט אַרויספאָרן קיין ארץ־ישראל. דער שליח וועט זיך זיכער פרייען צו הערן ווייצמאַנס אָנווייזונגען.

ווייצמאַן פילט די גליטשיקע שטיינער וואָס מען לייגט אויף זיין וועג. עס ווערט אים מיאוס צו זיצן אין לאָנדאָן. ער וויל פון דאַנען אַנטלויפן.

ווייצמאַן קען זיך פשוט נישט האַלטן אויף די פיס. ער איז אָפּגעשוואַכט, דערשלאָגן. ער פאָרט אויף קוראַציע אין מעראַן, אין דער שווייץ.

צווי וואָכן שפּעטער איז ער שוין מסוגל צו מאַכן אַ קורצן שפּאַציר. ער קוקט אַרויף אויף די בערג, ער קען זיך אָבער מער מיט זיי נישט פאַרמעסטן. די פיס זענען ווי געפּענטעט.

ער באַהאַלט זיך אויס פון מענטשן. ער ווערט פאַרפאַלן אויף לאַנגע שעהען, זיצט ערגעץ אונטער אַ בוים און טראַכט. פון צייט צו צייט פאַר־צייכנט ער זיך עפּעס אין זיין שוואַרץ ביכעלע.

זיין התבודדות ווערט איבערגעריסן. עס קומען אויף אַ פּאָר טעג דער באַוווסטער היסטאָריקער לואיס ניימיר, ווייצמאַנס ראַטגעבער אין פּאָלי־טישע ענינים, און בלאַנש דאָגדייל, וואָס טוט אַ שיינע אַרבעט אין דער ציוניסטישער ביוראָ אין לאָנדאָן.

די דריי מענטשן שפּאַצירן אין די בערג. ניימיר, וואָס איז הויך און ברייט, שפּאַרט פאָרויס, און דערמאָנט אין אַ שיף צווישן שווערע כוואַליעס. נאָך אים — בלאַנש דאָגדייל, און דער דריטער, מיט זיין גרויסן, סענקע־וואַטן שטעקן — חיים ווייצמאַן.

מען זעצט זיך אויס אויף אַ פעלדז, אַנטקעגן די בערג. ניימיר רעדט שנעל. ער קען די וועגן און שטעגן פון דער ענגלישער געשיכטע, ער איז אַ בן־בית אין די פאַרוואָרפענע ווינקעלעך פון ענגלישן שטייגער און געדאַנקען־גאַנג. זיין שיטה לגבי ענגלאַנד האָט אין זיך תקיפות.

בלאַנש דאָגדייל איז גלויבן און התלהבות.

צווישן די ביידע איז ווייצמאַן, ווי אַ מיטלוועג.

אַזוי גייען אַדורך שעהען.

אין די אָוונטן שרייבט ניימיר מעמאָראַנדומס אין זיין שיינעם ענגלישן סטיל. ער אַמפּערט זיך מיט בלאַנש דאָגדיילן איבער אַ וואָרט, ווו און ווי עס צו שטעלן. ניימיר שפּרודלט מיט באַוויזן און הערט כלל נישט דעם צווייטן. ווייצמאַן הערט זיך צו, מיט האַלב צוגעמאַכטע אויגן.

אַזוי האָט זיך געטומלט אַ פּאָר טעג, ביז די געסט זענען אָוועקגעפאָרן און ווייצמאַן איז ווידער געבליבן אַליין מיט זיינע מחשבות.

פלוצעם — אַ טעלעגראַם פון דער לאָנדאָנער ביוראָ. מען גיט אים

צוויסן, אַז לויט אַ ידיעה אין „טיימס" האַלט האָפּ־סימפּסאָן ביים אַרויס־פאָרן קיין ארץ־ישראל.

ווייצמאַן איז אויסער זיך. ווי איז עס מעגלעך ? מען האָט אים צוגעזאָגט, אַז דער שליח וועט נישט אַרויספאָרן, איידער ער וועט אים זען.

ווייצמאַן טעלעגראַפירט אין ביוראָ מען זאָל צוויסן געבן אין קאָלאָניאַל־מיניסטעריום, אַז ער פאָרט גלייך אַרויס זיך טרעפן מיט האָפּ־סימפּסאָנען.

ווייצמאַן פּאַקט זיך איין שנעל און אַ האַלב־קראַנקער לאָזט ער זיך אין אַ שווערער רייזע פון 35 שעה אָן איבעררייס. ער קומט אָן קיין לאָנדאָן אָן אויסגעשעפּטער.

אין ביוראָ גיט מען אים צוויסן, אַז די אינטערווענץ אין מיניסטעריום איז געבליבן אָן דערפאָלג. דער סעקרעטאַר האָט געענטפערט, אַז דער מיניסטער געדענקט נישט ער זאָל האָבן צוגעזאָגט ווייצמאַנען אַ צוזאַמענ־טרעף מיט סימפּסאָנען און „עס איז במילא שפּעט. דער שליח האַלט ביים אָפּפאָרן אין אַ פּאָר שעה אַרום, און מעגלעך, אַז ער איז שוין נישטאָ אין לאָנדאָן".

— צו וואָס דער שקר ? — צעשרייט זיך ווייצמאַן.

האָפּ־סימפּסאָן איז נאָך געווען אין שטאָט. ער וואָלט נאָך געקענט זען ווייצמאַנען, אויב דער מיניסטער וואָלט עס באמת געוואָלט. דער שקר, די גרינגשעצונג — סאַראָ עקלדיקע מעטאָדן מען ווענדעט אָן קעגן אים !

און דאָס איז נישט אַלץ : קיין זשענעוו, אין דער פעלקער־ליגע, וווּ ענגלאַנד דאַרף אָפּגעבן חשבון וועגן די ארץ־ישראל־אומרוען, שיקט מען דעם הער לוק, פון די הויפּט־שולדיקע אין אויסבראָך פון די בלוטיקע געשעענישן. מען שיקט אויך דעם הער לאָיד, דעם סעקרעטאַר פון דער שאָו־קאָמיסיע...

ווידער קומט פאָר אַ צוזאַמענטרעף מיט מאַקדאָנאַלדן, פּאַספילדן און אַנדערע הויכע אָנגעשטעלטע. פון יידישן צד זענען אָנוועזנדיק : לאָרד רידינג, לאָרד מעלטשעט, דזשיימס דע ראָטשילד, פנחס רוטענבערג, חיים ווייצמאַן.

אויבן אָן ביים טיש זיצט דער פּרעמיער. ער בלעטערט נערוועז אין באַריכט פון דער שאָו־קאָמיסיע, דערנאָך הייבט ער אויף דעם קאָפּ, קוקט אויף די יידן און שטעלט זיי פאָר די אַראַבישע פאָרלאַנגען. ער ציטירט זייערע תביעות : אָפּשטעלן, באַגרענעצן, עמבאַרגירן. דער פּרעמיער קוקט

ווידער אין באַריכט און הייבט אָן צו לייענען פון דאָרט פאַרשיידענע שטעלן. ווייצמאַן ווערט אויפגערעגט:

— איר האָט דערקלערט, הער פּרעמיער, אַז דער באַריכט געפעלט אייך אַבסאָלוט נישט, איז פאַר וואָס ציטירט איר פון אים?

דאָס מאָל באמת ער זיך אַפילו נישט צו באַהערשן זיין כעס:

— און דער לוק, וואָס פאַרוואָס זין האָט עס צו שיקן אים קיין זשענעוו?

— איך הער עס איצט צום ערשטן מאָל — זאָגט מאַקדאָנאַלד.

— מען האָט מיר פאַרזיכערט, אַז איך וועל קענען זען האָפּ־סימפּסאָנען. פאַר וואָס האָט מען מיך אָפּגענאַרט?!

ווייצמאַן וואַרפט אַ גרינגלעכן בליק אויפן לאָרד פּאַספילד. דער בליק האָט ווי געשריגן: דו ביסט אַ ליגנער! אָבער דער לאָרד זיצט ווי אויס־געגאָסן פון שטיין. זיין פנים זאָגט גאָרנישט.

ווייצמאַן צעוויגט זיך אין זיין כעס:

— איר האָט פון אונדז געמאַכט דאָס גענאַר; יידן וועלן עס נישט מוחל זיין.

דאָ האָבן די ענגלענדער זיך צעשמייכלט, ווי עס וואָלט זיי הנאה געטאָן וואָס די יידן האָבן זיך געלאָזט אָפּנאַרן.

ווייצמאַנס פנים ווערט באַשאָטן מיט רויטע פלעקן.

— ווי לייכטזיניק איר האַנדלט, ענגלישע פּאַטריאָטן, לגבי די צוזאָגן פון דער רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט! יאָרן לאַנג בין איך געווען דער פאַרטיידיקער פון דער מאַנדאַט־רעגירונג. אָבער מער וועל איך אויף דעם וועג נישט קענען גיין. אין נאָמען פון אמת און זעלבסטווערדע מוז איך דערקלערן דעם יידישן פאָלק, אַז ענגלאַנד האַלט נישט אירע צוזאָגן.

ווייצמאַן גיט זיך אַ קער צו מאַקדאָנאַלדן:

— וואָלט איר, הער פּרעמיער, געהאַנדלט אויף אַ צווייטן אופן? פון וואַנען נעמט זיך דער אָפּגרונט צווישן די הבטחות און די קאָנקרעטע מעשים? ווער איז דאָ דער שולדיקער, ווער?

אויך ווייצמאַנס באַגלייטער גרייפן אָן. רוטענבערג רוקט אַרויס אַ פּלאַן וועגן אַ ברייטצוגיקער קאָלאָניזאַציע. ער באַווייזט, אַז דער פּלאַן וואָלט געווען אַ ברכה פאַרן לאַנד, פאַר אַלע זיינע איינוווינער.

די ענגלענדער הערן און שווייגן. דאָס וואָס זיי האָבן צו זאָגן איז בלאָס, פול מיט רעזערוואַציעס.

ווייצמאַנען כאַפּט אָן אַן עקל יעדעס מאָל, ווען ער דערמאָנט זיך אין זיינע צוזאַמענטרעפענישן אין די הויכע פענצטער.

ער ווייס, אַז עס וואַרט אויף אים אַ שווערע, געדיכטע נאַכט. עס דוכט זיך אים אָפּט, אַז ער הערט דעם אָפּקלאַנג פון רידלען, וואָס גראָבן אַ קבר פאַר די יידישע האָפענונגען. און דאָך איז ער שטאָלץ אויפן יידישן נצחון, וואָרעם די יידן זענען געווען אויפריכטיק, דער אמת איז געווען מיט זיי. געזאָגט ליגן האָט דער צד שכנגד.

יעדער ווייטערער קאָנטאַקט מיט אָט דעם ענגלאַנד, וואָס זאָגט ליגן, זעט ווייצמאַנען אויס צו זיין איבעריק. ער באַגרייפט קלאָר, אַז ס׳איז געקומען זיין צייט צו רעזיגנירן. זאָל די וועלט משפטן. ער איז אָבער נישט דערשלאָגן. ער איז זיכער, אַז יידן וועלן זייער וועג קיין ארץ־ישראל געפינען. עס טוט אים אָבער וויי די האַנדלונג פון ענגלישן צד. נישט קיין שאָדנפרייד פילט ער, נאָר ווייטיק. ער שעמט זיך מיט ענגלאַנד, ווייל זי איז דאָך אים אַזוי נאָענט און טייער. ער שטרענגט זיך ווידער אָן. ער וויל ראַטעווען די לאַגע, ראַטעווען זיין חלום וועגן אַן ענגליש־יידישער צוזאַמענ־אַרבעט. ער איז זיך מודה פאַר מאַלקאָלם מאַקדאָנאַלד, דעם פּרעמיערס זון, וועמעס רייד אין פּאַרלאַמענט זעען אים אויס צו זיין אויפריכטיקע און מוטיקע, אַז דאָס פאָלק האָט מער נישט קיין צוטרוי צו אים. די מאַסן רעוואָלטירן און פאָדערן זיין רעזיגנאַציע. ווייצמאַן פרעגט: וואָס וועט זיין מיט דער יידישער יוגנט, וואָס איז אָפּגעריסן געוואָרן פון דער רעוואָלוציע? ווי זאָל מען אַזאַ יוגנט אַנטוישן? די חלוצים־יוגנט זעט דאָך, אַז מען וויל פאַרוויסטן די פרוכט פון איר אַרבעט, נאָך אַזעלכע ביטערע יאָרן פון קאַמף מיטן מדבר. זאָל ער, דער פירער, קומען איצט צו די חלוצים, אין אָנבליק פון דער גרויסער נויט אין גלות, און זאָגן זיי, אַז דאָס פאָלק מוז זיך אונטערוואַרפן דער גזירה פון אומקום? ניין, ער וועט עס נישט טאָן! דאָס גאַנצע לעבן זייערס — דערקלערט ווייצמאַן דעם פּרעמיערס זון — האָבן יידן געטראַכט וועגן ציון. דער גאולה־טרוים איז געווען דאָס איינציקע ליכט זייערס אין דער פינצטערניש פון גלות. יידן האָבן זיך געלאָזט קיין ארץ־ישראל, נישט אויפן סמך פון פּאָליטישע דעקלאַראַציעס פון דעם אָדער יענעם, נאָר אויף די פליגל פון זייער גאולה־חלום. מעגלעך, אַז פאַר ענגלאַנד איז „דער עקספּערימענט" נישט כדאי. מעגלעך, אַז ס׳וועט מאָרגן אויפשטיין אַן אויטאָריטעטער ספּעציאַליסט, וואָס וועט דערקלערן, אַז די יידישע נאַציאָנאַלע היים איז נישט צום רעאַליזירן און אַז מען דאַרף זיך דערפון אָפּטרייסלען. די יידן אָבער וועלן דאָס זייעריקע ממשיך זיין. זיי וועלן עולה זיין, זיי וועלן בויען, ווייל דאָס איז זייער גורל.

ווייצמאַן איילט קיין זשענעוו, צו דער זיצונג אין דער פעלקער־ליגע, ווו ענגלאַנד דאַרף אָפּגעבן אַ באַריכט פאַר דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע.

ווייצמאַן וויקלט דאָרט פאַנאַנדער די אָנגעווייטיקטע פרשה. ער הייבט אָן פון סאַמע בראשית און לאָזט קיין זאַך נישט אַדורך.

דער ענגלישער וויצע־אויסערן־מיניסטער, הער שילעס, שטייט פאַר דער מאַנדאַט־קאָמיסיע און נעמט זיך אָן זיין לאַנדס קריוודע.

מיט די רעשטלעך פון זיינע נערוון שלאָגט ווייצמאַן אָפּ דעם שקר וכזב.

— וואָס ווילן זיי, די יידן? — פרעגט ער — פאַר וואָס פאַרשוואַרצן זיי דאָס פּנים פון ענגלאַנד? ווער האָט זיי אַ מאָל צוגעזאָגט אַ יידישע מדינה?

ווייצמאַן שפּאַצירט איבער די גאַסן פון זשענעוו.

ווער גייט עס אים אַנטקעגן, גרייכט מיט די פינגער צום הוט און באַגריסט אים מיט אַ ברייטן זשעסט?

דאָס איז דאָך לוק, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ נידערטרעכטיקע ראָל אין די ארץ־ישראל־אומרוען.

ווייצמאַן לויפט אַריבער אויף דער צווייטער זייט גאַס. ער איילט מיט פאַרקלעמטע פויסטן און עס שרייט אין אים: פאַר וואָס זאָגן זיי ליגן? פאַר וואָס?

22

דער נייער ענגלישער פּרווו צו פּאַראַליזירן די אַנטוויקלונג פון דער יידישער היים האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן שטורעם קעגן ווייצמאַנען. מענטשן וואָס זענען געגאַנגען מיט אים צוזאַמען אין משך פון יאָרן, פאַרלאָזן אים איצט מיט ווייטיק און צאָרן.

מנחם אוסישקין, זיין געטרייער פריינד און פאַרערער, ווייזט אָן מיטן פינגער אויף אים: אָט איז דער שולדיקער! הרב טשערנאָוויץ, דער באַוווסטער תלמודיסט און געלערנטער, דער הייסער ציוניסט, רופט אויס: זאָל ווייצמאַן גיין, געננג מיט אים! געננג מפּלות האָט ער פאַרשאַפט.

אויף דער זיצונג פון אַקציאָנס קאָמיטעט*, וואָס האָט באַטראַכט דעם געפערלעכן מצב, ווערן געשליידערט צענדליקער פיילן אין ווייצמאַנען. און ער, ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשען, ענטפערט אין אַ באַזאַכטן טאָן. זיינע רייד זענען ווי אַ קאַלט ווינטל אויף די צעהיצטע געמיטער. ער רופט צו זעלבסט־באַהערשונג: „געוויסע מענטשן מאַכן אַן אָנשטעל פון גבורה ביים באַשיצן זייערע מיינונגען, וואָס טויכן אַרויס — דענקען זיי — פון אַ מיסטעריעזער אמונה. יצחק גרינבוים רופט צו מלחמה. אויך איך האָב געפירט מלחמה. איך האָב אָבער געדאַרפט אַ טראַכט טאָן, אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער פּאָלי־טיקער, וווהין קען אַזאַ מלחמה דערפירן. עס זענען פאַראַן צווישן אונדז מענטשן וואָס מיינען, אַז אויב זיי וועלן נאָר געפינען די ריכטיקע פאָרמולע, וועלן די אַראַבער פאַרשווינדן פון דער וועלט".

ווייצמאַנס שטים ווערט וואַרעם, פאַרטרוילעך. ער דערציילט וועגן זיין אייגענעם צער. ער האָט באַקומען קלעפּ און געשוויגן. כל זמן עס איז געווען די מעגלעכקייט פון בויען און שאַפן, זענען אים ליבער געווען די מעשים ווי די פּאָליטישע דריידלעך. דער עיקר איז פאַר אים שטענדיק געווען די אויפבוי־אַרבעט. צוליב איר און פאַר איר האָט ער יאָרן געוואַנ־דערט איבערן גלות און געקלאַפּט אין די טירן.

מיט אַ שטאַרקן איבערצייגונגס־כוח רופט ער אויס: לאָמיר פאַרשטיין דעם פּשוטן אמת, — ווען מיר האָבן אין לאַנד 250.000 יידן, וואָלטן קיין אומרוען נישט אויסגעבראָכן. אין אונדזער צאָלרייכקייט ליגט אונדזער כוח.

און ווייצמאַן בעט פאַרשטענדעניש: גרויסע שוועריקייטן דריקן אויף

---

* 28.8.1930

ענגלאַנד. און אַ מלחמה דאַרף דאָס יידישע פאָלק פירן דווקא מיט אַ סאָציאַ־ליסטישן פּרעמיער — אַ מענטש, וואָס איז שטענדיק געווען נאָענט צו יידן.

ווייצמאַן ווענדעט זיך צו די מענטשן, וואָס האָבן ליב אַרויסצורוקן יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק זייער „אני מאמין" און רעדן וועגן יידישן ענד־ציל.

„שטריקער און אַנדערע האַלטן, אַז די יוגנט וועט אונדז פאַרלאָזן, אויב מיר וועלן נישט דערקלאַרירן אַז מיר זענען פאַר אַ יידישער מדינה. איך וויל אויף דעם ענטפערן, הגם איך ווייס, אַז מיינע רייד וועלן געגנוג שעדיקן מיין נאָמען און פּאָפּולאַריטעט: די יידישע מדינה איז קיין מאָל נישט געווען דער ציל, נאָר אַ מיטל צום ציל. נישט אין באַזעלס פּראָגראַם און נישט אין דער באַלפור־דעקלאַראַציע איז עפּעס געזאָגט געוואָרן וועגן אַ יידישער מדינה. אונדזער פּראָגראַם באַשטייט אין שאַפן באַדינגונגען, אין וועלכע עס זאָל קענען אויפשטיין אַן אויטאָנאָמיע, שעפערישע און געאייניקטע יידישע געזעלשאַפט".

„...יאָ, עס איז זייער אָנגענעם צו דעמאָנסטרירן דעם „אני מאמין". אין דעם איז פאַראַן אַ מין גייסטיקע אַנטשפּאַנונג און אויך אַ באַהעפטונג מיט דעם, וואָס איז אונדז טייער און הייליק. אָבער „אני מאמין"־דער־קלערונגען, וואָס האַלטן זיך כסדר אין איבערחזרן, גיבן קיין זאַך נישט, פאַרקערט: זיי זענען פּאָליטיש שעדלעך, זיי ווערן אַ שטערונג פאַר אונדזער אַרבעט אין לאַנד".

ווייצמאַן קומט אַרויס מיט עלעמענטאַרע אמתן, כאָטש ער ווייסט, אַז מען וועט אים דערפאַר באַוואַרפן מיט שטיינער:

„עס איז נישט אונדזער שולד, וואָס די אויפלעבונג פון נאָענטן מזרח איז פאַרגעקומען אין אַ שנעלערן טעמפּאָ, ווי מיר האָבן זיך עס פאַר־געשטעלט. אין ארץ־ישראל וואַקסט אַן אַראַבישע יוגנט, וואָס פון איר שטאַנדפּונקט איז זי פּונקט אַזוי „ציוניסטיש" ווי מיר, און עס וואָלט געווען לעכערלעך, אַז מיר זאָלן עס נישט וועלן זען. מיר טאָרן נישט רעדן מיט אַ שפּראַך, וואָס קען אויפוועקן אין די אַראַבער דעם זעלבן געפיל, וואָס וועקט זיך ביי אונדז, ווען מען זאָגט אונדז, אַז מיר האָבן נישט קיין רעכט אויף ארץ־ישראל. מיר האָבן רעכט, און זיי האָבן רעכט. ביידע פעלקער זענען גלייכבאַרעכטיקט אין אויפבוי פון דער מדינה. מיר מוזן אַרבעטן צוזאַמען. אויב מיר וועלן אַמאָל דערגרייכן צו אַ מערהייט, וועלן מיר צוליב דעם נישט אונטערדריקן די אַראַבער, פּונקט ווי מיר ווילן נישט, אַז זיי זאָלן איצט זיין אונדזערע אונטערדריקער".

באַלד איז טאַקע אויסגעבראָכן אַ שטורעם קעגן ווייצמאַנען. אָבער

דאָס האָט אים נישט באַזיגט. אים אַרט עפּעס אַנדערש. עס אַרט אים, וואָס ס׳איז נישטאָ קיין געלט, קיין שעפערישע כוחות, און יידן קריגן זיך.

לאָרד פּאַספילד גרייט זיך פּאַרעפנטלעכן זיין „ווייס בוך״ — די נייע פּאָליטיק לגבי ארץ־ישראל. ווייצמאַן ווייס, אַז דער דאָקומענט מיינט די ליקווידאַציע פון דער יידישער היים. פּאַספילד איז געגאַנגען נאָך ווייטער, ווי די רעקאָמענדאַציעס פון דער שאָו־קאָמיסיע און ווייטער אַפילו ווי די נעגאַטיווע אויספירונגען פון האָפּ־סימפּסאָן. דער אַלטער לאָרד האָט פּשוט געוואָלט דעם סוף פון יידישן ישוב אין ארץ־ישראל.

ביזן לעצטן מאָמענט האָט ווייצמאַן געקעמפּט, געהאַלטן אין איין אַפּעלירן צום ענגלישן געוויסן. מען האָט אים אָבער נישט געוואָלט אויסהערן; אַלץ מער און מער האָבן זיך געשלאָסן פאַר אים די טירן.

נישט איין מאָל פרעגט זיך ווייצמאַן: זאָל זיין, אַז ראַמזיי מאַקדאָ־נאַלד איז אַזאַ שוואַכלינג? אָט רעדט דער פרעמיער אַזוי וואַרעם און מיט זאָרג; ער זאָגט צו, ער פאַרזיכערט, און אַלץ לאָזט זיך אויס קאַפּויער.

— זאָל זיין, אַז עס הייבט זיך אָן אין דער וועלט אַ תקופה פון אַ דזשונגל־לעבן און אַז די הערשאַפט פון פיזישן כוח וועט באַשטימען דעם גורל פון פעלקער און לענדער?

מוצאי־שבת, אַכצנטער אָקטאָבער 1930. ווייצמאַן טראָגט זיך ווי אַ שטורעם איבער צימער אין זיין דירה. פאַראַן איצט ביי אים די טרייע בלאַנש דאָגדייל. זי וויל העלפן, געבן אַן עצה, אָבער זי קען זיך צו גאָר־נישט דערטראַכטן.

ווייצמאַן פילט די גרויזאַמע יידישע הילפלאָזיקייט. די שעהען רינען אויס, אַ טאָג, און נאָך אַ טאָג — און פאַספילד וועט פאַרעפנטלעכן זיין „ווייס בוך״. זאָל ער פרווון, צום לעצטן מאָל, וועקן ס׳געוויסן ביים אַלטן לאָרד? מאָרגן איז זונטיק, און איבערמאָרגן קען שוין זיין שפּעט. אָבער אָנקלינגען צום לאָרד מוצאי־שבת, איז גאָרנישט קיין פאַסיקע צייט.

אַ בלאַסער, מיט אַ שנעל קלאַפּנדיק האַרץ, דערנענטערט זיך ווייצמאַן צום טעלעפאָן:

— מיין לאָרד, דאָ איז ד״ר ווייצמאַן. איך דערלויב זיך צו טעלעפאָנירן שבת אין אָונט. איר וועט מיך זיכער פאַרשטיין — די צייט רוקט זיך. צי־

וואָלט איך אייך געקענט זען מאָרגן, זונטיק? איך ווייס, אַז ס׳איז אַ העזה, אָבער איך מוז אויפקלערן עטלעכע ענינים.

לאָרד פּאַספּילד:

— איך זע נישט קיין צוועקמעסיקייט אין אַ צוזאַמענטרעף. עס טוט מיר לייד: באמת, עס טוט מיר לייד.

ווייצמאַן פילט דעם פייערדיקן שמיץ איבער זיין קערפּער. דער מי־ניסטער פרעגט אים אַפילו נישט, וואָס ער וויל אויפקלערן, וואָס ער האָט צו זאָגן.

ער שטאַמלט אויס:

— אָבער דאָך, הער לאָרד.

לאָרד פּאַספּילד:

— איך זע נישט קיין נויטווענדיקייט. וואָס וועט איר דען געווינען, ד״ר ווייצמאַן? עס איז שוין צו שפּעט צו פאַרהאַלטן דאָס פאַרעפנטלעכן פון „ווייס בוך״.

ווייצמאַן רופט זיך אָן:

— אויב אַזוי, איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן. אַ שאָד, וואָס איך האָב אייך באַלעסטיקט, מיין לאָרד.

ווייצמאַן ווישט זיך דעם שווייס פון שטערן און ער לאָזט זיך צו דער טיר. עס פעלט אים לופט. ערשט אין דרויסן פילט ער ווי עס בלוטיקט זיין האַרץ.

— גאָט, מיין גאָט, איז דען נויטיק געווען דער אומגליקלעכער שמועס?

פּאַספּילדס „ווייס בוך״ איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דעם 21טן אָקטאָבער 1930. ווייצמאַן זעט זיך ביים סוף פון זיין וועג. זיין גלויבן אין ענגלאַנד האָט זיך אין אים נוקם געווען. עס בלייבט אים נישט קיין אַנדער אויסוועג ווי נאָר פאַרשווינדן.

ווייצמאַן שרייבט אַ בריוו צו לאָרד פּאַספּילד. ער גיט צוּוויסן וועגן זיין רעזיגנאַציע פון זיינע אַמטן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אין דער יידישער אַגענץ. ער שטרייכט אונטער, קלאָר און דייטלעך, דעם ענגלישן פאַרראַט. אין משך פון יאָרן האָט ער אַלע זיינע טעטיקייטן באַזירט אויף דער צוזאַמענאַרבעט מיט ענגלאַנד, איז געקומען די רעגירונג און אַלץ צו נישט געמאַכט.

און אַ צווייטן בריוו האָט ווייצמאַן געשריבן — אַ בריוו צום יידישן פאָלק:

„...ביים רעזיגנירן פון דער פירערשאַפט, פיל איך אַן אינערלעכע באַ־דערפעניש צו רעדן צום יידישן פאָלק, צו די ברייטע מאַסן, וואָס זענען געטריי דער פאָן פון ציון. מיר שטייען איצט פאַר אַן ערנסטן עקזאַמען. עס וואַרט אויף אונדז אַ שווערע מלחמה. אָבער דאָס יידיש פאָלק, געפּרוווט אין ביטערע נסיונות און אין ווייסן, אַז ער דאַרף זיך פאַרלאָזן נאָך אויף זיך, וועט אויך דאָס מאָל גובר זיין אַלע שוועריקייטן. וואָס איז דער אויפ־בוי פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים, אויב נישט אַ ניי קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער לאַנגער מלחמה, וואָס האָט גאָר קיין פאַרגלייך נישט, — אַ מלחמה פון אַ פאָלק פאַר זיין קיום און צוקונפט, דורך קרבנות אַן אַ סוף?"

אין דער שעה פון זיין געזעגענונג דערפילט ער אַ שטאָלץ, ווען ער קוקט זיך אום אויפן דורכגעמאַכטן וועג, ווען ער דערמאָנט זיך די פאַר־צווייגטע יידישע עקאָנאָמיק און דעם פּראָגרעס אויף פאַרשידענע געביטן. ווי ליב און טייער זענען אים די דערגרייכונגען אין לאַנד! וויפל פיין און האַרץ־ווייטיק האָט אים געקאָסט יעדער פאַרשריט, יעדער אויפטו! און מער פון אַלץ איז אים טייער דאָס פאָלק. אין אים וועט ער זוכן מוט און אויסדויער.

„אַלס איינער פון די, וואָס גלייבן מיטן גאַנצן האַרץ און מיט דער גאַנצער נשמה אין די כוחות פון פאָלק, ווענד איך זיך אין דער איצטיקער שעה און אַפּעליר צו זיין שעפערישער קראַפט, צו זיין אמונה אין זיין היס־טאָרישן גרויסן באַשלוס".

ווייצמאַן פאַרלאַנגט פון ישוב אַ שטאַרקע פּאָזיציע, ווייל „אונדזער אַר־בעט וועט נישט איבערגעריסן ווערן, זי וועט מיט זיכערע טריט פאַרויסגיין צו איר ציל"... לאָמיר באַווייזן דעם גאַנצן פאָלק, וואָס עס מיינט ארץ־ישראל פאַר יידן. לאָמיר באַווייזן, אַז עס איז נישטאָ קיין כוח אויף דער וועלט, וואָס זאָל קענען אַרויסרייסן פון יידישן האַרץ די ליבע צום לאַנד, צו זיין פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט".

דעם 25־טן אָקטאָבער קומט אָן אַ בריוו פון לאָרד פּאַספּילד. דער לאָרד גיט אָנצוהערן אין דעם בריוו, אַז ער פאַרשטייט נישט די סיבה פון ווייצמאַנס כעס און פאַרביטערונג. ער האָט דאָך אים געהאַט געבעטן, אַז ער זאָל פאַר־מולירן זיין מיינונג וועגן „ווייס בוך" און ער, דער לאָרד, האָט אַפילו אַריינ־געבראַכט געוויסע שנויים אין זיין טעקסט אַלס רעזולטאַט פון זיין באַראַטונג מיטן יידישן פירער. איז וואָס קאָכט זיך איצט ווייצמאַן?

ווייצמאַן איז געטראָפן, ווי פון אַ דונער. וואָס פאַרוואָס באַראַטונג און וואָס פאַרוואָס ענדערונגען? וואָס וויל דער לאָרד? אַרויסשטעלן אים אין די אויגן פון זיין פאָלק אַלס מיט־אַרכיטעקט פון „ווייס בוך"? און צו וואָס די גאַנצע צביעות? צו וואָס דאָס אויסדריקן צער צוליב זיין רעזיגנאַציע?

ווייצמאַן דערמאָנט זיך אין זיין טעלעפאָנישן שמועס מיט פּאַספּילדן שבת צו נאַכטס, דעם 18־טן אָקטאָבער. ווען דער מי'ניסטער וואָלט באמת געוואָלט עפּעס ענדערן אין „ווייס בוך", וואָלט ער אים דאַן נישט געפרעגט וועגן וואָס ער וויל מיט אים רעדן?

„ווען איך קוק אויף די פאַרגאַנגענע טעג, טוט מיך מער ווי שטענדיק וויי, וואָס מיין בקשה וועגן אַ לעצטן צוזאַמענטרעף איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיטן אויסרייד, אַז עס איז אייך אוממעגלעך צו מאַכן וועלכע עס איז ענדערונג אין דאָקומענט, וואָס וועט פאַרעפנטלעכט ווערן" — שרייבט ווייצמאַן פּאַספּילדן.

דאָס איז אַ רעקאָרד פון חוצפּה און רשעות: מען גייט אים מאַכן פאַר אַ שותף אין אַ פאַרברעכן קעגן אייגענעם פאָלק.

אַ פּראָטעסט־כוואַליע האָט זיך צעוויגט אין דער יידישער וועלט. דאָס פאַרברעכן, וואָס דאָס נייע „ווייס בוך" האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט, האָט געפלעפט יידן ווי נישט־יידן. צוויי פון די גרעסטע ענגלישע יוריסטן, לאָרד היילשאַם און דזשאָן סיימאָן, שרייבן אין „טיימס", אַז פּאַספּילדס „ווייס בוך" איז אַ פאַרשוועכונג פון מאַנדאַט און אַן אָפענער פאַרראַט פון אָפיציעלע התחייבותן, וואָס זענען געגעבן געוואָרן דער יידישער אַגענץ און דער פעלקער־ליגע. די צוויי יוריסטן ראָטן די יידן זיך צו ווענדן מיט אַן אָנקלאַגע צום אינטערנאַציאָנאַלן געריכט אין האַג.

פּאַספּילד איז געצוווּנגען צו פאַרטיידיקן זיך אויף די שפּאַלטן פון דער פרעסע, — אַ זעלטענע דערשיינונג אין דער געשיכטע פון אַן ענגלישן קאַבינעט.

יידן הייבן אָן אַ קעגן־אַנגריף. אַ יידישער רייכער סוחר פון טשער־נאָוויץ איז מודיע די ענגלישע פירמעס, מיט וועלכע ער אַרבעט, אַז ער רייסט איבער יעדן קאָנטאַקט מיט זיי, און זיין ביישפּיל טוען נאָך אַ סך אַנדערע. יידישע דעמאָנסטראַציעס און פּראָטעסטן טראָגן זיך פון שטאָט צו שטאָט.

אין לאָנדאָנער יידישן קוואַרטאַל, אין וויטשעפּל, פאַרזאַמלען זיך

טויזנטער מענטשן.* ווייצמאַן רעדט צו זיי אין זיין און אין זייער לשון — יידיש. דער אופן פון רעדן איז אַ גוט באַקאַנטער, און גענוצט האָבן אים יידן פון פרעהס צייטן אָן — אַ מין פאַראַכטונג צום שונא, דורך אייגענער דער־הייבונג און טיפער אמונה אין צדק און יושר וואָס מוזן זיגן.

הריגות און דערנידערונגען — זאָגט ווייצמאַן — זענען נישט קיין נייעס אין דער יידישער געשיכטע. אַ נייעס איז נאָר, אַז עפּעס אַזוינס זאָל געשען אין ענגלאַנד פון 1930, אַז זי, די באַזאַכטע, זאָל פאַרטראַכטן אומצוברענגען די יידישע היים, כדי אויף אירע חורבות אויפצושטעלן אַן אַראַבישע מדינה.

אין וואָס באַשטייט דער חטא פון יידן ? — פרעגט ווייצמאַן, און ער ענט־פערט זיך און דעם עולם — ערשטנס, האָבן מיר געזינדיקט דערמיט, וואָס מיר האָבן פּראָגרעסירט מיט אונדזער אַרבעט. אַ ייד, ווייזט אויס, טאָר נישט פּראָגרעסירן. יידן פון פוילן און רומעניע זענען געקומען, געהאַקט שטיינער, געטריקנט זומפּן, געבויט אַ לאַנד. איז עס אַ גרויסער פאַרברעכן און מען דאַרף די יידן דערפאַר באַשטראָפן. וואָלטן זיי נישט געאַרבעט, וואָלט עס ווידער געווען אַ פאַרברעכן און מ׳וואָלט אַוודאי זיי געדאַרפט באַשטראָפן. צווייטנס, זינדיקן יידן מיט דעם, וואָס זיי זענען בכלל אַרבעטער. ס׳טייטש, יידן אַליין באַאַרבעטן און באַמיסטיקן זייערע פעלדער ? וואָלטן זיי אָבער זיך באַנוצט מיט נישט־יידישע אַרבעטער, וואָלט דאָס ווידער געווען אַ חטא. דאַן וואָלט מען געשריבן: יידן זענען עקספּלואַטאַטאָרן, זיי ווילן, אַז אַנדערע זאָלן פאַר זיי אַרבעטן, און זיי זאָלן מאַכן דאָס געלט. און איצט איז פאַראַן נאָך אַ זינד: יידן זענען סאָציאַליסטן. קומט אַ ענגלישע, סאָציאַליסטישע רעגירונג און שלאָגט טרעוואָגע: שטעלט אייך נאָר פאָר אַ פאַרברעכן — יידן זענען נישט קיין סאַלאָן־סאָציאַליסטן, נאָר זיי מיינען עס בפועל ממש. זיי טוען מיט זייערע הענט וואָס זיי פּריידיקן מיט זייער מויל. קען מען אַזאַ זאַך מוחל זיין ?

די ענגלישע רעגירונג מיינט, אַז מיטן „ווייס בוך" וועט זי דערפירן צו אַ שלום צווישן אונדז און די אַראַבער. אַוודאי זענען פאַראַן אַ סך וועגן צו אַ שלום; איינער פון זיי וואָלט געווען, למשל, אַריינוואַרפן די יידן אין ים אַריין. עס וואָלט דאַן געוואָרן שאַ שטיל. עס איז אָבער פאַראַן אויך אַן אַנדער וועג: זאָגן די אַראַבער, אַז יידן האָבן אַ הייליקע רעכט אויף ארץ־ישראל, אַ רעכט נישט פון נעכטן, נאָר זינט טויזנטער יאָרן.

אַ סך זענען אויף אונדז אויפגעשטאַנען כדי אונדז אומצוברענגען, אַ

---

* 27.10.1930

סך — זינט פרעה ביז היינטיקן טאָג. אָבער אַזוי ווי מיר האָבן פאַרגעסן אין פרעהן, וועלן מיר אויך אין די איצטיקע צוררים פאַרגעסן. מיר וועלן גובר זיין די מכשולים און שוועריקייטן, זיי זענען נישט עפּעס נייס און אומדערוואַרטס פאַר אונדז. די ענגלישע רעגירונג קען לייכטער אָדער שווערער מאַכן אונדזער אַרבעט, זי קען אָבער נישט פאַרהאַלטן איר גאַנג. מיר וועלן זיך אָנגורטן מיט אויסדויער, אַרבעטן מיט פאַרדאָפּלטע כוחות, און זיין געדולדיק ביז בעסערע טעג וועלן קומען.

פון טאָג צו טאָג ווערט אָבער גרעסער וויצמאַנס אומרו. צו זיין פריינד אין אַמעריקע, פעליקס וואַרבורג, שרייבט וויצמאַן דעם 30טן נאָוועמבער 1930: ...„די וועלט פאַרשליסט זיך ביסלעכוויז פאַרן ייד — ענערגיש און אומרחמנותדיק. פון טאָג צו טאָג פיל איך אַלץ מער, אַז אַ שטאָלענע רייף נעמט אונדז אַרום, יעדן איינעם פון אונדז באַזונדער, און אויב מיר וועלן נישט צואיילן דאָס פאַרוואַנדלען ארץ־ישראל און די נאָענטע טיילן אַרום איר אין אַ שטאַרקן, יידישן צענטער, וואָלט איך בעסער אַן עצה געגעבן יעדן ייד נישט חתונה צו האָבן און נישט פאַרמערן זיך, וואָרעם עס איז נישטאָ קיין אַנטרינונג. יעדעס פּיצל ענערגיע אין מיר איז געווענדעט צו פאַר־ווירקלעכן דעם אויבן־אָנגעוויזענעם ציל, ווייל אַלץ איבעריקס איז נישט מער ווי אַ שוואַכע, צייטווייליקע רפואה, אַ מיטל וואָס איז קיין מיטל נישט, אַ קורצער שטילשטאַנד פאַרן אָנקום פון די פּורעניות״...

דער פּרעמיער ראַמזיי מאַקדאָנאַלד האָט נישט דערוואַרט, אַז דאָס „ווייס בוך״ וועט אַרויסרופן אַזאַ שטורעם. ער וויל ראַטעווען דעם ענגלישן כבוד און ער לאַדט איין וויצמאַנען צו זיך. ווידער רעדט דער פּרעמיער אין זיין האַרציקן טאָן. ער שלאָגט פאָר, אַז יידן און ענגלענדער זאָלן זיך זעצן ביי איין טיש און זוכן אַ ווירדיקן אויסוועג. עס וועט באַשטימט ווערן אַ קאָמיסיע פון ענגלישן קאַבינעט, די יידן וועלן באַשטימען זייערע מענטשן, און צוזאַמען וועט מען אונטערהאַנדלען. דערווייל זאָל דערקלערט ווערן אַ מין וואָפנשטילשטאַנד, און מ׳זאָל זיך קעגנזייטיק נישט אַטאַקירן. וויצמאַן לאָזט זיך איבערצייגן, דער פּרעמיער זעט אויס צו זיין אויפ־ריכטיק. וויצמאַן איז ווידער גרייט צו פּרוּוון אַ יידיש־ענגלישע צוזאַמענ־אַרבעט.

לאָרד פּאַספילד איז נישט צופרידן. ער האָט מורא, אַז די יידן וועלן איבעררעדן זיינע קאָלעגן אין קאַבינעט. ער לאָזט זיך אויף אַ נייעם וועג: שפּאַלטן די יידישע אחדות, העצן איינע קעגן די אַנדערע. ער פאַרבעט צו

זיך צוויי פאַרטרעטער פון דער פאַרשפּרייטער ניו־יאָרקער יידישער צייטונג „פאָרווערטס", און ער באַקלאָגט זיך פאַר זיי אויף די ציוניסטן. די יידישע אימיגראַנטן אין ארץ־ישראל זענען נישט קיין פיינער עלעמענט. ער האָט ליב געהאַט דעם עניוותדיקן, גוטן יידן פון אַ מאָל, די אָבער, וואָס ווערן אַראָפּגעבראַכט דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — זאָל אים שוין דער ליבער גאָט פון זיי באַפרייען.

— ווי איז עס מעגלעך? — שטוינען די צוויי זשורנאַליסטן — ווי קען אַזוי רעדן אַ סאָציאַליסטישער מיניסטער וועגן חלוצים, סאָציאַליסטן?

ענטפערט זיי פּאַספילד: — זייער סאָציאַליזם שרעקט מיך נישט. די צרה איז, וואָס זיי זענען, נאָך אַלעמען, פּונקט אַזעלכע ציוניסטן ווי אַלע יידן און זייער ציוניזם טאַקע פאַרשאַפט מיר גרויס זאָרג.

— און דאָס „ווייס בוך"? דער הער מיניסטער וועט אַוודאי מודה זיין, אַז דאָס איז אַ שרעקלעכער דאָקומענט.

— איך בין אַבסאָלוט נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אָט דעם דאָקומענט; ער איז בכלל נישט מיינער; מיין נאָמען איז מיט אים פאַרבונדן בלויז צוליב טעכנישע סיבות.

— ווער זשע איז דער טאַטע פון קינד?

פּאַספילד ווערט ערנסט, זיין פּנים — פרום. ער רופט זיך אָן מיט צער אין זיין שטים:

— 30.000 אויסגעוואָרצלטע אַראַבער זענען פאַראַן אין ארץ־ישראל.

דער ווונק איז אַ דורכזיכטיקער. יידן עקספּלואַטירן, פאַרטרייבן. עס איז דעריבער דער חוב פון דער סאָציאַליסטישער יידישער צייטונג אין גרויסן ניו־יאָרק אָנצווייזן דערויף, זאָלן יידן זיך באַדענקען.

פּאַספילד האָט געוואָלט אויפרייסן די יידישע איינקייט און אין ירושלים האָט סער טשענסלאָר, דער הויך־קאָמיסאַר, דערקלערט, אַז די רעגירונג אין לאָנדאָן האָט נישט בדעה צו ענדערן געוויסע פּונקטן אין „ווייס בוך". זאָלן די אַראַבער, הייסט עס, נישט באַאומרויקן זיך, די אַנטי־יידישע ליניע וועט נישט געבראָכן ווערן.

וואָס פאַראַ מין וואָפנשטילשטאַנד איז עס? הינטער די פּלייצעס גראָבט מען אונטער די יידן, און פאַר דער וועלט רעדט מען וועגן זיצן ביי איין טיש און זוכן אַ פּאַסיקע לייזונג.

ווייצמאַן וויל אָבער נישט קיין ריס מיט ענגלאַנד און ער פאַרלאַנגט געדולד ביי זיינע יידישע קאָלעגן. ווידער איז ער נאַכגיביק — ברוגזן זיך זיינע פריינד. אויף איינע פון די זיצונגען זיצט לואיס ניימיר, און צוזאַמען מיט דעם פּראָפעסאָר בראָדעצקי פאַרן אַרבל. „זאָג ווייצמאַנען", פּליסטערט ער,

„אַז ער איז צו הכנעהדיק, ס׳איז אוממעגלעך אַזוי „„אונטערצוהאַנדלען״.
ווייצמאַן רעכנט זיך אָבער נישט מיט דער מיינונג פון זיינע חברים. אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע קלאָגט זיך, אַז ווייצמאַן איגנאָרירט אים, לאַדט אים נישט איין אויף די זיצונגען, ווייל ער האָט אים אָנגעוויזן, אַז ער איז צו נאָכגיביק כלפּי ענגלאַנד.
פּראָפעסאָר לאַסקי, וואָס האָט אין יענער צייט מיטגעאַרבעט מיט ווייצמאַנען, איז געווען אויסער זיך ווי אַזוי דער יידישער פירער באַגייט זיך מיט זיינע מיטאַרבעטער.
ווייצמאַן אַליין דערציילט, אַז ער פאַרשטאָפּט די אויערן אויף יעדער קריטיק. עס אַרט אים גאַנץ ווייניק וואָס מען האַלט אים פאַר אַ פּאָליטישן חלוש. אים זענען דערווידער די פאַלשע גבורה־זשעסטן. ער ווייס דעם טעם פון געיעג מיט דער צייט, ער קען די יידישע כוחות. פאַר זיינע אויגן שוועבט עין חרוד, נהלל. זייער קרעפּטיקונג איז פאַר אים וויכטיקער, ווי די פוסטע מלחמות מיט ענגלאַנד.
אויף אַ וויכטיקן צוזאַמענפאָר אין לאָנדאָן, באַשולדיקט מען ווייצמאַנען, אַז ער איז דאָס דער, וואָס האָט פאַרפירט מיט זיין איבערגע־טריבענער אמונה אין ענגלאַנד. אָבער ווען ווייצמאַן וויל דעמיסיאָנירן, דערפילן זיך די אָפּאָזיציאָנערן שוואַך און זיי ווילן נישט זיין אָוועקגיין.
דער ריכטער מעק, פאַרטרעטער פון די אַמעריקאַנער ציוניסטן, שטעלט זיך אויף און בעט ווייצמאַנען בלייבן אויף זיין פּאָזיציע. ער פאַרזיכערט אַז דאָס איז דער ווילן פון אַלע, פון בראַנדייסן, פון העינריעטאַ סאָלד — פון אַלע, אַלע גרופּירונגען. אויב עס איז פאַראַן אַ שולדיקער, איז עס נאָר דאָס יידישע פאָלק אַליין — באַמערקט דער ריכטער מעק — דאָס פאָלק איז שולדיק, ווייל שפּעט, זייער שפּעט האָט עס זיך גענומען צו פאַרווירקלעכן דעם ציוניסטישן אידעאַל.
— איך רעזיגניר, איך רעזיגניר — קלינגען אָפּ אין חלל ווייצמאַנס צוויי ווערטער, אָנגעזאַפּטע מיט צער, ביטערקייט און פאַרשטענדעניש.

עס זענען געווען מענטשן, וואָס האָבן געטראַכט, אַז ווייצמאַן וועט זיך שלאָגן על חטא, אַז ער וועט מודה זיין אין זיין טעות. דאָס איז אָבער נישט געשען. טראָץ דער שאַרפער קריטיק קעגן אים, גייט ער ווייטער מיטן זעלבן דרך. יאָ, ער איז גרייט מסכים צו זיין, אַז דאָ און דאָרט איז געמאַכט געוואָרן אַ פעלער. ווו איז אָבער דער חכם, וואָס זאָל אים אָנווייזן אַ בעסערן וועג?

ווייצמאַן, „דער ענגלישער אַגענט", ווי מען קרויינט אים אין די אָפּאָזיציאָנעלע קרייזן, „גיט נישט קיין דרייער" פאַרן גאַנצן אויפברויז קעגן אים. ער איז ממשיך זיינע אונטערהאַנדלונגען מיט די ענגלענדער; ער באַמיט זיך צו עפענען אַ שפּאַלט אין דער מויער, וואָס דאָס „ווייס בוך" האָט אויפגעהויבן אַרום דער יידישער היים. ער וויל אָבער בשום־אופן נישט דערלאָזן צו אַן איבעררייס מיט ענגלאַנד. פאַרקערט, ער באַמיט זיך צוריק אויפצושטעלן די בריקן וואָס זענען אַרונטערגעריסן געוואָרן.

ס'איז ממש נישט צו באַגרייפן ווייצמאַנס געדולד, זיין עקשנות. פאַר די קאָלעגן זיינע, וואָס אַרבעטן מיט אים, באַהאַלט ער אויס פאַקטן אין די אונטערהאַנדלונגען מיט ענגלאַנד. האַראָלד לאַסקי קלאָגט זיך, אַז ווייצמאַן באַנוצט זיך מיט קאָנספּיראַטיווע מיטלען, אַז זיין עגאָיזם איז גרויס, אָבער עס וועט לאַנג נישט געדויערן און לאַסקי וועט איינזען, אַז דאָס איז דער עגאָיזם פון מענטשן וואָס זענען איבערצייגט אין דער גערעכטיקייט פון זייער וועג. זיי שאַנעווען נישט קיינעם, ווילן נישט הערן קיינע רייד וואָס האָבן נישט צו טאָן מיט זייער גערעכטער זאַך, און גייען פאָרויס. נישט אַלע קענען זיך דערהויבן צו ווייצמאַנס וויזיע, און מען בלייבט הינטערשטעליק. ווייצמאַן גייט פאָרויס און מענטשן בלייבן ווייט אין הינטערגרונט. ווינציקע האָבן געקענט באַנעמען ווייצמאַנס שווונג און וויטן בליק אין זיינע באַמיונגען אויפצושטעלן צוריק — מעג זי אַפילו זיין אַ הינקענדיקע — אַ יידיש־ענגלישע צוזאַמענאַרבעט. ער האָט געציטערט טאָמער וועלן די טירן אין גאַנצן זיך צומאַכן, טאָמער וועלן יידן העלפן די יעניקע אין ענגלאַנד, וואָס טענהן, אַז מען דאַרף נישט האָבן דעם גאַנצן יידישן קלאָפּאָט, צום בעסטן איז איבעררייסן מיט די יידן און איין מאָל פאַר אַלע מאָל ענדיקן מיט דער אוטאָפּיע וועגן אַ יידישער היים אין ארץ־ישראל. ווייצמאַן וויל נישט מאַכן לייכטער אָדער פאַרשנעלערן די ליקווידאַציע. ער האַלט דעריבער אין איין טענהן, אַז ער גלייבט אין ענגלאַנד; ער וועקט די ענגלישע ריטערלעכקייט, פאַררופט זיך אויף איר געוויסן, אויף אירע גרויסע שטאַטסמענער און דענקער. ער האַלט זיך אָן מיט ציין און נעגל אין דער יידיש־ענגלישער אַליאַנס, ווייל עס איז נאָך נישט געקומען די צייט צו אַ צעשיידונג. דערווייל מערן זיך אויף דער יידישער גאַס די אויסרופן „ווייצמאַן — דער בריטישער אַגענט", „ווייצמאַן — דער שוואַכלינג", „ווייצמאַן — דער פאַררעטער". און ער — ווי נישט אים מיינט מען גאָר. ער הייבט אויף דעם קאָלנער, פאַררוקט דאָס היטל איבער די אויערן און גייט זיך ווייטער זיין וועג. ער איז מבטל מענטשן מיט אַ ביטול־צוק פו זיינע אַקסלען, מיט אַ ביטול־קנייטש אין די ווינקלען פון

זיין מויל, און ער קוקט זיך אויף זיי נישט אום. קען מען מיטאַרבעטן מיט אַזאַ מענטשן? פרעגן פריינד און שונאים צוגלייך.

זאָלן זיי זיך אָמפּערן, די גאונים — רופט אויס וויצמאַן מיט זיין כאַראַקטעריסטישן שפּאָט. ער האָט וויכטיקערע זאַכן צו טאָן. ער לאָזט איבער אַ פאַרטרויונגס־מענטש אויף זיין פּלאַץ אין די אונטערהאַנדלונגען מיטן ענגלישן קאָמיטעט, וואָס מאַקדאָנאַלד האָט צוזאַמענגעשטעלט, און ער אַליין גרייט זיך צו אַ נייער רייזע קיין ארץ־ישראל. שוין באַלד צוויי יאָר ווי ער איז אין לאַנד נישט געווען. ארץ־ישראל איז די פעסטונג, ער מוז זי קרעפטיקן אין דער איצטיקער שווערער שעה.

זאָל ער אָבער פאָרן מיט ליידיקע הענט? מילא, זיינע פיינט זענען פאַר־נומען מיט גיסן שמוץ, און עס אַרט זיי ווייניק, וואָס די ציוניסטישע קאַסע איז ליידיק. ער קען זיך אַזאַ לייכט לעבן נישט דערלויבן.

וויצמאַן ווענדעט זיך צום באַראָן. ער שטעלט פאָר פאַר אים די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע אין ארץ־ישראל. נאָר אַ נס קען ראַטעווען, און אויב אַ נס — קען עס בלויז דער באַראָן באַווייזן. ער, דער באַראָן, וואָס האָט זיין נפש און זיין געלט אַוועקגעגעבן פאַר דעם לאַנד, וועט זיכער נישט דער־לאָזן, אַז דאָרט זאָל זיך אַלץ צעפאַלן. צו וועמען דען זאָל ער זיך איצט ווענדן?

וויצמאַן זוכט אַ וועג צום באַראָנס האַרץ. ער וואָרנט, אַז ס׳איז אַ צייט, וואָס פאַרלאַנגט קרבנות, און יעדער מוז זיי געבן. און ער אַליין, וויצמאַן, האָט ער נישט מקריב געווען זיין משפחה, זיין געזונט, זיין קאַריערע? איז ער נישט געפאָרן זיבן מאָל קיין אַמעריקע, געוואַנדערט איבער שטעט און שטעטלעך, געקלאַפּט אין די טירן? פערצן יאָר איז ער געבונדן מיט דער באַוועגונג, פערצן יאָר האָט ער געשלעפּט אָן איבערמענטשלעכע משא און זיך נישט געקלאָגט. איצט איז אָבער אומדערטרעגלעך שווער, איבער די כוחות.

וויצמאַן ווייס ווי אַזוי צו רעדן צו אַ גביר. ער פאַרזיכערט, אַז מען היט אָפּ יעדן גראָשן, אַז מען שפּאָרט איין ווו נאָר מען קען, אַז מען זאָגט אָפּ אין די ביוראָס מענטשן, וואָס האָבן צענדליקער יאָרן געאַרבעט. מען איז דערגאַנגען ביז דער לעצטער גרענעץ אין די באַמיונגען פון קאַרגן און איינבערענגען. מען מוז אָבער ראַטעווען, איידער עס ווערט צו שפּעט.

זעלטן ווען דער באַראָן האָט געזען פאַר זיך אַזאַ באַזאָרגטן וויצמאַן. דער באַנקיר טרייסט דעם יידישן מנהיג. ער וויצלט זיך, ער וויל אַרויס־רופן אַ שמייכל אויף וויצמאַנס באַזאָרגטן פּנים. ער רופט אַריין אָן אָנגע־שטעלטן און הייסט אויסשרייבן אַ טשעק אויף דרייסיק טויזנט פונט. אָבער

דאָס וואָלקנדל איז נישט פאַרשווונדן פון ווייצמאַנס אויגן; ער האָט געוואָרט אויף מער, כאָטש אויף פּופּציק טויזנט. דער באַראָן פאַרשטייט עס גלייך. ער זינגט אויף אַן אַריע פון דער אָפּערע „לאָהענגרין".

דער ווונק איז אַ קלאָרער: זאָל זיך ווייצמאַן באַנוגענען מיט דרייסיק טויזנט פונט און נישט אַזוי שנעל ווידער קומען מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט. דער באַראָן גיט אַ ווונק מיטן אויג און זאָגט אין אַ האַלבן שפּאַס: „אויף יעדן פראַנק וואָס איך גיב דיר, גייען צוויי פראַנק פאַר די גוים. מיר זענען נישט פּטור פון געבן..."

דער באַראָן באַשטעלט טיי און זיסוואַרג. איצט פרעגט ער אויף פרוי ווייצמאַן, אויף די קינדער. און וואָס איז מיט דיין געזונט? — קלאַפּט אים דער באַראָן גוטברודעריש אויף דער פּלייצע.

דער באַראָן ווערט אומרויק וועגן ווייצמאַנס געזונט און זיין שווערער פּראַצע.

— טוסט אַ גוטע זאַך, וואָס דו פאַרסט זיך אָפּרוען אויף אַ פּאָר וואָכן אין דער שווייץ. דרך אגב: זאָלסט נישט עסן אין באַן־רעסטאָראַן. איך וועל בעסער דיר מיטגעבן שפּייז אויפן וועג. — דער באַראָן בעט, אַז מען זאָל דאָס צוגרייטן פאַר זיין גאַסט.

דאָס איז נישט געווען אַ צייט אויף וואַקאַציע. ווייצמאַן פילט, אַז ער טאָר נישט אָפּציען מער זיין אַרויספאָר קיין ארץ־ישראל, ווו עס הערשט אַ דערשלאָגנקייט צוליב פּאַספילדס „ווייס בוך".

דערווייל גייען נאָך אָן די אונטערהאַנדלונגען אין לאָנדאָן. נאָך איינער פון די זיצונגען גייט צו דער אַלטער פּאַספילד צו ווייצמאַנען און זאָגט אים:

— פאַר וואָס קומט איר מיך נישט זען? מיר ביידע וואָלטן זיך געקענט לייכט צוזאַמענרעדן.

ווי אַ רחמנות נעמט ווייצמאַנען אַרום קוקנדיק אויפן אַלטן לאָרד. ער זעט נישט פאַר זיך קיין שונא, נאָר עפּעס אַ קרענקלעכן עקשן, אין די נעגל פון אַ קאַלטער זיקנה.

ווייצמאַן ענטפערט נישט. ער טראַכט אָבער צו זיין אויף צו מאָרגנסביים מיניסטער, פּאַספילד וועט אים אָבער נישט פאַרפירן. ער דערמאָנט זיך אין בריוו, וואָס אָרמסבי־גאָר האָט אים געשריבן. דער פריינד האָט געוואָרנט קעגן לאָזן זיך פאַרבלענדן פון פרומען פּאַספילדן; כל זמן אָט דער מענטש וועט זיצן אין קאַבינעט, איז נישטאָ די מינדסטע האָפענונג אויף אַ יידיש־ענגלישער צוזאַמענאַרבעט. פּאַספילד אָפּעלירט צו די אַנטי־סעמיטישע געפילן פון געוויסע לייבאָר־מיטגלידער, און ער טוט עס הינטער

פאַרמאַכטע טירן. זאָל ווייצמאַן גוט געדענקען, אַז עס וועט מוזן אויסברעכן אַ קאָנפליקט, וואָרעם נישט נאָר טרעפט מען זיך אָן אויף אַן אייזערנע וואַנט, וואָס די ביוראָקראַטיע האָט אויפגעשטעלט, נאָר מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ מיניסטער, וואָס שיקט פיינטלעכע אינסטרוקציעס צו זיינע אונטערגעאָרדנטע.

און דאָך איז ווייצמאַן גרייט זיך צו טרעפן מיטן לאָרד און נאָך אַ מאָל מאַכן אַ פּרווו זיך צוזאַמענצורעדן מיט אים. די קלענסטע האָפענונג אויף צוזאַמענאַרבעט איז אים ליבער ווי אַן אָפענער קריג. מען מוז אויסשעפּן אַלע מעגלעכקייטן.

ווייצמאַנס געדולד האָט באַוויזן דעם וווּנדער. נאָך לאַנגע אונטער־האַנדלונגען האָט פּרעמיער מאַקדאָנאַלד אַריינגעטראָגן * גינסטיקע ענדערונגען אין „ווייס־בוך". ער איז וועגן דעם מודיע ווייצמאַנען אין אַ בריוו פון אָפיציעלן כאַראַקטער, — אַ בריוו וואָס ווערט פאַר־געלייענט אין פּאַרלאַמענט און געדרוקט אין געהעריגן רעגירונגס־אָרגאַן. די יידישע אימיגראַציע איז באַנייט געוואָרן; מאַקדאָנאַלדס בריוו האָט געעפנט דעם וועג פאַר צענדליקער טויזנטער נייע עולים, וואָס וועלן אין די נאָענטסטע יאָרן שטראָמען אין יידישן לאַנד — מענטשן, געראַטע־ווערטע אויפן שוועל פון אומקום.

ווידער איז ווייצמאַן אויפן מיטללענדישן ים, וואָס וועקט אין אים אומעט און פרייד, זאָרג און האָפענונג. און אָט ווידער — די ארץ־ישראל ברעגן.

אין חיפה האָט זיך די משפחה פאַרזאַמלט אין פּאַרט. די מאַמע וואַרט אויף איר זון אין שטוב. ווי שטענדיק, וויל זי אויך נישט דאָס מאָל, אַז עמעצער זאָל זיין לעבן זיי ביים צוזאַמענטרעף.

די מאַמע לאָזט נישט אָפּ דעם זונס האַנט. זי דערציילט וועגן די אומרוען אין לאַנד, וועגן דער טאָכטער, וואָס איז נעבעך געבליבן אַן אלמנה, וועגן פּרנסה־שוועריקייטן ביי דעם און ביי יענעם. מיט אַ מאָל גיט זי אַ פרעג:

— און מיכאלקע, מיין אייניקל זאָל לעבן, לערנט ער כאָטש יידישקייט?

דער זון גלעט דער מאַמען און באַרויקט זי. נייע כוחות קוועלן אויף אין אים, ווען ער קוקט אויף דער מאַמען, וואָס איז שוין אין טיפן עלטער און טראָגט נאָך אויף זיך זאָרגן פאַר יעדן קינד באַזונדער.

---

* 13.2.1931

עס איז אָנהייב פרילינג. די פעלדער אין עמק בליען. די וועגן אָטעמען מיט יומטובדיקייט.

ווייצמאַן פאָרט איבערן לאַנד און ער טראַכט וועגן די טייכן שווייס, וואָס די ערד האָט דאָ איינגעזאַפּט אין משך פון די צוויי יאָר, ווען ער איז דאָ נישט געווען. בעת מען האָט זיך געקריגט אויף די ציוניסטישע זיצונגען, זיך געאַמפּערט איבער דער אָדער יענער דעפיניציע, האָט מען דאָ געאַרבעט, געבויט און דאָס לעבן אָוועקגעגעבן.

אין נהלל, זיין באַליבטן פונקט, פון וועלכן ער הייבט אָן און ווו ער ענדיקט זיין טור אין לאַנד, זאָגט ער צו די פאַרזאַמלטע:

„ווען עס קומען שווערע טעג, זענען מיינע אויגן געווענדעט צו נהלל, צום עמק, אין זוכעניש פון טרייסט און מוט. אויך דאָס מאָל האָב איך עס דאָ געפונען. שוין צוויי יאָר ווי איך האָב נישט געהאַט די זכיה צו זען דאָס לאַנד אין זיין אויפבוי און אַנטוויקלונג. דאָס זענען געווען יאָרן פון שווערן קאַמף פאַר אייך. מיט אייער לייב און לעבן האָט איר מלחמה גע־האַלטן קעגן שונא, וואָס האָט געוואָלט אומברענגען די סאַמע נשמה פון אונדזער ווערק... דער גרויסער גלויבן אייערער האָט אונדז איבערצייגט, אַז די צרות זענען פאַרבייגייענדיקע, נישט מער ווי אַן עפּיזאָד“.

ווייצמאַן דערציילט וועגן זיינעליידן. אים איז גוט זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן פאַר די מענטשן פון נהלל. ער דערמאָנט די בייזע, אומפאַר־אַנטוואָרטלעכע קריטיק, וואָס ער האָט געדאַרפט אויסצושטיין, די איזאָ־לאַציע אין וועלכער מען האָט אים פאַרשטופּט. ער האָט אָבער נישט גע־שוויגן, ער האָט באַוויזן אויסצורייניקן דאָס פעלד פון ווילדן אָנוווקס און איצט — פאַרזיכערט ער — הייבט זיך אָן אַ נייע תקופה פון אַרבעט און שאַפן.

ווידער האָט ער זיך איבערצייגט, אַז ס'איז נישטאָ קיין קפיצת־הדרך. זיינע יאָרן טעטיקייט אין ענגלאַנד האָבן פאַר אים באַוויזן, אַז די הויפּט־צרות שטאַמען פון פּשוטער אומפאַרשטענדעניש. ער וועט מוזן אָנהייבן לערנען אויף ס'ניי מיט די גויים דעם ציוניסטישן אמת.

ווייצמאַן איז ממשיך: אין די שווערע טעג זענען פאַר אים געווען אַ קוואַל פון מוט און האָפענונג צוויי טעלעגראַמעס, מיט וועלכע ער האָט זיך כסדר אַרומגעטראָגן. איינע איז געווען פון באַראָן, און די צווייטע — פון די זין און טעכטער פון עמק.

און וואָס פאַראַ בשורה ברענגט ער זיי איצט? ברענגט ער אַ צוזאָג וועגן אַ נייעם וועג, וועגן שנעלער הילף? ניין, ער האָט עס נישט, און מיט פאַלשקייט און ליגן וועט ער נישט פאַרשוועכן דאָס אָרט וואָס איז אים

הייליק און טייער. ער האָט נאָר איין אמת איבערצוחזרן: דער העכסטער אימפעראַטיוו איז געדולד אין אונדזער אַרבעט. „אויך איך בין אַ מיליאָנער אין געדולד. איך האָב געלערנט די תורה פון געדולד אין אַלע לשונות און אין אַלע פּלעצער״.

פון נהלל פאָרט ווייצמאַן קיין ירושלים, צום ועד־הלאומי, די העכסטע אינסטאַנץ פון ישוב. ער שטייט פאַרן פאָלק מיט אַ געהויבענעם קאָפּ. נישט ער איז דורכגעפאַלן און נישט ער דאַרף זיך פאַרטיידיקן. און דאָך פילט ער, אַז ס׳וועט אים פיל גרינגער ווערן אויפן האַרצן, אויב ער וועט כאָטש טיילוויז דערציילן וועגן דער טרויעריקער פרשה, וועגן פּאַספילדס ווייסן בוך. ער האָט נישט מקפיד געווען אויף זיין פּערזענלעכן כבוד; ער האָט אַלץ געטאָן, ער איז אומעטום געווען, געקלאַפּט אין יעדער טיר. ער מוז אָבער זאָגן דעם אמת: די, וואָס האָבן אויפגעהויבן אַ האַנט אויף אונדזער ווערק, האָבן עס געטאָן מער צוליב איגנאָראַנץ, ווי צוליב רשעות. ער דערציילט וועגן דער שווערער אַרבעט, אין וועלכער ער האָט זיך איינ־געשפּאַנט, די אַרבעט פון לערנען אויף ס׳ניי מיט דער גוישער וועלט דעם כאַראַקטער פון דער יידישער דראַמע. זיין מי איז נישט געווען אומזיסט, אָט איז געקומען דער מאַקדאָנאַלד־בריוו, וואָס האָט דערמעגלעכט די באַנייונג פון דער ציוניסטישער אַרבעט. ווייצמאַן וויל לחלוטין נישט אויסבאַהאַלטן זיין אויפטו, זיין שטאָלץ. ער האָט זיך געפונען ווי אין אַ מלחמה פון גלית און דוד. פון איין זייט — דער מגושמדיקער כוח, און פון דער צווייטער — דער אמת און צדק. „און זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז אַ סך אין ענגלאַנד האָבן געוואָלט דעם זיג פון אמת, און נישט עפּעס אַנדערש״.

זיינע פיינט פאַררופן זיך אָפט אויף דער געשיכטע, וואָס וועט קומען און משפּטן. אויך ער — זאָגט ווייצמאַן — ווייס וואָס עס מיינט געשיכטע, כאָטש ער האַלט נישט, אַז פעלקער אַרבעטן נאָר פאַר דער היסטאָריע וועגן; זיי אַרבעטן אויך, און אפשר פריער פון אַלץ, פאַרן לעבן אַליין. ער האָט נישט מורא פאַרן אורטייל פון דער געשיכטע, וואָרעם זי וועט ווייסן צו דערציילן וועגן דער גרויסער צעמישעניש וואָס איז אויפגעקומען אין די יידישע מוחות. „עס איז געווען אַן אָנפאַל פון אַראַבער אויף יידן און אויך אַן אָנפאַל פון יידן אויף יידן״.

זאָל טאַקע וויסן דער ישוב, אַז נישט בלויז צער איז פאַראַן אין זיין האַרץ, נאָר אויך שטאָלץ. ווייצמאַן דערציילט וועגן די אַמעריקאַנער ציוניסטן, וואָס בעטן זיך ביי אים, אַז ער זאָל צו זיי קומען. פריער האָבן זיי אים באַשמוצט און איצט דאַרף מען אים האָבן, ווייל זיי האַלטן, אַז נאָר ער

קען זיי באַפרייען פון זייערע שווערקייטן. דאָס איז אַ פּאַראַדאָקס, „אָבער נישט ווייניק פּאַראַדאָקסן זענען פאַראַן ביי יידן. מיר זענען אַלע אַ ביסל פּאַראַדאָקסאַל"...

יידישע פּאַראַדאָקסן: ווייצמאַנס נעכטיקע, און נישט ווייניק פון זיי אפשר אויך איצטיקע, שונאים אָרדענען פאַר אים איין אַן אימפּאָזאַנטע אויפנאַמע אין תל־אביב.

„פון וואַנען — פרעגט ווייצמאַן — נעמט זיך די בייזוויליקע טענה, אַז מיך אינטערעסירט נישט דער מיטלשטאַנד? יעדער שפּעדישער שיכט אין לאַנד איז מיר נאָענט און טייער. אמת טאַקע, אַז איך פיל אַ גרע־סערע וואַרעמקייט לגבי די אַרבעטער. זיי זענען אַ גוט אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט; זיי ווייסן זייער וועג און זיי ווייסן וואָס זיי ווילן. זיי האָבן כוח און השפּעה און דעריבער רעכנט מען זיך מיט זיי מער."

אָבער דאָס וואָס מען פאַרזייט, דאָס האָט מען. איר — ווענדט זיך ווייצמאַן צום עולם — האָט מיך אַטאַקירט, געשפּרייט אומצוטרוי צו דער פירערשאַפט. האָבן טאַקע יידן אַראָפּגעלאָזן די הענט און אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן עולה זיין. אמת טאַקע, אַז ענגלאַנד איז אונדז באַפאַלן. דאַרף מען צוליב דעם פאַרסמען דאָס פאָלק און האַלטן אין איין טענהן, אַז ס'איז מער קיין האָפענונג נישטאָ?

נישט אַזאַ איז געוועזן זיין וועג. ער איז נישט אַנטלאָפן פון פראָנט. ער האָט אויסגענוצט יעדע מעגלעכקייט אויף צו נישט מאַכן די ענגלישע אַטאַקע.

„מלחמה קעגן ענגלאַנד האָט מען שוין געקענט דערקלערן מיט פינף און מיט צען יאָר צוריק. סיבות דערצו האָבן קיין מאָל נישט געפעלט. אָבער אַלע זיינע אָנשטרענגונגען זענען געגאַנגען אויף אויסמיידן אַ קריג, כּדי דערווייל זאָל דער יידישער ישוב אין לאַנד ווערן שטאַרקער."

„אונדזער אויפבוי־אַרבעט איז אָפּהענגיק נאָר פון אונדז. מיט צען יאָר צוריק האָב איך געזאָגט: יידיש פאָלק, ווו ביסטו? נאָר אַ קלענער טייל האָט זיך אָפּגערופן, די מערהייט איז נישט געקומען. ווען זי וואָלט יאָ געקומען, וואָלט די גוישע וועלט אונדז פאַרשטאַנען, וואָרעם אונדזער אַרבעט, די, וואָס מיר אַליין טוען, איז דער יסוד פון אַלץ און אַלעמען."

— ווער זענען דאָס די גיבורים? די וואָס ווילן אונדז איבעררעשן מיט מיטאָלאָגישע זשעסטן, וואָס זענען אַבסאָלוט פרעמד דעם יידישן גייסט, אָדער די, וואָס שטייען אין קאַמף און ווייזן אַרויס „אַ געדולד פון מלאכים", כאַפּן קלעפּ, שלינגען באַליידיקונגען אין דער שטיל און וואַרטן אויף אַ געלעגנהייט אָנצוהייבן אַ קעגן־אַטאַקע?

...„ענגלאַנד האָט אונדז באַהאַנדלט מיט אומרעכט, און איר — מיך!״ זיין גרעסטער טרייסט אין די ביטערע טעג איז געווען דער טיפער גלויבן, אַז יידן וועלן וויכן פון פאַשיסטישן סם, אַז זיי וועל נישט אָנווענדן קיין פאַשיסטישע שיטות. און איצט, צו זיין גרויסן באַדויערן, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז ער האָט זיך געקוויקט מיט אַ פאַלשער טרייסט. „איך האָב זיך איבערצייגט, אַז אויך מיר האָבן געלערנט די זעלבע תורה. די דיפּערענץ איז נאָר די, וואָס זיי האָבן דעם כוח, און מיר נישט. אויב מיר וועלן אַראָפּגיין פון אונדזער יידישן וועג — איז אַלץ פאַרלאָרן!״

געגנוג שטראָף־רייד. געגנוג וועגן פּיין און שוואַכקייטן פון זיין פאָלק. צייט שוין אַ ביסל זיך צו פרייען מיט די פעלדער און בלומען.

אין כפר יחזקאל קערט זיך וויצמאַן אום צו דער טעמע וועגן „גרויס־ציוניזם״. זיינע אויגן זענען ווי צוגעמאַכט. ער שוועבט ערגעץ וויַט, וויַט.

...„גרויס־ציוניזם? איך ווייס נישט ווען ער וועט קומען; און אפשר אַנטפּלעקט ער זיך אין כסדרדיקע קליינע זאַכן: אַ דאָרף דאָ און אַ קיבוץ דאָרטן; נאָך צוויי טויזנט סערטיפיקאַטן, נאָך אַ פאַבריק, און אַזוי ווייטער״.

זיין שטים ווערט אומעטיק. ער גלייבט נישט — זאָגט וויצמאַן — אַז זיין דור וועט זוכה זיין צו אַ פולשטענדיקן יציאת־מצרים. לאַנגזאַם, פּאַמעלעך ווערט געשמידט די פרייהייט. זיין דור וועט דעם גרויסן ציוניזם נישט זען. ער טרייסט זיך אָבער מיט דעם, וואָס קליינע זאַכן סומירן זיך, אין משך פון דער צייט, צו אַ גרויסער דערגרייכונג.

מיט אַ מאָל גיט זיך וויצמאַן אַ קער צו זיינע עמק־מענטשן:

— ווי זאָלן מיר דערקלערן דעם גרויסן נס? די, וואָס האָבן אויפגעלעבט דעם עמק, זענען דאָך געקומען פון שטאָט, אָן שום וויסן וועגן ערד־אַרבעט, זייער רוקן האָבן זיי איבערן אַקעראייזן נישט געהאַט געבויגן; זייערע הענט — הענט פון אינטעליגענטן, איז ווי האָבן זיי געבויט און געפלאַסטערט? ווו ליגט דער סוד, דער באַשייד פון אָט דעם נס — פרעגט וויצמאַן, און ער ענטפערט זיך אַליין: גבורה און יושר האָבן דעם נס באַוויזן.

וויצמאַן האָט אַנגעהויכט דאָס לאַנד מיט געדולד און אויסדויער און אויך אַליין האָט ער זיי געשעפּט אויף די פעלדער פון עמק, אין באַרג און אין טאָל, ווו יידן האָבן געבויט און געשאַפן, און פאַר די דעלעגאַטן אויף די קאָנגרעסן האָט ער איבערגעלאָזט די אַמפּערייען איבער ציוניסטישע דעפיניציעס.

23

וויצמאַן איז צוריקגעפֿאָרן אין גלות מוטיק און קעמפֿעריש. נייע כּוחות־קוואַלן האָט אויפֿגעשלאָגן אין אים ארץ־ישׂראל. אַ שאָד נאָר, וואָס ער וועט באַלד ווידער דאַרפֿן טרינקען זיך אין ימים רייד, אָנהערן זיך מיט פּאָמפּאָסטישע פֿראַזן וועגן ציוניזם און ארץ־ישׂראל. אָך, ווען ער קען אויסמיידן דעם קאָנגרעס, וואָס האַלט איצט ביים צונויפֿקומען זיך! אים אַרט נישט וואָס מען וועט אויף אים טרעטן, עס אַרט אים אָבער יאָ, וואָס די בײזוויליקע קריטיק איז בלויז אַן אויסדרוק פֿון שוואַכקייט און אומגעדולד. עס וואָלט אַלץ געלוינט, ווען עמעצער אויפֿן קאָנגרעס ווייזט אָן אַן אַנדער וועג. דאָס וועט אָבער נישט געשען — טראַכט וויצמאַן — און ער וועט מוזן אָפּקומען צוליב אַן אומזיסטער קאַנאָנאַדע.

און דאָך גרייט זיך וויצמאַן צום קאָנגרעס. ער גרייט זיין דערעפֿע־נונגס־רעדע, נעמט צונויף פֿאַקטן, ציפֿערן. ער פֿילט, אַז אַ וויכטיקע עפּאָכע האַלט זיך ביים ענדיקן, און אפשר וועט ער אַוועקגיין צוזאַמען מיט איר. איז געוווּנטשן, טאַקע ביים אָפּשייד, „צו דערציילן דעם גאַנצן אמת". ער וועט אפשר נאָך מער פֿאַרגרעסערן די צאָל פֿון זיינע שונאים, ער האָט אָבער קיין ברירה נישט. דער אמת ליידט נישט מען זאָל אים אָפּלייגן אויף שפּעטער; אַלע מאָל איז די צייט פּאַסיק אים צו זאָגן.

שטייט וויצמאַן, דעם 30סטן יוני 1931, פֿאַרן קאָנגרעס אין באַזעל, און ער רעגט אויף מענטשן: מיט אַ לויב־געזאַנג צו ענגלאַנד איז ער גאָר געקומען. ענגלאַנד, שטרייכט ער אונטער, — צום וויפֿלטן מאָל שוין? — איז געווען די ערשטע, וואָס האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט דעם יידישן פֿאָלק, און ער וועט עס קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן. ער חזרט איבער וואָס ער האָט שוין נישט איין מאָל געזאָגט: דאָס ענגלישע פֿאָלק איז דאָס אַמווייניקסטן אַנטיסעמיטישע. פֿון די פֿריסטע צייטן אָן זענען ענג־לישע קאָנסולן געווען די באַשיצער פֿון יידן אין ארץ־ישׂראל. דער געדאַנק פֿון שיבת ציון האָט געוועקט ענטוזיאַזם אין מיליאָנען ענגלישע הערצער, — אַ סך, אַ סך יאָרן פֿאַר דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע. דער ציון־אידעאַל איז אַ טייל פֿון ענגלישן וועלט־באַנעם, וואָס איז געקומען אין רעזולטאַט פֿון דער ליבע צום ספֿר־הספֿרים. פֿאַר מענטשן ווי לאָרד באַלפֿור,

לאָיד דזשאָרדזש, לאָרד סעסיל און צענדליקער אַנדערע, איז די לייזונג פון דער יידישער פראַגע אַ מאָראַלישער אימפּעראַטיוו.

דווקא איצט, ווען מ׳וועט ענגלאַנד פאַראורטיילן פאַר איר האַנדלונג אין ארץ־ישראל, מוז ער ווייזןביידע זייטן פון דער מטבע. ער דערמאָנט די ערשטע טעג, ווען די ענגלישע רעגירונג האָט אונטערגעהאַנדלט מיט אַ הייפל ציוניסטן, וואָס האָבן נאָך קיין אַדרעס נישט געהאַט, אָבער פאַר־שטאַנען האָט זי, אַז זיי שטעלן מיט זיך פאַר די שטרעבונג פון אַ גאַנץ פאָלק.

יאָ, ער ווייס פונקט ווי אַלע איבעריקע, אַז די באַלפור־דעקלאַראַציע איז נישט קיין אויסדרוק פון פּערפעקציע. יעדער געדאַנק, וואָס ווערט געבראַכט אויף די פליגל פון אידעאַליזם, פאַרלירט אַ סך פון זיין גלאַנץ, ווען ער פאַלט אַראָפּ אויפן האַרטן באָדן פון דער ווירקלעכקייט; די באַלפור־דעקלאַראַציע איז געקומען אויף דער וועלט מיט אַ סך פעלערן. צי האָט אָבער דאָס באַזעלער פּראָגראַם געמיינט עפּעס מער? — פרעגט ווייצמאַן. צי האָט זיך אין איר גערעדט וועגן אַ יידישער מדינה? האָט זיך דען הערצל נישט באַנוגנט מיט אַ יידישער היים אין ארץ־ישראל? ווען הערצל האָט געשריבן זיין „יודענשטאַט" האָט ער דען געטראַכט וועגן ארץ־ישראל אַלס אָרט פון יידישער קאָלאָניזאַציע? גאַנץ מעגלעך, אַז ער האָט גאָר געטראַכט וועגן אַרגענטינע און ארץ־ישראל האָט זיך איינגעוועבט אין זיין געדאַנקען־גאַנג ערשט שפּעטער.

ענגלאַנד האָט באמת געשטרעבט צו ליקווידירן די גרויסע עוולה, וואָס מען איז באַגאַנגען קעגן יידישן פאָלק און זי האָט אויפריכטיק גע־טראַכט וועגן אַ יידישער היים אין ארץ־ישראל, אָבער נישט אויפן חשבון פון די אַראַבער. די מענטשן, וואָס זענען גרייט געווען אונדז צו העלפן זענען געווען באַוועגט דורך אַ געפיל פון צדק און יושר; זיי האָבן אָבער נישט געקענט מסכים זיין, אַז דאָס פאַרריכטן פון איין עוולה זאָל שאַפן אַ צווייטע. דערצו נאָך האָבן אַ סך ענגלענדער געזען אינעם אַראַבער אַ פאַרוואָרלאָזטן און אונטערדריקטן מענטש, אָן שום מעגלעכקייט צו קענען שיצן זיך קעגן „רייכן און רירעוודיקן ייד".

אמת איז, אַז די ראָם פון דער ייִדיש־ענגלישער אַליאַנס איז שטאַרק פאַרשמעלערט געוואָרן, אָבער דאָך איז געבליבן אַ רוים, וואָס האָט דער־מעגלעכט צו שאַפן און בויען.

ווייצמאַן לאָזט זיך ווידער אויפן וועג פון פאַרגלייכן: וואָס — פרעגט ער — האָט אייגנטלעך געוואָלט אין 1916 דער עקסטרעמער ד״ר נאָרדוי? ער האָט געשריבן, אַז „דער ציוניזם האָט נישט קיין אַמביציע צו גרינדן אַ יידישע, זעלבשטענדיקע מדינה. זיין פאַרלאַנג איז נאָר, אַז די וואָס

גליבן אין איר, זאָלן קענען פריי עולה זיין... און עס איז פאַרשטענדלעך, אַז יידן פאַרפליכטן זיך צו זיין טריי און איבערגעגעבן דער מאַכט, וואָס וועט הערשן אין ארץ־ישראל". און וויצמאַן פרעגט: די באַלפור־דעקלאַראַציע, דער מאַנדאַט און אַפילו דאָס „ווייס בוך" פון 1922 זענען ווייניקער פון דעם, וואָס ד"ר נאָרדוי האָט דאַן פאַרלאַנגט?

ענגלאַנד איז כלל נישט געווען פאַראינטערעסירט אין מאַנדאַט. אין ענגלאַנד האָט געהערשט אַ מידקייט, אַ ווילן צו דעצענטראַליזאַציע. זי האָט נישט געוואָלט קיין נייע התחייבותן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דער מאַנדאַט מיינט אַ נעץ פון שוועריקייטן, אין וועלכער זי וועט זיך מוזן פאַרפלאָנטערן. איז דען אַ וווּנדער, וואָס די אַרבעט אין ארץ־ישראל האָט זיך אָנגעהויבן אין זייער דעליקאַטע אומשטענדן? אַז ס'איז נייטיק געווען צו גיין אויף אַן אָנגעצויגענער שטריק? אַז עס האָט זיך געפאָדערט געדולד, טאַקט און וויזיע? אָבער טראָץ די אַלע שוועריקייטן איז דאָך פאַרט פיל דערגרייכט געוואָרן אין לעצטן יאָרצענדליק. און אויב נישט גרויס גענוג איז דער אויפטו, איז עס דען נישט די שולד פון יידישן פאָלק גופא? „איך חזר איבער, אַז ס'זענען נישט געווען קיין פאָליטישע סיבות, צוליב וועלכע די יידישע היים האָט נישט געקענט זיין צוויי, אָדער פינף מאָל גרעסער ווי די איצטיקע". וויצמאַן זוכט צו פאַרטיידיקן די מאַנדאַט־רעגירונג. ער דערמאָנט דעם אָפּגרונט, וואָס איז שטענדיק פאַראַן צווישן ווילן און מעגלעכקייט. ער האָט אַפילו אַ וואָרט פון פאַרשטענדעניש פאַר דער ארץ־ישראל־אַדמיניסטראַציע. דער ענגלענדער, פון זיין נאַטור, איז געוווינט צו אָפּערירן מיט רעאַלע באַגריפן. ארץ ישראל פאַרלאַנגט אָבער שווונג און וויזיע, — מעלות, מיט וועלכע דער דורכשניטלעכער באַאַמטער איז נישט באַשאָנקען. אוודאי זענען אין דער אַדמיניסטראַציע פאַראַן מענטשן, וואָס זענען נישט פריי פון יידן־שנאה. עס וואָלט אָבער נישט געווען יושרדיק צו שטעמפלען מיט אַנטיסעמיטיזם דעם גאַנצן כלל.

סתם מלחמות זענען נישט קיין רפואה. „איך גלייב, אַז קיינער ווי איך האָט אַזוי נישט געהאָרעוועט אויף באַוויזן, אַז מען קען נישט באַקעמפן שוועריקייטן און שטרויכלונגען מיט געשרייען און פראָטעסטן". „מיט תקיעות און תרועות האָט מען אומגעוואָרפן די מויערן פון יריחו. איך האָב אָבער קיין מאָל נישט געהערט, אַז מיט אַזעלכע מיטלען זאָל מען קענען אויפשטעלן מויערן".

וואָס שייך דעם אַראַבישן פּראָבלעם, איז ער קיין מאָל נישט געווען לייכטזיניק לגבי אים. ער האָט זיך שנעל איבערצייגט, אַז דער געדאַנק, אַז נאָר מעקאַ, באַגדאַד און דמשק זענען די צענטערס פון אַראַבישן נאַציאָ־

נאַליזם איז נישט באַגרינדעט. ער האָט אָבער נישט דורכגעלאָזט קיין איין געלעגנהייט פון צוזאַמענרעדן זיך מיט די אַראַבער. פאַר זיינע אויגן האָט שטענדיק געשוועבט דער חלום וועגן בליענדיקע לענדער, וואָס וועלן זיך ציען פון מיטללענדישן ים ביזן אינדישן אָקעאַן — אַ פּלאַץ, ווו די ביידע פעלקער, וואָס זענען געשטאַנען ביים וויגל פון דער מענטשלעכער קולטור, זאָלן קענען אַרבעטן אין שלום און אין העגעמאָניע. דאָס איז אַן אידעאַל, וואָס פּאַסט אַ פאָלק מיט אַ לאַנגער פאַרגאַנגענהייט.

— ער וואָלט וועלן, — דערקלערט וויצמאַן — פּאָליטישע גלייכע רעכט, אומאָפּהענגיק פון דעם צי די יידן אָדער די אַראַבער וועלן דערגיין צו אַ מערהייט אין לאַנד. עס דאַרפן אויפשטיין צוויי אויטאָנאָמיעס, וואָס זאָלן עקזיסטירן איינע לעבן דער צווייטער אין ארץ־ישראל, וועלכע איז, לויט דער דערקלערונג פון צוועלפטן ציוניסטישן קאָנגרעס, „דאָס בשות־פותדיקע פאָטערלאַנד פאַר ביידע פעלקער“.

...„איך רעזומיר: אויב מיר ווילן אויסמיידן מיספאַרשטענדענישן און מיר מיינען מצליח צו זיין אין אונדזערע וועגן, מוזן מיר זיך באַנוצן מיט מיטלען, וואָס זאָלן קענען אויסהאַלטן יעדן מאָראַלישן עקזאַמען, אַפילו דעם סאַמע שווערסטן. די הערשאַפט פון רויען כוח, און יעדע דערנידעריקונג, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון איר אָנווענדונג, פאַרשווועכן אונדזער מהות און אונדזער געשיכטע“.

ער וויל נישט קיין פּויסט־רעזשים. ער האָט געוויכט פון וועגן, וואָס האָבן אים אויסגעזען נישט יידיש, נישט אין איינקלאַנג מיט די געבאָטן פון דער ריינער מאָראַל. אַנדערש האָט ער נישט געקענט האַנדלען, וואָרעם פריער פון אַלץ איז ער אַ ייד. זאָל קומען די געשיכטע און אים משפטן. און איצט גיט ער זיך אַן אין דעמיסיע.

וויצמאַנס רעדע אויפן קאָנגרעס האָט נישט געקענט צופרידנשטעלן. ווי קען מען רעדן — האָבן דעלעגאַטן געפרעגט — וועגן ענגלאַנד אַלס דאָס צום וויניקסטן אַנטיסעמיטישע לאַנד, ווען יידיש בלוט גיסט זיך אין ירושלים, אין שאָטן פון דער ענגלישער פאָן? די ערד האָט נאָך נישט פאַרדעקט דאָס אומשולדיק־פאַרגאָסענע בלוט אין חברון און אין צפת, און שוין פאַרטיידיקט וויצמאַן אויף פאַרשידענע אופנים די מאַנדאַטאַרישע מאַכט. ווי קען מען זיין אַזוי באַזאָרגט און רויק, וועבן מיט אַזעלכע דינענקע פעדימלעך אַ פראָ־ענגלישע שטעלונג, בעת עס הערשט פּאַספּילדס גרויזאַמע פּאָליטיק? און מאַקדאָנאַלדס בריוו באַדייט דאָך פאָרט נישט די אַנולירונג פון גרויזאַמען „ווייס בוך“.

עס האָבן פאַרדראָסן אַ סך שטעלן אין וויצמאַנס רעדע. איז ער דען

גערעכט כלפּי הערצלען? — האָבן מענטשן געפּרעגט. ווייסט דען נישט ווייצמאַן, אַז אין 1897 אין באַזעל האָט הערצל נישט געקענט רעדן אַנדערש, ווי ער האָט גערעדט? וואָלט דען טערקיי געשוויגן, ווען הערצל טרעט דאַן אַרויס אָפן מיט אַ פּלאַן וועגן גרינדן אַ יידישע מדינה אין ארץ־ישראל? איז דען הערצלס איינגעהאַלטנקייט נישט געווען אַן אויפגעצווונגענע? דאָס זעלבע איז דאָך אויך אמת בנוגע נאָרדויס שטעלונג אין 1916. והשנית, האָט דען נאָרדוי נישט געקעמפט פאַר אַ גרויסן יידיש ישוב אין ארץ־ישראל?

אמת טאַקע, אַז יידן האָבן זיך נישט אָפּגערופן ווי געהעריק אויף דער באַלפור־דעקלאַראַציע; יידן האָבן נישט געשטראָמט קיין ארץ־ישראל, ווי מען האָט עס דערוואַרט. אָבער וואָלט דען ענגלאַנד דערלויבט אַ מאַסן־אימיגראַציע? האָט זי דען נישט געהאַט אַ האַנט אין די אַראַבישע אומרוען, וואָס האָבן געזוכט אָפּצושרעקן דאָס פאָלק און האַמעווען זיין נאַציאָנאַלן ענטוזיאַזם?

צופיל פאַרצאַרנט איז געווען דאָס פאָלק אַז עס זאָל באַנעמען ווייצמאַנס אַנדייטונג וועגן דעם אָפּגרונט צווישן ווילן און מעגלעכקייט, — אַן אָפּ־גרונט, פאַר וועלכן עס זענען אויך געשטאַנען הערצל און נאָרדוי. פּנים לפּנים דער שווערער ווירקלעכקייט זענען אַרונטערגעפאַלן זייערע פליגל. ווען ד״ר נאָרדוי האָט דערזען דאָס אַראַבישע פּראָבלעם, האָט ער אויסגע־רופן: „אָרעמער הערצל, נעבעך“.

ווייצמאַן איז געווען אַ מענטש מיט אַ רעאַלן צוגאַנג צו זאַכן און פּראָבלעמען. ער האָט נישט געקענט אַוועקקוקן פון לעבנסוויכטיקע פאַקטן. ער האָט נישט געזען קיין אַנדער וועג, ווי דער, וואָס האָט, לפּי לאָגיק און מאָראַל, געדאַרפט פירן צו אַ ברידערלעכער צוזאַמענאַרבעט צווישן יידן און אַראַבער.

700.000 אַראַבער לעבן אין ארץ־ישראל. קיין רעדע — רופט אויס ווייצמאַן — קיין פאָרמולע, קיין פּראָטעסט וועט זיי נישט מאַכן פליען ערגעץ צו אַ צווייטן שטערן.

ווען ער האָט זיך געשטעלט פאַר די הערשער פון דער וועלט און געפאָדערט אַ סוף צו מאַכן צו דער יידישער טראַגעדיע, האָט ער עס געטאָן אין נאָמען פון יושר און צדק. נישט איין מאָל האָט ער באַמערקט, אַז שטאַטסמענער האָבן זיך צוגעהערט צו אים, הגם הינטער אים איז נישט געשטאַנען קיין אַרמיי, קיין פלאָט, קיין פיזישער כוח. מענטשן האָבן אויפ־געציטערט ווען ער האָט געוועקט זייער געוויסן. האָט ער דען געקענט

האַנדלען כלפּי די אַראַבער לויט אַן אַנדער מאָס פון מאָראַל און גערעכטי־
קייט, ווי די, וואָס ער האָט אָנגעווענדעט לגבי די יידישע פאָדערונגען?

וויצמאַן האָט געווייכט פון אַוואַנטורע־לאָזונגען. נאָכמאַכן פרעמדע
מוסטערן איז אים נישט געווען צום האַרצן. עקסטרעמע מיטלען וואָלטן
געפירט צו חורבן און אומקום. עס איז נישט געווען קיין אַנדער וועג ווי
אָנגורטן זיך מיט געדולד און אויסדויער, פון זאַמלען דערגרייכונגען טאָג־
איין, טאָג־אויס — ביז דער ענדגילטיקער ציל וועט ווערן דערגרייכט.

דער קאָנגרעס איז נישט געווען בכוח זיך אַריינצוטראַכטן אין וויצמאַנס
שטעלונג. געשטאַכן די אויגן האָט דער ביטערער אמת: אין ארץ־ישראל
הערשט אַן אדמיניסטראַציע, וואָס, ווי וויצמאַן אַליין האָט זי באַצייכנט,
דערמאָנט אין אַ קאַטוילישער פּראָצעסיע, — זי שטעלט איין טריט פאָרויס
און צוויי אויף צוריק. דער אומגעדולד איז אויסגעבראָכן. עס האָט זיך
צעוויגט אַ מעכטיקער אַנטי־וויצמאַנישער שטורעם.

זשאַבאָטינסקי, מיט זיין געבענטשטן אָראַטאָרישן טאַלאַנט, האָט גע־
מאַכט אויפטויכן אַ צויבער־וועלט — די וועלט פון יידישן ענד־ציל און
פון אַ יידישער מדינה. דער קאָנגרעס איז געווען פאַרכאַפּט פון זשאַבאָ־
טינסקיס וויזיע. דעלעגאַטן האָבן זיך צעשריגן: איז וויצמאַן פאַר אָדער
קעגן אַ יידישער מדינה?

זאָל ער אָפן דערקלערן, און גלייך!

אַרום וויצמאַנען דרייט זיך דער דירעקטאָר פון דער יידישער טעלע־
גראַפן־אַגענטור, אַ ייד מיט רעוויזיאָניסטישע נייגונגען, — יעקב לאַנדוי.
אין אַן אינטערוויו מיט וויצמאַנען פרעגט ער אים צי ער וויל די יידישע
מדינה, צי איז ער גרייט צו דערקלערן איר באַלדיקע נויטווענדיקייט,
שוין איצט, און נישט אין דער פאַרנעפּלטער צוקונפט?

וויצמאַן דערקלערט: עס וואָלט געווען נאַריש אַרויסצוקומען מיט
פאָדערונגען, וואָס קענען אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ פּראָוואָקאַציע. ער,
וויצמאַן, סימפּאַטיזירט נישט מיט דער לאָזונג וועגן אַ יידישער מערהייט
אין ארץ־ישראל. אַ מערהייט איז נישט קיין גאַראַנטיע פאַר זיכערקייט.
יידן קענען זיין אַ מערהייט, און דאָך נישט זיין זיכער. עס איז נישט נייטיק
קיין רוב אויף צו אַנטוויקלען אַ יידישע קולטור אין ארץ־ישראל. פון דער
צווייטער זייט איז די פאָדערונג וועגן אַ מערהייט אַ געווער אין די הענט
פון די יידישע שונאים, וואָס טייטשן דאָס אויס ווי אַ באַווייז, אַז יידן
ווילן פאַרטרייבן די אַראַבער פון לאַנד. ער וויל אַ פאַרשטענדיקונג מיט
די אַראַבער, און דאָס קען דערגרייכט ווערן, אויב דער קאָנגרעס וועט
אָננעמען דעם פּלאַן פון אַ גלייכער יידיש־אַראַבישער רעפּרעזענטאַנץ אין

ארץ־ישראל, אַז ביידע פעלקער זאָלן אין דער זעלבער צאָל זיין אין איר פאַרטראָטן.

לאַנגדוי האָט תיכף פאַרעפנטלעכט דעם אינהאַלט פון אינטערוויו, און דאָס האָט געווירקט ווי אַ באָמבע־אויפרייס. דער קאָנגרעס איז ממש דער־שיטערט געוואָרן פון וויצמאַנס רייד. די רעוויזיאָניסטן האָבן פאַרלאַנגט אויסצודריקן אומצטרוי וויצמאַנען, און זייער פאָרשלאָג איז טאַקע אָנגע־נומען געוואָרן.

מיט דעם האָבן די רעוויזיאָניסטן זיך נישט באַנוגנט. זיי האָבן געפאָ־דערט, אַז דער קאָנגרעס זאָל דעפינירן זיין שטעלונג לגבי דער יידישער מדינה און דעם יידישן ענדציל. די געמיטער זענען שוין אָבער געווען אַנטשפּאַנט, מען האָט שוין געהאַט אויסגעלאָדן דעם שווערן כעס קעגן וויצמאַנען. די דעלעגאַטן האָבן נישט געהאַט קיין חשק אַוועקצולאָזן זיך אין די געפערלעכע וואַסערן פון סתם דעפיניציעס און לאָזונגען.

וויצמאַן איז מער נישט אויסגעוויילט געוואָרן. די דעלעגאַטן האָבן געמיינט, אַז אויב מען וועט זיך נאָר באַפרייען פון וויצמאַנען, וועט באַלד פריי ווערן דער וועג צו אַ יידישער מדינה. זאָל נאָר וויצמאַן, דער פריינד פון ענגלאַנד, אַוועק — און די גאולה וועט זיך מער נישט פאַרזאַמען.

אויף צו מאָרגנס האָט מען זיך געפרעגט: וואָס וועט זיין איצט? צי וועלן וויצמאַנס קעגנער ווערן די בויער פון לאַנד? וועלן זיי האַקן די שטיינער און טריקענען די זומפּן אין ארץ־ישראל? קיין פלאָט וועט מען דאָך קעגן ענגלאַנד נישט שיקן, איז ווער וועט רעדן מיט די מענטשן אין דאונינג־סטריט און אין וועסטמינסטער.

דער קאָנגרעס איז ממשיך מיט זיינע וויכוחים. נישט וויצמאַן זיצט איצט אויבן, נאָר סאָקאָלאָוו, דער נייער פרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

עפּעס איז אומעטיקלעך אויפן האַרצן, עפּעס פילט מען זיך פאַריתומט.

די טיר עפנט זיך און וויצמאַן קומט אַריין. עס ברעכט אויס אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן. אַ וויכטיקער עסקן לויפט צו אים צו און קושט אים. מענטשן דריקן זיין האַנט. מען שטייט און מען אַפּלאָדירט. ביי אַ סך פינקלען טרערן אין די אויגן. אָט איז „זייער וויצמאַן". וואָלטן זיי דען געקענט גיין אויף אַן אַנדער וועג, ווי זיינער? האָבן זיי דען נישט געלערנט ביי זייערע רביים פונקט ווי וויצמאַן, אַז „תפסת מרובה לא תפסת"? וואָלטן זיי זיך דען יאָ געלאָזט אויף פוסטע אַוואַנטורעס און זינלאָזע קאַמפן? איז דען געווען אַן אַנדער שיטה ווי די פון „נאָך אַ ציגל און נאָך אַ ציגל, נאָך אַ דאָרף און נאָך אַ דאָרף"? אויך זיי ווילן בויען דאָס לאַנד בדרכי יושר

וצדק, נישט באַהערשן און נישט באַצווינגען. די זעלבע מענטשן, וואָס האָבן נעכטן געזוכט אַ קרבן פאַר זייער כעס און צער, און געפונען אים אין וויצמאַנען, שטייען איצט און אַפּלאָדירן.

וויצמאַן, סתם אַ ייד, האָט זיך צוגעזעצט צווישן די בענק פון די אַרבעטער־דעלעגאַטן. די קעגנער ברומען: ער איז אַוועק צו די „לינקע".

אויף צו מאָרגנס איז וויצמאַן אַריין אין זיצונג־זאַל פון די אַרבעטער־דעלעגאַטן. געוואָלט זיך מיט זיי געזעגענען. ער האָט אָבער נישט געקענט פון זיי זיך שיידן. ער האָט געפילט אַז זיין גורל איז נאָך געבונדן מיט דער יידישער אַרבעט אין ארץ־ישראל.

שפּעטער רינגלען אים אַרום די פריינד, און עמעצער פון זיי גיט אים אַ פרעג פאַר וואָס ער רעדט אויף די קאָנגרעסן יידיש און נישט העברעיש. און וויצמאַן ענטפערט: העברעיש איז טאַקע לשון־קודש, אָבער יידיש איז דאָס לשון פון קדושים...

אין אַ קאַפע, אַנטקעגן דעם קאָנגרעס־בנין, זיצט חיים נחמן ביאַליק, אַרומגערינגלט פון זיינע חסידים און פאַרערער.

עמעצער קומט צו לויפן מיט אַ שרעקלעכער ידיעה: וויצמאַן וויל נישט רעדן וועגן אַ יידישער מדינה, וועגן אַ יידישער מערהייט אין ארץ־ישראל. ביאַליק קאָכט זיך אויף: וועגן אַ מדינה רעדט מען נישט; אַ מדינה בויט מען! עס עקלט אייער אומגעדולד, אייער קליינלעכקייט.

שפּעטער, אין זיין האָטעל־צימער, גיסט ער אַרויס אויפן פּאַפּיר זיין צער און צאָרן:

...„ווער האָט אויף אייער לייב צעבליט די קרעץ פון די געמיינע
נביאות־זאָגער,
די טמא־נפשות; פאַרשטעלטע צדיקים, מיט נעסטן פון שרצים
אין האַרצן,
וואָס רייסן דעם גאַנצנעם טאָג זיך, אין ווילדע קאָנוואָלסיעס,
מיט שוים אויף די ליפּן, צום גרויסן;
כאַפּן זיך אָן מיט די ליפּן אָן גרויסע, און מאָנענדיק גרויסעס
פון צווייטן,
איז יובלען זיי הילכיק, און ס׳שטרעקט זייער האַנט זיך נאָך שכר,
ווי זיי וואָלטן דאָס גרויסע געפּאַקט שוין,
ווער האָט אויף אייך אָנגעשיקט די מחנה פון פעדער־און־צונג־שאַרפער

די קרעציקע מחנה, צעפּרעסן פון שנאה, פֿאַרברענטע פון קנאה,
צו אָנרייצן ברודער אויף ברודער, מאַכן דאָס אייגענע לייב אייך
צו עסן,
פֿאַרשמוצן דאָס הייליקסטע אין אייך, מיט אומריינע אָטעמס און הענט ?
...ווי אָרעם איר זענט פלוצעם געבליבן, ווי הילפלאָז איר זענט
געוואָרן !
ווי עלנט פֿאַרלאָזן איר זענט, אָן אַ וועג, אָן אַן עצה אין לעבן —
ווידער האָב איך אייך דערזען אין אייער געפֿאַלנקייט,
און מיין האַרץ איז אַ שאַל טרערן...*

* יידיש : י. י. שוואַרץ.

24

מען זעט ווייצמאַנען אָפּט צווישן די פעלדזן אַרום קאַרעצאַ־די־לאַגאָ. אים איז אָנגענעם צו קלעטערן אויף די בערג — זיין באַליבטער ספּאָרט. ער האָט גערן די פיזישע אָנשטרענגונג, וואָס פאַריאָגט די כסדרדיקע טראַכטעניש.

דער קאָנגרעס אין באַזעל האָט אין אים געעפנט אַ טיפע וווּנד. ער קען זיך נישט שטילן. עס העלפט נישט דאָס מיד ווערן, דאָס קלעטערן אויף די בערג. ער בלייבט אָפט זיצן אויף אַ פעלדז און ער פאַרטראַכט זיך וועגן דעם, וואָס אַזוינס אייגנטלעך עס איז פאָרגעקומען אין באַזעל. ער האָט איבערגעלעבט שרעקלעכע טעג, — קלאָגט זיך ווייצמאַן פאַר זיין ידיד יוליוס סיימאָן. פריינד און פאַרערער האָבן פאַרגאָסן זיין בלוט.

ער קען נישט מוחל זיין דעם „אַלטן" מאַצקינען, וואָס האָט זיך נישט אָנגענומען פאַר זיין כבוד בעת די דעבאַטן אויפן קאָנגרעס. מאַצקינס האַנדלונג זעט ווייצמאַנען אויס פאַררעטעריש און ער באַצייכנט זי מיט ביטערע ווערטער. ער וועט אויך די אַמעריקאַנער נישט מוחל זיין, ווייל זיי האָבן אים געפייניקט, סתם אין דער וועלט אַריין.

און וואָס האָט זיך דען געביטן צום גוטן, מיט זיין אַוועקגיין? — פרעגט ווייצמאַן — רעוויזיאָניסטן שרייען איצט מער ווי פריער, און דאָס רייצט בלויז די אַראַבער.

און ביי דער געלעגנהייט גיסט שוין ווייצמאַן אויס זיין צאָרן אויף סאָקאָלאָוון, און חוזקט אָפּ פון זיין גבורה, מישטיינס געזאָגט.

נישט די שיינע שווייץ און נישט די שיינע איטאַליע קענען ווייצמאַנען העלפן. ער איז אין כעס אויף אַלעמען, אַפילו אויף אַ טייל פון דער משפחה. ער טענהט צו זיין ברודער פייוול: זיין בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן, און ער האָט אַפילו נישט זוכה געווען צו באַקומען אַ בריוול פון זיין עלטערן ברודער.

ווייצמאַן טראַכט וועגן זיין צוקונפט. וואָס זאָל ער טאָן? אפשר זאָל ער טראַכטן וועגן עפּעס אַ קאָנקרעטער באַשעפטיקונג אין ארץ־ישראל, מחוץ פון די אָפיציעלע ציוניסטישע ראַמען? אָדער זאָל ער זיך באַנוגענען מיט דער ראָל פון אַן איינפאַכן זעלנער?

מענטשן ווילן אים באַרויקן, טרייסטן. ביאַליק שרייבט אים פון קאַרלסבאַד אַז „די אַלע קוואַלן אין שטאָט זענען נישט מסוגל אָראָפּצושווענקען דעם

ביטערן טעם, וואָס דער לעצטער קאָנגרעס האָט איבערגעלאָזן. דער שטן האָט ווידער געזיגט. דאָס מאָל האָט ער געהאַט דאָס פּנים פון אַ הונט. געזיגט האָט די שוואַכקייט, די קליינלעכקייט. אייזלען האָבן זיך צעבריקעט און געקאָפּעט״.

...„אָבער דו ביסט מיר טײַערער ווי שטענדיק״, שרייבט ביאַליק. „ווען דו וואָלסט צו זיי געקומען פון דער ווייט, מחוץ דער ישראל־מחנה, מחוץ דעם יידישן געצעלט, ווען דו וואָלסט געקומען ווי אַ פרעמדער, וואָלטן אַלע געלעקט דײַנע פּיס״.

...„איך בעט צו גאָט דו זאָלסט געפינען כוח און שנעל שטאַרקן דאָס שווערע געמיט, וואָס דער קאָנגרעס האָט דיר פאַרשאַפט. דו זיצסט נישט מער אויפן בענקל פון נשיאות; דײַן געשטאַלט אָבער איז אײַנגעקריצט געוואָרן אין כבוד־טראָן פון פאָלק און אין דער געשיכטע זײַנער, און קיין האַנט וועט זי נישט קענען אָפּמעקן״.

דער גרויסער נאַציאָנאַלער דיכטער האָט אויך צו זאָגן שטראָף־רייד זײַן פאַרערטן פרײַנד. ער מאַכט וויצמאַנען אויפמערקזאַם, אַז אין די טעג פון זײַן פירערשאַפט זענען פאַרשטאָפּט געוואָרן די גײַסטיקע קוואַלן, וואָס האָבן געשפּייזט די באַוועגונג אין אירע ערשטע יאָרן. דערין ליגט דער סוד פון קריזיס. דער זיבעצנטער קאָנגרעס איז טאַקע געווען די שטראָף פאַר דער זינד. וויצמאַן האָט איצט צײַט, זאָל ער זיך באַמיען אַלץ צו באַנעמען, כדי עס זאָל נישט זײַן אומזיסט די באַקומענע שטראָף.

עס טרייסט אים אויך זײַן ליבער פרײַנד שמריהו לעווין. ער פאַרזיכערט וויצמאַנען, אַז ס׳זענען אין אים פאַראַן די שטריכן, וואָס זענען נויטיק אויף צו ווערן דער גײַסטיקער פירער פון פאָלק, און נישט נאָר דער פּאָליטישער. זאָל וויצמאַן זיך נעמען צו אַ ברייטצוגיקער, שעפערישער אַרבעט. ביז איצט האָט ער אַ סך ענערגיע פאַרווענדט אויף אויסערלעכע ענינים; איצט איז געקומען די צײַט אָפּצוגעבן זיך די אינערלעכע פּראָבלעמען. מען מוז שאַפן אַ באַוועגונג פון אַ מין חוזר בתשובה זײַן. דווקא ער, וויצמאַן, איז דערצו באַרופן; מען וואָלט געדאַרפט באַנייען דעם גײַסט פון דער „בני־משה״־באַוועגונג, מיט וועלכער אחד־העם האָט פאַרבונדן זײַנע בעסטע האָפענונגען.

שמריהו לעווין, פונקט ווי ביאַליק, האָט זיך דערשראָקן פאַר די נישט יידישע אייגנשאַפטן, וואָס זענען געקומען צום אויסדרוק אויפן קאָנגרעס. ער פאַרלאַנגט צו פאַרטיפן דעם יידישן חינוך, אויסצוברייטערן די יידישע ווערטן.

שמריהו גלויבט אין זײַן פרײַנד. אַ וואָך פריער האָט ער אים געשריבן:
„בדרך כלל איז גאָט אַ קמצן און ער פאַרשפּרייט נישט קיין פעיקייטן מיט

אַ ברייטער האַנט, אָבער אַז ער קלייבט אויס אַ פירער פאַר זיין פאָלק באַגליקט ער אים מיט כשרונות אָן אַ צאָל". און ער, ווייצמאַן, איז אָט דער באַגליקטער. זאָל ער פאַריאָגן די קליינלעכקייטן פון זיין האַרץ. זאָל ער וויסן ווי אויסצונוצן די איצטיקע טעג, ווען די גרויסע משא דריקט נישט מער אויף זיין נאַקן — די משא וואָס האָט אים דערוווייטערט פון די גייסטיקע שעפער אין פאָלק. זיי זענען טאַקע נישט פיל; זיי זענען אָבער די ל"ו צדיקים, וואָס טראָגן אויף זיך די וועלט. זיי וועלן אויך זיין זיין מאָראַ־לישער אָנלען. זאָל ווייצמאַן אויפהערן צו טראַכטן וועגן קנאה־שנאה, זאָל ער פאַרשאַרצן די אַרבל און אָנהייבן עפּעס צו טאָן. זאָל ער, למשל, פאָרן אין דרום־אַפריקע, ווו יידן קענען און ווילן געבן געלט. זאָל ער פונאַנדערפּענען נייע און אַלטע וועגן.

דערמונטערנדיקע בריוו קומען אויך אָן פון מאָריס ראָטענבערגן, דעם פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אָט איז ער איצט אַדורכגעפאָרן דאָס לאַנד און ער קען פעסטשטעלן ווי גרויס עס איז די ליבשאַפט פון פאָלק צו חיים ווייצמאַן. זאָל ער זיך נישט קלאָגן. אין פאַרגלייך מיט מנהיגים פון אַנדערע פעלקער איז זיין מצב אַ פיל בעסערער.

ווייצמאַן האָט נישט געקענט בייקומען דעם יצר־הרע פון פירערשאַפט. אָט זעט ער שוין ער ווי ער פאָלט ווידער אין אַ נעץ. אָבער נישט די ליידנשאַפט פון סתם זיין אַ פירער ברענט אין אים, נאָר די ליבשאַפט צו ארץ־ישראל, צום ציוניסטישן געדאַנק. ער האָט מורא, אַז די נייע פירער וועלן זיך נישט קענען ספּראַווען מיט דער לאַגע, אין קאָן וועט געשטעלט ווערן דאָס גאַנצע ארץ־ישראל־ווערק. ווי אַ געטרייער פאָטער וויל אויך ווייצמאַן נישט אַנט־טרויען זיין קינד אין אַ צווייטנס הענט. ער ציטערט איבער „זיין ווערק".

דערווייל, מער מיטן מויל ווי מיטן האַרץ, רעדט ווייצמאַן וועגן אַנטלויפן, וועגן נישט האָבן מער צו טאָן מיט ציוניסטישער אַרבעט. די דאַלמיטן־בערג זעען אים אויס ווייט געגנוג אויף זיך אויסצובאַהאַלטן און פאַרשווינדן. אָבער ווען ער קומט אָן מיט זיין משפחה צו דער יוגאָסלאַווישער גרענעץ, ווערט ער פאַרפלייצט פון בריוו און טעלעגראַמעס, און אַלע אין איין קול: ווייצמאַן מוז צוריקקומען, די קאַסעס זענען ליידיק, דער גאַנצער בנין אין ארץ־ישראל האַלט ביים צוזאַמענפאַלן זיך.

ווייצמאַן פאָרט צוריק, ער פאַרענטפערט זיך: דער באַראָן אַליין בעט אים, אַז ער זאָל זיך מאָביליזירן אין דער אַרבעט, און דעם באַראָנס ווונטש איז פאַר אים ווי אַ באַפעל.

אויך סאָקאָלאָוו, דער נייער פירער, ווענדעט זיך צו ווייצמאַנען. ער

פרעגט אים ווי אַזוי צו האַנדלען לגבי דעם אָדער יענעם ענין; די לאָנדאָנער וועגן און שטעגן זענען פאַר אים נישט קלאָר.

ווייצמאַן איז גרייט מיטצואַרבעטן, אָבער ער שטעלט באַדינגונגען, ווייל „ער איז נישט קיינעמס שיקיינגל". די נייע פירערשאַפט וויל אונטערהאַנדלען מיט ווייצמאַנען; זי פאַרשטייט, אַז אָן ווייצמאַנען וועט זי לאַנגע חדשים טאַפּן אין דער פינצטער.

לואיס ניימיר און בלאַנש דאַגדייל זענען ווייצמאַנס פאַרשטייער אין אַט די אונטערהאַנדלונגען.

ווייצמאַן שפּאַנט זיך ווידער איין אין דער אַרבעט. אדרבא, ער וועט פאָרן קיין דרום־אַפריקע; זאָלן אָבער די דאָרטיקע יידן פריער אַריינשיקן אַן אַדערויף. די יידן זענען מסכים; זיי שיקן געלט אין פאָרויס און זאָל נאָר ווייצמאַן קומען.

ווידער איז ווייצמאַן אויף די וועגן, ווידער — מיט דער טאָרבע און מיטן שטעקן. אָבער עס פּאַסט אים גאַנץ פיין, וואָרום ער זעט פאַר זיינע אויגן די הייזקעס און פעלדער פון נהלל און עין־חרוד; פאַר זייערטוועגן וועט ער אַלץ טאָן — מיט ווערדע און שטאָלץ.

אָט איז ער אין בערלין און אָט אין אַנטווערפּן, ווו מען נעמט אים אויף מיט ליבשאַפט און ענטוזיאַזם. אין לאָנדאָן איז ער ווידער דער מענטש וואָס באַוועגט און באַווירקט. אים גיט זיך איין צו זען מענטשן צו וועלכע די נייע פירער האָבן נישט געקענט דערגיין. קיינער האָט דערווייל נישט געקענט געפינען דעם וועג צום נייעם הויך־קאָמיסאַר, וואָוקאָפּ. ווייצמאַן באַוויזט עס, און מיט כבוד. ער איז אויך דער ערשטער צו זען דעם נייעם קאָלאָניאַל־מיניסטער מאַלקאָלם מאַקדאָנאַלד. פאַר אים זענען די טירן אָפן. אין לאָנדאָן איז ער דער פירער; די ענגלענדער פרעגן נישט, צי האָט אים יאָ אָדער נישט געקרוינט דער לעצטער ציוניסטישער קאָנגרעס, אין זייערע אויגן איז ווייצמאַן דער פאַרטרעטער פון יידישן פאָלק.

ווייצמאַן באַהאַלט נישט אויס זיינע נקמה־געפילן. ער מאַכט חוזק פון די ציוניסטישע פירער. ער האָט אַ שפּאָטישן צונאָמען פאַר יעדן איינעם פון זיי. זיין צונג איז שאַרף, בייז: איין חבר אין עקזעקוטיווו גייט אַרום אַ גאַנצן טאָג אין שלאָפראָק אין שטוב און קומט נישט אין ביוראָ, דער צווייטער טוט וואָס ער קען, ער קען אָבער ווייניק, א. א. וו. פאַר אַרלאָזאָראָוון, „דעם אויפגייענדן שטערן", פירער פון פּאָליטישן דעפּאַרטאַמענט אין דער אַגענץ,

קלאָגט זיך ווייצמאַן, אַז דרכי ציון אבלות, אַז ס'איז נישטאָ אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן.

ווייצמאַן פירט זיך, ווי ער וואָלט בכלל נישט געוואָרן אויס פירער. אָט אָרדנט ער איין אַ מיטאָג ביי זיך אין שטוב און ער לאַדט איין דעם גענעראַל סמאַטס, דעם לאָרד לאָטיאַן (פיליפ קער), עמערי, וואָלטער עליאָט, סער אַרטשיבאַלד סינקלעק. ער שמועסט מיט פיליפ קער, וואָס פירט אָן מיט דער אינדישער אָפּטיילונג אין מיניסטעריום.

ווייצמאַן גרייט צו אינסטרוקציעס פאַר אָרלאָזאָראָוון. ער גיט אים איבער זיין שמועס מיט קערן וועגן דער פאַן־איסלאַמישער קאָנפערענץ וואָס האָלט ביים פאָרקומען. זאָל אָרלאָזאָראָוו זיך זען מיט קערן, ווען ער וועט פאַר־בייפאָרן אַלעקסאַנדריע, אויפן וועג קיין אינדיע. זאָל ער אים זאָגן... און לגבי דעם נייעם הויך־קאָמיסאַר וואוקאָפּ — זאָל ער האַנדלען אַזוי און אַזוי.

וואָס קומט דאָ פאָר? ווער איז דער פירער, סאָקאָלאָוו, אָדער ווייצמאַן?!

ווייצמאַן איז באַזאָרגט. איראַק ווערט אַ זעלבשטענדיקע מדינה און זי וועט אין קורצן זיצן אין פעלקער־ליגע. אויך סיריע איז אין דער ריי. די אַראַבער פון ארץ־ישראל וועלן נישט שווייגן. די פאַן־איסלאַמישע קאָנ־פערענץ רופט אַרויס נייע כוואַליעס פון נאַציאָנאַליזם, און געוויסן יידן שפּילן אויפן פידל, ווען רוים ברענט.

די ענגלישע ציוניסטן נעמען אויף ווייצמאַנען מיט אַ באַנייטן ענטוזיאַזם. מען וויל אים מכבד זיין מיט אַ גרויסן קבלת־פּנים, מיט אַ פייערלעכן באַנקעט. די אָפיציעלע ציוניסטישע פירערשאַפט איז אָבער נישט צופרידן, זי זעט זיך ווי פאַררוקט אין אַ זייט. איז מען געקומען צו אַ פשרה, אַז פריער זאָל פאָרקומען אַ באַנקעט פאַרן ציוניסטישן פרעזידיום. דער יום־טוב איז, לויט ווייצמאַנען, געווען אַ דורכפאַל. קינגסוויי־האָל איז געווען כמעט ווי ליידיק. איצט מעג שוין פאָרקומען דער קבלת־פּנים פאַר ווייצמאַנען. מען גרייט אים צו מיט אַלע פּרטים. ווייצמאַן ווייס דערפון, אַדרבא, זאָל מען זען און פאַרגלייכן. ווייצמאַן האָט זיך נישט געקענט באַהערשן, ער האָט זיך געלאָזט פירן פון פערזענלעכע חשבונות, קעגן וואָס עס האָבן אים געוואָרנט די גוטע פריינד זיינע חיים נחמן ביאַליק און שמריהו לעווין.

ענדלעך — דער גרויסער אָוונט. אַ שיינער עולם האָט זיך פאַרזאַמלט. עס זענען אָנגעקומען צענדליקער באַגריסונגען. מיניסטאָרן, באַרימטע שטאַטסמענער שיקן אַריין לויב־בריוו און טעלעגראַמעס. ווייצמאַן זיצט אויבן אָן און הערט ווי מען לייענט זיי פאָר. איין טעלעגראַמע אָבער, די טעלע־

גראַמע וואָס ער האָט דערוואַרט, איז נישט געקומען: דער באַראָן דע ראָטשילד האָט נישט באַגריסט. דעם באַראָן איז דער באַנקעט געווען דער־ווידער; מען האָט נישט געטאָרט — לויט זיין מיינונג — פאַרקלענערן דעם אויטאָריטעט פון נייעם פּרעזידיום. מען דערטראָגט אויך ווייצמאַנען, אַז דער באַראָן האָט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט וועגן „ווייצמאַנען דעם לינקן".

ווייצמאַן איז אויפגעבראַכט און ער באַמיט זיך דאָס אַלץ אויפצוקלערן פאַרן באַראָן: ווי קומט עס, אַז סאָקאָלאָוו זאָל זיך פילן געטראָפן? ער איז דאָך געווען אויפן באַנקעט און אַפילו געהאַלטן דאָרט אַ רעדע. זאָל בעסער דער נייער פירער אָפּגעבן זיך מיט דער אַרבעט. די עקאָנאָמישע לאַגע אין ארץ־ישראל איז אַ שווערע, טאָ פאַר וואָס פאָרט סאָקאָלאָוו נישט אַרויס זאַמלען געלט? פאַר וואָס האַלט ער אויף זיין רייזע קיין אַמעריקע? פאַר וואָס דינגט ער זיך וועגן דעם אויסערלעכן פּאַראַד, וואָס דאַרף באַגלייטן זיינע רייזעס? דאָס ביסל, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אויפן פּאָליטישן געביט, איז אויך נישט צו פאַרדאַנקען דער איצטיקער פירערשאַפט. געטאָן האָבן עס מענטשן גאַנץ אַנאָנים.

וואָס שייך דעם, אַז ער איז אַ לינקער — איז דאָס וואָרט „לינק" זייער רעלאַטיוו. גאַנץ מעגלעך, אַז אין פּאַריז זענען פאַראַן מענטשן, וואָס זעען אין באַראָן אַן עקסטרעמיסט און אַ לינקן. עס קען זיין, אַז דער באַראָן האָט אים אַזוי געזען אויפן פאָן פון פאַרמעסט, וואָס איז פאָרגעקומען אויפן לעצטן קאָנגרעס. ווער איז דאָרט געווען קעגן אים? פּסעוודאָ־רעליגיעזע פּאָליטיקער; עלעמענטן מיט פּראָ־פאַשיסטישע נייגונגען און אַ גרופּע אַמע־ריקאַנער, וואָס האָבן זיך געלאָזט פירן פון אַ ביליקן נקמה־געפיל.

און ווער איז געשטאַנען אויף זיין זייט? מענטשן פון גייסט, וואָס האָבן אַלע יאָרן געשלעפּט דעם יאָך, מאָביליזירט געלט־מיטלען און תמיד גרייט געווען אויף יעדן רוף. און פריער פון אַלע זענען געווען מיט אים די מענטשן פון אַרבעט. ובכן, פון איין זייט זענען געשטאַנען די געטאָ־פּאָליטיקער, און פון דער צווייטער — די חלוצים פון ארץ־ישראל. זיינע אָנהענגער האָבן געליטן אַ דורכפאַל — אַ זאַך וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער איצטיקער צייט, אַ צייט, וואָס מאַכט מעגלעך אַזעלכע דורכפאַלן, ווי דער פון בראַו־נינגן קעגן היטלערן. יאָ, זיין אָרט איז צווישן די חלוצים און אַרבעטער. די חלוצים זענען נישט סתם אַ פּאַרטיי, וואָרעם זיי שטעלן דעם אינטערעס פון פאָלק העכער ווי זייער אייגענעם. אָט די אַרבעטער זענען פאַרדעכטיקט ביי די קאָלאָניסטן, ווייל זיי קעמפן קעגן דער ביליקער אַראַבישער אַרבעט, ווייל זיי זענען טיף איבערצייגט, אַז אָן יידישער אַרבעט וועט דאָס לאַנד נישט געבויט ווערן און קיין מאָל נישט זיין יידיש. יאָ, ער וויל בעסער די חלוצים

ווי דעם מיטלשטאַנד, כאָטש ער פּסלט אויך דעם לעצטן נישט. וואָרעם ווער זענען די מענטשן פון יידישע מיטלשטאַנד אין מזרח־אייראָפּע? זענען זיי דען איינגעוואָרצלט אין די עקאָנאָמישע און שפּעריש פאָרמען, כאַראַקטעריס־טישע פאַרן גויישן מיטלשטאַנד אין מערב־אייראָפּע? אַ ייד, וואָס פאַרמאָגט טויזנט פונט, אָדער וואָס עס דאַכט זיך אים, אַז ער פאַרמאָגט אַזאַ סכום, האַלט זיך פאַר אַ מענטש פון מיטלשטאַנד. ער קייקלט זיינע פּאַר פונט אַהער און אַהין, מאַכט אַ רעש און געפּילדער, און דרייט זיך אויס פון קאָנקרעטע אַרבעט. אָט די מענטשן באַהאַלטן אויס זייער אָרעמקייט און מאַנגל אין חלוציזם הינטער צוגעפּוצטע פּאַרטיי־לאָזונגען. יאָ, ער איז פאַראינטערעסירט אין דער עליה פון חלוצים, ווייל זיי באַפעלקערן דעם מדבר, ווייל זיי זענען דער שוץ־רינג אַרום די גרויסע שטעט. ער איז נישט קיין סאָציאַליסט און נישט קיין אַנטי־סאָציאַליסט, ער איז אָבער פאַראינטערעסירט אין אַ פּראָ־דוקטיוון און שפּערישן עולים־עלעמענט.

ער און די אַרבעטער זענען שותפים צו אַ גרויסער איבערלעבונג. זיי זענען געשטאַנען אין די פאָדערשטע אָקאָפּעס, און ער האָט זיי צוגעשטעלט שפּייז און וואָפן, כדי זיי זאָלן קענען פאַרויסגיין און זיגן. אָט די שותפות האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין פאַרלויף פון די יאָרן און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פריינדשאַפט בלב ונפש.

און די רייכע יידן? צי האָבן זיי — אויסער דעם באַראָן — דערפילט זייער חוב? אין זייער גרויסער מערהייט האָבן זיי נישט געקענט זיך אַליין גבור זיין. די גאולה־וויזיע האָט נישט באַלעבט זייער האַרץ, די צוגעבונדנקייט צום סיר הבשר האָט זיך אין זיי נוקם געווען.

אָבער דער גלויבן אין פאָלק — גיט צו ווייצמאַן — האָט אים שטענדיק דערהויבן, שטענדיק דערמוטיקט. קיין דערנידערונג אָדער באַליידיקונג וועלן נישט קענען אָפּשוואַכן אָט דעם טיפן גלויבן זיינעם.

אָן אויפהער קומען אָן צו ווייצמאַנען דערמונטערנדיקע בריוו. אַ קאַנאַ־דיש־אַמעריקאַנער זשורנאַליסט און ציוניסטישער עסקן, מאיר וואָלף ווייס־גאַל שרייבט: „ס׳איז נאָך נישט געווען קיין פאַל פון אַזאַ אויסדרוק פון סימפּאַטיע און ליבשאַפט, ווי דער וואָס איז פאַר אייך דעמאָנסטרירט געוואָרן אויף דער לעצטער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין אַמעריקע". אין זיין באַריכט פון צוזאַמענפאָר שרייבט ווייסגאַל צווישן אַנדערע: „ווען דער ריכטער מעק האָט דערמאָנט סאָקאָלאָווס גרויסן פאַרגייער, אָן אפילו אָנצו־רופן זיין נאָמען, האָט אַ מבול פון סימפּאַטיע פאַרפלייצט דעם זאַל. לאַנגע

מינוטן האָבן געדויערט די אַפּלאָדיסמענטן פאַרן מאַן, וואָס האָט פאַראייניקט אין זיך אַ גרויסן פּאָליטישן טאַלאַנט מיט אידעאַליזם און גרענעצלאָזער איבערגעגעבנקייט״.

ווייסגאַל דערציילט, אַז די קאָנפערענץ האָט אים באַאויפטראָגט אָנצושרייבן אַ פּאַסיקן נוסח פון אַ סימפּאַטיע־דעקלאַראַציע פאַר חיים ווייצמאַנען. דער נוסח איז — ווי ער באַמערקט עס — אַרויסגעקומען אין „ווייסגאַלישן גייסט״, און דאַן איז „געוואָרן ליהודים״. — די גאַנצע קליינלעכקייט האָט זיך אַרויסגעריסן און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינגען זיך, אַז מען זאָל בייטן אַזעלכע אויסדרוקן ווי „ליבשאַפט״, „האַרציק״ אדג״ל אויף מער לעבלעכע.

ווייצמאַן שמייכלט ווען ער דערמאָנט זיך אין דעם פּיפּיקן יונגנמאַן, וואָס וואַרפט זיך אַזוי אין די אויגן אין דער ציוניסטישער קאַנאַדיש־אַמעריקאַנער וועלט. צום ערשטן מאָל האָט ער ווייסגאַלן געזען אויף אַ צוזאַמענטרעף מיט יידישע זשורנאַליסטן בעת זיין ערשטן וויזיט אין אַמעריקע. פאַר זיינע אויגן גיט אַ שוועב ווייסגאַלס געשטאַלט: גיכע, קרעפטיקע באַוועגונגען, אַ צעפּאַטלטע טשופּרינע, שנעל־לויפנדיקע אויגן, וואָס קוקן קלוג, אויפכאַפּעריש און אַ ביסל שקאָצעוואַטע.

ווייצמאַן טראַכט: אַזאַ ייד וואָלט ער געדאַרפט האָבן לעבן זיך.

ווייצמאַן ווערט ווידער וואָס אַ מאָל אַלץ מערער אַריינגעצויגן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ער מישט זיך אַריין אין אינערלעכע ענינים, דיקטירט מענטשן וואָס צו טאָן און קלייבט נישט איבער אין קיין ווערטער ביים דיסקוטירן מיט דעם אָדער יענעם.

דער לאָנדאָנער „טיימס״ גיט איבער זשאַבאָטינסקיס אַ שאַרפע רעדע אין וואַרשע. ווייצמאַן האַלט, אַז דאָס פאַרעפנטלעכן זשאַבאָטינסקיס רעדע אין „טיימס״ וועט ברענגען שאָדן אין די קרייזן, וווּ עס איז נאָך פאַראַן סימפּאַטיע צום יידישן געדאַנק. ער ווענדעט זיך צו דער ציוניסטישער ביוראָ אין לאָנדאָן, אַז זי זאָל טעלעגראַפירן צו סאָקאָלאָוו און בעטן זיין הסכמה צו פאַרעפנטלעכן אַ בריוו אין „טיימס״ וואָס זאָל אין נאָמען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע זיך אָפּגרענעצן פון זשאַבאָטינסקיס אַרויסטריט אין וואַרשע. ווייצמאַן רעדט וועגן אים מיט פאַרשידענע מיטגלידער אין דער עקזעקוטיווע, אָבער זיי וויזן נישט אַרויס דערפאַר קיין גרויסן ענטוזיאַזם. ענדלעך באַשליסט דאָס פּרעזידיום צו שיקן אַ געוויסן חבר אין „טיימס״, כדי צוצוגרייטן דעם באָדן פאַר אַ תשובה אויף זשאַבאָטינסקיס

אויספירונגען. ווייצמאַן איז אין דער מיינונג, אַז אַט דער חבר איז נישט פּאַסיק צו דער שליחות און ער שלאָגט פאָר, אַז ער אַליין וועט גיין רעדן מיט די רעדאַקטאָרן פון „טיימס". געררעדט און געטאָן.

צו מאָרגנס אין דער פרי, נאָך אַ לאַנגער זיצונג אין דער ציוניסטישער ביוראָ, טעלעפאָנירט מען צו ווייצמאַנען. מען וויל אים פאָרלייענען דעם נוסח פון בריוו פאַרן „טיימס". דאָ ברעכט ווידער אויס ווייצמאַנס צאָרן: ער וויל נישט קיין שרייבעכץ, וואָס זיין מחבר איז דער רעוויזיאָניסט דער און דער, אַזוינער און אַזוינער, אַ רעוויזיאָניסט פּונקט ווי זשאַבאָטינסקי, אָבער אָן זיין געוואגטקייט. ווייצמאַן שרייט זיך אָן, הענגט אויף דאָס טרייבל און וואַרט אַפילו נישט אויף קיין ענטפער. מאָרגן מסתמא, רעדט ווייצמאַן מיט גאַל, וועלן זיי זיך ווענדן צו מיר, אַז איך זאָל זיי ראַטעווען און שאַפן בייע געלטער, ווייל די קאַסע איז ליידיק.

די אַרבעט אין זיין לאַנדאָנער לאַבאָראַטאָריע איז נישט בכוח ווייצמאַנען צו באַרויקן. עס איז נישט אויסצוהאַלטן ממש פון זיינע נערוון. אָן אומרו מאַטערט אים אָן אויפהער. ער שרייבט צו אָרלאָזאָראָוון, אַז עס רוקן זיך אָן שרעקלעכע טעג. די לאַגע אין פּוילן, און נאָך מער אין דייטשלאַנד, לאָזט אים פּשוט נישט לעבן. מען וואָלט געדאַרפט רופן אַ יידישן וועלט־קאָנגרעס, באַראַטן זיך וועגן אָננעמען די געהעריקע מיטלען, ווייל מיט יעדן טאָג דערנענטערט זיך אַלץ מער דער חורבן. מען מוז — עצהט ווייצמאַן דעם פּאָליטישן אָנפירער פון דער אַגענץ — תיכף אָנהייבן אונטערהאַנדלען מיט דער ענגלישער רעגירונג. עס איז אַ גרויסע טראַגעדיע — באַמערקט ער — אַז אין אַט די שווערע טעג זאָלן זיצן אין דער פירערשאַפט אַזעלכע מענטשן.

ווייצמאַן איז כסדר אָנגעצויגן און געשפּאַנט, ס'איז פּשוט שווער מיט אים צו רעדן. אַז מען קומט אים, למשל, דערציילן וועגן אַ חשובן פּינסקער ייד, וואָס האָט אים אַ מאָל אין דער יוגנט געהאָלפן, און איצט איז ער נעבעך אַ ברויט־צעפּירער אין ארץ־ישראל — ענטפערט ער דערויף: איז וואָס זשע ווילט איר? מיט ברויט איז דאָך דער ייד שוין זיכער...

אָדער, ערגעץ אין אַ שטאָט דערשלאָגט זיך צו ווייצמאַנען אַ פּליט, און ער בעט אַ סערטיפיקאַט קיין ארץ־ישראל.

— ר' ייד — ענטפערט אים ווייצמאַן — איך בין נישט קיין סערטי־פיקאַטן־צושטעלער. איך פאַרנעם זיך נישט מיט רב ישראל, נאָר מיט כלל ישראל.

ווי אַ פאַרוואונדעטער לייב וואַרפט זיך ווייצמאַן אויף נאָענטע און ווייטע. טרויעריקע פאַרויסזעונגען שוועבן פאַר זיינע אויגן.

25

מיט באַנייטע כוחות גייט ווייצמאַן אַנטקעגן דעם יאָר 1932.

די זון ליגט אויסגעגאָסן איבערן ברייטן צעעפנטן ים, די שיף Windsor Castle שניידט זיך דורך אים עלאַסטיש און לייכט און טראָגט זיך צו אַ נייער, אומבאַקאַנטער וועלט. איר נאָמען קלינגט ווי אַ טיטל פון אַן עקזאָטיש ליד — אַפריקע.

ווייצמאַן שפּאַצירט אויפן דעק פון דער שיף. ער איז באַרוישט פון בלויקייט און ליכט. אים איז אָנגענעם, ווייל ער פאָרט פאַרברענגען עטלעכע וואָכן מיט אַ ליבן שבט פון זיין פאָלק, מיט די דרום־אַפריקאַנער יידן.

שטענדיק, ווען עס ווערט שווער אויפן געמיט, ווען סכנות נעמען לויערן אויפן יידישן ישוב אין ארץ־ישראל, איילט ער, כדי צו מוטיקן און טרייסטן דאָס פאָלק, און נישט ווייניקער — אַליין צו שעפּן מוט פון פאָלק. אַלע מאָל ווען ער וואַרפט זיך אַריין צווישן די מאַסן, טויכט ער אַרויס אַ געקרעפּ־טיקטער, אויף ס׳ניי יונג און קעמפעריש.

ווייצמאַן פאָרט איצט צו די דרום־אַפריקאַנער ליטוואַקעס, כדי זיך צו דערפרישן אין דער זאַפטיקייט און ברייטקייט, וואָס די נייע, גוטע ערד האָט זיי געשענקט. און דאָס איז נישט סתם אַ פאַרגעניגן. גערעכט זענען געווען שמריהו לעווין און בערל לאָקער, וואָס האָבן געטענהט, אַז ער זאָל פאַרגעסן אין די פּערזענלעכע ווונדן, אַז ער זאָל גיין צום פאָלק און טאָן זיין פליכט.

ווייצמאַן אָטעמט איין די שאַרפע ים־לופט און ער טראַכט וועגן די ווייטע און נאָענטע וועגן, איבער וועלכע ער האָט אַרומגעוואַנדערט, זינט זיין ערשטן אַרויספאָר צו די ישובים „אויף יענער זייט טייך", איבער בלאָטעס און זומפּן, ביז צו די ליכטיקע און שטאָלצע הויפּטשטעט אין דער גרויסער וועלט. ווי שטאַרק פלעגט אים אינספּירירן יעדער צוזאַמענטרעף מיט די מאַסן! סאַראַ האַרציקייט ער פלעגט פילן אין די פרייע ווינטערדיקע אָוונטן ערגעץ אין אַ קליין שולכל, רעדנדיק פון דער בימה אַראָפּ צו די יידן, וואָס זיצן ביי זייערע שטענדערס.

ווייצמאַן דערמאָנט זיך דעם חודש דעצעמבער 1927 — זיין רייזע איבער בעסאַראַביע און רומעניע. געווען זענען עס ביטערע טעג פאַר יידן. פּאָגראָמ־שטשיקעס האָבן געהוליעט, מען האָט גערויבט, געצונדן, פאַרשוועכט יידישע הייליקייטן.

אויף די וועגן אַרום יאַסי איז געפּערלעך. ווייצמאַן זיצט אין דער שטילער קופּע פון באַן־וואַגאָן און זיין האַרץ איז פאַרקלעמט. יידן שטעלן איין זייערע לעבנס און פּילן אָן די קליינע וואָקזאַלעכלעך, דורך וועלכע עס גייט דורך זיין באַן. זיי ווילן כאָטש אַ קוק טאָן אויף חיים ווייצמאַנען, דעם מענטשן, וואָס ברענגט די יידישע גאולה. יידן שטראָמען מחנותווייז צו „ווייצמאַנס באַן", שלעפּן זיך גאַנצע שעהען אויף וועגענער און שליטנס, אָדער צופוס, איבער בלאָטעס, כדי צו זיין אַ מינוט לעבן אים און אָטעמען זיין לופט. מיט וואָס איז ער ראוי צו דער כמעט רעליגיעזער פאַרערונג? האָט ער דען אַזוי פיל געטאָן פאַר אָט די יידן? האָט ער טאַקע דערנענטערט זייער וועג צו דער גאולה? צי קומט אים אַזאַ ליבשאַפט?

אָט שטייען יידן אויפן קליינעם וואָקזאַל ערגעץ אין אַ העק. ער זעט אַ ספר תורה אין די הענט פון הדרת־פּנימדיקן זקן. זיי שטייען און גלעטן מיט די פינגער דאָס קאַלטע אייזן פון וואַגאָן, די פאַרפרוירענע שויב פון פענצטער. ניין, ער וועט צו זיי נישט אַראָפּגיין! ער איז עס נישט ראוי, נישט ראוי!

אָבער דאָ באַמערקט ער, אין ליכט פון פריען פרימאָרגן, אַ וועגעלע מיט אַ פאַראַליזירטן ייד. מ'האָט אים מסתמא אַראָפּגענומען פון בעט און אים געפירט אַהער אפשר פון ערגעץ וייט, כדי אויך ער זאָל זען דעם יידישן אויסלייזער. ווייצמאַן קוקט אויפן קאַליקע, אויף זיינע אומעטיקע אויגן, און ער שפרינגט אַרויס פון וואַגאָן. זיין בליק איז פאַרטרערט, ער קושט די תורה. עפּעס פּליסטערט ער וועגן משיחן, וואָס מוז קומען, וואָס מוז דערפרייען דאָס יידישע געמיט. דער לאָקאָמאָטיוו צעפּייפט זיך, ווייצמאַן שטייגט איין אין וואַגאָן, די באַן הייבט אָן צו רירן. דאָס הילכיקע התקוה־געזאַנג טראָגט זיך פון הונדערטער מענטשן. עס ווערט זיי מיט אַ מאָל וואַרעם און ליכטיק, זייערע קעפּ הייבן זיך צום הימל און פון זייערע מיילער טראָגט זיך דאָס ליד... „לשוב לארץ"...

זיי דערציילן אים וועגן איבערגעגעבנקייט און ליבשאַפט. אָט איז אַ געשיכטע וועגן איינעם, ברוך כהנא, אַ פּשוטער ייד, פון די „געכאַפּטע" אין די צייטן פון צאַר ניקאָלאַי דעם ערשטן. ער איז אַנטלאָפן פון די גויישע קאַזאַרמעס, און ווי נאָר ער האָט זיך איינגעאָרדנט מאַטעריעל, האָט ער זיינע אַלע כוחות געווידמעט דעם גאולה־געדאַנק. ברוך כהנא איז אַוועק קיין ווין, צו הערצלען, און דער זעער האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

— מיט דיינע שפּענדונגען דערמאָנסטו אַ קינד וואָס טיילט קערנער די פייגעלעך. אויב עס וועלן זיין אַ סך ווי דו, וועלן אַלע פייגעלעך זיין זאַט.

און אָט איז קישיניעוו. טויזנטער יידן האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין די

גאַסן כדי צו אויפנעמען חיים ווייצמאַנען. די גויים זענען געווען אויפגע־בראַכט, עס האָט זיי געפרעסן די קנאה. זיי האָט מען נישט געקענט צונויפ־זאַמלען אין טויזנטער מקבל פנים צו זיין דעם קעניג פערדינאַנד, כאָטש די פאָליציי האָט זיך געפלייסט מיט גוטן און בייזן, און דאָ קומט אַ ייד, אַ מלך אָן אַ קרוין, און די יידן לאָזן שטיין הייזער און קראָמען און זיי שטראָמען צו אים, ווי דער הימל וואָלט אים צו זיי אַראָפּגעשיקט. פרייע און רעליגיעזע האָבן געטאַנצט אין די גאַסן, לופּקינער חסידים מיט חלוצים — אין איין קאַראַהאָד.

אין טשערנאָוויץ, אויף אַ קאָנפערענץ פון ציוניסטן פו דער גאַנצער סביבה, האָט ער דערציילט וועגן זיינע ימי־בראשית אין ציוניזם. ער האָט דערציילט וועגן זיין באַציונג צו הערצלען — אַ טעמע וואָס ער קען זיך פון איר נישט באַפרייען. עפּעס איז ער נישט שלום מיט זיך. ער ווייסט נישט צי איז ער גערעכט געווען כלפי הערצלען, צי האָט ער אים ריכטיק באַנומען, צי האָט ער קעגן אים נישט געזינדיקט.

— הערצל — האָט ער געזאָגט — האָט געהאַט אַ בעסער מזל ווי ער. הערצל איז געקומען פון מערב, די וויטקייט האָט אים צוגעגעבן אַ באַזונדערן יחוס, אַ ספּעציפישן חן. ער איז אַראָפּ ווי אַן אָדלער פון הימל, פון מרחקים, וואָס דאָס פאָלק האָט נישט געקענט. „און איך — מיין שטענדיקע אָנוועזנ־הייט צווישן אונדזערע יידן האָט מיך געלערנט איינצונעמען די פליגל און בלייבן אויף דער ערד, כאָטש די פליגל האָב איך געפילט אויף זיך”.

ער דערמאַנט ווידער די אוגאַנדאַ־דראַמע, זיין קאַמף מיט הערצלען. ער דערציילט ווי ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג אין דער גרויסקייט פון אַ פאָרזיכטיקן גאַנג, פון אויסמיידן די סכנה פון שפּרינגען איבער צייט און מעגלעכקייטן. ער דערמאַנט זיין מוראַשקע־וועג, דאָס זאַמלען אַ קאָפּיקע צו קאָפּיקע פאַר ציון — איבער די אומענדלעכע רוסישע וועגן. אָט די אַרבעט האָט אים זיבן מאָל געבראַכט אין תפיסה אַריין, אָבער ער איז שטאָלץ געווען מיט די אַקציעס וואָס ער האָט פאַרקויפט צו יידן אויף לאַנגע אויס־צאָלונגען. יידן האָבן געצאָלט מיט אָרעמע קאָפּיקעס און געטראַכט וועגן אַרבעט און פרייהייט. דעמאָלט האָט ער איינגעזען די גרויסע גבורה וואָס שטעקט אין פאָלק און גלייכצייטיק האָט ער געלערנט, אַז ס'איז נישטאָ קיין קורצער וועג צו ארץ־ישראל. ניין, ער האָלט נישט פון די פוסטע זשעסטן. ער דערמאַנט ד"ר נאָרדויס רוף: תיכף, אָוועקפירן אַ האַלבן מיליאָן יידן קיין ארץ־ישראל; 200.000 וועלן צוריקקומען, און 300.000 וועלן פאַרבלייבן. ניין, ער האָט נישט געוואָלט אַזאַ מין וועג, ער האָט שטענדיק געקעמפט קעגן אַזעלכע תורות. דעם גואלס טריט זענען שטילע, און זיין שטים איז קול

דממה דקה. ווען די באַלפור־דעקלאַראַציע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, זענען ייִדן ווי פאַרבלענדט געוואָרן דורך איר ליכט, זיי האָבן געמיינט, אַז די גאולה איז שוין געקומען, אַז מען דאַרף גאָרנישט טאָן, אַז אַלץ וועט, ווי דורך עפּעס אַ כּישוף, אויפגיין פון זיך אַליין. און דעמאָלט האָט ער זיך געשטעלט פאַר זיין ציל אויסצוניכטערן די מאַסן, ביז זיי וועלן באַגרייפן, אַז די גאולה מוז מען אויסשמידן אַליין, מיטן אייגענעם בלוט און שוויס.

סתם אָפּאָזיציע — האָט ער געזאָגט די פאַרזאַמלטע ייִדן — איז אַ לעכערלעכע זאַך. מיט סתם רעדן קען מען ווייט נישט פאַרפאָרן. ער ברענגט דעם משל מיט יענעם אָרעמען בחור, וואָס איז אַרויס אין דער גרויסער וועלט. דערגאַנגען צום פּאַלאַץ פון מלך, איז ער אַהין אַריין און געבעטן די בת־מלכה. ענטפערט דער מלך: אדרבא, נעם זי. לאָזט זיך אָבער אויס, אַז געווען איז עס אַ קאַפּריזנע בת־מלכה, דאָס וועלן אַליין איז נישט גענוג געווען.

ער גלייבט אין דער ענדגילטיקער גאולה און ער וויל זי זען. ארץ־ישראל איז אים ליב, טראָץ אירע שוועריקייטן, אירע אַראַבער, אירע בערג און מדבריות, און טראָץ דעם, וואָס דער קליינער ירדן און נישט דער גרויסער ניל, ציט זיך איבערן לאַנד.

ייִדן האָבן אויפגענומען זיינע רייד. פון שטעט און שטעטלעך זענען אָנגעקומען גאַנץ וואָגיקע סומעס פאַר ארץ־ישראל, אין די סאַמע טעג פון רדיפות און נגישות.

וויצמאַן שפּאַצירט אויפן דעק פון דער שיף און ער דערמאָנט זיך אויך אין זיינע וועגן איבער דעם שיינעם איטאַליע, ווו ער האָט געזוכט די אַלטע מיוחסדיקע ייִדישע שבטים. ער איז דאַן געווען ביים קעניג פון איטאַליע, געגאַנגען איבער די זעלבע קאָרידאָרן און געזען דעם זעלבן איטאַליענישן געניוס אין שטיין און אין פאַרב, ווי עס האָט אים געזען מיט יאָרן צוריק דער טרוימער פון דער ייִדישער מדינה, טעאָדאָר הערצל. אויך דער זעלבער ציל האָט אים אַהין געפירט — ווירקן אויפן וואַטיקאַן, אַז ער זאָל אָפּשטעלן זיין קאַמף קעגן אַ ייִדיש ארץ־ישראל. מיט אַ טאָג שפּעטער איז ער געווען אין וואַטיקאַן. ער איז געוואָרן פאַרווירט פון די וווּנדער, וואָס האָבן אַראָפּגערעדט פון יעדער וואַנט און סופיט. ישו, דער ייִדישער זון, און זיינע אַפּאָסטאָלן באַגלייטן מיט זייערע בליקן זייער ברודער, וואָס גייט בעטן חסד פון גאָטס פאַרטרעטער אויף דער ערד. עס נעמט אים אויף דער קאַרדינאַל גאַספּערי. דער מאַן אין פּורפּור־רויט פרעגט וויצמאַנען: „צו וואָס זאָלן זיך די ציוניסטן חברן מיט די פּראָטעסטאַנטן, די ענגלענדער״? אין

קאַרדינאַלס רייד קלינגט דאָס פּראָפּאַגאַנדע־לשון פון „מאָרנינג־פּאָסט" — וועגן די רייכע ראָטשילדס און די אָרעמע אַראַבער.

הויכע קאָרידאָרן און צימערן, מיט קונסט־אוצרות אָן אַ סוף; מענטשן און געטער אין פּורפּור און אין גאָלד. ווייצמאַן זעט די קרעפּטיקע פיגורן געשאַפֿענע אין מיקעל אַנזשעלאָס באַגייסטערונג. צי טראַכט ער גאָר וועגן יענעם אומגליקלעכן צירקולאַר וואָס דער וואַטיקאַן האָט פאַרשפּרייט צווישן זיינע גלויביקע? דאָרט איז געווען געשריבן, אַז „מיט קריסטלעך בלוט האָט מען באַפּרייט דאָס הייליקע לאַנד און איצט הערשן אין אים די יידישע געלט־מענטשן, און הייליקע פּלעצער ווערן פאַרוואַנדלט אין פּלעצער פון שפּיל און פאַרוויילונג".

עס לעבט אויף אין ווייצמאַנס זכרון זיין וואַנדערן איבער דעם פּרעכטיקן איטאַליע, כּדי צו געפינען יידישע וואַרעמקייט. זיין באַגלייטער איז דוד פּראַטאָ, פון די מיוחסים אין רוים. ער פירט ווייצמאַנען איבער שטעט און שטעטלעך. אָט איז פלאָרענץ, די שטאָט פון קונסט און בלומען. דער טייך ערנאַ ציט זיך און באַפּרוכפּערט די ברעגן און עס גייט אויף אַ קאָלירפול בליעכץ. אין אָט די הייזער — ווער וואָלט געגלויבט? — לעבן נאָר יידישע מענטשן, אוראייניקלעך פון רומפּולע, שטאָלצע זיידעס. אין פלאָרענץ באַקענט זיך ווייצמאַן מיט אַ ייד — אַן איטאַליענער אין זיין אויסזען, אין זיין באַוועגונג, אַן איטאַליענער אַפילו לויטן נאָמען — פּאַצי־פּיצי, וואָס שרייבט און רעדט וועגן יידישער גאולה. ער איז אויפגעקומען ווי אַן איינזאַמער בוים אין פעלד, פון גאָט אַליין געבענטשט. גיי פאַרשטיי דעם סוד פון יידישער אייביקייט! פּאַציפּיצי לערנט זיך העברעיש, היט אָפּ מצוות, שאַפט אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און רעדט וועגן עולה זיין; פאַרלאָזן, הייסט עס, די שטעט פון בלומען און זון, די שטעט פון קונסט־אוצרות, און זיך לאָזן אין ארץ־ישראלדיקן מדבר. גיי פאַרשטיי אַזאַ פאָלק!

און איצט פאָרט ער אין ווייטן דרום־אַפריקע. פאַר וואָס נישט קיין פּוילן? שוין מער ווי צוויי צענדליק יאָר איז ער דאָרט נישט געווען. נישט ווייט פון בוג און פון דער ווייסל איז געשטאַנען זיין וויג. ווי האָט ער געקענט פאַרגעסן אין די פּוילישע יידן? ער האָט גערעדט זייער שפּראַך, ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך זייער חכמה און הומאָר, פאַר וואָס פאָרט ער נישט צו זיי? אַרום פּינסק און וואַרשע האָט מען אים אויסגעקוקט זינט יאָרן, און ער — זאָל ער זיך האָבן געשפּילט אין כבוד־זוכעריי? ער האָט געבעטן יצחק גרינבוימען, דעם פירער פון די פּוילישע יידן, אַז ער זאָל צוגרייטן דעם באָדן פאַר זיין קומען, צוגרייטן אַן אויפנעם ביי יוזעף פּילסודסקי, דעם אַלמעכטיקן פּוילישן הערשער. גרינבוימס ענטפער און זיין טענה וועגן

ווייצמאַנס פּערזענלעכער זיכערקייט אין אַנטיסעמיטישן פּוילן, האָט ווייצמאַ־נען נישט איבערצייגט. איז ער ברוגז געוואָרן און נישט געפאָרן. און ווען יידן זענען געלאָפן פון רדיפות און פון „גראַבסקיס עגלה", געזוכט אַ רעטונג אין יידישן לאַנד, איז ווייצמאַן געוואָרן אומרויק. ער האָט מורא געהאַט, אַז די יידן פון דזשיקע און נאַלעווקי, פון די וואַרשעווער גאַסן, וועלן נישט בכוח זיין אויסצוהאַלטן דעם נסיון, אַז ביי דער ערשטער שווערי־קייט וועלן זיי זיך צעלויפן — און דאָס וועט וואַרפן אַ שאָטן אויף דער יידישער אויפבוי־אַרבעט, וואָס איז אים טייערער פון אַלץ. ווייצמאַן האָט דאַן פריער געזען דאָס לאַנד ווי דאָס פאָלק — גאַרנישט לויט זיין שטייגער.

ווייצמאַן דערמאָנט זיך די זיצונג פון דער עקזעקוטיווע אין ירושלים, דעם צענטן אָקטאָבער 1924. ער איז דאָרט אַרויסגעטראָטן קעגן דער „כאַאָטישער" עליה פון פּוילן ווו עס הערשט אַ היסטעריע, אין וועלכער מען קען לחלוטין נישט אַרבעטן.

מען האָט ווייצמאַנען נישט געקענט שענקען זיין אַרויסטריט קעגן די יידן פון דזשיקע און נאַלעווקי, וועלכע ער וויל נישט האָבן אין יידישן לאַנד, ווייל זיי שמאַיען אַרום און בויען אין תל־אביב לופט־געשעפטן און פאַרפלאַנצן אויף ס'ניי דאָרט דעם גלות.

ווייצמאַן האָט געהאַט פאַר זיינע אויגן נהלל און עין־חרוד, די פעלדער וואָס זענען אויפגעגאַנגען אין בלוט און אין טרערן. ער האָט געזען פאַר זיך דאָס לאַנד, וואָס האָט נאָך נישט באַוויזן צו שלאָגן וואָרצלען, און דאָ הייבט זיך אויף אַ כוואַליע פון צערודערטע לופט־מענטשן, וואָס קען אַלץ צעטראָגן.

ווי שטאַרק האָט ווייצמאַנען וויי געטאָן יענער זאָג זיינער וועגן די יידן פון דזשיקע און נאַלעווקי. אָבער עס האָט אים פאַרפירט זיין מידה פון נישט קענען האַלטן זיין צונג. ווי ער אַליין האָט זיך אויסגעדריקט. מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט ער אין טעאַטער „ציון" אין ירושלים, פאַר אַ גרויסן עולם, געבעטן מחילה: זיי, די יידן פון די וואַרשעווער גאַסן — האָט ער געזאָגט — וואָס גויים האָבן זיי דערנידעריקט און פאַר־משפט אויף נישטיקע פרנסות — זיי זענען דאָך אונדזער בלוט און לייב, אַ טייל פון דער אייגענער נשמה.

אָבער דעמאָלט האָט דאָך אויך מורא געקריגן פאַר יעדער כאַאָטישער עליה חיים נחמן ביאַליק. בעת אַ שפּאַציר מיט ווייצמאַנען אויפן תל־אביבער ים־ברעג האָט דער דיכטער זיך געקלאָגט: אַ צוזאַמענלויף און נישט קיין אומה, אַ מישמאַש פון שפּראַכן און נישט העברעיש. וואָס וועט זיין, וואָס וועט זיין?

און אַט זענען די ברעגן פון גרויסן אַפריקאַנישן קאָנטינענט.

די יידן אין קייפּטאַון געדענקען נישט אַזעלכע ליכטיקע טעג, אַזאַ מין התרוממות הנפש.

עס קומען דעלעגאַציעס. מען לייענט פאַר אַ באַגריסונג פון פּרעמיער גענעראַל הערצאָג. ער לויבט ווייצמאַנען, דעם ציוניזם: „פאַראַן עפּעס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס ציט צו זיך די הערצער פון מענטשן און נישט נאָר פון די, וועמען די זאַך איז דירעקט נוגע, נאָר אויך אַזעלכע ווי איך און פיל אַנדערע נישט־יידן אין דרום־אַפריקע".

„יוניאָן עקספּרעס", די באַן פון קייפּטאַון קיין יאָהאַנעסבורג, טראָגט זיך איבער ווייט־אויסגעשפּרייטע שטחים, איבער סטעפּעס און בערג, טייכן און וועלדער. איבער דער לאַנגער באַן־ליניע לויפן דורך שטעטלעך מיט משונהדיקע נעמען: קלערקסדאָרף, פּאָדכעטסטראָם, ראַנדפאָנטעין. אין יעדן איינעם פון זיי וווינען יידן. און זיי שטראָמען צו די וואָקזאַלן: צעשטראַלטע יומטובדיקע יידן, מיט מתנות אין זייערע הענט, מיט דער שפּענדונג פון יעדן יידישן תושב. כך וכך יידן — כך וכך פונטן שטערלינג.

אין יאָהאַנעסבורג פאַרזאַמלען זיך טויזנטער יידן אין דער געגנט פון וואָקזאַל. דער מער פון שטאָט, אין זיין טראַדיציאָנעלן טראַכט, פאָרט מיט ווייצמאַנען אין אַ צערעמאָנטן אויטאָמאָביל, צום האָטעל צו. נאָך זיי — צענדליקער, צענדליקער אויטאָס. זעלטן ווען יאָהאַנעסבורג האָט געזען אַזאַ צעכוואַליעטע פרייד, אַזאַ התרוממות. לאַנגע שעהען זענען יידן געשטאַנען אַרום דעם קאַרלטאָן־האָטעל און די קינדער האָבן געפאָכעט מיט די ווייס־בלויע פענדלעך.

אין איינעם פון די אָוונטן, אַרויסגייענדיק פון „אָרפעום־טעאַטער", נאָך אַן ענטוזיאַסטישן ארץ־ישראל מיטינג, רופט אויס ווייצמאַן צו די מאַסן מענטשן וואָס באַלאַגערן אים אין דרויסן:

— קינדערלעך, איר גלייבט?

— מיר גלייבן, מיר גלייבן, — האָבן יידן אויסגעשאַלט ווי אין איין קול.

אויף די צוזאַמענטרעפן רעדט ווייצמאַן אין ליבן פאָלקסטימלעכן לשון. ער דערמאָנט ווערטלעך און מעשות, שוין באַלד פאַרגעסענע. ער שפּרודלט מיט פקחות און פאָלקס־הומאָר. אָט דערציילט ער וועגן באַוווסטן פּראָפעסאָר מאַנדלשטאַם, דעם באַרימטן אויגן־דאָקטאָר און ציוניסטישן עסקן. איין מאָל באַזוכט דער פּראָפעסאָר דעם גרויסן גביר בראָדסקי און בעט ביי אים אַ סומע פאַר ארץ־ישראל. זאָגט דער מיליאָנער צום פּראָפעסאָר: איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב נישט בדעה זיך צו באַזעצן אין ארץ־ישראל,

טאָ צו וואָס קומט איר צו מיר? ענטפערט אים פּראָפ. מאַנדלשטאַם: אָט בויט איר אַ גרויס שפּיטאָל אין שטאָט, און איר טראַכט דאָך מסתמא נישט אַהין זיך צו פאַרקלייבן.

וויצמאַן רעדט צו די יידן וועגן דעם קליינעם ארץ־ישראל, וואָס איז געגליכן צו אַ קליינעם שליסל, וואָס קען עפענען אַ הויכע, שווערע טיר. וויצמאַן רעדט וועגן גרויסן גליק פון זיין פאַרוואָרצלט אין אַ לאַנד. אַ פאָלק קען אַלץ אויסמיידן, אויב עס לעבט אויף זיין באָדן. אַ פאָלק פאַר־לירט נישט זיין געשטאַלט, אויב עס שיצן אים זיינע היימישע הימלען. רוסלאַנד וועט בלייבן רוסלאַנד, מעג דער הערשער זיין דער צאַר, אָדער סטאַלין... „אָבער מיר הערן אויף צו זיין. מיר זענען דאָס שמיר־אייל אויף די רעדער פון אַנדערע פעלקער. אַנדערע נאַציעס בלייבן אויף זייער פלאַץ און אונדז צעשטערט מען בהדרגהווייז".

וויצמאַן רעדט וועגן דער יידישער אַנאָמאַליע. יידן טענהן, אַז זיי זענען אַ פאָלק פאַר זיך, און גלייכצייטיק ווערן זיי נישט מיד צו דערקלערן, אַז זיי זענען ענלעך צו די נישט־יידישע בירגער. נישט מיר און נישט זיי גלייבן אין דעם. זאַכן וואָס זענען נישט קלאָר, וועקן צווייפל, אומפאַר־שטענדניש, און פון דער לעצטער ביז שנאה איז אַ קורצער שפּאַן...

צו פיל ליבע אָדער צו פיל שנאה איז נישט נאָרמאַל. מען הערט אָפט, אַז די יידן זענען זייער גוטע מענטשן אָדער „אַז די בעסטע פון מיינע פריינד זענען יידן". דאָס באַווייזט אויף באַציונגען, וואָס זענען דורכגע־נומען מיט אַ מין קרענקלעכקייט. עס איז אומבאַקוועם, סיי פאַר זיי און סיי פאַר אונדז.

אומענדלעכע זענען די דרום־אַפריקאַנישע שטחים. די מרחקים פון ראָדעזיע, קעניע, אוגאַנדע שפּרייטן זיך פאַר וויצמאַנס אויג.

ראָדעזיע איז צענדליקער מאָל גרעסער פון ארץ־ישראל און פאַרמאָגט אַ ווייסע באַפעלקערונג פון זעכציק טויזנט. אוגאַנדע איז אַ גרויסער גרינער עמעראַלד; איר ערד איז פרוכבאַר און יונג. סאַראַ ליכטיקע וועלט. נישטאָ אין יאר קיין אַראַבער, נישטאָ קיין פּראָבלעמען. עס וואָלט דאָך געווען אַזוי לייכט — זאָגט די פאַנטאַזיע, אָבער נישט דער שכל — צו קאָלאָניזירן דאָ מענטשן און אָנהייבן אַ לעבן פון דאָס ניי. אָבער יידן האָבן נישט גע־וואָלט דעם גרינעם עמעראלד. געוואָלט האָבן זיי די הוילע בערג פון ירושלים.

26

פון אומעטום טראָגט זיך איינע און די זעלבע פאָדערונג: מען מוז צוריקברענגען ווייצמאַנען צו דער פּירערשאַפט, ווייל עס קען ווערן צו שפּעט.

אין קלוב פון די אַלגעמיינע ציוניסטן אין תל־אביב רופט אויס פּראָפעסאָר בראָדעצקי, דער יידיש־ענגלישער עסקן, מיטגליד אין דער עקזעקוטיווע: „מיר האָבן פּאַרטריבן דעם וויכטיקסטן מענטשן וואָס מיר פאַרמאָגן, מען האָט געפונען פעלערן אין זיין אַרבעט. איך גלייב נישט, אַז די פעלערן זענען געמאַכט געוואָרן. דערווייל אָבער איז געבליבן אַ ליידיקער חלל אין דער אַרבעט, וואָס ער האָט געטאָן אויפן פּאָליטישן געביט". בראָדעצקי איז מודה, אַז „אין משך פון חדשים איז נישט געווען מעגלעך צו קומען אין קאָנטאַקט מיט רעגירונגס־מענטשן, וואָס שייך אונדזערע ענינים".

אין אַן ארץ־ישראל־צייטונג, וואָס האָט זיך ספּעציאַליזירט אין גיסן שמוץ אויפן „ענגלישן אַגענט", דערשיינט אַן אַרטיקל א. נ. „צוריק צו ווייצמאַנען". דער מחבר איז אַנטוישט אין סאָקאָלאָוון. בעת ער איז אויסגעוויילט געוואָרן, האָט ער דערקלערט, „אַז ער וועט פירן אַן אייגענע פּאָליטיק", אָבער צום באַדויערן האָט ער נישט דערפילט זיין צוזאָג. רעדנדיק וועגן געוועזענעם פירער, שרייבט דער מחבר פון אַרטיקל: „ביי ווייצמאַנען זענען געווען גרויסצוגיקע וועגן, אַ רירעוודיקייט, פונקען פון צויבער, דעציזיעס פון אַ גאון, וואָס אַזעלכע האָט מען נאָר ביי הערצלען געזען, וואָס אַן אמת — אין אַ פיל גרעסערער פאָרעם... ווייצמאַן מוז צוריקקומען, מעג ער עס וועלן, אָדער נישט. ער מוז צוריקקומען, ווייל די כוחות זיינע האָבן אים נאָך נישט פאַרלאָזן און דאָס יידישע פאָלק נייטיקט זיך אין זיין פּירערשאַפט".

דער רוף, אַז ווייצמאַן דאַרף צוריקקומען ווערט אויך געהערט אויף דער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין אַמעריקע, וואָס דריקט גלייכצייטיק אויס איר האָפענונג אים צו זען בקרוב ביי זיך.

אין לאָנדאָן, אויף דער זיצונג פון אַקציאָנס־קאָמיטעט, דערקלערט פּראָפעסאָר בראָדעצקי, אַז ער איז כלל נישט גרייט אָנצווענדן אַ שיטה, וואָס האָט אין זיך נישט ווייצמאַנס אייגנשאַפטן.

אגב, איז ווייצמאַן גאָרנישט אַזוי דערווייטערט פון דער ציוניסטישער אַרבעט. די לאַבאָראַטאָריע האָט אים נישט געקענט אין גאַנצן באַפרידיקן; ווו אַ פרייע מינוט — איז ער צוריק „ביי די ציוניסטישע ענינים".

אָט איז ער אין ציריך, וווּהין ער איז געקומען רעפערירן וועגן „צען יאָר ענגלישן מאַנדאַט אין ארץ־ישראל". מען קומט אים הערן פון נאָענט און ווייט, און אַן אַנגענעמע איבערראַשונג: עס איז אויך פאַראַן דער שוין גאָר אַלטיטשקער טשאַרלז דרייפוס, וואָס האָט מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק געגעבן ווייצמאַנען די ערשטע אַרבעט אין מאַנטשעסטער און מיט דעם לייכטער געמאַכט זיינע שווערע אימיגראַנטן־טעג.

און באַלד איז ווייצמאַן אין מאַדריד, ווו ער האָט אַ לאַנגן שמועס מיטן קולטור־מיניסטער.

ווייצמאַן קען זיך קיין אָרט נישט געפינען, ער פאָרט פון איין אָרט צום צווייטן, ווי געיאָגט דורך אַ געשפענסט. דער הימל איבער דער יידי־שער וועלט ווערט אַלץ טונקעלער און טונקעלער. דאָס האַרץ זאָגט אָן נישט קיין גוטס.

מיטן יאָר 1933 הייבט זיך אָן אַן אימהדיקע תקופה פאַרן יידישן פאָלק.

ווייצמאַן ווערט דער פאָרזיצער פון הילפספאָנד פאַר דייטשע יידן. אים איז ליב און טייער די יידישע גייסטיקייט וואָס האָט במשך פון לאַנגע דורות זיך אַנטוויקלט אין דייטשלאַנד. זיין הייסער באַגער איז צו ראַטעווען די יידישע אינטעלעקטועלע פון נאַצישן לאַנד. ביי ווייצמאַנען ווערט געשאַפן אַ פּלאַן אויפצושטעלן אין רחובות אַ פאָרשונגס־אינסטיטוט, אין וועלכן עס זאָלן געפינען אַן אַרבעטס־פּלאַץ די באַדראָטע יידישע געלערנטע און פאָרשער.

דער ענגלישער עסקן און ציוניסט, ישראל זיוו, גיט די נייטיקע פאָנדן אויפצושטעלן דעם געפּלאַנטן אינסטיטוט, וואָס וועט פאַראייביקן דעם נאָמען פון זיין זון דניאל.

ווייצמאַן האַלט זיך אָפּט אַן עצה מיטן גרויסן יידיש־דייטשן געלערנטן ריכאַרד ווילשטעטער, אַ באַרימטער כעמיקער פון מינכענער אוניווערסי־טעט, וועלכן ער האָט געמוזט פאַרלאָזן נאָך אין 1928, צוליב דער אַנטי־סעמיטישער אַטמאָספער, וואָס האָט דאָרט געהערשט. ווייצמאַן וויל, אַז דער באַרימטער געלערנטער זאָל קומען קיין ארץ־ישראל.

— ריכאַרד ווילשטעטער, קום מיט מיר אין יידישן לאַנד און ווער

דער לייטער פון אינסטיטוט. עס וועלן דיר געגעבן ווערן אַלע מעגלעכקייטן, יעדער ווונטש דיינער וועט דערפילט ווערן.

— מיין פּלאַץ איז אין דייטשלאַנד, מיין היים.

— אָבער וואָס פאַראַ היים איז עס, וואָס פאַראַ מאַמע איז עס, וואָס פאַרטרייבט פון זיך אירע קינדער?

— דייטשלאַנד זינקט טאַקע אין שגעון. אָבער אַ מאַמע, געשלאָגן פון וואַנזין איז נאָך אַלץ אַ מאַמע, און קינדער טאָרן זי נישט פאַרלאָזן.

— אָבער ריכאַרד!...

עס האָט נישט געהאָלפן. ריכאַרד ווילשטעטער האָט נישט דערלעבט צוריקצופאָרן אַ פרייער אין דייטשישן לאַנד.

ווייצמאַן שפּאַנט זיך איין אין דער שווערער אַרבעט פון הילפסבאַנד פאַר דייטשע יידן. ווידער קלאַפּט ער אין די די טירן, כאָטש עס זענען שוין נישטאָ די אַמאָליקע כוחות.

ווייצמאַן מוטיקט די מענטשן: ארץ־ישראל איז דער איינציקער אויס־וועג פאַר די געראודפטע יידן. נישט קיין פילאַנטראָפּיע זוכט ער, נאָר פאַקטישע גאולה.

ווען ווייצמאַן וויקלט פונאַנדער דעם ארץ־ישראלדיקן צויבער, טוט ער עס אָפט מאָל מיט אַ גאַליקן הומאָר. אויף אַ פאַרזאַמלונג פון יידן אין ווייטשעפּל זאָגט ער: „...ערשט איצט האָבן יידן אָנגעהויבן צו פאַרשטיין וואָס ארץ־ישראל באַדייט פאַר זיי, און נישט חלילה דערפאַר, וואָס נייע צרות האָבן זיך אויף זיי אַ לאָז געטאָן. איך האָב זיך קיין מאָל נישט גע־זאָרגט, אַז אונדז וועלן אויספעלן צרות. איך האָב געוווּסט, אַז דער הקדוש־ברוך־הוא וועט שוין אַכטונג געבן, אַז קיין צרות זאָלן אונדז נישט אויס־פעלן. די סיבה פאַר וואָס יידן באַנעמען איצט בעסער דעם ענין פון ארץ־ישראל איז די, וואָס דורך דער צייט האָט מען אויסגעטרוקנט זומפּן, אָפּגעע־רוימט די שטיינער פון פעלדער, געפלאַנצט ביימער. מיט אַ מאָל האָבן יידן דערזען, אַז ארץ־ישראל איז גאָר אַ פיינע זאַך. און עס איז קיין ווונדער נישט: די ערד איז באַפרוכפּערט געוואָרן מיטן בלוט פון אַ גאַנצן דור״. און דאָ דערמאָנט ווייצמאַן, אַז אין ארץ־ישראל זענען נאָך געבליבן זומפּן, וואָס וואַרטן אויף אויסלייזונג. אַך, זאָגט ווייצמאַן, ווען ס׳וואָלטן געווען די פאַר קאַפּיקעס — סאַראַ גרויסע זאַכן וואָלט מען געקאָנט אויפטאָן. די ענגלענדער וואָלטן פאַר אונדז געהאַט מער דרך־ארץ און מען וואָלט נישט געדאַרפט אַזוי אָפט לויפן אין קאָלאָניאַל־מיניסטעריום.

איך האָב געהאַט אַ פעטער, אַ גרויסער שלימזל, נעבעך, פלעגט

ער זאָגן: אַ משונהדיקע שטאָט פינסק, אַז דו דאַרפסט אויסבייטן אַ צענער רובל, האָסטו גאָרנישט דעם צענער רובל. אַ משונהדיק פאָלק זענען יידן. איך ווייז זיי וואָס איך וואָלט געקענט אויפטאָן מיט פינף מיליאָן פונט, פונקט ווי איך וואָלט זיי געהאַט אין קעשענע. און מען זאָגט נאָך, אַז מיר זענען אַ קלוג פאָלק. איך זאָג אייך, יידן, נאָך אַ מאָל, אַז דער שליסל צו ארץ־ישראל איז נישט אין די ענגלישע הענט, נאָר אין די יידישע.

וואָס הייסט בעטן ביים גויים זיי זאָלן אונדז געבן אַן אוצר? האָסטו דאָך ווידער דעם משל פון קעלמער מגיד: „אַז כ׳וועל פאַרלאַנגען פון קיסר די פרינצעסין פאַר אַ כלה, וועט ער זי מיר געבן?"

ווייצמאַנס שטים ווערט פעסטער און ערנסטער: יידן, איר ווילט לערנען פאָליטיק? איז לאָמיר אייך זאָגן, אַז דאָס איז אַ וויסנשאַפט זייער אַ פשוטע. פאָליטיק הייסט האָבן אַ נאָז וואָס קאָן אָנשמעקן וואָס איז מעגלעך צו טאָן און וואָס נישט.

...יידן, אַז זיי ווילן, קענען זיי. אָט האָבן מיר דאָך מערער באַוויזן מיט אונדזער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, ווי ענגלאַנד מיט אירער אין דער בריטישער קאָלאָמביע. זיי, מיט גוטער ערד און אַן אַראַבער, האָבן וויניקער אויפגעטאָן, ווי מיר — מיט שלעכטער ערד און מיט אַראַבער. זיי זענען דורכגעפאַלן, ווייל זיי האָבן נישט פאַרמאָגט די גבורה פון קידוש השם... עס פאָדערט זיך גבורה, יידן, גבורה. — און ווידער רעדט ווייצמאַן וועגן ראַטעווען די דייטשע יידן, וועגן ליבשאַפט און ווילן.

אין פרילינג 1933 האָט מען זיך געגרייט לייגן דעם גרונטשטיין פאַרן זיוו־אינסטיטוט אין רחובות.

ווייצמאַן, דער הויפּט־מחותן, קומט קיין ארץ־ישראל. ווי תמיד, הייבט ווייצמאַן אָן זיין באַזוך איבערן לאַנד פון נהלל. מענטשן פון דער סביבה קומען זיך צונויף אין דאָרף בכדי צו באַגריסן ווייצמאַנען. עס קומט בראָש פון כפר־יהושע, לוי שקאָלניק,* שמואל דיין און נאָך און נאָך — זייער און בויער.

הייבט זיך אויף לוי שקאָלניק און זאָגט: „פונקט ווי מיר האָבן אַ מאָל געבעטן פון ווייצמאַנען אַ מגילת העבודה, בעטן מיר איצט פון אים מגילות פון נייע אויסלייזונגען, — צו פאַרדאָפּלען און פאַרדרייפאַכן דאָס ווערק פון קאָלאָניזאַציע און שאַפונג. מיר האָבן נאָך קיין מאָל נישט געגאַרט

* איצט — לוי אשכול.

צו אַ נייעם אויפֿטו, ווי איצט. אונדזער ענטפֿער אויף דער שווערער לאַגע אין גלות דאַרף זיין: אַ נייע באַזע פֿאַר די עולים, וואָס קומען צו אונדז״.

ווייצמאַן קוועלט אָן, קוקנדיק אויף די פֿנימער געקאַרבטע פֿון זון און פֿון שטורעם. ער זאָגט צו די מענטשן: „ווען איך וואָלט וועלן אויף אייך מאַכן אַ ברכה וואָלט עס געווען די ברכה פֿון „המוציא לחם״, וואָרעם איר זענט די וואָס ציען אַרויס דאָס ברויט פֿון דער ערד״. ער איז גליקלעך ווידער זיך צו געפֿינען צווישן זיי, צווישן די שעפֿער און בויער; ער זעט „זייער שטעמפּל אויף יעדן בוים און פֿעלד, אויף יעדער הויז און קינד״.

„איר בעט מיך — ווענדט זיך צו זיי ווייצמאַן, — איך זאָל צוריקגיין צו דער אַרבעט. האָב איך זי דען פֿאַרלאָזן, אַפֿילו אויף איין טאָג? קיין איין שעה איז ביי מיר נישט אַדורך, אָן צו זאָרגן פֿאַר אונדזער זאַך, אָן צו טאָן אונדזער בשותּפֿותדיקע אַרבעט״.

ווייצמאַן גיט איבער זיינע נייע פּלענער: וועגן זיין פֿאַרלאַנג צו באַזעצן זיך אויף אַ לענגערער צייט אין ארץ־ישראל, וועגן אינסטיטוט, וואָס ער וויל אויפֿשטעלן, וועגן דער פֿאָרשונג אויפֿן געביט פֿון אַגריקולטור, וועלכע ער גרייט זיך צו ווידמען, „און אויב איך וועל מצליח זיין לייכטער מאַכן אייער קאַמף מיטן באָדן און קלימאַט, גרינגער מאַכן דעם גורל פֿון מענטשן אין פֿעלד, וועל איך זיך פֿילן מער ווי גליקלעך״... אָבער מיר דאַרפֿן פֿאַר־דאָפּלען און פֿאַרדרייפֿאַכן אונדזער אַרבעט אין לאַנד, כּדי צו קענען זאָגן דער יוגנט אין דייטשלאַנד, פּוילן און אַנדערע לענדער: קומט צו אונדז, דאָ איז פֿאַראַן אַ פּלאַץ פֿאַר אייך, אויב איר ווילט אַ פּשוט, אָבער אמתדיק לעבן, אַ לעבן פֿון אַרבעט און מי. דאָס איז דער ענטפֿער, וואָס מיר קענען געבן אַלע אונדזערע שונאים. מיר ווילן נישט פֿירן קיין מלחמות מיטן כּוח פֿון דער פֿויסט; מיר קענען אָבער קעמפֿן אין נאָמען פֿון גייסט און יצירה״.

וואָס פֿאַראַ פֿרייד איז ווידער צו זיין אין לאַנד אין די פֿרילינג־טעג! ווייצמאַן שפּאַצירט איבער פֿעלדער און וועגן, ער שמועסט מיט דורכגייער. ער פֿילט דעם יוגנט־צויבער, וואָס שוועבט אין דער לופֿט.

אין די ליכטיקע ארץ־ישראל־אָוונטן שפּאַצירט ווייצמאַן איבערן חיפֿהער כּרמל. באַרג, ים און הימל מישן זיך צוזאַמען אינעם געפֿינקל פֿון בלוילעכע שטערן.

אין אַ פּסח־אָוונט קומט ער צוריק פֿון אַ סדר, וואָס מען האָט געפּראַ־וועט אין מכּבי־הויז. פּלוצעם — אַ טעלעפֿאָן פֿון ניו־יאָרק, דאָס ערשטע

דירעקטע געשפרעך חיפה—ניו־יאָרק: — „אַ גוט יום־טוב אייך, חיים ווייצמאַן, פרייד און גליק אין נאָמען פון די אַמעריקאַנער יידן".

ארץ־ישראל און גלות דערלאַנגען זיך די הענט — און ער, ווייצמאַן, אין מיטן.

ווייצמאַן באַזעצט זיך אין רחובות, די קליינע מושבה וואָס טונקט זיך אין פּרדסים און ווייגערטנער. נישט ווייט פון דאַנען איז מיט אַכצן הונדערט יאָר צוריק געלעגן דאָס שטעטל יבנה. און אין איר — יונתן בן זכאים באַרימטע ישיבה, וואָס דער תנא האָט באַקומען אַלס פּאַרגיטיקונג פאַר דער מדינה וואָס רוים האָט חרוב געמאַכט. די ישיבה איז געוואָרן דער לייכט־טורעם אויפן גלות־וועג וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעעפנט.

דערווייל איז נאָך ווייט צו מנוחה. דערווייל וואַרטן אויף ווייצמאַנען נייע וואַנדערונגען. ווו איז זיין אַדרעס? ער ווייס אַליין נישט. פון רחובות קיין לאָנדאָן — אַהין און צוריק, און אין צווישן — אַ וויזיט אין ניו־יאָרק, פּאַריז, אָדער רוים.

זיין טיפע זאָרג פאַרן גורל פון די דייטשע יידן ברענגט ווייצמאַנען קיין רוים. ער פאָרט צו פּלאַצאָ ווענעציאַ. פאַר אים עפנט זיך אַ הויכע, שווערע טיר. ווייצמאַן זעט פאַר זיך אַ לאַנגן צימער, געהילט אין טונקלקייט. ביים סוף, הינטער אַ שווערן טיש, זיצט דער מאַן, אין וועמעס הענט עס ליגט דער גורל פון איטאַליע — בעניטאָ מוסאָליני.

ווייצמאַן באַרירט תיכף דעם ענין, וואָס האָט אים אַהער געבראַכט:

— וואָס וועט זיין מיטן דייטשן יידנטום?

מוסאָליני שפּרודלט מיט סימפּאַטיע. ער איז פול מיט באַוווּנדערונג פאַרן יידישן זשעני, וואָס זיין אנטפּלעקונג אויף דער דייטשער ערד האָט נישט איין מאָל געוועקט זיין אויפמערקזאַמקייט. ער איז גרייט צו העלפן, איינ־טערווענירן.

בעניטאָ מוסאָליני וויל זיין פריי; ער היט זיך נישט געפאַנגען צו ווערן אין דער נעץ, וואָס היטלער האָט אויסגעשפּרייט אַרום אים.

ווייצמאַן פילט אַרויס מוסאָליניס שטיין אויפן קרייצוועג, זיין ווערן זיך פון היטלערס פריינדשאַפט.

ווייצמאַן דערמאנט זיך דעם ערשטן שמועס זיינעם מיט מוסאָליניץ, נאָך דער וועלט־מלחמה. דער הערשער איז דאַן געווען האַפערדיק, זיינע זשעס־טיקולאַציעס — מער טעאַטראַלע, מער פּאַטעטישע.

מוסאָליני האָט דאַן געטענהט, אַז יידן לאָזן זיך פאַנגען אין דער נעץ פון ענגלישן אימפּעריאַליזם און זיי זענען די פּאַקטישע אַגענטן פון ענגלישער אַריינדרינגונג אין נאָענטן מזרח. מוסאָליני האָט דעמאָלט געחלומט וועגן באַפרייען דעם „מאַרע נאָסטרום", דעם מיטללענדישן ים, פון פרעמדע איינפלוסן און ער האָט געוואָלט האָבן די יידן אויף זיין צד, זיי „באַפרייען" פון ענגלאַנד. ער האָט דאַן אַ זאָג געטאָן צו ווייצמאַנען:

— מיר וואָלטן געקאָנט אויפשטעלן אייער לאַנד פון a ביז z.

— יאָ, יאָ — האָט ווייצמאַן דרך־אגבדיק געענטפערט — איר האָט אַ מאָל צעשטערט אונדזער לאַנד פון a ביז z.

מוסאָליניץ איז עס נישט געפעלן. ער האָט קוים אַ שמייכל געטאָן.

תיכף ביים אָנהייב פון יענעם שמועס האָט מוסאָליני אַ זאָג געטאָן:

— נישט אַלע יידן, הער ווייצמאַן, זענען ציוניסטן.

— און נישט אַלע איטאַליענער זענען פאַשיסטן — האָט ווייצמאַן צוריק־געענטפערט. מוסאָליניס פּנים האָט נישט דערוואַרט פון גאַסט אַזאַ שאַרפקייט.

ווייצמאַן האָט אַלע יאָרן געהאַט דאָס געפיל, אַז מען קען מוסאָליניץ באַפרייען פון היטלערס הענט. נישט איין מאָל האָט ער דאָס דערקלערט פאַר איינפלוסרייכע מענטשן אין לאָנדאָן און פּאַריז. מען האָט אים אָבער נישט געוואָלט הערן; מען האָט חושד געווען דעם ייד, אַז ער האָט זיך זיינע יידישע חשבונות.

און ווען מ׳האָט ענדלעך געוואָלט ראַטעווען מוסאָליניץ פון היטלערס הענט, איז שוין געווען צו שפּעט.

ווייצמאַנס גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז געווענדעט צו דער לאַגע פון יידן אין דייטשלאַנד. ער שטיצט און אַרבעט מיט מיט דער וווּנדערבאַרער פרוי הענריעטאַ סאָלד, „די מוטער פון יידישן קינד", וואָס פירט אָן מיט אַ גראַנדיעזער רעטונגס־אַקציע — צו ברענגען קיין ארץ־ישראל די יידישע יוגנט און אַזוי אַרום ראַטעווען זי פון אומקום.

ווייצמאַן איז באַגייסטערט פון דער עלדישער פרוי, די טאָכטער פון אַ באַלטימאָרער רב, וואָס האָט שוין אין די פריסטע יאָרן אירע געווידמעט

איר צייט און ענערגיע דעם ארץ־ישראל געדאַנק. אין עלטער פון 60 יאָר פאַרלאָזט זי איר אַמעריקאַנער היים און באַזעצט זיך אין ארץ־ישראל, אין ירושלים, ווו זי אַרבעט מיט מסירות־נפש אויף פאַראַנטוואָרטלעכע פאָסטנס. ווען זי גרייט זיך פאַרברענגען אירע לעצטע יאָרן אין קרייז פון איר פאַרצווייגטער משפחה אין אַמעריקע, ווייל זי אַליין האָט זיך קיין מאָל קיין היים נישט אויפגעבויט, ווערט אויף איר אַרויפגעלייגט די שווערע און אחריותפולע אַרבעט פון אָנפירן מיט דער רעטונגס־אַקציע פון יידישע קינדער פון נאַצישן לאַנד. זי איז דאַן 73 יאָר אַלט, אָבער שטאַרק איז איר ווילן און אויסדויער. זי נעמט אונטער שווערע רייזעס, געפינט זיך אָפט אויף די וועגן כדי צו ראַטעווען.

וויצמאַן איז גליקלעך ווען ער קען דער פרוי סאָלד איבערשיקן אַ געלט־טשעק. ווען ער שטייט פאַר אַ גביר און בעט געלט אויף צו ראַטע־ווען יידישע קינדער פון נאַצישן גהינום, זעט ער פאַר זיך איר פנים, געקאַרבט פון פיין און שלאָפלאָזע נעכט, באַהויכט מיט גרענעצלאָזער וואַרעמקייט.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן רופט וויסגאַל וויצמאַנען צום טעלעפאָן אין שיקאַגאָ.

וויצמאַן הערט וויסגאַלס קול, וואָס שפּרינגט ווי איבער פעלדזן.

— וואָס איז, מאיר, שיקאַגאָ איז ווידער אין פלאַמען?

— „טשיף״, איר באַקומט הונדערט טויזנט דאָלאַר פאַרן הילפספאָנד פאַר די דייטשע יידן, אויב איר קומט האַלטן איין רעדע אין אַמעריקע. איין רעדע, „טשיף״ — חזרט וויסגאַל איבער מיט התלהבות זיין פאָרשלאָג.

וויצמאַן שמייכלט: אַזאַ מין געשעפט טרעפט זיך אַפילו נישט ראָטשילדן יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק.

— אָנגענומען, ר׳ מאיר, אָבער שיק עס אַריין שריפטלעך.

וויצמאַן לאָזט זיך אויף אַ לאַנגע רייזע, כדי צו האַלטן איין און איינציקע רעדע. געווען איז עס אינעם „יידישן טאָג״, אויף דער שיקאַגער „אויסשטעלונג פון הונדערט יאָר פּראָגרעס״.

וויסגאַל האָט געהאַלטן וואָרט. וויצמאַן האָט געקענט דערפרייען דאָס האַרץ פון העניריעטאַ סאָלד.

ער פּאָרט פון לאַנד צו לאַנד, פון שטאָט צו שטאָט. אָט טרעט ער אַרויס אין דער פּאַריזער סאָרבאָנע:

...„מען רעדט אַזוי אָפט וועגן גורל פון יידישע אינטעלעקטועלע. מיט איין מאָך מיט דער האַנט האָט מען זיי אָפּגעמעקט פון פנים פון דער ערד און לאַנד פון געטע און קאַנט... איך בין געבוירן אין רוסלאַנד און אין מיין יוגנט האָב איך געזען דעם אַנטיסעמיטיזם אין זיין גאַנצער גראָבקייט. מיר האָבן זיך אָבער געטרייסט, אַז די שנאה שטאַמט פון אַ גרויזאַמער אָליגאַרכיע; דאָס פאָלק, ווי דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין די שאַפונגען פון גאָרקי און טאָלסטאָי, איז געווען אויף אונדזער זייט. אָבער אין קולטורעלן דייטשלאַנד איז נישט געהערט געוואָרן קיין איין שטים קעגן אַנטי־יידישע רדיפות. דאָס דייטשע געוויסן איז שטום... דייטשע דיפּלאָמאַטן וועלן אויך ווייטער זיצן אין זייערע אויסגעבעטע שטולן, טרעטן איבער טיפע דיוואַנעס, און אונטערהאַנדלען אין זשענעוו וועגן וועלט־שלום״.

אין יוני 1933 טראָגט זיך ווייצמאַן ווידער איבערן אַטלאַנטיק. די בריוו און טעלעגראַמעס יאָגן אים נאָך אומעטום. ווער ווייס וועלכע פון זיי עס טראָגט פרייד, און וועלכע — אַן איוב־בשורה? ווייצמאַן עפנט איינע פון זיי און ער ווערט בלאַס: חיים אַרלאָזאָראָוו איז דערמאָרדעט געוואָרן. זאָל זיין, אַז ער איז אומגעקומען פון יידישע הענט? אַז דער קריג צווישן רעכטס און לינקס האָט מענטשן אַזוי פאַרווילדעוועט?

און ס'איז אַפילו נישטאָ קיין צייט אויף טרויערן און זיפצן. די דייטשע יידן קוקן אויס אויף הילף. באַלד וועט אים די שיף ברענגען צו די אַמעריקאַנער ברעגן.

זיין שטעקן און טאָרבע זענען גרייט לעבן אים.

27

אין אויגוסט 1933 איז אין פּראַג פאַרגעקומען דער אַכצנטער ציוניס־טישער קאָנגרעס.

סאַראַ אומעט!

יידן זענען זיך צוזאַמענגעפּאָרן אין דער שטאָט פון „אַלט־ניי־שול", ווו דער מהר״ל האָט אויסגעקנאָטן זיין גולם. אָבער סאַראַ גולם האָט די וועלט אויפגעשטעלט אין סאַמע צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אין צענטער פון אייראָפּע?

אין שבת פון פרשה „ראה", האָבן יידן געשטראָמט אין דער „אַלט־ניי־שול". אַרום זיי איז געווען אַ וועלט, וואָס האָט נישט געוואָלט זען און הערן דעם אַפּאָקאַליפּטישן גאַלאָפּ צום חורבן.

די ציוניסטישע דעלעגאַטן האָבן דערשלאָגענע זיך אַרומגעדרייט איבער דער שטאָט. אויפן אַלטן בית עלמין, צווישן די צען טויזנט מצבות, לייענען זיי די געשיכטע פון גבורה און קידוש־השם, אויסגעקריצט אין שטיין און אין מאַרמאָר.

אין קאָנגרעס־זאַל פרעגט מען:

— ווו זענען די דייטשע חברים?

— ששש... דאָ דרייען זיך אַרום מוסרים און אַגענטן... היטלער האָט פאַרבאָטן די דייטשע ציוניסטן זיך צו באַטייליקן אין קאָנגרעס...

ווייצמאַן איז צום קאָנגרעס נישט געקומען. ער איז געזעסן אין צער־מאַט, אַ קליינע אַפּרו־שטאָט. געפעלט האָט אויך חיים נחמן ביאַליק; ער איז קראַנק, נאָך אַ שווערער אָפּעראַציע.

ראָטענבערג, ליפּסקי און פישמאַן טעלעגראַפירן צו ווייצמאַנען: „פאַרלאָז אונדז נישט". מענטשן פון אַלערליי קרייזן בעטן ביי אים, אַז ער זאָל קומען. ווייצמאַן ענטפערט נישט.

דוד בן־גוריון איז געווען דער לעבעדיקער גייסט אויפן קאָנגרעס. ער האָט געוועקט מוט, אמונה, גערעדט וועגן דער וויזיע פון באחרית ימים, וואָס איז אַן אָרגאַנישער טייל פון די יידישע און ציוניסטישע שטרעבונגען...

„מיר זענען סאָציאַליסטן אפשר דערפאַר, וואָס מיר זענען די קינדער פון יידישן פאָלק. מיר זענען דערצויגן געוואָרן אויפצונעמען מיט ערנסט

גרויסע מענטשלעך־אוניווערסאַלע אידעאַלן, וואָס זענען פֿאַרקערפּערט געוואָרן אין אונדזערע שאַפֿונגען שוין מיט טויזנטער יאָרן צוריק".

די דעלעגאַטן סודען זיך:

— ווייצמאַן זיצט נישט ווייט פֿון דאַנען, פֿאַר וואָס איז ער נישט געקומען צום קאָנגרעס?

אין דער קליינער ווילע אין צערמאַט קלינגט דער טעלעפֿאָן. ווייצמאַן בעט, אַז מען זאָל אים לאָזן צו רו. אַ גרויסער גאַסט געפֿינט זיך דעם אָוונט מיט אים, אַ גאון מאין כמוהו — פֿריץ האַבער. זאָל מען אים לאָזן צו רו, נישט שטערן, נישט אים און נישט זיין גאַסט.

דער טעלעפֿאָן קלינגט יעדע פּאָר מינוט.

— חיים ווייצמאַן, קום צום קאָנגרעס...

— לאָזט לעבן, לאָזט לעבן — בייזערט זיך ווייצמאַן.

און דאַן ברעכט אויס פֿריץ האַבער. ער ליידט פֿון אַ קורצן אָטעם, אים איז שווער צו רעדן, ער ראַנגלט זיך און גייט אָפּ אין שווייס. אָט זענען זיינע רייד, לויט ווי ווייצמאַן גיט זיי איבער אין זיין אויטאָביאָגראַפֿיע:

„ד"ר ווייצמאַן, איך בין געווען פֿון די שטאַרקסטע און גרעסטע אין דייטשישן לאַנד. איך בין געווען מער ווי אַ גרויסער אַרמיי־פֿירער, מער ווי אַן אינדוסטריע־קעניג. איך בין געווען אַ גרינדער פֿון אינדוסטריעס. מיין אַרבעט איז געווען פֿון קאָלאָסאַלער וויכטיקייט פֿאַר דייטשלאַנדס עקאָנאָמישן און מיליטערישן וווקס. אַלע טויערן זענען פֿאַר מיר געווען אָפֿן. מיין פּאָזיציע דאָרטן, מיט איר גאַנצן צויבער, איז גאָרנישט אין פֿאַרגלייך מיט דיין פּאָזיציע. נישטאָ קיין שפּע הינטער דיר. דו ביסט דער שאַפֿער פֿון יש מאין, אין אַ לאַנד וואָס אַלץ פֿעלט אין אים. דו שטרענגסט זיך אָן אויפֿצוּוועקן אין אַ געפֿאַלן פֿאַרוואָרלאָזט פֿאָלק דעם באַוווּסטזיין פֿון אַרבעט און שאַפֿונג. און איך גלייב, אַז מיט דערפֿאָלג. און איך — איך זע מיין באַנקראָט ביים סוף פֿון מיינע טעג. ווען איך וועל שוין זיין פֿאַרשוווּנדן, און מיין נאָמען — פֿאַרגעסן, וועט נאָך לייכטן דיין ווערק ווי אַ פּרעכטיקער דענקמאָל אין דער געשיכטע פֿון אונדזער פֿאָלק. קער זיך נישט אָפּ פֿון איצטיקן רוף. פֿאַר קיין פּראַג, אַפֿילו ווען דו זאָלסט דאָרט דאַרפֿן ליידן אַ גרויסע אַנטוישונג".

דער יונגער מיכאל איז בייגעווען אין צימער. אַ ציטער גייט אַדורך זיין קערפּער, הערנדיק דעם פּראָפֿעסאָרס ווערטער, וואָס זענען שוין לאַנג געלעגן אויפֿן דנאָ פֿון זיין נשמה.

מיכאל קוקט אויפֿן טאַטן און בעט זיך מיט זיינע אויגן: פּאַר, טאַטינקע, קיין פּראָג. איך בין מסכּים ווידער צו בלייבן אָן דיר און ווידער באַנוגענען זיך מיט דיינע בריוו. פּאַר, טאַטינקע, פּאַר!

ווייצמאַן איז נישט געפּאָרן. מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער איז ער אין מעראַן, ווייל עס האָבן זיך ווידער אויסגעשעפּט זיינע כּוחות.

נישט איין מאָל וועלן אויפֿקלינגען אין ווייצמאַנס אויערן די רייד פֿון גרויסן פֿריץ האַבער, געוועזענער דירעקטאָר פֿון „פֿאָרשונגס־אינס־טיטוט אויפֿן נאָמען פֿון קייסער ווילהעלם אין דאַלעם" — דער געלערנטער, וואָס איז געקרוינט געוואָרן מיטן נאָבעל־פּרייז, דער מאַן, וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿון יידישקייט, געזוכט אַ רעטונג אין קריסטנטום — און נישט געפֿונען.

ווייצמאַן שפּאַצירט אין די בערג, און לעבן אים — דער אַלטער וועג־ווייזער גאַלי.

זיי זעצן זיך ביידע צו אויף אַ שטיין. דער אַלטער גאַלי דערציילט וועגן זיינע פֿאַרגאַנגענע טעג, וועגן זיינע פֿאַרמעסטונגען מיט די בערג אין שטורעם און אין שניי. איצט איז ער אַלט, גאַלי. אומזיסט איז דאָס קלאַמערן זיך אין די בערג. נישט מער ווי די זכרונות זענען אים פֿאַרבליבן.

ווייצמאַן ציטערט אויף: ניין, ס'איז נאָך נישט געקומען די צייט פֿאַר זכרונות. אַוועק מיט די קליינלעכקייטן, אַוועק! שפּאַן זיך ווידער איין, חיים בן עוזר, אין שווערן וואָגן!

ווידער אַ מאָל קומט ווייצמאַנען אַנטקעגן דער אַלטער אמת, אַז לעכער־לעך און טראַגיש איז דאָס פֿאַרלאָזן זיך אויף יענעמס חסדים. ער דערמאָנט זיך אין די זיצונגען אין לאָזאַן פֿון אינטערנאַציאָנאַלן קאָמיטעט פֿאַר פּליטים. זיבעצן מדינות זענען דאָרט געווען פֿאַרטראָטן, „וואָס דריי פֿערטל פֿון גאָטס ערד געפֿינט זיך אין זייער באַזיץ", און נישט געווען איז קיין איינע, וואָס זאָל זאָגן: מיר עפֿענען אונדזערע טויערן און זאָלן קומען די געפּלאָגטע. נישט געווען, ווער עס זאָל אויסשטרעקן אַ האַנט, געבן אַפֿילו אַ בלאָסע באַשטעטיקונג פֿון דער קריסטלעכער צוויי טויזנט־יאָריקער פּריידיקעריי וועגן מענטשן־ליבע און רחמים. דער פֿאָרזיצער פֿון קאָמיטעט, דזשיימס מאַקדאָנאַלד, דער איידעלער אַמעריקאַנער, האָט זיך געראַנגלט, אַז עפּעס אַ קאָנקרעטער טאַט זאָל אויפֿקומען פֿון די שיינע רייד און „אויפֿריכטיקע מיטגעפֿילן". אומבאַהאָלפֿן איז ער געבליבן שטיין

אין דער מיט פון די דריי פערטל וועלט, וואָס האָט נישט קיין ווינקל פּאַר די, וואָס זוכן אַ רעטונג פון דייטשן גיהנום.

ווייצמאַן איז אַוועק פון די זיצונגען. דערשיטערט האָט אים אויך די יידישע צעריסנקייט, וואָס האָט אַזוי טראַגיש זיך אַנטפּלעקט אין לאָזאַן. ער איז געלאָפן אין דער שוויַיץ פון איין שטאָט אין דער צווייטער און נישט געוווּסט וואָס פריער צו טאָן און ווו פריער זיך צו ווענדן.

ער איז זיך מודה פאַר זיין פרוי, אַז ווען ער דאַרף אויפסניי אָנהייבן זיין ציוניסטישן וועג, וואָלט ער מיט אַלע כוחות געקעמפט פאַר איינשליסן אין די גרענעצן פון דער יידישער היים גרעסערע טיילן פון עבר־הירדן, אַז זיי זאָלן דינען אַלס רעזערוו פאַרן יידישן פאָלק.

דרייסיק יאָר ציוניסטישער וועג, און ווי ווייניק עס איז דערגרייכט געוואָרן — קלאָגט זיך ווייצמאַן פאַר זיין פרוי. דאָס ערגסטע איז, וואָס ער זעט נישט, אין אַנבליק פון דער שווערער צייט, קיין געהעריקע און שנעלע לייזונג.

ווייצמאַן טראַכט לעצטנס וועגן פּלאַן, וואָס וויקטאָר יאַקאָבסאָן, דער פאַרטרעטער פון דער עקזעקוטיווע אין זשענעוו, האָט אים פאָרטרויט. דער קלוגער יאַקאָבסאָן האָט מורא פאַר אַ לאַגע „וואָס איז אַ מין אייביקע שוואַנגערין". דאָס אַמפּערן זיך אין ארץ־ישראל טאָר נישט דויערן אָן אַ סוף. „יעדע נייע ענגלישע אויספאָרשונגס־קאָמיסיע וועט זיין אַ נייער קלאַפּ פאַר יידן". יאַקאָבסאָן האָט געוואָרנט, אַז דאָס אַראַבישע פּראָבלעם איז אַ סך קאָמפּליצירטער און טיפער ווי דער דורכשניטלעכער ציוניסט שטעלט זיך עס פאָר. כל זמן עס וועט נישט קומען צו אַ ראַדיקאַלער ענדערונג, וועט די ציוניסטישע אַרבעט זיין ווי איינגעקרעמפּט אין אַ סדום־בעטל. מען דאַרף זוכן אַ ראַדיקאַלע לייזונג, האָט געטענהט יאַקאָבסאָן, און זי מוז פירן צו דער באַוווּסטער עצה פון שלמה המלך. בעסער איז, אַז דאָס לאַנד זאָל צעטיילט ווערן, אַז יידן זאָלן זיין די באַלעבאַטים אויף זייער גורל אין אַ טייל פון ארץ־ישראל, איידער דאָס יידישע אויפבוי־ ווערק זאָל אָפּגיין אין בלוט אין אַ וועלט פון כסדרדיקע סיכסוכים און געפאַרן. די אַראַבער וועלן אויפהייבן זייער קאָפּ; די ענגלענדער, ווידער, וועלן זיך נישט שטעלן אויפן יידישן צד. עס בלייבט דעריבער איין אויסוועג: קעמפן פאַר אַ יידישער מדינה, זאָל עס זיין אין אַ צעטיילט ארץ־ישראל.

עס טרעפט, אַז ווייצמאַן וויל אַנטלויפן פון יאַקאָבסאָנס ווערטער, ווייל שרעקלעך זעט אים אויס דער געדאַנק וועגן ווידער שניידן דאָס לאַנד, ווידער רייסן פון אים שטיקער. עס געשעט אויך, אַז ער לאָזט זיך פּאַרוויגן

פון געוואַגטן פּלאַן: אַ יידישע מדינה וואָלט דאָך געקענט ראַטעווען און איינזאַמלען אין אירע גרענעצן די אַנטרונענע וואָס שמאַכטן נאָך אַ היים, נאָך אַ ניי לעבן.

יאַקאָבסאָנס פּלאַן גייט נאָך ווייצמאַנען ווי אַן אומגעבעטענער שאָטן.

אַ פריקרער דעצעמבער־טאָג אין יאָר 1933. אין הייד־פּאַרק שטורעמען די יידישע שונאים. עס איז דער יאָרטאָג פון אַלענביס אַריינמאַרש קיין ירושלים און מען פייערט אים מיט אַנטי־ציוניסטישע רעדעס. אויף דער טריבונע שטייט וואטערס טיילאָר, דער געוועזענער קאָמענדאַנט פון ירושלים, און גיסט שמוץ אויף דער ציוניסטישער אַרבעט אין ארץ־ישראל.

ווייצמאַן אַנטלויפט פון צעיאַכמערטן געזינדל. ער פאַרקלעמט זיינע פויסטן און שרייט אויס: אַ פיינע צייט האָבן זיי אויסגעקליבן, די וועלף, אונדז צו אַטאַקירן.

לאָזאַן, לאָנדאָן — איין און דער זעלבער ספּעקטאַקל.

ווייצמאַן קלייבט זיך צו פאָרן מיט זיין פרוי צו דער דערעפענונג פון זיוו־אינסטיטוט אין רחובות. עס וואַרט אויף אים אַ גרויסער יום־טוב. ער באַקומט אָפּטע בריוו פון ד״ר ערנסט דוד בערגמאַן, וואָס וועט זיין זיין רעכטע האַנט אין אינסטיטוט. בערגמאַן איז אַ גרויסע געווינס פאַרן לאַנד — פאַרטרויט זיך אָפּט ווייצמאַן. זיין אַרבעטס־כוח איז אין לשער, זיין וויסן — אומגעוויינלעך, זיין ליבע צום לאַנד — טיף און האַרציק.

געווען איז ד״ר בערגמאַן דער לעבעדיקער גייסט פון דער כעמישער לאַבאָראַטאָריע אין דער בערלינער אוניווערסיטעט. אַ רבס אַ זון און אַ שטאָלצער ייד — האָט בערגמאַן נישט געקאָנט אָטעמען די פאַרסמטע לופט אין דייטשלאַנד.

איידער ער פאָרט אָפּ צום גרויסן יום־טוב, פאָזירט ווייצמאַן פאַרן באַרימטן סקולפּטאָר יעקב עפּשטיין.

ווייצמאַן פילט זיך ווי אויף אַ שיידוועג פון תקופות. אָפּט דוכט זיך אים, אַז עס דערנענטערט זיך דאָס גאָלדיק־טונקעלע שקיעה־ליכט. זאָל ער, דער סקולפּטאָר, טאָן זיין אַרבעט.

יעקב עפשטיין שטייט פאַר אַ נסיון, ווי אַזוי צו פאַראייביקן די באַוועג־גונגען פון ווייצמאַנסליידנשאַפטלעך מויל, דעם דורכדרינגלעכן בליק פון די רירעוודיקע אויגן, וואָס שטראַמען מיט חכמה, קראַפט, אין געפינקל פון אַ שפּאָטישן שמייכל — אויגן וואָס קענען אויך ווערן וואַרעם און פאַרחלומט ביז גאָר? ווי פאַראייביקט מען דעם פאַרמעט־קאָליר פון זיין פּנים? דעם שנעלן איבערגאַנג פון כמעט קרענקלעכע כעס־אויסברוכן צו דער סטאָישער רויקייט? דעם צוק פון ביטול און די שיין פון מחילה און פאַרשטענדעניש?

אויף דער שיף קיין ארץ־ישראל פאָרן אַמעריקאַנער חלוצים. ווייצמאַן גייט אַראָפּ צו זיי. ער רעדט צו די חלוצים וועגן די ליכטיקע וועגן, וואָס זיי עפענען פאַר די וואָס וועלן קומען נאָך זיי. די אַמעריקאַנער בחורים און מיידלעך זינגען און טאַנצן אַרום אים.

ווייצמאַן איז צופרידן מיט זיין רייזע, ער האָט זיך לעצטנס געפילט ווי אַן אַלטער מאַנטל, וואָס מען דאַרף אים אויסליפטערן.

ביים אַראָפּגיין פון דער שיף דערקלערט ווייצמאַן פאַר די זשורנאַ־ליסטן: אַ סוף איז געקומען צו זיינע וואַנדערונגען. ער קערט זיך אום צו זיין וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. ער האָפט אין רחובות צו געפינען אַ נייעם אינהאַלט אין זיין לעבן. ער גיט צו וויסן, אַז ער האָט איינגעהאַנדלט אַ באָדן, אויף וועלכן ער וועט אויפשטעלן זיין הויז.

ביי דער דערעפענונג פון זיוו־אינסטיטוט, דריטער אַפּריל 1944, דערקלערט ווייצמאַן: „דער אינסטיטוט וועט זוכן אַ וויסנשאַפטלעכע לייזונג פאַר די פּראָבלעמען פונעם טאָג־טעגלעכן לעבן. ער וועט אָבער אויך נישט פאַרוואַרלאָזן די תורה לשמה".

ער רופט אויס: „אויף פאַר מיר איז ענדלעך געקומען די שעה זיך אומצוקערן צום קוואַל פון מיין ערשטער ליבע".

איז ער טאַקע רויק, אָן טענות צו קיינעם?

דער זעכציק־יאָריקער ווייצמאַן איז נישט פריי פון קנאה. צענדליקער טויזנטער יידן זענען אַריין אין לאַנד דווקא אין סאָקאָלאָווס צייטן. די דייטשע יידן האָבן אַריינגעבראַכט געלט און וויסן. דער ישוב האָט זיך געקרעפטיקט. נישט סאָקאָלאָוו האָט געזייט מיט טרערן, און דאָך שניידט

ער מיט געזאַנג. דאָס האָט דאָך ער, ווייצמאַן, געשאַפן די מעגלעכקייטן, אין די לאַנגע, שווערע אונטערהאַנדלונגען מיט ראַמזיי מאַקדאָנאַלדס קאַבינעט. און איצט איז סאָקאָלאָוו דער געניסער.

ווייצמאַנען טוט ווי פאַר וואָס זיין וועג איז קיין מאָל נישט אַזוי גלאַטיק, פאַר וואָס אים רופט דער גורל צו דינען דעם פאָלק דווקא אין שווערע צייטן.

ווייצמאַן קען נישט אויסבאַהאַלטן זיין קנאה צו סאָקאָלאָוון.

28

נישט ווי קיין גאַסט אויף אַ ווייל איז ווייצמאַן געקומען דאָס מאָל קיין ארץ־ישראל. דער פּאָפּענטער וויזיט האָט געדאַרפט ווערן די התחלה פאַר אַן ענדגילטיקן באַזעצן זיך אין לאַנד.

ווי יעדער געטאָ־טרוימער, האָט אויך ווייצמאַן געזען אין ציוניזם נישט בלויז אַ מיטל אויף צו אַנטלויפן פון גלות, נאָר אויך אַ נשמה־דער־הייבונג, אַ מעגלעכקייט אויף צו פאַרווירקלעכן ווונטשן און נבואות פון די בעסטע זין פון פאָלק.

זיין ארץ־ישראל דאַרף זיין רק ציכטיקייט און נשמה־יתירה. עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז עס מאַכט אים אויפציטערן יעדע פאַרשוועכונג פון זיין הייליקן טרוים. ער קען בשום אופן נישט מסכים זיין מיטן געדאַנק פון „ככל הגויים". יעדער נייער אימיגראַנט, וואָס געפינט נישט זיין אָרט אין אַ „שעפעריש ארץ־ישראל" דערמאָנט אים דעם שפּלדיקן גלות.

ווייצמאַן איז אויפגעבראַכט אויף די יידן וואָס שאַפן נאַכט־קלובן אין תל־אביב. ווו איז דאָ דער צד השווה — פרעגט ער — צווישן דעם דרינגען אין דער טיף, וואָס ער זעט אין די קיבוצים און קאָלאָניעס, מיט דער מישטיינסגעזאַגטער „עפּערוועסענץ" פון תל־אביב. „עס איז פאַראַן אַ דיפערענץ צווישן גבעת־ברענער און אַלענבי־גאַס; עס איז פאַראַן אַ קאָנטראַסט צווישן לעבן אין עמק־יזרעאל און דער קולטור, רחמנא ליצלן, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין תל־אביב. אין לאָנדאָן איז דער מין קאָנטראַסט נישט אַזאַ גרויסער. דאָרט איז ער אַ רעזולטאַט פון אַן אַנטוויקלונג פון הונדערטער יאָרן. דאָ אָבער, אין תל־אביב, איז עס אַ מין לעוואַנטיניזם, וואָס דאָס יידישע פאָלק וועט נישט קענען פאַרטראָגן. אויך די עקאָנאָמיע פון לאַנד וועט קיין קיום נישט האָבן, אויב אין יונגן אָרגאַניזם, וואָס האָט נאָך נישט באַוויזן ווי געהעריק זיך צו קרעפטיקן, באַווייזן זיך שוין דער־שיינונגען, וואָס באַגלייטן די קולטור פון אַלטע, איינגעוואָרצלטע פעלקער".

מען הערט אָפט פון ווייצמאַנען זיין אומרויקן „איך האָב מורא". ער האַלט אין איין וואָרענען דעם ישוב, ווען דאָס לעבן דאָרט זעט אים אויס וואָכעדיק, קליינלעך און ביליק.

ער שפּאַצירט איבער די גאַסן פון קליינעם רחובות. וואָס קומט דאָ

פֿאַר? פֿרעגט ער. שוין די זיבעטע קאַפּע, מסתמא, איז צוגעקומען אויף דער הויפּט־גאַס, — צעשרייט ער זיך. פֿאַר וואָס גייען נישט מענטשן באַאַרבעטן דעם באָדן? די ערד פּוסטעוועט און מענטשן זיצן אין די קאַפּעען. וואָס פֿאַראַ מין חלוציזם איז עס? טראַכטן טאַקע ייִדן, אַז גאולה מיינט נישט מער ווי זיך ראַטעווען? מען קען זיך ראַטעווען קיין ארץ־ישראל, און דאָך נישט אויסגעלייזט ווערן.

ווען וואָס פֿאַראַ רייכטום רעדן דאָ מענטשן? וואָס פֿאַראַ מין אנטוויקלונג איז עס, אויב דער אָדער יענער האָט פֿאַרדינט מיט איין מאָל פֿופֿציק טויזנט פֿונט ביי אַ באָדן־ספּעקולאַציע? נישט חלוציזם זעט ווייצמאַן, נאָר שפּלדיקע מעשׂים. „דאָס, וואָס קומט דאָ היינט פֿאָר, איז אַ צוזאַמענשטעל פֿון פּינסק און מיאַמי, און אַזאַ מין באַשעפֿעניש איז נישט די זאַך, פֿאַר וועלכער מיר האָבן אַזוי געהאָרעוועט און אַזוי פֿיל כּוחות פֿאַרוועגדט".

ווייצמאַן רופֿט צו מעשׂים. „און ווען איך רעד וועגן חלוציזם, מיין איך נישט בלויז די פּראָפֿעסיאָנעלע צוגרייטונג פֿון מענטשן, נאָר אויך זיין מאָראַלישע. אויב מיר וועלן אָנהייבן פֿון דאָס ניי בויען אונדזער לעבן, און אויף פּשוטערע יסודות, וועלן מיר אפֿשר מצליח זיין צו פֿאַרקלענערן די סכּנה, וואָס לויערט אויף אונדז". און ער זאָגט עס נישט „ווי אַ פּאַרטיי־מענטש, נאָר ווי איינער, וואָס זיצט אין אַ קליין ווינקל פֿון לאַנד און קוקט אויף זאַכן פֿון דער נאָענט".

און אַז ער קוקט זיך צו פֿון דער נאָענט זעט ער, אַז עס איז געקומען די צייט פֿאַר אַ נייעם צוגאַנג; די צייט אויף אַריינצוקוקן אין אייגענעם איך; „זען צי דערציען מיר דאָ בירגער פֿון אַ נאַציאָנאַלער היים, אָדער בירגער פֿון פּאַריז און לאָנדאָן".

ער דערמאָנט, אַז אַ סך מענטשן אויף דער וועלט האָבן געלייגט זייערע האָפֿענונגען אויפֿן קליינעם ישוב; זיי טראַכטן, אַז דאָס שווער געפּרוּווטע ייִדישע פֿאָלק וועט אין זיין אייגענער היים ווערן אַ ביישפּיל פֿאַר פֿיל אַנדערע פֿעלקער, וואָרעם ווער נאָך איז אַזוי רייך אין יסורים און נסיונות ווי ייִדן? „דאָס איז געווען די האָפֿענונג פֿון אַזעלכע מענטשן ווי באַלפֿור און אַנדערע פֿריינד אונדזערע. איז ווען זיי קומען איצט אַ קוק טאָן וואָס מיר האָבן דאָ געטאָן, אָדער נישט געטאָן — וואָס וואָלטן זיי געזאָגט? אַ פּחד באַפֿאַלט מיך, ווען איך טראַכט וועגן דעם".

ווייצמאַן ווייסט אַז „מענטשן מאַכן פֿעלערן ביי זייער אַרבעט, און דאָס איז נאַטירלעך; אין יעדער געזעלשאַפֿט קען מען דאָס זען", און דאָך איז אים שווער שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ייִדן זענען ווי אַלע פֿעלקער,

וואָרעם „די גרויסע וועלט דערוואַרט און האָפט, אַז מיר וועלן נישט נאָכטאָן די פעלערן פון אַנדערע".

גרויס איז ווייצמאַנס אַנטוישונג צוליב דער פאַרביטערונג וואָס הערשט אין ישוב. „מען קען איבערקומען אויסערלעכע שווועריקייטן, אָבער פאַר אינערלעכע, וואָס פרעסן די נשמה פון אונדזער אַרבעט און גראָבן אונטער אירע וואָרצלען — פאַר זיי האָב איך מורא". און ער האָט מורא „וויל היינט פאַרבייט מען דעם באַגריף גאולה אויפן באַגריף הצלה". אַ גרויסע זאַך איז ראַטעווען אַ יידן, ווו ער זאָל זיך נישט געפינען. דאָך גרויס איז די דיסטאַנץ צווישן גאולה און הצלה.

ווייצמאַן קערט זיך אום צו דער גרויסער אויפגאַבע פון הכשרת הלבבות. ער טראַכט, אַז גערעכט זענען געווען זיינע פריינד חיים נחמן ביאַליק און שמריהו לעווין, וואָס האָבן אים אָנגעוויזן, אַז צו פיל איז ער געווען פאַרנומען מיט אויסערלעכע זאַכן. זיי האָבן אים גערופן זיך צו פאַרטיפן און נאָכקוקן וואָס עס קומט פאָר אין דער נשמה פון פאָלק; די צייט איז געקומען, טראַכט ער מיט ערנסט, אויפצולעבן אחד־העמס געדאַנק פון „בני משה" — אַ צייט פון ווייניקער שאָלעכץ און מערער יאָדער.

ווייצמאַן גייט יעדן פרימאָרגן אין זיוו־אינסטיטוט, פאַרברענגט לאַנגע שעהען אין דער לאַבאָראַטאָריע און קוקט זיך צו צו דער אַרבעט פון די קאָלעגן זיינע.

ווען ער פאַרבענקט זיך נאָך דער פרייער וועלט, טוט ער אויס דעם ווייסן פאַרטעך און לאָזט זיך אַוועק אויף לאַנגע אויספלוגן, אָדער סתם אויף אַ שפּאַציר, איבער דער קאָלאָניע. ער האָט ליב צו פאַרברענגען מיט די לעצטע בילויים. ער פאָרט אָפט צו מאַיראָוויטשן אין ראשון לציון, אָדער צו אברהם שאַפּיראָן אין פתח־תקוה. מען זיצט ביי אַ גלאָז טיי און מען דערציילט וועגן די אַמאָליקע צייטן אין לאַנד, ווען וואָסער פלעגט מען ברענגען אויף אַן אייזל פון ווייטע שטרעקעס; ווען קראַנקייטן האָבן אָנגע־מאַכט אַ חורבן צווישן די מענטשן. אַראַבער פלעגן באַפאַלן אין די נעכט, צינדן און מאָרדן; און אַז דער טערקישער באַאַמטער האָט זיך פאַרבענקט נאָך אַ ביסל שוחד, איז ער אַראָפּגעקומען מיטן „געזעץ" אין האַנט און אָנגעטאָן צרות. ביי טאָג האָבן געשווינדלט די מדבר־זאַמדן, און אין די נעכט האָבן געיאָמערט די שאַקאַלן. מען איז געווען ווייניק אין צאָל, און

דאָך שטאַרק ביי זיך. מען האָט בכלל נישט געטראַכט וועגן זיך, נאָר וועגן יידישער גאולה.

וויצמאַן הערט זיך אָן די געשיכטעס וועגן גבורה און אויסדויער און פאָרט אַ באַרוישטער צוריק אַהיים. ער זיצט אין אויטאָמאָביל און חזרט זיך איבער: הייסט דאָך עס, אַז יידן זענען פעיק אויף קרבנות. פעיק, פעיק!

אָפּט הייסט ער אָפּשטעלן דעם אויטאָמאָביל. ער גייט אַראָפּ און שפּאַצירט לאַנגע שטרעקעס צופוס. ער קוקט אַרום זיך און טראַכט וועגן דער יידישער עקאָנאָמיק אין לאַנד.

פאַר וואָס ברוגזט מען זיך אויף אים, ווען ער רעדט וועגן „בועזים", די מאָדערנע ערד־פאַרכאַפּערס, וואָס ווילן לעבן פון יענעמס פּראַצע? וואָס איז בעסער: צען משפחות, יעדע איינע אויף צען דונאָם, צי איין משפּחה אויף הונדערט דונאָם? עס דוכט זיך אים ווי ער וואָלט דאָ געהערט די אויסרופן: „וויצמאַן דער לינקער", „וויצמאַן דער אַנטי־רעליגיעזער". מענטשן ווילן פאַרמיאוסן זיין נאָמען פאַרן פאָלק און פאַר דער וועלט.

— וואָס הייסט אַנטי־רעליגיעז?

אין וויצמאַנען טויכן אויף דעם טאַטנס תפילות ביים עמוד אין בית־המדרש, דעם זיידע מיכאלס תהלים זאָגן; ער זעט פאַר זיך דעם קליינעם בית המדרש אין קאַרלין, ער פילט די אויפריכטיקע רעליגיעזיטעט וואָס האָט דאָרט געשוועבט; ער זעט פאַר זיך דעם אַלטיטשקן אברהם פרידמאַן, דעם קאַרלינער רב, וואָס נעמט גאָט פאַר אַ שותף אויף אויסצולייזן דאָס יידישע פאָלק. ער דערמאָנט זיך אין די פרומע יידן, וואָס ער פלעגט טרעפן אויף זיינע לאַנגע רייזעס איבער שטעט און שטעטלעך; ליב זענען אים געווען די, וואָס האָבן געלערנט, אַז „לא המדרש עיקר, אלא המעשה".

אין דעם פרילינג פון 1934 האָט וויצמאַן גערעדט פאַרן אָקציאָנס־קאָמיטעט וועגן דער יידישער טראַדיציע, וועגן יידישער אמונה — ווי נאָענט זיי זענען אים צום האַרצן, — און אַז „ער וואָלט וועלן, אַז זיי זאָלן אויספילן אונדזער לעבן". וויצמאַן האָט אָבער גלייכצייטיק אָנגעוויזן אויף די צוויי וועלטן וואָס שטייען זיך אַנטקעגן, אַ רעליגיעזע און אַ נישט רעליגיעזע, און עס וואָלט געווען לעכערלעך צו זוכן אַ פאָרמעלן צד השווה צווישן ביידע, ווייל אַזאַ זאַך עקזיסטירט נישט. נאָר מיט איבערצייגן קען מען צו זיך דערנענטערן מענטשן, אָבער נישט מיט כוח און געוואַלד.

וויצמאַן האָט אויפגעקלערט פאַרן אַקציאָנס־קאָמיטעט זיין שטעלונג צו דער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל. „איך זאָג אָפנהאַרציק, אַז איך בין שטאַרק פאַרבונדן מיט די אַרבעטער און דערפאַר בין איך נישט

אָביעקטיוו אין דער פראַגע. איך בין נישט קיין סאָציאַליסט. איך פּאַרשטיי גאַרנישט אין דעם. איך שעץ אָבער מענטשן לויט זייער שאַפונגס־כוח. ווען איך פאָר איבער די וועגן פון לאַנד, זע איך אויף יעדן טריט און שריט דאָס ווערק פון די אַרבעטער. אָט די שאַפונג זייערע גיט זיי אַ פּאָזיציע אין אונדזער לאַנד און אין אונדזער באַוועגונג. מען קען זייער שאַפונג נישט אַוועקנעמען, מען קען זיך נישט פאָרשטעלן דאָס לאַנד אָן איר, פּונקט ווי מען קען נישט באַנעמען דאָס לאַנד אָן זיינע בערג, טאָלן און טייכן. ווען מען וויל אַרויסרייסן פון לאַנד די אויפטוען פון די אַרבעטער, וואָלטן פאַרבליבן שפורן פון בלוט, און דריי דורות וואָלט מען באַדאַרפט אויף אָפּצומעקן זיי״.

ווייצמאַן האָט ביי דער געלעגנהייט דיסקוטירט מיט די רעליגיעזע פּאַרשטייער, הלמאי זיי וואַרפן שטענדיק זייערע פיילן אין די אַרבעטער. אוודאי זענען אַ סך צווישן זיי נישט מקיים געוויסע מצוות פון דער תורה. וואָס איז אָבער מיט יענע פרומע און גוטע, וואָס באַנוצן זיך מיט נישט־יידישער אַרבעט און פאַרגעסן דערביי אין דער גאָר גרויסער מצווה פון באַזעצן דאָס לאַנד?

ער ווייס — זאָגט ווייצמאַן — אַז פאַר געוויסע מענטשן איז ער אַ קאָמוניסט. „ביי אונדז איז יעדער איינער אַ קאָמוניסט לגבי עמעצן אַנדערש״.

ווייצמאַן האָט ווייטער גערעדט וועגן נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל און פּריוואַטן קאַפּיטאַל. דער ערשטער איז חיי־עולם און דער צווייטער — חיי־שעה. אוודאי דאַרף מען באַגריסן די גוטע רעזולטאַטן פון דער פּריוואַטער איניציאַטיוו. עס איז זייער אַ וויכטיקער ענין, אויב דער פּריוואַט־קאַפּיטאַל גיט אַרבעט יידן, דעראָבערט דעם אויסלענדישן מאַרק, שאַפט פּרעסטיזש דעם יידישן נאָמען און קרעפטיקט דעם ווירטשאַפטלעכן באַלאַנס אין לאַנד. אָבער דער וואָס טראַכט, אַז מיר זענען שוין דערגאַנגען צו אַ צייט, ווען מען קען מיט פּריוואַטער איניציאַטיוו פאַרזיכערן אונדזער אַנטוויקלונג, מאַכט אַ טעות. אין דריי פערטל קען דאָס לאַנד געבויט ווערן נאָר דורך חלוצישער אַרבעט און נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל...

ווייצמאַן שפּאַצירט איבער די פעלדער און ער טראַכט וועגן גרויסן אמת, וואָס ביאַליק האָט געפּריידיקט, ווי די אַמאָליקע תנאים: — „וויי־ניקער שאָלעכץ און מערער יאָדער״. און פריער פון אַלץ דאַרף דער מענטש דערגרונטעווען זיך צום אמת, אַנטלויפן פון אויסערלעכן גלאַנץ, פון ימים רייד, וואָס זענען צו גאַרנישט מחייב.

ווייצמאַן דערמאָנט זיך די אויפנאַמע, וואָס מען האָט פאַר אים געמאַכט

אין קלוב פון די אַלגעמיינע ציוניסטן און די געלעגנהייט־ווערטער פון חיים נחמן ביאַליק. דער דיכטער האָט גערעדט וועגן ווייצמאַנען, ווי וועגן אַ גרויסן קינסטלער, וואָס מאַניפּולירט מיט צייט און נישט מיט אָרט און אַז צייט איז דער ווונדערבאַרער שטאָף אין דער יידישער קונסט. ביאַליק האָט גערעדט וועגן די „קליפּות", דעם שאָלעכץ, וואָס פּאַרדעקט נישט קיין יאָדער, נאָר איז ממש פּוסט — פּוסט, ווי די מליצות, וואָס מיינען גאָרנישט. געטען און טאָלסטאָיען — האָט ביאַליק געזאָגט — האַלט מען פאַר חכמים, ווייל חכמה איז די שפּאָרזאַמקייט אויפן וועג צו אמתער קונסט, און אַזאַ האָט ער ווייצמאַנען געזען פון סאַמע אָנהייב. „הלוואי זאָלן מיר לערנען פון אים, און פּונקט ווי ער, נישט האָבן צו טאָן מיטן שאָלעכץ, נאָר מיטן יאָדער, מיר זאָלן זיין קאַרגער מיט פּלפּולים און היטן די טריט, וואָס זענען געוווּנדעט צו פאַרשריט, און דאַן וועלן מיר קענען זאָגן אויף זיך, אַז מיר זענען זיינע תלמידים, אַז מיר זענען ראוי צו זיצן אין זיין מחיצה און מיר האָבן רעכט צו שטעלן אים פאָדערונגען".

ווייצמאַן — פאַר וואָס זאָל ער עס לייקענען? — איז שטאָלץ מיט דער פאָרערונג פון גרויסן דיכטער. ווייצמאַן האָט ביי יענעם גרויסן קבלת־פּנים צוגעגעבן, אַז ער ווייס דעם סוד פון צמצום און פּשטות. „עס קען זיין", האָט ער געזאָגט, „אַז דאָס איז מיין איינציקער זכות און אפשר איז אָט די אייגנשאַפט מיינע דער רעזולטאַט פון מיין וויסנשאַפטלעכער דער־ציונג. אַ וויסנשאַפטמאַן מוז אָנווענדן די ריכטיקע ווירקלעכקייט־גרענעצן פאַרן ווערק וואָס ער וויל שאַפן. דער וואָס קען דעם סוד הצמצום וועט דורך אינטואיציע געפינען דעם קורצסטן און גלייכסטן וועג צו זיין ציל". טרוים פאַרלאַנגט נישט קיין געאָמעטרישע באַגרינדונג, נייטיקט זיך נישט אין וויסנשאַפטלעכע געזעצן; „רעאַליטעט אָבער האָט אירע גרענעצן און מעגלעכקייטן און מען מוז זיי נעמען אין באַטראַכט, ווען מען גייט אַראָפּ פון די הויכקייטן פון טרוים צו דער נידער פון דער ווירקלעכ־קייט. אויך מיט פּאָליטיק איז אַזוי, ווייל זי איז די קונסט פון וויסן די מעגלעכקייטן. אירע געזעצן זענען די זעלבע, וואָס הערשן אין דער נאַטור. געזעצן וואָס זאָגן, אַז צוויי דערפאַר זענען מערער פון איינעם, און אויב איינער פאַרמאָגט צוויי, און דער אַנדערער פיר, געהערט די מערהייט צום לעצטן".

אַ שטיקל צייט נאָך יענעם אָוונט האָט ביאַליק אויסגעהויכט זיין נשמה. ווייצמאַן איז געבליבן ווי פאַריתומט.

אין יאָר 1934 איז אַוועק אויך אַ צווייטער גרויסער ייד, אויך ער האָט געפּרעדיקט ווייניקער שאַלעכץ און מערער יאָדער; אַוועק איז דער באַראָן עדמונד דע ראָטשילד.

גרויס איז ער געווען מיט דעם, וואָס ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די חכמה פון לעבן באַשטייט אין צוגרייטן כוח־סטאַציעס פאַר די פּרווון און קאַמפן וואָס די צוקונפט הילט נאָך איין אין נעפּל. די מענטשן — האָט וויצמאַן געזאָגט אין זיין הספּד נאָכן באַראָן — וואָס האָבן געצווייפלט אין ראָטשילדס ארץ־ישראל־אַרבעט האָבן פון אים באַקומען אַזאַ תשובה: איך האָב געטאָן די דאָזיקע אַרבעט, ווייל איך האָב געגלייבט באמונה שלמה, אַז קומען וועט אַ טאָג ווען די יידן־פראַגע וועט אַרויפגעבראַכט ווערן פאַרן טריבונאַל פון די פעלקער; איך האָב געוואָלט צוגרייטן אַ שטאַרקע באַזע, אַ געשעענעם פאַקט, אין וועמענס נאָמען אונדזערע פאַרטרעטער זאָלן קענען טענהן און פאָדערן. דער באַראָן האָט פאַרשטאַנען, אַז נישט סתם דערפאַר בויט ער אין לאַנד, נאָר פאָזיציעס פון כוח פאַרן געפּלאָגטן פאָלק, וואָס וועט אַ מאָל מוזן אַנטלויפן פון גלות און קומען אין לאַנד פון די אבות... „ער, דער באַראָן, האָט דעם ציוניזם באַגריפן מיט דער אינטו־איציע פון אַ נביא".

וויצמאַן האָט דערמאָנט: בעת איינעם פון די קריזיסן, וואָס דאָס לאַנד האָט איבערגעלעבט, איז ער געקומען צום באַראָן בעטן הילף. האָט אים דער באַראָן געפרעגט: פאַר וואָס קומסטו דווקא צו מיר? ווייסטו נישט, אַז עס זענען פאַראַן אַ סך רייכע מענטשן ביי יידן? האָט אים וויצמאַן געענטפערט: די פראַגע איז גאָר קיין פראַגע נישט. עס זענען טאַקע פאַראַן ביי אונדז עשירים, אָבער זיי זענען נישט די עשירי ישראל.

29

די הערשאַפט פון שטן אין אייראָפּע ווערט שטאַרקער. דער רויער כוח ווערט דער אָפּגאָט און עס קניען צו אים מיליאָנען. אַלץ מער ווערט איינגעשרומפּט די וועלט פון פרייהייט און פון געוויסן.

איטאַליע שיקט אירע לעגיאָנען אויף דער שוצלאָזער עטיאָפּיע; אין שפּאַניע פירן די גענעראַלן אַדורך אַ פאַרשווערונג און וואַרפן אַריין דאָס לאַנד אין אָפּגרונט פון אַ ברידער־קריג; דייטשע באַטאַליאָנען גייען אויפן ריין.

די פרייע וועלט ענטפערט מיט נאָכגיביקייט, זי בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ פאַר די זעלנערישע שטיוול, וואָס טרעטן איבער אייראָפּע. די נייע פּאָליטיק פון נאָכגעבן איז פאַרטראַכט געוואָרן אין ענגלאַנד און זי האָט באַקומען אַ סך שותפים. מען האָט זיך געשפּילט מיט דער האָפענונג, אַז דאָס בלוט פון שוואַכע און שוצלאָזע וועט זעטיקן די חיה און עס וועט ווידער ווערן שטיל און גוט.

די אַראַבער לערנען גיך די נייע תורה: ווער עס הייבט אויף אַ פויסט, ווער עס סטראַשעט און טעראָריזירט — דער געווינט און גייט פאַרויס. עס קומען אָן נייע טעג פון בלוט־פאַרגיסונג אין ארץ־ישראל. דער צעיושעטער אַראַבישער נאַציאָנאַליזם הייבט אויף דעם קאָפּ, די אַראַבער פאַרלאַנגען אַ לעגיסלאַטיוון ראַט, אינסטאַנצן פון זעלבסטהערשאַפט; זיי רוקן אַרויס אַ פּראָגראַם, וואָס באַדייט דעם אומקום פון דער יידישער היים.

גענעראַל וואַוקאָפּ, דער ענגלישער הויך־קאָמיסאַר אין ארץ־ישראל, דער מוטיקער און אומדערשראָקענער, וואָס האָט נישט איין מאָל באַוווּנדערט דעם יידישן אויפּטו אין לאַנד, וויל איצט נישט שווימען קעגן שטראָם. ער איז גרייט נאָכצוגעבן די אַראַבער.

פאַר די יידן ווערט שווערער און שווערער דער צוטריט צו די רעגירונגס־אינסטאַנצן אין לאָנדאָן. מען קען פילן בחוש, אַז עס ווערט צוגעגרייט אַ נייער אַנטי־ציוניסטישער קורס.

מיט מער עקשנות, ווי שטענדיק, הערט זיך איצט דער רוף וועגן

ברענגען ווייצמאַנען צוריק צו דער פירערשאַפט. גענענדיקט האָבן זיך די גוטע טעג, די רעלאַטיוו שטילע טעג פון סאָקאָלאָווס צייטן. איצט שטייט דער ישוב פאַר אַ פראָנטאַלער אַטאַקע. ווער, אויב נישט ווייצמאַן, וועט זיך איר קענען אַנטקעגנשטעלן? ער איז דאָך נאָך אַלץ דער איינציקער אין וועמען די ענגלענדער זעען די פאַרקערפּערונג פון יידישן געוויסן־רוף. ער איז פאַר זיי די שטים פון תנ״ך, די וואָס וועקט מער מיט איר ווייטיק־לעכע שטומקייט ווי מיט שרייען.

— זאָל ווייצמאַן צוריקקומען — פאָדערן מענטשן פון פאַרשיידענע קרייזן.

אין אויגוסט 1935 זיצט ווייצמאַן אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס אין לוצערן, ווי אַ פשוטער ציוניסט. דאָס דויערט אָבער נישט לאַנג, באַלד ווערט ער אַרויסגענומען פון זיין התבודדות. און אַט זיצט ער צוריק אויף דער טריבונע, אויבן אָן, און דער פרעזידענט־האַמער — אין זיין האַנט.

עמעצער באַמערקט, אַז ווייצמאַנס געשטאַלט איז אימפּאָנירנדיק און באַזיגעריש. זיין שטעל איז ווירדיק, זיין רויקייט איז איינגעהילט אין חכמה אָן אַ שיעור. אין אַ צייטונג, וואָס האָט אַלע אירע טעג געקערט וועלטן קעגן ווייצמאַנען, שרייבט אַ זשורנאַליסט: „צווישן אַלע אָנוועזנדיקע אויפן קאָנגרעס, צווישן די טויזנטער אין זאַל, אָדער אויף דער טריבונע, איז ווייצמאַנס פערזענלעכקייט די קרעפטיקסטע״.

ווייצמאַן האָט נישט אָנצוזאָגן קיינע סענסאַציעס: ער האָט נישט קיין וווּנדערשפּרוך, וואָס קען אין צען מינוט אויפשטעלן אַ יידישע מדינה. זיין נייע בשורה איז נישט קיין בשורה און נישט קיין נייע, עס איז אין איר נישטאָ קיין ברעקל דראַמאַטישקייט. דער המשך פון זיין פּאָליטיק מיינט: „מערער דונאַם, מערערביימער, מערער הייזער, מערער מענטשן. אַזוי אַרום וועט זיך הייבן אונדזער כוח. פון אַלע רעצעפּטן, וואָס מען האָט אונדז פאַרשריבן איז אָט דער דער פשוטסטער, דער שווערסטער, און אפשר דער לאַנגווייליקסטער, דער אַמווינציקסטנס דראַמאַטישער, אָבער דער זיכערסטער״...

ווידער באַטאָנט ווייצמאַן זיין ווידערווילן צו סתם רעדעריי. עס זענען פאַראַן ווערטן, וואָס מען טאָר זיי נישט פאַרבילִיקן. יידן האָבן פאַרשטאַנען די חכמה פון „לא תשא את שם אלהיך לשווא״. עס זענען פאַראַן זאַכן, וועגן וועלכע מען קען נישט דעקלאַמירן, מעשה אַרטיסט. פּוסטע מליצות וועגן אַ יידישער מדינה וועלן דעם שטן המקטרג נישט פאַרטרייבן.

איז דען קלוג — פרעגט ער — צו האַלטן זיך עקשנותדיק ביי טעאָריעס און געדאַנקען, אין אָנבליק פון דער גרויסער ענדערונג וואָס די וויסנשאַפט האָט אַריינגעבראַכט אין דער וועלט? ער רעדט וועגן מאַרקסיזם און אַנטי־מאַרקסיזם, וועגן די צוויי מחנות, פונאַנדערגעטיילטע דורך אַ בייזער בלינדקייט. מען פאַרגעסט, אַז די דעראָבערונגען אין דער וויסנשאַפט פאָדערן אַ נייע קאָנסטעלאַציע פון ווערטן.

די לערע פון איינשטיין, עדינגטאָן און גינס באַווייזט, אַז די יסודות פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם זענען גאָר נישט אַזוי שטאַרק. מיר שטייען דאָך פאַר אַ נייער וועלט, אַ וועלט וואָס בויט זיך אויף נייע פונדאַמענטן — אַן איבערקערעניש וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צום אַלטן פונאַנדערטייל צווישן שטאָף און ענערגיע... אין אַ וועלט, וואָס שטייט פאַר כסדרדיקע אַנטפּלעקונגען, אין רעזולטאַט פון די רעוואָלוציאָנערע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען, איז דאָך נישט צו פאַרשטיין, „אַז אַ מענטש זאָל זיך האַלטן עקשנותדיק אין דער אָדער יענער פאָרעם פון געזעלשאַפט. דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם קומט מיר אויס צו זיין אַ געניאַלע איינזייטיקייט. אָבער אין די עקאָנאָמישע יסודות פון אָט דעם מאַטעריאַליזם — און דאָ ווענד איך זיך צו מיינע פריינד פון רעכטן פליגל — איז דאָך עפּעס פאַראַן, עפּעס וואָס איז אפשר די נשמה פון דער לערע, וואָס די יידישע נביאים האָבן געפּריידיקט". וויצמאַן זעט אין דער אַרבעט פון די חלוצים אַ סינטעז פון מאָדערנע לערעס און יידישע ווערטן, טיף איינגעוואָרצלטע אין פאָלקס־באַוווסטזיין. „די וועלט באַוווּנדערט די יידישע אַרבעט און אירע דערגריי־כונגען אין אַ לאַנד פון זאַמדן און שטיינער, נישט צוליב דעם מיליאָן קעסטלעך מאַראַנצן, וואָרעם מאַראַנצן וואַקסן אויך ערגעץ אַנדערש, נאָר ווייל זי האָפט און דערוואַרט, אַז עפּעס אַ גרויסע און ריינע זאַך זאָל אויפקומען אין ארץ־ישראל".

וויצמאַן ווערט ווידער אויסגעוויילט אַלס פּרעזידענט פון דער ציוניס־טישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. וויצמאַן דאַנקט פאַרן צוטרוי. ער זעט נישט קיין גרויסע דיפערענצן צווישן אים און זיינע קעגנער. אַלץ רעדוצירט זיך צו דער מאָס פון געדולד און אויסדויער. אַלע ווילן דעם וויל פון יידישן פאָלק, דער וועג איז אָבער אַ שווערער, נאָר די געדולדיקע וועלן דערגיין צו אַ זיכערן ברעג.

ווידער ווערן געלאָזן אין גאַנג די רעדער אין לאָנדאָן. מען פילט וויצמאַנס אָנוועזנהייט.

מאַלקאָלם מאַקדאָנאַלד, ווייצמאַנס פאַרערער, ווערט נאָמינירט אַלס מיניסטער פאַר די קאָלאָניעס. מען אָרדנט איין לכבוד אים אַ גרויסן באַנקעט. יידן און ענגלענדער טיילן זיך שבחים. דער נייער מיניסטער זאָגט: „סאַראַ נבואה־שווונג מען געפינט אין ווייצמאַנס ערשטן בריוו צו זיין רבין. ווי גוט איז דאָס, וואָס יידן האָבן נישט געוואָלט אוגאַנדאַ״. נאָך דעם ווי ער האָט געלייענט — זאָגט דער מיניסטער — שמריהו לעווינס זכרונות וועגן יידישע קינדער־יאָרן און יוגנט־יאָרן אין גלות, קען ער פאַרשטיין דעם גייסט פון ציוניזם און די צוציונגס־קראַפט פון ארץ־ישראל. „גרויסבריטאַניע האָט נישט קיין חרטה אויף דער באַלפור־דעקלאַראַציע. ווען זי וואָלט דעמאָלט נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, וואָלט מען היינט דאָס געדאַרפט טאָן״. דער מיניסטער פאַרמאַכט נישט די אויגן לגבי דעם אַראַבישן פּראָבלעם. דער יידיש־אַראַבישער שלום איז אַ גרויסער נסיון. ער האָפט, אַז „אין די אָנשטרענגונגען צו דערגרייכן דעם שלום וועט קומען צום אויסדרוק די יידישע געניאַליטעט. און וואָס שייך ווייצמאַנען — וואָלט דאָך יעדעס פאָלק מיט אים געווען שטאָלץ, זיך געלאָזט פון אים פירן״.

געווען איז עס אָן אָונט פון יידיש־ענגלישער ברידערלעכקייט. ווייצמאַן קוקט אויפן יונגן מאַלקאָלם מאַקדאָנאַלד, און ער טראַכט וועגן גוט־באַקאַנטן פאַקט, וואָס גוטע און אײדעלע ווערן שלעכט און אַפילו ברוטאַל, ווען זיי באַגעגענען זיך מיט דער ארץ־ישראלדיקערווירקלעכ־קייט. ארץ־ישראל איז קאָמפּליצירט און שווער, פאָדערט שווונג און וויזיע. ווייניק פריינד זענען געווען געבענטשט מיט אָט די מעלות.

ווייצמאַן גלעט מיט זיין בליק די יונגע פלאַנצן, וואָס ווערן פאַרזעצט אויפן היגלדיקן שטח; אין גיכן וועט אויפן בערגל פּאַרטיק ווערן זיין הויז.

ווייצמאַן שפּאַצירט אַרום אויף זיין באָדן און ער לאָזט זיך פאַרוויגן פון טרוים. דאָ וועט ער פאַרפלאַנצן זיין פּרדס, דאָ וועט זיין זיין היים און אויף אַ קורצן שפּאַציר פון דאַנען וועט זיך שפּרייטן אַ וויסנ־שאַפטלעכער צענטער, פון וועלכן דער „דניאל זיוו־אינסטיטוט״ איז דער גוטער אָנהייב.

ווייצמאַן טראַכט וועגן אויפשטעלן אַ פאַבריק פון מאַראַנצן־זאַפט, אין וועלכער ס׳וואָלט אויך געקענט געפינען אַ באַשעפטיקונג זיין זון בענדזשי. דאָ, אין שאָטן פון דיביימער, וועט זיך טוליען זיין משפחה,

זיינע אייניקלעך און אוראייניקלעך, ביז סוף פון די דורות. ווי בלוי און שטיל דאָ איז!

אָבער, אַז ווייצמאַן הערט זיך איין צום דופק פון דער ערד, דערגייען צו אים באַאומרויקנדיקע קלאַנגען. עס איז גאָר נישט אַזוי שטיל, גאָר נישט אַזוי בלוי. עס טראָגט זיך אַן אַ שטורעם. דאָס בערגל, אויף וועלכן עס בויט זיך זיין הויז, זעט אים מיט אַ מאָל אויס ווי אַן אָרעם שיפל אויף אַ צעברויזטן ים.

דער אַראַבישער נאַציאָנאַליזם הערט נישט אויף צו רעשן. די אַראַבישע פּאַרטייען אין ארץ־ישראל גיסן זיך צוזאַמען אין איין גרויסער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי, אונטער דער פירערשאַפט פון ירושלימער מופטי.

עס איז ווינטער 1935. אין עגיפּטן און אין סיריע שטאַרקט זיך דער נאַציאָנאַליזם. די אַראַבער אין ארץ־ישראל שטורעמען: זיי ווילן זעלבשטענדיקייט. זיי טייטשן אויס געוויסע פּונקטן אין מאַנדאַט ווי התחייבותן וואָס דאַרפן פירן צו זייער ציל. ווי יעדע הבטחה צו יידן, איז אויך די פאָרמולירונג פון מאַנדאַט אַ גליטשיקע און קאָן געבן אַ מעגלעכקייט פאַר שעדלעכע אויסטייטשונגען. די אַראַבער הייבן אָן אַ ביטערן קאַמף. אין די מעטשעטן לייענט מען פאָר אַן אויפרוף פון העכסטן קאָמיטעט, וואָס פאַרבאָט צו פאַרקויפן באָדן די יידן. די, וואָס וועלן ווידערשפּעניקן, וועלן פאַרטריבן ווערן מחוץ למחנה און ס'וועט זיי נאָכיאָגן אַללאַס קללה און צאָרן. מען דאַרף נישט אַרבעטן ביי יידן, נישט האַנדלען מיט זיי, נאָר מאַכן שווער און ביטער זייער לעבן.

ווייצמאַן טראַכט וועגן דעם גרויסן, ערשטן חטא — דאָס אָפּרייסן פון ארץ־ישראל עבר־הירדן — אַ שטח פון 34 טויזנט קוואַדראַט מייל. צוויי און אַ האַלב מאָל גרעסער ווי מערב־ארץ־ישראל, מיט אַ פיר מאָל קלענערער באַפעלקערונג.

און צי איז דען דאָס געווען די איינציקע זינד? פאַר וואָס האָט מען נישט פאָרגעשלאָגן אַ באַפעלקערונג־אויסטויש ווי דער, וואָס איז געמאַכט געוואָרן, למשל, צווישן טערקיי און גריכנלאַנד? אַ מיליאָן מיט דריי הונדערט טויזנט גריכן פון איין זייט און פיר הונדערט טויזנט טערקן פון דער צווייטער זענען אויסגעטוישט געוואָרן און עס איז פאַרשוווּנדן די סיבה פון כסדרדיקע רייבונגען צווישן דיביידע לענדער. איז פאַר וואָס האָט מען נישט פאָרגעשלאָגן אַן ענלעכע לייזונג פאַרן יידיש־אַראַבישן פּראָבלעם? און מען וואָלט דאָך סתם נישט אויסגעוואָרצלט מענטשן פון זייער באָדן, מען וואָלט דאָך געקענט נוצן דעם אומבאַפעלקערטן עבר־

הירדן פאַר די ארץ־ישראל־אַראַבער, טאָן עס מיט פאַרשטענדעניש און מיט אַ ברייט האַרץ.

וויצמאַן דערמאָנט זיך די ביטערע פרשה פון „ועד הצירים“, פון דער יידישער דעלעגאַציע, וואָס איז אין 1918 געקומען לייגן די יסודות פאַר דער יידישער היים, אין גייסט פון באַלפורס דעקלאַראַציע. סאַראַ דערנידערונגען מען האָט געהאַט אויסצושטיין פון דער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע! מען איז די יידן אַנטקעגנגעקומען מיט די פּראָטאָקאָלן פון די זקני־ציון, דעם שפּלדיקן אַנטי־יידישן פּאַשקוויל. באַלד ביים אָנהייב האָט מען אַרויסגעוויזן רשעות און פאַרדאַרבנקייט.

פאַר וואָס האָט מען נישט געשיקט קיין ארץ־ישראל מענטשן מיט שווונג און פאַרשטענדעניש? צי זענען אַזעלכע מענטשן ווי ראָנאַלד סטאָרס, לואי באָלס, הערי לוק און צענדליקער אַנדערע געווען די פּאַסיקע אויף צו פאַרווירקלעכן די באַלפור־דעקלאַראַציע?

פאַר וואָס האָט מען נישט פאַרטיילט אויך צווישן יידן דעם פרייען רעגירונגס־באָדן?

באַלד פון אָנהייב זענען דאָך די אַראַבער געווען גרייט מסכים צו זיין אויף אַ יידישער נאַציאָנאַלער היים. זייערע פירער האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז מאַק־מאַהאָן, דער ענגלישער קאָמיסאַר אין עגיפּטן, האָט נישט איינגע־שלאָסן ארץ־ישראל אין זיין צוזאָג וועגן אַן אַראַבישער הערשאַפט, אַלס פאַרגיטיקונג פאַר זייער מיטהילף אין דער מלחמה קעגן די טערקן. ווען די אַראַבער האָבן עס געלייקנט, האָט מאַק־מאַהאָן אָפּגעוואָרפן זייערע טענות אויפן סמך פון פאַקטן און דאָקומענטן. אַפילו אַזאַ פּראָ־אַראַבער ווי ראָנאַלד סטאָרס, דער סעקרעטאַר פון בריטישן הויך־קאָמיסאַר אין עגיפּטן, האָט דערקלערט, אַז ארץ־ישראל איז די אַראַבער נישט צוגעזאָגט געוואָרן. אַמין אל הוסייני, דער ירושלימער מופטי, האָט געדינט אין דער טערקישער אַרמיי, געווען אירס אַ געטרייער אָפיציר. עס איז נישט געווען קיין ארץ־ישראל אַראַבער, וואָס מען איז זיי געווען פאַר עפּעס שולדיק. פאַר וואָס האָט מען דאָן, אין די ערשטע גינסטיקע טעג, נישט פאַרווירקלעכט דעם צוזאָג צו די יידן? פאַר וואָס האָט מען דערלאָזט, אַז גערטרוד בעל זאָל זיצן אין עגיפּטן און גיסן פעך און שוועבל אויף דער יידישער אַרבעט אין ארץ־ישראל? פאַר וואָס האָט מען איר געלאָזט רייצן די אַראַבער, שרייבן וועגן זיכערן דורכפאַל פון די ציוניסטן, אַז „אויב די אַראַבער וועלן וויסן ווי צו האַנדלען, וועלן זיי דערגרייכן וואָס עס קומט זיי און דאָס גאַנצע געלד פון די יידן וועט דערין נישט קענען שטערן“?

און דאָך איז פאַרט פאַראַן דאָס צווייטע ענגלאַנד, וואָס האָט פאַר יידן

געעפנט אַ טיר און, צום ערשטן מאָל אין לאַנגן גלות, געגעבן זיי אַ מעגלעכקייט צו בויען אַ היים אין לאַנד פון די אבות. ווי זאָל ער עס פאַרגעסן? ווייצמאַן גלייבט אין „צווייטן ענגלאַנד״, גלייבט אין זיין געוויסן. אַנדערש קען דאָך נישט זיין, טענהט ער צו זיך, וואָרעם עס וואָלט דאָך געווען עק וועלט.

וואוקאָפּ וויל נישט שווימען קעגן שטראָם. עס איז די צייט פון נאָכגיביקייט. און אפשר קען ער זיך נישט קעגנשטעלן דעם דרוק פון לאָנדאָן? ער באַפרייט פון טורמע אַכצן אַראַבער, באַשולדיקטע אין בלוט־פאַרגיסונג בעת די אומרוען פון 1929.

אַראַבישע „וואָלונטירן״ קומען אַראָפּ פון סיריע, באַהאַלטן זיך אויס אין די בערג און אונטער קאָוקאַדזשיס פירערשאַפט פלינדערן זיי דאָס לאַנד.

צי ווייס נישט דערפון דער גענעראַל וואוקאָפּ? פאַר וואָס שווייגט ער?

ווייצמאַן לאָזט זיך אַרויס איבער דער וועלט צו זאַמלען פאָנדן פאַר דער „וואַנט און טורעם אַקציע״ — דער נייער אופן פון יידישן אויפבוי. ביי נאַכט קומען אַראָפּ חלוצים, שטעלן אויף גיך אַ טורעם, די ערשטע ווענט, און אין דער פרי זעען אַראַבער אַ נייעם יידישן פונקט. נישט אויף פרעמדער ערד טוען זיי עס, נאָר אויף אייגענער, געקויפטער פון אַראַבישע עפענדים, וואָס זיצן אויף דער ריוויערע און לאַכן פון די יידן, וואָס צאָלן זעק מיט געלט פאַר מדבר־זאַמדן.

רייזעס, רייזעס אָן אַ סוף. פון לאָנדאָן קיין רחובות, פון רחובות קיין לאָנדאָן, און דרך אגב — אַ וויזיט אין אנטווערפּן, פאַריז, באַזעל... רייזעס אָן אַ סוף.

ביי נאַכט אין האָטעל, אין זיין שטילער איינזאַמקייט, זעט ווייצמאַן פאַר זיך די נייע יידישע פאַבריקן אין לאַנד. ער זעט זיך אויף די היגלען פון רמת־גן, אויף אַ אינספּעקציע־טור אין די פאַבריקן. אָט איז די טעקסטיל־פאַבריק „לודזיה״ און אָט די פאַרבעריי „אַרגמן״. ער רעדט מיט די אַרבעטער, גיט זיי דערקלערונגען וועגן נייע כעמישע מיטלען, וויכטיקע פאַר זייער פאַך. און אָט איז „עלית״ און „עסיס״ און „משי זקס״, און נאָך און נאָך אָן עין־הרע.

דער שלאָף שוועבט אַוועק פון די אויגן. ווייצמאַן טראַכט וועגן די יידן דאָ אין שטאָט, וואָס האָבן נאָך נישט דעקלאַרירט פאַרן „קרן־היסוד״.

באַלד אין דער פרי וועט ער זיין ביי די ברידער גאָלדבערג, מאָרגן באַלד אין דער פרי....

כאָטש ס׳האָט דאָ און דאָרטן אַ בליץ געטאָן אַ ליכט, האָט דאָך ביִשט געוווּנען דעם קריג וויצמאַנס צווייטע ענגלאַנד.

די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט באַשטימט צו שיקן אַ נייע אויספאָר־שונגס־קאָמיסיע קיין ארץ־ישראל. וויצמאַן פילט דעם שרעקלעכן קלאַפּ. וואָס איז שוין פאַראַן ווידער צו פאָרשן?

30

עס איז 25סטער נאָוועמבער 1936.

אַ שווערע ערנסטקייט פּילט זיך אין ירושלים. די בליקן זענען געווענדעט צום האָטעל „פּאַלאַס״, אויף דער מעמילא־גאַס.

דער טאַנץ־זאַל פון האָטעל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין אויספאָרשונגס־פּלאַץ. נאָענט צו די פענצטער, פאַרשטעלטע מיט שווערע גאַרדינען, שטייט אַ גרויסער טיש. הינטער אים — הויכע שטולן. נישט ווייט פון אַריינגאַנג — אַ פּאָר שורות בענק פאַר זשורנאַליסטן און געציילטע געסט.

ענגלאַנד האַלט ווידער אין האַנט דעם גורל פון ארץ־ישראל. זי פאַרשט ווידער און גרייט צו נייע וועגן.

מיט לאַנגזאַמע טריט דערנענטערט זיך צום האָטעל ד״ר חיים ווייצמאַן. ער גייט אַריין אין האַלב־טונקעלן זאַל, און ער זעצט זיך אַנטקעגן לאָרד פּיל, דעם פאָרזיצער פון דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע.

דער לאָרד און די אַנדערע קאָמיסיע־מיטגלידער באַגריסן ווייצמאַנען מיט אַן אויפריכטיקן דרך־ארץ. לאָרד פּיל ליידט פון אַ שווערער קראַנקהייט. דאָס זיצן אויף דער שטול קומט אים אָן מיט יסורים. ער איז אָבער גובר זיין ווייטיק און איז העפלעך צום פאָרשטייער פון יידישן פאָלק.

ווייצמאַן הייבט אָן זיין עדות זאָגן. זיין שטים איז שוואַך, קוים וואָס מען הערט זי.

דער לאָרד וויל אויפכאַפּן יעדעס וואָרט. טראָץ זיינע ליידן, גיט זיך אים איין אַרויפצובערענגען אַ שמייכל אין די ווינקלען פון זיין מויל. ער בעט ווייצמאַנען צו רעדן אַ ביסל העכער. דער עדות מאַכט אַן אָנשטרענגונג, אָבער באַלד פאַרלירט זיין שטים ווידער די קראַפט און די ווערטער ציען זיך שטיל:

...„מעגלעך, אַז געוויסע יידן און אַפילו גרופּן האָבן אַ היים, אָבער דאָס פאָלק אַלס גאַנצע האָט זי נישט.

„וואָס הייסט עס, אַז עס איז פאַראַן אַ מיליאָן איבעריקע יידן אין פּוילן, ווי עס דערקלערט איר אויסערן־מיניסטער, הער בעק ?

מען קען דאָך נישט רעדן וועגן „בירגער״ און „איבעריקע״ אין איין און דער זעלבער צייט. אויב בירגער — זענען זיי דאָך נישט איבעריק״.

„זעקס מיליאָן יידן געפינען זיך אין לענדער, וואָס זענען פאַר זיי געוואָרן שטיפמוטערס. זייער גורל דערמאָנט דעם פסוק: ,אין דער פרי בעטן זיי אויפן אָוונט און אין אָוונט בעטן זיי אויפן פרימאָרגן׳.

...„דער יונגער דור וועט געשטויסן ווערן צו צעשטערערישע נייגונגען, אויב עס וועט פון אים אַוועקגערויבט ווערן די האָפענונג, אַז ווען עס איז, מעג עס אַפילו זיין אין דער ווייטער צוקונפט, וועט ער קענען לעבן און שאַפן, — זאָל עס אַפילו זיין איינער אויף צען, אָדער צוואַנציק"...

דער לאָרד שלאָגט פאָר וויצמאַנען אַ משקה, וויצמאַן דאַנקט און בעט וואַסער.

...„בדרך כלל איז לייכט צו זיין אַ ייד אין ענגלאַנד. אָבער ס׳איז פאַראַן אַ געפיל פון אומרו. פאַרסמטע ווינטן יאָגן זיך, טראָגן זיך איבער לאַ־מאַנש־קאַנאַל און דרינגען אַריין אויך אין ענגלאַנד; זיי דערגייען ווייט, ווייט ביז אויף דער צווייטער זייט פון אַטלאַנטישן אָקעאַן.

...„מען ליידט פון אַ שווערן געפיל, וואָס שטאַמט פון די כסדרדיקע אויספאָרשונגס־קאָמיסיעס, פון שטענדיקן פאָרשן צי האָבן יידן אַ רעכט צו לעבן און עקזיסטירן".

וויצמאַן דערציילט וועגן אַ פאַל וואָס איז געשען מיט אַ קורצער צייט צוריק. אַ מענטש, נישט ביים זינען, האָט געוואָרפן אַ רעוואָלווער זיין מאַיעסטעט, דעם קעניג פון ענגלאַנד. האָט דען עפּעס אַן ענגלענדער געטראַכט צי דעם משוגענעמס נאָמען איז בראַון אָדער סמיט? ער האָט זיך פאַרלאָזן אויף דער פּאָליציי און וועגן דעם נאָמען פון שולדיקן נישט געטראַכט. יידן אָבער האָבן געבעטן ביי גאָט עס זאָל זיך, חס וחלילה, נישט אַרויסווייזן, אַז דער שולדיקער איז געווען אַ ייד. יידן זענען געווען צעשראָקן, טאָמער וועט מען צוליב איין משוגענעם באַשולדיקן און פאַראַנטוואָרטלעך מאַכן די גאַנצע עדה.

— די הויפּט־סיבה פון דעם גאַנצן פּראָבלעם? — פרעגט וויצמאַן, און ענטפערט גלייך:

„מיר זענען אַ האַרטנעקיק פאָלק, אַ פאָלק מיט אַ לאַנגן זכרון. צו אונדזער גליק, אָדער אומגליק האָבן מיר נישט פאַרגעסן ארץ־ישראל. אָט די עקשנות, וואָס האָט אויסגעהיט דעם ייד, אין פאַרלויף פון דורות, פון אומענדלעכע יסורים, שטאַמט פון אונדזער פיזיאָלאָגישן אָדער פסיכאָ־לאָגישן צובונד צו ארץ־ישראל. מיר האָבן אין איר קיין מאָל נישט פאַרגעסן, קיין מאָל אויף איר נישט מוותר געווען. אַ שווערן קריג האָבן יידן געפירט קעגן די רוימער, און רוים, וואָס האָט פאַרשלונגען אַ האַלבע וועלט, האָט נישט געקענט פאַרדייען דאָס קליינע יהודה. ביי יעדער געלעגנ־

הייט האָבן יידן זיך אומגעקערט צו דער אַלטער היים, געשאַפן אין איר זייער ליטעראַטור, געבויט דערפער, שטעט, קהילות.

...„במשך פון לאַנגע דורות האָבן יידן געוואַנדערט און שטענדיק געקומען אין שוין אויסגעבויטע לענדער. מיר האָבן דעריבער געמוזט אַריינדרינגען אין די שפּאַרונעס פון אַ שוין־געשאַפענער סטרוקטור. דאָס האָט דערפירט צו די ספּעציפישע באַציונגען צווישן יידן און נישט־יידן. מען האָט אונדז געגעבן אָנצוהערן, אַז מיר לעבן אַ פּאַראַזיטן־לעבן. אָבער אין ארץ־ישראל האָבן מיר געהאַט די געלעגנהייט צו שאַפן אַלץ פון בראשית... אַלץ וואָס דאָ איז געשאַפן געוואָרן, איז עס אַ דאַנק דער יידישער אַרבעט״.

די וועלט, זאָגט ווייצמאַן, וואַרט אויף אַ נייער און קאָנסטרוקטיווער ווענדונג אין דער ענגלישער פּאָליטיק כלפּי ארץ־ישראל, ווייל מען קען דאָך נישט שטענדיק טאָפּטשען אויפן זעלבן פּלאַץ. עס איז שווער צו גלייבן, אַז סיי די יידן און סיי די אַראַבער וועלן מסכים זיין מיט אַ לאַגע וואָס איז אַ שטענדיקע צרה. אַפילו צו אויספאָרשונגס־קאָמיסיעס געוווינט מען זיך צו. ער האָפט, אַז אין אָנבליק פון דער שווערער פּערספּעקטיוו פאַרן יידישן פאָלק, וועט די קאָמיסיע קומען מיט אַ פּאָרשלאַג וואָס וועט עפענען אַ ניי און גינסטיק קאַפּיטל פאַר יידן און אַראַבער צוגלייך.

ווייצמאַן פילט, אַז דאָס מאָל מוז קומען אַן ענדערונג.

ווייצמאַן אײלט צו דאָס בויען פון זיין הויז. ער בענקט נאָך מנוחה, נאָך פאַרוואָרצלונג. דערווייל גייען אַריבער די טעג אין אַרבעט און אין טראַכטענישן.

און אָט איז אַ יום־טובדיקע שטימונג אין רחובות. אַ פייערלעכע צערע־מאָניע קומט פאָר אין מוניציפּאַליטעט־בנין: מען וועט באַערן ווייצמאַנען מיטן טיטל פון אַן ערן־בירגער.

ווייצמאַן קוקט זיך צו צום בילד אַנטקעגן אים: דאָס איז אהרן אייזנבערג, — דער פּינסקער חלוץ. ווייצמאַן דערמאָנט זיך אין זיינע קינדער־יאָרן, אין טאָג ווען ער איז אַרומגעגאַנגען אין רעגן, געקלאַפּט אין די טירן, געזאַמלט אַ רובל צו אַ רובל, פאַרקויפט טאָוולען מיט משה מאָנטעפיאָרעס בילד. דאָס געלט איז צווישן אַנדערן, געווען באַשטימט אויף אייזנבערגס רייזע־הוצאות קיין א״י. ווייצמאַן געדענקט זיין ערשטן טאָג אין רחובות, מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק. די ערשטע נאַכט איז ער געשלאָפן ביי די אייזנבערגס. אויף צו מאָרגנס האָט מען אים געפירט ווייזן די קאָלאָניע —

זאַמד־דיונעס וואָס טראָגן זיך איינע איבער דער אַנדערער, ווייט, ווייט, ביזן האָריזאָנט.

זאָגט ווייצמאַן צו די יום־טובדיקע יידן: „שווער איז צו דערקלערן אַפילו גוטע גויים, אַז אין לאַנד פון שטיינער און זאַמדן איז נאָך פאַראַן פּלאַץ פאַר נייע איינוווינער, וואָרעם זיי, די גויים, זענען געוווינט צו רחבותדיקע לענדער, ווי אויסטראַליע און קאַנאַדע. איר, מענטשן פון רחובות, האָט אָנגעהויבן די אויפקלערונגס־אַרבעט מיט אַ פּופציק יאָר צוריק, דורך אַ לאַנגער ריי פון מעשים, און מיר וועלן מיט איר ממשיך זיין ביזן ענדגילטיקן זיג".

די אויספאָרשונגס־קאָמיסיע איז ממשיך מיט איר אַרבעט. דעם 8טן יאַנואַר 1937, אויף אַ געשלאָסענער זיצונג אין ירושלים, האָט מען ווייצ־מאַנען באַקענט מיטן פּלאַן פון צעטיילן דאָס לאַנד און אויפשטעלן צוויי מדינות, אַ יידישע און אַן אַראַבישע.

— וואָס מיינט איר וועגן דעם? — פרעגט מען אים.

ווייצמאַן האַלט זיך אָפּ פון אַ שנעלן ענטפער.

— איך וועל איצט נישט קענען ענטפערן, מיין לאָרד. איך מוז זיך באַראָטן מיט מיינע חברים.

זינט די פרימאָרגן־שעהען האַלט אין איין רעגענען אין נהלל. די פעלדער טרינקען צו זעט. גוטע ריחות טראָגן זיך פון דער אָנגעזאַפּטער ערד. טשאַטעס פייגל שוועבן איבער די נאַר וואָס פאַרזייטע פעלדער. די פרישע קערנער רייצן.

אין איינעם פון די צימערן פון דער אַגריקולטור־שול זיצן צוויי מענער ביי פונאַנדערגעוויקלטע מאַפּעס. זיי רעדן וועגן די גרענעצן פון דער צוקונפטיקער יידישער מדינה. איינער פון זיי איז פּראָפעסאָר קאופּלאַנד, מיטגליד פון דער אויספאָרשונג־קאָמיסיע, און דער צווייטער — חיים ווייצמאַן.

דער פּראָפעסאָר וויל וויסן וואָס דאָס פאָלק טראַכט וועגן פּלאַן. ער גיט נישט איבער קיין פּרטים, זיי זענען אין אויסשליסלעכן באַזיץ פון דער קאָמיסיע. ער וויל אָבער קענען די שטימונג פון די יידישע מאַסן.

ווייצמאַן קען זיך נישט צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז דעם מאַנדאַט איז נישט מעגלעך אויסצופירן.

— קען מען דען לייקענען, הער פּראָפעסאָר, אַז עס זענען תמיד געווען מענטשן, וואָס האָבן געלייגט שטיינער אויפן וועג צו דער פאַרווירקלעכונג פון מאַנדאַט? און איצט שטראָפט מען דעם קרבן: מען לייגט פאַר די יידן אַ פינפטל פון ארץ־ישראל. און דער קרבן וועט מסכים זיין, ווייל וואָס איז אים דען פאַרבליבן צו טאָן?

דער רעגן הערט נישט אויף. די חברים פון דאָרף טאַפּטשען אין די קאַלוזשעס. זייערע פיס זענען אין שווערע שטיוול, די פּלייצעס — באַהאַנגען מיט זעק. אין דאָרף איז שטענדיק דאָ אַרבעט. דער רעגן קען נישט זיין קיין אָפּהאַלט.

דער שמועס צווישן די צוויי מענטשן אין איינעם פון די צימערן אין דער אַגריקולטור־שול גייט אָן. שוין אָוונט־צייט באַווייזט זיך ווייצמאַן פאַר זיינע חברים. ער רופט אויס אַ צעשטראָלטער „חברה, היינט האָבן מיר געלייגט די יסודות פון דער יידישער מדינה״. און ווענדנדיק זיך צו יעקב אורין: „און איצטער גיי איך אָנזאָגן די בשורה מיין מאַמען״.

ווייצמאַן לעבט איבער שווערע טעג. ער דערמאַנט זיך אין וויקטאָר יאַקאָבסאָנס רייד, „וועגן אייביקן שוואַנגערן״. און דאָך, ווי הייבט מען אָ האַנט אויף דער גאַנצקייט פון לאַנד? און אויב נישט קיין יידישע מדינה, זאָל זיין אַפילו אין אַ טייל פון ארץ־ישראל, ווו וועלן זיך ראַטעווען די גערודפטע פון פאָלק? מען קען דאָך נישט טאַפּטשען שטענדיק אויפן זעלבן אָרט.

ווייצמאַן זוכט רו און פאַרגעסונג אין טאָג־טעגלעכן לעבן פון לאַנד. אָט שרייבט ער אַן אויפרוף לטובת דעם הבימה־טעאַטער. ער שרייבט וועגן די קיבוצים, וועגן תל־אביבער פּאַרט, „דערווייל נאָך אַ פּאָר ברעטער איבער פעלדזן״. ער באַהאַלט זיך אויס פון די מחשבות וועגן דער שווערער ברירה פאַר וועלכער ער שטייט.

פאַראַן אַ מענטש אין ציון, וואָס קוקט זיך צו צו ווייצמאַנס געראַנגל. דאָס איז דוד בן־גוריון. ער זאָגט פאַרן אַקציאָנס־קאָמיטעט: „איך ווייס נישט צי אין אַלע גלות־טעג איז געווען נאָך אַ ייד, אויף וועמען עס איז געלעגן אַזאַ שווערע אחריות, ווי די, וואָס אויפן פרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע״.

ווייצמאַן איז דערשעפּט, זיין געזונט־צושטאַנד רופט אַרויס זאָרג. ער

קומט אויף אָפּרו אין זיין באַליבטן מעראַן אין מאַי 1937. אויף די יונגע פּרוכטביימער שטייט נאָך דאָס בליעכץ. די וועלט איז דאָ פריש און שיין, די טאָלן זענען באַצירט מיט אומצאָליקע בלומען און דער האָופלינג־באַרג איז נאָך באַדעקט מיט שניי. פון די באַרג־פאַלדן פאַלן ראַשיק אַראָפּ בלוילעך־דורכזיכטיקע וואַסערן.

אָבער קוקנדיק אויף דער שיינקייט אַרום, גיט זיך ווייצמאַן פּלוצעם אַ פרעג — וואָס וועט פאַרט זיין? און זיינע געדאַנקען טראָגן אים אַוועק קיין לאָנדאָן. ער טראַכט וועגן נייעם מיניסטער פון קאָלאָניעס, אָרמסבי־גאָר, זיין לאַנגיאָריקער פריינד, דעם וואָס ער האָט נישט איין מאָל פאַררעכנט צו די חסידי אומות העולם.

וועט ער זיך אויך מיט אָרמסבי־גאָר דאַרפן קריגן? זאָל עס מעגלעך זיין, אַז דער מיניסטער וועט אים נישט ווייזן דעם דין־וחשבון פון דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, נאָר אין דער לעצטער מינוט וועט ער אים איבערשיקן דעם בייכיקן מעמאָראַנדום און אויסמיידן פון אים יעדע באַמער־קונג? צי וועט ער דאַרפן שטיין ערגעץ אין אַ קאָרידאָר, צוזאַמען מיט צענדליקער זשורנאַליסטן, און באַקומען דעם באַריכט שוין נאָך אַלעמען?

ווייצמאַן יאָגט פון זיך אַזעלכע געדאַנקען. בעסער איז צו טראַכטן וועגן אַ לענגערן שפּאַציר מאָרגן, צוזאַמען מיט בענדזשין.

אך, בענדזשי, בענדזשי; דער טאַטע איז גרייט אויף יעדן קרבן, אויב דאָס וואָלט נאָר געגעבן גליק דעם זון זיינעם.

— בענדזשי, בענדזשי, פאַר וואָס ביסטו אַזוי אומעטיק?

און אָט איז ווילשטעטער. ער איז אַלט געוואָרן פאַר דער צייט, דער גרויסער געלערנטער. ווי טרויעריק קלינגען זיינע רייד אויפן פאָן פון שיינעם מעראַן, צווישן די צעבליטע פעלדער און גערטנער. דער פּראָפעסאָר, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, ווי אַ פאַרשעמט קינד, רעדט וועגן דער מוטער, וואָס איז אַראָפּ פון זינען, וועגן די קינדער, וואָס טאָרן זי נישט פאַרלאָזן.

אַ געקרעפּטיקטער איילט ווייצמאַן צוריק קיין לאָנדאָן.

ווייצמאַן טעלעפאָנירט אין אָרמסבי־גאָרס ביוראָ. ער וויל רעדן מיטן מיניסטער, אים בעטן אַ קאָפּיע פון באַריכט וואָס די אויספאָרשונגס־קאָמיסיע האָט צוגעשטעלט. ביים טעלעפאָן איז דער הער באַיד, אָרמסבי־גאָרס סעקרעטאַר.

באַיד: דער מיניסטער, הער אָרמסבי־גאָר, וואָלט אייך וועלן זען מאָנטיק.

וויצמאַן: דאָס מיינט צו זאָגן, אַז איך וועל ביז מאָנטיק נישט האָבן קיין קאָפּיע פון באַריכט.

דער הער באַיד גיט אָנצוהערן, אַז אַזוי וועט עס טאַקע זיין.

וויצמאַן: ביז דעמאָלט וועט שוין אַלץ זיין דעצידירט. איר קענט זאָגן דעם הער אָרמסבי־גאָר, אַז איך אַזאַ פאַל האָט נישט קיין זין, אַז איך זאָל אים מאָנטיק זען.

אַ ביסל שפּעטער האָט באַיד אָנגעקלונגען וויצמאַנען און זיך שטאַרק באַמיט אים צו איבערצייגן, אַז דער מיניסטער, הער אָרמסבי־גאָר, קען אים נישט זען ביז מאָנטיק. וויצמאַן ענטפערט דערויף, אַז ער וואָלט ביים מיניסטער נישט צוגענומען מער ווי צען מינוט פון זיין צייט.

דאָ נעמט אָרמסבי־גאָר איבער דעם טעלעפאָן.

וויצמאַן: הייסט עס, איר ווילט אונדז דערשטיקן אין דער פינצטער?

אָרמסבי־גאָר: איך וואָלט אייך וועלן זען מאָנטיק; איך קען אייך פאַרזיכערן, אַז איר וועט האָבן דעם באַריכט פריער פון עמעצן אַנדערש.

וויצמאַן: מאָנטיק וועט שוין זיין נאָך אַלעמען, די באַשלוסן וועלן שוין זיין אָנגענומען. סתם אַ קאָפּיע פון באַריכט וועט יעדער איינער קענען האָבן קומענדיקע וואָך.

אָרמסבי־גאָר: דער הער באַלדווין האָט זיך פאַרפליכטעט קיינעם נישט צו ווייזן דעם באַריכט פון דער קאָמיסיע, איידער עס באַקומט אים דער פּאַרלאַמענט. אָבער איר וועט מאָנטיק באַקומען אַ קאָפּיע, פריער פאַר יעדן אַנדערן. דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי אויך דער מלך איבן־סאַוד, האָבן געבעטן קאָפּיעס, און מיר האָבן אָפּגעזאָגט.

וויצמאַן: איך זע נישט וואָס מיט דעם ענין האָט צו טאָן דער פּרע־זידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אָדער דער מלך איבן־סאַוד. עס האָט אָבער יאָ צו טאָן מיט זעכצן מיליאָן יידן, פאַר זיי איז עס אַ ענין פון לעבן אָדער טויט. אויף מיר, אַלס פּרעזידענט פון דער יידישער אַגענץ, וועט ליגן די אחריות דורכצופירן די רעקאָמענדאַציעס פון באַריכט, אַלנפאַלס די, וואָס האָבן אַ שייכות צו אונדז.

אָרמסבי־גאָר: זיי האָבן אויך אַ שייכות, ווי איר פאַרשטייט, מיט דער בריטישער אימפּעריע.

ד״ר וויצמאַן: איך פאַרשטיי עס, און דווקא דערפאַר איז עס פון דער העכסטער וויכטיקייט, אַז מיר זאָלן האָבן אַ געלעגנהייט צו זען דעם באַריכט, איידער די ענדגילטיקע באַשלוסן ווערן אָנגענומען. גאַנץ מעגלעך,

אויב מען וועט אונדז נאָר געבן אַ שאַנס, וועלן מיר קענען באַהילפיק זיין דער בריטישער אימפּעריע, ווי אויך אונדז אַליין.

אָרמסבי־גאָר: איר וועט מסתמא איינזען, אַז דאָס איז זייער שווער פאַר אונדז. מיר קענען נישט געבן דעם באַריכט יעדן איינעם, וואָס פאַר־לאַנגט עס, און מיר האָבן זיך פאַרפּליכטעט דאָס נישט צו טאָן.

ד״ר ווייצמאַן: איך בין נישט „יעדער איינער״. איך בין דער פּרעזי־דענט פון דער יידישער אַגענץ. איר קענט נישט אָננעמען קיין באַשלוסן, וואָס האָבן צו טאָן מיטן גורל פון מיליאָנען מענטשן, אָן אָנצופרעגן זייערע פאָרשטייער. מיר וועלן זיך נישט לאָזן שליידערן אין דער פינצטער. מיר וועלן אייך באַקעמפן פון סאַן־פראַנציסקאָ ביז ירושלים. דאָס וואָס איר באַגייט איצטער איז אַן אומפאַריינדלעכער אַקט.

אָרמסבי־גאָר: אויב איר וועט מיר דערלויבן, וועל איך אייך זאָגן, אַז איר מאַכט אַן אומזיסטן שטורעם. אויב איר וועט די זאַך באַטראַכטן ווי אַן אומפאַריינדלעכן אַקט, וועט איר באַשווערן מיין לאַגע, די לאַגע פון אַ מענטש, וואָס האָט פאַר אייך געטאָן דאָס בעסטע און וואָס וואָלט וועלן ווייטער אַזוי האַנדלען.

ד״ר ווייצמאַן: אונדזער דערפאַרונג אין די פאַרגאַנגענע יאָרן מיט ענלעכע באַריכטן און דעקלאַראַציעס איז נישט געווען קיין איבעריק אָנ־גענעמע. אין איצטיקן פאַל גיט איר אונדז אַפילו ווייניקער צייט פאַר אַ באַטראַכטונג, ווי פּאַספילד האָט עס געטאָן אין 1930.

אָרמסבי־גאָר: פּאַספילד האָט נישט געהאַט צו טאָן מיט קיין באַריכט פון אַ קעניגלעכער קאָמיסיע.

ד״ר ווייצמאַן: אוודאי איז דער ענין דאַן געווען פיל ווייניקער וויכטיק. דווקא וויל דער איצטיקער באַריכט איז אַזוי וויכטיק, איז גרויס אונדזער אינטערעס אים צו זען באַצייטנס.

אָרמסבי־גאָר ראַנגלט זיך, ער וויל זיך אַרויסדרייען פון אַ קאָנקרעטער תשובה. ער חזרט איבער זיין ווילן צו זען דעם יידישן פירער. ווייצמאַן ענטפערט דערויף, אַז ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט ער נישט קיין אינטערעס אים צו זען. ער וועט זיין אין זשענעווע, אָדער אין וואַשינגטאָן. ער קען אים דאָרטן זען, אויב דער מיניסטער וויל עס דווקא.

נאָכן טעלעפאָנישן שמועס איז פאָרגעקומען אַ בריוו־אויסטויש צווישן ביידע מענער.

און אָט וואָס ווייצמאַן האָט געשריבן אָרמסבי־גאָרן:

„...ווידער סטראַשעט מען מיטן פּאַן־איסלאַמיזם און מיט דער נאַציאָ־

נאָלער אַראַבישער באַוועגונג — אַ באַוועגונג, וואָס איז ווילד אין איר עצם נאַטור און וואָס זוכט צו צעפלאַקערן אַ שנאה צווישן יידן און ענגלענדער, אַ באַוועגונג, וואָס קוקט אויף מוסאָלינין און היטלערן ווי אויף אירע העלדן און וואָס ווערט געשטיצט מיט איטאַליעניש געלט; דאָס אַלץ איז אייך, מיין הער, גוט באַקאַנט, און דאָך דערלאָזט איר, אַז אַלץ זאָל ווייטער אַזוי גיין". „...איין מיניסטער נאָכן צווייטן אין קאָלאָניאַל־מיניסטעריום האָבן אונדז במשך פון די אַלע יאָרן אויסגעשטעלט אויף אַ געראַנגל מיט אַן אַדמיניסטראַציע וואָס איז געווען אָן שוונג, קעגנעריש און האָט אונדז כסדר געוואָלט שטערן... די יידן זענען נישט צוריקגעטראָטן. זיי האָבן זיך געראַנגלט, געליטן און דאָך באַוויזן אויפצושטעלן אַ ווערק, וואָס וועקט דרך־ארץ און באַווונדערונג. אָבער דער יידישער דערפאָלג האָט נאָך מער אויפגערייצט די מענטשן, וואָס זייער חוב איז געווען צו העלפן אויפשטעלן די יידישע נאַציאָנאַלע היים." „און וואָס עס מאַכט מיך נאָך מער אומעטיק, איז דער פאַקט, וואָס איך זע אייך, מיין הער, אין דער שפּיץ פון קאָלאָניאַל־מיניסטעריום — איר, וואָס האָט אונדז מיטן גאַנצן האַרץ געהאָלפן ביים אָנהייב פון אונדזער וועג."

„...און איצט לגבי דער עצה פון נישט שלאָגן טרעוואָגע: קענט איר דען אָנווייזן אויף איין פאַל במשך פון די צוואָנציק יאָר, אַז איך זאָל עס האָבן געטאָן? אַלע צרות האָב איך אויסגעטראָגן אין דער שטיל. איך האָב פאַר מיין פאָלק פאַרטיידיקט די בריטישע רעגירונג, געטאָן עס פון עפנט־לעכע טריבונעס, אין קאָנגרעסן, און ווו נישט? אָפט מאָל קעגן מיין געוויסן און כמעט שטענדיק — צו מיין רעה. פאַר וואָס האָב איך אַזוי געהאַנדלט? ווייל איך האָב געהאַלטן די צוזאַמענאַרבעט מיט ענגלאַנד פאַר דער באַזע פון אונדזער פּאָליטיק אין ארץ־ישראל. אָבער די צוזאַמענאַרבעט איז פאַרבליבן איינזייטיק — אַן איינזייטיקע ליבע".

„...כ'וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן אייער אַמאָליקע פריינדשאַפט און אונדזער בשותפותדיקע אַרבעט אין יענע שווערע טעג. אָבער טראָץ מיינע פערזענלעכע געפילן, ווי אַזוי זאָל איך זיך אַנטרויען אָט דער שיטה, וואָס איר, מיין הער, אידענטיפיצירט זיך מיט איר? איר לייגט מיר פאָר צו גיין פאַרזיכטיק און פאַמעלעך. איך בין אָבער נישט אַן אָפּגעזונדערטער, פּריוואַטער מענטש, פון סאַמע אָנהייב איז געווען מיין חוב צו זיין די אויגן פון מיין פאָלק..."

„איך וועל נישט מאַכן קיין אַלאַרמען, דאָס איז אַלנפאַלס נישט מיין סטיל; עס קען אָבער קומען צו עפּעס ערגערס פון דעם — אַן אַרויפגעצוווּנגען שטילשווייגן."

דעם 8טן יולי 1937 האָט די אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, אונטער דער פירערשאַפט פון לאָרד פּיל פאַרעפנטלעכט איר באַריכט, מיט אַ פאָרשלאַג וועגן אַ יידישער מדינה אויף אַ פינפטל פון ארץ־ישראל־שטח. וואָס פאַראַ מין מדינה איז עס, — אָן ירושלים, אָן פולער סוווערעניטעט, מיט קאָרידאָרן און אינערלעכע אויסשניטן? אַ לענדל — קליין און צעפּיצלט, און דאָך צויבערט עס!

די פּיל־קאָמיסיע איז אַרויס פון דער הנחה, אַז דער מאַנדאַט איז נישט צום אויספירן, ווייל צוזאָגן זענען געמאַכט געוואָרן סיי יידן, סיי אַראַבער, און ס׳האָט זיך געשאַפן אַ סתירה, וואָס מען קען נישט אַריבערשפּאַנען. מיט יעדן טאָג שטאַרק זיך דער אַראַבישער נאַציאָנאַליזם און די אויס־זיכטן אויף שלום זענען זייער בלאַסע. דער באַריכט דריקט אויס אָנער־קענונג דעם יידישן אויפטו אין לאַנד, ער שטרייכט אונטער, אַז אַ דאַנק דעם יידישן פלייס האָט זיך געהויבן דער לעבנס־ניוואָ ביי די אַראַבער. די קאָמיסיע לייקנט נישט אָפּ, אַז די באַלפור־דעקלאַראַציע האָט געמיינט אַ יידישע מדינה; זי לייקנט אויך נישט אָפּ די אַלע חטאים, וואָס די אַדמיניסטראַציע איז באַגאַנגען. זי שטעלט פעסט, אַז ווען ס׳וואָלט מיט צוואָנציק יאָר צוריק דעקלאַרירט געוואָרן אַ יידישע מדינה, וואָלט עס נישט אַרויסגערופן קיין קעגנערישע רעאַקציע, אַלנפאַלס נישט אַזאַ, וואָס מ׳וואָלט נישט געקענט גובר זיין. אָבער וואָס מען האָט פאַרזען איז אוממעגלעך אויפצולעבן אויף ס׳ניי. מען מוז זיך רעכענען מיט דער איצטיקער לאַגע, דהיינו, אַזביידע פעלקער ווען דעם שלום נישט דער־גרייכן, אַז בלויז צוזאַמענשטויסן וועלן זיך האַלטן אין איין מערן. בלייבט דער איינציקער אויסוועג — צעטיילן דאָס לאַנד!

וויצמאַן מוז קעמפן אויף צווי פראָנטן: אויפן יידישן, ווייל גרויס איז די קעגנערשאַפט צו אַ מדינה, וואָס איז נישט מער ווי אַ חוזק, און אויפן בריטישן, וואָרעם נאָר דער פרינציפּ אין באַשלוס איז אַ געזונטער, אָבער נישט זיין גייסט און אינהאַלט.

אין אויגוסט 1937 האָט אין ציריך זיך פאַרזאַמלט דער צוואַנציקסטער ציוניסטישער קאָנגרעס, וואָס האָט געדאַרפט נעמען שטעלונג צום פאָר־שלאַג וועגן אַ יידישער מדינה אין אַ צעטיילט ארץ־ישראל. פיר יאָרצענדליק זענען אַריבער זינט ד״ר טעאָדאָר הערצל האָט גערופן דעם ערשטן ציו־

ניסטישן קאָנגרעס, און ווייצמאַן זאָגט אין זיין דערעפענונגס־רעדע, אַז נאָך פערציק יאָר בלאָנדזשעניש איז דאָס פאָלק צו זיין ציל נאָך נישט דערגאַנגען. דאָך איז דאָס נישט געווען קיין אומזיסטע בלאָנדזשעניש. באַלד גיט ווייצמאַן אָנצוהערן, אַז דאָס פאָלק שטייט פאַר אַ וויכטיקער ווענדונג. אוסישקין האָט תיכף אויפגעהויבן די פאָן פון די נייַן־זאָגער. ער איז קעגן אַ יידישער מדינה אָן באָדן און אָן מעגלעכקייטן פאַר אַנטוויקלונג, אַ מדינה מיט דריי הונדערט טויזנט אַראַבער אין אירע גרענעצן; אוסישקין זעט אין דעם פאָרשלאָג אַ פאַרשוועכונג פון די הייליקע פאָלקס־האָפענונגען. „די האַנט וואָס איז אויפגעהויבן געוואָרן צו אַ שבועה ביי די טייכן פון בבל, די שבועה פון „אם אשכחך ירושלים", וועט ביים טעמזע־טייך נישט אונטערשרייבן אַ דאָקומענט, וואָס איז מוותר אויף ירושלים".

ווייצמאַן פאַרטיידיקט דעם פּלאַן, ער בעט ניכטערקייט און באַזינונג. ער וואָרנט, אַז די יידן זענען נישט ביכולת צו ענדערן די שטעלונג פון דער ענגלישער רעגירונג, וועלכע טרעט אויף צוויי שוועלן מיט אַ מאָל. עס וועט קיין מאָל נישט פאַרשיט ווערן דער אָפּגרונט צווישן דער ציוניס־טישער באַוועגונג און אירע פריינד אין ענגלאַנד פון איין זייט און דעם קאָלאָניאַל־מיניסטעריום — פון דער צווייטער. ווער ווייס — זאָגט ווייצמאַן — אויב אין גלות וועלן אַ מאָל פאַרשווינדן די אָבערגלויבנס און פאָראורטיילן כלפּי דעם יידישן פאָלק. אָט האָט אים איינער פון דער אויס־פאָרשונגס־קאָמיסיע געזאָגט: „די יידן וועלן שוין זייערס דערגרייכן, און דעריבער דאַרף מען זיך אַזוי נישט זאָרגן וועגן די באַדינגונגען אין וועלכע עס וועט זיי אויסקומען צו אַרבעטן". ווייצמאַן וואָרנט, אַז עס וועלן זיך שטענדיק אָפּזוכן „סענטימענטאַלע בתולות", וואָס וועלן זיך שטעלן פאַר אַ ציל צו שיצן די „אַראַבער נעבעך" קעגן די „אַלמעכטיקע יידן", כאָטש די אַראַבער זענען לחלוטין נישט אַזוי נעבעכדיק; זיי האָבן מערער געלט פאַר אַ פּאָליטישער אַקציע ווי די יידן מיט זייערע גבירים און באַנקירן. שטעלט זיך נאָר פאַר אַ סיטואַציע, — רופט אויס ווייצמאַן — די אַראַבישע דזשענין האָט דערקלערט קריג דער ענגלישער דאונינג־סטריט, און דזשענין האָט געוווּנען. אין משך פון חדשים האָבן כוליגאַנעס געהוליעט און מען האָט זיי נישט געקענט איינשטילן. שטעלט זיך די פראַגע: פאַר וואָס? עס לוינט זיך אָבער נישט צו פרעגן, וואָרעם עס טרעפט, אַז אין ענגלאַנד ווערן זאַכן נישט געמאַכט, נאָר זיי געשעען. און אַזוי איז געשען, אַז במשך זעקס חדשים האָבן דזשענין און שכם, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון „גענעראַליסימאָ" קאַוקאַדזשי, געהאַלטן אין צוים דאָס ענגלישע מיליטער. ענגלאַנד האָט געשיקט אַ דיוויזיע. זי איז געקומען,

געזען און גאָרנישט געטאָן. און דעם חשבון פון די הוצאות פאַר אָט דעם שפּאַציר האָט מען צוגעשטעלט די יידן צו באַצאָלן.

ענגלאַנד איז אים טאַקע ליב און טייער, אָבער דאָס איז דאָס צווייטע ענגלאַנד, וואָס איז אין אַ מינדערהייט, און שוואַך איז זי לגבי דעם אַנדערן, וואָס בייגט דעם קאָפּ פאַר דער נייער וועלט — אַ וועלט וואָס דערמעגלעכט יעדן כוליגאַן מיט אַ פּאַר באָמבעס אין האַנט צו ווערן אַ פּאָליטישער כוח.״

ווייצמאַן וויל דאָס מאָל נישט פאַרהוילן זיינע אמתע געפילן כלפּי ענגלאַנד. ער זוכט נישט קיין תירוצים. ער דערקלערט קלאָר און אָפן: „יידן און ענגלענדער זענען געקומען ביז צו אַ גרענעץ, וואָס ווייטער קען מען נישט גיין!״ צוואַנציק יאָר — זאָגט ווייצמאַן — האָט ער זיך באַמיט צו דערנענטערן ביידע פעלקער אין נאָמען פון אַ בשותפותדיקן ציל. געקומען איז אָבער די צייט אויסצורופן, אַז ס׳איז נישטאָ וואָס מערער צו דערוואַרטן פון ענגלאַנד. זאָלן דעריבער די יידן נישט אָפּוואַרפן דעם געדאַנק פון אַן אייגענער מדינה אין אַ צעטיילטן ארץ־ישראל, וואָרעם ווער ווייסט צי ענגלאַנד וועט זיך אַ צווייט מאָל פאַרמעסטן צו עפּעס ענלעכעס.

...„די ברירה וואָס שטייט פאַר אונדז איז: אָדער אַ מינדערהייט אין ארץ־ישראל — און מען קען אפשר זאָגן אין אַן אַראַביש ארץ־ישראל — אָדער אַ יידישע מערהייט אין אַ צעטיילט ארץ־ישראל״. און דאָ ווענדעט זיך ווייצמאַן צו די מענטשן פון „מזרחי״, מיט וועלכע ער איז אָפט נישט איינשטימיק בנוגע פּאָליטישע ענינים. „איך רעד נישט ווי איינער פון „מזרחי״, נאָר ווי אַ מענטש מיט אַ טיפן רעליגיעזן געפיל, הגם ער איז נישט מקיים אַלע מצוות. מיט דער גאַנצער שאַרפקייט טייל איך פונאַנדער צווישן דער ווירקלעכקייט און דעם משיחיזם. מיר אַלע גלייבן, אַז דער משיחיזם איז אַ טייל פון אונדזער וועזן, וואָס איז אָפּגעהיט און געפלעגט דורך אונדזער נאַציאָנאַלער טראַדיציע און געהייליקט דורך די יסורים פון קדושים וטהורים במשך פון טויזנטער יאָרן. אָט די משיחישע וויזיע קען אַ פאָלק נישט פאַרגעסן, אויב עס וויל נישט ווערן אויס פאָלק. עס וועט קומען אַ צייט און ס׳וועלן נישט זיין קיין שונאים און קיין גרענעצן, און נישט קיין קאַנאָנען־געבערום, און מענטשן וועלן זיין מענטשן. דאַן וועלן מיר אויך האָבן אונדזער ארץ־ישראל. אָבער מיר זענען בני בשר ודם, מיט אַ באַגרענעצטן האָריזאָנט און עס דריקט אויף אונדז אַ שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט. איך האָב געזאָגט פאַר דער ראָיאַל־קאָמיסיע, אַז עס זענען פאַראַן זעקס מיליאָן יידן, וואָס ווילן עולה זיין. האָט מיך איינער פון די מיטגלידער געפרעגט:

טראַכט איר זיי אַלע צו ברענגען קיין ארץ־ישראל? אויף דעם האָב איך געענטפערט: ניין. איך האָב אַ ידיעה אין די גרענעצן פון פיזיק און כעמיע, און איך ווייס, וואָס עס מיינען מאַטעריעלע פאַקטאָרן. לגבי אונדזער דור צע־טייל איך דעם נומער זעקס אין דריי, און דאָס וועט איך שוין ווייזן, ווי טיף די יידישע טראַגעדיע איז, טיפער ווי דער ים. צוויי מיליאָן יונגעלייט, וואָס שטייען אויפן שוועל פון לעבן און וואָס האָבן שוין איצט פאַרלאָרן זייער עלעמענטאַרע רעכט — די רעכט צו אַרבעט — זיי ווילן מיר ראַטעווען. די אַלטע וועלן זיך גיין, אָדער זיי וועלן זיך צופּאַסן, אָדער נישט. אין דער איצטיקער גרויזאַמער וועלט זענען זיי צעריבן געוואָרן אויף שטויב. ווידער האָב איך זיך פאַרטראַכט איבער אונדזערע טראַדיציעס. וואָס מיינט, רבותי, טראַדיציעס? דאָס זענען נישט מער ווי די זכרונות, וואָס מען גיט איבער אין אַ פּאָעטישער פאָרעם. דאָס וואָס איך קען אייך היינט זאָגן איז נישט מער ווי אַ שוואַכער אָפּקלאַנג פון דעם וואָס אונדזערע חכמים, דיכטער און נביאים האָבן עס שוין געזאָגט. די צוויי מיליאָן, און אפילו ווייניקער פון דעם, זענען אונדזער שארית הפליטה און פאַר זיי מוזן מיר פאַרזיכערן אַ צוקונפט. צו מיינע רעליגיעזע פריינד זאָג איך: ווייסט פאַר וועמען און פאַר וואָס איר זאָגט זיך אַרויס, ווייל דאָס איז נישט קיין פראַגע פון פאַרטיי".

קומענדיק נענטער צו דער פראַגע פון יאָ אָדער נישט אָננעמען דעם פאָרשלאַג פון צעטיילונג, זאָגט ווייצמאַן: „מיר קענען טאָן נאָר דאָס, וואָס ס׳איז מעגלעך. און אויב עס זענען פאַראַן מעגלעכקייטן, קום איך, אַ מענטש, וואָס האָט אַוועקגעגעבן פופציק יאָר פון זיין לעבן דער באַוועגונג, אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך צו געבן, ס׳גאַנצע לייב און לעבן, קום איך און זאָג — יאָ! און איך האָף, אז אויך איר וועט אַזוי ענטפערן".

עס האָט אַ שוועב געטאָן די געשטאַלט פון אַ יידישער מדינה. דער קאָנגרעס האָט דערפילט דעם כישוף פון ווייצמאַנס רייד, עס זענען אויס־געבראָכן אַפּלאָדיסמענטן, מענטשן האָבן זיך אויפגעשטעלט און דאָס געזאַנג פון „התקוה" האָט זיך געטראָגן אין חלל.

אוסישקין האָט געטריבן דעם צויבער. ער האָט זיך געווענדעט צו אַלפרעד מאָנדס זון, פון די פירנדיקע פיגורן אין דער אַגענץ, געוואָלט אויף אים ווירקן. ווען דיין טאַטע — דערמאַנט ער אים — איז געווען אין לאַנד צום ערשטן מאָל, און אַן ענגלענדער האָט אים געפרעגט צי ער האָט שוין געזען די קאָלאָניעס, האָט דער טאַטע געענטפערט: קאָלאָניעס זענען פאַראַן אין דער פרעמד, דאָ איז ארץ־ישראל. אויב דו ביסט אַ גוטער ייד — רופט צו אים אויס אוסישקין — איז גיי אין די טריט פון דיין

פּאַטער. ער דערציילט אַ צווייטן עפּיזאָד: אין די צייטן פון ירושלימער קאָמענדאַנט ראָנאַלד סטאָרס, איז פאָרגעלייגט געוואָרן אָנצורופן איינע פון די ירושלימער גאַסן מיטן נאָמען „די גאַס פון די יידן". ער, אוסישקין, האָט זיך קעגנגעשטעלט, וואָרעם וואָס איז שייך אַזאַ מין נאָמען אין ירושלים? פאַר איר פּאַסט זיך אַ גאַס מיטן נאָמען „די לאָנדאָן־גאַס", פונקט ווי „ירושלים־גאַס" וואָלט זיך געפּאַסט אין לאָנדאָן. ארץ־ישראל באַדייט דאָס לאַנד פון די יידן, ווי איר נאָמען זאָגט עס, און נישט עפּעס אַנדערש.

און דאָ ווענדעט זיך אוסישקין צו ווייצמאַנען: „זיי נישט כולו רעאַלי־טעט, כולו פּאָליטיקער. טראַכט נישט וועגן דער ווייטער, ווייטער צוקונפט, נאָר זע און פאַרווירקלעך אין אונדזערע טעג דעם אחרית הימים".

דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען דעם פּרינציפּ פון אַ יידישער מדינה, אָבער נישט אין דעם פאָרעם ווי די קאָמיסיע האָט עס פאָרגעשלאָגן. די עקזעקוטיוו איז באַאויפטראָגט געוואָרן אונטערצוהאַנדלען מיט דער רעגי־רונג וועגן אַ מדינה, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן דעם באַגער פון יידישן פאָלק.

אין ציריך האָט אויף דער זעלבער פראַגע געדאַרפט ענטפערן די יידישע אַגענץ. אויף איינער פון אירע זיצונגען האָט שלום אש אויסגערופן: „איך ווייס נישט עד היום צי זאָל איך זיין פאַר אָדער קעגן דער צעטיילונג. איך מיין, אַז מיר טאָרן נישט פאַרמאַכן די קליינע טיר, וואָס מען האָט פאַר אונדז געעפנט. מען קען אָבער נישט וויסן צי איז עס אַן אתחלא דגאולה אָדער אתחלא דפורעניות".

אַ שווערן קאַמף האָט ווייצמאַן אויסצושטיין אין דער אַגענץ. פעליקס וואָרבורג און אַנדערע שרעקן זיך פאַרן נאָמען מדינה. זיי טענהן, אַז די אַגענץ איז געשאַפן געוואָרן כדי דערמעגלעכן דאָס אויפשטעלן אַ יידישע היים, אָבער נישט קיין יידישע מדינה. דערויף ענטפערט זיי ווייצמאַן: „וואָס באַדייט אייגנטלעך אַ נאַציאָנאַלע היים? פאַר אונדז האָט עס שטענדיק געמיינט און מיינט אויך איצט אַ מעגלעכקייט אַריינצוברענגען אין לאַנד אַזוי פיל עולים ווי מעגלעך; געמיינט האָט עס יידן וואָס רעדן העברעיש, אַנטוויקלען אַ יידישע קולטור, זאָרגן פאַר דער רעליגיע, פאַר אַן אוניווער־סיטעט, באַזעצן זיך אין דערפער און אין שטעט א.א.וו. וואָס איז די וועזנט־לעכע דיפערענץ צווישן אַ נאַציאָנאַלער היים און אַ יידישער מדינה? מדינה איז נישט מער ווי די יורידישע פאָרעם פון יענעם באַגריף, וואָס די ענגלענ־דער, זאָל עס זיין צוליב פּאָליטישע חכמה אָדער פּשוטער נאַרישקייט, האָבן אים נישט געוואָלט קלאָר באַצייכענען. די נאַציאָנאַלע היים איז באַלד פון אָנ־הייב געווען עפּעס מער ווי בירָאָבידזשאַן; חלוצים האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט פאַר ארץ־ישראל און נישט פאַר עפּעס אַנדערש".

פעליקס וואַרבורג און זיינע פריינד ציטערן נאָך אַלץ פאַרן געשפּענסט פון אַ מדינה; זיי האָבן מורא, אַז מ׳וועט טרייבן יידן פון זייערע לענדער אין דער נייַ געשאַפענער מדינה. עס באַרויקט זיי שלום אַש: אַט לעבן אין אַמעריקע מערער טשעכן ווי אין פּראַג, מערער איטאַליענער ווי אין רוים, און פון דעסטוועגן פאַלט קיינעם נישט איין, אַז מען וועט די מענטשן צוריק־שיקן אין זייערע לענדער אַריין.

וויצמאַן באַמיט זיך וויכער צו מאַכן די קעגנערישקייט צום מדינה־פּאַר־שלאַג. ער וויל אויסמיידן אַ ריס אין דער יידישער אַגענץ. מענטשן שושקען זיך, אַז וויצמאַן גייט זיך פאַרקויפן די גבירים, אַז ער איז גרייט נאָכצוגעבן אויף פאַרשידענע פּונקטן, אַבי זיי צו האָבן אין דער אַגענץ.

בן־גוריון פילט זיך שולדיק און ער בעט מחילה:

„עס טוט מיר ווי — שרייבט ער וויצמאַנען — וואָס איך האָב דיר נעכטן ביים שליסן די אַגענץ־זיצונג פאַרשאַפט צער און ליידן. איך האָב דיך אַלע מאָל ליב געהאַט, און דאָס זעלבע יעדער איינער בישראל, זינט דער באַלפור־דעקלאַראַציע. אָבער דו ביסט מיר טייערער געוואָרן צענדליקער מאָל, ווען איך האָב דיך געזען אין דיין צער און באַליידיקונג נאָכן זיבעצנטן קאָנגרעס. עס האָט דאַן זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַ נייער וויצמאַן; נישט דער באַצויבערנדיקער פירער, נאָר וויצמאַן דער מענטש, דער ליידנדיקער, דער פאַרוואונדעטער, וואָס אַמפּערט זיך אין זיינע יסורים און באַהערשט פּערזענלעכע ליידנשאַפט מיט אַ העכערער, מאָראַלישער גבורה און שטייט ווי אַן איינפאַכער און געטרייער זעלנער צום דינסט פון דער באַוועגונג וואָס האָט אים געשעדיקט. פיר יאָר האָט זיך געצויגן דיין „גלות" און די פיר יאָר האָב איך (און פיל אַנדערע) געהאַט אַ ביטער געפיל, ווי מיר וואָלטן געווען שותפים צום גרויזאַמען שפּיצל, וואָס מען האָט דיר אָפּגעטאָן. דיין צוריקקער צו דער אָנפירערשאַפט פון דער באַוועגונג איז אין מיינע אויגן געווען נישט נאָר אַ פּאָליטישע נויטווענדיקייט, נאָר פריער פון אַלץ — אַ מאָראַלישע. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז געווען געשעדיקט כל זמן ס׳איז אויף איר געלעגן די זינד פון „רבם דקרו" (זייער רבין דערשטאָכן). פון פּאָליטישן שטאַנדפּונקט ביסטו געווען דער מנהיג, כאָטש דו ביסט נישט געווען אויסגעוויילט צו דער אָפיציעלער פירערשאַפט. מיר האָבן אָבער געדאַרפט צוריקקערן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איר „גערעכט זיין מיט זיך אַליין", און דעריבער איז נייטיק געווען אויפן נײַנצנטן ציוניסטישן קאָנגרעס דיך אויסצוויילן פון דאָס ניי.

---

* געשריבן דעם 22סטן אויגוסט 1937.

נאָך דעם ווי איך האָב זוכה געווען צו אַרבעטן אין דיין מחיצה, האָב איך דיך געזען אין אַ נייע ליכט. איך בין קיין מאָל נישט געווען קיין בלינדער חסיד דיינער און איך וועל עס אויך קיין מאָל נישט זיין. נישט אין אַלץ האָב איך מיט דיר מסכים געווען. ווען איך פלעג איינזען, אַז איך דאַרף זיך דיר קעגנשטעלן פלעג איך עס טאָן, און אַזוי וועל איך אויך האַנדלען להבא. אָבער אַפילו אין שטורעם פון קאַמף איז מיט אַ האָר נישט פאַרמינערט געוואָרן מיין ליבשאַפט און דרך־ארץ צו דיר, ווייל איך ווייס, אַז דו ביסט דער שליח פון פאָלק, נישט ווייל דו ביסט אויסגעוויילט געוואָרן מיט אַ מערהייט פון שטימען, נאָר ווייל דו ביסט דערצו באַשאַפן געוואָרן, און די שכינה פון יידישן פאָלק רוט אויף דיר. און אין די לעצטע חדשים, זינט עס האָט זיך צעפינקלט די גרויסע האָפענונג פון אויפשטעלן אַ יידישע מדינה, זע איך ווי די שכינה שיינט אויף דיר מיט אַ ניי גרויס ליכט און אין דיר האָט זיך אַנטפּלעקט אַ פרישער יוגנט־כוח און אויך אַ חן און חסד, וואָס איך האָב נאָך קיין מאָל פריער ביי דיר נישט געזען. און הגם איך האָב אויך אין אָט די חדשים מיט דיר נישט מסכים געווען אין דעם אָדער יענעם פּרט, האָב איך אָבער געוווסט, אַז דאָס מאָל געפינסטו זיך אין אַ היסטאָרישער שליחות, אין וועלכער קיין ייד איז נישט געווען זינט צוויי טויזנט יאָר, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז יעדער איינער פון אונדז מוז איצט, מער ווי שטענדיק, שטיין לעבן דיר מיט לייב און לעבן, כדי דו זאָלסט מצליח זיין און דורכפירן די גרויסע און פּראַקטיקע אויפגאַבע, וואָס עס האָט אויף דיר אַרויפגעלייגט די היסטאָרישע השגחה פון אונדזער פאָלק: דאָס באַנייען פון ממלכת ישראל.

די אויפגאַבע, וואָס איז אויף דיר איצט אַרויפגעלייגט געוואָרן, איז אין מיינע אויגן גרעסער און שווערער ווי די באַלפור־דעקלאַראַציע. אַ סך זענען די שטרויכלונגען אויף דיין וועג. אַ סך די שטרויכלונגען, און אַ סך — די שונאים, נישט נאָר פון אויסנווייניק, נאָר אויך פון אינעווייניק. צו די פּיינט זענען נאָך צוגעקומען די פּחדנים און די וואָס זעען נישט.

אָבער אַנטקעגן די שטערער, וואָס זענען גרויס געוואָרן, איז אויך אויסגעוואַקסן אונדזער כוח, סיי אין לאַנד, סיי אין פאָלק און סיי אויף דער גאָרער וועלט. לויט דער אַלגעמיינער מיינונג איז איצט שטאַרק געשטיגן דער כוח פון ציוניסטישן געדאַנק און וויזיע און דו ביסט זיין צענטראַלע פּערזענלעכקייט. עס איז איצט נישטאָ קיין מענטש און קיין קרייז אין יידישן פאָלק, וואָס זאָל זיך קענען פאַרגלייכן מיט דיין כוח...

...נאָך קיין מאָל איז דאָס יידישע פאָלק נישט געשטאַנען אַזוי פעסט הינטער דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און הינטער דיר, ווי אין דער

איצטיקער שעה. דו ביסט איצט דער מלך ישראל. דו האָסט נישט קיין פּלאַץ, קיין מיליטער און מען האָט דיך נישט געקרוינט אין וועסטמינסטער, אָבער אין די אויגן פון יידישן פאָלק — און דאָס פאָלק האָט גייסטיקע אויגן — שיינט אויף דיין קאָפּ די קרוין פון מלכות ישראל.

...די נשמה פון פאָלק בענקט איצט נאָך אויסלייזונג און זי גלייבט, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מיט וויצמאַן בראש וועט איצט ברענגען אַן אתחלתא דגאולה און אַט די אמונה איז אַ מעכטיקער, גראַנדיעזער כוח.

הונדערטער טויזנטער יידישע אַרבעטער זענען פאַראַן אין ארץ־ישראל. איך בין נישט מער ווי איינער פון זיי, און אַלס אַזעלכער ביסטו מיר טייער, ווי דער אויסדערוויילטער פון פאָלק; אַלס איינער פון זיי ווייס איך, אַז איך דאַרף שטיין ביי דיין זייט; אַלס איינער פון זיי בין איך מתפּלל פאַר דיין הצלחה.

עס טוט מיר לייד וואָס איך האָב דיר פאַרשאַפט צער. ווען כ'האָב נעכטן אָוונט געזען דיינע ליידן, האָב איך עס נישט געקענט איבערטראָגן, ווייל איך האָב דיך ליב מיט מיין גאַנצן האַרץ און ועזן. איז וויסן זאָלסטו, אַז איך האָב נישט געמיינט דיך מצער זיין, און לאָמיר האָפן, אַז אַלץ וועט זיך איינשטעלן ווי צום בעסטן".

דיינער, מיט גלויבן און ליבשאַפט,

ד. בן־גוריון

לאַנג און הייס האָבן זיך נאָך געצויגן די דיסקוסיעס. צום סוף האָט די יידישע אַגענץ זיך אידענטיפיצירט מיט דער שטעלונג פון קאָנגרעס.

ענדלעך האָבן זיך איינגעשטילט די געמיטער. מענטשן זענען זיך צעפאָרן אויף אַלע זייטן.

וואָס פאַראַ נצחון איז עס אייגנטלעך ? — וועט וויצמאַן נישט איין מאָל זיך פרעגן. אַ קליין מדינהלע, אויף אַ פינפטל פון ארץ־ישראל־שטח, פאַר דער שארית הפליטה. דעם עצם באַגריף פון איבערבלייבעכץ פון פאָלק טרייסלט אים אויף. אָרעם איז דער רעזולטאַט צו וועלכן די באַוועגונג איז דערגאַנגען נאָך פערציק יאָר בלאָנדזשעניש.

און דאָך איז וויצמאַן די שטים פון פאָלקס באַגער און ליידן. אין ווייטן פינסק באַשליסט אַ קאָמיטעט פון אַלע אָרגאַניזאַציעס אָפּצוקויפן דאָס הויז ווו חיים וויצמאַן איז געבוירן געוואָרן און פאַרוואַנדלען עס אין אַ בית־עם.

סוף 1937 קערט זיך וויצמאַן אום קיין ארץ־ישראל.

עס דערגייען צו אים די קלאַנגען וועגן אוסישקינס אָפּאָזיציע צום

צעטיילונגס־פּלאַן. אויף אַ גרויסער פאָלקס־פאַרזאַמלונג האָט אוסישקין דער־ציילט ווי שוין אין 1882 איז ער מיט ד״ר חיסין און ד״ר טשלענאָוו געזעסן און געשריבן אַ קאָנסטיטוציע פאַר דער יידישער מדינה. עס איז גוט אַ מאָל צו פאַנטאַזירן, מען טאָר אָבער נישט פאַרגעסן אין דער ווירקלעכקייט. מען מוז קענען גובר זיין דעם אויבערפלעכלעכן צויבער, ווייל דער ענגלישער פאָרשלאַג איז נישט מער ווי אַ מין חוזק, אַ קאַריקאַטור, און נישט קיין מדינה.

ווייצמאַן פאַרשטייט אוסישקינס צער. זיינע אויגן קלאַמערן זיך אָבער אין קליינעם עיר־מקלט, ווו עס וועלן אַנטרינען די גראַטעוועטע פון פייער. ער געוווינט זיך צו, וואָס א מאָל מער, צום געדאַנק פון אַ שארית הפליטה — דאָס געראַטעוועטע צווייגל, פון וועלכן עס וועט ווידער דאַרפן אויפקומען דאָס מלכות ישראל.

אויף קיין מינוט באפרייען אים נישט די שרעקלעכע פאָרויסזעונגען. דעם 7טן מאַי 1938 שרייבט ווייצמאַן די אויפטרייסלענדיקע נבואה־רייד צו בלאַנש דאָגדייל: ...„איך באַדויער וואָס יידן באַנעמען נישט דעם אַפּאָקאַ־ליפּטישן כאַראַקטער פון די איצטיקע צייטן. די עסטרייכישע יידן האָבן באַקומען אַ וואָרענונג און זיי האָבן זיך מיט איר נישט גערעכנט. אונדזערע פריינד אין לאָנדאָן און אין אַנדערע ערטער וועלן עס אויך ווייטער גרינג־שעצן, ווי דאָס איז שטענדיק געווען, נישט וועלנדיק פאַרשטיין, אַז יעדע מינוט קען מיט זיך ברענגען אָדער דעם חורבן, אָדער די גאולה, אָדער ביידע צוזאַמען. אַ טייל פון אונדז וועט אומקומען און אויף זייערע ביינער וועט אויפשטיין דאָס נייע יהודה! דאָס אַלץ איז שרעקלעך און גרויזאַם, אָבער אַזוי איז עס. איך פיל עס די גאַנצע צייט און איך קען וועגן עפּעס אַנדערש נישט טראַכטן״...

אין איינער אַ נאַכט, צוויי יאָר פאַרן אָנהייב פון דער בלוטיקער תקופה, טרייסלט ווייצמאַנען אויף אין אַ האָטעל־צימער פון זשענעוו אַ שוידערלעכער חלום: ער איז אין וואַרשע, גייט אַריין אין דער גרויסער שול. ער שפּרייזט צווישן שורות יידן, איינגעהילטע אין טליתים. יידן וויגן זייערע קעפּ, ווי אונטערן ווינט פון אַ שווערן שטורעם. ער גייט צום ארון־קודש, צעעפנט די טירלעך. עס ברעכט אויס אַ שרעקלעכער געוויין, אַ האַרץ־רייסנדיק געיאָמער. ער רייסט אויף די אויגן, אַרום אים — נאַכט און איינזאַמקייט.

אויף צו מאָרגנס איז זיין פּנים שוואַרץ. ער טרייסלט זיך ווי אין קעלט. וואָס וועט זיין מיט די פּוילישע יידן?

— אויפן נאָענטן יום־כפּור פאָר איך צו מיינע פּוילישע יידן, איך מוז, איך מוז! — שרייט אויס ווייצמאַן.

דער גורל האָט עס אָבער נישט געוואָלט.

31

די אילוזיע וועגן אַ יידישער מדינה שוועבט אין דער לופט, אָבער נישט מען זעט און נישט מען הערט וועגן איר פאַרווירקלעכונג. ענגלאַנד איילט זיך נישט, פאַרקערט, זי קומט גאָר אַרויס מיט נייע גזירות אויף דער יידישער עליה און באָדן־איינקויף.

ענגלאַנד שלאָגט פאָר אַ מין נייע אויספאָרשונגס־קאָמיסיע. דאָס מאָל הייסט זי „די וודהעד־קאָמיסיע" און זי וועט דאַרפן באַשליסן וועגן די מעגלעכקייטן פון אויפשטעלן די יידישע מדינה.

די אַדמיניסטראַציע אין ארץ־ישראל גייט זיך אויף איר טרויעריק־באַרימטן וועג. זי שיקאַנירט און פאַרביטערט דאָס לעבן. זי פאַרשפּרייט מאָפּעס מיט ניי־צוגעשניטענע גרענעצן פאַר דער מעגלעכער יידישער מדינה, — גרענעצן וואָס זאָלן נאָך מער דערשלאָגן די יידן. פון דער צווייטער זייט רייצט די אַדמיניסטראַציע די אַראַבישע באַפעלקערונג, ראָט זי צו שטיין אויף דער וואַך און באַקעמפן די אַרויפצווינגונג פון אַ יידישער מדינה.

און דאָך גייט ווייצמאַן אָן מיט זיין קאַמף פאַר דער ווידעראויפשטעלונג פון מלכות ישראל. ער רופט אויס פאַרן ועד הלאומי אין ירושלים: „אַ יידישע מדינה איז אַ גרויסע, הייליקע זאַך. דער רמב״ם און די גדולי ישראל האָבן אין איר געגלויבט און זיי האָבן געוואָלט, אַז יידן זאָלן לערנען הלכות מלכים און שופטים, כדי דאָס פאָלק זאָל זיין גרייט".

ווי אַ קאַפּיטאַן וואָס קאָנצענטרירט זיין שיף ערב אַ שטורעם, פּאַרט ווייצמאַן באַקוקן דאָס לאַנד. מיט אים איז זיין פרוי און בלאַנש דאָגדייל. ער וויזט זיי יעדן נייעם פּונקט, יעדן פאַרשריט אין דער יידישער אַרבעט.

אין די נייע התישבות־פּונקטן אין חפר־טאָל פילט ער אַ פאַרדרוס וואָס זיין טייל אין אָט דער נייער דעראָבערונג איז נישט געווען קיין וואָגיקער. „דאָס איז נישט מיין שולד" — פאַרטיידיקט זיך ווייצמאַן אין גבעת חיים. די שווערע פּאָליטישע אַרבעט פאַרשלינגט אים לעצטנס אין גאַנצן.

ווייצמאַן זיצט צווישןביידע פרויען און דער אויטאָמאָביל גליטשט זיך איבער די שאָסייען פון לאַנד. ער וויל אַריינדרינגען מיט זיין אויג אין

יעדן ווינקעלע. אײן גאָט ווייסט וואָס פאַראַ שטורעמס עס וועלן זיך נאָך דאָ צעוויגן.

ווייצמאַן וויל גאַרנישט אויסבאַהאַלטן פאַרן ישוב. ער רעדט וועגן די בייזע ווינטן, וואָס טראָגן זיך פון רייך, ווייט, ווייט, איבער דער וועלט. אַפילו דער גרויסער אָקעאַן וועט זיי נישט פאַרהאַלטן.

וואָס בלייבט אים צו טאָן אין אָט די לעצטע שעהען פאַרן שטורעם?

ער זוכט כוחות אין יידישן באָדן, אין יידישן מענטשן. קינדער קומען אים אַנטקעגן מיט בלומען און ברכות. עס גייען אויף אין אים די ריחות פון דער ערד אין די יאַנואַר־רעגנס, ריחות פון אַרבעט און ברויט.

אָט איז ער אין כפר־שמריהו, דאָס קליינע דאָרף, וואָס דייטשע יידן האָבן אויפגעשטעלט אין די סאַמע טעג פון די אומרוען — דאָס דאָרף וואָס פאַראייביקט דעם נאָמען פון זיין ליבן שמריהו לעווין.

ווייצמאַן און פרוי דאַגדייל נעמען אנטייל אין אַ צערעמאָניע פון פלאַנצןביימער אויף די כפר־שמריהו־בערגלעך.

ער איז איינגעבויגן איבער אַ ביימל, וואָס ער האָט נאָר וואָס פאַר־פלאַנצט, גלעט עס צו מיט דער פרישער ערד, ווי ער זאָל וועלן זיין זיכער, אַז דער פלאַנץ זאָל זיך באַהעפטן מיט דער אייביקייט.

און עס איז גוט צו טראַכטן, אַז די ביימלעך וואָס מען פלאַנצט דאָ, אין דעם יאַנואַר־טאָג 1938, זענען אַ מתנה פון הויך־קאָמיסאַר, הער וואוקאָפ.

עס לעבט ווידער אויף אין ווייצמאַנען דער גלויבן. ער איז זיכער, אַז די מדינה וועט קומען, טראָץ אַלע שטרויכלונגען. מען דאַרף טראַכטן וועגן די רעאַלע נויטוועגדיקייטן, וואָס וועלן אין גיכן ווערן אַקטועל. די מיליטערישע זיכערקייט פון דער מדינה באַאומרויקט אים גאָר שטאַרק. ער גרייט צו פלענער וועגן אַ קריגס־אינדוסטריע אין לאַנד. דעם 2טן אַפּריל 1938 שרייבט ער צו זיין געטרייען פריינד און לאַנגיאָריקן מיטאַרבעטער סער סיימאָן מארקס וועגן אויפשטעלן אַ שווערע כעמישע אינדוסטריע: „דאָס איז נישט שווער און נישט טייער. און אַזוי וועלן מיר האָבן אַ באַזע אויף צו שאַפן אונדזער אייגענעם וואָפן. מיר קענען באַקומען אייזן און קופער אין ציפערן; שטאָל וועלן מיר אויך דאַרפן קויפן. אָבער דאָס אַלץ דאַרף געטאָן ווערן תיכף, אָן אָפּצולייגן, און מיר מוזן האָבן דאָס געלט דערצו"... אין זעלבן בריוו ווייזט ווייצמאַן אָן וועלכע שטרעקעס לאַנד, פון סטראַטעגישן שטאַנדפּונקט, מען מוז גלייך איינקויפן. ער בייזערט זיך אויף אוסישקינען, וואָס איז פאַרעקשנט און וויל נישט נאָכקומען די פרייזן.

„אויסנוצנדיק די געלעגנהייט וואָס אוסישקין איז נישטאָ האָב איך אויף זיך גענומען די אחריות און באַפוילן די אַגענטן פון ק.ק.ל., אַז זיי זאָלן פּאַרענ־דיקן דעם באָדן־איינקויף אין צפון״... ווייצמאַן שטעלט זיך אויך אָפּ אין בריוו אויף די פּראָדוקטן וואָס מען זאָל זייען כדי דער ישוב זאָל קענען אויסהאַלטן יעדע מעגלעכע מיליטערישע סיטואַציע ביים אויפשטייג פון דער יידישער מדינה.

אין לאָנדאָן שטייען די הערן און דאַמען פון דער גוטער געזעלשאַפט אין ריי צו באַקומען אַן איינלאַדונג אויף אַן אויפנאַמע אין דער דייטשער אַמבאַסאַדע, ווו „דער שיינער פאָן־ריבענטראָפּ״ באַצויבערט אַלע מיט זיין גאַסטפריינדלעכקייט. אין לאָנדאָן זאָגט מען, אַז „די באָשן זענען גאָרנישט אַזוי שלעכט״. איי, וואָס זיי רייסן זיך אַרום מיט די יידן? איז זאָלן זיי. דערווייל איז ליכטיק און וואַרעם אַרום דער דייטשער אמבאַסאַדע.

דער אַמבאַסאַדאָר פון טשעכאָסלאָוואַקיע, יאַן מאַסאַריק, קומט זוכן אַ טרייסט ביים פיל־געפּרוווטן ייד.

— וואָס איז געשען מיט פראַנקרייך, מיט ענגלאַנד? זיי קייקלען זיך דאָך אין אָפּגרונט אַריין! ווו איז זייער געוויסן? שטום און טויב איז געוואָרן די וועלט.

דער נאָבעלער טשעך זוכט ביי ווייצמאַנען אַ טרייסט. וואָס זאָל אים ווייצ־מאַן ענטפערן? זאָל ער אים דערציילן וועגן זיינע יידן און צרות? זאָל ער אים דערציילן וועגן זיין עדות־זאָגן פאַר דער וודהעד־קאָמיסיע? ער האָט געוואָרנט נישט צו פאַרשמעלערן נאָך מער די שוין אַזוי אויך שמאָלע ראָם וואָס די פּיל־קאָמיסיע האָט פאָרגעשלאָגן. ער האָט געוואָרנט, ווייל דאָס פייער קומט אַלץ נענטער און נענטער. און זיי, די פאָרשער, האָבן זיי אויפ־געציטערט? האָט ער דען נישט אַרויסגעפילט ביי זיי אַ גלייכגילטיקייט, אַ שנאה?

אָבער צו וואָס נאָך שווערער מאַכן דאָס געמיט פון זיין גאַסט?

ווייצמאַן ליידט פון די שלאָפלאָזע נעכט. „דאָס פוילישע יידנטום, דאָס פוילישע יידנטום״ — ברומט ער ווי אַ פאַרווונדעטער. ער שיקט איבער

זיינעם אַ רוף קיין וואַרשע. ער מוטיקט, וועקט האָפענונגען. אָבער די טעג זענען ביטערע. אין דער דייטשער אַמבאַסאַדע איז אָבער פריילעך. ענג־לישע מיוחסים ווילן זיך דאָרט גאָר גוט. דער הער פאָן ריבענטראָפּ איז גאַסטפריינדלעך ביז גאָר.

מאַלקאָלם מאַקדאָנאַלד, דער קאָלאָניאַל־מיניסטער, בעט ביי ווייצמאַנען געדולד אויף נאָך אַ פּרווו, מעג עס אַפילו זיין דער לעצטער, פון זיך צוזאַ־מענרעדן מיט די אַראַבער. אפשר וועט זיך דאָך געפינען אַ וועג צו אַ פרידן.

ווייצמאַן פילט, אַז דאָס איז ווידער אַ מאַנעווער, אַז מען איז אויסן אָפּצושלעפּן, און דאָך איז ער מסכים אויף אונטערהאַנדלונגען. מען דאַרף אויסשעפּן אַלע מעגלעכקייטן, פאַרטיידיקט ער זיין שריט פאַר די חברים. אפשר וועלן די אַראַבער איינגיין אויף אַ צוזאַמענאַרבעט, אפשר וועלן זיי באַנעמען, אַז ביידע פעלקער שטייען פאַר אַ בשותּפותדיקן שונא.

מען גרייט זיך צו דער יידיש־אַראַבישער שלום־קאָנפערענץ. דער אַרציבישאָף פון קענטערבורי פאַרעפנטלעכט אַ בריוו אין „טיימס״. ער שרייבט, אַז מען זאָל איינאָרדענען אַ תּפילה־טאָג אין אַלע געבעט־הייזער פאַרן דערפאָלג פון יידיש־אַראַבישן צוזאַמענטרעף.

יידישע פאַרטרעטער זענען געקומען פון פאַרשידענע לענדער. אויך די־אַראַבער זענען געקומען נישט נאָר פון פאַלעסטינע.

צווישן די פאַלעסטינער אַראַבער ברעכט אויס אַ סיכסוך: ווער איז זייער אמתער פאַרטרעטער? נאָך דעם ווי מאַלקאָלם מאַקדאָנאַלד מאַכט שלום צווישן די פאַרשידענע פאַלעסטינער דעלעגאַציעס, איז אַלץ שוין גרייט צו דער דערעפענונג. אין לעצטן מאָמענט ציען זיך די אַראַבער צוריק; זיי ווילן נישט זיצן מיט די יידן ביי איין טיש.

אין אַלטן היסטאָרישן סען־דזשיימס בנין קומען פאַר צוויי דערעפע־נונגען, איינע פאַר די יידן, און איינע פאַר די אַראַבער. דער פינפהונדערט־יעריקער בנין, אויפגעשטעלט אין די טעג פון קעניג הענרי דעם אַכטן, איז אַן עדות פון אַ פיינלעכער טראַגי־קאָמעדיע. ווי נאָר עס גייען אַרויס פון איין טויער די אַראַבישע דעלעגאַטן, שפּאַצירן אַריין דורך אַ צווייטן די יידישע פאַרטרעטער.

די יידן ווערן אויפגענומען אין באַנקעטן־זאַל. עס וואַרטן אויף זיי דער פּרעמיער נעוויל טשעמבערליין, לאָרד האַליפאַקס, מאַלקאָלם מאַקדאָנאַלד און באַטלער.

ווייצמאַן ענטפערט אויף טשעמבערליינס באַגריסונג. ער באַמערקט די

סימבאָלישקייט: מיט מער ווי דרייסיק יאָר צוריק האָט זיין „גלאָררייכער פאָטער״ זיך געווענדעט צום יידישן פאָלק און אים פאָרגעשלאָגן אַ ברייט צעעפנט לאַנד, ווו יידן זאָלן אָנהייבן אַ ניי לעבן. איצט איז דער זון זיינער דער, וואָס האַלט אין זיינע הענט דעם גורל פון פאָלק, וואָס גאַרט זיך אומ־צוקערן אין ציון. און סימבאָליש איז אויך דער פאַקט, וואָס די זיצונג קומט פאָר אין זעלבן פּאַלאַץ, אין וועלכן עס איז מיט 17 יאָר צוריק באַשטעטיקט געוואָרן דער מאַנדאַט אויף ארץ־ישראל.

פּאָטעטישע רעדעס האָבן געהאַלטן די יידישע פאָרטרעטער. דאָס צויבער־וואָרט „שלום״ האָט געשוועבט אין חלל.

די טעג האָבן פאַרלוירן זייער יום־טובדיקייט. באַלד האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז נישט די אַראַבער און נישט די ענגלענדער האָבן געטראַכט וועגן שלום. ווייצמאַנס פאָרגעפיל האָט נישט פאַרפירט. געוואָלט האָט מען נישט מער ווי געווינען צייט ביז עס וועט לחלוטין פאַרשווינדן דער רושם פון מדינה־פאָרשלאַג און דאַן וועט מען צוגרייטן דעם באָדן פאַר דער ליקווי־דאַציע פון דער יידישער היים. נעוויל טשעמבערליין איז גרייט אויף אַלץ, אַבי צו געווינען די סימפּאַטיע פון די אַראַבער.

אַ צופאַל האָט אַנטפּלעקט דעם ענגלישן פאַרראַט. צוליב אַ טעות פון אַן אָנגעשטעלטן פאַלט אַריין אין ווייצמאַנס הענט אַן איינלאַדונג צו איינעם פון דער אַראַבישער דעלעגאַציע, אַן איינלאַדונג אויף אַן אָוונטברויט, וואָס די רעגירונג אָרדנט איין. אין קאָנווערט איז געווען בייגעלייגט דער פּלאַן פון אַן אַראַבישער מדינה, וואָס דאַרף אַנטשטיין אין פינף יאָר אַרום. דערווייל וועט די יידישע עליה אָפּגעשטעלט ווערן.

ווייצמאַן לייענט און גלייבט נישט זיינע אייגענע אויגן. ווי איז מעגלעך אַזאַ שפּלדיקייט, אַזאַ פאַרראַט? מען אונטערהאַנדלט מיט די יידן וועגן שלום, און הינטער זייערע פּליצעס גרייט מען גאָר צו דעם יידישן אומקום!

אין הויז פון הערי סאקער קומט פאָר אַן אויפנאַמע. ווייצמאַן ווייסט, אַז ער וועט דאָרט געפינען ענגלענדער פון די הויכע פענצטער. ער פאַלט אַריין צו סאַקערן, אַ באַנומענער פון כעס און צאָרן. זעלטן ווען עס האָט עמעצער געזען אַזאַ ווייצמאַנען. ער שפּאַנט אין דער ריכטונג פון מאַלקאָלם מאַקדאָנאַלד און וויזט אים די איינלאַדונג מיטן בייגעלייגטן פּאָליטישן פּראָגראַם. ווייצמאַן שליידערט צוריק די איינלאַדונג פאַר יידן צו אַן ענלעכן אָוונטברויט. ער וויל נישט עסן ברויט ביי איין טיש מיט פאַררעטער און שונאים. דער ריס איז דאָס מאָל אַן ענדגילטיקער.

דעם 14טן מערץ 1939 רעפערירט אין סען דזשיימס־פּאַלאַץ דער מיניסטער מאַלקאָלם מאַקדאָנאַלד וועגן דער נייער ענגלישער פּאָליטיק כלפּי ארץ־ישראל. דאָס איז דאָס טרויעריק באַקאַנטע „ווייס בוך" פון 1939: אַ סוף צו דער באַלפור־דעקלאַראַציע, אַ סוף צו דער עליה, אַ סוף צו די יידישע האָפענונגען.

מאַלקאָלמס רייד ווערן באַגלייט מיטן עכאָ פון די מאַרשירנדיקע נאַצישע זעלנער איבערן טשעכאָסלאָוואַקישן באָדן.

די נאַכט איז צוגעפאַלן. דער טייוול איז דער הערשער. ער וויל בלוט, נצחונות. ענגלאַנד טראָגט זיי אים צו, אַבי צו ראַטעווען די אייגענע עקזיסטענץ.

דער סוואַסטיקאַ־שאָטן שפּרייט זיך איבער די גאַסן פון פּראָג, און אין ענגלישן פּאַרלאַמענט, פאַר די מיטגלידער מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, רופט אויס טשעמבערליין: קריג? צוליב וואָס און וועמען? זאָלן מיר מלחמה האַלטן מיט דייטשלאַנד „צוליב אַ ווייט לאַנד, וואָס מיר ווייסן וועגן אים זייער ווייניק, וועמענס שפּראַך איז אונדז אומפאַרשטענדלעך"?

דער ענגלישער פּאַרלאַמענט איז נישט אויפגעשטאַנען מיט שטורעם, נישט אויסגעשריגן „לא תרצח"! געווען איז עס איינער פון די שוואַרצסטע טעג אין דער געשיכטע פון ענגלישן רעפּרעזענטאַנטן־הויז.

צו יאַן מאַסאַריק האָט נעוויל טשעמבערליין געזאָגט: „איר גלייבט אין בענעשן, איך אָבער גלויב אין דעם הער היטלער".

ווייצמאַן דערציילט ווי אין יענע טעג איז צו אים געקומען יאַן מאַסאַריק. זיין פּנים איז געווען שוואַרץ, זיין פיגור — געבראָכן. גאָרנישט איז אים כּאַרבליבן, חוץ זיין הינטל, און ער שעמט זיך אים צו קוקן אין די אויגן. ווייצמאַן האָט פאַר אים נישט געפונען קיין טרייסט־וואָרט. זיין קאָפּ איז געווען געהילט אין געדיכטע שאָטנס. מאַסאַריק האָט בלויז געהערט די שטילע ווערטער: זיי שטאַרק, דער מבול הייבט זיך ערשט אָן.

דעם טאָג פון 11טן מאַי 1939 וועט ווייצמאַן קיין מאָל נישט פאַרגעסן. מיט אַ שווער האַרץ איז ער געגאַנגען זען דעם פּרעמיער. זעלטן ווען עס איז אים אַזוי שווער אָנגעקומען דער גאַנג צו דאַונינג־סטריט. דער יידישער פירער גייט וועקן ס׳געוויסן ביי טשעמבערליינען. ער וויל פאַרהאַלטן דאָס פאַרעפנטלעכן פון נייעם „ווייס בוך".

ווייצמאַן רעדט ממעמקים, און אַנטקעגן אים זיצט דער פּרעמיער און

שווייגט, קיין צוק נישט אויפן פּנים. דאָס מויל קאַלט, פאַרשלאָסן; די אויגן — אָן אויסדרוק.

זאָל ער דאָ נאָך זיצן און אויסרעדן זיך ס׳האַרץ? איז עס נישט אומזיסט? איז פאַראַן אַ כּוח, וואָס קען באַוועגן דעם מאַרמאָר־מענטש, וואָס זיצט אים אַנטקעגן?

וויצמאַן הייבט זיך אויף און גייט צו דער טיר.

מיט זעקס טעג שפּעטער איז דאָס „ווייס בוך" פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

נישט געהאָלפן האָט דאָס אויפגעציטערטע געוויסן אין פּאַרלאַמענט. טשערטשיל האָט געשריגן: „מיר זענען עדות פון אַ נייעם מינכען". געשטורעמט האָבן מיטגלידער פון דער לייבאָר־פּאַרטיי און אויך ליבעראַלן.

אין אַ געוויסן מאָמענט רופט זיך אָן דער מיניסטער מאַקדאָנאַלד: „די יידן ביי אונדז גענייסן פון גלייכע רעכט".

— און פאַר וואָס זאָלן זיי נישט גענייסן? — צעשרייט זיך אַ שטים.

עס האָט נישט געהאָלפן. דאָס „ווייס בוך" איז אָנגענומען געוואָרן, הגם נישט מיט דער מערהייט שטימען, צו וועלכער די רעגירונג איז געווען געוווינט.

אויף איינער פון די זיצונגען קומט מאַלקאָלם מאַקדאָנאַלד אַרויס מיט אַ נייער גזירה: היות ווי עס געפינען זיך אַ סך אומלעגאַלע אימיגראַנטן אין לאַנד, איז מער ווי רעכט, אַז מען זאָל פאַרהאַלטן די קוואָטע פון אימיגראַציע־דערלויבענישן פאַר דער נאָענטסטער תּקופה. געווען איז עס פּשוט רשעות, אין אַ צייט ווען די וועגן זענען געווען פול מיט אַנטרונענע פון נאַצישן גיהנום און קיין טיר האָט זיך פאַר זיי נישט געעפנט.

ווען טאָם ווילִיאַם פון די לייבאָר־מיטגלידער דערמאָנט דעם פּיין און ליידן פון די יידישע פּליטים, רופט זיך אָפּ לאָרד ווינטערטאָן צו זיין שכן וואָס זיצט לעבן אים: „דאָס רעדט די שטים פון געלט" — יידן, הייסט עס, האָבן אונטערגעקויפט דעם און יענעם.

דער פּאַרלאַמענט־מיטגליד, וויקטאָר קאַסאַלעט, האַלט אַ תּנ״ך אין האַנט און לייענט אַרויס פּסוקים פון עמוס און ספר דברים. ער מאָנט באַזינונג, צדק און רחמים. ער לייענט פאַר: „גאָט, ווער וועט וווינען אין דיין געצעלט? דער וואָס גייט אויפן גלייכן וועג, טוט גערעכטיקייט און רעדט אמת אין זיין האַרצן".

נישט פאַרשטומט אין גאַנצן איז דאָס געוויסן. לאָיד דזשאָרדזש ווענדעט זיך מיט אַ רוף צו דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער קאָנפערענץ: „איך בעט אייך, זייט נישט געפאַלן, די וואָלקנס וועלן זיך פונאַנדערגיין. נעמט אויף אַ וואַרעמע ברכה פון אַ פריינד פון ציון". דער לייבאָר־פירער מאָריסאָן זאָגט אין זיין באַגריסונג: „מיר זענען מיט אייך אין אייער קעגנערשאַפט צום „ווייס בוך". האַלט אייך שטאַרק און איר וועט זיגן". אין פאַרלאַמענט דערקלערט מאָריסאָן, אַז דאָס „ווייס בוך" וועט פאַר דער צוקונפטיקער לייבאָר־רעגירונג נישט זיין פאַרפליכטנדיק.

וויצמאַן לאָזט זיך נישט פאַרבלענדן. ער הערט דאָס געלעכטער פון שטן: די פריינד פון נעכטן, ווען זיי קומען צו דער מאַכט...

16טער אויגוסט 1939. דער האַרבסט איז דאָס מאָל פרי געקומען אין זשענעווו. אַ קאַלטער ווינט טראָגט זיך פון דער אָזיערע. איבערן בנין פון שטאָט־טעאַטער פלאַטערט די יידישע ווייס־בלויע פאָן. דאָרט קומט פאָר דער 21סטער ציוניסטישער קאָנגרעס.

ביים אַריינגאַנג צום זאַל, אין בלאַסן ליכט פון אַ לאָמפּ, זעט מען אַן אָנגעצייכנטע האַנט, אַן אויפגעהויבענע צו אַ שבועה מיט די ווערטער „אם אשכחך ירושלים..."

די דעלעגאַטן זענען אומרויק. זיי לויפן אָפט אַרויס און פרעגן איינער ביים צווייטן: וואָס הערט מען? וואָס האָט היטלער געזאָגט אין זיין רעדע? ווי האַלט עס מיט פוילן?

אויף דער וואַנט, אַנטקעגן וויצמאַנען, הענגט דאָס בילד פון ראשעל, די גרויסע יידישע שוישפּילערין. איר בליק איז אומעטיק, איר לענגלעך, איידל פּנים איז איינגעהילט ווי אין אַ טרויער־מאַסקע.

וויצמאַנס שטים גריכט קוים ביז דער פינפטער שורה. עס איז אים שווער צו רעדן. טרערן שטייען אים אין האַלדז. ער רעדט וועגן אַ נייעם איכה, וואָס וואָלט געדאַרפט באַוויינען דאָס פאָלק.

„...איך מוז, צו מיין באַדויערן, דערקלערן, אַז גרויסבריטאַניע האָט צעשטערט אירע התחייבותן לגבי אונדז. איך וואָלט געווען אַ פאַררעטער פון מיין פאָלק ווען איך וואָלט נישט דערקלערט פון אָט דער טריבונע, פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז מען איז קעגן אונדז באַגאַנגען אַ גרויסע עוולה".

ער וואָרנט אָבער דעם יידישן צד קעגן אַ פּאָליטיק פון פאַרצווייפלונג. „מיר וואַרפן אָפּ דאָס דזשונגל־געזעץ".

אין די דעבאַטעס טרעט וויצמאַן אַרויס קעגן אומלעגאַלער אימי־

גראַציע, קעגן אַלץ, וואָס באַדייט אַן אָפּענע מלחמה מיט ענגלאַנד. ער האָט מורא, אַז עס זאָל אומגעבראַכט ווערן דער ארץ־ישראלדיקער יש, וואָס איז געבויט געוואָרן מיט אַזוי פיל בלוט און שוויס. ווען מענטשן ווונדערן זיך צוליב זיין שטעלונג, ענטפערט ער: „איך האָב קיין מאָל נישט געשטעלט אַלץ אויף איין קאָרט, און איך וועל עס אויך ווייטער נישט טאָן".

ווייצמאַן פילט די טיפקייט פון בערל קאַצענעלסאָנס רייד, אַז „איצט זענען די פאַרווירקלעכער פון גאולה־אידעאַל די וואַנדערער איבער די ימים, אָן אַן אויסוועג און אָן אַ ברעג פאַר זייערע אויגן, וואָס מוזן עולה זיין, אָדער אומקומען; — דער טויט, אָדער דאָס אויפרייסן פון דער בלאָקאַדע".

ווייצמאַן באַנעמט די גערעכטע רייד, ער קען אָבער נישט מסכים זיין צו אַן אָפּענעם קריג. ער ציטערט איבער יעדן בוים און שטיבל אין יידישן לאַנד. אַלץ וועט ער שטעלן אין קאָן, אָבער נישט דעם איינציקן און לעצטן עיר־המקלט פאַר יידן.

געוויסע מענטשן אויפן קאָנגרעס האָבן זיך באַמיט צו געפינען אַ סינטעז צווישן ווייצמאַנס פּאָליטישער חכמה און ווייטזיכטיקייט, און דעם טראַגישן פּאַטאָס און גליענדיקן צאָרן פון דוד בן־גוריון און בערל קאַצענעלסאָן.

ווייצמאַן לייגט פאָר אַ סטאַטוס־קוואָ אין דער עקזעקוטיווע. ער וויל נישט קיין ענדערונגען אין סאַמע שטורעם. ער האָט מורא טאָמער וועט מען נאָך מער פאַרטיפן דעם אָפּגרונט צווישן ענגלאַנד און יידישן פאָלק. ער איז נישט מסכים מיט דער געפערלעכער שפּיל פון „אַלץ אויף איין קאָרט".

ער רעדט מיט די „מזרחי"־מענטשן, וואָס זענען נישט מסכים צום פאַרגעלייגטן סטאַטוס־קוואָ. ער רעדט צו זיי וועגן אייביקן יידישן געראַנגל צווישן האָפענונג און שרעק, אַז דאָס פאָלק האָט שטענדיק געווייכט פון דער עבודה־זרה פון אַלץ אָדער גאָרנישט. דער קריגערישער וועג, וואָרנט ער, קען, חס וחלילה, ברענגען צו נאָך אַ גרעסערער טראַגעדיע. נישט אין אים גייט עס. ער איז שוין 65 יאָר אַלט. ער איז גרייט צו יעדן מאָמענט מקריב זיין דאָס לעבן זיינס. ער איז אָבער נישט קיין רעוואָלוציאָנער; אים מאַטערן שאַרפע ספיקות, ער ווייס נישט צי מעג ער איינשטעלן דאָס טייערסטע פון אַלץ — דאָס גאולה־ווערק אין יידישן לאַנד. ער בעט ישוב־הדעת, נישט לאָזן זיך מיטרייסן מיט עמאָציעס און נקמה־געפילן.

די ידיעה וועגן היטלער־סטאַלין־פּאַקט פון 22סטן אויגוסט האָט אַ שלאָג געטאָן ווי אַ דונער. מיט צוויי טעג שפּעטער, אין אָונט, באַווייזט זיך וויצמאַן אויף דער טריבונע פון קאָנגרעס. ער געזעגנט זיך מיט די דעלעגאַטן. צו די דעמאָקראַטישע לענדער רופט ער אויס: „אייער זאָרג איז אויך אונדזערע, אייער קריג איז אויך אונדזער קריג". און צו די ארץ־ישראל דעלעגאַטן: הינטער אייך שטייט דאָס גאַנצע יידנטום. און ווען ער נעמט זיך געזעגענען מיט די פּוילישע יידן, פילט ער, ווי די טרערן שפּאַרן אין זיין האַלדז. ער קען זיך קוים באַהערשן.

ער גייט אַראָפּ פון דער טריבונע. מענטשן שטעלן זיך אויף. די אויגן ביי אַלע זענען פייכט. אַן אומעטיק התקוה־געזאַנג גייט אויף פון פאַר־קלעמטע הערצער.

32

טשערטשיל, איינגעהילט אין בלוילעכן רויך פון זיין דיקן ציגאַר, זיצט אַ פאַרטיפטער אין די פונאַנדערגעשפרייטע מאַפּעס.

פון צייט צו צייט צעקלינגען זיך די שויבן פון זיין ביוראָ, ווי פון אַ וויטן אויפרייס. אָדער אפשר זאָל עס זיין דאָס אומהיימלעכע געקלאַנג פון אַ וויטן מענטשלעכן ים? זאָל זיין, אַז דאָס הערט ער די שטים פון מיליאָניקע מחנות איבער פאַרשיידענע מלחמה־פעלדער — די שטים פון פּיין און האָפענונג? זאָל זיין, אַז ער טראַכט וועגן יענעם ענגלאַנד, וואָס האָט געקניט פאַרן מולך, פעלקער אים מקריב געווען, און איצט איז עס זיך מטהר אינעם פייער, וואָס עס האגלען אויף אירע שטעט און דערפער „די באָשן, וואָס זענען גאַרנישט אַזוי שלעכט״?

טשערטשיל הייבט אָן איבערקוקן די רשימות מיט נעמען פון מענטשן. דער קריג קעגן נאַצי־דייטשלאַנד פאָדערט האַרץ און מוח אָן אַ סוף. דער פּרעמיער דערמאָנט זיך אינעם בריוו פון ד״ר ווייצמאַן, אין וועלכן ער גיט אים צו וויסן וועגן זיין נאָענטער רייזע קיין אַמעריקע.

טשערטשיל פאַרטראַכט זיך: דער ייד ווייצמאַן וואָלט איצט פיל געקענט אויפטאָן פאַר ענגלאַנד אין אַמעריקע. דאָס ענגלישע פאָלק וועט נישט קענען אַליין שטיין אין פייער. צי וואָלט ווייצמאַן נישט געקענט העלפן איבערצייגן די אַמעריקאַנער, אַז די מלחמה קעגן היטלערן איז נישט נאָר די זאַך פון ענגלאַנד?

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער שפּרייזט ווייצמאַן איבערן גוט־באַקאַנטן קאָרידאָר אין דער אַדמיראַליטעט. מיט אַ פינף און צוואַנציק יאָר צוריק האָט ער אָנגעקלאַפּט אין דער זעלבער טיר. ער איז דאַן געגאַנגען פאַר־שלאָגן זיין דינסט, ווען דער זעלבער דייטשער שונא האָט געשטורעמט דאָס ענגלישע לאַנד. טויזנטער יידישע פּליטים האָבן דאַן געוואַנדערט איבער די וועגן. אָבער ווי שרעקלעך אַנדערש די לאַגע איז איצט! נישט אַ קרבן פון אַן אַלגעמיינער מלחמה איז דער ייד, נאָר ער איז דער דירעקטער ציל פון פאַרניכטונג.

טשערטשיל גייט ווייצמאַנען אַנטקעגן מיט גיכע טריט. ווייצמאַן דער־קענט דעם צימער. ער זעט די מאַפּעס אויף די ווענט, פּילט די לופט פון צעעפנטע ימים, פון אומענדלעכע ווייטענישן. ער זעט די בילדער וואָס קוקן

אַראָפּ פון די ווענט — אומדערשראָקענע ים־מענטשן, וואָס האָבן צעעפנט נייע וועגן פאַר דער אימפעריע.

טשערטשיל איז אויפגעלייגט, זיין פּנים איז נישט באַזאָרגט, ער רעדט קרעפטיק און מיט הומאָר. ער זאָגט צום גאַסט:

— מיר וועלן זיי דערשלאָגן. אייראָפּע וועט זיין פריי פון דער נאַצי־שער פּעסט.

עס גייט אַוועק אַ שמועס וועגן קאַמף און קרבנות, וועגן אַמעריקע, וואָס מוז אויסמיידן געפּרוווט צו ווערן מיטן זעלבן נסיון וואָס ענגלאַנד; זי מוז פאַרשטיין, אַז דייטשלאַנד איז אויך איר שונא. און ווי ער וואָלט רעזומירט אַ לאַנגן שמועס, ענדיקט ער:

— איך בין זיכער, אַז איר וועט קענען איבערצייגן די נויטיקע מענטשן.

— און וואָס זאָל איך זאָגן די יידן? — פרעגט ווייצמאַן. און דאָ צערעדט זיך דער ציוניסטישער פירער וועגן די יידישע האָפענונגען. ער שטרייכט אונטער, אַז ס׳איז דער ווילן פון פאָלק איינצוזאַמלען נאָכן קריג אַ דריי, פיר מיליאָן יידן אין ארץ־ישראל. ווייצמאַן רעדט מיט וואַרעמקייט וועגן דער צוקונפטיקער יידישער מדינה.

טשערטשיל הערט זיך צו הינטער די וואָלקנס בלוילעכן רויך פון זיין ציגאַר און ער רופט זיך אָן מונטער און פעסט:

— איך בין מיט אייך מסכים, מיטן גאַנצן האַרצן בין איך מיט אייך מסכים.

די איטאַליענישע שיף „רעקס״ שניידט איר וועג צו די אַמעריקאַנער ברעגן. אַ דיקער שניי טראָגט זיך איבער דער שיף און עס בלאָזן קאַלטע ווינטן. פון ערגעץ טראָגן זיך איטאַליענישע מלחמה־מאַרשן. מאַטראָזן זינגען וועגן נצחונות, וועגן יוגנט און גבורה.

דאָס איז אַ לאַנגע און שווערע רייזע. ווייצמאַן זיצט אין דער קאַיוטע און אין זיין האַנט דער תנ״ך — די מתנה פון אומפאַרגעסלעכן אַחד־העם. ווייצמאַן לייענט מיט אַ שטילן זיפץ. אין זיינע אויערן קלינגט דעם זיידן מיכאַלס תהילים־ניגון, וואָס פלעגט אים וועקן אין די פרימאָרגנס.

אין באַלטימאָר רעדט אין ראַדיאָ אַ רב מיטן נאָמען לאַזאַראָן: — וויצמאַנס איצטיקער וויזיט אין אַמעריקע איז איבעריק. אַמעריקע איז אַ נייטראַל לאַנד און וויל נישט וויסן פון קיין מלחמות.

דער באַלטימאָרער רב האָט מורא, אַז ווייצמאַן וועט באַלד אראָפּ־קומען מיט איוב־בשורות. אַמעריקע איז ווייט פון דעם אַלעמען, זייער ווייט. דער רב זעט פאַר זיינע אויגן די רויקע יידישע הייזער. „מה טובו אהליך, אַמעריקע״! וואָס זשע קומט אַהער ווייצמאַן מיט זיין אומרו? אַמעריקע איז נייטראַל אין דעם קריג, נייטראַל!

אָבער נישט ס׳גאַנצע יידישע אַמעריקע האָט אַזוי געטראַכט. אַ ריזי־קער אויפנאַם־קאָמיטעט לכבוד ווייצמאַנען איז געשאַפן געוואָרן. בראש פון אים שטייט פיאָרעלאָ לאַ גוואַרדיאַ, דער בירגערמייסטער פון דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק.

ווייצמאַן ווענדעט זיך צו די טויזנטער אַמעריקאַנער יידן: „ברידער, פאַרשטייט, אַז איך האָט אויסגעוויילט די השגחה צו זיין די שוץ־מויער איבער אונדזער האָפענונג — ארץ־ישראל. איך איז אָנגעטרויט געוואָרן דער גורל פון פאָלק ביז דער גרויל וועט אַריבערגיין. יעדער איינער פון אייך דאַרף פאַרקערפּערן די ליידן און פריידן פון צענער און הונדערטער, ווייל טויזנטער און מיליאָנען זענען פון אונדז אויסגעשניטן געוואָרן. איך האָף, אַז איר וועט נישט זען אָט די אויפגאַבע ווי עפּעס אַן אומזיסטע משא; נישט קיין משא איז עס, נאָר אַ פּריווילעגיע, וואָס דער גורל איז אייך מיט איר מזכה.

...„מיר זענען ספּעציאַליסטן אויף פאַרשפּעטיקן די באַן. לאָמיר דאָס מאָל נישט פאַרשפּעטיקן, ווייל אַ טאָג וועט קומען, און עס וועט מער נישט פאַררעכנט ווערן אַלס חטא צו זיין אַ פאָלק קליין אין צאָל. אונדזער פאָלק אין ארץ־ישראל וועט פאַרנעמען זיין פּלאַץ אין דער משפחה פון פעלקער און געבן זיין ביישטייער צו דער אויסלייזונג פון מענטש״...

דער נאַציִשער „וועלטדינסט״ פאַרעפנטלעכט אַ „וואָרענונג״: זאָל אַמעריקע זיך אויסהיטן פאַרן ייד חיים ווייצמאַן. ער איז נישט מער ווי אַ שליח פון ענגלישן אימפּעריאַליזם, וואָס וויל פאַרשלינגען די וועלט. עס איז דאָך אַ באַוווסטער פאַקט, אַז יידן און ענגלענדער געהערן צו דער זעלבער ראַסע. מען דאַרף וויכן פון זיי ביידע. זאָל זיך אַמעריקע נישט לאָזן פאַרפירן פון ווייצמאַנען, דעם אַגענט.

אַן אָנגענעמער צוזאַמענטרעף אין וואַשינגטאָן: דער ריכטער בראַנדייס, דער אַמאָליקער קעגנער, פרייט זיך צו זען מיט ווייצמאַנען.

— נאָך אַלץ אויף די וועגן, מײַן פריינד?

— אונדזער שיף איז נאָך נישט דערגאַנגען צו אַ זיכערן פּאָרט — ענטפערט ווייצמאַן.

ווייצמאַן יאָגט פון זיך דעם אומעט. ער גיט איבער אַ פריילעכן גרוס וועגן יידישן לאַנד:

— עס קומען כסדר צו נייע פונקטן אין ארץ־ישראל. מיט יעדן טאָג שלאָגן מיר דאָרטן טיפערע וואָרצלען. אַ מאָל, אַז מען פלעגט פאָרן איבערן עמק, איז דער מדבר און זיינע פּלאָגן אַנטקעגנגעקומען דעם מענטשן. היינט באַגלייטן דעם רייזנדן צענדליקער נייע זידלונגס־פונקטן. די וויסטעניש לעבט אויף, עס טראָגט זיך אַ ליד פון בויען און שאַפן.

בראַנדייסעס פּנים צעשיינט זיך און ער רופט אויס:

— אוודאי, אוודאי. ארץ־ישראל איז די הויפּט־האָפענונג, און אפשר אויך די איינציקע, אויף צו לייזן דאָס יידישע פּראָבלעם.

בראַנדייס גלייכט זיך אויס אין זיין טיפן פאָטעל און זאָגט:

— לגבי ענגלאַנד מוזן מיר שטיין אויף דער וואָך, נישט מאַכן קיינע פשרות; מיר טאָרן אָבער נישט פאַרלירן נישט דעם צוטרוי־געפיל און נישט דעם זין פון גערעכטיקייט.

כמעט צוואַנציק יאָר זענען אַריבער זינט זייער ערשטער צוזאַמענטרעף. פון צוויי אַנטקעגנגעזעצטע פאָלן זענען דיביידע מענער אַרויס — פון וואַשינגטאָן און פינסק. ציון האָט זיי צוזאַמענגעבראַכט, און דער וועג צו איר — פונאַנדערגעטיילט. איצט זענען זיי ווידער צוזאַמען. און ווייצמאַנען איז שווער זיך צו געזעגענען מיט זיין פריינד.

אין אָנדערהאַלבן יאָר אַרום איז בראַנדייס אַוועק פון דער וועלט.

אין וואַשינגטאָן טרעפט זיך ווייצמאַן מיט פּרעזידענט פראַנקלין דעלאַנאָ רוזוועלט. אַ פרישקייט און אַ מין יוגנט־חן ליגט אויסגעגאָסן אויפן לעבעדיקן פּנים פון פּרעזידענט. ער רעדט מיט אַ כמעט קינדערישער פרייקייט.

רוזוועלט מיידט אויס צו באַרירן קאָנקרעטע טעמעס. ער רעדט וועגן אַלגעמיינע, אַבסטראַקטע ענינים. ווייזט אויס, טראַכט ווייצמאַן, אַז אַהער איז נאָך נישט דערגאַנגען דאָס געשריי פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

דעם שמועס פאַרענדיקט דער פּרעזידענט מיט אַ וויץ.

— אין ארץ־ישראל איז פאַראַן אַ ביק פון אַ פיינער ראַסע, ווייסט איר ווי מען רופט אים? ניין? איז וועל איך אייך זאָגן: זיין נאָמען איז פראַנקלין דעלאַנאָ רוזוועלט.

אין מאַרץ 1940 איז דער וואַנדערער צוריק אין לאָנדאָן. די לאַגע ווערט ערגער פון טאָג צו טאָג. בעלגיע און האָלאַנד פאַלן אין שטורעם פון היטלערס פּאַנצער־דיוויזיעס. אויך פראַנקרייך איז דערנידעריקט און באַזיגט. דעם 14־טן יוני גייט איטאַליע אַריין אין קריג. דער שטאָלענער רינג פאַרציט זיך אַלץ ענגער אַרום דעם יידישן פאָלק. דער אומקום פון אייראָפּעישן יידנטום איז נישט מער ווי אַ פראַגע פון צייט. וויצמאַן שטייט פאַר אַ טיפן אָפּגרונט. ער שרייבט דאַן אַ שטורמישן בריוו צו לאָרד לאָיד, דעם קאָלאָניאַל־מיניסטער. ער וואָרנט, אַז נאָר „שנעלע האַנדלונג קאָן דעצידירן צווישן לעבן און טויט לגבי אונדז יידן". ער זעט פאַר זיינע אויגן אַן ערנסטע געפאַר, וואָס שוועבט איבער ארץ־ישראל — די לעצטע יידישע האָפענונג. ער מאָנט: „ביז דער נצחון וועט קומען קאָן דערווייל ארץ־ישראל געשטעלט ווערן אין אַ גרויסער סכנה. אויב אונדזער גורל איז אומצוקומען, דינט אונדז די רעכט אומצוקומען מיט געווער אין האַנט, און די מאַנדאַט־רעגירונג איז פאַרפליכטעט אונדז צו געבן די דאָזיקע עלעמענ־טאַרע מענטשלעכע רעכט".

טשערטשיל באַנעמט די יידישע טראַגעדיע אין איר גאַנצער גרוי־זאַמקייט. ער איבט אויס אַ דרוק אין קאַבינעט לטובת אַ יידישן קעמפנ־דיקן כוח קעגן נאַצי־דייטשלאַנד. אין סעפּטעמבער 1941 זעצט טשערטשיל דורך אין קאַבינעט זיין פּלאַן וועגן אַ יידישער אַרמיי, וואָס זאָל קעמפן אויפן מיטל־מזרח פראָנט. וויצמאַן איז דערמוטיקט, דערהויבן. ער וועט נאָך אָבער אַדורכגיין שבעה מדורי גיהנום ביז טשערטשילס פאָרשלאַג וועט פאַרווירקלעכט ווערן.

דערווייל דריקט מען אויף וויצמאַנען ער זאָל ווידער פאָרן קיין אַמעריקע, כדי ער זאָל משפיע זיין, אַז דאָס גרויסע לאַנד זאָל אויך צואיילן און זיך שטעלן אויף דער זייט פון קעמפנדיקן ענגלאַנד. איצט, מיט דעם פּלאַן פון אַ יידישער אַרמיי איז אים לייכטער צו פאָרן צו זיינע ברידער אין אַמעריקע.

וויצמאַן קומט זיך געזעגענען מיטן פרעמיער. טשערטשיל שפּרודלט מיט ענערגיע און מוט. ער זאָגט צו וויצמאַנען: „איך טראַכט וועגן שלום צווישן אייך און די אַראַבער, נאָכן קריג. דער מאַן, מיט וועלכן איר דאַרפט

שליסן דעם אָפּמאַך, איז איבן־סאַוד, וואָס שטייט אין שפּיץ פון די אַראַבישע לענדער. עס וועט אָבער מוזן קומען צו אַן אויסגלייך מיט אייך בנוגע ארץ־ישראל. די צייטן זענען גרויזאַם פאַר אונדז אַלע און דאָפּלט־גרויזאַם פאַר אייך יידן. איך וועל אַלץ טאָן אייך צו העלפן״.

דעם 25־טן מאַי האָט ווייצמאַן צוזאַמענגערופן די יידישע פירער אין אַמעריקע, געוועקט זייער געוויסן, זיי דערקלערט, אַז די השגחה האָט איבערגעגעבן אין זייערע הענט די היסטאָרישע אויפגאַבע פון ראַטעווען דאָס יידישע פאָלק. „איך גלויב אין נצח ישראל. אויב דאָס איז רעליגיע, דאַן בין איך אַ רעליגיעזער מענטש. דער־אַ גלויבן איז אַלע מיינע יאָרן געווען מיין שטערן, פונקט ווי ער איז עס איצט אין אָט דעם שרעקלעכן פרימאָרגן״.

ווייצמאַנס אָנשטרענגונגען אין אַמעריקע לטובת דעם קעמפּענדיקן ענגלאַנד נעמען אַרום וויכטיקע קרייזן. ווען ער קומט צוריק אין לאָנדאָן האָט ער דערמוטיקנדיקע נייעס איבערצוגעבן דעם פּרעמיער.

— אָבער, פאַר וואָס, ווינסטאָן טשערטשיל — פרעגט ער — האָסטו נישט דערפילט דיין צוזאָג? פאַר וואָס ווערט סאַבאָטירט דער פּלאַן וועגן אַ יידישער אַרמיי?

ווייצמאַן האָט ליב זיינע שפּאַציר־שעהען אין הייד־פּאַרק. עס איז ליכטיק, זומערדיק. די פרימאָרגנס זענען אָנגענעמע און זיכערע. די דייטשע עראָפּלאַנען באַווייזן זיך נישט ביים ליכט פון טאָג.

אין דער געגנט פון הייד־פּאַרק האָט ווייצמאַן זיין לאַבאָראַטאָריע. ער גייט מיט לאַנגזאַמע טריט צו זיין אַרבעט. דער זוניקער פרימאָרגן דערמאַנט אים אין נהלל און עין־חרוד. וואָס וועט זיין פון זיי איצט, אַז איטאַליע איז אַריין אין קריג אויף דער זייט פון דייטשלאַנד, און דער פראָנט קען זיך פאַרציען ענגער און ענגער אַרום ארץ־ישראל?

ווען ער דערמאָנט זיך אין דער סכנה וואָס שוועבט איבערן יידישן ישוב, ווערט איילילקער זיין טראָט. ביי דער אַרבעט מוז שוין מסתמא זיין דער פלייסיקער ד״ר דוד בערגמאַן, וועמען ער האָט אַראָפּגעבראַכט קיין לאָנדאָן, צו העלפן אין די באַמיִונגען צו דערגרייכן אַ סינטעטישע גומי. זיי זוכן אַ שיטה פאַר אַ ביליקער פּראָדוקציע פון איזאָפּרען, דעם אויס־גאַנגס־פּונקט צו דער געגאַרטער קינסטלעכער גומי. ווייצמאַן טראַכט אויף וועגן דער גרויסער ברכה וואָס עס קען ברענגען דער קאַטאַליטישער

פונאַנדערטייל פון אויל מיט דער אַנטשטייונג פון צענדליקער ביי־פּראָ־דוקטן פון גרויסן באַדייט און ווערט.

און אָט איז ווייצמאַן אין לאַבאָראַטאָריע. די שעהען לויפן, ווידער איז ער אַ זעלנער, מאָביליזירט אין דער איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג צו ברעכן דעם נאַצישן כוח. ער מוז וואָס שנעלער דערגרייכן די געגאַרטע פאָרמולע, וואָס שנעלער.

ווען ווייצמאַן הערט דעם אַעראָפּלאַנען־געברום גיט אין אים אַ ציטער דאָס האַרץ. זיין זון מיכאל איז דאָך אַ פליער אין ענגלישן לופט־פלאָט — אַן איבערגעגעבענער זעלנער, וואָס זוכט נישט קיין לייכטע וועגן. ווו איז איצט זיין זון? אין וועלכע הימלען?

ווייצמאַן זיצט ביי זיין מיקראָסקאָפּ און קען נישט פאַריאָגן פון זיך דעם אַעראָפּלאַנען־געברום. ער שטרענגט זיך אָן צו באַגרייפן אַ שווערע פאָרמולע. ער פליסטערט: איזאפרען, איזאפרען...

מיכאלס געשטאַלט ווינקט צו אים פון הויכקייטן, איינגעהילטע אין רויך און אין פייער.

די נאַכט און די שרעק קומען צוזאַמען. די שטאָט איז שטיל, ווי ערב אַ שטורעם. באַלד וועלן אָנקומען די אַעראָפּלאַנען, באַלד וועט זיך טראָגן דאָס פייער איבער הייזער און מענטשן.

ווייצמאַן גייט אַראָפּ פון זיין בעט און ער שלעפּט זיך איבער די צימערן אין דאָרטשעסטער־האָטעל — זיין איצטיקע היים. קיין ליכט טאָר מען נישט אָנצינדן. אַלץ איז טויט און פינצטער, ווי די מיליאָנען־שטאָט וואָלט פאַרזונקען אין אַ תהום.

ווייצמאַן רעדט צו זיך אַליין: זאָל זיין, אַז טשערטשיל וויל נישט באַנעמען אונדזער גערעכטע פאָדערונג? טשערטשיל איז דאָך נישט טשעמבערליין. פאַר וואָס האַלט ער אויף מיטן באַשלוס פון אַ יידישער בריגאַדע, וואָס זאָל קעמפן קעגן נאַצישן שונא? טויזנטער יונגעלייט אין ארץ־ישראל ווילן האָבן דעם זכות צו שלאָגן זיך קעגן גרויזאַמען שונא. פאַר וואָס ענטפערט נישט טשערטשיל אויף די ווענדונגען אין דעם ענין? וועלן אויך די ארץ־ישראל־יידן טיילן דעם גורל פון שוצלאָזן גלות?

און אַלץ גייט ווי געווען; די פאַרשריפטן פון „ווייס בוך" זענען גילטיק: מיט גרויזאַמקייט טרייבט מען די אומגליקלעכע פליטים פון די ברעגן פון יידישן לאַנד. די ענגלישע זעלנער שיקן זיי צוריק אין נאַצישן פייער.

און אין פּאַרלאַמענט דערקלערט לאָרד מאָין: מען קען נישט אויפֿשטעלן די יידישע בריגאַדע, ווייל עס פעלט אויס געווער...

וויצמאַן ציטערט אויף: עמעצער וועט קומען אין די צוקונפטיקע טעג און טייטלען אויף אים מיטן פינגער: שולדיק איז געווען דיין לאַנגזאַמער וועג!

טראַכטנדיק וועגן אַנדערע וועגן דערמאָנט זיך וויצמאַן אין זשאַבאָטינסקין, דעם שטאָלצן ייד, וואָס האָט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק אויסגעהויכט זיין נשמה אין אַמעריקע.* ער דערהערט ווידער די ווערטער פון זיין הספד... „אַ הייליקער פייער האָט אין אים געברענט. ער האָט געפילט, אַז ווייניק צייט איז אונדז פאַרבליבן אויף צו פאַרווירקלעכן אונדזער פּלאַן. מעגלעך, אַז אַזוי איז עס טאַקע, און מעגלעך, אַז ניין. די געשעענישן און פאַקטאָרן זענען נישט אָפּהענגיק אינעם ווילן פון יידישן פאָלק און זיי האָבן אונדז געצוווּנגען צו גיין אויף דעם וועג, וועלכער איז אפשר דער שווערסטער און גאַנץ זיכער דער לאַנגזאַמסטער".

זיין קעגנער, דער שטאָלצער און טראַגישער! וויצמאַן דערמאָנט זיך אין יענע ווייטע טעג ווען זיי האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט אין דער קליינער דירה אין טשעלסי. געווען איז עס אין האַרבסט פון 1916.

זשאַבאָטינסקי איז דאַן געקומען צוזאַמען מיט טרומפּעלדאָרן אין לאָנדאָן, מיטן פּלאַן צו שאַפן אַ יידישן לעגיאָן, וואָס זאָל קעמפן אויפן ארץ-ישראלדיקן פראָנט און אָנטיילנעמען אין דער באַפרייונג פון לאַנד. דאָס איז נישט געווען סתם אַ פאַרלאַנג. האָט זיך דען נישט אויסגעצייכנט דער יידישער רעגימענט וואָס האָט געקעמפט אין יענעם יאָר אין גאַליפּאָלי, זייט ביי זייט מיט די ענגלענדער, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון קאָלאָנעל פּעטערסאָן און יוסף טרומפּעלדאָר? דער רעגימענט איז אויפגעלייזט געוואָרן, נאָך דעם, ווי דער קאַמף האָט זיך פאַרענדיקט אויף יענעם פראָנט; און זשאַבאָטינסקי איז געקומען קיין לאָנדאָן כדי אויפצושטעלן אַ נייע יידישע קאַמפּס-איינהייט.

דעמאָלט האָבן זיי צוזאַמען פאַרבראַכט די אָוונטן אין די קאַלטע צימערן פון דער טשעלסי־דירה. ווערא איז נישט געווען אין שטאָט.

---

* אויגוסט 1940

זיי פלעגן שמועסן אויף פאַרשיידענע טעמעס. ווייצמאַן דערמאָנט זיך זשאַבאָטינסקיס באַהאַוונטקייט אין קונסט און ליטעראַטור.

— ווייסט, „זשאַבאָ", אין דער צוקונפטיקער, פרייער יהודה וואָרט אויף דיר אַ ספּעציעלער באַרוף.

— וועלכער ? אדרבא, לאָמיר הערן.

— פּראָפּאַגאַנדע און קולטור־מיניסטער.

— ניין, ווייצמאַן, ניין, וואָרעם פריער פאַר אַלץ בין איך אַ שטאַטס־מאַן, און פּאָליטיק איז מיין געביט.

עפּעס האָט זיך אָפּגעריסן צווישןביידע פריינד אין יענעם מאָמענט. אָבער געצויגן האָט עס שטענדיק איינעם צום צווייטן.

זיצט ווייצמאַן ביים פענצטער, קוקט אין דער פינצטערקייט פון דער לאָנדאָנער נאַכט און דערמאנט זיך דעם הספד זיינעם איבער זשאַבאָ־טינסקין : ...„געוועזן איז אין אים איין גרויסער באַגער — צו זען אַזוי שנעל ווי מעגלעך די לייזונג פון יידישן פּראָבלעם. דער טעמפּאָ, די עקשנות און די איילעניש אין זיינע באַגערן און אין זיין ווילן האָבן אים אויסגעטיילט פון אונדז און נאָר די געשיכטע וועט קענען משפטן ווער עס איז גערעכט געווען"...

מיט אַ מאָל האָט זיך דערהערט דאָס זשומען פון אָנפליענדיקע אעראָ־פּלאַנען. דעטאָנאַציעס האָבן זיך צעטראָגן איבער דער מיליאָנען־שטאָט. ווייצמאַן איילט אין דער פינצטער צו וועראַן, וואָס כאַפּט זיך אויף צעשראָקן.

— ניין, ניין, מיין טייערינקע, מירן נישט לויפן אין קעלער. בעסער דאָ, אין אייגענעם בעט, איידער דאָרט אין דער ערד־טיפעניש, צווישן טויזנטער פרעמדע.

עס ציען זיך די טעג פון בלוט און פייער : די מלחמה ווייסט נישט פון קיין אָפּרו.

אין איינעם פון די ערשטע יאַנואַר־טעג 1942 ווערט ווייצמאַן איינגע־לאַדן צום אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר, הער ווינאַנט. ער האָט אים איבער־צוגעבן אַ וויכטיקע ידיעה אין נאָמען פון פּרעזידענט רוזוועלט.

דער אַמבאַסאַדאָר נעמט אים אויף מיט אַ ברייטן שמייכל און טרעט גלייך צו צום ענין : דער פּרעזידענט וויל אייך האָבן אין אַמעריקע, אַז איר זאָלט צוויילן די פאָרשונג אויפן געביט פון סינטעטישער גומי. עס איז דאָך מלחמה, מיר זענען אַלע מאָביליזירט.

ווייצמאַן וואַרט נישט אויף מער מוסר. ער רופט זיך אָפּ:

— מיין מאָביליזאַציע איז שוין לאַנג פאַרגעקומען. זי האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ סך יאָרן פריער, איידער די יאַפּאַנער האָבן געוואָרפן זייערע באָמבעס אויף פּערל האַרבאָר. עס וועט מיך אוודאי פרייען צו אַרבעטן אין דער נאָענטקייט פון אייער פּרעזידענט. מיין פרוי און איך וועלן אַלץ טאָן אַז מיר זאָלן קענען אַרויספאָרן אַזוי שנעל ווי מעגלעך.

אַ פעברואַר־טאָג. עס איז קאַלט און גרוי. ווייצמאַן און זיין פרוי פאָרן קיין בריסטאָל און פון דאָרט וועט זיי אַן אַעראָפּלאַן נעמען קיין אַמעריקע.

מאַן און ווייב זענען אויסגעמוטשעט. קעגן אָוונט קומען זיי אָן אין בריסטאָל. די גאַסן זענען ליידיק, עס פייפן אומעטיקע ווינטן.

ווערא גייט פרי אין בעט: מאָרגן וואַרט אויף זיי אַ לאַנגע, שווערע רייזע. דער מאַן בלייבט זיצן אין צימער, ער קוקט איבער זיינע פּאַפּירן. ער לייענט טיילן פון דער אַרבעט, וואָס ער האָט צוגעגרייט אין דער לאַבאָראַטאָריע צוזאַמען מיטן ד״ר בערגמאַן. ער זיצט איבער די פּאַפּירן און ער שעפּטשעט: מעטילישער אַלקאָהאָל, בוטילין, דוטיציאַן...

ער כאַפּט אַ דרימל שוין אויפן שוועל פון פרימאָרגן. באַלד גיט ער זיך אַ כאַפּ אויף, ווי איבערגעשראָקן. ער וועקט וועראַן: ציט זיך אָנצוטאָן, באַלד וועט קומען דער אויטאָמאָביל, וואָס וועט זיי נעמען צום לופטפלאַץ.

אַ שעה שפּעטער פּאַקט מען אַריין די וואַליזעס אין אויטאָמאָביל. ווערא און איר מאַן זעצן זיך אַריין. דער אויטאָמאָביל וויל שוין רירן פון אָרט, ערשט אין דער טיר פון האָטעל באַווייזט זיך אַ דינער, וואָס רופט ווייצמאַנס נאָמען: אַ טעלעפאָן, דרינגענדיק.

— חיים — הערט זיך אַ קול פון דער צווייטער זייט — איך מוז דיר אָנזאָגן... זיי מוחל — ברעכט זיך סיימאָן מאַרקס שטים — אַז מיכאל... דאָס הייסט, ער איז פאַרשוווּנדן, נישט צוריקגעקומען פון זיין נאַכט־אַרויספלי. עס טוט מיר לייד, זיי שטאַרק, גריס פרוי ווייצמאַן... זיי מוחל...

דאָס טעלעפאָן־טרייבל ציטערט אין ווייצמאַנס האַנט. אַ ביטער געוויין האָט זיך אַ ריס געטאָן פון האַלדז. באַלד גייט דאָס געוויין איבער אין אַ העשען. ער זאַמלט אויף די כּוחות, גייט לאַנגזאַם אַראָפּ.

ווערא, פונקט ווי זי וואָלט אַלץ אַליין אויסגעהערט, פרעגט:

— אומגעקומען אָדער פאַרשוווּנדן?

זיי פאָרן צוריק קיין לאָנדאָן. ווייצמאַן שרעקט זיך פאָרן ווייבס פאַר־שטיינערט פּנים, פאַר איר פאַרקלעמט האַרץ.

ער רופט זיך אָן:

— באַלד וועלן מיר שוין זיין אין דער היים.

— די היים?

מאַן און ווייב זענען געזעסן ווי פאַרשטיינערט.

ווידער דער דאָרטשעסטער־האָטעל — „די היים״.

עס קומען שווערע פאַראַבלטע טעג. ווייצמאַן פרוווט טרייסטן דער פרוי זיינער.

— דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז מיכאל איז אַרויס בשלום. אפשר איז ער אין געפאַנגענשאַפט, אָדער ער באַהאַלט זיך ערגעץ אויס.

ווערא קוקט אויף איר מאַן, ווי ער וואָלט פלוצעם געוואָרן אַ קינד. אַ רחמנות גיט אַ שפּאַר אין איר האַרץ צום פאַרוויטיקטן מאַן אירן.

— געדענקסט, ווערינקאַ, ווי מיר האָבן געשוואָרן זיין אייביקע זעלנער, אייביק מאָביליזירט? געדענקסט אונדזערע שמועסן וועגן דעם שופט גדעונס דריי הונדערט זעלנער, וואָס האָבן נישט געקניט ביים טרינקען ס׳וואַסער פון קוואַל?... אפשר זאָלן מיר פאָרן קיין אַמעריקע? דער פּרעזידענט...

ווערא שטייט ביים פענצטער און שטעקט אַריין אין איר הוט אַ קליינע שפּילקע, אין דער פאָרם פון אַעראָפּלאַן־פליגל — די אָפּצייכע־נונג פאַר די מוטערס וועמענס זין עס זענען געפאַלן.

זי ענטפערט נישט דעם מאַן. אין עטלעכע מינוט אַרום נעמט זי זיך צו די וואַליזעס און הייבט אָן זיי צו פּאַקן.

ווייצמאַן קלייבט צוזאַמען זיינע פּאַפּירן. מיט אַ ספּעציעלער אויפ־מערקזאַמקייט באַוואָרנט ער אַ גוטן פּלאַץ פאַר צוויי טייערע ביכער, צוויי ליכטיקע מתנות: ביאַליקס לידער און אחד העמס תנ״ך.

33

ווייצמאַנס וויסנשאַפטלעכע אַרבעט אין אַמעריקע איז געווען פול מיט שטרויכלונגען. ער האָט זיך געזען אַרומגערינגלט פון פאַקטאָרן, וועמען נישט זיין פאָרשונג איז אָנגעגאַנגען, נאָר דער אינטערעס פון די אויל־מאַגנאַטן. לכתחילה איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך ווייצמאַנס וועג: זיין פערמענטאַציע־פּראָצעס נייטיקט זיך אין קאָלאָסאַלע קוואַנטומס קוקורוזע, און די אַמעריקאַנער פּריירס וועלן עס אים צושטעלן מיט אַ ברייטער האַנט. פון קוקורוזע באַקומט מען אַרויס אַצעטאָן און בוטילישן אַלקאָהאָל! פון אָט דעם שטאָף פירט דער וועג צו בוטאַדיאַן, אַ פּראָדוקט וואָס איז אַ באַזע פאַר דער אַנשטייונג פון סינטעטישער גומי. זענען געקומען די אויל־מאַגנאַטן און באַוויזן דער רעגירונג, אַז אויך פון אויל קען מען באַקומען בוטאַדיאַן. ווייצמאַן האָט דערקלערט, אַז אַרבעטנדיק מיט אויל איז דער פּראָצעס פיל טייערער און חוץ דעם קומט דער בויטיקער באַזע־שטאָף נישט אַרויס ריין גענוג. ווייצמאַן האָט צוגעשטעלט מעמאָראַנדומס, געוואָרנט, פּראָטעסטירט. שטאַרק זענען געווען די מענטשן וואָס זענען אַרויסגעטראָטן קעגן אים. ווייצמאַן האָט אָבער נישט מוותר געווען אויף זיין וועג און זיינע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען זענען געוואָרן אַנערקענט און גערימט.

אין וואַשינגטאָן איז געזעסן אַ מענטש, וואָס האָט אָבסערווירט ווייצמאַנס וועג און געראַנגל. דאָס איז דער וויצע־פּרעזידענט פון לאַנד, הענרי וואַלאַס. די וועלט ווייסט גאָרנישט — האָט ער געשריבן — סאַראַ גרויסן ביישטייער ווייצמאַן האָט געגעבן פאַרן דערפאָלג פון סינטעטישן גומי־פּלאַן, דאַן ווען דער פּלאַן איז געבליבן שטעקן ווי אין בלאָטע און נישט געקענט אַרויס פון די שוועריקייטן.

ראָמעל, דער נאַצישער גענעראַל און גרויסער מיליטערישער סטראַטעגיקער, באַדראָט מיט זיינע לעגיאָנען דעם נאָענטן מזרח. די יידישע היים שטייט פאַר דער געפאַר פון אומקום.

די אַראַבער זענען גליקלעך. זיי שפּאַצירן איבער די יידישע גאַסן און טייטלען מיט די פינגער: דאָס הויז וועט געהערן צו מיר, און דאָס —

צו מיר! די פרוי וועט זיין מיינע, און די — מיינע! דעם ייד וועלן מיר מאַכן מיט אַ קאָפּ קירצער, און דעם, און דעם...

אַ שליח פון ישראל ברענגט ווייצמאַנען אַ טרויעריקן גרוס. דער גענעראַל ווייוול גרייט זיך אָפּצוטרעטן פון פראָנט; דער וועג צום סועץ־קאַנאַל ווערט אָפּן פאַר די דייטשע טרופּן; דער וועג צום יידישן לאַנד בלייבט אומבאַשיצט. אויב עס זאָל תיכּף נישט קומען צו אַן ענדערונג, אויב אַמעריקע זאָל גלייך נישט שיקן מאַסן־הילף, קען דער גאַנצער נאָענטער מזרח אַריינפאַלן אין די דייטשע הענט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט ווייצמאַן זיך געטראָפן מיטן אַמעריקאַנער אויסערן־מיניסטער דזשאָרדזש מאַרשאַל.

דעם מיניסטערס ביוראָ איז כמעט נישט מעבלירט. זיין טיש איז ריין פון פּאַפּירן און ביכער. אַלץ איז דאָ נעט און ציכטיק. אין דער גרוימקייט שוועבט אַ געפיל פון איינגעהאַלטענער שפּאַנונג.

מאַרשאַל קוקט אויפן יידישן פירער. שוין לאַנג האָט דער סאָלדאַט און שטאַטסמאַן נישט געזען אַ מאַן מיט אַזוי פיל זאָרג און פיין אויף זיין פּנים.

דער מיניסטער שטעלט נישט קיין איבעריקע פראַגן, ער נעמט אַרויס אַ קליינעם בויגן פּאַפּיר פון שופלאד און ער מאַכט קורצע נאָטיצן: אַ פּאָר ווערטער און אַ פּונקט, אַ פּאָר ווערטער און אַ פּונקט.

אין זיין גאַנצער קאַריערע געדענקט נישט ווייצמאַן אַזאַ מין שנעלע און פּרוכטבאַרע אינטערווענץ. אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן אַמעריקאַנער שיפן זיך געלאָזן איבער די ימען און געטראָגן הילף צום נאָענטן מזרח, צו מאָנטגאָמעריס אַרמיי.

דאָס אַמעריקאַנער געווער און מאָנטגאָמעריס חכמה האָבן באַוויזן דעם נס און ראָמעל איז צוריקגעשטויסן געוואָרן.

מוסאָליני האָט זיך עס נישט געקענט שענקען. אין זיין שופלאד איז שוין געווען צוגעגרייט די נצחון־רעדע, נאַפּאָלעאָנס רייד זענען נישטיק און בלאַס אין פאַרגלייך מיט אירע שיינע, האָפערדיקע זאַצן. מוסאָליני טופּעט מיט די פיס, צערייסט אויף פּיצלעך די צוגעגרייטע רעדע און שעלט זיינע שותפים און די גאַנצע וועלט.

אין האָטעל בילטמאָר אין ניו־יאָרק, מאַי 1942, איז אַ גרויסער יידישער יום־טוב. די ציוניסטישע אַמעריקע קומט אַרויס מיט איר וואָרט. עס שאַלט ווידער אויף דער רוף וועגן אַ יידישער מדינה. אויף די פליגל פון

וויזיע און פּאַטאָס, ביי די פּייערצונגען פון די נאַציישע קרעמאַטאָריעס שטאַרקט זיך דער פאַרלאַנג פון אַ פרייען יידישן שטאַט אין ארץ־ישראל, מעג עס הייסן „קאָמענוועלט", אָדער אַן אַנדער נאָמען.

אין איינעם פון די צימערן פון האָטעל זיצט וויצמאַן און הערצלס רינג ליגט אין זיין האַלב צוגעמאַכטער האַנט. דער אַמעריקאַנער עסקן ד"ר סטיפען וויז האָט געהיט דעם רינג לאַנגע יאָרן. דאָס איז אַ הייליקער אָנדענק פונעם זעער פון דער יידישער מדינה. איצט האָט ער דעם טייערן חפץ איבערגעגעבן וויצמאַנען, הערצלס יורש.

וויצמאַן קוקט אויפן רינג, גלעט דאָס גאָלד מיט זיינע פינגער און טראַכט: אָפט מאָל טרעפט און מען זעט איין מיט אַ פרישער קלאָרקייט, אַז דאָס מענטשלעכע לעבן איז ווי אַ קיילעכיק ראָד — מען קומט צוריק צום זעלבן פונקט, פון וועלכן מען איז אַרויס. אַ יידישע מדינה — פון הערצלען ביז וויצמאַנען דער זעלבער פאַרלאַנג.

און פּלוצעם, ווי שוין נישט איין מאָל, גייט אויף אַ וואַרעם געפיל צו דער גראַנדיעזער הערצל־געשטאַלט. אָ, נביא אונדזערער! איך פאַרשטיי דיין צער און פּיין אין די קאָרידאָרן פון די גוישע הערשער; זייער שטום האַרץ פון איין זייט, און דער יידישער אומגעדולד — פון דער צווייטער. געפירט האָב איך קעגן דיר אַ מלחמה, אָבער נישט איין מאָל בין איך געגאַנגען אין די זעלבע וועגן דיינע, וואָס איך האָב אַזוי קריטיקירט.

וויצמאַן צעעפנט די האַנט. דער רינג זעט מיט אַ מאָל אויס איינזאַם, אָרעם, פאַריתומט, ווי די יידישע שארית־הפליטה.

און אין גרויסן זאַל פון בילטמאָר־האָטעל יובלען איצט יידן לכבוד דעם באַשלוס וועגן אויפשטעלן די יידישע קאָמענוועלט. וויצמאַן ווערט מיטגעריסן. אויך ער הייבט די האַנט און שווערט „אם אשכחך ירושלים".

אויף דער צווייטער זייט אָקעאַן טרינקט זיך אין בלוט דאָס יידישע פאָלק. דער חורבן איז אַ טאָטאַלער.

וויצמאַנס צימער איז איינגעהילט אין טונקלקייט. יידן זיצן און הערן אויס איובס בשורות.

וויצמאַן האָט קיין רחמנות נישט. ער שניידט פאַסן פון זיין לייב און אויך יענעמס.

— ווי לאַנג נאָך וועלן מיר שווייגן?

אַ שליח, וואָס האָט געוויילט אַ יאָר אין פּוילן, איז איצט צוריקגעקומען. ער האָט אַלץ געזען מיט זיינע אייגענע אויגן. אויפן וועג אַהער

צוריק האָט ער זיך פֿאַרהאַלטן אין פֿאַרשידענע שטעט, געוועקט ס׳געוויסן ביי מענטשן. געשילדערט די גיהנום־בילדער, וואָס פֿאַרקילן דאָס בלוט אין די אָדערן. מען האָט אים נישט געגלייבט. דאָס איז אוממעגלעך — האָבן מענטשן געענטפֿערט.

...נאַצישע יינגלעך, פּופֿצן־זעכצן־יעריקע, קומען אין די געטאָס זיך לערנען שיסן אויף יידישע קעפּ. ווער עס שלאָגט דעם רעקאָרד, באַקומט אַ פּרייז. איינער אַ קראַוזע גייט פֿון שטוב צו שטוב, פֿאַרשליסט די טיר און שיסט אויס פּרויען, קינדער, מענער. ער גייט אַרויס און צייכנט אָן מיט קרייד אויף דער טיר דעם ציפֿער פֿון די דערמאָרדעטע. אויפֿן טויער פֿון אַ הויף האָט ער אָנגעצייכנט: 106, כך וכך מענער, כך וכך קינדער...

...יידן, וואָס קומען צוריק פֿון צוואַנגס־אַרבעט, נאָך אַ טאָג פֿון הונגער און גיהנומדיקע דערנידערונגען, געפֿינען זייערע קינדער צעטראָטענע אונטער די נאַצישע שטיוול, מיט צייכנס פֿון טשוועקעס אין די קעפּלעך.

...יידן אין די געטאָס רעדן וועגן זייער שנאה צו אונדז. זיי טענהן, אַז מיר וואָלטן געקענט טאָן פֿיל מערער ווען מיר ווילן.

— יידן, ווי לאַנג וועט עס נאָך דויערן? — צעשרייט זיך ווייצמאַן.

עס איז אויסגערופֿן געוואָרן אַ טאָג פֿון תענית און טרויער. אין דער שול „שומרי אמונה" זיצט ווייצמאַן מיטן אָפֿענעם סידור פֿאַר זיינע אויגן. ער פֿאַסט און זיין פּנים איז אַשיק געל. זיין באַגלייטער, מאיר ווייסגאַל, וואָגט נישט אַ וואָרט אויסצורעדן. אים דוכט זיך, אַז ער הערט דעם ציטער פֿון ווייצמאַנס האַרץ.

ווייצמאַן איז עולה צו דער תורה אַנשטאָט אַ כהן. ער זאָגט די ברכות מיטן זעלבן טראַדיציאָנעלן ניגון, וואָס אין מאָטעלע און אין פּינסק.

פֿאַר נאַכט, נאָך דעם ווי מען האָט אים דערלאַנגט טיי אויף צו דער־כאַפּן די נשמה, דערציילט ער ווייסגאַלן וועגן די תעניתים אין דער אַלטער היים. די מאַמע פֿלעגט אין אַ תענית־טאָג נישט אַרויסגיין פֿון בית־מדרש. זי פֿלעגט זיך גוט אויסוויינען און אויסטענהן מיטן רבונו של עולם. דער תענית — זאָגט ווייצמאַן — האָט אין זיך אַ גרויסן כוח: ער רייניקט דעם מענטשן און דערנענטערט אים צום קוואַל פֿון באַשאַף. אויך איך פֿיל זיך שטאַרקער — ממש ווי אַנצוהייבן אַ ניי בלעטל, מיט גאָט און מיט מענטש.

אַ ניי בלעטל, אַ ניי לעבן. ווייצמאַנען בענקט זיך צו זיין הויז אין רחובות, צום גרינעם בערגל, צום אויסבליק אויף די ירושלים־בערג, צום

דניאל זיוו־אינסטיטוט, צו דער פאָרשונגס־אַרבעט. אָבער גיי ווייס, וואָס דער מאָרגן קען ברענגען, ווער עס וועט האָבן די זכיה צו דערוואַרטן זיך אויף דער גאולה.

ווייצמאַן לייענט צום ווײפלטן מאָל אוסישקינס לעצטן בריוו. ער שרייבט דאָרט צו ווייצמאַנען: „אַ גרויסן דאַנק דיר פאַר דער טעלעגראַמע מיט די האַרציקע באַגריסונגען, וואָס איך האָב פון דיר באַקומען צו מיין געבוירן־טאָג. מיטביידע הענט וואָלט איך זיך אונטערגעשריבן אויף דיינע רייד, אַז מיר זאָלן ביידע זוכה זיין צו זען די פאַרווירקלעכונג פון אונדזער יוגנט־חלום. אָבער ווי וועט עס פאַרווירקלעכט ווערן? נאָר גאָט ווייסט דעם ענטפער. אַ סך, אַ סך האָב איך מיט דיר צו רעדן, און דאָס וואָלט געבראַכט אַ נוץ פאַר אונדז ביידן. לאָמיר האָפן, אַז מיר וועלן זיך נאָך טרעפן אויף דער וועלט. צום ווידערזען, מ. א.

פּ. ס. אין משך פון די צוויי מלחמה־יאָרן האָט דער ק.ק.ל. דערוואָרבן קרוב צו 80.000 דונאַם".

ווייצמאַן איז אויפגעשטאַנען פון טיש און אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען איבערן צימער. אויך אוסישקין, דער נאָבעלער עקשן, האָט געפרעגט „ווי וועט עס פאַרווירקלעכט ווערן?" אויך ער האָט אויפגעגעבן זיין וואָפן און אויסגערופן ביים סוף, אַז נאָר גאָט ווייסט דעם ענטפער. און דאָך, ווי גרויס איז דער כוח פון דעם קליינעם לאַנד מיט שטיינער אוןביינער, סאַראַ לעבנסלוסט וועקט עס אין מענטשן. אונטער זיינע הימלען ווילט זיך נישט טראַכטן וועגן לעצטן באשייד, נאָר עס גייען אויף חלומות וועגן באחרית הימים, וועגן אַ נייער יוגנט, אַ נייער וועלט.

טייערער מנחם, דו און דיינע דונאַמס, דו און דיין פרייד מיט דער אויסגעלייזטער ציון־ערד. 80.000 דונאַם. 80.000 — ווו האָט ער געהערט פון אַזאַ ציפער? — פרעגט זיך ווייצמאַן — איז דאָס געווען וועגן וואַרשע, קיעוו? 80.000 זענען אויסגעשאָסן געוואָרן ביי די צעעפנטע גריבער.

פּופצן חדשים איז דאָס מאָל ווייצמאַן געזעסן אין אַמעריקע. געווען זענען עס טעג פון איוב־בשורות און פון פאַרנעפלטע האָריזאָנטן.

אין האָטעל קאָמאָדאָר אין ניו־יאָרק קומט פאָר אַ פייערלעכער געזעג־גענונגס־באַנקעט לכבוד ווייצמאַנען. דער יידישער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד שרייבט איין ווייצמאַנען אַלס ערן־מיטגליד אין זיינע רייען.

עפּעס אַן איינגעהאַלטנקייט איז פאַראַן אין ווייצמאַנס רייד, פּונקט ווי ער וואָלט פאַרגעסן דעם פייערלעכן בילטמאָר־באַשלוס וועגן אַ יידישער

מדינה. ער זעט פּאָר אַ שווערן איבערגאַנגס־פּעריאָד. ער חזרט ווידער איבער דעם אַלטן אמת, אַז די מדינה וועט מען נישט דערלאַנגען דעם פאָלק ווי אַ מתּנה אויף אַ זילבערנער טאַץ, דער וועג צו איר דערגרייכונג איז נאָך אַ לאַנגער. ווייצמאַן וואָרנט, אַז נאָכן קריג וועט מען זיך מוזן באַנוגענען מיט איכותדיקע דערגרייכונגען און נישט מיט כמותדיקע. ער באַמערקט ווידער, אַז דויערהאַפטע זאַכן ווערן נישט געבוירן אין פייער און אין שטורעם, און אויב יאָ, איז קורץ זייער לעבן אויף דער וועלט. „די אַרבעטער אין ארץ־ישראל האָבן זיך געוואָרעמט אין דער פרייד וואָס די אַרבעט אויפן פלאַץ האָט זיי געגעבן, אָבער די ציוניסטן אין חוץ־לאָרץ האָבן פון אַזאַ פרייד נישט געגאָסן. האָבן זיי דעריבער אַוועקגע־שוועבט אין חלומות פון אַ נישט ממשותדיקער גאולה.

„פּאָליטיק איז די קונסט פון קענען פעסטשטעלן וואָס ס'איז מעגלעך צו דערגרייכן, און וואָס נישט. זי פאַרלאַנגט אויך אַ ריכטיקן אָפּקלייב פון מיטלען און די פעיקייט זיי צו שפּאָרן, סתם זיי נישט צו פאַרשווענדן".

וואָס פאַראַ רייד זענען עס איצט וועגן אַן איבערגאַנגס־פּעריאָד, וועגן זיך באַנוגענען נאָר מיט דאָס מעגלעכע? — פרעגן יידן אין לאָנדאָן, ניו־יאָרק און ירושלים. די לאַגע פון פאָלק איז אַזאַ, אַז דאָס אוממעגלעכע מוז דערגרייכט ווערן. דער פאַרנעם דאַרף זיין ברייט און כמותדיק, און ווייניק איז אַ בינטל איכותדיקע ווערטן. און פאַר וואָס האָט ווייצמאַן נישט דערמאָנט דעם בילטמאָר־פּראָגראַם?

ווייצמאַן זיצט ביי די וואַליזעס זיינע, וואָס ווערן איינגעפּאַקט מיט זאָרגפעליקייט. אין צימער גיסט זיך אַריין דאָס אומעטיקע גאָלד פון דער צעצונדענער שקיעה. ווייצמאַן איז איינגעהילט אין רויטלעכן שיין.

מענטשן קומען אַריין זיך געזעגענען. ווייצמאַן שעפּטשעט ווי צו זיך אַליין: מען מוז זיין פאַרזיכטיק, מען טאָר נישט פונאַנדערבלאָזן נישט־באַרעכטיקטע האָפענונגען, דאָס קען טרייבן צו פאַרצווייפלטע מעשים, וואָס מען מוז זיך פון זיי אויסהיטן. יידן דאַרפן פאַרשטיין, אַז איבער אַלץ און אַלעמען שטייט דאָס אויפבוי־ווערק, וואָס מען טאָר נישט שטעלן אין אַ געפאַר.

ווייצמאַן קוקט אויף זיינע הענט, באַשפּרינקלט מיט דער גאָלדענער שקיעה־ליכט. ער רעדט צו זיך אַליין:

איז שוין טאַקע געקומען די שעה פון זיך אָפּרייסן פון ענגלאַנד? וועט דער ישובביישטיין דעם שטורעם וואָס וועט זיך אויפרייסן?

עס שטאַרקן זיך די שטימען קעגן ווייצמאַנען אין דער יידישער וועלט.

דער „מזרחי"־פירער, הרב בערלין, ווייזט אָן אויף ווייצמאַנס צוריק־טריט. אויך דוד בן־גוריון ווייזט אָפן אַרויס זיין אומצופרידנקייט. אויף ווייצמאַנס טענה, אַז דער עיקר איז דער קאַמף קעגן „ווייסבוך" און זיינע גזירות ענטפערט דוד בן־גוריון: דער עיקר איז די פאַרווירקלע־כונג פון בילטמאָר־פּראָגראַם.

אין ווייצמאַנען טליעט ווידער אויף אַ האָפענונג פון אַ מעגלעכער פאַרשטענדיקונג מיט ענגלאַנד. ער וויל גלייבן, אַז דאָס ענגלאַנד פון נאָך דער מלחמה וועט זיין אַן אַנדערס. אפשר וועט מען זיך קענען דערשלאָגן צו אַ גאַנץ ארץ־ישראל און נישט קיין צעשניטנס; אפשר וועט פאַרט קומען צו אַ יידיש־אַראַבישער צוזאַמענאַרבעט.

ווייצמאַנס נייע האָפענונגען געפינען אָבער נישט קיין אָפּקלאַנג ביי יידן. עס פעלט זיין פּאָפּולאַריטעט.

וועגן יענע טעג שרייבט סמילאַנסקי: „אויף דער יידישער גאַס איז די באַציונג צו ווייצמאַנען ווי די וואָס ישעיהו דערמאָנט — דעם פאָלק איז פאַרמיאוסט דאָס וואַסער פון שילוח־טייך, וואָס שטראָמט פאַמעלעך. די גלאָקן קלינגען נישט דאָס מאָל פאַר ווייצמאַנען אין זיין געבוירן־טאָג, אָבער די געשיכטע וועט וויסן צו דערציילן פאַר די צוקונפטיקע דורות ווער עס איז געווען דער מאַן, וואָס האָט געבראַכט זיין פאָלק די בשורה פון אויסלייזונג — די באַפרייונג, וואָס ווערט געקאָוועט מיט די האַמערס פון יצירה".

מאיר ווייסגאַל זיצט אַנטקעגן ווייצמאַנען. ער איז צעשטראַלט, זיינע אויגן לויפן שנעל, ווי תמיד בעת אַ וויכטיקער געדאַנק צעוויגט זיך אין אים:

— אייער זיבעציק־יאָריקן געבוירן־טאָג וועלן מיר פּראַוועון אין ארץ־ישראל. איך קום איצט פון דאָרט; כ׳בין דורכגעפאָרן דאָס לאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט. דער ישוב וואַרט אויף אייער קומען. אין לאַנד איז אַ שטימונג פון ערב־מדינה.

ווייצמאַן רייסט איבער ווייסגאַלס שטראָמיקע רייד:

— נישט צו גלייבן, נישט צו גלייבן: פינף יאָר ווי איך בין שוין נישט געווען אין לאַנד!

דער גרינער אָפּגלאַנץ פון כעס־אויפברויז, וואָס איז ווייסגאַלן אַזוי

באַקאַנט, גיט זיך אַ שפּרייט אויף ווײַצמאַנס פּנים. אָפּגעריסענע ווערטער פאַלן פון ווייצמאַנס ליפּן:

— בוטאַדיאַן... איזאַפּרען... גענעראַל מאַרשאַל... טאָבּרוק... ווייסן זיי, מײַנע קריטיקער, וועגן אַט די פינף יאָר מײַנע? ווייסן זיי, די פייער־ווערק־וואַרפער מכל המינים?

דעם פערטן נאָוועמבער 1944, לאַדט איין צו זיך טשערטשיל דעם יידישן פירער. ווייצמאַנס פּנים דריקט אויס זאָרג און פּיין. ער רעדט וועגן דער גרויסער פאַרצווייפלונג, וואָס האָט אַרומגענומען דאָס יידישע פאָלק. ער וואָרנט, אַז ס׳איז שווער, ממש אוממעגלעך צו צאַמען אַקטן וואָס זענען אַ פּראָדוקט פון פּיין און יאוש. ער האָט מורא פאַר אַ נקמה־אויסבּרוך. יידן וועלן מער נישט קענען באַהערשן זייערע געפילן, זיי וועלן נישט קענען צוזען ווי מען טרייבט זייערע אָפּגעראַטעוועטע ברידער פון די ארץ־ישראל־ברעגן אין נאָמען פון אַ „ווייס בוך״, וואָס האָט קיין טאָג נישט געטאָרט עקזיסטירן.

טשערטשיל איז גערירט. ער פאַרזיכערט, אַז די צעטיילונג פון ארץ־ישראל וועט מוזן דורכגעפירט ווערן, וואָרעם ער גלויבט נישט מער די אַראַבער.

עס אַנטוויקלט זיך אַ האַרציקער שמועס. דער פּרעמיער איז באַזאָרגט וואָס איינפלוסרייכע יידן זענען קעגן דעם ציוניסטישן ענין. ער ווייזט אָן אויף בערנאַרד באַרוכס קווענקלעניש און קעגנערשאַפט. ער פאַרזיכערט אָבער גלייך ווייצמאַנען, אַז אַט די אַלע קעגנער וועלן נישט מצליח זיין צו ענדערן זיין געדאַנק פון צעטיילן ארץ־ישראל און אויפשטעלן אַ יידישע מדינה, מיטן נגב איינגעשלאָסן אין אירע גרענעצן. ער איז זיכער, אַז ער וועט קאָנען איבערצייגן רוזוועלטן. און דאָ גיט ער פלוצלונג אַ פרעג:

— וויפל יידן מיינט איר צו ברענגען קיין ארץ־ישראל?

— צו הונדערט טויזנט יעדעס יאָר אין משך פון די קומענדיקע פופצן יאָר.

— און ווו וועט איר נעמען געלט דערויף?

— עס וועט זיך שוין געפינען.

— עס איז כדאי, אַז איר זאָלט זיך זען אין קאַיר מיט לאָרד מאָין און רעדן מיט אים וועגן אייערע פּלענער.

טשערטשיל באַמערקט אַ וואָלקנדל אויף וויצמאַנס פּנים, ביים דערמאָנען דעם נאָמען פון לאָרד מאָין, און ער גיט צו:

— דער מענטש האָט זיך געענדערט, ער האָט אַ סך געלערנט.

— אַלזאָ, וועט קומען אַ דערקלערונג, אַז דאָס „ווייס בוך" איז בטול?

— די מלחמה וועט שוין לאַנג נישט אָנהאַלטן; אַז דער שלום וועט קומען, וועלן מיר...

טשערטשיל דערמאָנט ווידער די נויטווענדיקייט פון צוזאַמענאַרבעט מיט אַמעריקע, וואָס שייך דעם אויפבוי פון דער יידישער היים. זיינע רייד זענען האַרציקע, פול מיט פאַרשטענדעניש.

אַ טאָג נאָך וויצמאַנס צוזאַמענטרעף מיט טשערטשילן איז לאָרד מאָין דערמאָרדט געוואָרן. די אכזריות פון איין זייט, און דער יידישער אומגעדולד — פון דער צווייטער, האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן.

טשערטשיל רעדט האַרבע ווערטער אין פּאַרלאַמענט. ענגלאַנד — זאָגט ער — וועט דאַרפן פון דאָס ניי באַטראַכטן איר פּאָזיטיווע שטעלונג צו אַ יידישער היים אין ארץ־ישראל.

די שונאים אין ענגלאַנד הייבן אויף דעם קאָפּ. וויצמאַנס צוריקפאָר אין רחובות איז באַגלייט פון שאָטנס. ער קען נישט משלים זיין מיט יידישן טעראָר. יידישקייט און בלוט־פאַרגיסונג — ווי קען מען פאַר־אייניקן דיביידע זאַכן? אָבער ווי זאָל דער ייד פאַרשווייגן אַזוי פיל אומרעכט און רשעות?

געוואָלט האָט וויצמאַן קומען קיין רחובות מיט אַ בשורה אין זיין מויל. ער האָט געוואַרט ביז דער לעצטער מינוט צו הערן די גוטע נייעס פון טשערטשילן און רוזוועלטן. אָבער קיין זאַך איז נישט געשען.

ווי אַזוי וועט ער איצט קומען און ווידער רעדן וועגן נאָך אַ ציגל און נאָך אַ פעלד? איצט, ווען די טויערן פון לאַנד זענען געשלאָסן פאַר די קרבנות פון גרויסן חורבן? וועט ער קענען צאַמען דעם יידישן אויפברויז? און דאָך האַלט זיך וויצמאַן ביי זיין אַלטן וועג. ער רעדט וועגן דער גרויער טאָג־טעגלעכער אַרבעט; ער לאַכט אויס די ריטע־רישע זשעסטן פון פּוסטע נצחונות; ער חוזקט פון די הויך־קלינגענ־דיקע לאָזונגען, וואָס מיינען גאָרנישט.

ניין, ער איז נישט דער מענטש, וואָס וועט רעקאָמענדירן איבער־

קערענישן און אָפּגרונט־שפּרינגערייען. איז דען נויטיק — פּרעגט
ווייצמאַן — צו פּריידיקן רעוואָלוציע? רעוואָלוציע איז נישט קיין שיטה,
נאָר אַ רעזולטאַט. זי קומט במילא, ווען די באַדינגונגען זענען רייף. מיט
סתם שרייען וועט זי זיך נישט באַוויזן. וואָסער, עס זאָל קאָכן, מוז
דערגרייכן אַ היץ פון הונדערט צעלזיוס, קיין שום שפּרוך קען עס נישט
פאַרשנעלערן.

34

יוני, יולי, אויגוסט, סעפּטעמבער — 1944. טעג און נעכט פון קאָשמאַרן. ווייצמאַנען זענען שוין מיאוס געוואָרן די שלאָף־מיטלען. זיי העלפן ממילא נישט. ער דרימלט בלויז איין, און באַלד כאַפּט ער זיך אויף און בלייבט וואַכן אַ געפּאַנגענער פון גיהנומדיקע זעאונגען.

עס האָט זיך ביי אים איינגעשטעלט א טבע אַראָפּצוגיין פון בעט, אַוועקזעצן זיך אין פאָטעל אַנטקעגן פענצטער און קוקן אין דער נאַכט אַריין, ווי אין דער פינצטערקייט וואָלט געדאַרפט אומגעריכט אַנטפּלעקט ווערן אַ תשובה אויף זיינע פראַגן. ווען עס ווערט אים קאַלט, שלעפּט ער זיך ווידער צום בעט, און אַ שעה שפּעטער — צוריק צום פענצטער, און אַזוי במשך פון דער גאַנצער נאַכט.

זינט דעם זעקסטן יוני, ווען ער האָט דערהאַלטן די שרעקלעכע ידיעה פון הער האל, וויצע אויסערן־מיניסטער, וואַרט ווייצמאַן אויף אַ צוזאַמענטרעף מיטן אויסערן־מיניסטער, הער אַנטאָני אידען.

די ידיעות פון ירושלים גייען דורך אָפיציעלע קאַנאַלן — אַ פּראָצעדור, וואָס די מלחמה האָט אַרויפגעצוווּנגען.

אין הער האַלס באריכט רעדט זיך וועגן אַ ייד יואל בראַנד, וואָס די נאַציס האָבן געשיקט אויף דורכצופירן זייערס אַ טייוולשע טראַנזאַקציע: זיי זענען גרייט צו באַפרייען אַ גרויסע צאָל יידן, קאַנדידאַטן צו די קאַלכ־אויוונס, פאַרן פּרייז פון צען טויזנט לאַסט־אויטאָס און געוויסע סכומים שפּייז לויט אַ בייגעלייגטער רשימה. אויב דער שליח, יואל בראַנד, וועט נישט צוריקקומען אין משך פון צוויי וואָכן קיין בודאַפּעשט, וועלן די שחיטות באַנייט ווערן אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב. אויב אָבער יואל בראַנד וועט ברענגען אַ הסכמה, ווען אַפילו אין פּרינציפּ, וועלן זיך אָנהייבן די באַפרייונגען פון גרופּן מענטשן.

וואָס באַהאַלט זיך הינטער אָט דעם פאָרשלאָג? איז עס נישט עפּעס אַ טרויעריק שפּיצל? אַ תחבולה קעגן דער דעמאָקראַטישער וועלט? און אפשר וועט אַזאַ טראַנזאַקציע עפענען אַ טיר צו דער רעטונג פון טויזנטער? אפשר וואָלט זיך עפּעס געלאָזט דערגרייכן?

מיט ניין טעג שפּעטער האָט מען ווייצמאַנען צוויסן געגעבן פון ירושלים, אַז משה שערטאָק, דער הויפּט פון פּאָליטישן דעפּאַרטאַמענט

פון דער אַגענץ, האָט זיך געטראָפן מיט יואל בראַנד אין אַלעפּאָ. דער שליח האָט אויף אים געמאַכט אַן איינדרוק פון „אַ בראַוון, פאַרשטענ־דלעכן מענטשן". בראַנד האָט איבערגעגעבן אַ גרוס פון גיהנום, דער־ציילט, וואָס עס קומט פאָר אויף די געביטן, פאַרנומענע דורך די נאַציס. יואל בראַנד בעט זיך, אַז מען זאָל אָנהייבן געפינען עפּעס אַ וועג, און דערוויל ראַטעווען יידן.

די ענגלענדער אַרעסטירן דעם יידישן שליח. די „אינטעלידזשענס סערוויס" האָט איר פאַרדאַכט; עס איז מלחמה־צייט — טענהט זי — מען מוז זיין פאָרזיכטיק ביז גאָר. עס העלפן נישט יואל בראַנדס רייד, אַז אויב ער וועט נישט צוריקקומען צו די צוויי וואָכן, וועט דער הויפּט־ממונה אויף דער יידישער אויסראָטונג, אַדאָלף אייכמאַן, פאַרשנעלערן זיין בלוטיקע מלאכה. יואל בראַנד בעט זיך מען זאָל אים לאָזן צוריק־פאָרן קיין בודאַפּעשט, וואָרעם דער יידישער ישוב אין אונגאַרן איז ווי אַ משכון אין אייכמאַנס הענט.

בראַנד איז אַרעסטירט, די ענגלענדער האַלטן אָפּ זיין צוריקפאָר, קיין פּרווו פון אונטערהאַנדלונג מיט די נאַציס וועגן זייער פאַרשלאַג ווערט נישט געמאַכט.

ווי שרעקלעך עס שלעפּן זיך די טעג! מיט יעדן זון־אויפגאַנג צאַפּלט אין ווייצמאַנען אויף דאָס האַרץ: וואָס וועט דער נייער טאָג מיט זיך ברענגען? דער אויסערן־מיניסטער הער אידען ענטפערט נישט אויף זיין בקשה וועגן אַ צוזאַמענטרעף, און יעדן טאָג, יעדע שעה ציען זיך די רייען צו די קאַלכאויוונס.

אין די שלאָפלאָזע נעכט, ביים פינצטערן פענצטער, הערט ווייצמאַן דאָס טייוואָלישע געלעכטער פון אייכמאַנען און זיינע מיטהעלפער:

— איר ווילט די יידן? אדרבא, איר קענט זיי האָבן, נאָר באַצאָלט פאַר זיי. זייערע אַמעריקאַנער ברידער זענען רייך, זיי וועלן געבן געלט.

דעם 27סטן יוני איז שערטאָק געזעסן אין „דאָרטשעסטער־האָטעל" און דערציילט ווייצמאַנען וועגן „גרוס" וואָס יואל בראַנד האָט געבראַכט.

מיט זעקס טעג פריער איז שערטאָק געזעסן אין קאַיר. ער האָט זיך ווידער אַ מאָל געוואָלט טרעפן מיט יואל בראַנדן, וואָס איז דאָרט געווען פאַרשפאַרט דורך די ענגלענדער. לאָרד מאָין האָט אָבער נישט געוואָלט געבן דערויף קיין דערלויבעניש.

דעם 30סטן יוני האָבן זיך ווייצמאַן און שערטאָק געטראָפן מיטן וויצע אויסערן־מיניסטער, הער האָל. זיי האָבן פאָרגעלייגט צו מאַכן אַ פּרווו פון אונטערהאַנדלונגען; זאָל די רעגירונג אויסקלייבן דעם וועג,

וואָס זי פאַרשטייט, אַבי צו דערמעגלעכן ראַטעווען מענטשן פון אַ זיכערן אומקום. עס איז אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט, אַז די דעמאָקראַ־טישע לענדער זאָלן אָפן דערקלערן זייער גרייטקייט אויפצונעמען די יידן וואָס דייטשלאַנד וואָלט מסכים געווען צו באַפרייען. מען מוז פאַר־עפנטלעכן אַן אויפרוף איז ראַדיאָ צו דער אונגאַרישער באַפעלקע־רונג מיט אַ וואָרענונג קעגן אָנטיילנעמען אין דער נאַצישער אויסראָ־טונגס־אַקציע, אַז די שולדיקע וועלן נאָכן קריג באַשטראָפן ווערן אָן רחמנות. עס איז נויטווענדיק אַ ווענדונג צו סטאַלינען, אַז אויך ער זאָל מאַכן אַן ענלעכע דערקלערונג דורכן ראַדיאָ. מען מוז באָמבאַרדירן די באַן־ליניע פון בוקאַרעשט צו בירקענאַו און אויך די טויט־לאַגערן אין בירקענאַו גופא.

הער האַל האָט צוגעזאָגט איבערצוגעבן דעם אינהאַלט פון געשפּרעך דער העכערער אינסטאַנץ. עס גייט אַדורך אַ טאָג, און נאָך אַ טאָג, און קיין זאַך ווערט נישט געטאָן.

סוף כל סוף קומט פאָר דער געגאַרטער צוזאַמענטרעף מיט אַנטאָני אידען. דאָס איז דער זעקסטער יולי 1944. אויפן צוזאַמענטרעף איז אויך אַנוועזנדיק משה שערטאָק.

ווייצמאַן דערציילט די געשיכטע מיט יואל בראַנד. די רוצחישע האַנט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן איבער די אונגאַרישע יידן. בראַנדן איז נישט דערלויבט געוואָרן צוריקצופאָרן קיין בודאַפּעשט. אַ ארץ־ישראל ייד, באַדער, וואָס זיצט אין איסטאַנבול, האָט זיך פאַרגעשלאָגן צו פאָרן אויף בראַנדס אָרט. אפשר — פרעגט ווייצמאַן — וואָלט מען פאָרט געקענט אָנהייבן עפּעס טאָן לטובת דער רעטונג פון טויזנטער, הונדערטער.

דער מיניסטער דריקט אויס זיין מיטגעפיל. עס קען דאָך אָבער זיין — זאָגט ער — אַז דער גאַנצער פאָרשלאָג איז נישט מער ווי אַ פּראָוואָקאַציע. דער קאַבינעט האַלט אַז ער, אידען, איז געגאַנגען צו ווייט אין זיין ביזאַיצטיקער האַנדלונג.

— מיר האָבן זיך געווענדעט צו רוסלאַנד — גיט צו מיסטער אידען — מיר מוזן גיין האַנט ביי האַנט, מיר וואַרטן אויף א תשובה פון מאָסקווע.

— גאַנץ מעגלעך — רופט זיך אָן שערטאָק — אַז מען וויל אונדז אונטערפירן. אָבער דער פאַקט, וואָס די דייטשן זענען גרייט אונטערצו־האַנדלען מיטן הער באַדער, זאָגט עדות, אַז דער ענין קען זיך אויסלאָזן צו געלט. קיין שום ריזיקע איז נישט צו טייער, אויב עס האַנדלט זיך אין רעטונג פון מענטשן.

— די בראַווקייט פון הער באַדער דאַרף באַגריסט ווערן. אָבער ווי קען מען דערלויבן אַ בריטישן בירגער אַריינצודרינגען אין שטח פון שונא?

— באַדער איז אַ ארץ־ישראלדיקער בירגער — זאָגט ווייצמאַן.

— אָבער דאָך אַ בירגער פון די אַליאירטע — ענטפערט אידען און נאָך אַ ווייל גיט ער צו — מיר קענען נישט מסכים זיין צו קיין זאַך, וואָס וועט אויסגעטייטשט ווערן אַלס אַן אונטערהאַנדלונג מיטן שונא. דאָס איז צו געפערלעך. און איצט בנוגע בראַנדן: דער קאַבינעט וועט זיך נישט קעגנשטעלן זיין צוריקקער קיין בודאַפעשט. עס מוז אָבער אויך זיין די צושטימונג פון רוסלאַנד.

ווייצמאַן הערט זיך צו צו שערטאָקס אַרגומענטן. ער לאָזט נישט אָפּ, ער ווייזט אָן וועגן, ער אינספירירט איינפאַלן.

פלוצעם מישט זיך אַריין ווייצמאַן, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעריסן פון זיינע מחשבות:

— און וואָס איז מכוח דעם באָמבאַרדירן די טויט־לאַגערן?

אידען זאָגט צו אָוועקצושטעלן די פראַגע, און ווידער דערמאָנט ער וועגן דער וויכטיקייט פון רוסלאַנדס צושטימונג. ער האָט זיך שוין גע־ווענדעט וועגן באָמבאַרדירן די באַן־ליניע צו בירקענאַו, און איצט וועט ער עס טאָן בנוגע די טויט־לאַגערן.

ווייצמאַן, ווי ער וואָלט אויפגעגעבן אַ במילא שוין פאַרשפּילטע שלאַכט, רעדט, ווי איבערגעטראָגן אין אַן אַנדערער וועלט:

— הער מיניסטער, לאָמיר לערנען פון דער דערפאַרונג. לאָמיר שאַפן באַדינגונגען, וואָס זאָלן נישט דערמעגלעכן דאָס איבערחזרן זיך פון דער טראַגעדיע. איך האָף אַז מיר וועלן אין קורצן קענען רעדן וועגן דעם.

די ארץ־ישראל־וויזיע האָט אַ שוועב געטאָן אין צימער. דער מיניס־טער ענטפערט: — דאָס איז אויך מיין האָפענונג.

איצט קומען טעג פון אומעט און פּיין. ווייצמאַן שפּאַצירט איבערן צימער און רעדט צו זיין פרוי:

— זיי וועלן נישט באָמבאַרדירן, זיי וועלן נישט אַ ריר טאָן מיט קיין פינגער. ווער וועט עס וועלן, אין היינטיקע צייטן, אַז מען זאָל אים האַלטן פאַר אַ יידן־פריינד? ווער וועט עס וועלן אויסשיסן אַ קויל, כדי צו ראַטעווען אַ ייד?

שערטאָק גיט נישט אויף דעם קאַמף, ער קלאַפּט אין אַלע טירן. אַט זיצט ער אין אויסערן־מיניסטעריום און אונטערהאַנדלט מיטן הער ראַנדאַל. פאַר וואָס — פרעגט שערטאָק — זאָל ענגלאַנד נישט דער־קלערן געוויסע יידן אין די דייטשע לאַגערן אַלס בריטישע אַנגעהעריקע, און אַזוי אַרום זיי ראַטעווען פון טויט? ער ברענגט אַ ביישפּיל פון שפּאַניע, וואָס דערקלערט אַלס אירע אַנגעהעריקע די ספרדישע יידן אויף דער וועלט.

— ניין — זאָגט ראַנדאַל — די ספרדישע יידן זענען טאַקע שפּאַניער.

— אָבער ס׳זענען פאַראַן ספרדישע יידן — בולגאַרישע, יוגאָסלאַווי־שע בירגער, און דאָך נעמט זיי שפּאַניע אין שוץ.

הער ראַנדאַל וויל נישט הערן. ער האָט פיינט פּיקציעס. דאָס איינציקע, וואָס מ׳וואָלט געקענט טאָן, איז אויסטוישן דייטשע געפאַנגענע וואָס געפי־נען זיך אין די בריטישע הענט אויף יידן פון די לאַגערן. אָבער עס זענען נישטאָ אַזוי פיל דייטשע געפאַנגענע.

שערטאָקס לעבהאַפטיקע אַרגומענטן האָבן נישט געהאָלפן.

וויצמאַן הערט דערפון. ער חזרט איבער: זיי וועלן נישט רירן מיט קיין פינגער.

דעם ערשטן סעפּטעמבער קומט אָן אַ בריוו פון אויסערן־מיניסטעריום, אין וועלכן דער הער האָל שרייבט אַז עס טוט אים זייער לייד. אין גענעראַל־שטאַב פון לופט־פלאָט האָט מען באַהאַנדלט די פראַגע פון באָמבאַרדירן די באַן־ליניע קיין בירקענאַו און מען איז געקומען צום באַשלוס, אַז דאָס איז טעכניש נישט מעגלעך, אַז ביי די איצטיקע אומשטענדן איז בעסער זיך אָפּצוהאַלטן פון דורכפירן אַזאַ אַקציע.

וויצמאַן שאַרט אָוועק דעם בריוו אין אַ זייט — אָן כעס, אָן צאָרן. ער האָט נישט דערוואַרט עפּעס בעסערס.

און דערווייל איז ער ממשיך מיט זיינע ענינים. ער קוקט איבער דעם בריוו, וואָס ער גרייט זיך צו שיקן אין אויסערן־מיניסטעריום:

„...די יידן פאַרלאַנגען אַ יידישע מדינה, פון טייך ירדן ביזן ים, איינ־געשלאָסן דעם טייך מיט זיינע עלעקטרישע סטאַנציעס, איינגעשלאָסן די פּאָטאַש־קאָנצעסיעס, איינגעשלאָסן די וויכטיקע וואַסער־קוואַלן אין צפון און דעם רוב אין דרום. יעדער פּלאַן פון צעטיילונג קען שעדיקן דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פונעם לאַנד און שטערן די מעגלעכקייטן פאַר אַ ברייטצוגיקער אַנטוויקלונג“.

...„דער דאָ בייגעלייגטער פּאָליטישער פּלאַן פאַרלאַנגט פריער פון אַלץ צו דערמעגלעכן אַ שנעלן וווקס פון דער יידישער באַפעלקערונג".

...„עס איז געקומען די שעה אויסצובעסערן אַן עוולה, וואָס האָט צו לאַנג געדויערט און לייזן אַ ברענענדיקן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָבלעם"...

וויצמאַן בעסערט אויס אַ וואָרט דאָ און אַ וואָרט דאָרטן. דערנאָך נעמט ער שפּאַצירן איבערן צימער. ער איז אויפגעלייגט. מיט אַ מאָל שטעלט ער זיך אָפּ און זאָגט:

— ווראַטשקאַ, מיר וועלן מער נישט אויפהאַלטן אונדזער אַרויספאָר קיין ארץ־ישראל.

ערב זיין אָפּפאָר גייט וויצמאַן בעטן אַ געזעגענונגס־אוידיענץ ביים פּרעמיער. ביי דער געלעגנהייט לאָזט ער איבער אַ מעמאָראַנדום ביי מאַרטין, דעם פּרעמיערס סעקרעטאַר. עס שרייבט זיך דאָרטן וועגן דעם, אַז אין אונגאַרן זענען אָנהייב 1944 געווען מער ווי 700.000 יידן. די יידישע אַגענץ האָט געהאַט צוגעשטעלט אַ פּלאַן וועגן אַראָפּלאָזן דאָרט ארץ־ישראלדיקע פּאַראַשוטיסטן, פרייוויליקע יונגעלייט — אַן אַקציע, וואָס וואָלט געקענט אַ סךביישטייערן צום אַלגעמיינעם מלחמה־אָנשטרענג פון די אַליאירטע און גלייכצייטיק וואָלט עס געהויבן די מאָראַל פון די פאַרשפּאַרטע יידן אין די לאַגערן. די מיליטערישע אינסטאַנצן האָבן באַוויליקט דעם פּלאַן און עס זענען געמאַכט געוואָרן די געהעריקע צוגרייטונגען. אין לעצטן מאָמענט האָט זיך אַריינגעמישט דער דעפּאַרטאַמענט פאַר אויסלענדישע ענינים אין קאָלאָניאַל־מיניסטעריום און פון פּלאַן איז גאָרנישט געוואָרן.

35

און אָט איז רחובות — דאָס הויז, דער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט, די בלויע הימלען, די שמעקעדיקע ווינטלעך, דער ים, די בערג אין האָרי־זאָנט, די גאָלדענע זאַמדן, וואָס ציען צו און שטויסן אָפּ — ווי שטאַרק ער האָט נאָך דעם אַלעמען געבענקט!

ווייצמאַן שמועסט מיט די גערטנער, וואָס טוען שטיל זייער אַרבעט אַרום דעם הויז. ער פרעגט צי דער אָדער יענער פלאַנץ וועט זיך איינ־וואָרצלען אין באָדן. ער באַמערקט די יונגע, גרינע סאָסנעס וואָס זענען צוגעקומען אין גאָרטן און ער פריית זיך מיט זיי. ער האָט ליב זייער אייביקע יוגנט, זייער צפון־פרישקייט.

ער איילט צום אינסטיטוט — דער ערשטער וויזיט נאָך פינף יאָר צייט. סוף־סוף — טראַכט ער — ווערט פאַרווירקלעכט זיין טרוים. פון איצט אָן וועט ער זיך קענען אָפּגעבן דער פאָרשונג.

אין ווייצמאַנס דמיון טויכט אויף די געשטאַלט פון פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין, וואָס פלעגט אים אָפט דערמאָנען אין זיינע פליכטן צו דער וויסנשאַפט. צו זיין יעדער פגישה מיטן גאון פלעגט ער זיך מכין זיין, ווי אַ פרומער חסיד, וואָס דאַרף זיך שטעלן פאַר זיין רבין. ער פלעגט שרייבן אַהיים בפרטיות וועגן זיינע איבערלעבונגען אין איינשטיינס הויז.

איינשטיין פלעגט באַקומען וואָרענונגען פון זיינע פריינד, פאַר וואָס ער חברט זיך מיט ווייצמאַנען דעם ציוניסט. אין 1921 האָבן אים אַנטי־ציוניסטן און סתם אַסימילאַטאָרן פון אַמעריקע פאַרוואָרפן מיט בריוו: ווי קומט אַ געלערנטער ווי ער צו פאַרשוועכן דעם כבוד פון דער וויסנשאַפט און זיך לאָזן איינשפּאַנען אין ווייצמאַנס וואָגן, אים באַגלייטן אויף זיין אַמעריקאַנער טור און שנאָרען געלט פאַר פּאַלעסטינע?

גרויס איז געווען איינשטיינס ענטוזיאַזם פאַר דער העברעישער אוני־ווערסיטעט אין ירושלים, אָבער זיין פרוי האָט נישט געהאַלטן, אַז איר מאַן דאַרף זיך באַזעצן אין פּאַלעסטינע. אַמעריקע האָט איר אויסגעזען צו זיין דאָס פּאַסיקע אָרט דערפאַר.

ווייצמאַן האָט איינגעטענהט מיט זיין גרויסן פריינד: פאַר וואָס נישט טראַכטן וועגן ירושלים? דאַרפסטו דען מער ווי אַ בלייפעדער? און דאָס

וועסטו אין אָרעמען פּאַלעסטינע באַקומען, און אַ הויז וועלן מיר דיר אויך אויפבויען.

איינשטיינס ליכטיקע אויגן האָבן געשמייכלט.

— דיין אָרט, ווייצמאַן — פּלעגט ער אָפּט זאָגן — איז אין דער לאַבאָ־ראַטאָריע, דיינע טעג דאַרפן געהערן צו פאָרשונג און לערנען.

— מסכים, מסכים; ווי אַנטלויפט מען אָבער פון טאָג־טעגלעכן קאַמף?

אַ וואַרעמקייט נעמט ווייצמאַנען אַרום: ער טראַכט וועגן דער פּאָעמע, וואָס איינשטיין האָט אים געהאַט צוגעשיקט לכבוד אַ געבוירן־טאָג: דער כוח פון גראַוויטאַציע — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגעזונגען — האָט אויף דיר קיין שליטה נישט, און דו שטייגסט, חיים, אין די הימלען אַריין.

און מען זאָגט — רעדט ווייצמאַן ווי צו זיך — אַז ס'איז אים אומעטיק און איינזאַם אין גרויסן אַמעריקע.

ווייצמאַן ברענגט מיט זיך נייע פּלענער פון אַרבעט. ער טראַכט וועגן אויסנוצן יעדע פּסולת, וואָס איז נאָך נישט אין גאַנצן אויסגעליידיקט פון איר פּראָטעאינען־פאַרמעג. אָרעם און קליין איז דאָס לאַנד, מוז דעריבער יעדער קוואַדראַט־קילאָמעטער גענוצט ווערן מיט וויסן און חכמה.

ווילשטעטער האָט די לעצטע פּאָר יאָר געלעבט אין אַ קליין שטעטל, אין דער שווייץ. ער האָט געוואָלט זיין נאָענט צו זיין לאַנד, כדי ער זאָל קענען איילן אַהין, ווי נאָר מען וועט אים רופן — גרייט שטענדיק מוחל צו זיין און צו העלפן. אין די לעצטע יאָרן האָט ער געשריבן זיינע זכרונות און געוואַרט, אַז דאָס פאָטערלאַנד זאָל אויסגעהיילט ווערן פון איר משוגעת און ער וועט זיך קענען אומקערן קיין דייטשלאַנד.

און אַז ווייצמאַן דערמאָנט זיך אין די זכרונות וואָס ווילשטעטער האָט געשריבן, טראַכט ער וועגן דעם מעמואַרן־שרייבן, מיט וועלכן ער אַליין האָט זיך לעצטנס מתעסק געווען. צי איז עס נייטיק? צי האָבן אונדזערע חכמים ז״ל געשריבן זכרונות? און ווייצמאַן דערמאָנט זיך אַ ווערטל פון זיין זיידן: דער קלוגסטער בריוו איז דער, וועלכן מען שרייבט נישט.

נאָך דעם ווי מען האָט אים אַ מאָל באַפרייט פון דער פּירערשאַפט, איז ביי אים געבוירן געוואָרן דער רעיון וועגן שרייבן זכרונות און מאַכן אַ חשבון מיט זיינע קעגנער. הייסט עס, אַז דער ערשטער שטויס צו דער מלאכה איז נישט געווען אויס ליבשאַפט, נאָר אויס כעס און צאָרן.

גייענדיק צום אינסטיטוט שטעלט זיך ווייצמאַן פּלוצעם אָפּ און נעמט אָן אַ פעסטן באַשלוס: ער וועט איבערקוקן זיין כתב־יד, ער וועט אַרויס־

וואַרפן פון דאָרט יעדן ברוגז־אויסברוך און אויסמעקן יעדע באַליידיקונג אָדער גרינגשעצונג־אויסדרוק כּלפּי דעם אָדער יענעם.*

אין אינסטיטוט רעדט ווייצמאַן מיט די געלערנטע וועגן ריינער וויסנ־שאַפט און אַפּליצירטער. ער רעדט מיט זיי וועגן די גרויסע מעגלעכקייטן, וואָס ליגן פאַרבאָרגן אין לערנען און וויסן. זיינע פינגער ציטערן, ציען זיך צו די כּלים אין דער לאַבאָראַטאָריע. ער וואָלט שוין וועלן שטיין ביי דער אַרבעט.

מען שעפּטשעט אים עפּעס אין אויער.

ציוניזם!

ווייצמאַן איילט צוריק אין זיין הויז, אויפן בערגל. דאָרט וואַרטן אויף אים מענטשן, דער ציוניסטישער געוּרודער הייבט זיך אָן.

ווייצמאַנס פרייד אין לאַנד ווערט אָפּט פאַרשטערט. עקסטרעמע גרופּן פירן אַ קאַמף, וואָס איז אים נישט צום האַרצן. נישט נאָר האָט ער מורא פאַר אַן אָפענער מלחמה קעגן ענגלאַנד, נאָך פריער פאַר אַלץ וויל ער נישט קיין נישט־יידישע מיטלען ביים דערגרייכן דעם הייליקן ציל פון דער יידישער פרייהייט. ער האָט מורא, אַז עס זאָלן נישט ליידן די גרויסע יידישע ווערטן, פאַר וועלכע דאָס פאָלק האָט אַזוי טייער באַצאָלט אין משך פון צוויי טויזנט יאָר. ווייצמאַן איז קעגן דעם יידישן טעראָר.

ווייצמאַנס ערשטער עפנטלעכער אַרויסטריט קומט פאָר אויף אַ יוגנט־קאָנפערענץ אין ירושלים. ער רעדט וועגן דער טעראָריסטישער טעטיקייט, וועגן גרויסן שאָדן וואָס זי ברענגט דעם פאָלק, וואָרעם מען נוצט אויס יידישע פאַרצווייפלונגס־אַקטן אויף אַראָפּצוּוואַרפן פון איר הויכקייט די יידישע גאולה־באַוועגונג און מען פאַרוואַנדלט זי אין עפּעס אַ וואַנדאַלישער אַוואַנטורע. אין דער יוגנט — רופט אויס ווייצמאַן — ליגט די צוקונפט און דער גורל פון פאָלק; זי מוז דעריבער טאָן איר אַרבעט מיט ריינע הענט.

דער אָוונט איז שוין אַראָפּ אויף די ירושלים־בערג, ווען ווייצמאַן איז צוריקגעפאָרן קיין רחובות. שטענדיק דוכט זיך אים, אַז אַרום ירושלים פינקלען די שטערן אַנדערש ווי אומעטום. דאָ הייבט ער אָן צו דערפילן

---

* אַן אויסגעבעסערטע קאָפּיע, מיט ווייצמאַנס האַנטשריפט, האָט מען געפונען נאָכן דערשיינען פון זיין בוך „מסה ומעש".

דעם הויך פון נבואה און געטלעכקייט, אַזש דער אָטעם ווערט אים פֿאַרכאַפּט. ווי טייער איז אים אָט די ערד! ער וועט זי קיין מאָל נישט שטעלן אין קאָן, מיט זיין אייגן לייב און לעבן וועט ער זי אויסהיטן פון יעדער צרה.

ער דערמאָנט זיך, אַז ווען ס׳איז דערגאַנגען צו אים די ידיעה איבערן מאָרד פון לאָרד מאָין, האָט ער אויסגערופן, אַז ער איז פון איר מער דער־שיטערט געוואָרן ווי פון אַנזאַג וועגן טויט פון זיין זון מיכאל, דער פליער אין ענגלישן מלחמה־פלאָט. יאָ, אַזוי האָט ער זיך אויסגעדריקט. זיין גאַנצע נשמה האָט געפיבערט פאַרן גורל פון לאַנד. ער האָט איינגעהילט די יידישע ערד אין זיין גרויסער ליבע, עס זאָלן טויזנטער מיכאלס זוכה זיין צו לעבן הינטער די ארץ־ישראל־הימלען.

אין ישוב איז אַ יום־טוב. ארץ־ישראל פייערט דעם זיבעציק־יאָריקן געבוירן־טאָג פון זיין פירער, וואָס איז געקומען אויף דער וועלט, ערגעץ אין אַ העק, צווישן זומפּן און בלאָטעס, און איז אויפגעגאַנגען ווי אַ זון, וואָס פילט אָן מיט ליכט און האָפענונג מיליאָנען הערצער.

די געלערנטע פון וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט גיבן איבער וויצמאַנען אַ מתנה — מאַרמאָר־לוחות מיט אויסגעקריצטע סימבאָלן פון די שבטים.

וויצמאַן דערציילט פאַר די וויסנשאַפטסלייט וועגן זיינע אַמאָליקע טעג אין מאַנטשעסטער, ווען ער האָט געוואָלט שאַפן אַ סינטעז צווישן זיין באַגער נאָך וויסן און זיין ליבע צו ארץ־ישראל. שווער איז דאָס אים אָנגעקומען. שווער איז פאַר אַ וויסנשאַפטסמאַן צו זיין עפּעס מער ווי אַ מענטש פון לערנען און פאָרשן. און ער האָט געוואָלט זיין מער פון דעם, איז ער שטענדיק געוואָרן געשליידערט צווישן צוויי וועלטן. אפשר וועט איצט פאַרווירקלעכט ווערן זיין טרוים וועגן דער געבענטשטער סינטעזע?

וויסגאַל גיט איבער וויצמאַנען אַ געשאַנק — אַ בוך עסייען וועגן אים, געשריבן דורך יידישע און נישט־יידישע גדולים.

וויסגאַל איז אויפגערודערט, אַז ער זאָגט קוים אַרויס גאַנצע זאַצן. ער רעדט וועגן גרויסן וויסנשאַפטלעכן צענטער, וואָס וועט אויפגעשטעלט ווערן אין רחובות. ער דערציילט וועגן דער גרויסער סומע געלט וואָס אַמע־ריקאַנער יידן האָבן צוזאַמענגענומען — אַ מתנה צום וויצמאַן־יובילייט — וואָס וועט דינען אויף פֿאַרווירקלעכן דעם גראַנדיעזן פּלאַן.

און אַזוי פון שטאָט צו שטאָט, פון דאָרף צו דאָרף, טראָגט זיך דער

יום־טוב פון ווייצמאַנס געבוירן־טאָג. תל־אביב וויגט זיך אויף כוואַליעס פון ענטוזיאַזם. ווייצמאַן פאַרט פאַרביי איבער גאַסן וואָס זייערע נעמען זענען געקניפּט מיט יאָרן פון זיין לעבן, מיט זיין פרייד און האָפענונג, געדולד און אויסדויער; אָט איז די גאַס פון מלך דזשאָרדזש; פון אַרנאָלד אַלענבי, רחוב ביאַליק און די באַלפור־גאַס...

אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג שטעלט מען פאָר פאַר ווייצמאַנען וויכטיקע געסט און פריינד.

— ווער איז עס? דאָס איז דאָך יהושע חנקין, זיין ארץ־ישראלדיקער וועגווייזער פון 1907.

מען פאַלט זיך אין די אָרעמס מיט הייסע קושן.

— חנקין, דו געדענקסט?... —

און עס גייען אויף זכרונות פון אידעאַליסטישער דערהויבנקייט.

ווייצמאַן רעדט צום עולם:

...„איך ווייס נישט ווען עס וועט קומען די יידישע מדינה, אָבער איך ווייס, אַז קומען וועט זי, אויב מיר וועלן אַרבעטן מיט איבער־געגעבנקייט און אויב עס וועלן זיין פאַראייניקט די שעפערישע כוחות אין ישוב“...

אויף ווייצמאַנס שרייבטיש מערן זיך די שטויסן בריוו און טעלעגראַמעס מיט ברכות און וווּנטשן פון נאָענט און פון וויט.

ווייצמאַן קוקט אַריין אין אַ צייטונג. אַ גאַנצע זייט פאַרנעמט דאָרט אַ ברכה פון זיינע ליבע און טייערע, די חלוצים פון צענדליקער קיבוצים. וויפל מי און שוויס, וויפל שלאָפלאָזע נעכט און ביטערע טעג אָט די קיבוצים האָבן פאַר אים געמיינט! יעדער דונאָם פון זייער באָדן האָט געקאָסט אַזוי פיל רייד אין די גבירישע הייזער!

אין דער צייטונג זענען פאַרעפנטלעכט זכרונות וועגן אים. וואָס שרייבט דאָ די שוועסטער חיה? זי איז געפאָרן אויף אַ וויזיט קיין פוילן. אויך אין מאָטעלע איז זי געווען און זי האָט דאָרט געטראָפן די אַלטע דינער, וואָס האָבן אַ מאָל געאַרבעט אין שטוב. האָבן זיי איר געפרעגט וועגן זייער חיימקען, צי טראָגט ער אַ היטל, אָדער אַ קרוין, וואָרעם ער איז דאָך דער יידישער קרול.

און אָט דערציילט ווער וועגן דער מאַמען זיינער. זי פלעגט זאָגן, אַז דער זון אירער האָט ליב געהאַט זייד און שטענדיק געבעטן נייע זיידענע העמדער. ער האָט ליב געהאַט טייערע זאַכן און פרישע בלומען.

טראַכט וויצמאַן וועגן די שטאָפּן און טיכלעך, וואָס ער האָט ליב אָפּצוקלייבן אין דער רייכער קראָם אויף אָקספאָרד־סטריט. ער האָט אָפּט געשריבן בריוו פון ניו־יאָרק צום ווייב אין לאָנדאָן און געבעטן זי איינצוקויפן זיינע קאַזימירן און קליינינקייטן. ער האָט ליב דאָס גוטע און עכטע, „דעם סטראָי", כאָטש נישט איין מאָל האָט ער געלאַכט פון הערצלס פּוצן זיך און עלעגאַנץ.

פּאָר וויצמאַנס אויגן גייט אויף דער יום־טוב אין ירושלים. אין רעגן און אין קעלט האָט מען אויף אים געוואַרט אין די גאַסן. אין אָוונט האָבן זיך פאַרזאַמלט משמנה ומסלתה פון שטאָט אויפן הר־הצופים, אין בנין פון מדעי היהדות. ער האָט דאָרט פונאַנדערגעוויקלט זיין אני־מאמין און געזעגנט, טראָץ אַלץ און אַלעמען, וועגן דער נויטווענדיקייט צו דער־גרייכן אַ יידיש־ענגלישע צוזאַמענאַרבעט. ער האָט אויך געזאָגט: „די שעה פון אונדזער גרויסער תביעה כלפי חוץ דאַרף אויך זיין די שעה פון אונדזערע וויתורים כלפי פנים". אָבער מען טאָר נישט מוותר זיין אויף דאָס גרויסע און הייליקע. ער האָט אויסגערופן: „מיר ווילן אַ פרייע, יידישע מדינה, פריי אויפצונעמען יעדן ייד, וואָס זוכט אין איר אַ היים — אַ מדינה מיט גלייכע רעכט פאַר אַלע אירע איינוווינער. ...אַזאַ מין ארץ־ישראל וועט נישט אַראָפּנידערן פון הימל, אויף אַ באַפעל פון אַ בת־קול, אָן אויסגעבויטע פון פודאַמענט ביזן דאַך". ער האָט געוואָרנט קעגן נישט־באַרעכנטע שריט, זיין באַגער איז אַ יידיש לאַנד, וואָס זאָל זיין „אַ שלימותדיק ווערק".

און אָט קלינגט אויף דער אויסרוף זיינער אויפן הר הצופים: „לאָמיר היטן די ריינקייט פון אונדזער ווערק. דער ציל קען נישט כשרן פּסולע מיטלען. אַ שלעכטער גייסט וועט אויסלעשן דעם אש הקודש. ירושלים של מטה דאַרף זיין ריין און לויטער ווי ירושלים של מעלה".

דער סעקרעטאַר קלאַפּט לייכט אין טיר.

— הער פּרעזידענט, אין אַ פּאָר מינוט אַרום דאַרף אָנקומען די דעלעגאַציע פון נהלל.

— איז לאָמיר איר גיין אַנטקעגן.

וויצמאַן שפּאַצירט מיט זיינע נהלל־מענטשן צום אינסטיטוט. יעקב

אורי פון נהלל לאַדט איין ווייצמאַנען צום גרויסן יום־טוב לכבוד אים, וואָס דאַרף פאָרקומען אין דאָרף.

— און ווען איר לאַדט נישט, און עס וואָלט נישט געווען קיין יום־טוב — וואָלט איך נישט געקומען?... איז וואָס הערט מען, אורי? ווי שמעקן אייערע בלאָטעס? ריח ניחוח מסתמא. גרייט נאָר צו אַ פּאָר הויכע שטיוול פאַרן גאַסט אייערן.

ווייצמאַן גיט דערקלערונגען די נהלל־מענטשן וועגן נייעם פאַרשונגס־אינסטיטוט וואָס מען גייט בויען.

— דאָ וועט שטיין דער נייער בנין. אַרום וועלן זיין גערטנער — אַ סך גרינס, אַ סך בלומען.

ווייצמאַן איילט צו זיין טריט און זיינע זשעסטן זענען קרעפטיקע. ער שטעלט זיך יעדע ווייל אָפּ און ווייזט מיט דער האַנט אויף פאַרשידענע פּרטים פון בוי־פּלאַן.

ער רעזומירט: דאָ וועט אויפגעשטעלט ווערן אַ גרויסער וויסנשאַפט־לעכער צענטער. עס וועט דאָ געטאָן ווערן אַן אַרבעט אַן ערנסטע, אַ טיפע, אָן רעש און געפּילדער, ווי עס פּאַסט דער יידישער אויפפאַסונג פון „בקול דממה דקה"...

מיט אַ מאָל גייט ווייצמאַן אָפּ אין אַ זייט, בייגט זיך איין און הייבט אויף אַן אָוועקגעוואָרפענעם עק פון אַ ציגאַרעט: איך פאַרזיכער, אַז דאָ וועט זיין ריין, ציכטיק, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מקום־תורה.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ווייצמאַן געפאָרן קיין נהלל, באַגלייט פון מאיר וויסגאַלן און נאָך אַ פּאָר פריינד.

עס זענען די ערשטע ווינטער־טעג. די רעגנס האָבן אויפגעלעבט די פעלדער. אַלץ איז גרין, פריש, יונג.

וויסגאַל דערציילט וויצן, — יידישלעך, פּיקחותדיק. אָפּט גיט ער אַ טראַכט, צי ער מעג ריזיקירן מיט אַ „שאַרפערן" אויסדרוק. פון צייט צו צייט ווייזט מען אָן ווייצמאַנען אויף אַ נייעם פּונקט.

— אַ מושב, אַ קבוץ? — פרעגט ער, און ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט, גיט ער זיך אַ קער צו די באַגלייטער: פאַרגעסט נישט צו דערמאָנען ווען מען וועט אַדורכפאָרן אַ פּונקט פון „עלית הנוער".

און אַזוי איז מען דערפאָרן ביז נהלל.

דאָ, אין נהלל, איז ער אַן אַנדערער ווייצמאַן — נישט פּראָפעסאָר און נישט דאָקטאָר, נאָר פאַר אַ סך פון די חברים, פּשוט חיים.

ווי דער שטייגער, האָבן זיך פאַרזאַמלט מענטשן פון דער גאַנצער געגנט. ווייצמאַן שמועסט מיט דעם און מיט יענעם.

אַט איז האַרצפעלד. זיין האַנט איז פאַרבאַנדאַזשירט. ער האָט געמוזט באַקומען אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פון דאָקטער אין שפּיטאָל צו קומען אויפן יום־טוב.

ביידע פריינד צעקושן זיך. פּלוצעם ווערט ווייצמאַן ערנסט און ער פרעגט:

— האַרצפעלד, ווי אַזוי רעדסטו מיט איין האַנט?

ביי דער זייט פון וועג גייט נאָך ווייצמאַנען אַן עלטערער ייד, פון די פרומע חברים. רופט זיך אָן צו אים ווייצמאַן:

— גייט נישט פון דער ווייטנס, וואָרעם גרויס איז דער כוח פון תהלים־זאָגער.

דריי מאָל האָט ווייצמאַן גערעדט אין משך פון יענעם טאָג. די אַטמאָספער אין נהלל איז גאָר אַן אַנדערע, נישט ווי בעת זיינע פריער־דיקע וויזיטן דאָ.

עמעצער רופט זיך אָן צו אים: „דאָס מאָל, חיים, ווילן מיר זיך שטאַרקן פון דיינע רייד, עפּעס דריקט אויפן האַרצן"; און דער דעלעגאַט פון גלבוע־געגנט זאָגט: „מיר וואַרטן צו זען דאָס גרויסע ליכט"; און ביי אַ געדעקטן טיש קלאָגט זיך שמואל דיין: „דער טעמפּאָ איז אַ צו לאַנגזאַמער. אין פופציק יאָר האָבן מיר אויסגעלייזט קוים פינף פּראָצענט פון ארץ־ישראל־באָדן. מיר שלעפּן זיך ווי אַ טשערעפּאַכע און דאָס איז נישט דער ריטעם אויפן וועג צו אַ מדינה".

ווייצמאַן טראַכט מיט האַלב צוגעמאַכטע אויגן: הייסט עס, אַז דער אומגעדולד איז אויך אַהער דערגאַנגען. איז וואָס זאָל ער זיי זאָגן? נישט דעם אמת? ניין, נישט אין נהלל.

ווייצמאַן בעט דערלויבן אים פאָרצולייענען פראַגמענטן פון זיינע רעדעס אין די פאַרגאַנגענע יאָרן.

ער טוט עס, און שפּעטער, ווי ער וואָלט רעזומירט:

...„לאָמיר נישט דוחק זיין דעם קץ. צוויי טויזנט יאָר ווי מיר וואַרטן, איז לאָמיר האָבן געדולד נאָך זעקס חדשים, נאָך אַ יאָר. איר וועט נאָך זען די פרוכט פון אייער אַרבעט".

די מענטשן פון נהלל האָבן געהאָפט אויף אַ דערפרייענדיקער בשורה, און דאָ רעדט ווייצמאַן וועגן וואַרטן און געדולד. זיי קוקן אויף אים מיט אויפגעריסענע אויגן.

ווייצמאַן שווייגט אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט געפירט מיט זיך אַ וויכוח. דערנאָך זאָגט ער:

...„דער חסרון פון אַן אַלטן מענטשן ווי איך איז דער, וואָס ער

נעמט אַלץ אויף באהבה, סיי דאָס שלעכטע און סיי דאָס גוטע. וואָס קען איך טאָן?... לאָמיר מקבל זיין באהבה אונדזער ווערק, ווי אויך די באַדערפעניש עס צו פאַרגרעסערן.

...„מיר וועלן דאַרפן גיין שטופנווייז. אַן איבערגאַנגס־פעריאָד פון פינף זעקס יאָר איז כמעט ווי גאָרנישט, ווען עס איז פאַראַן אַ האָפענונג צו דערגרייכן אַ גרויסן ציל".

ווייצמאַנס בליק גליטשט זיך איבער די פנימער פון די מענטשן ביים טיש. ביסלעכווייז צעלייכטן זיי זיך. זיי, די ערד־מענטשן, ווייסן, אַז דאָס וואַקסן איז אַ לאַנגזאַמער פּראָצעס, אָבער אַ שטענדיקער, אַ נישט איבערגעריסענער.

פאַר נאַכט האָבן זיך מענטשן פאַרזאַמלט אין שול. אַן אַלטע פרוי האָט זיך צעוויינט און אויסגערופן:

— מיר ווילן די גאולה במהרה בימינו!

ווייצמאַן האָט פון דאָס ניי דערפילט דעם גרויסן חורבן.

ביסלעכווייז איז זיך צעגאַנגען דער עולם.

די נאַכט איז צוגעפאַלן. דאָ גייט מען פרי שלאָפן, די אַרבעט אין פעלד הייבט זיך אָן ווען אין דרויסן איז נאָך פינצטער.

אויף צוריקוועגס פון נהלל פאַרהאַלט זיך ווייצמאַן אין חיפה. עס טוט אים אַ צי צום בית־עלמין, צו די מצבות. דאָ געפינען זיך די קברים פון דער מאַמען, פון זיין עלטערן ברודער פייוול און פון שוואָגער, וואָס איז אומגעקומען אין די אומרוען.

פאַר זיינע אויגן שטייט אויף דער מאַמעס קיילעכדיק פנים מיטן וואַרעמען שמייכל. עס דוכט זיך אים, אַז ער הערט איר ווייכע שטים.

דער זון דערמאָנט זיך די יידישע בריוו זיינע צו דער מאַמען. זיי מוחל, מאַמע, — פלעגט ער בעטן — נישט געקענט אָפטער שרייבן. שטענדיק אויף די וועגן, שטענדיק פאַרנומען. עס זענען איצט שווערע טעג. פון די וויטעבישן פלעגט ער קומען צו דער מאַמען זוכן מוט און גלויבן אין אירע פשוטע, קלוגע רייד. זי פלעגט אויף אים וואַרטן ביי זיך אין צימער, נישט וועלן אַז עמעצער זאָל ביייזיין בעת זייער צוזאַמענטרעף — און אים האַלדזן און קושן מיט ליבשאַפט.

אַט דוכט זיך אים, אַז די מאַמע איז לעבן אים. ער שפּאַרט זיך אָן אין איר אָרעם און גייט מיט איר צום ברודער־קבר פון די אומגעקומענע אויף דער „פאַטריאַ"־שיף. סוף חשוון 1940 איז עס געשען: 1700 מעפּילים,

געראַטעוועטע אין די טויט־לאַגערן, וואָס זענען אָנגעקומען אויף צוויי שיפֿן, האָט מען נישט אַריינגעלאָזט אין לאַנד און מיט כּוח זיי איבערגעפירט אויף דער „פּאַטריאַ", כּדי זיי צו פֿאַרשיקן ערגעץ אויף אַ פֿאַרוואָרפֿענעם בריטישן אינדזל און זיי האַלטן דאָרט פֿאַרשפּאַרט ביזן סוף פֿון קריג. אויף צו מאָרגנס איז פֿאָרגעקומען אַן אויפֿרייס אויף דער „פּאַטריאַ"־שיף אין חיפֿהער פּאָרט און 256 פֿון די אומגליקלעכע וואַנדערער זענען דערטרונקען געוואָרן. איז עס געווען יאוש, אָדער גרענעצלאָזע רשעות?

ווייצמאַן לייגט אַ קראַנץ־בלומען אויפֿן ברודער־קבר.

עס טויכן אויף יענע שווערע טעג זיינע. דאָס פֿאָלק האָט נישט געהאַט גענוג כּוח און געדולד צו באַנעמען זיין וועג. מען האָט אים גערופֿן „בריטישער אַגענט". און ער האָט זיך אויסגערעדט זיין האַרץ פֿאַר די ענגלישע הערשער, געבעטן זיך, אַז מען זאָל נישט צוריקשיקן די ייִדן אין דייטשן גיהנום אַריין. ווען ער האָט זיך דערוווּסט וועגן דער „פּאַטריאַ", אַז מען לאָזט נישט די לעבן־געבליבענע פּליטים אַריין אין לאַנד, איז ער געלאָפֿן אין קאָלאָניאַל־מיניסטעריום, זיך געראַנגלט מיטן מיניסטער לאָרד לאָיד. ער האָט נישט געקענט אָננעמען דעם רשעותדיקן אַרגומענט, אַז דאָס געזעץ פֿאַרלאַנגט צוריקשיקן די מענטשן, ווייל דאָס „ווייס בוך" איז אין קראַפֿט. „אַ געזעץ", האָט ער געענטפֿערט, „מוז האָבן אַ מאָראַלישע באַזע... אַ געזעץ, וואָס איז נישט מער ווי אַ שטראָף קען מען נאָר מיט דער הילף פֿון דער שווערד אַרויפֿצווינגען אויף מענטשן".

ער האָט זיך אויך געבעטן ביים אויסערן־מיניסטער לאָרד האַליפֿאַקס: ...„איך האָב שטענדיק געמיינט, אַז די דיפֿערענץ צווישן ייִדן און גויים איז אין דעם וואָס מיר, לויט ווי די איינגעשטעלטע מיינונג איז, זענען מקפּיד אויפֿן דין ביז אַ קוצו של יוד, די קריסטן, אָבער, שטעלן רחמים העכער פֿון דין".

ווייצמאַנס „ברעכן טירן" האָט דאָך געהאָלפֿן. די איבערגעבליבענע אויף דער „פּאַטריאַ"־שיף האָט מען דערלויבט צו פֿאַרבלייבן אין לאַנד.

ווייצמאַן דערמאָנט זיך אין יענע טעג. ייִדן האָבן אים באַוואָרפֿן מיט שטיינער, און ער האָט געקלאַפּט אין די ענגלישע טירן, געוועקט ס׳געוויסן, געבעטן רחמים. האָט ער דאַן געקענט טאָן עפּעס אַנדערש?

עס שטייט אים פֿאַר די אויגן די טראַגעדיע „סטרומאַ" מיט די 769 אומגעקומענע פֿליכטלינגען אין שוואַרצן ים. טערקיי האָט די וואַנדערנדיקע שיף פֿאַרטריבן פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און סוף דעצעמבער 1941 איז דאָס אומגליק געשען. ער האָט אין קאָלאָניאַל־מיניסטעריום געשטו־

רעמט קעגן דער גרויזאַמער זינד, באַשולדיקט די רעגירונג אין פֿאַלשקייט און אין צביעות: ווי קען מען, פֿון איין זייט רעדן וועגן אַ בעסערער וועלט נאָכן קריג, און פֿון דער צווייטער זייט באַגיין אַזעלכע פֿאַרברעכנס, אין שאָטן פֿון דער ענגלישער פֿאָן!?

בעת זיין באַגעגעניש דעמאָלט מיטן וויצע־פּרעמיער עטלי, האָט אים דער לעצטער געפֿרעגט:

— גלייבט איר, הער וויצמאַן, אַז פּליטים האָבן אַ רעכט צו ברעכן דאָס געזעץ?

— מיידזשער עטלי, ווען איך בין אויף דער פּליטים־שיף, וואָלט איך געהאַנדלט פּונקט ווי זיי. ס׳וועט קומען אַ צייט ווען איר וועט דאַרפֿן אויך מיך איינזעצן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער.

און דאַן האָט ער זיך אַ שטעל אויף געטאָן און אַ וואָרף געטאָן דעם פּרעמיער:

— גוד ביי, מיידזשער עטלי.

דער נידעריקער עטלי איז ווי נאָך נידעריקער געוואָרן אַנטקעגן דער הויכער פֿיגור, וואָס האָט געשפּרייזט צו דער טיר. דער שטאָלצער ייִד האָט אים אַפֿילו נישט גערופֿן „וויצע־פּרעמיער“, אָדער „מיסטער“, נאָר, „מיידזשער עטלי“...

און אָט איז די אָנדענק־מצבה פֿאַר די אומגעקומענע ייִדישע קינדער, פֿאַר די הונדערטער טויזנטער ייִדישע קינדער, אומגעבראַכטע גרויזאַם, גיהנומדיק.

וויצמאַן רייסט זיך פֿון דער קאָשמאַרן־וועלט צוריק צום לעבן. ער איז ווידער אין עמק. ווייסגאַל זיצט לעבן אים און הערט זיך צו צום פּלאַטער פֿון זיין אויסגעשעפּט האַרץ. ער וואָלט אים וועלן דערפֿרייען, ער ווייסט אָבער נישט ווי אַזוי. גיט ער זיך אַ קער אום צו וויצמאַנען און רופֿט אויס ביים אַריינפֿאָר אין תּל־עמל:

— טוט אַ קוק, „טשיף“, וואָס דאָ איז אויפֿגעשריבן: „אַזוי ווי די צאָל פֿון דיינע יאָרן, נשיא, אַזאַ איז די צאָל פֿון אונדזערע קינדער, כּן ירבו — סיי דיינע יאָרן און סיי זיי“.

אין תּל־עמל, אין עס־צימער האָט מען זיך פֿאַרזאַמלט צו הערן וויצ־מאַנס וואָרט. אויף דער וואַנט הענגט אַ לאָזונג: „לאָמיר בויען גאָטס לאַנד מיט ריינע הענט און אַ ריין האַרץ“.

וויצמאַן זאָגט צו זיי:

איך דערמאָן זיך אין אַ מאמר פון חז״ל, אַז מען איז נישט מקנא נישט קיין קינדער און נישט קיין תלמידים, און אַזוי ווי איך האָלט אייך פאַר מיינע תלמידים, איז אין מיר נישטאָ קיין קנאה צו אייך...

אין אשדות יעקב איז זיין געמיט אויפגעלייגט. און ער רופט זיך אָן:

— איר האָט, אָן עין־הרע, 380 קינדער און 250 משפחות. הייסט עס אַ דורכשניט פון אַ קינד מיט אַ פינפטל אויף אַ משפחה. מיינט דאָך עס, אַז די קוואָטע איז נישט קיין פולע.

די קינדערלעך גייען נאָך דעם גאַסט איבער די פעלדער. זיי גייען אים נאָך און ווייזן מיטן פינגער: אָט איז דער טאַטע פון אַלע יידן...

אויף אַ גרויסער ציוניסטישער פאַרזאַמלונג אין תל אביב סוף דעצעמבער 1944 רופט אויס בן־גוריון:

— איך און חיים ווייצמאַן זענען גרייט צו וואַרטן נאָך זעקס חדשים. צי קען אָבער וואַרטן אונדזער שארית הפליטה?

בעת זיין רייזע איבערן שרון דערלאַנגען אים קינדער בלומען, און אויף יעדן קראַנץ — די זעלבע אויפשריפט: „ברענג אונדז די שארית הפליטה״.

אין דערפער פרייען זיך מיט אים יונג און אַלט. מען גיט אים איבער רשימות פון מענטשן, וואָס זענען גרייט אויפנעמען ביי זיך נייע עולים.

אין מגדיאל זאָגט צו אים דער ראש פון דער קאָלאָניע, זיין פריינד זשוכאָוויצקי:

— מיר ווילן אַ יידישע מדינה במהרה בימינו און דו זאָלסט זיין אונדזער נשיא, און עס אַרט מיך נישט צי דו וועסט זיין אַ צאַר, אָדער דיקטאַטאָר.

פון אומעטום טראָגט זיך דער זעלבער אויסגעשריי: זאַמל איין די איבערגעבליבענע אין יידישן לאַנד. זאָל שוין קומען די פרייהייט, זאָל שוין קומען די מדינה.

ווייצמאַן לייענט אין „דבר״: „געדולד? אין בולגאַריע גייען אויס קינדער פון הונגער און קעלט. אין גריכנלאַנד אַטאַקירן מאַנאַרכיסטן יידישע היי־זער. אין פראַנקרייך שטאַרקט זיך די שנאה צו יידן. פון ווילנע, לוואָוו און קיעוו קומען אָן טרויעריקע ידיעות. זאָלן מיר איצט אָנהייבן צו פרע־דיקן געדולד?״

ווייצמאַן דערמאָנט זיך, ווי דער רבי פון סאַנדוש האָט אים אַמאָל געפרעגט:

— ביז וואנען וועט זיך גיסן אומשולדיק יידיש בלוט ?

— מען דאַרף האָבן בטחון, רבי, בטחון.

— בטחון ? — האָט זיך דער רבי צעבייזערט — בטחון איז מיינער אַ ענין. פון דיר האָב איך געוואָלט הערן פּאָליטיק !

וויצמאַן באַהאַלט דאָס פּנים אין דער צעעפנטער צייטונג.

נאָך פינף יאָר פון וויצמאַנס אָפּוועזנהייט אין לאַנד, האָט דער ישוב דערוואַרט פון אים אַ נייע בשורה. די טעג זענען געווען פון ערב־מלוכה, אָבער דאָס, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן, איז נישט געווען קיין בשורה און נישט קיין נייע. ער האָט אויך איצט גערעדט וועגן נאָך אַ דונאַם און נאָך אַ בוים.

36

אין מאַי 1945 ענדיקט זיך די מלחמה מיט דייטשלאַנד. עס לייכט אויף אַ נייער טאָג פאַר דער וועלט.

אין ענגלאַנד קומט צו דער מאַכט די לייבאָר־פּאַרטיי. יידן דער־וואַרטן גרויסע ענדערונגען. די איצטיקע מיניסטאָרן אין לאָנדאָן זענען דאָך מענטשן, וואָס האָבן פּאָזיטיוו זיך באַצויגן צום ציוניזם. די לייבאָר־פּאַרטיי איז שטענדיק געווען פאַר אַ יידישער היים אין ארץ־ישראל, אָן שום באַוואָרענישן און פּירושים. נישט איין מאָל איז זי אַריינגעדרונגען אין דער סאַמע תוך פון יידיש־אַראַבישן פּראָבלעם און זי איז אַפילו געקו־מען צום אויספיר, אַז מען דאַרף פאָרשלאָגן אַן אויסטויש פון דער באַ־פעלקערונג — אַריבערפירן ארץ־ישראל־אַראַבער אין די שכנותדיקע לענדער און מאַכן אַזוי אַרום אַן אָרט פאַר אַ יידישער מערהייט אין לאַנד.

אָבער דווקא אין די טעג פון דער לייבאָר־רעגירונג איז אָנגעשריבן געוואָרן איינס פון די טרויעריקסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון די יידיש־ענגלישע באַציונגען.

אויסערן־מיניסטער איז ערנסט בעווין, דער סאָציאַליסט. עס דויערט נישט לאַנג און עס אַנטפּלעקט זיך זיין אמתדיק פּנים. אַנשטאָט סימפּאַ־טיע און פאַרשטענדעניש באַגעגנט מען ביטערע שנאה, וואָס איז אָפט נישט מער ווי איינפאַכער, וווּלגאַרער אַנטיסעמיטיזם.

ווייצמאַן איז נישט איבערראַשט. דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט ווייניק וואָס צו דערוואַרטן פון די נייע משיחים. זיין גלויבן אין ענגלאַנד האָט געוואָרצלט אין די ווערטן און טראַדיציעס פון „אָלד אינג־לענד"; די נייע פּאַרטיי, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אין וועסטמינסטער און דאָונינג־סטריט האָט נאָך נישט באַוויזן צו טרינקען פון די אַלטע, טיפע קוואַלן.

דערווייל גייט די געשיכטע מיט איר אַלטן גאַנג און זי באַווייזט ווידער, אַז די אויסערלעכע פאָרעם האָט אָפט מאָל מער צום זאָגן ווי דער תוכן: אַ פּאָלק אָן אַ באַשטימטן אַדרעס איז קיין פאָלק נישט.

פּופציק פעלקער האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דער אַמעריקאַנער שטאָט סאַן־פראַנציסקאָ, צו באַהאַנדלען און חתמענען אַ פאַרשטענדיקונג, לויט וועלכער עס דאַרף זיך פירן די נייע וועלט. צווישן די פופציק פעלקער

זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן קיין פינגער נישט צוגעלייגט צום נצחון פון די דעמאָקראַטיעס. אָבער דאָס יידישע פאָלק איז דאָרט נישט געווען פאַרטראָטן. עס איז נאָך אַלץ אַ פאָלק אָן אַן אַדרעס, אָן אַ מדינה.

יידן — קלאָגט זיך ווייצמאַן — זענען געווען געצוווּנגען צו שטיין אין די קאָרידאָרן. מען האָט זיך נישט גערעכנט מיטן פאָלק וואָס האָט פאַרלוירן אַ דריט־חלק פון אירע זין און טעכטער, וואָס האָט צוגע־שטעלט מער פון אַ מיליאָן זעלנער אין די אַליאירטע אַרמייען און אַן ארץ־ישראלדיקע בריגאַדע פון פינף און דרייסיק טויזנט זעלנער.

ווייצמאַן ווענדעט זיך צום געוויסן פון דער וועלט. ער פילט אָבער גלייכצייטיק, אַז דער ייד איז נישט פּטור פוןביישטייערן זיין טייל צו דער רעהאַביליטאַציע פון צעשעדיקטן מענטשלעכן געוויסן. ער האָט נישט בדעה צו פאַרקלאַפּן די טיר, ווייל ענגלאַנד — האָפט ער — וועט קומען צו זיך. ערנסט בעווין איז נישט מער ווי אַ נייער נסיון, פאַר וועלכן דער יידישער געדולד איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן. און די בעסערע טייל פון ענגלישן פאָלק רופט טאַקע צו העלפן ווייצמאַנען אין זיין נייעם פּרווו. דער „מאַנטשעסטער גאַרדיען" שרייבט: „ווייצמאַנס פּרעסטיזש וועט ליידן, אויב ער וועט נישט קענען פאַרלייגן זיינע חברים עפּעס מער ווי די עצה, אַז מען מוז זיין געדולדיק און וואַרטן; עס איז שווער זיך פאַרצושטעלן, אַז ביי אַזעלכע אומשטענדן וועט ער קענען אָנהאַלטן זיין פּאָזיציע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג".

ווייצמאַן נעמט אָפּ גרוסן סיי וועגן כּוח און סיי וועגן אומגעדולד, וואָס ברויזן אין פאָלק. אין מיבכען, אויף אַ געגנטלעכן צוזאַמענפאָר פון פּליטים, ווערט אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז די בלוי־ווייסע פאָן איז זייער פאָן, אַז זייערע אויגן זענען געווענדעט צו ארץ־ישראל. אַכציק שליחים פון פאַרשידענע לאַגערן גיבן צו וויסן דער וועלט, אַז נאָר אַן אייגן לאַנד וועט קענען פאַרהיילן זייערע וווּנדן.

אָבער די טויערן פון ארץ־ישראל זענען נאָך אַלץ געשלאָסן.

ערנסט בעווין זיצט בהרחבהדיק אין זיין מיניסטאָרן־פאָטעל. סאָראַ מגושמדיקער גוף, סאָראַ בליק אונטער די דיקע ברילן־גלעזער, און די הענט זיינע — ווי זיי וואָלטן צו פאַרצוקן באַשאַפן געוואָרן.

ווייצמאַן האָט שוין געזען פאַרשידענע מענטשן אויף דער שטול — פון 1914 ביז איצט. אָבער ווי קומט דער מענטש דאָ, ווי קומט ער אַהער?

— און דאָס איז די צאָל סערטיפיקאַטן פאַר נייע עולים, וואָס די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט האָט אַרויסגעגעבן.

ווייצמאַן ווערט אויפגעטרייסלט, דערהערנדיק די נישטיקע צאָל. ער רופט אויס:

— ס׳קען נישט זיין!

— וואָס הייסט עס קען נישט זיין? — חזרט בעווין איבער צאָרנדיק און שפּאָטיש. אפשר ווילט איר אונדז דיקטירן וואָס מיר האָבן צו טאָן, וויפל אַריינפאָר־דערלויבענישן מיר האָבן אייך צו געבן?

דעם מיניסטערס אויגן שפּריצן מיט פייער. אַ גרינער רוגז־גלאַנץ גיסט זיך אויס אויף זיין פּנים. ער בייגט זיך איבער איבערן שרייבטיש, דערנענטערט זיין קאָפּ צו ווייצמאַנען, אַזש מען פילט דעם אָטעם פון זיין מויל.

— אויב איר ווילט מיט אונדז פירן אַ מלחמה, זענען מיר גרייט:

ווייצמאַן דערפילט, אַז עס פעלט אים לופט. דער ווילן פון רעדן איז ווי פאַראַליזירט געוואָרן. ער איילט צו דער טיר.

ווען ער איז שוין אויף דער צווייטער זייט, בלייבט ער שטיין אַ וויילע און עס ווילט זיך אים שווערן: זאָל פאַרקומען וואָס עס וויל, אָבער מער דעם מענטשן וועט ער נישט זען!

דעם 13־טן נאָוועמבער 1945 איז בעווין געשטאַנען אין פּאַרלאַמענט און אכזריותדיק געטראָטן די יידישע האָפענונגען. ער ראָט די יידן, אַז זיי זאָלן איינאָרדענען זייער לעבן אין די קברים־לענדער פון זייערע ברידער און שוועסטער. ער עצהט זיי העלפן אויפבויען די מדינות, וואָס האָבן צוגעקוקט ווי מ׳האָט פאַרברענט זייערע טאַטעס און קינדער. אדרבא, ער האַלט פון די יידן, זיי זענען טאַלאַנטפול, זאָגט ער. זיי זענען מסוגל צו באַרייכערן די וועלט מיט זייער אַרבעט און פלייס. דערפאַר דאַרפן זיי צוריקגיין קיין פוילן און דייטשלאַנד. דאָס נישט דערזאָגטע איז געווען פאַרשטענדלעך: נאָך דעם ווי יידן וועלן געבן זייער ביישטייער, וועט קומען אַ צווייטער היטלער און זיי באַצאָלן פאַר זייער טאַלאַנט און פלייס.

— וואָס האָט מען אייגנטלעך צוגעזאָגט די יידן? — פרעגט בעווין

— אין די צוזאָגונגען ליגט טאַקע דער גאַנצער אומגליק, ווייל מען קען זיי נישט פאַראייניקן מיט די הבטחות, וואָס זענען געגעבן געוואָרן די אַראַבער; זיי זענען זיך סותר איינער די אַנדערע.

בעווין האָט זיך אָנגעכאַפּט אין אַ שפּיצל, וואָס איז כלל נישט ניי. אַ סך פּאַר אים האָבן עס שוין געניצט. ער אָבער פּאַרוואַנדלט עס אין זיין הויפּט־וואָפן:

— און פון וואַנען נעמט זיך, אַז אַ יידישע היים מיינט אַ יידישע מדינה? — פרעגט דער מיניסטער.

ער ווייס טאַקע, אַז יידן אין אייראָפּע פוילן אין די לאַגערן. אָבער וואָס איז ער שולדיק? פאַר וואָס זאָל ענגלאַנד דאַרפן טראָגן דאָס גאַנצע פּעקל? וואָס האָט עס צו טאָן מיט ארץ־ישראל? דאָס ארץ־ישראל־פּראָבלעם איז צו שווער און קאָמפּליצירט, אַז ענגלאַנד אַליין זאָל עס קענען לייזן. ער האָט דעריבער אַן עצה: אַ נייע אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, אָבער דאָס מאָל אַן ענגליש־אַמעריקאַנישע.

יידן זענען אויפגעציטערט געוואָרן. נאָך די אַלע טייכן בלוט, נאָך די אַלע האָפענונגען, דערוואַרטונגען און הבטחות — אַ נייע אויספאָרשונגס־קאָמיסיע!

בעווין האָט נאָך עפּעס וואָס צו זאָגן. אויף אַ צוזאַמענטרעף מיט זשורנאַליסטן דערקלערט ער: „אויב די יידן, נאָך אַלע זייערע ליידן, וועלן זיך צופיל שטופּן אין די ערשטע רייען, וועט אויפקומען אַ געפאַר פון אַ נייער אַנטיסעמיטישער רעאַקציע איבער דער גאַנצער וועלט“.

בעווינס דעקלאַראַציעס גרייכן ווייצמאַנען אין אַמעריקע, ווו ער געפינט זיך אין צוזאַמענהאַנג מיטן דערהויבענעם, יום־טובדיקן צוזאַמענטרעף, ביי וועלכן מען וועט אָנזאָגן דער וועלט וועגן אַ פּלאַן פון גרינדן אַ וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין רחובות, וואָס וועט טראָגן ווייצמאַנס נאָמען.

בעווינס פאַרסמטע פיילן יאָגן נאָך ווייצמאַנען אין דער ווייטער ניו־יאָרק.

ווייצמאַן ווייס וואָס בעווין איז אויסן. ער ווייס, אַז דער סאָציאַליסטישער אויסערן־מיניסטער וויל ברעכן דעם יידישן געדולד און פּראָוואָצירן די יידישע מאַסן.

בעווין איז זיכער מיט זיך. ער דערקלערט אין פּאַרלאַמענט: „איך שטעל מיין גאַנצע פּאָליטישע צוקונפט אויף דער לייזונג פון ארץ־ישראל־פּראָבלעם“.

אין אַמעריקע רופט בעווינס פּאָליטיק אַרויס אַ ביטערן בייגעשמאַק. פּרעזידענט טרומאַן איז אויפגעבראַכט. ענגלאַנד האָט געהאַט פּאַר־

געשלאָגן מען זאָל מאַכן אַן אַנקעטע אין די לאַגערן און דערוויסן זיך וווהין די יידן ווילן עמיגרירן. בעווין האָט געהאַט געגעבן אָנצוהערן, אַז דער אַזוי גערופענער יידישער דראַנג קיין ארץ־ישראל איז נישט מער ווי ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע. טרומאַן האָט געשיקט אַ שליח אין די לאַגערן, און ער האָט געבראַכט אַ קלאָרע תשובה: די גרויסע מערהייט וויל אָנהייבן אַ ניי לעבן אין ארץ־ישראל.

וואָס אַ מאָל ווערט שטאַרקער די אַמעריקאַנער קעגנערשאַפט צו בעווינס אַנטי־יידישן קורס.

אויף דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין „אַטלאַנטיק־סיטי" דערקלערט וויצמאַן דעם צוואַנציקסטן נאָוועמבער 1945: „איך קען מער נישט שוויגן אין אָט דעם טראַגישן מאָמענט!... ווען מען זאָל אַפילו אָננעמען דעם באַגריף פון אַ יידישע היים אין אַ באַגרענעצטן זין, ווי בעווין וויל עס האָבן, קען מען נישט זאָגן, אַז דאָס פאָלק האָט אַ היים, בעת זיינע טויערן זענען פאַר אים פאַרשלאָסן".

...„ארץ־ישראל, שטרייכט וויצמאַן אונטער, איז נישט נאָר אַן ענין פאַר פּליטים: דער גורל פון גאַנצן פאָלק איז פון דעם אָפּהענגיק".

און דאָך וואָרנט וויצמאַן קעגן לאָזן זיך פּראָוואָצירן. ער איז טיף איבערצייגט, אַז די בעווין־געשטאַלט איז נישט מער ווי אַ פאַרביי־גייענדיקע דערשיינונג אין ענגלישן פאָלק. ער גלייבט נאָך אַלץ אין דער יידיש־ענגלישער צוזאַמענאַרבעט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט פער־ציק יאָר צוריק.

אין מיטן רעדן גלייבט וויצמאַן שטיל אַ ווייל, ווי ער וואָלט געמאַכט פאַר זיך אַ חשבון־הנפש. און אָט רופט ער אויס:

„פאַר מענטשן אין מיין עלטער איז שווער צו בייטן זייער אמונה, אַפילו אונטערן דרוק פון אַ גרויסער פּראָוואָקאַציע".

וויצמאַן פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז ווייניק פריינד וועלן גיין מיט אים אויף אָט דעם וועג. ווי קען מען רעדן וועגן אמונה אין ענגלאַנד, איצט נאָך די געשעענישן פון „סטרומאַ" און „פּאַטריאַ"? איצט, ווען בעווין איז אויסער־מיניסטער?

אָבער וויצמאַן, דער ליבעראַל און בעל־מאמין אין מענטש, וויל נישט אויפגעבן זיין אמונה אין זיג פון מענטשלעכן געוויסן, ער וויל נישט אָננעמען אַלס פאַקט, אַז די בעווינס שטעלן מיט זיך פאָר דאָס אמתע ענגלאַנד; ער דערקלערט אין „אַטלאַנטיק־סיטי", אַז אויך אים טוט ווי די באַציונג פון געוויסע ענגלישע קרייזן צום יידישן פאָלק; אים טוט עס נאָך מערער ווייי ווי פיל אַנדערע, ווייל ווייניק ווי ער האָבן געקענט

דאָס „צווייטע ענגלאַנד", וואָס האָט אין אים אַנטוויקלט אַן אויפריכ־טיקע ליבשאַפט און באַוווּנדערונג פאַר אָט דעם פאָלק. זאָל בעווין שיטן זאַלץ אויף די ווונדן. ער וועט זיך נישט לאָזן פּראָוואָצירן — באַשליסט ווייצמאַן.

ער איז אַ מבין אויף בעווינס גענג. אָט דערלויבט ער נישט, אַז די יידישע בריגאַדע זאָל אַריינמאַרשירן אין דייטשלאַנד. בעווין איז זיך מרחם אויף די דייטשע געפילן, וואָס קענען אפשר ווערן באַליידיקט פאַרן אָנבליק פון יידישע זעלנער הינטער דער ציון־פאָן; ער איז זיך מער מרחם אויף די דייטשן ווי אויף די יידן, וואָס פייניקן זיך אין די לאַגערן און זיי וואָלטן אויפגעשיינט דערזעענדיק די שטאָלצע ארץ־ישראל־ברידער, וואָס האָבן פאַר זיי געקעמפט און גענומען נקמה.

בעווין האָט געשאַפן אַן ענגליש־אַמעריקאַנישע אויספאָרשונגס־קאָמיסיע. ווייצמאַן איז גרייט עדות צו זאָגן פאַר איר. ער וועט פונאַנ־דערוויקלען די גאַנצע פּרשה פון דאָס ניי.

מיט צען יאָר צוריק איז ווייצמאַן אַרויסגעטראָטן אין ירושלים פאַר דער קעניגלעכער פּיל־קאָמיסיע. איצט וועט ער טאָן דאָס זעלבע פאַר דער ענגליש־אַמעריקאַנער קאָמיסיע.

האָט ער דען וואָס צוצוגעבן? האָט ער דען נישט אַלץ שוין געזאָגט, און נישט איין מאָל, נישט צען מאָל?

דער זעלבער אמת אין 1903, 1936, 1946, — די זעלבע טראַגעדיע. דער איינציקער אונטערשיד בלויז איז דער, וואָס די אימהדיקע וואָר־נונגען פון דעמאָלט זענען געוואָרן ווירקלעכקייט: דער לעבעדיקסטער טייל פון פאָלק איז פאַרשניטן געוואָרן!

אַ סך עדות האָט שוין די קאָמיסיע אויסגעהערט — אין אַמעריקע, אייראָפּע, ארץ־ישראל. דער אַלטער, שוואַכער ווייצמאַן זאָגט דאָס זעלבע וואָס אַנדערע, אָבער ער זאָגט עס אַנדערש. עפּעס איז דאָ אין זיין שטים, אין זיין פּנים, וואָס צווינגט אַרויף איבערצייגונג.

אָפּט באַמערקט זיך אַן אויסדרוק פון טיפן דרך־ארץ אויף די פּנימער פון די צוויי הויפּט־פאָרזיצערס פון דער קאָמיסיע, דעם ענגלישן ריכטער סינגלטאָן און דעם אַמעריקאַנער ריכטער עטשיסאָן.

דער ניו־יאָרקער פּראָפעסאָר, דזשיימס מאַקדאָנאַלד, מוטיקט ווייצ־מאַנען מיט אַ האַרציקן שמייכל פון פאַרשטענדעניש. דער ענגלענדער קראָסמאַן, פלינק און סימפּאַטיש, באַוועגט זיך אַהער און אַהין אויף זיין

שטול. דער אַמעריקאַנער באַרטלי קראַם האַלט אָנגעשפּיצט די אויערן, ווייל קיין וואָרט נישט פאַרלירן. און אַזוי — די איבעריקע מיטגלידער אין דער קאָמיסיע.

דער אַראַבישער פירער דזשאמאל הוסייני וואַרפט אומרויקע בליקן צו זיינע פריינד און ראַטגעבער. זיין שמייכל איז ערגעץ פאַרשוואונדן.

אין זאַל הערט זיך וויצמאַנס שוואַכע, אָבער דורכדרינגנדיקע שטימע.

...„דאָס יידישע פּראָבלעם האָט זיך נישט אָנגעהויבן מיט היטלערן. עס האָט שוין עקזיסטירט יאָרן און יאָרן פאַר זיין קומען צו דער מאַכט, ווען מ׳האָט אַפילו נאָך נישט געקענט טראַכטן, אַז ס׳וועט זיך אַמאָל צעשפּילן אַזאַ מין טראַגעדיע ווי די, וואָס איז פאָרגעקומען אין אייראָפּע. ...אַ סך איז גערעדט און געשריבן געוואָרן וועגן אַנטיסעמיטיזם און זיינע סיבות. לויט מיין מיינונג איז זיין הויפּט־סיבה דער עצם פאַקט וואָס מיר יידן עקזיסטירן“...

וויצמאַן פרעגט: וואָס איז אייגנטלעך דער כוח, וואָס האַלט צוזאַמען יידן? וואָס איז דער כוח וואָס פאַראייניקט אַ פאָלק מיט פאַרשידענע זיטן, שפּראַכן, מנהגים? מיט דער שפּראַך פון רעליגיע וואָלט מען אָט דעם כוח געקענט דערקלערן ווי דער ווילן פון גאָט און זיינע אימפּעראַטיוון. אויב נוצן אַ פּאָליטישע שפּראַך, וואָלט מען דעם כוח געקענט באַצייכענען ווי אַ מין דיבוק, וואָס שטעקט אין פאָלק און מאַכט עס אומדערשראָקן און האַרטנעקיק. וועלכע עס זאָל נישט זיין די שפּראַך, איז דער אמת שטענדיק דער זעלביקער: איין ציל פאַראייניקט דאָס פאָלק אין אַלע זיינע תפוצות — דער גאולה־ציל, דער ווילן, באַוווסטזיניק אָדער נישט, אומצוקערן זיך אין לאַנד פון די אבות, אין ארץ־ישראל, אין וווּנדער־טאָל, ווו עס וועלן ווידער אויפבליען די טרוקענע, טויטע ביינער.

וויצמאַן רעדט וועגן פאַרשידענע אַספּעקטן אין יידישן לעבן, און אַלע ווייזן זיי אָן אויף איין גרויסע אַנאָמאַליע, וואָס די וועלט האָט אויפן פאָלק אַרויפגעצוואונגען.

עס זענען פאַראַן מענטשן, זאָגט וויצמאַן, וואָס באַרימען זיך, אַז זייערע בעסטע פריינד זענען יידן. אָט דער קאָמפּלימענט איז אַ פריקרער, ווייל ער איז אויסן צו פאַרדעקן אַ גאַנץ קעגנזעצלעך געפיל. אַנדערע ווידער זאָגן, אַז יידן זענען דאָס זאַלץ פון דער ערד. אויך דער קאָמפּלימענט איז אַן אומאַנגענעמער, וואָרעם די וויכטיקייט פון זאַלץ איז אין איר מאָס. איז די זופּ צו געזאַלצן, דאַרף מען זי אויסגיסן.

וויצמאַן רעדט אויך וועגן פאַרשידענע דעפיניציעס וואָס מען גיט יידן. פאַראַן אַזעלכע, וואָס טענהן, אַז יידן זענען נישט קיין נאַציע,

נאָר מענטשן וואָס האָבן אַ בשותפותדיקע רעליגיע און גלויבן. דאָס טראַגיש־קאָמישע דערביי איז, אַז די יידן וואָס טענהן אַזוי זענען כלל נישט רעליגיעז.

אָבער די ריכטיקע דעפיניציע וואָס באַצייכנט יידן, אַלע יידן, רעלי־גיעזע אָדער נישט, רעכטע אָדער לינקע — איז דער איינגעוואָרצלטער גלויבן אין משיחיזם, אין אויסלייזונג; דער גלויבן, אַז אַ טאָג וועט קומען און יידן וועלן זיך צוריקקערן אין זייער לאַנד, און זיי וועלן פאַרוויר־קלעכן, לויט זייער מעגלעכקייט, דעם גרויסן טרוים פון זייערע נביאים און קדושים. פאַר אָט דעם גלויבן, אונטער פאַרשידענע נעמען, האָבן יידן אָפּגעגעבן זייער לעבן, באַוווסטזיניק, אָדער נישט.

— פאַר וואָס דווקא ארץ־ישראל? ווייל אַזאַ איז די טראַדיציע, זינט יידן זענען פאַרטריבן געוואָרן פון לאַנד דורך די רוימער. יידן האָבן ארץ־ישראל קיין מאָל נישט פאַרגעסן. איר אויסלייזונג איז אַ טייל פון די תפילות און טרוימען פון פאָלק; זי איז געוואָרן אַ טייל פון טאָג־טעגלעכן לעבן, זיין הויפּט־פאַרב און הויפּט־טאָן. אויך פיזיש איז אָט דער בונד מיט ארץ־ישראל קיין מאָל נישט איבערגעריסן געוואָרן. אין אַלע יאָרהונדערטער זענען יידן צוריקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל און אָנגעהויבן שטענדיק פון דאָס ניי, זיך נישט געשראָקן פאַרן מדבר. בלויז אין צוויי פּעריאָדן, נישט גאָר לאַנגע, זענען יידן געווען דערווייטערט פון לאַנד: בעת די קרייץ־צוגן און בעת דער טאַטאַרן־אינוואַזיע.

די בענקשאַפט צו ארץ־ישראל איז געווען דער וווּנדערבאַרער כוח, וואָס האָט צוזאַמענגעהאַלטן דאָס פאָלק אין זיינע שווערסטע טעג; אַ קוואַל פון אינספּיראַציע און אויסדויער.

עס זענען פאַראַן ענגלענדער — זעצט פאָר וויצמאַן — וואָס האַלטן, אַז דער גאַנצער ענין איז נישט כדאַי. פאַר די יידן אָבער איז עס אַ פראַגע פון טויט אָדער לעבן. פאַראַן מענטשן וואָס זעען נישט די אַנט־וויקלונגס־מעגלעכקייטן פון ארץ־ישראל. מיט יאָרן צוריק האָט לאָרד פאַספילד געזאָגט, אַז אין ארץ־ישראל איז שוין נישט פאַרבליבן קיין אָרט אַפילו פאַר אַ קאַץ, וואָס זשע פאַראַ זין האָט עס אַרויסצוגעבן נייע אַריינפאָר־דערלויבענישן? און דאָך זענען אין משך פון די יאָרן אַריין אין לאַנד צענדליקער טויזנטער יידן, און יעדער נייער ייד שאַפט אַ פּלאַץ פאַרן צווייטן, וואָס דאַרף נאָך קומען.

— און פאַר וואָס דווקא אַ מדינה?

ער האָט אפילו געהאַלטן — זאָגט וויצמאַן — אַז אויב מען וועט לאָזן יידן טאָן זייער אַרבעט אין ארץ־ישראל, וועט שוין די צוקונפט אַליין וויסן

ווי פּאָליטיש צו דערפּילן די יידישע שטרעבונגען. אָבער אין אָנבליק פון דער גרויסער יידישער טראַגעדיע און פון די אַלגעמיינע באַדינגונגען אויף דער וועלט מוזן יידן שוין איצט פאַרלאַנגען אַן אייגענע מדינה. איר שנעלער אויפבוי איז אַ לעבנס־נויטווענדיקייט, אַן עלעמענטאַרער באַדינג פאַרן קיום פון פאָלק.

און ווייצמאַנס קול ווערט אָפּט שוואַך, פאַלט אַראָפּ ווי אויסגעשעפּט. די מיטגלידער פון דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע כאַפּן אויף זיין יעדער וואָרט. בעת דער הפסקה דריקן פריינד זיין האַנט און מוטיקן אים.

37

ווייצמאַנען זעט אויס, ווי ער וואָלט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן אַ פּאָר צענדליק יאָר. זיין טראָט איז געוואָרן לייכטער. ס׳איז אַ גרויסער יום־טוב: 3־טער יוני 1946 — דער טאָג פון לייגן אַ גרונטשטיין פאַרן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, וואָס וועט טראָגן חיים ווייצמאַנס נאָמען.

לעבן דניאל־זיוו־בנין איז אויפגעשטעלט אַ טריבונע און עס זיצן אויף איר מענטשן פון גייסט און וויסן, פון נאָענט און ווייט.

אַ גרויסע זאַך וועט דאָ געשען, ווייצמאַן דערמאָנט זיך אַחד העמס ווערטער: „מיר, יידן, האָבן אַ גרויסן חלק אין לייגן גרונטשטיינער, אויף וועלכע פעלקער ציען דערנאָך אַרויף די אויבערשטע שטאָקן"... אָבער דאָ, אין רחובות, וועלן יידן טאָן די גאַנצע אַרבעט — פון גרונטשטיין ביזן פאַרטיקן בנין.

מאיר ווייסגאַל, דער לעבעדיקער גייסט פון גאַנצן אויפטו, איז צע־שטראַלט. דאָס איז „זיין" גרויסער טאָג. ער וואָלט וועלן רעדן פאַרן עולם, אָבער די גרויסע איבערלעבונג האָט פאַרכאַפּט זיין אָטעם. ער קען קוים אַ וואָרט אַרויסרעדן, פאַרשוווּנדן איז די פליסיק־ראַשיקע שפּראַך זיינע. ער פילט, אַז היינט איז כולו יום־טוב, אַ דערהויבנקייט, וואָס לאָזט זיך נישט אויסדריקן מיט שיינע רייד.

ער לייענט פאָר דעם נוסח פון דער מגילה, וואָס דערציילט וועגן גרויסן טאָג: „אויף דעם פּלאַץ וועט אויפגעשטעלט ווערן, מיט דער הילף פון אַמעריקאַנער יידן, אַ פאָרשונגס־אינסטיטוט פאַר ביאָפיזיק און פיזי־קאַלישער כעמיע...

...דאָס הויז, וואָס וועט גערופן ווערן אויפן נאָמען פון חיים ווייצמאַן ווערט אויפגעשטעלט אין שווערע טעג, צווישן מוראדיקע חורבן־טעג און טעג פון גרויסע האָפענונגען. אין דעם הויז וועט רוען דער גייסט פון פרייהייט, וואָס וועט פאָרשן די סודות פון דער נאַטור... דאָס הויז וועט אַנטדעקן נייע קוואַלן, בחומר וברוח, פאַר די זין וואָס זאַמלען זיך צוריק אַיין אין זייער היימלאַנד".

ווייצמאַן דאַנקט פאַר די ברכות. נעכטן האָט ער דיקטירט זיין סעקרע־טאַרין אַ לאַנגע רעדע. איצט שאַרט ער אַוועק אין אַ זייט די אָנגעשרי־בענע בלעטלעך.

„...איך בין זיכער, אַז די וויסנשאַפט וועט ברענגען שלום דעם לאַנד און וועט באַנייען זיינע אַמאָליקע טעג. עס וועלן דאָ געשאַפן ווערן נייע קוואַלן פון לעבן. און ווען איך רעד וועגן וויסנשאַפט, איז מיין כוונה אַ דאָפּלטע: סיי פרייע וויסנשאַפט, לשמה, און סיי אַפּליצירטע".

ווייצמאַן רעדט וועגן די יידישע געלערנטע און פאָרשער, וואָס זענען אַזוי טראַגיש אומגעקומען אין די לעצטע יאָרן. לאַנג, לאַנג וועט דויערן, ביז מען וועט קענען אויספילן דעם ליידיקן חלל, וואָס זיי האָבן איבער־געלאָזן. ער דערמאָנט, אַז מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָט ער געהאַט גע־וואָרנט, אַז ווייניק צייט איז דעם פאָלק פאַרבליבן, אפשר פופצן יאָר, אפשר צוואַנציק. ער האָפט, אַז די וויסנשאַפט וועט דערנענטערן ביידע פעלקער אין לאַנד, מאַכן אַ סוף צום געראַנגל און ברענגען דעם שלום.

ווייצמאַן שטייט פאַרן יום־טובדיקן עולם און זאָגט אָן דעם אָנקום פון מלאך השלום — די וויסנשאַפט.

די פאַרזאַמלטע פילן דעם גרויסן סימבאָל: מיט אַכצן יאָרהונדער־טער צוריק איז אין דער נאָענטער יבנה אויפגעשטעלט געוואָרן די ישיבה פון יוחנן בן זכאי. און איצט הייבט זיך אָן, אויף דער זעלבער ערד, אַ ניי קאַפּיטל, אַ נייער רינג אין דער אַלטער שלשלת הזהב.

זאָגן יידן: פון יוחנן בן זכאי ביז חיים בן עוזר — סאַראַ לאַנגער וועג, און דאָך — אַזאַ נאַטירלעכער, אַזאַ יידישער.

38

די וועגווייזער, אַרומגערינגלט פון מאַסן באַזוכער, וואָס שטראָמען צום פאָרשונגס־אינסטיטוט אין רחובות, שטייען אין פראָנט פון „דניאל זיוו״־בנין און ווייזן אָן אויפן אויבערשטן שטאָק:

— אויבן, רעכטס, זענען די פענצטער פון ווייצמאַנס לאַבאָראַטאָריע.

אַ פליסטער גייט אַדורך צווישן עולם:

— ער אַרבעט נאָך? וואָס פאָרשט ער איצט? בלייבט אים אויך צייט דערויף?

ווייצמאַן איז אַ שטרענגער אָנפירער פון אינסטיטוט.

— טאַלאַנט אָן פלייס וועט ווייט נישט פאָרפירן — באַמערקט ער נישט איין מאָל.

לעבן זיין לאַבאָראַטאָריע געפינט זיך דער אויפנאַם־צימער. ער זיצט אין אים אָפט לאַנגע שעהען ביחידות.

דער צימער — פון אַ מיטעלער גרויס. אַ שרייבטיש, אַ פּאָר שווערע פאָטעלן און אַ סאָפע; דורך די פענצטער, באַצויגן מיט לייכטע גאַרדינען, אַנטפּלעקט זיך אָן אויסבליק צו די ירושלים־בערג.

אויפן טיש שטייען צוויי בילדער — פון פריץ האבער און פון ריכאַרד ווילשטעטער.

ווייצמאַן קוקט אָפט אויף די בילדער און טראַכט: אָט די צוויי מענטשן זענען רק געלערנטע: קיין ציוניסטן זענען זיי נישט געווען. בלויז אין איין וועלט האָבן זיי געשוועבט; דערין איז זייער גבורה און זייער שוואַכקייט.

ווייצמאַן שרייבט בריוו, אָדער פאַרטיפט זיך אין וויסנשאַפטס־ענינים. אויפן פּאַפּיר שלענגען זיך כעמישע פאָרמולעס, סאַראַ אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע אַרבעט: דוכט זיך ווי דער מענטש וואָלט זיך געקירעוועט אין אַ טונקעלן טונעל, געזוכט דעם צווייטן עק, דעם ליכטיקן טויער, וואָס גיט דיך פּלוצעם אַ שטעל אַוועק פאַר אַ נייער, אומבאַקאַנטער וועלט. ווייצמאַן איז געווען באַשענקט מיט אַ דערפינדערישן חוש; מער ווי פאָרשער איז ער געווען דערפינדער. אַ דאַנק אָט דעם חוש האָט ער שוין אַלס סטודענט געהאַט דערפאָלגן.

פאַרן אַריינגיין אין צימער באַפעלט ווייצמאַן זיין סעקרעטאַר:
— טאָמער קומען ציוניסטן, זאָג, אַז איך בין נישטאָ...

און אַט קלאַפּט אין טיר דער סעקרעטאַר. אַז ער באַקומט נישט קיין ענטפער, נעמט ער זיך אָן מיט מוט, עפנט פּאַמעלעך די טיר און קומט אַריין.

ווייצמאַן הייבט אויף דעם קאָפּ פון איבער די שטויסן פּאַפּיר. זיין בליק איז פאַרטראַכט, דער געדאַנק שוועבט ערגעץ איבער די געשלענגלטע פאָרמולעס.

דער סעקרעטאַר אינפאָרמירט וועגן אומרוען:

...מיט אַ צוויי שעה צוריק איז אַ גרופּע באַוואָפנטע יידן אַריין אין אָפיצירן־קלוב אויף הירקון־גאַס אין תל־אביב און פאַרהאַלטן די ענגלישע מיליטערלייט, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען. צוויי אָפיצירן, וואָס האָבן זיך געוועהרט, האָט מען געשלאָגן מיט אייזערנע רערן.

...אויך אין חיפה איז נישט רויק. דרייסיק יידן אויף אַ לאַסט־אויטאָ זענען דאָרטן נעכטן אַריינגעפאָרן אין הויף פון די באַן־וואַרשטאַטן. זיי האָבן זיך געעפנט אַ וועג מיט דער הילף פון האַנט־גראַנאַטן און אויטאָ־מאַטישן וואָפן און איבערגעלאָזן אויפרייס־שטאָפן אין פאַרשידענע פונקטן. אַ ווײלע שפּעטער האָבן אויפגעריסן אייניקע בנינים.

...מען גיט צו וויסן פון ירושלים, אַז מען האָט געשאָסן אויף צוויי אָפיצירן אויף קינג־דזשאָרדזש גאַס...

ווייצמאַן איז אויפגעשטאַנען פון זיין שטול, צוגעגאַנגען צום פענצ־טער, פונאַנדערגערוקט די גאַרדינען און זיינע אויגן האָבן זיך געעגבערט אין דער ווייט. דער סעקרעטאַר איז געשטאַנען ביי דער טיר און געוואַרט אויף אינסטרוקציעס. אָבער ס'איז שאַ שטיל.

אַ מינוט שפּעטער האָט זיך ווייצמאַן אַ קער געטאָן צום סעקרעטאַר און אַ פרעג געטאָן:

— אויף ווען איז באַשטימט אונדזער באַזוך אין פּתח־תקוה?

ווייצמאַן נעמט אַרויס דעם זייגער פון זיין וועסטל־קעשענע און ער פאַר־טראַכט זיך ווידער.

אַ שעה שפּעטער האָט אים דער אויטאָמאָביל געטראָגן דורך רעשיקע גאַסן. ווייצמאַן רעדט צום שאָפער, אָדער צו זיך אַליין:

— באַלד וועט מען דאָ דאַרפן זוכן אַ פּרוכטבוים מיט אַ פאַרגרע־סער־גלאָז. תל־אביב פאַרשלינגט די פּרדסים אַרום.

ווייצמאַן נורעט זיך איין אין ווינקל פון גרויסן אויטאָמאָביל און ער מורמלט:

— בעווין וויל אַ מלחמה מיט די יידן און מיר מוזן זי אויסמיידן. זיין סטראַטעגיע איז קלאָר ווי דער טאָג: פון איין זייט — שלאָגן אונדז איבער קאָפּ, און פון דער צווייטער — פאַרלאַנגען הכנעה און געדולד. דאָס איז טאַקע נישט קיין לייכטער נסיון. מיר טאָרן אָבער נישט פאַר־שפּילן. בעווין וויל דאָך טאַקע, אַז מיר זאָלן פאַרלירן דעם קאַמף און אָפּטאָן עפּעס אַ פאַרצווייפלטן אַקט, דאַן וועט ער זיך אַ לאָז טאָן אונדז אומצוברענגען.

— זענען מיר שוין אָנגעקומען קיין פּתח־תקוה?

מען נעמט אויף ווייצמאַנען מיט אַ מיליטערישן פּאַראַד. באַוואָפנטע וועכטער סאַלוטירן אים מיט קלונג און קנאַק.

אין שטאָט־גאָרטן קומט פאָר אַ גרויסער קבלת־פּנים.

ווייצמאַן קומט אָן, אין דער באַגלייטונג פון בירגערמייסטער, נאָך אַ לענגערן באַזוך איבער די נייע פאַבריקן און בּוידונגען אין שטאָט.

איצט זיצט ער אויף דער טריבונע און קוקט אויפן גרויסן עולם. אַ סך פון זיי זענען האַרעפּאַשנע מענטשן; זייערע הענט און פּנימער זאָגן עדות אויף שווערער פּראַצע. זיי ווילן וויסן וואָס עס האָט זיי צו זאָגן זייער פירער.

ווייצמאַנס שטים וויגט זיך שטיל, אָבער געררירט:

...— בעווין האָט מורא פאַר אַ יידישער ראַסן־מדינה. זיינע רמזים אין דער ריכטונג זענען אָפּטע. זאָל זשע זיין קלאָר, איין מאָל פאַר אַלע מאָל: די מדינה וואָס וועט אויפגיין פון דער יידישער היים, וועט נישט זיין ווייניקער און נישט מערער ראַסיסטיש ווי שווייץ, קאַנאַדע, פראַנק־רייך אָדער ענגלאַנד. ...אונדזער גורל איז — שפּאַנען צו פרייהייט, און מיר וועלן פון אים נישט קענען אַנטלויפן, ווען מיר וואָלטן עס אַפילו געוואָלט.

ווייצמאַן דערמאָנט בעווינס קאָמפּלימענטן אויפן חשבון פון יידישער פעיקייט און טאַלאַנט. דעם יידישן אינטעלעקטועלן כוח וואָלט אָבער בעווין געוואָלט פאַרווענדן — זאָגט ווייצמאַן — ערגעץ אויף אַ ווייטער פּלאַנעטע, אָבער נישט אין ארץ־ישראל.

ווייצמאַן קוקט אויפן עולם. אפשר טראַכט ער וועגן זיין ערשטן וויזיט אין פּתח־תקוה מיט אַ פערציק יאָר צוריק. ער דערמאָנט זיך דעם דעמאָל־טיקן מדבר, די קראַנקייטן, וואָס האָבן פאַרשניטן צענדליקער און הונ־דערטער. און איצט זעט ער וואָס יידישע אַרבעט האָט אויפגעטאָן: גרינע גערטנער און פעלדער מיט גאָלדיקער תבואה, פאַבריקן און וואַרשטאַטן.

„...דורות זענען אַריבער ביז פּתח־תקוה איז געוואָרן אַ בליענדיקער גאָרטן. דאָס סימבאָליזירט דעם וועג, אויף וועלכן מיר וועלן אויך ווייטער גיין. איך קען נישט קיין אַנדערן וועג, וואָס זאָל דערפירן צו אונדזער ציל"...

פאָרנדיק צוריק אַהיים, דערמאָנט זיך וויצמאַן וועגן די בחורים וואָס שלאָגן אָפּיצירן מיט אייזערנע רערן און רייסן אויף באַן־וואָרשטאַטן.

פּאָליאַקן האָבן אַזוי געקעמפט, און אירלענדער, און... יידן אָבער זענען צוויי טויזנט יאָר געגאַנגען מיט אַן אַנדער וועג... איז וואָס וועט זיין?

וויצמאַן זינקט אין אַ געווירבל פון געדאַנקען. ערשט — רחובות, דער אינסטיטוט, די היים.

29סטער יוני 1946 — דער שוואַרצער שבת!

דווקא אַ שבת האָט בעווין אויסגעקליבן אויף אויפצורייסן די יידיש־ענגלישע פריינדשאַפט. ער טוט עס מיט גראָבקייט אָן אַ שיעור. דער מיטגליד פון דער אַגענץ, הרב פישמאַן, איז געצוווּנגען מחלל שבת צו זיין. מיליטער רייסט זיך אַריין אין די ביוראָען פון דער יידישער אַגענץ אין ירושלים און אין תל־אביב. פיר פון אירע מיטגלידער ווערן פאַרהאַלטן.

איבערן ישוב לאָזט זיך אַראָפּ די ברוטאַלע זעלנערישע האַנט. מענטשן ווערן אַרעסטירט, געשלעפּט פון זייערע הייזער, פאַרשעמט, גע־שלאָגן. דאָס יידישע שוץ־וואָפן ווערט קאָנפיסקירט.

בעווינס אַטאַקע אויפן ישוב איז אַ פולשטענדיקע. דאָס איז כלומרשט זיין ענטפער אויף די פאַרצווייפלונגס־אַקטן פון געוויסע יידישע קרייזן. פאַר די מיטגלידער פון אַקציאָנס־קאָמיטעט אין ירושלים דערקלערט וויצמאַן:

„לאָמיר וואָרענען אונדזערע ענגלישע פריינד, אַז אונדז, די שוואַכסטע פון די אומות, באַוועגט דער זעלבער גייסט, וואָס האָט באַוועגט גרויס־בריטאַניע אין דער שווערסטער שעה פון איר געשיכטע. פונקט ווי זי האָט באַזיגט אירע פיינט, אַזוי וועלן מיר אויך אונדזערע באַזיגן".

„...אין ענגלאַנד איז געקומען צו דער מאַכט אַ פּאַרטיי, וואָס האָט זיך מתחייב געווען צו העלפן פּאָליטיש דעם ציוניזם, מער ווי וועלכער עס איז אַנדער קרייז אין לאַנד. די רעגירונג פון אָט דער פּאַרטיי זעט ווי עס גייען אויס די איבערגעבליבענע פון אונדזער פאָלק אין די לאַגערן און קיין זאַך ווערט נישט געטאָן פאַר אַ גערעכטער און דויערהאַפטער ליזונג פון ארץ־ישראל־פּראָבלעם... פריער שאַפט מען אַ האָפענונגס־לאָזע לאַגע און דערנאָך באַשטראָפט מען נישט קיין אַנדערן נאָר דעם קרבן אַליין"...

„...ווען אפילו דאָס ערגסטע וואָלט געשען, וועלן יידן זיך נישט אָפּזאָגן פון זייער פרייהייט־קאַמף. ווען אַפילו אַלץ זאָל חרוב ווערן, וועלן יידן אָנהייבן צו בויען פון דאָס ניי״.

„...ענגלאַנד האַלט הינטער שטעכלדראָטן מענטשן וואָס האָבן געאיילט איר צו העלפן, ווען זי איז געווען אַליין און זיך גענייטיקט אין יעדער הילף. זאָל די וועלט וויסן: דער יידישער קריג פאַרן לעבן און קיום איז גאָרנישט ביליקער ווי דער ענגלישער איז געווען״.

אין זעלבן טאָג טרעפט זיך וויצמאַן מיט אַ גרופּע זשורנאַליסטן אין עדן־האָטעל.

ער קומט אַריין אָנגעשפּאַרט אויף וויסגאָלס אָרעם. עפּעס איז פאַראַן אין אים, וואָס צווינגט מענטשן איינצובייגן דעם קאָפּ. עס דוכט זיך, אַז געוויסע אויסלענדישע זשורנאַליסטן שעמען זיך צו קוקן אים אין פּנים.

וויצמאַן בעט, אַז מען זאָל פאַרלייענען זיין רעדע פאַרן אַקציאָנס־קאָמיטעט. דערנאָך שטעלט מען אים פראַגן.

ביסלעכווייז ווערט זיין פיגור אויסגעגלייכט. די כוחות זאַמלען זיך ווידער אין אים.

— בעווין האַלט, אַז אויב מען זאָל פאַרזעצן די יידישע אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל, וועט אַלץ אויפגיין אין פייער־פלאַמען. איך מיש זיך נישט אין בעווינס ענינים. איך האָב מיין מיינונג וועגן אים. מעגלעך, אַז ווען איך וואָלט געדאַרפט האָבן אַן אויסערן־מיניסטער, וואָלט איך אים געזוכט אין אַנדערע קרייזן... יידן האָבן רעכט זיך צו שיצן. כדי אָוועקצונעמען פון זיי דאָס געווער וועט מען מוזן איבעראַקערן די ערד פון גאַנץ ארץ־ישראל, און דאָס איז גאָרנישט אַזוי פּראַקטיש.

וויצמאַן לאָזט זיך קיין לאַטרון — צו די פאַרהאַלטענע פירער הינטערן שטעכל־דראָט.

ער פאַרבראַכט מיט די פאַרשפּאַרטע אַריבער אַ שעה. שערטאָק שמייכלט צו אים, ווי ער וואָלט אים וועלן מוטיקן.

ווער מוטיקט דאָ וועמען? יידן שעפּטשען: די אויגן זיינע — ווי אויסגעלאָשן.

דאָס וואָס וויצמאַן האָט יאָ געזאָגט אָדער נישט געזאָגט די מענטשן אין לאַטרון איז געווען אַ טייל פון זייער אָטעם, אַ טייל פון זייער פּיין און מוט. איז דען אַנדערש געווען זייער צער פון זיינעם? זייער גבורה פון זיינער?

שווער איז וויצמאַנען דאָס מאָל געווען זיך צו געזעגענען מיטן ישוב.

ער פילט, אַז זיין פלאַץ איז איצט אין לאָנדאָן, אָבער ווי זאָל ער איבער־לאָזן הינטער זיך אַזאַ מצב? די פירער פון ישוב זענען אַרעסטירט, הונדערטער בויער און שעפער — פאַרשפּאַרט, שטעט און דערפער — באַלאַגערט.

אין לאָנדאָן מאָביליזירט ער יעדעס ברעקל ענערגיע און פריינדשאַפט. ער יאָגט פון זיך די דאָקטוירים, וואָס זענען באַזאָרגט צוליב זיין אָפּגע־שוואַכטן געזונט.

און פלוצעם, ווען ער האָט שוין באַוויזן אָנצובינדן וועלכע עס איז קאָנטאַקטן, גרייכט ווייצמאַנען די נייעס פון 22סטן יולי 1946: אַ גאַנצער פליגל פון „מלך דוד״־האָטעל אין ירושלים, ווו עס איז איינגעשטאַנען דער העכערער ענגלישער שטאַב, איז אויפגעריסן געוואָרן. אויך אומשול־דיקע מענטשן זענען אומגעקומען.

ווייצמאַן זעט, אַז די מאַכט גליטשט זיך אַרויס פון זיינע הענט. ער קען נישט אַרויפצווינגען זיין אויטאָריטעט אויף די עקסטרעמע גרופּן. ער קעמפט אין נאָמען פון גערעכטיקייט און שלום און דאָ באַנוצן זיך יידן מיט אַ געווער, וואָס מאַכט צונישט זיינע אַרגומענטן וועגן אייגנאַרטיקן יידישן וועג. אויב יידן נעמען זיך צו בלוט־פאַרגיסונג, איז צו וואָס זאָלן מיר — וועלן גויים פרעגן — זיך איינשטעלן פאַר זיי? אויף איין זייט פון וואָגשאָל וועט די וועלט אַרויפלייגן אַזאַ אַקט ווי דער אויפרייס פון „מלך דוד״־האָטעל, אויף דער צווייטער — די שחיטה פון מיליאָנען יידן. און אַזוי אַרום וועט מען אויסגלייכן דעם קרומען חשבון און זיך באַפרייען פון געוויסנסביסן. די וועלט וועט זיך נישט אַריינלאָזן אין טראַכטענישן וועגן יידישער פאַרצווייפלונג. זי וועט זען דאָס, וואָס עס לוינט איר און מאַכט גרינגער איר געוויסן: יידן וואָס וואַרפן באָמבעס.

ווייצמאַנען איז שווער צו גלייבן, אַז עס איז שוין נאָך אַלעמען, אַז אויף אייביק איז אומגעפאַלן די בריק.

אויף צו מאָרגנס אין דער פרי האָט די פּאָסט אים געבראַכט די ווולגאַרע וואָכנשריפט „ניוז אָף די וואָרלד״. ווייצמאַן האָט דאָרטן גע־לייענט:

...דער טעראָר אין ארץ־ישראל ווערט אויסגעפירט פון אַ ציוניסטיש מיליטער, מיטן וויסן פון די פירער פון דער יידישער אַגענץ... די יידן ווילן שאַפן אַ מדינה איבער דער שמאָלער בריק, וואָס פאַראייניקט דעם מזרח מיטן מערב, כדי זיי זאָלן קענען ענדערן דעם כוחות־באַלאַנס אויף דער וועלט לויט זייער ווונטש. די יידן גרייטן זיך צו באַהערשן די וועלט...

װײַצמאַן האָט אַ שמיץ געטאָן דעם זשורנאַל און גענומען גרייטן זיך גיין אין פּאַרלאַמענט, כּדי צו באַטייליקן זיך אין אַ זיצונג פֿון דער דעפּו־טאַטן־ליגע פֿאַר ארץ־ישׂראל.

װעראַ האָט שױן אױף אים געװאַרט בײַ דער טיר. זי האָט אױסגעזען יונג און מוטיק. װײַצמאַן האָט גענומען איר אָרעם און אַװעק צו דער זיצונג.

39

אין דעצעמבער 1946 קומט פאַר אין באַזעל דער ערשטער ציוניס־טישער קאָנגרעס נאָך דער מלחמה.

— ווו זענען די פּוילישע יידן, גאָט מיינער? — שטורעמט עס אין ווייצמאַנען. און וואָס האָט דער ציוניסטישער פירער צו זאָגן די פאַרזאַמלטע 386 דעלעגאַטן, נאָך דעם בלוטיקן מבול?

ווייצמאַן שטייט אויף דער טריבונע און לייענט זיין רעדע פון די אָנגעשריבענע צייטלעך. די ראיה ביי אים איז אַ שוואַכע. ער בייגט זיך איין צו דער עלעקטרישער לאָמפּ לעבן אים, עס העלפט אָבער ווייניק.

די צונג באַוועגט זיך שווער; די ענגלישע שפּראַך קומט אים אָן דאָס מאָל נישט לייכט.

— וואָס עפּעס ענגליש? — וווּנדערט מען זיך.

— העברער, העברער! — הערן זיך שטימען פון צווישן עולם.

ווייצמאַנס שטים דערגייט קוים צו דער פינפטער שורה. ער שטרענגט זיך אָן, אָבער מען הערט אים קוים.

ער מאַכט דעם איינדרוק פון אַן אַלטן, צעבראָכענעם מענטש. מען קוקט אויף אים מיט מיטלייד, אָבער נישט מיט באַוווּנדערונג, צו וועלכער ער איז צוגעוווינט.

ווייצמאַן לייענט:

„...מען מוז זאָגן דעם ביטערן אמת: מיר האָבן צו פיל געהאָפט און צו ווייניק זענען מיר געווען באַזאָרגט. מיר האָבן נישט גענוג באַנומען די ווילדקייט פון שונא און גלייכצייטיק האָבן מיר איבערגעטריבן די קלוגשאַפט און דאָס געפיל פאַר גערעכטיקייט ביי אונדזערע פריינד".

„...אונדזער טראַדיציע איז שטענדיק געווען דורכגענומען פון אַ ליבעראַלן גייסט. עס האָט שטענדיק אין אונדז געלעבט דאָס רעוואָלט־געפיל קעגן דער געצן־הערשאַפט. ווען דער ווילדער שטורעם האָט זיך אַ טראָג געטאָן, האָט זיך זיין גאַנצער צאָרן אויסגעגאָסן קודם־כל אויף אונדזער קאָפּ. זייענדיק היימלאָז און צעשפּרייט, האָבן מיר זיך ניט געקענט שיצן. די זעקס מיליאָן טויטע זאָגן עדות, וואָס עס מיינט צו זיין היימלאָז".

„...מיר האָבן געבעטן, אַז מען זאָל נישט שליסן די טויערן פון

אונדזער לאַנד, ווען דאָס אומגליק איז געקומען. די געשיכטע וועט משפּטן צי דאָס איז געווען אַן איבערגעטריבענער פאַרלאַנג".

..."אין נאָמען פון וועלכן קרומען יושר איז רעכט צו באַלוינען די אַראַבער מיט זיבן מלוכות, טראָץ דעם וואָס זיי האָבן מיט גאָרנישט נישט בייגעשטייערט צום נצחון פון די דעמאָקראַטיעס, און פאַר די יידן איז צופיל אַ קליינע און אָרעמע היים?"

ווייצמאַן רעדט וועגן מעשים וואָס זענען נישט יידיש. מען טאָר נישט גיין אויף וועגן, וואָס פון שטאַנדפּונקט פון דער יידישער מאָראַל זענען זיי נישט דערלאָזבאַר און מען קען זיי נישט פאַרגעבן.

ווידער טומלען שטימען:

— מען הערט נישט!

— וואָס זאָגט ער, וואָס?

ווייצמאַן לייענט ווייטער. ער ראַנגלט זיך מיט זיין אָנגעשריבענער רעדע. אָט וועט ער באַלד ענדיקן. נאָך אַ זייט, נאָך אַ האַלבע.

ווייצמאַן גייט אַראָפּ פון דער טריבונע. יידן זענען נישט צופרידן: ווו איז דער גרויסער פּלאַן פאַר דער צוקונפט? וואָס פאַראַ נייעס האָט אונדז ווייצמאַן געבראַכט? נאָך די זיבן, גרויזאַמע יאָרן קומט דער פירער מיט אַן ענגלישער רעדע, וואָס מען האָט קוים געהערט.

ווייצמאַן איז מספּיד די אויסגעשאָכטענע מיליאָנען פון יידישן פאָלק. נישט דער לאָנדאָנער ייד שטייט איצט אויף דער טריבונע, נישט דער מאַן, וואָס רעדט מיט לאָרדן און מיניסטאָרן, נאָר אַ ייד פון פּינסק, וועמענס ברידער און שוועסטער אין די וואַרשעס און ווילנעס, אין די בערדיטשעווס און קיעווס זענען אויף אייביק פאַרשניטן געוואָרן.

ווייצמאַן רעדט אין דער שפּראַך פון זיין מאַמע, — אין יידיש.

אויסגעלאָשן זענען אַלע ליכט, אויסער די צוויי נשמה־ליכט, לעבן ווייצמנס שטענדער. דער פּרעזידיום־טיש אין שוואַרצן, איז ליידיק. אַ בלוטיק־רויטער פּרוכת איז פאַרצויגן איבערן הינטערגרונט פון דער טריבונע.

שפּעטער, ווען עס צעפלאַקערן זיך די דעבאַטן, איז דער אַלטער, קראַנקער מאַן מער נישט אַלט און נישט קראַנק. זיינע רייד באַווייזן וווּנדער. ער איז צוציענדיק ביז גאָר.

אין וואָס באַשטייט דער סוד פון זיין חן?

פלינק און קלוג אָפּעריִרט מיט זיין העברעיִש דער יונגער ארץ־ישראל־דיכטער, נתן אלתרמן: „אף על פי כן, איז מסתמא נישט שקר ווייצמאַנס חן".

נישט נאָר דער ספּעציפישער ציטער אין ווייצמאַנס שטים שאַפט דעם ווונדער. עס איז פאַראַן אין זיינע רייד אויך תוכיקייט, אויך אמונה — זאָגט דער דיכטער אין זיין ליד.

מענטשן פרעגן: וואָס אַזוינס איז פאַראַן אין ווייצמאַנס צוק מיט די אַקסלען, וואָס אַנטוואָפנט שונאים פון רעכטס און לינקס? ווו ליגט דער כוח פון זיינע „פינסקער חכמות" און משלים? פון וואַנען די קראַפט, וואָס טראָגט זיך פון זיין ביטול־שמייכל, וואָס אַנטשפּאַנט מערער ווי די וואַגיקסטע רייד?

ווייצמאַן שטייט אויף דער טריבונע און ער רעדט זיך געלאַסן:

— נישטאָ קיין קפיצת הדרך. אין אָנהייב האָבן מיר עס אפשר געקענט באַווייזן, אָבער מיר האָבן פאַרזען, נישט אויסגענוצט געוויסע קאָניונקטורן. עבר זמנו בטל קרבנו, וואָס פאַרפאַלן, איז פאַרפאַלן. עס איז אויפגעקומען אַ נייער מלך און מען מוז אויפסניי אָנהייבן פון „בראשית ברא".

— איר זענט גערעכט, יידן, אונדזער לאַנד איז קליין, טאָ ווי זשע זאָלן מיר מסכים זיין מיט אַ נייער צעטיילונג? איך האָב אָבער נישט קיין טענות צו משה רבינו, כאָטש עס איז לייכטער צו שווימען אין אַ ים, ווי אין אַ וואַנע.

— און לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז די אַראַבער עקזיסטירן, חיים וקיימים. זיי זענען די מערהייט. פּונקט ווי מיר ווילן נישט זיין קיין מינדערהייט, ווילן עס אויך די אַראַבער נישט, און וואָס ס'איז גערעכט פאַר אונדז, איז אויך גערעכט פאַר זיי.

און מער פון אַלץ רירט דאָס האַרץ פון די צוהערער ווייצמאַנס גרויסע איבערגעגעבנקייט צום לאַנד. ווען ער רעדט וועגן ישוב, וועגן די דערגרייכונגען, קלינגט אין זיינע רייד אַ פאָטערלעכע ליבשאַפט און זאָרג. מען פילט, אַז ווייצמאַן איז נישט מסוגל אויף קיין שריט, וואָס וואָלט געקענט שטעלן אין געפאַר דאָס אויפבוי־ווערק אין לאַנד, אַז ער וועט נישט איינגיין אויף קיין טעטיקייט, וואָס איז אין סתירה צום ייִדישן גייסט.

— „וואָס וועט זיין מיטן גורל פון יידנטום און פון ארץ־ישראל, אַז מען וועט נעמען חרוב מאַכן די יסודות, אויף וועלכע מיר האָבן געבויט מיט שוויס און בלוט, מיט זאָרג און צער, במשך פיר דורות חלוצים — די קייט,

וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די חובבי־ציון און זיך געענדיקט מיט די מעפּילים־שיפן, וואָס גרייכן צו די ברעגן פון לאַנד?"

— "מלחמות קען מען נישט באַגרענעצן. מען ווייסט בלויז ווו זיי הייבן זיך אָן, אָבער נישט — ווו זיי קענען זיך ענדיקן. גאָט מיינער, איך קען דאָס יידישע פאָלק. איך וויל עס נישט באַליידיקן, וואָרעם איך האָב וועגן אים אַ געהויבענע מיינונג. איך גלייב, אַז איך קען זיין נשמה. איך בין דאָך געבוירן געוואָרן דאָרט, ווו עס האָט געקלאַפּט דער דופק פון פאָלק, אָבער אַט דאָס פאָלק עקזיסטירט דאָך נישט מער. עס איז פאַראַן דער נייער ישוב אין אַמעריקע, אָבער ער אָטעמט אַן אַנדער לופט. איך ווייס נישט צי אין אים איז פאַראַן די מסירות־נפשדיקייט און דער כוח פון קידוש־השם, מיט וועלכע עס זענען געווען באַשאָנקען אונדזערע עלטערן. עס איז נישט קיין זינד צו צווייפלען דערין...

— אַמעריקע? אַוודאי וועט זי אונדז העלפן, אָבער זי וועט נישט קעמפן מיט ענגלאַנד צוליב אונדז. בעווין האָט איבערצייגט באַרנסן, און נישט פאַרקערט.

— "דער פאַקט, אַז יידן ליידן, באַדייט נישט, אַז מען דאַרף זיך לאָזן אויפן וועג פון אַוואַנטורעס. יידן טאָרן נישט אַראָפּגיין פון דרך־הישר. דער גלייכער וועג איז דער, אויף וועלכן יידן אין ארץ־ישראל זענען געגאַנגען ביז אַהער. עלף נייע ישובים אין נגב זענען פיל וויכטיקער ווי הונדערט רעדעס וועגן רעוואָלט און קעגנערשאַפט, בעיקר, ווען מען האַלט די רעדעס אין וואַשינגטאָן, אָדער ניו־יאָרק און מען וויל, אַז אַנדערע זאָלן קעמפן אין ירושלים, אָדער תל־אביב...

עמעצער וואַרפט אַריין אַ ביטער וואָרט: "דעמאַגאָג", און וויצמאַן ענטפערט מיט גאַל און צאָרן. ער באַווייזט זיין ציוניסטישן חשבון. זאָל מען וויסן, אַז "אין יעדן הויז און שטאַל אין נהלל, אין יעדן פאַבריקל אין חיפה און תל־אביב, איז פאַראַן אַ טראָפּן פון זיין בלוט".

די דעלעגאַטן שטעלן זיך אויף פון זייערע פלעצער און אַפּלאָדירן.

און ווידער וואָרנט וויצמאַן קעגן קפיצת־הדרך און געשיכטע־פעל־שונג: "איך גלייב נישט אין גוואַלד־אַקטן. איך בין אויפגעוואַקסן אין אַ ליבעראַלער תקופה, וואָס איז ליידער אַריבער און נישטאָ מער. איצט זענען מיר אַריין אין אַ תקופה פון ברוטאַליטעט. אויב אַנדערע פעלקער קענען זיך דערלויבן אויף ברוטאַלע מיטלען, ווייס איך אָבער נישט צי מיר קענען אויך אַזוי האַנדלען".

און ער רעדט וועגן בן־גוריונס ראַנגלען זיך אַרום די פראַגן: בויען, קעמפן — אַז איינס זאָל נישט סותר זיין דאָס צווייטע. דערציילט

דערביי ווייצמאַן: „מיין באָבע האָט געהאַט צוויי זין און יעדער איינער פון זיי — אַן אַנדער געשעפט. איינער האָט אויסגעקוקט אויף רעגן און דער צווייטער אויף פראָסט. פלעגט די באָבע מתפלל זיין: רבונו של עולם, גיב מיר אַ וואַרעם פרעסטל״...

ווייצמאַן וויל נישט אָננעמען דעם פּאָסטן פון אַן ערן־פּרעזידענט. „איך בין נאָך נישט גרייט צו שרייבן מיין צוואה״ — וואַרפט ער אָפּ די פאַרשידענע דריידלעך, וואָס מיינען פאַקטיש זיין רעזיגנאַציע.

ווייצמאַן זעט אָבער איין, אַז מען וויל אים נישט האָבן. ער פאַרלאָזט דעם קאָנגרעס, נאָך איידער ער שליסט זיך. עס ענדיקן זיך די זיצונגען און מען ווילט נישט אויס קיין פרעזידענט. מען באַשליסט, אַז דער אַק־ציאָנס־קאָמיטעט וועט עס טאָן אין אַ שפּעטערדיקער דאַטע.

זיינע פריינד און חברים קומען אים פרעגן צי מעגן זיי אַריינגיין אין דער נייער עקזעקוטיווע אָן אים. ווייצמאַן גיט זיי אַ פרייע האַנט; אַדרבא, זאָלן זיי אָננעמען די פאַרגעשלאָגענע פּאָסטנס. אָבער אַ פּאָר טעג שפּעטער איז ער פול מיט אויפרעגונג און ער זידלט חברים און פריינד. ער קען נישט זיין מחוץ פון דער עקזעקוטיווע. פונקט ווי אַ פאָטער, וואָס ציטערט איבער זיין קינד, וואָס מען האָט אַרויסגעריסן פון זיינע הענט, איז ווייצמאַן פול מיט זאָרג און שרעק. ער האָט מורא טאָמער וועט מען זיך לאָזן אויף אַ געפערלעכן וועג. ער ציטערט פאַר איבערגעאיילטע מעשים.

ער צילט זיינע פיילן אויף אַלע זייטן. ווייצמאַן איז ביטער און אָפּט־מאָל — אַן רחמנות. שווער איז איצט צו שטיין אין זיינע ד׳ אַמות.

דער רעגן זאַפּט לאַנגזאַם איין אין נהלל־באָדן. קאַלוזשעס וואַסער שטייען אויף דער הויפּטגאַס פון דאָרף.

ווייצמאַן, איינגעהילט אין אַ ברייטן רעגנמאַנטל, גייט פּאַמעלעך איבערן וועג.

קינדער לויפן פאָרויס אָנזאָגן יעקב אורין, אַז „דער טאַטע פון די יידן״ איז געקומען.

אורי, די גרויע טשופּרינע צעפּאַטלט, לויפט אים אַנטקעגן.

ער פירט דעם גאַסט צו זיך. ביי אורין איז וואַרעם, אָנגענעם. ווייצ־מאַנס פּנים איז איינגעפאַלן, טונקעלע פלעקן זעען זיך אַרום זיינע אויגן. אין דרויסן פאַלט דער רעגן און מאַכט נאָך טיפער די שטילקייט אינע־

וויניק. יעקב אורי שלאָגט פאָר אַריינצורופן חברים. זיי וועלן זיך זיכער פרייען.

דאָס צימער ווערט פול מיט מענטשן און מיט ריחות פון נאָסער ערד. וויצמאַן הייבט אָן:

— איך האָב זיי געזאָגט, די ציוניסטן אין לאָנדאָן: דער נייער דור איז וווּנדערבאַר, אָבער זיין וויסן איז באַגרענעצט און ער באַנעמט נישט וואָס עס מיינט הומאַניזם אין אַ וועלט־מאָסשטאַב. איך האָב זיי געוואָרנט, אַז מען מוז רעפאָרמירן דעם חינוך. נקי כפיים ובר לבב איז אַ גרויסער יידישער אידעאַל און איך האָב מורא מען זאָל אים נישט פאַרשוועכן.

די מלחמה מיט ענגלאַנד שטעלט אונדז פאַר אַ שווערן נסיון פון דערגיין צו אַ ברודער־קאַמף. עס פרייט מיך דעריבער וואָס דער ישוב האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג פון די ענגלענדער, אַז מיר זאָלן זיי העלפן באַקעמפן די טעראָריסטישע גרופן. מיר זענען נישט קיין מוסרים. לאָמיר זיך נישט לאָזן אויפרייצן איינע קעגן די אַנדערע.

— איז ווי זאָלן מיר קעמפן? — פרעגט עמעצער.

— ווּ איז דער וועג? — פרעגט אַ צווייטער.

— „ציון במשפט תפדה" — שעפּטשעט וויצמאַן, ווי אין אַ תפילה — דווקא איצט מער ווי שטענדיק, נייטיקן מיר זיך אין אַ ברייטצוגיקן הומאַניזם.

אין דרויסן, פון צווישן די וואָלקנס, איז אַרויס די זון. איר גאָלדיקייט איז אַריינגעפלאָסן אין צימער.

חברים האָבן געוואָרט צו הערן עפּעס אַ בשורה פון זייער מנהיג, אָבער ער קען עס נישט זאָגן.

וויצמאַן רופט זיך אָן, אַרויסקוקנדיק דורכן פענצטער:

— איך האָב זיך געגעבן אַ נדר פון שווייגן. דערווייל איז נאָך נישט געקומען די צייט פון איבעררייסן מיין נדר.

אין חלל זענען געבליבן שוועבן פראַגעס נישט געפרעגטע, תשובות נישט געזאָגטע.

אין דרויסן איז וויצמאַנען אַנטקעגנגעשווומען אַ ריינער הימל. אין די קאַלוזשעס האָט געפינקלט די זון.

וויצמאַן שפּאַצירט מיט די חברים. ער קוקט אַריין אין די שטאַלן, אין די וואַרשטאַטן און שולע־צימערן. אָפט נעמט ער אַרויס זיין ביכעלע און מאַכט קורצע נאָטיצן.

בעתן שפּאַציר דערציילט ער:

— אויפֿן לעצטן קאָנגרעס בין איך נישט איין מאָל געווען אויסגע־שטעלט אויף איינזאַמקייט. מען האָט מיר פֿאַרגעשלאָגן די ערן־פּרעזי־דענטור... בין איך געקומען אַהער, קיין נהלל, הערן וואָס איר, קינדערלעך, האָט מיר צו זאָגן.

— דער עמק ווענדט זיינע אויגן צו דיר, חיים בן עוזר — זאָגט ווער מיט דבקות.

— מען האָט דאָך אָבער מיך נישט געקרוינט — רופֿט זיך אָן ווייצמאַן.

— מיר זענען אויף דיין זייט, חיים בן עוזר — ענטפֿערט אים די זעלבע שטים פֿון אַן ערד־מענטש.

40

בעווין איז ממשיך מיט זיין קריג.

ענגלישע קריגסשיפן פאַרכאַפּן די מעפּילים, וואָס פּרוּוון זיך דורכ־רייסן צו די ברעגן פון יידישן לאַנד. מען טרייבט זיי צוריק קיין אייראָפּע, אָדער מען אינטערנירט זיי אין ציפּערן הינטער שטעכלדראָט.

אין לאַנד ווערן שטאַרקער די רדיפות; עס מערן זיך אַרעסטן און כסדרדיקע רעוויזיעס; די אַלגעמיינע שפּאַנונג שטייגט.

מען פרעגט זיך: פאַר וואָס דערלויבט מען נישט עולה זיין די הונ־דערט טויזנט יידן? די ענגליש־אַמעריקאַנער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע האָט דאָך געגעבן דערויף איר רעקאָמענדאַציע. צי וויל טאַקע בעווין מאַכן אַ סוף צו דער יידישער היים? אַנשטאָט עפענען די טויערן פון לאַנד קומט ער מיט אַ פּלאַן וועגן אַ נייער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע; דאָס מאָל זאָל זי געשיקט ווערן פון די „פאַראייניקטע פעלקער".

וויצמאַן פאַרשטייט גאַנץ גוט בעווינס טאַקטיק, און ער פאַרשטייט אויך, אַז ער מוז אויסמיידן אַן אָפענעם קריג.

אדרבא, זאָל די וועלט ווידער הערן די יידישע טענות. וויצמאַן ווענדט זיך צו די יידן, אַז זיי זאָלן נישט באַיקאָטירן די נייע אויספאָרשונגס־קאָמיסיע; די, וואָס וועלן פאַר איר גערופן ווערן, זאָלן נאָך אַ מאָל פונאַנ־דערוויקלען די יידישע טראַגעדיע.

דינסטיק, דעם 8טן יולי 1947, זאָגט וויצמאַן עדות פאַר דער אויס־פאָרשונגס־קאָמיסיע פון די פאַראייניקטע פעלקער.

זינט די מאָרגן־שעהען שטייען מענטשן ביים אַריינגאַנג פון „אימקאַ"־בנין אין ירושלים און זיי קעמפן פאַר אַן אַריינטריט־דערלויבעניש, אַלע זענען אָבער פריער שוין צעטיילט געוואָרן.

מיט פופצן חדשים צוריק איז וויצמאַן געגאַנגען אין דער זעלבער שטאָט אָפּגעבן אַ דערקלערונג פאַר דער ענגליש־אַמעריקאַנער אויספאָר־שונגס־קאָמיסיע. און היינט, פונקט ווי דעמאָלט, פרעגט ער זיך: וואָס האָט ער אייגנטלעך צוצוגעבן צו דעם, וואָס ער האָט שוין דערקלערט? עס בלייבט אים נישט מער ווי איבערצוחזרן דאָס שוין איין מאָל געזאָגטע.

האָט ער דען אַן אַנדער ברירה? די וועלט נעמט אויף לאַנגזאַם און שווער אפילו עלעמענטאַרע אמתן.

פונקט ווי מיט פופצן חדשים צוריק, בענטשט מען אים אויך איצט בעת ער גייט דורך צווישן די מענטשן, וואָס וואַרטן ביים „אימקאַ"־בנין.

ווייצמאַן איז דאָס מאָל אַ פשוטער ציוניסט — נישט דער פּרעזידענט פון דער באַוועגונג און נישט אַפילו אַ מיטגליד אין דער עקזעקוטיווע — און דאָך ווילן אים מענטשן הערן, סיי יידן און סיי נישט־יידן.

ער גייט אָנגעשפּאַרט אויף זיין פרויס אָרעם און לעבן אַ קרעפּטיקן יונגנמאַן, אברי איבן, וועגן וועמענס פעיקייטן מען דערציילט וווּנדער.

דער שוועדישער ריכטער הער עמיל סאַנדסטרעם — פּאָרזיצער פון דער קאָמיסיע — קוקט אויף ווייצמאַנען מיט דרך־ארץ, און דאָס זעלבע — די איבעריקע מיטגלידער פון דער קאָמיסיע.

ווייצמאַן קוקט אַריין אין די פּאַפּירן, וואָס ליגן פאַר אים און עס זעט אויס, ווי ער וואָלט זיך געוואַקלט: צי זאָל ער טאַקע ווידער איבערחזרן דאָס זעלבע? אָבער אַז צוויי מיט צוויי איז פאָרט פיר, איז ווי זאָל ער זאָגן עפּעס אַנדערש?

...„אַז מען פרעגט וואָס אַזוינס ס'איז אַ ייד, מוז ער אָפּגעבן אַ פולע דערקלערונג און האַלטן אַ גאַנצע פאַרטיידיקונגס־רעדע לטובת זיין עצם קיום. דאָס אַליין רופט שוין אַרויס אַ חשד. פאַראַן יידן וואָס לייקענען, אַז זיי זענען עס; אַנדערע ווידער נעגירן, אַז עס זענען בכלל פאַראַן יידן אויף דער וועלט; פאַראַן אויך אַזעלכע וואָס זעען נישט די נויטווענדיקייט פון ארץ־ישראל. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ מין כאַאָס צעטומלט די קריסטלעכע וועלט. עס שאַפט זיך אַן אַנאָמאַליע, וואָס וועקט אומווילן און פאַרדאַכט. זענען געקומען די ציוניסטן און מאַכן אַ סוף צו אָט דער משונהדיקייט; בויען אַ יידיש נאַטירלעך לעבן אין לאַנד פון זייערע אבות.

און פאַר וואָס עפּעס פונקט אין ארץ־ישראל? משה רבנו, וואָס האָט געהאַנדלט לויט אַ גרויסער און הייליקער אינספּיראַציע, האָט אונדז נישט געפירט צו די ברעגן פון מיסיסיפּי, פאַרהאַלטן האָט ער זיך ביים ירדן. מיר קענען נישט פאַרראַטן אונדזער געשיכטע און ווידער אָנהייבן פון בראשית. ווי נאָר אַ ייד קומט אין קאָנטאַקט מיט זיין לאַנד, דערפילט ער, אַז ער איז צוריקגעקומען אַהיים. די שטיינער, זומפּן און זאַמדן פון ארץ־ישראל זעען אויס ביי אים ווי טייערע אוצרות און ער באַהויכט זיי מיט זיין בלוט און שווייס".

ווייצמאַן רעדט וועגן פאַקטאָר צייט, וואָס איז פאַר יידן דער סאַמע וויכטיקסטער. געגוג מיליאָנען קרבנות האָבן יידן פאַרלאָרן, מער טאָרן זיי נישט פאַרלירן. עס מוז תיכף קומען די לייזונג, זי טאָר זיך מער נישט זאַמען.

ווייצמאַן שטעלט זיך אָפּ אויפן גרויסן יידישן אויפטו אין ארץ־ישראל, וואָס לייקנט אָפּ, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, די טענה, ווי ער האָט עס שוין באַמערקט פאַר דער פּיל־קאָמיסיע, אַז יידן זענען בעלנים צו בויען די אויבערשטע שטאָקן, אָדער זיך אַריינצובאַקומען אין פאַרטיקן בנין, ווען אַלץ איז שוין גרייט, „ווען עס ליגן שוין ממש די פּיזשאַמעס אויף די בעטן". אין ארץ־ישראל האָבן יידן אָנגעהויבן פון גראָבן די פונדאַמענטן. עס זענען געווען זומפּן, האָט מען זיי אויסגעטריקנט; זאַמדן — האָט מען זיי פאַרפלאַנצט; קיין הייזער זענען נישט געווען — האָט מען זיי אויפגעשטעלט; קראַנקייטן האָבן געבושעוועט, האָט מען זיי אויסגעוואָרצלט. ווייצמאַן דערמאָנט אויך דעם אומגלייכן טעמפּאָ פון אַנטוויקלונג ביי דער יידישער און אַראַבישער באַפעלקערונג.

„...אַוודאי וואָלט די אַדמיניסטראַציע אין ארץ־ישראל געוואָלט אַ לאַנד אָן פּראָבלעמען, אַ לאַנד מיט גוטע, געהאָרכזאַמע קינדער... אָבער וואָס קען מען טאָן? מענטשן זענען געבוירן געוואָרן אויף צו פאַרשאַפן שוועריקייטן איינער דעם צווייטן, וואָרעם אַנדערש וואָלט אויף דער וועלט זייער לאַנגווייליק געווען און מענטשן וואָלטן אויף איר נישט געוואָלט לעבן. דאָס לעבן גופא איז אַ קאַמף, אַ רעזולטאַט פון אַ געראַנגל צווישן פאַרשידענע ווערטן און באַגריפן, די אַדמיניסטראַציע וואָלט וועלן אַז אונדזער אַנטוויקלונג זאָל פאָרקומען אין אַ פאַמעלעכדיקן טעמפּאָ. איך בין מודה, אַז דאָס וואָלט איר אַ סך פאַרלייכטערט. אָבער אַלע טייוואָלים פון דער וועלט יאָגן אונדז נאָך; פאַרלאַנגזאַמען דעם טעמפּאָ מיינט אונדזער פאַרניכטונג".

און דאָ רעכנט ווייצמאַן אויס צענדליקער זינד פון דער אַדמיניסטראַציע, איר שלעכטן ווילן און פאַרשטיינערט האַרץ. ענגלאַנד איז נישט געווען אויפריכטיק לגבי די התחייבותן, וואָס דער מאַנדאַט האָט אויף איר אַרויפגעלייגט. „ענגלאַנד האָט געשאַפן פּראָבלעמען אַפילו דאָרט ווו פּראָבלעמען זענען בכלל נישט געווען. זי איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר האָבן איבערגעגעבן אַ גרויסן אידעאַל אין די הענט פון קליינע מענטשעלעך, וואָס זענען אַבסאָלוט נישט געווען צוגעפּאַסט אים צו פאַרווירקלעכן — נישט זיי זענען געווען צוגעפּאַסט און נישט זיי האָבן דאָס געוואָלט. און קען דען זיין אַ מער גרויזאַמער אַקט ווי דאָס „ווייס בוך" פון 1939"?

אויך וועגן די אַראַבער חזרט איבער וויצמאַן דעם אַלטן, גוט באַקאַנטן אמת. ווען ער איז אין 1918 געפאָרן בראש פון אַ דעלעגאַציע, כדי צו לייגן די יסודות פאַר דער יידישער היים, אין הסכם מיט דער באַלפור־דעקלאַראַציע, איז זיין ערשטע סטאַציע געווען נישט ירושלים נאָר קאַיר; קודם כל האָט ער געוואָלט זיך צוזאַמענרעדן מיט די אַראַבער. איז ער דען נישט געפאָרן אין יולי פון דעם זעלבן יאָר צום עמיר פייזל, מיט זעלבן ציל? איז דען נישט געווען זיין חלום אַז יידן און אַראַבער זאָלן אויפלעבן די גאָלדענע עפּאָכע פון צענטן און עלפטן יאָרהונדערט, ווען ביידע פעלקער האָבן, אין שלום און אין ברידערלעכקייט, געשאַפן אַ ריזיקע קולטור? שלעכטע הענט האָבן זיך אַריינגעמישט, און דאָך האָט ער וויפל מאָל אָנגעהויבן פון דאָס ניי זיינע באַמיונגען צו שאַפן אַ יידיש־אַראַבישן שלום.

נאָך די אַלע נסיונות איז נישט געבליבן מער ווי דער פּלאַן וועגן צעטיילן דאָס לאַנד און אויפשטעלן אַ יידישע מדינה. זאָל דאָס פאַרקלערטע לאַנד נישט זיין קיין תירוץ. מיר וועלן עס פאַרגרעסערן מיט דער גאונות און אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט; מיר וועלן מאַכן בליען צוויי בלעטלעך גראָז ווו עס בליט נאָר איינס.

עס קומט פאָר אַ קליינע הפסקה. וויצמאַן איז אויסגעשעפּט. און דאָ קומט מען אים מודיע זיין, אַז מען גייט אומברענגען דריי יונגעלייט, באַשולדיקטע אין טעראָריזם. ער מוז תיכף בעטן רחמים ביים הויך־קאָמיסאַר.

אויף דער שיף „עקזאָדוס 1947" געפינען זיך 4554 נפשות: 1282 פרויען, 1017 יוגנטלעכע, 655 קינדער און זויג־קינדער. הייליק איז זייער באַשלוס: זיי פאַרלאָזן אויף אייביק די ערד פון רציחה און זייער ציל איז ארץ־ישראל. מיט נעגל און ציין וועלן זיי דורכרייסן די ענגלישע בלאָקאַדע. נישט דער הונגער און נישט די ביקס וועלן זיי פאַרשטעלן דעם וועג צו די ברעגן פון דער יידישער היים.

די גאַנצע וועלט קוקט נאָך מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם דער טראַגיש־העראָישער אָדיסעע. די מוטיקע וואַנדערער ווערן באַגלייט מיט תפילות פון מיליאָנען הערצער.

די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" ווערן אָפּגעטריבן פון די ארץ־ישראל־ברעגן. עס האָט נישט געהאָלפן זייער רוף צו דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, אַז זי זאָל אַרויפקומען אויף דער שיף און באַקענען זיך מיט דער לאַגע.

די וועלט איז אויפגעבראַכט. לעאָן בלום פרעגט: וואָס פאַראַ שטראָף קומט מענטשן, וואָס זענען באַגאַנגען דעם חטא פון זיין שוצלאָז און פון וועלן לעבן? וואָס פאַראַ שטראָף קומט פאַרן חטא פון האָבן איבערגעלעבט די גרויסע שחיטה? צי וואָלט עס פאַר דער מעכטיקער ענגלאַנד געווען אַן אויסדרוק פון שוואַכקייט, אָדער פון נאָבעלע מענטשלעכקייט, ווען זי לאָזט אַריין קיין ארץ־ישראל די אומגליקלעכע וואַנדערער? פאַר וואָס זאָל ענגלאַנד נישט אויסנוצן די גרויסע היסטאָרישע געלעגנהייט?

ביים צוריקטרייבן די „עקזאָדוס"־פליטים זענען דריי פון זיי אומגעקומען. די חיפהער מאַסן האָבן זיי באַגלייט צו זייער אייביקער רו.

בעת דער לוויה האָט גאָלדע מאיר, די פירערין פון פאָליטישן דעפּאַרטאַמענט אין דער אַגענץ, געהאַלטן אַ הספד. זי האָט דערקלערט, אַז קיין כוח אויף דער וועלט וועט נישט קענען פאַרהאַלטן די יידן, וואָס ווילן עולה זיין אין יידישן לאַנד. „קיין כוח וועט נישט קענען פאַרשפּאַרן די טויערן פון לאַנד. מיר וועלן זיי צוריק עפענען און מיר וועלן באַשיצן יעדן מאַן, יעדע פרוי און יעדעס קינד, וואָס וועט אַהער קומען".

דער עכאָ פון גאָלדעס ווערטער האָט באַגלייט חיים וויצמאַנען, וואָס איז אין יענע שעהען אָפּגעפאָרן פון ארץ־ישראל. ער האָט אַראָפּגעקוקט פון דער שיף „פּראָווידענס" אויף די ברעגן פון לאַנד, איינגעהילטע אין שווידער און אין פיין.

אין האַרבסט 1947 געפינט זיך וויצמאַן אין דער שווייץ. אין ציריך זענען דאַן פאָרגעקומען די זיצונגען פון אַקציאָנס־קאָמיטעט. נאָענטע און ווייטע פאַרברענגען אין דער שטאָט, עס איז אָבער נישטאָ קיין קאָנטאַקט צווישן זיי און וויצמאַנען.

אָבער אָט גייט מען פייערן אַ וויכטיקן יובל: פופציק יאָר זינט דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס. מען קומט צו וויצמאַנען און מען טענהט מיט אים איין: ווער נאָך ווי דו איז באַרעכטיקט צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער ביי דער געלעגנהייט?

צו ערשט וויל וויצמאַן נישט הערן. ענדלעך איז ער מסכים, מיטן תנאי, אַז קיינער פון דער עקזעקוטיווע זאָל נישט זיצן ביים טיש, ווען ער וועט האַלטן זיין רעדע.

וויצמאַן האָט זיך פאַרשריבן „וואָס אויף זיין האַרצן", זיך פאַרצייכנט וואָס „ער האָט זיי צו זאָגן", אָבער ווען ער איז צוגעקומען צום מיקראָפאָן, איז צערונען דער כעס. ער פירט אַרויס אין זיינע רייד די קאַלירפולע גאַלעריע פון מענטשן מיט וועלכע ער האָט זיך באַגעגנט אויפן לאַנגן פופ־

ציקיעריקן וועג. צו וואָס דער כעס? האָט דען וועד פון זיינע וועג־באַגלייטער נישט געוואָלט די יידישע גאולה? אייגנטלעך איז דאָך דאָס אַלץ געווען נישט מער ווי אַן אונטערשייד אין טעמפּעראַמענט און ריטם. קען דען עמעצער אָנווייזן, ווער עס איז געווען דער ערשטער ציוניסט? קיין ערשטער איז גאָר נישט געווען. אָט שטייט ווייצמאַן פאַרן עולם און גיט אָפּ כבוד די מענטשן פון „אָדעסער ועד", די חובבי ציון און די אַלע, וואָס זענען געווען זייערע פאָרגייערס — די טויזנטער און טויזנטער טרוימער און קעמפער אין משך פון לאַנגע יאָרן.

ווייצמאַן שילדערט די טעג פון אויפשטייג און די טעג פון מפּלה. אָט איז זאַנגוויל מיט זיינע טעריטאָריאַליסטן, און אָט זיינען רופּין, וואלקאַני, מיט זייערע עקספּערימענטן אין אַגריקולטור. אָט זענען חלוצים, די אויס־לייזונג פון עמק, און אָט דער צוזאַמענשטויס מיטן ריכטער בראַנדייס. ער דערציילט וועג דער תקופה, ווען עס איז אַוועקגעריסן געוואָרן דאָס רוסישע יידנטום, געקומען איז דאַן אַ גרויסע פּוסטקייט, וואָרעם דער אַמע־ריקאַנער ישוב איז נאָך נישט געווען גרייט און רייף איבערצונעמען די ירושה. ווייצמאַן שטעלט זיך אויך אָפּ אויף דער גרויסער דראַמע זיינער, דער כסדרדיקער געשליידער צווישן באַלפורס און בעווינס ענגלאַנד.

און ווען ער דערמאָנט דאָס „ווייסבוך" פון 1939 גיט ער אַ צוק מיט זיינע אַקסלען — דער כאַראַקטעריסטישער ביטול־זשעסט זיינער. דאָס גאַנצע „ווייסבוך" איז דאָך נישט מער ווי אַן עפּיזאָד, טאַקע אַ טראַגישער און טיפער, אָבער פאָרט נישט מער ווי אַן עפּיזאָד. אָט פילט ער דאָך די טריט פון משיח!

אַזוי כוואַליען זיך ווייצמאַנס רייד, וואָס ווערן באַגלייט מיט אַ שמייכל פון פאַרגעבונג. צו וואָס זאָל ער דונערן און שניידן פּאַסן? ווייצמאַן מישט איבער די זייטן, אַנגעפּיקעוועטע מיט ביטערע טענות קעגן די און יענע פון זיינע פריינד און באַגלייטער.

בלויז איין מאָל איז אויפגעשטיגן זיין שטים, און געווען איז עס, ווען ער האָט געשיקט אַ גרוס און דערמוטיקט די יידישע וואַנדערער, וואָס זוכן אַ וועג צו דער יידישער היים. ער רופט אויס: „נאָך יציאת מצרים איז געשאַפן געוואָרן די ערשטע יידישע מדינה, און נאָך דער איצטיקער יציאת־אייראָפּע וועט זיך אַ שפאַר טאָן דער גרויסער שטראָם עולים צו דער פרייער ארץ־ישראל".

איז ער טאַקע פאַראייניזאַמט, דער ווירדיקער ציוניסטישער מנהיג?

ווייצמאַן נעמט צונויף די זייטלעך פּאַפּיר, מיט וועלכע ער האָט זיך כמעט נישט באַנוצט און ער גייט אַראָפּ פון דער טריבונע.

41

דעם 18־טן אָקטאָבער 1947 שטייט ווייצמאַן פאַרן העכסטן טריבונאַל — פאַר די פאַראייניקטע פעלקער. דאָ ווערט געשריבן דאָס לעצטע קאַפּיטל פון דער צוויי־טויזנט־יעריקער געשיכטע: יידן צווישן די פעלקער פון דער וועלט. די פאַרטרעטער פון דער מענטשהייט האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דער גרויסער ניו־יאָרק, אין שטאָלצן בנין מיט די הונדערטער פענצטער.

די אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, וואָס די פאַראייניקטע פעלקער האָבן דעלע־גירט, האָט אין נאָמען פון דער מערהייט געבראַכט איר פאָרשלאָג: אַ יידישע מדינה אין אַ צעטיילט ארץ־ישראל. איצט דאַרפן די פעלקער אָפּשטימען — פאַר אָדער קעגן.

אַרום דריי נאָך מיטאָג באַוויזט זיך ווייצמאַן אין איינעם פון די וואַרט־זאַלן. דאָרט זענען שוין געווען פאַרזאַמלט פריינד און פאַרערער — יידן. עמעצער גיט זיך אַ וויצל: דאָ האָבן מיר זיכערע צוויי דריטל שטימען לטובת אַ יידישער מדינה.

פרי פאַלט צו דער אָוונט. איינער פון די אָנוועזנדיקע רופט זיך אָן:

— דער טאָג פאַרגייט, באַלד וועט מען אָנצינדן די גרויסע ליכט.

ווייצמאַן פליסטערט:

— באַלד, באַלד...

די פאַרטרעטער פון סיריע און איראַק טרעטן אַרויס קעגן דער יידישער אויפבוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל און באַצייכענען זי ווי נאַציזם.

אָבער אָט איז ווייצמאַנס ריי. לעבן אים שטייט אַ גרויסער לאָמפּ. ווייצמאַנס ראיה איז שוואַך. די פּרעסע־פאָטאָגראַפיסטן זענען אים מיט אַ שעה פריער באַפאַלן מיט זייערע בליציקע ליכט. ער האָט זיך ביי זיי געבעטן: האָט רחמנות אויף מיינע אויגן! זיי האָבן אָבער געטאָן זייער אַרבעט קאַלט און פּראָפעסיאָנעל. איצט שטעכן אים זיינע אָפּגעשוואַכטע אויגן, קוים וואָס ער זעט. ער שטרעקט אויס צום לאָמפּ די בייגעלעך פּאַפּיר און לייענט לאַנגזאַם, מיט שוועריקייט.

בערל לאָקער קוקט אַריין אין די פּאַפּירן און העלפט אים אַרויס, ווען צוליב זיין שוואַכע ראיה בלייבט ווייצמאַן שטיין ביי אַ וואָרט.

דער אויסטראַליער, הערבערט איוואַט, פאָרזיצער פון דער זיצונג, נעמט נישט אַראָפּ זיין אויג פון ווייצמאַנען. מיטן זעלבן נייגער קוקט אויף

אים הערשל דזשאָנסאָן, דער פּאָרזיצער פון דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע. און אַזוי די רוסן, און אַזוי פיל אַנדערע. ער זעט אויס, ווייצמאַן, ווי אַ בוים אין אַ בייזער זאַווערוכע, איינגעבויגן, אָבער טיף און שטאַרק זענען די וואָרצלען.

דוכט זיך, מען קען הערן דעם געקלאַפּ פון זיין האַרץ.

„...אונדזער אַרבעט איז דאָ פאַרגליכן געוואָרן מיט נאַציזם — זאָגט ווייצמאַן — די הערן פון סיריע און איראַק האָבן אוודאי רעכט צו רעדן וועגן נאַציזם — אַ ענין וואָס איז זיי נאָענט און אינטים. אויף דעם געביט קען איך מיט זיי נישט קאָנקורירן. וועגן ציוניזם אָבער בין איך מער באַהאַוונט פון זיי".

„...די רייד פון דזשעמאַל חוסייני, אַז איך בין אַ טאַטער, אָדער אַ כוזרי, אָבער נישט קיין ייד — ענדערן גאָרנישט. איך לייד און איך פיל ווי אַ ייד און איך האָב בדעה צו בלייבן אַ ייד, טראָץ די אַלע דעפיניציעס".

„...איך בין מסכים מיטן געדאַנק פון חשובן סאָוועטישן פאָרשטייער — הערט זיך קוים ווייצמאַנס שטילע שטים — אַז אין איצטיקן מאָמענט זענען וויכטיקער די מאָטיוון פון לעבן און עקזיסטענץ ווי די יורידיש־געשיכטלעכע. דער עצם קיום פון פאָלק איז אָפּהענגיק פון אויפקום פון אַ יידישער מדינה".

ווייצמאַן וואַרפט אָפּ דעם געדאַנק וועגן אַ יידישער מינדערהייט, וואָס זאָל לעבן צווישן אַן אַראַבישער מערהייט. דאַרף מען נאָך וועגן דעם דיסקוטירן? זענען נישט גענוג די ביישפּילן פון יידישן גורל אין איראַק, תימן, אָדער פון די אשורישע קריסטן?

ער שרעקט זיך נישט צוליב דער קליינקייט פון דער יידישער מדינה. „אַטען איז נישט מער געווען ווי אַ שטאָט, און ביז איצט האָט די וועלט איר אַזוי פיל צו פאַרדאַנקען".

ביים סוף פון זיין אַרויסטריט ווענדעט זיך ווייצמאַן צו דער וועלט, אַז זי זאָל נישט פאַרראַטן די גרויסע אידעאַלן, וואָס די אָבות פון יידישן פאָלק האָבן איר איבערגעגעבן בירושה.

פּלוצעם שווימט אַרויף אַ נייע סכנה: אַמעריקע איז גרייט מסכים צו זיין אויסצושליסן דעם נגב פון דער יידישער טעריטאָריע.

ווייצמאַן זיצט אין בעט און גייט איבער די ראשי־פּרקים, וואָס ער גרייט צו צו זיין מאָרגנדיקן צוזאַמענטרעף מיטן פּרעזידענט העגרי טרומאַן.

דער נגב — מיט זיינע שטערן און זאַמדן — גלאַנצט פאַר זיינע

אויגן. דוכט זיך, אַז ער הערט די שטים, וואָס איז אויפגעגאַנגען אין מדבר, ווען ער איז געווען אויפן וועג צום עמיר הוסיין:

און דיר וועל איך געבן דאָס לאַנד...

דעם 19טן נאָוועמבער זיצט ווייצמאַן פאַר טרומאַנען. פאַר זיי ליגט אויסגעשפּרייט אַ מאַפּע און ווייצמאַן צייכנט איבער איר מיט זיין פינגער אַ דרייעק, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ מיט אַ שאַרפן שפּיץ צום דרום צו.

...אַט דאָס לאַנד איז אַ מדבר־לאַנד, אָבער פאַר אונדז — אַ צויבער לאַנד, מיט טייערע זכרונות פון ווייטן אַמאָל. ווען דער מענטש באַהעפט זיך מיט דער מדבר־ערד און גיט איר אָפּ זיין שווייס און בלוט, לעבט זי אויף מיט אַ נייער יוגנט. דער וויצע־פּרעזידענט, הער הענרי וואַלאַס, האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק באַזוכט די געגנט. ער האָט מיר דערציילט: דוכט זיך, אַן אַבסאָלוטע וויסטע אַרום דיר, און פּלוצעם — אַ גרינער אינדזל, פּרוכט און תבואות. דאָס איז די יידישע אַרבעט און פלייס.

ווייצמאַן גלעט מיט זיין פינגער דעם אָנגעצייכנטן דרייעק און פרעגט:

— פעלן דען די אַראַבער וויסטעס?

אַ ווײַלע שפּעטער גיט ער צו:

— פאַר אונדז, הער פּרעזידענט, איז עס נישט קיין ערד, נאָר ווי לונגען צו אָטעמען. אָט איז די אילת־בוכטע — דער פּאָרט צו אַפריקע און צום ווייטן מזרח. עס איז אונדזער טיפּסטער באַגער איינצושטעלן אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט אפריקע און אַזיע. אויב אילת זאָל אַריינפאַלן אין די אַראַבישע הענט, וועט אונדזער אַרויסגאַנג צו דער גרויסער וועלט אין גאַנצן אָפּגעשניטן ווערן.

ווייצמאַנס פּנים ווערט אויפגעלעבט:

— איז דען אַ חלום צו טראַכטן, אַז מען וועט אַמאָל קענען גראָבן אַ קאַנאַל, וואָס זאָל פאַראייניקן חיפה מיט אילת, דעם מיטללענדישן ים מיטן רויטן ים, צעעפענען די וועגן פון דער וועלט, און נישט זיין אָפּהענגיק אויף אייביק פון מצרישן סועץ־קאַנאַל?

טרומאַנס בליק עגבערט זיך אין דער מאַפּע. ווען ער הייבט אויף זיין קאָפּ, איז דאָס פּנים ביי אים ערנסט, פאַרטראַכט. און אָט ווייעט פון אים מיט כוח, מיט באַשלוס.

דער פּרעזידענט האָט געהאַנדלט שנעל און טיכטיק. געווען איז עס אַ גוטער טאָג פאַר שערטאָקן אין די פאַראייניקטע נאַציעס: די אַמעריקאַנער האָבן באַשלאָסן, אַז דער נגב זאָל בלייבן אין די גרענעצן פון דער יידישער מלוכה.

ווייצמאַן פּילט דעם אָטעם פון דער אָנקומענדיקער יידישער מדינה. גראַד דעמאָלט פאַרטראַכט ער זיך גאָר איבערן מהות פון פאָלק. גראַד אין אָנגעשטרענגטע טעג פון פאַרשונגען איבער די לעבנס־נויטווענדיקייטן פון אַן אומאָפּהענגיקן שטאַט פאַרן יידישן פאָלק, פאַרוויגט זיך ווייצמאַן אין מחשבות איבער די וועגן, זין און כאַראַקטער פון יידנטום. ער רעדט דערפון פאַרן רעדאַקציע־פאָרום פון דער ניו־יאָרקער צייטונג „העראַלד טריביון". ער שטעלט זיך אָפּ, ווי דרך־אגב, אויף „דער רויקער, מאָראַלי־שער געשטאַלט פון אברהם לינקאָלן" אין פאַרגלייך מיט די מיליטערישע נצחונות פון נאַפּאָלעאָנען. און אַזוי פאַרגלייכנדיק גרויסע היסטאָרישע פיגורן פרעגט ער: וועמען איז די וועלט מער שולדיק — די רוימישע קאָנסולן און דעראָבערער, צי די גריכישע געלערנטע און ריכטער, אָדער די נביאים פון ישראל, אפשר גאָר זייערע כוהנים? רוים האָט דעראָבערט די וועלט און זי אַדמיניסטרירט. גריכנלאַנד, אין פאַרגלייך מיט רוים, האָט פיל ווייניקער דערגרייכט. זי האָט אָבער מיט זיך פאַרגעשטעלט דאָס דענקען, דאָס געפיל און דעם עסטעטישן גייסט פון דער אַלטערטימלעכער וועלט. אין אַ געוויסן זין — און נאָר אין אַ געוויסן זין — איז דער אונטערשיד צווישן רוים און גריכנלאַנד אין דער וועלט־געשיכטע, ווי דער וואָס צווישן נביא און כהן אין דער יידישער געשיכטע".

...„פאַראַן, אָן ספק, אַ טיפער צוזאַמענהאַנג צווישן דער גרויסער פּראָ־פּאָרץ פון יידישע דענקער און וויסנשאַפטסלייט, פון איין זייט, און דאָס אורשפּרינגלעכע באַזירן דאָס יידישע לעבן אויף גייסטיקע און מאָראַלישע ווערטן פון דער צווייטער. און נאָך טיפער איז דער צוזאַמענהאַנג צווישן כאַראַקטער פון זייערע בעסטע ווערק און דעם יידישן גייסט אַלס אַזעלכן. שווער, למשל, צו באַנעמען אַ פילאָזאָף ווי שפּינאָזאַ אויסערהאַלב דעם יידישן דענקען, וואָס באַווירקט אים אַזוי שטאַרק, מעג עס אפילו זיין קעגן זיין אייגענעם ווילן. ס׳וואָלט נישט געווען סתם אַ פאַנטאַזיע, ווען מיר פירן דורך אַ שייכות צווישן איינשטיינס קאָנצעפּט איבערן אוניווערס און דעם יידישן וועלט־באַנעם און דראַנג צו דעם אַבסאָלוטן".

...„דער וועזנטלעכער צייכן אין דער יידישער געשיכטע איז שטענדיק געווען דער ווילן צו דערגרייכן צו שלמות, באַזיגן דאָס גשמיותדיקע און זוכה זיין צו נשמה־האַרמאָניע. לייכט איז עס אָבער נישט אָנגעקומען. עס זענען געווען פּרוּוון פון אַריינדרינגען פון דרויסנדיקע שטרעמונגען און אַלס רעזולטאַט — אַן אינערלעכע אָפּשוואַכונג. אָבער דער וווּנדער דערביי איז, וואָס דער דראַנג האָט אומאויפהערלעך אָנגעהאַלטן. ער איז נאָך ביז איצט פאַראַן, נאָך אַלץ אַקטיוו און איז מסוגל צו גוטע מעשים. מען קען אים

געפינען אומעטום ווו יידישע ישובים לעבן אין יידישער טראַדיציע״.

ענלעכע רייד הערט מען אָפּט פון ווייצמאַן אין די היסטאָרישע נאָוועמ־בער־טעג פון 1947. ער פילט די דערנענטערנדיקע טריט פון דער מדינה און זיינע אויגן פאַרטיפן זיך אין דער יידישער געשטאַלט, וואָס טאָר נישט פאַרווישט ווערן.

„איך בין נישט מער ווי אַ כעמיקער״, פלעגט ווייצמאַן שטיפעריש זאָגן וועגן זיך. ער איז אָבער דער גרויסער הומאַניסט, וואָס האָט אַ לעבן־לאַנג געשוועבט אין גייסטיקע און עסטעטישע ווערטן. שוין אַלס אַ יונגער גימנאַזיסט אין פּינסק איז ער גאָר היימיש אין דער רוסישער ליטעראַטור. אין זיינע בריוו פון יענער צייט צו זיינעם אַ שילער, לייענען מיר אָפּשאַצונגען איבער גאָגאָלן און דאָסטאָיעווסקין, פּונקט ווי איבער האָמערן און ווירגילן, אָדער איבער פראַנצויזישע און דייטשע דיכטער. און איבער אַלץ און אַלעמען גייען אויף די גליענדיקע וויזיעס און רייד פון די גייסטיקע תנ״ך־געשטאַלטן און מאַראַל־פרײדיקער.

אין קאָרידאָר, וואָס פירט צו ווייצמאַנס צימערן אין „וואָלדאָרף אַסטאָ־ריאַ האָטעל״ איז טומלדיק און ראַשיק; מענטשן גייען אַריין און אַרויס.

דער ברוגז צווישן פירער ווייצמאַנען און די פאַרשידענע קרייזן אין דער באַוועגונג ווערט בלאַסער און פאַרשווינדט צו ביסלעך. די וואָס זענען ערשט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק אַרויסגעטראָטן קעגן דער צעטיילונג פון ארץ־ישראל זענען איצט מיט ווייצמאַנען. מענטשן דערגייען איצט צו דעם, וואָס ווייצמאַן האָט שוין געהאַט פאַרגעלייגט אין 1937, אין די טעג פון דער קעניגלעכער לאָרד פּיל־קאָמיסיע. דאַן האָט מען אים פאַרשריגן אַלס דעפעטיסט און מ׳האָט נישט געוואָלט הערן וועגן אַ קליין מדינהלע. איצט, נאָכן בלוטיקן מבול, חזרט מען איבער דאָס וואָס ווייצמאַן האָט געזאָגט מיט צען יאָר צוריק.

מענטשן שטייען אויפן שוועל פון ווייצמאַנס צימער. זיי מוזן אים זען, רעדן מיט אים. זיי ווייסן, אַז זיין געזונט איז שוואַך, זיי האָבן אָבער קיין ברירה נישט.

— עס וואָלט געווען אַ גרויסע זאַך, ווען איר, ווייצמאַן, קענט זען די דעלעגאַטן פון פּאַראַגוויי; אויך די טשיליאַנער קווענקלען זיך; מען וואָלט אפשר געדאַרפט איבעררעדן מיט די מעקסיקאַנער...

האַלב קראַנק, מיט די לעצטע כוחות, רעדט ער מיט דעלעגאַטן פון

לאַטיין־אַמעריקע. ער דערציילט זיי וועגן זיינע אַמאָליקע צוזאַמענטרעפע־נישן אין מאַדריד.

„...פּראָפעסאָר אָרטעגאַ איז געווען אונדזער פריינד. פאַר דער אָפּשטי־מונג איבערן מאַנדאַט האָבן זין פון שפּאַנישן פאָלק אונדז געהאָלפן... ביי מיר זענען פאַראַן בריוו פון שפּאַניער, געשריבן מיט ענטוזיאַזם און פאַר־שטענדעניש... אַ גרויסער מענטש איז געווען דער סענאַטאָר אַנכעל פּולידאָ. זיין קאַמף לטובת די ספרדישע יידן, אייניקלעך פון די אינקוויזיציע־קרבנות, האָט נישט איין מאָל געריררט מיין האַרץ... און איצט האָבן די פעלקער פון לאַטיין־אַמעריקע די געלעגנהייט אונדז מיטצוהעלפן ווידעראויפלעבן אַן אַלטע רומפולע עפּאָכע"...

און אַזוי טענהט ווייצמאַן מיט דעלעגאַטן פון פאַרשיידענע לענדער, מיט יעדן איינעם, לויט זיין געשיכטע און ירושה.

און פּלוצעם — ווי ער וואָלט מיט איין מאָל דערזען אַ גרויס ליכט. איז דען מעגלעך — פרעגט זיך ווייצמאַן — אַז די יידישע מדינה אין אַ דרום־מערב־ווינקל פון אַזיע זאָל לעבן אין איזאָלאַציע, צווישן אירע נאָענטע־ווייטע שכנים? ער באַמערקט מיט גרויס זאָרג, אַז גאָר ווייניק זענען די פריינד פון אַזיע. פאַר וואָס נישט — שוין איצט — איינשטעלן באַצי־אונגען פון אויפריכטיקער מיטאַרבעט צווישן דעם אַנטשטייענדיקן פרייען יידישן שטאַט און די פעלקער פון דער אויפוואַכנדיקער אַזיע? ווייצמאַן שרייבט צו נערון אין אינדיע, ער שרייבט אויך קיין בורמאַ, ער שלאָגט פאָר מיט געמיינזאַמע כוחות צו בויען אַ ניי לעבן, און זאָל די וויסנשאַפט־לעכע מיטאַרבעט זיין די ערשטע בריק איבער די אָפּגרונטן. דער אָפּרוף אויף ווייצמאַנס ווענדונג איז אַ וואַרעמער. עס צעעפענען זיך די ערשטע טירן אין די ווייטע לענדער פון גרויסן קאָנטינענט.

דעם 29־טן נאָוועמבער 1947 האָט אַ מערהייט פון צוויי דריטל אין אונ"אָ געשטימט פאַר אַ יידישע מדינה אין ארץ־ישראל.

אין אַ ריזיקן זאַל אין ניו־יאָרק, פאַר טויזנטער יובלדיקע יידן, רופט אויס ווייצמאַן מיט אויפגעהויבענע הענט און אַ ציטער אין זיין קול: שהחיינו, וקיימנו והגיענו לזמן הזה, און דער גרויסער עולם זאָגט מיט אין דער שטיל, וואָרט נאָך וואָרט: שהחיינו, וקיימנו...

42

ווייצמאַן פאַרמאַכט זיך אין זיין האָטעל־צימער און שליסט זיך אָפּ פון גרויסן ניו־יאָרק. דער טאָג איז כולו קודש. עס דוכט זיך, ווי אַ פאָלק אַ גאַנצס וואָלט געגאַנגען צו דער חופּה. אַרום — אַ גרויסער עולם: יידן לומדים און יידן תהילים־זאָגער; טרוימער און מאַרטירער. אַלע שטראָמען צום גרויסער יום־טוב: אַ קליינינקייט — אַ יידישע מדינה!

ווייצמאַן פילט דאָס געפלאַטער פון פרייהייט איבער זיין קאָפּ; און ער צייכנט אָן אירע שטריכן.

אַ גאַנצע וועלט וואַרט צו זען אַ וואָסערער וועט זיין דער ייד, אין דער פריי, אויף זיין ערד. ווי אַזוי וועט ער פאַרווירקלעכן זיין חלום פון ממלכת כוהנים וגוי קדוש.

זיצט ווייצמאַן אין פאַרמאַכטן האָטעל־צימער און ער שרייבט:

...„דער הויפּט־פאַקטאָר פון אַ סטאַבילער געזעלשאַפט איז איר גערעכטיקייט־וועזן. עס האַנדלט זיך נישט אין איר אַבסטראַקטן באַגריף, נאָר אין דער פאָרעם ווי די גערעכטיקייט ווערט אָנגעווענדעט אין דער ווירקלעכקייט. דער יוסטיץ־אַפּאַראַט דאַרף זיין אַ שנעלער און נישט קיין טייערער, כדי יעדער מענטש זאָל זיך מיט אים קענען באַנוצן. עס טאָרן נישט זיין קיין באַזונדערע געזעצגעבונגען פאַר יידן און אַראַבער. מיר מוזן זיך קלאַמערן אין פּרינציפּ, וואָס האָט געפונען זיין אויסדרוק אין אַלטן ספר: איין און די זעלבע תורה זאָל זיין פאַר אייך און פאַר דעם גר וואָס וווינט צווישן אייך“...

...„מיר מוזן זאָרגן פאַר אַן איינהייטלעכן חינוך־וועזן, פאַר וועלכן עס זאָל זיין פאַראַנטוואָרטלעך נאָר די מדינה, און נישט די, אָדער יענע פּאַרטיי, וואָס וויל דיקטירן דעם גייסט פון קינד, שוין פון וויגל אָן... אַנשטאָט פּאַרטייאישקייט דאַרף הערשן דאָס געפיל פון גוטער בירגערשאַפט, וואָס שטייט העכער פון אַלע פּאַרטייען“.

ווייצמאַן פאַרגעסט פון קיין זאַך נישט:

...„די ארץ־ישראל־פּראָדוקטן וועלן דאַרפן זיין פון אַ הויכער קוואַליטעט. טאַלאַנט אַליין איז נישט גענוג. עס פאָדערט זיך אַן אויפריכטיקע באַציונג צו דער אַרבעט און צו דער פּראָפעסיע... נאָר אַזוי קען מען

זיך שאַפן אַ גוטן נאָמען. מיט ווילן און פעיקייט קען מען אויך אין אַ קליין לאַנד אויפשטעלן אַ גרויסע אינדוסטריע".

וויצמאַן באַמערקט, אַז דער מאָראַלישער אַספּעקט איז פון די סאַמע וויכטיקסטע, ווען עס האַנדלט זיך אין דער אַנטוויקלונג פון אַ געזונטער אינדוסטריע.

און אַט וואַרפט וויצמאַן אַ בליק אויף די ווערטן, וואָס זענען שוין ביז איצט דערגרייכט געוואָרן:

...„איך מיין, אַז אַ דאַנק דעם, וואָס מיר האָבן נאַציאָנאַליזירט אונדזער באָדן און אויפגעשטעלט די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג, האָבן מיר אויסגע־מיטן אַ סך פעלערן, וואָס שטאַרקע און איינגעזעסענע מדינות ליידן פון זיי אין זייער עקאָנאָמיע. מיר האָבן נישט קיין פאָלקס־אָרעמקייט און אויך נישט קיין פעאָדאַלע בעלי־נכסים. מיר האָבן אַ קליינעם אַנטוויקלטן און קולטור־רעלן לאַנד־באַזיצער, וואָס באַאַרבעט זיין באָדן אויף אַן אינטענסיוון אופן, לויט וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן, און איז מסוגל צו פאַרדינען זיין ברויט אויף אַ בכבודיקן אופן".

וויצמאַן פאַרטראַכט זיך אַ ווייל. ער פילט דעם געקלאַפּ פון זיין האַרץ.

...„ווען איך וואָלט געדאַרפט אָנפאַנגען מיין לעבן פון דאָס ניי און ווי־דער דערציען מיינע זין, וואָלט איר מסתמא גענומען אַ ביישפּיל פון אונדזערע ערד־אַרבעטער אין נהלל און דגניה".

ניין, אין דעם גליקלעכן מאָמענט וויל וויצמאַן גאָרנישט פאַרזען, אויך נישט דאָס אָרט פון דער רעליגיע אין דער מדינה.

...„מען קען נישט צוריקדרייען דעם זייגער פון דער געשיכטע און פאַרוואַנדלען רעליגיע אין עיקר־העיקרים אין דער אָנפירערשאַפט פון דער מדינה. די רעליגיע דאַרף באַגרענעצט ווערן צו די בתי־מדרשים און צום משפחה־קרייז. זי וועט פאַרנעמען אַ ספּעציעלן אָרט אין די שולעס, אָבער זי וועט נישט קענען געוועלטיקן איבער די רעגירונגס־ביוראָען.

איך האָב קיין מאָל נישט מורא געהאַט פאַר באמת רעליגיעזע מענטשן. דער אמתדיקער פרומער איז קיין מאָל נישט געווען אַנגרייפעריש אין פּאָליטישן זין. פאַרקערט, דער רעליגיעזער מענטש האָט פיינט די שררה. ער איז אַ עניו, באַשיידן, ווי אונדזערע לערערס און הייליקע חכמים אין די אַלטע צייטן".

וויצמאַן פילט דעם גרויסן נשמה־נסיון, פאַר וועלכן עס וועט שטיין דאָס פאָלק. ער וואָרנט:

„מיר מוזן משתּף זיין די אַראַבישע מינדערהייט אין יעדן פאָרשריט און אין אַלע מעשים אין דער יידישער מדינה. די לאַגע פאַרלאַנגט טאַקט,

פֿאַרשטענדעניש און אַ סך פּאָליטישע חכמה. איך גלייב אָבער, אַז אויב מיר וועלן גיין אין די אָנגעצייכנטע וועגן, וועט קומען די געגאַרטע צוזאַמענאַרבעט, אַפֿילו זי זאָל זיך פֿאַרזאַמען. דאָס לייגן אַ בריק צווישן מזרח און מערב איז אַ קאָלאָסאַלער אויפֿטו, איינע פֿון די וויכטיקסטע אויפֿגאַבן, וואָס די יידישע מדינה וואָלט געקענט דערפֿילן. אויב ארץ־ישראל וועט קענען איינשטעלן די געהעריקע באַציונגען, וועט זי ווערן אַ נייע פֿעניציע און אירע שיפֿן וועלן גרייכן ביז די ברעגן פֿון אַמעריקע״.

ווייצמאַן הייבט זיך אויף פֿון טיש, גייט צו צום פֿענצטער און קוקט אַרויס אויפֿן גרויסן ניו־יאָרק. עפּעס יאָגט אים ווידער צו די זייטלעך פּאַפּיר אויפֿן טיש. ער גייט צו און שרייבט אָן:

„און דער ציל איז צו בויען אַ הויכע קולטור, באַגרינדעט אויף די שטרענגע פּרינציפּן פֿון יידישער מאָראַל״.

ער שרייבט וועגן גרויסן צאָרן, וואָס גאָט פֿון ישראל פֿלעגט אויסגיסן אויף זיינע קינדער, ווען זיי פֿלעגן זיך אָפּקערן פֿון אים און קניען צו אָפּגעטער מכל המינים. ס׳איז שווער צו זאָגן, צי עס וועלן אויפֿשטיין נביאים אין ישראל אין דער נאָענטער צוקונפֿט. גאָט וועט אָבער קוקן מיט חסד אויף זיינע קינדער, אויב זיי וועלן לעבן אין יושר און ריינקייט, אין שטעט און דערפֿער וואָס וועלן זיין פֿריי פֿון דערשיינונגען, וואָס מען האָלט, מיט טעות, פֿאַר סימנים פֿון קולטור; גאָט וועט קוקן מיט חסד אויף זיינע קינדער, אויב זיי וועלן קאָנצענטרירן זייער טעטיקייט אין עכטע ווערטן, סיי אין דער אינדוסטריע, אַגריקולטור און וויסנשאַפֿט, און סיי אין קונסט און ליטעראַטור.

43

ווידער דאָס גוט באַקאַנטע בילד: די וואַליזעס צעעפנט, מען פּאַקט איין די זאַכן, די רייזע איז נאָענט. אָבער דאָס איז נישט אַ ניי וואַנדערן, נאָר אפשר די לעצטע רייזע. ער פאָרט דאָך אַהיים, קיין ארץ־ישראל, וואָס וועט אין גיכן זיין פריי.

אַ שטילע האָפענונג באַלעבט ווייצמאַנען ווען ער דערנענטערט זיך צו די ענגלישע ברעגן: אפשר, אפשר האָט אויך דאָ אויפגעשיינט דאָס געוויסן. האָט דאָך דער ענגלישער פאַרטרעטער אין אונ"אָ דערקלערט, אַז זיין רעגירונג וועט אויספירן די רעקאָמענדאַציעס פון די פאַראייניקטע פעלקער. אָבער באַלד קומט אים אַנטקעגן די ביטערעווירקלעכקייט. בעווין איז אויפגעבראַכט: די אַמעריקאַנער יידן האָבן אים אויסגעשטעלט צו חרפּה און שאַנד. ער האַלט זיך אָבער נישט פאַר פאַרשפּילט.

די דעלעגאַציע פון פינף פּערזאָן, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן אין די פאַראייניקטע פעלקער, מיט דער אויפגאַבע צו לייגן די יסודות פון דער יידישער מדינה, קריגט נישט די דערלויבעניש אַריינצופאָרן אין לאַנד. דערפאַר אָבער צעעפנט די רעגירונג די וועגן פאַר באַוואָפנטע אַראַבישע אַריינדרינגער פון די שכנותדיקע לענדער. בעווינס סטראַטעגיע איז אַ פּשוטע: די איבערוועגנדיקע אַראַבישע מערהייט, אויסגעשטאַט מיט ענגלישן וואָפן, וועט ברעכן דעם יידישן ישוב, און דאַן וועט ער, בעווין, דיקטירן די באַדינגונגען.

שונאים פאַרשפּרייטן קלאַנגען אין ניו־יאָרק און אין וואַשינגטאָן וועגן דער געפאַר פאַרן יידישן ישוב קעגנאיבער דעם גרויסן אַראַבישן כוח. זאָלן יידן זיך אָפּזאָגן פון דער מדינה — ראַטן זיי — וועט לייכטער זיין זיי צו ראַטעווען.

אין וואַשינגטאָן ציט מען זיך צוריק און מען רוקט אַרויס אַ נייעם פּלאַן: היות די אַראַבער האַלטן ביים חרוב מאַכן ארץ־ישראל, זאָל מען אויפשטעלן אַן אַפּוטרופּסות־רעזשים איבערן לאַנד און די יידן זאָלן "דערווייל" אויפגעבן דעם געדאַנק וועגן אַן אייגענער מדינה.

ווייצמאַן באַקומט צענדליקער טעלעגראַמעס, אַז ער זאָל תיכף צוריקקומען, ווייל וואַשינגטאָן ציט זיך צוריק.

דעם 4טן פעברואַר 1948 קומט אָן ווייצמאַן אויף דער שיף "קווין

מערי״ אין ניו־יאָרקער פּאָרט. די זשורנאַליסטן וואַרטן אים אָפּ. זיי מיינען צו טרעפן אַן אַלטן, צעבראָכענעם מענטש, אָבער זיי האָבן אַ טעות. דער יידישער פירער איז שטאָלץ און אומדערשראָקן. ער רעדט אין אַ קעמפע־ רישן טאָן וועגן אַ יידישער מדינה, וואָס וועט וויסן ווי אַזוי צו שיצן דעם כבוד פון ישוב.

— עס איז דאָך לעכערלעך — רופט ער אויס — אַז די העכסטע אינסטאַנץ, די פאַראייניקטע פעלקער, זאָל בייגן איר קאָפּ פאַרן אַראַבישן טעראָר. אויב זי וועט זיך צוריקציען פון איר באַשלוס דערפאַר, ווייל מען האָט קעגן איר אויפגעהויבן אַ פויסט, וועט זי דאָך מיט די אייגענע הענט אומברענגען איר פּרעסטיזש און כבוד.

וויצמאַן טרעפט זיך אין אַמעריקע מיט אַ קעגנערישן פּראָנט. טרו־ מאַן אַליין באַציט זיך מיט סימפּאַטיע צו דער אַנטשטייונג פון אַ יידישער מדינה, ער איז אָבער וואָס אַ מאָל אַלץ מער איינזאַמער אין זיין שטעלונג.

שווער איז דאָסמאָל אָנגעקומען דעם יידישן פירער צו זען טרומאַנען.

עס איילט צום פּרעזידענט זיין געוועזענער שותף, דער ייד עדי דזשייר קאָבסאָן. ער אַפּעלירט: אַ קראַנקער, אַן אויסגעשעפּטער איז וויצמאַן געפאָרן טויזנטער מייל דיך צו זען. זאָל ער צוריקפאָרן מיט ליידיקע הענט?

באַמערקנדיק די סטאַטוע פון אַנדרו דזשעקסאָן, וואָס באַצירט דעם פּרעזידענטס צימער, רופט זיך אָפּ דער ייד מיט התלהבות: דו, הערי, פאַרערסט אָט דעם גרויסן אַמעריקאַנער. איך געדענק, ווי דו פלעגסט כסדר זוכן מאַטעריאַלן וועגן אַנדרו דזשעקסאָן. ער איז דיין קוואַל, דיין העלד. אויך איך האָב אַ העלד, — אַ מענטש וואָס איז דער ליבלינג פון זיין פאָלק און וואָס האָט אויך דיך באַצויבערט. זיין נאָמען איז חיים וויצ־ מאַן. ווי אַזוי זשע קענסטו פועלן ביי זיך, הערי, אים נישט אויפצונעמען?

דער פּרעזידענט איז גערירט. ער לאַדט איין וויצמאַנען צו זיך. דער אינטערוויו קומט פאָר דעם 18טן מערץ.

וויצמאַן וויקלט פונאַנדער פאַרן פּרעזידענט דעם אַמעריקאַנישן צוריקטריט. און ער פרעגט:

— וואָס וועט העלפן אַ רעזשים פון אַפּוטרופּסות, הער פּרעזידענט? אין אים זענען פאַראַן אַלע טראַגישע פעלערן, וואָס זענען אונדז אַזוי גוט באַקאַנט פון די פאַרגאַנגענע יאָרן.

דריי פערטל שעה האָט געדויערט דער שמועס. טרומאַן, ווי מיר זעען עס אין זיינע מעמוארן, איז באַצויבערט פון דער פּערזענלעכקייט חיים וויצמאַן. ער זאָגט אים צו „אָנצווענדן אַלע זיינע כוחות, אַז די

יידישע מדינה זאָל אַנטשטיין לויטן פּלאַן, מיטן נגב אַריינגעשלאָסן אין זיינע גרענעצן.

פּאַרגעקומען איז דער שמועס דעם 18טן מערץ. און שוין אַ טאָג שפּעטער — דער טאָג, וואָס איז אַריין אין דער ציוניסטישער געשיכטע אַלס „דער שוואַרצער פרייטיק" — איז דער אַמעריקאַנער פאָרטרעטער ביי די פאַראייניקטע נאַציעס, וואָרן אויסטין, אַרויסגעקומען מיט אַ רעדע פאַרן זיכערקייט־ראַט און פאָרגעשלאָגן אָפּצושטעלן אַלע באַמיונגען און אונטערנעמונגען לטובת דער פאַרווירקלעכונג פון צעטיילונגס־פּלאַן. פון אויסטינס רעדע האָט זיך אַרויסגעהערט די גאַנץ דייטלעכע כוונה אויפ־צוגעבן דעם געדאַנק פון אַ יידישער מדינה אין ארץ־ישראל.

טרומאַן איז אויסער זיך. ער זעט דעם דרוק פון די יידישע שונאים, די אינטריגעס הינטער זיינע פּלייצעס. עס קומט אים אויפן רעיון: וואָס וועט ד"ר ווייצמאַן איצט טראַכטן וועגן מיר? ער וועט מיך באַטראַכטן פאַר אַן איינפאַכן ליגנער, אַז מיינע צוזאָגענישן האָבן נישט קיין האַפט אַפילו קיין שעה. אָבער ד"ר ווייצמאַן גלייבט אין פּרעזידענט פון אַמעריקע. ער דריקט דאָס אויס אין זיין טעלעפאָנישן געשפּרעך מיט עדי דזשייקאָבסאָן. טרומאַן וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווייצמאַנס גלויבן און צוטרוי צו אים. זעלטן ווען אין דער געשיכטע ווערט אַ גרויסער פּאָליטישער אַקט פאַר־ווירקלעכט מיט דער הילף פון קעגנזייטיקן מענטשלעכן גלויבן, אַן פּאָלי־טישע דריידלעך, ווי דאָס איז געשען מיטן ווייצמאַן—טרומאַן־פּאַל. ווייצמאַן איז טיף איבערצייגט, אַז טרומאַן וועט נישט פאַרראַטן, און ער גייט אָן מיט זיין פּלאַן. ער צעשיקט אָנווייזונגען אין ארץ־ישראל צו האַלטן זיך פעסט ביים באַשלוס פון פּראָקלאַמירן די יידישע מדינה, ווען עס וועט נאָר אויסשלאָגן די שעה.

אַ פּאָר טעג שפּעטער שרייבט ווייצמאַן צו טרומאַנען:

„...איך וויל ווענדן אייער אויפמערקזאַמקייט אויפן פּסיכאָלאָגישן רושם פון דערקלערן יידישע אומאָפּהענגיקייט אין נאָוועמבער און וועלן זי מבטל זיין אין מערץ".

„...די ברירה וואָס שטייט פאַר אונדזער פאָלק, הער פּרעזידענט, איז פרייהייט אָדער אומקום. די געשיכטע און די השגחה האָבן איבערגעגעבן אין אייערע הענט די דעציזיע. איך האָף, אַז איר וועט אָננעמען אַ באַשלוס אין גייסט פון מאָראַלישן געזעץ".

וויצמאַן איז ווידער קראַנק און ער ליגט צוגעשמידט צום בעט, אין האָטעל־צימער אין „וואַלדאָרף־אַסטאָריאַ״.

— ווו זענען די צייטונגען ? — פרעגט וויצמאַן אין די פרימאָרגנס — פאַר וואָס באַהאַלט מען פון מיר די ידיעות פון לאַנד ?

אַ קראַנקן־שוועסטער באַמיט זיך אים איינצושטילן :

— די דאָקטוירים האָבן פאַראָרדנט פולשטענדיקע רויקייט. מיר זאַמלען די צייטונגען, איר וועט אַלע באַקומען.

מיט צוויי טעג שפּעטער רופט וויצמאַן אַריין דעם סעקרעטאַר און גיט צו וויסן, אַז ער איז גרייט אויפצונעמען אַלע, וואָס ווילן אים זען.

מיטגלידער פון דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע אין אונאָ זענען געקו־מען צו וויצמאַנען מיט אַ פאָרשלאָג : זיך אָפּזאָגן „דערווייל״ פון דער יידישער מדינה און דערפאַר וועלן די אַמעריקאַנער אָנווענדן זייער איינ־פלוס און פאַריאָגן די געפאַר, וואָס לויערט אויפן לאַנד, וואָרעם עס איז דאָך זיכער ווי דער טאָג, אַז דער גרויסער אַראַבישער כוח וועט חרוב מאַכן דעם ישוב.

וויצמאַן רופט אויס שטיל, אָבער פעסט :

— מיטן ענדיקן זיך פון מאַנדאַט וועט דער ישוב דעקלאַרירן, אַז אַ יידישע מדינה איז אויפגעשטאַנען צום לעבן אין ארץ־ישראל. נישטאָ קיין כוח וואָס קען עס אויסמיידן.

אַ מינוט שפּעטער גיט וויצמאַן צו :

— איך גלייב נישט אין דער לעגענדע פון אַן אַראַבישן מיליטערישן כוח.

סענאַטאָר אויסטין און הער ראָס האָבן זיך איבערגעקוקט. די נשמה־פעסטקייט אין וויצמאַנס שטילער שטים האָט זיי ווי פאַרכישופט.

אַן ענלעכע תשובה האָט פון וויצמאַנען באַקומען דער פראַנצויזישער פאָרטרעטער, הער פאַראַדי.

מענטשן וווּנדערן זיך אויף די יידן. מען וויל זיי ראַטעווען פון די האַרמאַטן פון אַראַבישן לעגיאָן, געאיבט פון בריטישע אָפיצירן, און זיי עקשנען זיך — דווקא אַ יידישע מדינה.

אויך דער ענגלענדער, דער מיניסטער קריטש־דזשאָנס, האָט אַן עצה ווי צו שיצן דעם ישוב קעגן אָנגריף פון די אַראַבישע אַרמייען.

וויצמאַן פילט, אַז דאָס מאָל וועט ער זיין כעס נישט קענען צוימען. ער באַפעלט:

— זעצט זיך, הער מיניסטער, זעצט זיך. ...איר מאַכט זיך פאַלשע אילוזיעס, אויב איר שטעלט נאָך אַלץ אויס אויף יידישער פּחדנות. ...וואָס איז אייער סטראַטעגיע? אָפּצאַפּן יידיש בלוט, ביז מיר וועלן פאַלן צו אייערע קני און אָננעמען יעדן גזר־דין אייערן?

דער מיניסטער וויל זיין קאַלט און זאַכלעך:

— די טויזנטער אַראַבער, וואָס זענען אַריינגעדרונגען אין לאַנד, האָבן עס נישט געטאָן מיט דער הסכמה פון דער רעגירונג פון זיין מאַיעס־טעט; אָבער אַז זיי זענען שוין אין לאַנד, מוזן זיך די יידן מיט זיי רעכענען.

— ניין און ניין, הער מיניסטער! מיר וועלן נישט אויפגעבן אַפילו איין קוואַדראַט־צענטימעטער פון אונדזער באָדן.

און דאָ ווערט אָנגעפילט מיט ווייטיק וויצמאַנס שטים:

— אַך, ווי ענגלאַנד האָט עס פאַרשוועכט איר כבוד! זי האָט דאָך דערקלערט, אַז זי איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אָרדענונג אין לאַנד ביזן לעצטן מאָמענט. ווי האָט זי אַזוי געקענט האַנדלען? ווי האָט ענגלאַנד געקענט זיין אַזוי לייכטזיניק לגבי איר אייגענער ערע?

דער מיניסטער האָט דערפילט אַ שווערקייט אין זיין לשון און ער איז אַרויס פון צימער אַ צעטומלטער.

יידן זענען געווען שטאַרק באַזאָרגט; אפשר טאָר מען נישט איינרייסן מיט די אַמעריקאַנער? זיי וועלן זיך אָפּקערן פון אונדז און מיר וועלן פאַרלירן זייער הילף.

וויצמאַן פילט אַרויס דעם אויפריכטיקן אומרו ביי די איבערגעגע־בענע ציוניסטן און ער זאָגט זיי:

— מיין גאַנץ לעבן האָב איך געפּרעדיקט די שיטה פון אָרגאַנישן וווקס. אָבער, פאַרשטייט, אַז אין יעדער עוואָלוציע קען קומען אַ שאַרפע ווענדונג. מען קען די ווענדונג נישט צוויילן, אָבער ווען זי קומט, איז אוממעגלעך זי אויסצומיידן.

טרומאַן איז דערשטוינט און פאַרוווּנדערט: ער האָט דאָך אין זיין לעבן שוין גענומען אויף זיין געוויסן געננוג שווערע, אחריותדיקע מעשים, פאַר וואָס ליגט אים אַזוי שטאַרק אויף דער נשמה דער יידישער ענין דווקא? פאַר וואָס קען ער זיך נישט באַפרייען פון דער געשטאַלט פון אַלטן, קראַנקן וויצמאַן? ער פילט זיך באַפליגלט, עס איז זיין היסטאָרישער

פליכט, טראַכט ער, אַריינצושרייבן מיט זיין האַנט אַ ניי בלאַט אינעם אור־אַלטן ספר־הספרים.

נייַן, ער וועט וויצמאַנען נישט פאַרלאָזן. ער רופט אַריין צו זיך זיין נאָענטן יועץ און מיטאַרבעטער, דעם ייד ראָזענמאַן. ער זאָגט אים: איך גיי אָן מיט מיין פּלאַן פון אויפשטעלן די יידישע מדינה. איך פאַרלאַנג אָבער אונטערצוהאַנדלען נאָר מיט וויצמאַנען אַליין. זאָל ער פאַרבלייבן אין אַמעריקע, איך וועל אים דאַרפן האָבן די טעג לעבן זיך.

עס איז פסח. די ערשטע סדר־נאַכט. וויצמאַן איז איינגעלאַדן אָפּצו־ריכטן דעם סדר ביי איינעם פון זיינע פריינד אין ניו־יאָרק. ווען ער שטייט שוין ביי דער טיר אַרויסצוגיין, צעקלינגט זיך דער טעלעפאָן. ריכטער ראָזענמאַן לאַדנט איין דרינגענדיק וויצמאַנען צו זיך. ער בעט אַנטשול־דיקונג וואָס ער קומט נישט צו אים, ער איז געצווונגען אים רופן צו זיך, זיין באַנדאַזשירטער פוס האָט אים צוגעשמידט צום אָרט. אַ שעה שפּעטער הערט וויצמאַן פון ראָזענמאַנס מויל וועגן טרומאַנס פעסטן באַשלוס דורכ־צופירן דעם פּלאַן פון אַ יידישער מדינה. וויצמאַן אָטעמט פרייער אָפּ. זיין אינטואיציע האָט אים נישט אַנטוישט: טרומאַן איז מיט אים.

בן־גוריון איז אומרויק, ער וויל וויסן ווי עס האַלט מיטן יידישן ענין אין וואַשינגטאָן און אין ניו־יאָרק. ער בעט מאיר ווייסגאַלן תיכּף זיך צו פאַרשטענדיקן מיט וויצמאַנען, זיך צו דערוויסן די לעצטע נייעס. ווייסגאַל טעלעפאָנירט פון ניצע. וויצמאַנס ענטפער איז קורץ און פעסט: פּראָק־לאַמירן די יידישע מדינה, זיך נישט צוריקציען פאַר קיין זאַך!

ווען משה שרת פליט צוריק קיין ארץ־ישראל, אַ באַזאָרגטער איבער דזשאָרדזש מאַרשאַלס נעגאַטיווער שטעלונג, דערגרייכט אים אויפן פלי־פּלאַץ וויצמאַנס רוף: „משה, גיב זיי צו מוט דאָרטן. עס איז געקומען אונדזער שעה: אָדער איצט, אָדער קיין מאָל נישט!".

דעם 13טן מאַי 1948 בעט וויצמאַן ביים פּרעזידענט טרומאַן, אַז ער זאָל אָנערקענען די יידישע מדינה, וואָס וועט אַנטשטיין אין משך פון די נאָענטסטע פיר און צוואַנציק שעה. ער בעט, אַז „די גרעסטע דעמאָקראַטיע אויף דער וועלט זאָל זיין די ערשטע צו באַגריסן די סאַמע נייסטע, וואָס האַלט ביים אַריינגיין אין דער משפּחה פון די פעלקער".

אָט דער געדאַנק אימפּאָנירט דעם פּרעזידענט. ער פרעגט דזשאָרדזש מאַרשאַלס מיינונג, אָבער יענער איז נישט דעצידירט. ווי אַ סך אַנדערע אין אויסערן־מיניסטעריום, בעט ער אָפּצוּוואַרטן.

הער קליפּאָרד, דעם פּרעזידענטס ראַטגעבער, באַמיט זיך, אַז עס זאָל שנעל גערופן ווערן אַ זיצונג וועגן דעם ענין. דער פּרעזידענט איז מסכים און ער לאַדט איין צו זיך די הערן מאַרשאַל, נעילס, קליפּאָרד און לובאט. דער לעצטער איז ספּעציאַליסט פאַר ארץ־ישראל־ענינים.

הער קליפּאָרד ווייזט אַרויס פאַרשטענדעניש פאַר דער יידישער זאַך. ער גיט אָן מאָטיוון, וואָס דאַרפן באַרעכטיקן זיין שטעלונג. אייגנטלעך — באַמערקט ער — האָט דאָך דער פּרעזידענט שוין אויסגעדריקט זיין סימפּאַטיע און שטיצע דער יידישער מדינה; עס וואָלט דעריבער געווען נישט ריכטיק צו מאַכן אַן אָנשטעל, ווי די מדינה וואָלט נישט עקזיסטירט.

מאַרשאַל איז אָבער קעגן. ער גיט אָנצוהערן, אַז מען דאַרף זיך נישט לאָזן אונטערוואַרפן אַ געוויסן עפנטלעכן דרוק.

דער פּרעזידענט איז באַזאָרגט. דוכט זיך, אַז די אָנערקענונג פון דער יידישער מדינה ווערט אַראָפּגענומען פון דער טאָג־אָרדענונג.

די הערן לובאט און קליפּאָרד גיבן אויך נישט אויף זייער קאַמף. זיי רופן צונויף די באַאַמטע פון דער מיטל־מזרח־אָפּטיילונג פון אויסלאַנד־מיניסטעריום. אויף דער זיצונג ווערט דערגרייכט אַ פּאָזיטיווע שטעלונג. דיביידע הויפּט־איניציאַטאָרן פונעם באַשלוס גיבן אים איבער דעם הער מאַרשאַל. איצט איז ער אויך מסכים. ער בעט נאָר, אַז מען זאָל אָפּוואַרטן אַ פּאָר טעג אויף צו באַראַטן זיך מיט די ענגלענדער און פראַנצויזן.

קליפּאָרד פאַרשטייט, אַז יעדע שעה איז וויכטיק. ער טרויט נישט דער צייט, מען מוז האַנדלען שנעל. ער איבט אויס זיין השפּעה אויפן פּרעזידענט, אַז אַמעריקע זאָל אָנערקענען דעם יידישן שטאַט גלייך ווי ער וועט אַנטשטיין.

טרומאַן בעט, אַז מען זאָל אָנשטעלן זיין זייגער לויט דער ארץ־ישראל־דיקער צייט...

פון נאָך מיטאָג אָן הערשט אַ שפּאַנונג אַרום דעם תל־אביבער מוזיי אויפן ראָטשילד־בולוואַר.

עס איז פרייטיק, דער 14טער מאַי.

מענטשן זאַמלען זיך אין די שכנותדיקע גאַסן און מען שעפּטשעט אין דער שטיל: אַ גרויסע זאַך דאַרף געשען.

אין הויפּטזאַל פון מוזיי שטייט אַ טריבונע, און אויף איר — אַ טיש מיט עלף שטולן. די מזרח־וואַנט איז פאַרצויגן מיט אַ גרויען לייוונט, באַ־

צירט מיט צוויי בלוי־ווייסע פאָנען. אַ גרויס בילד קוקט אַראָפּ — דאָס גוט באַקאַנטן פּנים פונעם חוזה פון דער יידישער מדינה, טעאָדאָר הערצל.

„אויב איר וועט וועלן, וועט עס נישט זיין קיין לעגענדע" — חזרן איבער מענטשן אין דער שטיל.

נישט ווייט פון טיש זיצן אַכצן מענטשן — דער רעגירונגס־ראַט, אַ מין פּאַרלאַמענט בזעיר אַנפּין.

פון רעכטס און פון לינקס זיצן געסט און איינגעלאַדענע: פאַרטרעטער פון נאַציאָנאַלע אינסטאַנצן, דעלעגאַטן צום ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס האָבן זוכה געווען צו דערלעבן דעם גרויסן, היסטאָרישן מאָמענט; עס זיצן אויך פאַרשטייער פון פרעמדע מלוכות.

צען מינוט פאַר 4 אַ זייגער קומט אָן דוד בן־גוריון אין דער באַגלייטונג פון זיין פרוי. הינטער אים גייען די מיטגלידער פון דער רעגירונג.

דער זאַל ווערט פול. יעדער איינער פאַרנעמט זיין פּלאַץ. דער זייגער איז 4. עס הערט זיך דער טראַדיציאָנעלער קלאַפּ פון הילצערנעם האַמער.

דער עולם שטייט אויף און זינגט די „התקווה".

עס קלינגט נאָך דער עכאָ פון די לעצטע „התקווה"־קלאַנגען, און בן־גוריון שטייט אויף מיט אַ מגילה אין דער האַנט.

בן־גוריונס גרויע האָר זענען ווי שטראַמען ליכט. זיינע רייד — ווי זיי וואָלטן זיך געטראָגן פון ווייט־נאָענטע הימלען:

„...אין ארץ־ישראל איז אויפגעקומען דאָס יידישע פאָלק. אין איר האָט זיך אויסגעפורעמט זיין גייסטיקע, רעליגיעזע און פּאָליטישע געשטאַלט; אין איר האָט ער געשאַפן זיינע נאַציאָנאַלע און אַלגעמיין מענטשלעכע ווערטן און איבערגעגעבן בירושה דער גאַנצער וועלט דעם אייביקן ספר הספרים".

...„און אויפן סמך פון אונדזערע נאַטירלעכע און היסטאָרישע רעכט, און אויפן סמך פון באַשלוס פון די פאַראייניקטע פעלקער, דערקלערן מיר דערמיט דאָס אַנטשטיין פון אַ יידישער מדינה אין ארץ־ישראל, און איר נאָמען — ישראל".

אין אַ פערטל שעה אַרום האָט דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע הערי ס. טרומאַן מודיע געווען, אַז זיין רעגירונג אָנערקענט די יידישע מדינה, וואָס איז אויפגעשטאַנען צום לעבן.

די ניי־געבוירענע יידישע מדינה פאַרעפנטלעכט איר ערשטן באַשלוס: דאָס „ווייס בוך" פון 1939 איז בטול און טויט. די גרענעצן פון לאַנד זענען פריי און אָפן פאַרן יידישן פאָלק.

די ענגלישע שיף „אורליוס" דערווייטערט זיך פון די ארץ־ישראל־ברעגן. עס פאַרלאָזט דאָס לאַנד אַ מאַן מיט אַ מיד פּנים, געקליידט אין ווייסן. דאָס איז סער אַלאַן קאַנינגהאַם — דער זיבעטער און לעצטער ענגלישער הויך־קאָמיסאַר אין ארץ־ישראל.

די שיף לאָזט נאָך זיך אַ שוימיקן ווירוואַר, כאַאָטיש ברויזט דאָס וואַסער, ווי דער תוהו־ובוהו, וועלכן די ענגלישע רעגירונג לאָזט נאָך זיך אין דעם לאַנד, וואָס איז מיט כמעט 30 יאָר צוריק איר איבערגעגעבן געוואָרן, כדי דאָרט אויפצושטעלן אַ יידישע היים.

דער גענעראַל קוקט אויף די כוואַליעס, וואָס שליידערן מיט דער קליינער שיף. אים דוכט זיך, ווי אַלץ אַרום וואָלט געוואָרישט:

— תוהו־ובוהו.

נישט געוואָלט האָט דער שר האומה, אַז וויצמאַן זאָל זיין אין תל־אביב בעת מען האָט אויסגערופן די יידישע מדינה, נישט געוואָלט האָט דער גורל, אַז וויצמאַנס חתימה זאָל זיין אויף דער היסטאָרישער אומאָפּהענגי־קייט־דעקלאַראַציע.

וויצמאַן דיקטירט אַ בריוו צו בן־גוריונען, אַ בריוו פון ליבשאַפט צום פאָלק; פון אנערקענונג צו די בויער און קעמפער, צו די חלוצים און אַרבעטער, וואָס האָבן געטראָגן אויף זיך די משא פון יידישן אויפבוי און וואָס שטייען איצט אין קאַמף אים צו באַשיצן. נישט לייכט איז אים צו טראַכטן וועגן די פרידלעכע ערד־אַרבעטער פון נהלל און עין־חרוד, וואָס מוזן איצט פירן אַ שווערן קריג. אויפגעלעבט צוריק זענען די צייטן פון שווערד און אַקעראייזן.

וויצמאַן פאַרגעסט נישט אויסצודריקן זיין דאַנקבאַרקייט די יעניקע, לויט וועמענס אינספּיראַציע עס איז געשאַפן געוואָרן דער מאַנדאַט. ער דערמאָנט עס איצט, ווען דער מאַנדאַט איז געענדיקט, נאָך די אַלע יאָרן פון קאַמפן און בייזוויליקע שטרויכלונגען.

דעם 15־טן מאַי, מוצאי־שבת, אַכט אין אָוונט, הערט זיך אַ שטים אויף די עטער־כוואַליעס: „דאָ איז קול־ישראל. נעכטן איז געקומען אַ סוף צום מאַנדאַט און מיט אים איז פאַרשטומט געוואָרן די שטים, וואָס האָט פאַר־שפּרייט וועגן אונדז ליגנס, געפעלשט אונדזער געשטאַלט און אונדזער קאַמף".

און דאָן דערהערט זיך בן־גוריונס שטים. ער גיט אָפּ כבוד די קעמפּער און בויער במשך די דריי דורות, וואָס האָבן דערמעגלעכט דעם גרויסן נס. „...און פון די, וואָס לעבן מיט אונדז, וויל איך היינט אין אָוונט דערמאָנען נאָר איין נאָמען — פון אַ גרויסן מאַן וואָס מעג יאָ אָדער נישט פאַרנעמען אַן אָפיציעלע פּאָזיציע, מעגן מיר יאָ אָדער נישט מסכים זיין מיט זיינע מיינונגען, וואָרעם עס איז נישטאָ קיין איין לעבעדיקער מענטש, וואָס זאָל האָבן מער ווי ער בייגעשטייערט צו אונדזערע גרויסע קאָלאָניזאַטאָרישע און פּאָליטישע דעראָבערונגען. און דאָס איז חיים וויצמאַן".

וויצמאַן איז נאָך אַלץ קראַנק. ער ליגט צוגעשמידט צו זיין בעט אין האָטעל־צימער. ווען עס ווערט אים אַ ביסל בעסער, גיט מען אים צו לייענען די טעלעגראַמע, וואָס זאָגט אים אָן, אַז ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון רעגירונגס־ראַט.

אַ טאָג פריער האָט בן־גוריון דערקלערט פאַר די פּאַרטרעטער פון פאָלק: „עס איז אוממעגלעך צו טראַכטן, אַז אין דער שפּיץ פון אונדזער רעגירונג זאָל נישט שטיין חיים וויצמאַן. אפשר איז עס נישט נייטיק וויצמאַנען, אָבער איך מיין, אַז דאָס איז אַ מאָראַלישע נויטווענדיקייט פאַרן ישוב און פאַרן פאָלק".

ביי דער געלעגנהייט האָט בן־גוריון דערמאָנט, אַז כאָטש עס פלעגן זיך אַ מאָל טרעפן מיינונגס־דיפערענצן צווישן אים און וויצמאַנען, איז אָבער אַזוינס נישט געווען אין דער לעצטער תקופה, בעת ווען וויצמאַן האָט געפאָדערט, אַז מיר זאָלן קעמפן און דערקלערן דעם אויפקום פון דער יידישער מדינה.

וויצמאַן דאַנקט בן־גוריונען פאַרן גרויסן כבוד. ער שטעלט זיך צו דער דיספּאָזיציע פון פאָלק און לאַנד.

נישט געווען איז עס אַ צייט אויף פרייען זיך. שוין דער דריטער טאָג, ווי מצרישע עראָפּלאַנען באָמבאַרדירן תל־אביב. די אַלטע שטאָט אין ירושלים איז אונטערן פייער פון עבר־הירדן.

וויצמאַן איז אַ פּרעזידענט פון אַ געשטורעמט לאַנד. זיין האַרץ איז צעשראָקן. ער גלויבט אָבער אין זיין גאָט און אין זיין שטערן. מיט די לעצטע כוחות גייט ער אַראָפּ פון זיין קראַנקן־בעט.

מען זאָגט אָן דעם עולם ווי אַזוי זיך צו האַלטן ווען די באַן וועט אַרייַן אין וואָקזאַל. דאָס וואָרט מען אין וואַשינגטאָן אויף ווייצמאַנען, וואָס איז אַלס פּרעזידענט פון ישראל, איינגעלאַדן צו טרומאַנען אין ווייסן הויז.

ווייצמאַן גייט לאַנגזאַם אַראָפּ פון וואַגאָן, לעבן אים — זיין פרוי און אַ קראַנקן־שוועסטער.

עס דערוואַרטן אים יוליוס קליי אין נאָמען פון פּרעזידענט, ווי אויך פאָרשטייער פון אויסערן־מיניסטעריום און פון דער מוניציפּאַליטעט.

יידן פילן אָן ביידע זייטן פון פּענסילוואַניע־בולוואַר. ווייס־בלויע פאָנען באַפּוצן פיל הייזער. טרערן רינען פון צעפּלאַמטע פּנימער.

— איז עס טאַקע נישט קיין חלום?

טרומאַן נעמט אויף ווייצמאַנען מיט אַ וואַרעמען שמייכל. ביידע פּרעזידענטן פירן צווישן זיך אַ האַרציקן שמועס.

— מיר בויטיקן זיך אין אַ הלוואה, הער פּרעזידענט.

— דאָס וועט נישט אָנקומען שווער. יידן זענען קראַנטע און גוטע צאָלערס.

אין „רויזן־גאָרטן" שטייען ווייצמאַן און טרומאַן פאַר די פאָטאָגראַפן. טרומאַן מיט דער מתּנה אין זיינע הענט — אַ ספר־תּורה, וואָס ווייצמאַן האָט אים איבערגעגעבן אין נאָמען פון פאָלק.

ענדלעך, די רייזע אַהיים. אָבער דערווייל וועט ווייצמאַן פאַרברענגען אַ שטיקל צייט אין דער שווייץ — זען זיך מיט זיין אויגן־ספּעציאַליסט, דערפרישן די כוחות, דערנאָך וועט ער אַ געשטאַרקטער איילן צו די הייזער און פעלדער פון ישראל.

ער האָט געטראַכט וועגן פאַרהאַלטן זיך אַ פּאָר טעג אין לאָנדאָן. אָבער עס איז אים שווער צו פאָרן אַהין, וואָרעם בעווין איז נאָך אַלץ דאָרט דער הערשער. און ווען ער טראַכט וועגן ענגלאַנד, פאַלט אויף אים אַ גרויסער אומעט. פאַר זיינע אויגן שוועבט אַדורך די נאָבעלע געשטאַלט פון בלאַנש דאגדייל, אפשר דער געטרייסטער פון זיינע נישט־יידישע פריינד, וואָס איז פּלוצלינג געשטאָרבן אין סקאָטלאַנד, אַ טאָג נאָך דער פּראָקלאַמאַציע פון דער יידישער מדינה. ניין, ער וועט דאָס מאָל נישט פאָרן קיין לאָנדאָן.

אין פּאַריז אויפן וועג צו דער שווייץ, נעמט מען אים אויף מיט גרויס כבוד. די פראַנצויזישע רעגירונג האָט נאָך נישט אָנערקענט מדינת־ישראל, אָבער ווייצמאַנען נעמט זי אויף ווי אַ פּרעזידענט.

דעם מופטיס אַגענטן פֿאַרפּלייצן די שטאָט מיט אַנטי־ישראל־פּאַמפּלעטן. ווייצמאַן טרעט איבער זיי און מענטשן קומען אים אַנטקעגן מיט ליבשאַפֿט.

לעאָן בלום קומט אים זען און זיי פֿאַרברענגען ביידע אין אַ לאַנגן שמועס. ווייצמאַן דערמאָנט זיך אָפּט אין בלומס רייד: „קריסטנטום שטיצט זיך אויף מעשים טובים; בודיזם — אויף רחמים; יידנטום שליסט איין ביידע, אָבער זיין יסוד איז גערעכטיקייט. ביי קריסטן זענען פֿאַראַן הייליקע, ביי יידן צדיקים. רחמנות מיינט דער ווילן צו העלפֿן די קרבנות פֿון אומרעכט. מעשים טובים זענען אַ מין צושטימונג צום עקזיסטירנדיקן סאָציאַלן מצב, אָבער דער סאָציאַליזם ווי אויך דאָס יידנטום שטרעבן נישט נאָר צו פֿאַרבעסערן די לאַגע פֿון די באַעוולטע און עקספּלואַטירטע, נאָר, דער עיקר, אַ סוף מאַכן מיטן רויב און עקספּלואַטאַציע, און אויף זייער אָרט זאָל הערשן גערעכטיקייט".

אַ צויבער־נאַכט. דער עראָפּלאַן, דער ערשטער, וואָס איז נאָר וואָס איינגעהאַנדלט געוואָרן דורכן ישראלדיקן ציווילן פֿלאָט, טראָגט זיך אין צעשטערנטן הימל. ווייצמאַן קוקט זיך אַרום: יידישע פּילאָטן, יידישע באַדינער, און דער צערעמאָניע־מייסטער וואָס איז ספּעציעל אַראָפּגעקומען אים באַגלייטן פֿון דער שווייץ.

איז עס טאַקע וואָר?

ווייצמאַן קוקט אויפֿן צעשטערנטן הימל און טראַכט: מיט דרייסיק יאָר צוריק איז ער געפֿאָרן קיין ארץ־ישראל מיט דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע אין קעשענע, כדי צו לייגן די יסודות פֿון דער צוגעזאָגטער יידישער היים. דאַן האָט אים אַ גענעראַל פֿאַרהאַלטן ביי זיין אָנקום און געוואָלט וויסן וואָס פֿאַר אַ מין ייד שיקט מען אים פֿון לאָנדאָן.

און ווייצמאַן דערמאָנט זיך אין זיין לעצטן בריוו צו דער ענגלישער רעגירונג, מיט די בייגעלייגטע פּאַספּאָרטן פֿון אים און זיין פֿרוי. ער קערט זיי אום, ער איז איצט אַ בירגער פֿון דער פֿרייער מדינת ישראל.

אַ דראַמע פֿון אַריבער פֿערציק יאָר איז געקומען צו איר שלום.

ווייצמאַנס עראָפּלאַן לאָזט זיך אַרונטער ערגעץ אין דרום־טייל פֿון לאַנד. עס וואַרטן אָפּ מיניסטאָרן און פֿריינד. אַ מיליטערישע איינהייט גיט אָפּ כבוד. אַ זעלנערין דערלאַנגט פֿרוי וועראַן אַ גרויסן בלומען־קראַנץ.

אַ שטילקייט. דוכט זיך, אַז מען קען פילן דעם אָטעם פון דער ערד, דעם טעם פון נייעם טאָג, וואָס גייט אויף פאַרן אַלט־געפרוּווטן פאָלק.

אַ פערטל נאָך זעקס אין דער פרי האָבן זיך אויטאָמאָבילן און דזשיפּן געטראָגן איבער די גאַסן פון רחובות. מענטשן האָבן זיך איבערגעגעבן פון מויל צו מויל: דער פּרעזידענט איז געקומען, דער פּרעזידענט!

44

זינט דער נס איז געשען, קען ווייצמאַן נישט באַהערשן זיינע טרערן. פון וואַנען נעמען זיי זיך? אפשר איז עס דער אָנקום אַהיים נאָך די צענדליקער יאָרן פון שווערן וועג וואָס רופט אַרויס אָט די טרערן? איבער אומצאָליקע שטרויכלונגען און שטורעמס, אין משך פון די לאַנגע יאָרן, האָט אין האַרץ זיך געעפנט אַ ווונד וואָס האָט גענאָגט און געמאָנט — און איצט — זאָל ער זיך שעמען מיט זיינע טרערן?

די ערד, אויף וועלכער ער שפּרייזט, לייכט מיט די הבטחות, וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט זיין פאָלק. און יעדעס מאָל, ווען ווייצמאַן באַנעמט אויף ס'ניי, וואָס עס איז פאָרגעקומען, פילט ער ווי עס גיט אַ שפּאַר אין אים אַ מאָדנע וואַרעמקייט, פּונקט ווי ביי אַ קינד, וואָס איז צוריק ביי טאַטע־מאַמע אין דער היים, נאָך וואַנדערונגען און פלאָגענישן אָן אַ סוף.

דאָס באַפרייטע פאָלק האָט אויסגעקליבן זיין ערשטן פּאַרלאַמענט — די כנסת. ווייצמאַן פאָרט צו איר דערעפענען אין ירושלים. ער האָט מורא, אַז זיינע רייד וועלן פאַרשלונגען ווערן אין טרערן.

סאַראַ האָפענונגען און סאַראַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט דער גורל האָט אויף אים אַרויפגעלייגט: זאָגן אַ וואָרט דעם פּאַרלאַמענט, וואָס וועט דאַרפן פאָרעמען די געשטאַלט פון דער באַנייטער מלכות ישראל!

ווייצמאַנס שטים ברעכט זיך פון איר אינערלעכן פייער און ציטער. ער רעדט וועגן די פּאַרלאַמענטאַרע ווערטן, אַז אין זייער יסוד ליגט יידישע גייסטיקייט און מאָראַל. ער דערמאָנט דאָס אַלטע ישראל, וואָס האָט גע־טראָגן די פאָן פון רעוואָלט קעגן פאַרשקלאַפונג און דיקטאַטור; ער דער־מאָנט מיט ציטער די תורת־ישראל און די נביאים־וויזיע וואָס האָבן איינ־געשטעלט אַ נייע באַציונג צווישן מענטש און מענטש. דעם קעניגס אויטאָ־ריטעט אין דער אַלטער ישראל איז געווען באַגרענעצט דורך דער תורה און טראַדיציע. די ישראל־נביאים האָבן נישט מורא געהאַט צו רעדן שאַרפע רייד מיט די מלכים און שטאַרקע הויף־מענטשן; מיט זייער פייער־לשון האָבן זיי באַשיצט דעם אָרעמאַן און באַעוולטן, דעם פרעמדן און קנעכט, דעם יתום און אלמנה. דער עצם באַגריף פון מלכות איז געווען דערווידער די גייסט־מענטשן פון פאָלק. „נישט איך וועל אויף אייך הערשן און נישט מיין זון; גאָט וועט זיין אייער הערשער". אויב דער הויפּט־

פרינציפּ אין מאָדערנע רעגירונגס־קאָנסטיטוציעס באַשטייט אין באַגרע־נעצן די מאַכט פון הערשער, קען דערפאַר דינען אַלס מוסטער דער אַלטער יידישער רעזשים.

און דאָ וויל וויצמאַן דערקלערן דעם סוד פאַר וואָס זיין דור, און נישט קיין אַנדערער, האָט דערלעבט דעם גרויסן מאָמענט. אפשר איז עס דערפאַר — פרעגט ער — ווייל אומענדלעך זענען געווען דיליידן אין די לעצטע זיבעציק יאָר? ווייל אַ צווייג נאָך אַ צווייג איז אַראָפּגע־ריסן געוואָרן פון יידישן בוים, ביז — און אָט פליסן די טרערן און פאַר־שטעלן די אָנגעשריבענע ווערטער אויפן פּאַפּיר — ביז עס איז פאַרטיליקט געוואָרן מער ווי אַ דריטל פון פאָלק; ביז עס איז אויף אונדז מקויים געוואָרן די וויזיע פון אַ שאָר־ישוב.

און דאָ ציטערט ווידער אויף וויצמאַנס שטים, קוים וואָס עס נעמען זיך אין איר צוזאַמען גאַנצע נישט געבראָכענע ווערטער: ...און ווייל מיר זענען נישט מער ווי אַן איבערבלייבעכץ, ליגט אויף אונדז אַ דאָפּלטע פאַראַנטוואָרטלעכקייט... דאָס אויג פון דער וועלט קוקט איצט אויף אונדז. זי וויל זען וועלכן וועג וועלן מיר זיך אויסקלייבן אויף איינצושטעלן אונדזער לעבן, וואָסער געשטאַלט וועט האָבן אונדזער מדינה. די אויערן פון דער וועלט זענען אָנגעשפּיצט, וואָרעם זיי ווילן וויסן, צי וועט אויפגיין אַ נייע בשורה פון ציון, און וואָס פאַר אַ בשורה וועט עס זיין...

וויצמאַן גלייבט אין דער גרויסקייט פון פאָרשונג און וויסנשאַפט. ער זעט איר דעצידירנדיקע ראָל אין דער צוקונפט. אָבער ער וויל, אַז זיין פאָלק זאָל לייגן אַ בריק צווישן וויסן און הארץ. אָט איז דאָך די וועלט אַן עדות צו וואָס די וויסנשאַפט קען דערפירן, אויב זי איז נישט באַהויכט פון אַ מאָראַלישער וויזיע.

„איך האָב מיין גאַנצן לעבן געשטרעבט צו דעם, אַז וויסנשאַפט און פאָרשונג זאָלן זיין דער יסוד פון אונדזער ווערט. איך האָב זיך אָבער שטענדיק אָפּגעגעבן אויך אַ חשבון, אַז ס'זענען פאַראַן ווערטן וואָס שטייען העכער פון וויסנשאַפט. נאָר מיט צדק און יושר, מיט שלום און מיט אהבת האדם, קען מען היילן די צרות וואָס פּייניקן די וועלט".

וויצמאַן דערמאָנט די בחירי־האומה, וואָס זייער קאַמף און חלום האָבן דערמעגלעכט דעם אויפקום פון דער מדינה. ער רופט אויס דעם נאָמען פון טעאָדאָר הערצל — דער מאַן, וואָס גייט אים שטענדיק נאָך מיט זיין שטערן־ליכט און אָדלער־פלאַטער. ער דערמאָנט מאַקס נאָרדוי־נחום סאָקאָלאָוון און דעם גרויסן לערער און מוכיח אחד העמען; און דעם נאַציאָנאַלן דיכטער חיים נחמן ביאַליק, דעם באַגייער פון העברעישן

לשון, אליעזר בן יהודה און מנחם אוסישקינען; און ער דערמאָנט אַ נאָמען וואָס שטראַלט אויף מיט גלאַנץ, „די קרוין פון אַמעריקאַנער יידנטום", לואיס ברייגדיס, און חלוץ החלוצים פון ישראל־אויפבוי, דער פּאַטער פון ישוב, באַראָן עדמאָנד דע ראָטשילד.

וויצמאַן בלייבט שטיין אָן כוחות, פּונקט ווי זיי וואָלטן אויסגעגאַנגען ביים דערמאנען די מענטשן, וועלכע ער האָט נישט איין מאָל באַוווּנדערט און נישט איין מאָל אויפגעלויכטן אין זייער גייסט.

וויצמאַן דערמאָנט מיט קדושה און ציטער די ברידער און שוועסטער פון פאָלק, וואָס האָבן נישט זוכה געווען צו דערלעבן דעם ליכטיקן טאָג.

מענטשן הייבן זיך אויף. מעןווישט די טרערן פון די אויגן. אויפן טיש ברענען די נשמה־ליכט אין זכר פון אויסגעשאָכטענעם פאָלק. אַ געפלאַטער פון מיליאָנען נפשות, טרערן און האָפענונגען.

און קוים וואָס וויצמאַן פאַרענדיקט:

— דער ערשטער פאַרלאַמענט פון מדינת ישראל איז געעפנט!

ציטווייליקע רעגירונגס־פאָרמען ווערן פאַרביטן אויף סטאַבילע און קאָנקרעטע. דער ערשטער פאַרלאַמענט דאַרף אויסקלייבן דעם פּרעזידענט פון לאַנד; איצט איז וויצמאַן געווען נישט מער ווי פּרעזידענט פון רע־גירונגס־ראַט.

דעם זיבעטן פעברואַר 1949 קומט אַראָפּ צו וויצמאַנען אין רחובות אַ דעלעגאַציע בראש מיטן כנסת־פאָרזיצער יוסף שפּרינצאַק.

— איר זעט היינט אַלע אויס יונג — באַגריסט וויצמאַן די מענטשן.

— פון היינט אָן און ווייטער וועט איר האַלטן אין איין ווערן יינגער — ענטפערט וויצמאַנס פאַרערער זלמן רובאַשאָוו*.

שפּרינצאַק זאָגט אָן די בשורה: די געוויילטע פון פאָלק האָבן וויצמאַנען אויסגעקליבן אַלס פּרעזידענט פון ישראל.

— מיין טייערער יוסף, טייערע פריינד, פאַרטרעטער פון ישראל! איר פאַרשטייט דאָך מיין איצטיקע עמאָציע... איך האָב נישט גענוג ווערטער צו דאַנקען אייך פאַרן גרויסן כבוד און פאַר דער הייליקער פליכט, וואָס איז האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט. איך געדענק, ליבער יוסף, ווי דו האָסט מיט יאָרן צוריק מיך געבעטן, אַז איך זאָל ברענגען די מגילת־

* איצט — דער נשיא שניאור זלמן שז"ר.

העבודה אַלס המשך צו דער באַלפור־דעקלאַראַציע. איצט שטייען מיר פאַר אַ נייער אַרבעטס־מגילה און מיר מוזן דערפילן אונדזער פליכט.

...מיין טאָג האַלט ביים פאַרגיין. איך האָף אָבער, אַז מיר וועלן סטייען די כוחות און איך וועל אייך נישט אנטוישן.

וויצמאַן איז עולה קיין ירושלים.

די כנסת האַלט איין דעם אָטעם.

ווען וויצמאַן באַווייזט זיך, הערט זיך אַ שופר־בלאָזן. וויצמאַן גייט פאַרויס, ווי אין מיטן געשפּאָלטענעם ים, און פוןביידע זייטן — בלוט און פייער, האָפענונגען און געבליץ פון אַ נייעם טאָג.

— תקיעה, תרועה, תקיעה גדולה!

וויצמאַן הייבט אויף זיין האַנט, ער שווערט:

— איך, חיים בן עוזר און רחל לאה וויצמאַן, בין זיך מתחייב, אַלס דער נשיא פון דער מדינה, צו היטן און געטריי זיין דער יידישער מדינה און אירע געזעצן.

וויצמאַן שטאַרקט זיך איבערן אָנגעפּלייץ פון זיינע געפילן. ער שיקט ברכות דעם פאָלק און לאַנד:

...„איך וויס, אַז דאָס, וואָס מיר וועלן טאָן אָדער נישט טאָן אין אונדזער לאַנד, וועט שפּרייטן זיין שיין, אָדער שאָטן אויפן גאַנצן פאָלק“...

עס ענדיקט זיך די צערעמאָניע. מיניסטאָרן און פריינד קומען צו דריקן וויצמאַנס האַנט. וויצמאַן קוקט מיט זיינע שוואַכע אויגן, ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט.

אָט זענען זיי, די אַראַבישע דעפּוטאַטן.

וויצמאַן שטרעקט אויס צו זיי זיין האַנט. פּנימער צעשמייכלען זיך.

און ווען וויצמאַן פאָרט צו אַן אויפנאַמע לכבוד אים אין דער ירו־שלימער מוניציפּאַליטעט, לעבט אויף אין אים אַ שמועס פון מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק.

ער איז דאַן געפאָרן מיט גענעראַל אַלענבי קיין ירושלים. אַרום — שטיינער און וויסטע בערג.

— דאָס איז אַ מדבר־לאַנד. און מיט אָט דער ערד ווילט איר פאַר־בינדן אייערע האָפענונגען? — פרעגט דער גענעראַל וויצמאַנען, און ער גיט צו נאָך אַ וויַיל: — דאָ וועט דאָך קיין זאַך נישט אויפבליען!

— הלוואי זאָלן מיר זיך קענען טרעפן אין דרייסיק יאָר אַרום און דאָן ווידער רעדן וועגן דעם, מיין גענעראַל.

און איצט, אין דער מוניציפּאַליטעט, ביי דער געהויבענער שטימונג, צאָלט ווייצמאַן אָפּ אַ חוב. ער דערמאָנט דעם ערשטן עטאַפּ פון דער יידיש־ענגלישער צוזאַמענאַרבעט. ער דערקלערט: „איך וויל זיין קאָרעקט און יושרדיק פאַר דער געשיכטע: אין יענער תקופה וואָלטן מיר נישט דערגאַנגען צו די איצטיקע טעג".

ווייצמאַן צאָלט אָפּ דעם מאָראַלישן חוב, הגם עס איז נאָך נישט פאַרשוווּנדן דער עכּאָ פון מיסטער קאָדעגאַנס ווערטער אין זיכערהייטס־ראַט. ווען אבא אבן, האָט באַמערקט, אַז אין נגב הערשט רו, האָט דער ענגלענדער זיך אָנגערופן: אויך אין די לענדער, וואָס היטלער האָט באַזיגט, האָט געהערשט רו... דאָס גאַנצע פאָלק האָט אויפגעציטערט פון אָט דער שרעקלעכער באַמערקונג. און דאָך, שליסט איינס נישט אויס דאָס צווייטע. די רומפולע מאָמענטן אין דער יידיש־ענגלישער אַליאַנס, ווי קורץ זיי זאָלן נישט האָבן עקזיסטירט, וועט ווייצמאַן שטענדיק געדענקען.

אויף צו מאָרגנס, נאָך זיין איינשוועררונג, רופט ווייצמאַן צונויף די מענטשן פון וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין רחובות. ער רעדט מיט באַגייס־טערונג וועגן דער גרויסער ברכה, וואָס וויסן און פאָרשונג קענען ברענגען פאַרן לאַנד. „מיר שמידן דאָ אַ שטאַרקן מכשיר, אַ וויסנשאַפטלעכן, כדי צו קעמפן מיט זיין הילף פאַר אונדזער קיום". און ער גיט צו: „וואָס מיר וועלן דאָ שאַפן וועט זיין אַ כבוד פאַר דער מדינה און פאַרן אינסטיטוט. אויב איר וועט אַרבעטן מיט איבערגעגעבנקייט, וועלן מיר דערגרייכן דעם ציל".

ווייצמאַנס בליק גליטשט זיך איבער די פאַרזאַמלטע, און אָט פאַר־האַלט ער זיך אויף ווייסגאַלס פּנים. ער זאָגט אים: „דו ביסט געווען פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן, וואָס האָבן גורם געווען צו דער פאַרוויר־קלעכונג פון אָט דעם ווערק".

די זעלביקע בשורה וועגן תורה און דעת האָט ווייצמאַן פאַר די איינ־וווינער פון תל־אביב, ווען ער קומט בייזיין די צערעמאָניע פון צעטיילן די פּרעמיעס צווישן פאַרדינסטפולע וויסנשאַפטסלייט, פּרעמיעס, וואָס וועלן להבא טראָגן ווייצמאַנס נאָמען.

ווייצמאַן רעדט פאַרן עולם וועגן זיין גרויסן באַגער: צו שאַפן אין יידישן לאַנד אַ סינטעז פון וויסן און העכערער מענטשלעכער וויזיע.

ער קען נישט צאַמען זיין ענטוזיאַזם. ער רעדט וועגן ישראל, וואָס דאַרף אין לערנען און וויסן זיין אַ ביישפּיל פאַרן גאַנצן מזרח. „אונדזער יונגע מדינה קען און דאַרף ווערן אַ קוואַל פון אויפלעבונג און פאָרשריט אין דעם טייל פון דער וועלט, וואָס איז אין די ווייטע פאַרגאַנגענע טעג געווען דאָס וויגעלע פון דער מענטשלעכער קולטור.

זאָל עס מעגלעך זיין? דאַרף ער אויך איצט זיך נעמען צום וואַנדער־שטעקן?

וויצמאַן מוז ווידער פאָרן קיין אַמעריקע. טויזנטער נייע עולים קומען אָן אין לאַנד. דער שונא שטייט אין די טויערן און באַדראָט דעם יידישן קיום. מוז ער ווידער זיך לאָזן אין די ווייטענישן, זוכן הילף, פאַרשטענדעניש.

יידן אין אַמעריקע שפּאָרן וויצמאַנס טרחה און געזונט. ער איז זייער יומטובדיקער גאַסט, מען נעמט אים אויף בדחילו ורחימו. אויף אַ גרויסן באַנקעט אין „וואַלדאָרף אַסטאָריאַ" דערלאַנגט מען אים אַ טשעק אויף מיליאָנען.

אויך אין וואַשינגטאָן איז ער אַ געהויבענער גאַסט. פּרעזידענט טרומאַן נעמט אים אויף אויף אַ לענגערן שמועס. דער מענטש פון מיזורי פילט אַז ער איז באַטייליקט אין אַ גרויסער געשעעניש אין דער געשיכטע פון אַלטן פאָלק.

אין ענגלישן פּאַרלאַמענט הערן זיך שטימען: אַ סוף זאָל עס נעמען! גענוג שוין געגאַנגען אויפן פאַלשן וועג! ענגלישע פליער זענען אין מצרישן דינסט אין די קאַמפן איבער ישראל. מען קען מער נישט אויס־באַהאַלטן די שפלדיקע ראָלע וואָס בעווין שפּילט אין יידיש־אַראַבישן צוזאַמענשטויס. טשערטשיל בעט אַ וואָרט. ער פאַרלאַנגט אויסצודריקן אומצוטרוי בעווינען. ער רעדט מיט פאַראַכטונג קעגן בעווינס אַנטי־יש־ראל־פּאָליטיק. מ'האָט שוין לאַנג נישט געהערט פון טשערטשילן אַזעלכע שאַרפע רייד. ער רופט אויס: „דער אויפקום פון דער יידישער מדינה איז אַ געשעעניש אין דער וועלט־געשיכטע וואָס טאָר נישט באַטראַכט ווערן פון פּערספּעקטיוו פון אַ דור, אָדער פון אַ יאָרהונדערט, נייערט, פון פּערספּעקטיוו פון טויזנט יאָר, צוויי טויזנט יאָר, אָדער אַפילו דריי טויזנט יאָר". ער שליסט אויס דעם געדאַנק פון זען אין דער יידישער באַפרייונג אַ דורכגייענדיקן קאַפּריז אויף די כוואַליעס פון דער צייט. ביי דער געלע־

גנהייט דערמאָנט ער מיט וואַרעמקייט ווייצמאַנס גרויסקייט און היס־טאָרישן אויפטו. זינט דעם מאָרד איבער לאָרד מאָין, איז דאָס געווען דאָס ערשטע מאָל — טראָץ פיל אָנשטרענגונגען צוריק צו געווינען טשערטשילן פאַרן ציוניזם און אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט צווישן אים און ווייצמאַנען — וואָס טשערטשיל דריקט אויס זיין באַנייטן גלויבן אין ישראל־אידעאַל און אויך זיין פאַרערונג פאַר ווייצמאַנען.

בעווינס פעסטונג הייבט זיך אָן ברעכן. באין ברירה, מוז ער אַנער־קענען די יידישע מדינה.

דעם 27סטן מאַי 1949 דערלאַנגט דער בריטישער געזאַנדטער זיינע קרע־דענציאַלן דעם פּרעזידענט פון מדינת ישראל. דער געזאַנדטער רעדט שטיל און פעסט: „עס איז וואָך אונדזער אינטערעס פאַר יעדער זאַך, וואָס האָט צו טאָן מיטן דערפאָלג און מיטן וווקס פון דער יידישער מדינה״...

ווייצמאַן שמייכלט ווען ער הערט, אַז אין באַשטאַנד פון דער לעגאַציע איז פאַראַן איינער מיטן נאָמען באַלפור. זאָל ער גלייבן אין סימבאָלן אין צייכנס?

דער געזאַנדטער באַמערקט:

— ווי איר ווייסט, עקסעלענץ, בין איך נישט קיין פרעמדער אין דעם לאַנד. מיט העכער דרייסיק יאָר צוריק בין איך דאָ געווען, אָבער אין גאָר אַנדערע אומשטענדן; געווען בין איך דאַן אַ יונגער זעלנער אין אַלענביס אַרמיי, וואָס האָט באַפרייט ירושלים, — אַ באַפרייונג וואָס האָט שפּעטער געפירט צום אויפקום פון דער יידישער היים.

די קלאַנגען פון יידישן הימן באַגלייטן דעם אַוועקגייענדיקן ענגלישן געזאַנדטן.

אין נאָוועמבער 1949 פאַלט אויס ווייצמאַנס פינף און זיבעציקסטער געבוירן־טאָג.

דעם 2־טן נאָוועמבער דערעפנט ווייצמאַן דעם אינסטיטוט אין רחובות, וואָס טראָגט זיין נאָמען. וויפל האָפענונגען ער פאַרבינדט מיט אָט דעם אינסטיטוט — זיין לאַנגער לעבנס־חלום!

פון נהלל קומען די געטרייע פריינד. זיי ברענגען אַ טייערע מתנה: 75 איילבערט־ביימלעך, וואָס זיי פאַרפלאַנצן ביי ווייצמאַנס הויז — אַ בוים פאַר יעדן יאָר פון זיין לעבן.

דער מיניסטער פאַר רעליגיעס קומט אין דער קריה און גיט איבער

צוויי ספר־תורות — אַן אַלטע טראַדיציע פֿון די מלכות־צייטן — איין תורה פֿאַרן פּרעזידענט־הויז, און איינע פֿאַר זיין בית הגנזים.

דעם 27סטן נאָוועמבער, אין ווייצמאַנס געבוירן־טאָג, דערגייט די פֿרייד צו איר הויכפּונקט. ס׳איז אַ יום־טוב אין די שולעס. טויזנטער קינדער שטראָמען צום פּרעזידענטס הויז, אין דער קריה. זאַלפֿן פֿון קאַנאָנען, געזאַנג אין די גאַסן.

אין ניו־יאָרק, לאָנדאָן, בוענאָס־איירעס — אומעטום פֿרייען זיך יידן מיט זייער אויסדערוויילטן.

45

איז עס טאַקע גליק, ווען עס ווערט פאַרווירקלעכטביים לעבן דער חלום פון אַ מענטשן?

דער טרוים איז וואָר. וויצמאַן וויל זיך אָבער פון טרוים נישט באַפרייען.

עס שטעלן זיך גרויע טעג. וויצמאַן רייסט זיך פון דער ערד; ער וויל דעם הימל — אַ ממלכת כהנים וגוי קדוש.

אָפּט פאַרברענגט ער אין איינזאַמקייט זיינע טעג; ער איז פאַרביטערט.

מען פייערט דעם צווייטן יובילייַ פון ישראלס אומאָפּהענגיקייט. פאַר־נאַכט שטראָמען די קינדער פון די שולעס אין רחובות צום פרעזידענטס הויז. מיט זיי — בירגער פון אַלע קרייזן און שטאַנדן. מען טראָגט שטור־קאַצן. די פּנימער זענען באַלויכטן אין פלאַמען־אָפּגלאַנץ.

וויצמאַן קומט צו זיי אַרויס און ער רעדט וועגן דער מדינה, וואָס איז נישט מער ווי אַ מיטל צום ציל. דער ציל איז אָבער נאָך אין דער ווייט. די יוגנט דאַרף שמידן אין יושר און אין צדק די גרויסע יידישע אידעאַלן.

וויצמאַן הערט נישט אויף צו רעדן וועגן דער מדינה, וואָס איז נישט מער ווי אַ מיטל צום ציל.

ער וואָלט וועלן עולה זיין קיין ירושלים. עס איז הערצלס יאָרצייט. זיין געזונט־צושטאַנד דערלויבט עס אָבער נישט. באַנוגנט זיך וויצמאַן מיט צושיקן אַ בריוו. און ווידער די זעלבע טענה: ...„הערצל האָט נישט געטראַכט בלויז וועגן דער אויסערלעכער ראַם פון דער מדינה. זיין לעבנס־טרוים איז געווען, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל באַנייען זיין מדינה אין גייסט פון מענטשלעכער גערעכטיקייט און שלום, וואָס די נביאי־ישראל האָבן אונדז איבערגעלאָזן בירושה; אַ מדינה, וואָס זאָל זיין אַ ביישפּיל פאַר דער וועלט מיט אירע מאָראַלישע ווערטן און קולטורעלע דערגרייכונגען".

טעג גייען אַריבער און וויצמאַן איז ווי אָפּגעריסן פון דער ווירק־לעכקייט. עס באַנוגנט אים נישט דאָס טאָג־טעגלעכע. דער איבערגאַנג צו וואָר איז אַ שווערער און ווייטיקלעכער.

אין זיין באַגריסונג־בריוו צום ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס קומט פאָר אין אויגוסט 1951 אין ירושלים, שרייבט ער: ...„אַ מדינה איז נישט קיין

ציל פאַר זיך אַליין. מיר זענען אַ צו אַלט פאָלק און מיר האָבן שוין געגוג געזען עליות און ירידות אין דער געשיכטע, אַז מיר זאָלן זיך לאָזן פאַרבלענדן פון אַן אויסערלעכן מדינה־גלאַנץ".

ווייצמאַן לערנט מיטן קאָנגרעס וואָס די מדינה דאַרף מיינען אין יידישן לעבן. ער איז — זאָגט ער — דער נויטוועגדיקער פּאַנצער, וואָס דאַרף באַשיצן די יידישע אומאָפּהענגיקייט, כדי אין פרייע באַדינגונגען, נישט געשטערט פון דרויסן, זאָל דער ייד קענען פאָרמירן אַ געזעלשאַפט, וואָס וועט זיין אין איינקלאַנג מיט די גרויסע אידעאַלן, וואָס די אויס־דערוויילטע פון פאָלק האָבן אַ מאָל אָנגעזאָגט דער מענטשהייט און וואָס האָבן אים געגעבן אַ בכבודיק אָרט אין דער געשיכטע פון דער וועלט.

און ווייצמאַן בעט, אַז עס זאָל זיך אַנטוויקלען קעגנזייטיק־פּרוכט־באַרע באַציונגען צווישן די יידישע תפוצות און מדינת־ישראל, וואָרעם ביידע האָבן זיי זיך וואָס צו געבן. עס איז דאָך גאַנץ מעגלעך, אַז ישראל זאָל געבן דעם פאָלק אַ לעבנס־פאָרמולע וואָס זאָל זיין אַ באַנייונג פונעם רומפולן עבר.

ווייצמאַן זיצט אין אַ טיפן פאָטעל, איינגעדעקט אין אַ וואַרעמער קאָלדרע. ער איז קראַנק, אומבאַהאָלפן.

גאָר שנעל איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ער איז נישט מער ווי אַ סימבאָל. נישט קיין פּרעזידענט מיט מאַכט אין זיינע הענט, נאָר אַ מין פאָן. ער איז בייז אויף די מענטשן, וואָס האָבן אים אַוועקגערוקט אין אַ ווינקל.

ווייצמאַן וויל נישט זען זיין עלטער, זיין קראַנקייט — און אַז נייע צייטן זענען געקומען.

פאַר אַ נאָענטן פריינד דערציילט ער, אַז ער האָט געוואָלט האָבן דעם קאָנטראָל איבער דער אַרמיי און אויסלענדישע ענינים. ער איז אָבער נישט מער ווי אַ סימבאָל, פאַרענדיקט ער זיינע רייד, און מאַכט דערביי נאָך די אויסשפּראַך פון דעם עסקן, אָדער יענעם.

אָפּט גיט ער זיך אַ ריס פון פאָטעל און ער צעשרייט זיך:

— ווו זענען אַלע? פאַר וואָס האָט מען אים פאַרלאָזן?

— ווו איז דער מאַן וואָס כ׳וואָלט וועלן אים פאַר מיין יורש? ווו איז נחום גאָלדמאַן?

ווען עס ווערט אים בעסער, שאַרט ער זיך אַוועק אין גרויסן ביבליאָ־טעק־זאַל, אויפן ערשטן שטאָק פון דער דירה. דער זאַל, מיט קיילעכ־

דיקע פענצטער, הויך אין דער וואַנט, דערמאָנט אים אין אַ שיף. עס דוכט זיך אים אָפּט, ווי ער וואָלט זיך נאָך געטראָגן איבערן צעכוואַליעטן יידישן ים. ער האָט ליב דעם ווינקל, ווו עס שטייט דער שרייבטיש. איבער אים אויף דער וואַנט הענגט אַ גרויס בילד: דאָס פּינסקער בית־המדרש. אויפן טיש שטייען צוויי זילבערנע לייבן. דאָס ווינקל זעט אים אָפּט אויס ווי אַן עמוד צום דאַווענען. ער דערשלעפּט זיך אַהין, זעצט זיך אַוועק אַנטקעגן די לייבן, אַנטקעגן דעם בית־המדרש־בילד, און עס ווערט אים גוט און וואַרעם אויפן האַרצן. אָט איז פאַר אים די יידישע וועלט, מיט אירע טרערן און האָפענונגען, מיט אירע אידעאַלן פון צדק און שלום, פון יושר און גאולה. ער קלאַמערט זיך אין זיין ווינקל און קיינער וואָגט נישט אַריינצוגיין אין זאַל, וואָס דערמאָנט אין אַ שיף.

אַז די כוחות קומען צוריק, פאָרט ווייצמאַן אין דער קריה אין תל־אביב. שטילע, ליידיקע שעהען אין זיין ביוראָ. מען ברענגט אים אַריין אונטער־צושרייבן גלאַנציקע קרעדענציאַלן, וועגן געזאַנדטע און שליחותן, וואָס נישט ער, נאָר אַנדערע האָבן וועגן זיי באַשלאָסן.

שאַ שטיל.

— איך בין אַ סימבאָל — ברומט ווייצמאַן.

אַהאַ! אַ דאָקומענט וואָס וועט קומען צו טרומאַנס טיש. דער מענטש איז ווערט אַ ספּעציעל שיינע אונטערשריפט... ווייצמאַן ציקלט אויס זיין אונטערשריפט און באַפּוצט אים מיט אַ פאַסיקל דאָ און דאָרטן.

ווייצמאַן וויצלט זיך. ער פרעגט דעם סעקרעטאַר:

— אַרבעטן דאָ אַלע אַזוי שווער ווי איך?

ער נעמט זיין הוט און שטעקן און פאָרט צוריק אַהיים, קיין רחובות.

ווייצמאַן קוקט אויף אַ פאָטאָגראַפיע און אַ איראָנישער שמייכל שפּילט אין די ווינקלען פון זיין מויל. די פאָטאָגראַפיע פאַראייביקט אַ רעגירונגס־זיצונג, וואָס איז פאָרגעקומען לכבוד אים אין זיין הויז דעם 2טן נאָוועמ־בער 1950: דער פרעמיער דריקט זיין האַנט, די מיניסטאָרן שטייען אַרום.

ער האָט דאַן באַמערקט: עס איז סימבאָליש, אַז די זיצונג קומט פאָר אין טאָג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

הייסט עס טאַקע, פרעגט זיך ווייצמאַן, אַז מיין גאַנצער אָנלען איז נישט מער ווי זכרונות?

שווערע טעג. ווייצמאַן איז איינזאַם, ער קלאָגט זיך: קיינער קומט מיך נישט זען.

עס טוט אים ווי ביז גאָר, וואָס מען האָט אין אים פאַרגעסן ביים אונ־טערשרייבן די אומאָפּהענגיקייטס־דעקלאַראַציע. זיין נאָמען איז אויף איר נישט פאַראַן. אמת, ער איז יענעם טאָג געווען אין אַמעריקע, זיך געראַנגלט אין ניו־יאָרק און אין וואַשינגטאָן וועגן די גרענעצן פון דער יידישער מדינה. אָבער צי האָט מען דען נישט געקענט איבערלאָזן פאַר אים אַן אָרט, אַז ער זאָל אויך קענען חתמענען די דעקלאַראַציע? איז דאָך טאמאס מאַסאַריק אויך נישט געווען ביים אונטערשרייבן די דעקלאַראַציע פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער פרייהייט; מען האָט אָבער דעם אויבנאָן איבערגעלאָזן פאַר אים, אַז ער זאָל באַצירן מיט זיין אונטערשריפט דעם היסטאָרישן אַקט.

אַ קינד, אַן אייניקל וועט פרעגן: פאַר וואָס פעלט דאָ ווייצמאַן, פאַר וואָס איז ער נישטאָ?

נישט שוין זשע פילט מען נישט מיין צער? פאַלט קיינעם נישט איין מתקן צו זיין די עוולה?

ווייצמאַן באַשליסט צו פאָרן קיין נהלל. ער פילט זיך קרעפטיקער אין דעם ווינטער־טאָג. די דאָקטוירים גיבן די דערלויבעניש.

ווייצמאַן קוקט אַרויס פון אויטאָמאָביל. זיין שטאַרער בליק עגבערט זיך אין די פעלדער און גערטנער. אָבער מער ווי ער זעט, פילט ער דעם כוח פון דער ערד, וואָס איז צוריק יונג געוואָרן.

די חברים פון נהלל העלפן אים אַרויסגיין פון אויטאָמאָביל. אין איינעם פון די שולע־צימערן איז צוגעגרייט אַ גרויסער קבלת־פּנים. אויף דער וואַנט — אליעזר יפהס בילד.

ווייצמאַן דערמאָנט זיך יענעם טאָג, ווען יפה איז צו אים געקומען נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע און געבראַכט אים אַ פּלאַן. איצט — האָט יפה געטענהט — ווען די טויערן פון לאַנד וועלן זיך עפענען און יידן וועלן אַהער שטראָמען, וועלן דאָך נישט אַלע זיך קענען צופּאַסן צו אַ קיבוץ־לעבן. אַ דאָרף אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות וואָלט געקענט זיין די פּאַסיקסטע פאָרעם פאַר אַ יידישער מאַסן־אימיגראַציע.

דער תמימותדיקער גוטער יפה איז געווען זיכער, אַז הונדערטער טויזנטער פון פאָלק וועל גלייך נעמען שטראָמען אין יידישן לאַנד.

ווייצמאַנס שטים איז שוואַך. ער רעדט ווידער וועגן שטאָט — וועגן מיטל און ציל.

מיט אַ מאָל רופט אים דער דרויסן. ער בעט די חברים מען זאָל אים פירן צום דענקמאָל וואָס אין דאָרף.

מען לייענט אים פאָר די אויפשריפט אויף דער מצבה: „פון דער שטומקייט פון שטיין רוף איך אויס: געדענק!". און דאַן לייענט מען אַראָפּ די אויסגעקריצטע נעמען פון אומגעקומענע יידן אין טעג פון שלום און אין טעג פון קאַמף, יידן, וואָס האָבן געבויט אַ היים מיט אַ רידל אין איין האַנט און אַ ביקס אין דער צווייטער.

ווייצמאַן הערט זיך צו צו די נעמען פון די געפאַלענע און ער פליס־טערט: גאָטעניו, גאָטעניו, פאַר וואָס האָב איך נישט זוכה געווען, אַז מיין זון מיכאל זאָל דאָ רוען...

ווייצמאַן ווישט די טרערן. די חברים האַלטן אים ביי די אָרעמס און פילן דעם ציטער פון זיינע קני.

גערוען איז עס ווייצמאַנס לעצטער באַזוך אין נהלל.

דוכט זיך — שטילע טעג. ווייצמאַן איז אממייסטנס אַליין. אָפט קלינגען אין אים דעם טאַטנס תפילות און דעם זיידע מיכאלס תהילים־זאָגן. ווייצמאַן פליסטערט פסוקים פון סידור און מחזור.

לעצטנס שטעלט ער אָפט אָן די פּלאַטע וואָס דער חזן ווילקאָמירסקי האָט אים געגעבן אַ מתנה צו זיין 76־טן געבוירן־טאָג. ווייצמאַן האָט ליב ווילקאָמירסקיס שטים: „אדם יסודו מעפר וסופו לעפר". נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל לאָזט ווייצמאַן שפּילן די פּלאַטע און ער קען זיך ג'אָרנישט זעטיקן.

ער פאַרברענגט אָפט מיטן מחזור אין האַנט. ער קוקט אַריין, ער קוויקט זיך מיט די האַרציקע פיוטים. ס'לעבט אויף דאָס שטעטל מאָטעלע, דער בית־המדרש, די פעטערס און קוזינס, די יומטובדיקע און וואָכעדיקע תפילות.

אַז עס שטעלט זיך אַוועק אַ גוטער טאָג און די כוחות קומען צוריק, פאָרט ווייצמאַן אַרויס איבערן לאַנד. נישטאָ קיין גרעסערער פאַרגעניגן!

אָט גייט אַ בעטלער אין אַ צפתער געסל — ממש ווי אין מאָטעלע. ווייצמאַן באַפעלט דעם שאָפער געבן דעם יידן עפּעס אַ באַנקנאָטל. דער

שאַפער נעמט זיך צו דער קעשענע און ציט אַרויס אַ בילעט. „ניין, ניין, רופט זיך אָפּ וויצמאַן, איך וויל דו זאָלסט אים געבן פון די רויטינקע, פון די פעטינקע".

אין טבריה זיצט וויצמאַן אויפן באַלקאָן פון האָטעל און קוקט אויף דער פּרעכטיקער פּאַנאָראַמע. עס גייען פאַרביי צוויי שיינע פריילינס געקליידטע אין הויזן און קאָלירפולע סוועטערס, און נאָך זיי — צוויי גרויסע כלבים, וואָס וואַרפן אָן אַ שרעק.

— מיינסטו, אַז די פריילינס זענען טאַקע יידישע? זיי האָבן דאָך גאָר קיין מורא נישט פאַר די הויכע הינט.

— ווייסט איר דען נישט, הער פּרעזידענט, אַז די יידן האָבן זיך דאָ געענדערט?

— נאַרישקייטן — ענטפערט וויצמאַן — דאָס האָבן זיך, ווייזט אויס, די הינט געענדערט...

פאָרט וויצמאַן איבער די וועגן און ער איז באַרוישט פון אַזוי פיל שיינקייט.

— אָך ווי איך וואָלט וועלן, אַז אונדזערע פריינד זאָלן אַהער קומען און זען וואָס יידן האָבן דאָ אויפגעטאָן. מיר וועלן איינלאַדן טרומאַנען. מיר וועלן אים אויפנעמען מיט פּאַראַד און ליבשאַפט, ווי נאָר ער איז עס ווערט. און אויך טשערטשילן וועלן מיר איינלאַדן.

— אָבער, הער פּרעזידענט, טשערטשילן וואָלט שוין שווער געווען צו מאַכן אַזאַ רייזע.

— ווייס איך וואָס! טשערטשיל איז מיט דריי טעג יינגער פאַר מיר און שטאַרקער מיט יאָרן גאַנצע. און ווייסטו פאַר וואָס? ווייל איך האָב די גאַנצע יאָרן געטרונקען טיי, אין רוסלאַנד — מיט לימענע, אין ענגלאַנד — מיט מילך, און ביי אונדז אין לאַנד — מיט סאַכאַרין. טשערטשיל אָבער האָט ס'גאַנצע לעבן געטרונקען וויסקי...

דער אויטאָמאָביל גליטשט זיך איבער די שאָסייען. דוכט זיך, ווי וויצמאַן וואָלט געדרימלט. ערשט מיט אַ מאָל גיט ער זיך אַ כאַפּ אויף. ער זאָגט דעם סעקרעטאַר:

— דערמאַן מיך, אַז מירן דורכפאָרן ראשון לציון, אַריינצוגיין צו מאיראָוויטשן.

— דער פּרעזידענט מוז דאָך אוודאי וויסן, אַז מאיראָוויטש לעבט שוין נישט — באַמערקט דער סעקרעטאַר.

— אויב אַזוי וועלן מיר אָפּלייגן דעם וויזיט אויף אַ צווייטער געלעגנהייט.

די קראַנקן־שוועסטערס סודען זיך אין דער שטיל. זיי זענען זיכער, אַז דער קראַנקער שלאָפט, אַז ער וועט זיי נישט הערן.

ווייצמאַן ליגט מיט צוגעמאַכטע אויגן, ער אָטעמט טיף, די קראַנקן־שוועסטערס ווערן דרייסטער, און זייערע שטימען — פרייער.

— האָסטו געהערט ווי דער גייער עולה האָט זיך געקלאָגט אויף דער מדינה? מענטשן אַרום האָבן געהערט. ער האָט געשאָלטן מיט וויסטע קללות. עס איז אים מסתמא זייער שלעכט דאָ.

ווייצמאַן עפנט לאַנגזאַם די אויגן. עס באַמערקט זיך אַן אָנשטרענגונג אויף זיין פנים, ער וויל אויפהייבן דעם קאָפּ.

ער ברעכט אויס אין אַ רוגזה, גרויזאַמע ווערטער פאַלן פון זיין מויל, דער כעס באַגיסט זיין פנים מיט גרינקייט.

— עס געפעלט אים נישט די מדינה, דעם אויסוואורף? ער איז הונגעריק? זאָל ער פרעסן זיין צונג! זאָל קיינער נישט וואַגן פאַרשוועכן דעם כבוד פון דער מדינה. זי איז אַ גרויסע, אַ הייליקע זאַך,...

אַ שווערער הוסט רייסט איבער זיינע רייד, ער שטיקט זיך.

אַ פחד באַפאַלט די קראַנקן־שוועסטערס, זיין לויפן זוכן דעם דאָקטער. ווייצמאַן פיבערט.

...מייקל, דו הערסט מיך? איך זאָג דיר, אַז די מלחמה האַלט זיך ביים ענדיקן. וועסט בקרוב קומען אַהיים.

...כא, כא, כא, האַלט ביים ענדיקן זיך?

ווייצמאַן מאַכט אַ באַוועגונג מיט די הענט: ער וויל פאַרשטעלן די אויערן, נישט הערן מייקלס געלעכטער.

דער דאָקטער באַמיט זיך צו באַרויקן דעם קראַנקן. ער ווישט דעם שווייס פון ווייצמאַנס שטערן.

ער פיבערט ווידער:

...שמריהו, מנחם, מען מוז צעטיילן די קניות פון באַדן. עס קען ווערן צו שפּעט.

...באָפּי, טייערע באָפּי, לייען עפּעס פון דיין אָנקלס זכרונות... לייען... לייען...

דעם צווייטן דעצעמבער 1951 זענען די צייטונגען מודיע: דער פרעזידענט פון דער מדינה איז קראַנק, זיין האַרץ — אָפּגעשוואַכט.

מען ריכט אָפּ תפילות אין אַלע בתי־מדרשים. יידן בעטן פאַר ווייצ־

מאַנס געזונט. אַ סך פאַרזאַמלען זיך אויף אַ ספּעציעלער תּפילה אין שול ביים קבר פון דוד המלך אויפן הר־ציון.

אַ וואָך שפּעטער גיט צו וויסן דער ביולעטין: דאָס האַרץ ביים פּרעזי־דענט ווערט וואָס אַ מאָל שוואַכער, דער אַלגעמיינער מצב פון קראַנקן איז אַן ערנסטער.

אויף צו מאָרגנס ווערט ווייצמאַנען בעסער, זיין געדאַנק איז קלאָר. ער איז דאַנקבאַר דעם ד״ר יואל, וואָס איז אים אַזוי איבערגעגעבן:

— איך בין אַזוי גליקלעך, וואָס אַזעלכע טייערע מענטשן באַהאַנדלען מיך.

ווייצמאַן ווענדט זיך צו איינער פון די שוועסטער, וואָס באַדינט אים שוין זינט אַכט יאָר צייט:

— מלכהלע, מלכהלע, אַ דאַנק דיר. ביסט אַזאַ גוטינקע.

דעם עלפטן דעצעמבער איז ווייצמאַנען פיל בעסער. עס גלוסט זיך אים אַפילו עפּעס שרייבן.

ער בעט מען זאָל אַריינרופן מאיר וויסגאַלן.

אַ פּאָר מינוט שפּעטער זעט מען וויסגאַלן שפּרינגען איבער די טרעפּ, וואָס פירן צום פּרעזידענטס הויז. ער בלייבט שטיין ביי דער טיר פון קראַנקן. ער וואַרט ביז זיין האַרץ וועט זיך איינשטילן.

וויסגאַל נעמט אַרויף אַ שמייכל אויף זיין פּנים. ער קלאַפּט אָן אין דער טיר און גייט אַריין.

ווייצמאַן ווייזט אָן אויף אַ בענקל מיט זיין באַליבטן זשעסט — אַ האַלב צוגעמאַכטע פויסט און דער גראָבער פינגער אין אַן אָנגעשטעלטער ריכטונג.

וויסגאַל זעצט זיך אויפן ברעג פון שטול.

ווייצמאַן: איך האָב דיר עפּעס צו זאָגן. פאַרשטייסט דאָך, אַז ס׳וואַרט אויף מיר אַ לאַנגער וועג.

וויסגאַל: אָ, „משיח״, איך וועל נאָך זוכה זיין אויף אַ סך באַפעלן אייערע. איך וועל זיי אויספירן מיט פרייד, איך וועל...

ווייצמאַן: נו, נו, הער בעסער. איך וועל דיר עפּעס זאָגן אין שייכות מיט דעם אַלעמען. — ווייצמאַן גיט אַ פיר מיט דער האַנט אין דער פאָרעם פון אַ צירקל, און זיין בליק איז געווענדט צום פענצטער. עס דוכט זיך, ווי ער וואָלט וועלן אַרומנעמען מיט דער האַנט זיינער יעדן בוים און שטיין, יעדן מענטש. מיט אַ מינוט שפּעטער הייבט ער אָן:

„די יידן זענען אַ קליין פאָלק, אָבער אַ גרויס פאָלק. זיי זענען אַ מיאוס פאָלק, אָבער אויך אַ שיין פאָלק. זיי זענען אַ פאָלק, וואָס בויט און אַ פאָלק,

וואָס צעשטערט. זיי זענען אַ געניאַל פאָלק, און צו דער זעלבער צייט — אַ נאַריש פאָלק. מיט זייער עקשנותדיקייט קענען זיי דורכברעכן אַ וואַנט, אָבער דאָס לאָך אין וואַנט וועט זיי שטענדיק נאָכקוקן.

די, וואָס שטרעבן באַוווסטזיניק צו דערגרייכן דעם שפּיץ פון באַרג, וועלן בלייבן ווי צוגעשמידט צו זיין צופוסן. די, וואָס ווילן דערגרייכן וואָס נישט איז ספּעציעלס אין דער וויסנשאַפט, וועלן קיין מאָל גאָרנישט באַווייזן. נאָר די, וואָס האָרעווען פאַר דער וויסנשאַפט לשמה, וועלן דערגיין צום שפּיץ פון באַרג.

איר זענט געווען מיין טרייער פריינד זינט איך קען אייך. איך האָב אויך אַנדערע טריע פריינד, מער פריינד ווי איך פאַרדין. זאָגט זיי, למען השם, אַז זיי זאָלן נישט דערלאָזן חרוב מאַכן די זאַך, וואָס דורות האָבן געהאָרעוועט אויפצושטעלן. מיר יידן זענען מסוגל צו שאַפן זייער אַ שיינע זאַך, אַ זאַך, וואָס קען זיין אַ כבוד פאַר אונדז אַלעמען און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. אָבער מיר טאָרן נישט קאַליע מאַכן. מיר זענען אַן עמא פזיזא. און אַ מאָל מאַכן מיר קאַליע און צעשטערן אַן אויפטו, וואָס עס האָט געדויערט דורות אים אויפצובויען״.

דער דאָקטער עפנט די טיר, קוקט אַריין אין צימער. ווייסגאַל ווערט אומרויק, און וויצמאַן — ווידער מיט זיין כאַראַקטעריסטישן זשעסט:

— זיץ, זיץ.

דער דאָקטער איז אַריין.

ווייסגאַל שטייט אויף. ער דריקט לאַנג די אויסגעשטרעקטע האַנט פון פּרעזידענט.

— „טשיף״, איך וועל איבערגעבן אייערע רייד: איך וועל שרייבן, איך וועל...

ווייסגאַל פילט אַ קנויל אין זיין האַלדז. ער וויל אַרויסברענגען אַ שמייכל אויף זיין פּנים, זאָגן עפּעס פריילעכס, עס גיט זיך אים אָבער נישט איין.

ער גייט אַרויס הינטערווייליגע פון צימער, זיין פּנים איז געווענדט צום פּרעזידענט.

ווען ער איז אַרויס, לאָזט ווייסגאַל פריי זיינע טרערן, וואָס ער האָט קוים איינגעהאַלטן ביז אַהער.

ער גייט אַראָפּ פון די טרעפּ. מיט אַ מאָל ווערן אייליק זיינע טריט, ווי ער וואָלט תיכף געדאַרפט עפּעס אויספירן. פּלוצעם בלייבט ער שטיין, דרייט זיך אויס און וויל לויפן צוריק צו דער טיר אויבן.

— ווּ לויף איך? — פרעגט ער זיך. זיין בליק איז פּאַרוויינט. די טיר פינקלט און וויגט זיך, ווי אויף כוואַליעס.

בריוו און טעלעגראַמעס שטראָמען צום פּרעזידענטס הויז. יונג און אַלט ווינטשן ווייצמאַנען אַ רפואה שלימה.

עס קומט אַריין קול, פּאָרזיצער פון דער יוגנט־עליה. ער ברענגט אַ מתנה: אַ חנוכה־לאָמפּ, וואָס קינדער־יתומים האָבן אויסגעשניצט אין האָלץ פאַר זייער פּרעזידענט.

ווייצמאַן קוקט אויף די אַכט רערן. אים דוכט זיך, ווי פלאַמען וואָלטן פון זיי זיך געטראָגן.

ביים אייזערנעם טויער שטייען דריי תימנים, אַ דעלעגאַציע פון שיכון היובל ביי פתח־תקוה. זיי ווילן זען דעם נשיא. דער טויערמאַן טענהט מיט זיי איין: מען קען נישט זען דעם פּרעזידענט, ער איז קראַנק, דאָק־טוירים דערלויבן נישט.

די דריי יידן — שלום יפה, יעקב חסון און יצחק אליהו טרעטן נישט אָפּ.

— עפן דעם טויער — בעט זיך שלום יפה.

— מירן זאָגן אַ קאַפּיטל תהלים ביים בעט פון קראַנקן און מירן גיין אונדזער וועג — זאָגט יעקב חסון.

— פאַרשטייט, יידן, מען האָט מיך געוואָרנט, איך זאָל נישט עפענען דאָס טויער, — בעט זיך דער וועכטער ביי די דריי תימנים.

יצחק אליהו נעמט אַרויס אַ פאַרשריבענעם בויגן פּאַפּיר.

— גיב עס איבער דעם נשיא, זאָל ער דערלעבן לאַנגע יאָר. פאַרגעס נישט: פון דער תימנים־עדה וואָס אין שיכון היובל ביי פתח־תקוה.

די דריי יידן נעמען אַרום מיט זייערע דאַרע פינגער די אייזערנע שטאַנגען פון טויער און זיי שטייען און פליסטערן. זיי שטייען אַזוי — לאַנג, לאַנג.

דער פּרעזידענט קומט אַ ביסל צו זיך. עס ציען זיך לאַנגזאַם די חדשים פון יאָר 1952. ווייצמאַן אינטערעסירט זיך מיט דעם, וואָס עס קומט פאָר אין לאַנד און אויף דער וועלט. ער בעט, אַז מען זאָל אים פאָרלייענען צייטונגען, ביכער.

ער פֿאַרבערענגט אָפֿט ביים מחזור אָדער ביים תנ"ך. ער לייענט מער פֿון אויסנווייניק, ווי פֿון אינעווייניק, וואָרעם זיין ראיה דינט אים קוים.

עס איז פֿאַרנאַכט. אַ זאַנפֿטע שטילקייט שוועבט איבערן גאָרטן אַרום פּאַלאַץ. דער פּרעזידענט קוקט אַרויס פֿון אויבערשטן שטאָק. דריי שמאָלע, הויכע ציפּרעסן באַוועגן זיך שטיל און פֿרום.

— זעסט? — פֿרעגט דער פּרעזידענט זיין סעקרעטאַר — זיי זעען אויס, די ביימער, ווי ייִדן ביי שמונה־עשרה. סאַראַ שטילקייט... אָט דאָ, לעבן די ביימער, וואָלט איך וועלן רוען אויף אייביק.

דער סעקרעטאַר זוכט פֿריילעכע נייעס: ער דערציילט וועגן נייע קאָלאָניזאַציע־פּונקטן, וועגן טויזנטער נייע עולים.

די שטילקייט אַרום לאָזט ממש נישט רעדן.

דער סעקרעטאַר הייבט ווידער אָן:

— משה איז געגאַנגען אין מדבר פֿערציק יאָר, — איר פֿופֿציק; איר האָט אָבער זוכה געווען.

— ניין, ניין. משה איז געווען אַ סך גליקלעכער. עס איז עפּעס פֿריקרע ווען עס פֿאַרווירקלעכט זיך אַ מענטשנס טרוים ביי זיין לעבן און די כּוחות זענען שוין נישט מיט אים.

וויסגאַל האָלט פֿאַר אַ נייע רייזע. געווען איז עס דער פֿערצנטער סעפּטעמבער 1952.

פֿרעגט אים וויצמאַן:

— ווי לאַנג וועסטו נאָך אַרומשמייען איבער דער וועלט? איצט, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ פּאָסט, וועלן ייִדן אַליין אַריינשיקן זייערע טשעקן.

און דאָ ווערט וויצמאַן ערנסט:

— זאָג מיינע פֿריינד — און איך האָב, ברוך השם, אַ סך פֿריינד — אַז מיר האָבן אויפֿגעבויט אַ גרויסע זאַך, וואָס מיר טאָרן נישט חרוב מאַכן. מיר מוזן עס היטן ווי אַ צאַרטן בלומען־טאָפּ.

— איז וואָס, לויפֿסטו שוין טאַקע ווידער? פֿאָר און קום נישט צוריק מיט אַ ליידיק זעקל.

זיי האָבן זיך אַרומגענומען און צעקושט.

מער האָבן זיי זיך שוין קיין מאָל נישט געזען.

עס דערנענטערט זיך נאָוועמבער — ווייצמאַנס גורלדיקער חודש.

ד״ר יואל פּאָרעט זיך ביים קראַנקן פּרעזידענט. ווערא שטייט ביים בעט. דער דאָקטער ציטירט אַ פּסוק פון געטען, עפנט ווייצמאַן די אויגן און רופט זיך אָן: אַז מען ציטירט שוין געטען, זאָל עס זיין פּינקטלעך — און דאָ פליסטערט ווייצמאַן דעם לאַנגן זאַץ.

דאָנערשטיק, דעם זעקסטן נאָוועמבער, באַטראַכט פּראָפעסאָר זאָנדעק דעם קראַנקן.

— נאָך אַ מאָל דאָס זעלבע? — פרעגט ווייצמאַן — מיין טייערער, וועסט נישט קענען אויסמיידן אַ נאַטירלעכן פּראָצעס. פאַרשטיי, אַז ס׳וואַרט אויף מיר דער לאַנגער וועג.

שבת, דעם אַכטן, איז ווייצמאַן אין אַן אויפגעלייגטער שטימונג. ער שמועסט לאַנג מיט זיין שוואָגער בלומענפעלד, ער פרעגט אויפן רעזול־טאַט פון די אַמעריקאַנער וואַלן. ער רעדט מיט סימפּאַטיע וועגן אייזנ־האַוערן.

מיטאָג־צייט שטייגט ביי ווייצמאַנען די טעמפּעראַטור. ער זינקט איין אין אַ טיפן שלאָף.

ביסלעכווייז דערנענטערט זיך דער אָונט. דעם פּרעזידענטס אויגן האָבן זיך נישט געעפנט.

דער אָטעם ווערט לאַנגזאַם, שוואַך. דער דאָקטער גלייבט אָבער נישט, אַז די לאַגע איז האָפענונגסלאָז.

אַרום צוועלף ביי נאַכט גייען אַלע שלאָפן. אין אַ שכנותדיקן צימער שפּאַרט זיך צו דער דאָקטער. די קראַנקן־שוועסטערס שטייען אויף דער וואַך.

אַרום 1.30 באַקומט דער קראַנקער אַ האַרץ־אַטאַק בעתן שלאָף. דאָק־טער יואל און פּראָפעסאָר זאָנדעק גיבן דעם קראַנקן אַן איינשפּריצונג. עס ווערט אים אַ ביסל בעסער, אָבער 4.30 פאַרטאָג קומט דער צווייטער האַרץ־אַטאַק.

די דאָקטוירים באַפעלן צו רופן דער פרוי ווייצמאַן.

זי קומט אַריין. איינגעהאַלטענער ווייטיק ליגט אויסגעגאָסן אויף איר פּנים.

דער זייגער איז 5.50. ווייצמאַן הויכט אויס זיין לעצטן אָטעם.

דער הימל אין מזרח האָט אָנגעהויבן צו גרויען.

צווישן די איילבערט־ביימער, וואָס די מענטשן פון נהלל האָבן פאַר־פלאַנצט, איז אויסגעגראָבן געוואָרן דער קבר.

מען לאָזט אַראָפּ דעם אָרון, וואָס איז אונטן אָפן, לויטן ארץ־ישׂראלדיקן מנהג — דער קערפּער זאָל זיין באַהאָפּטן מיט דער הייליקער ערד, און עס הערט זיך אַ שטים:

...דער האַר פון רחמים זאָל אים שיצן אין זיינע פליגל און איינזאַמלען זיין נשמה אין צרור החיים, צוזאַמען מיט די מלכים פון בית־דוד און די נשׂיאים פון ישׂראל.

ביז־היינט דערשינענע ביכער אין פאַרלאַג „המנורה":

אַנאַ פראַנק — **טאָגבוך פון אַ מיידל.**

ש. פראַנק — **טאָגבוך פון לאָדזשער געטאָ.**

באָריס פּאַסטערנאַק — **דאָקטאָר זשיוואַגאָ, 2 בענד.**

מ. מאַן — **דאָס הויז צווישן דערנער** (18 ישראל־נאָוועלן)

ראָבערט סענט דזשאָן — **דוד בן־גוריון** (לעבנסגעשיכטע פון אַן אומגעוויינ־לעכן מענטש).

מיכאל ווייכערט — **זכרונות, 1־טע טייל.**

מיכאל ווייכערט — **וואַרשע, זכרונות 2־טע טייל.**

מיכאל ווייכערט — **יידישע אַליינהילף.**

אַנדרעי שוואַרץ־באַרט — **דער לעצטער פון די צדיקים.**

שלמה שנהוד — **מיט חלום איבער תהום**, לידער.

לענאַ קיכלער־זילבערמאַן — **מיינע הונדערט קינדער**, מיט אַ פאָרוואָרט פון רחל ינאית בן־צבי — ישראל־פּרעזידענטס פרוי.

אבא גאָרדין — **שלמה המלך**, היסטאָרישער ראָמאַן.

אבא גאָרדין — **משה**, זיין לעבן און לערע.

משה וויטיעס — **מסות על ספרות** (עסייען וועגן ליטעראַטור). — העברעיש.

יוסף פּאַפּיערניקאָוו — **פרי גני** (**פּירות פון מיין גאָרטן**), (לידער אין העברעיש).

ד"ר יעקב צינעמאַן — **עמיל זאָלאַ**, אַ לעבן פון אַ שרייבער און קעמפער, (פּרעמירט דורך אַדאָלף־ניומאַן פאָנד).

מ. צאַנין — **תל־עולם.** מסע על פני 100 קהילות נחרבות. (העברעיש).

אברהם קריב — **ליטא מכורתי — מיין היימלאַנד ליטע.** עברית־יידיש.

יחזקאל בראַנשטיין — **פון אייגן הויז.** עסייען און שרייבער, וואָס איך האָב געקענט.

מאיר זימל טקאַטש — **מיין האָב און גאָב.** געזאַמלטע פערזן. **2־טער באַנד.**

פּיאָטער ראַוויטש — **דם השמים.** פון פראַנצויזיש (העברעיש).

ד״ר ר. בן־שם — **אני והוא.** פסיכולוגיה פרוידיאנית (העברעיש).

רחל אוירבך — **מרד גיטו וארשה** (העברעיש).

דב שילאַנסקי — **מוזלמאַן** (ענגליש).

הרב אברהם העפטערמאַן — **אַזוי לעבן יידן.** רבנים, ראַבאַיס און סתם־יידן אין אַמעריקאַנער כתרילעווקע.

י. גאָלדקאָרן — **פון וועלט־קוואַל.** קליינע עסייען וועגן גרויסע מענטשן.

א. בוסתן — **חיים ווייצמאַן.** לעבן און ווערק.

יעקב זינגער — **דער יונגער דזשייקאָבס,** ראָמאַן.

י. גאָלדקאָרן — **לאָדזשער פּאָרטרעטן.** אומגעקומענע שרייבער.

ביכער אין דרוק:

ש. י. עגנון — **פון דאַנען און פון דאָרטן.** 7 סיפּורים און נאָך איינער.

ש. ראָזענבערג — **שבתי צבי.** היסטאָרישער ראָמאַן.

ד״ר ח. שאָשקעס — **מיט יידן אין ווייטע לענדער.**

ד״ר ח. שאָשקעס — **עולם ומלואו של ר׳ חיים שאָשקעס** (העברעיש).

א. בייזער — **פיר זענען זיי געווען.** ראָמאַן.

א. גאָפּלאַט — **געשטויגן און געפלויגן.** ישראל אויף פריילעך.

מ. ש. גשורי — **ירושלים עיר המוסיקה** (העברעיש).

ד״ר מ. ווייכערט — **מלחמה.** זכרונות, 3טער באַנד.

ש. אפשטיין — **בערבות הפּאמפּה** (העברעיש).

צענטראַלע פאַרשפּרייטונג פאַר דער גאַנצער וועלט פון:

מ. צאַנין — **פולער העברעיש־יידישער ווערטערבוך, 2 בענדער.**

מ. צאַנין — **שבתדיקע שמועסן.**

יצחק גרינבוים — **פון מיין דור.**

יהושע שלייען — **איינער האָט זיך געראַטעוועט.**

לעאָן יוריס — **עקזאָדוס, 3 בענד.**

יצחק פערלאָוו — **מיינע 7 גוטע יאָר.**

לאָרד ראַסעל — **די בייטש פון האַקנקרייץ.**

ז. שניאור — **די משומדסטע.**

ז. שניאור — **אַ טאָג עולם־הזה.**

אַלמאַנאַך פון די יידישע שרייבער אין ישראל, 1963.

ש. אַש — **דער נביא.**